STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00997

KOMISARN

Grigory Vinokur

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערשל ה. וויינרויך

סאָמיסאַרן

I

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

163

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער צום סוף פון בוך

הערשל ה. וויינרויך

קאמיסאַרן

ראָמאַן

בוך איינס

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס 1962 — ה׳תשכ״ג

ווען איך האָב געשריבן דעם ראָמאַן, האָב איך געפילט די וואַרעמע האַנט פון מיין ליבער פרוי.

טילי — מיין פרוי און חבר, אין מיינע פריידן ווי אין מיינע נויטן, זי האָט מיר געגעבן די מוט און די מעגלעכקייט צו שאַפן דעם ראָמאַן.

איר ווידמע איך דאָס ווערק.

הערשל ה. ווײַנרויך

אין דעם ראָמאַן — „קאָמיסאַרן“ — ווערט איבערגעגעבן דער גייסט פון די פאַקטן און פאַסירונגען פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט ביז דער היינט צו טאָגיקער אַטאָם־באָמבע־עפּאָכע.

די כאַראַקטערן און העלדן, וועלכע ווערן דאָ געשילדערט, זענען מענטשן פון נעכטן און היינט — „צדיקים“ און „רשעים“ — און זייערע האַנדלונגען זענען אַ חוץ אַ קליינער ליטעראַרישער „באַפּוצונג“ פּונקט אַזעלכע ווי אין דער ווירקלעכקייט האָט פּאַסירט. די נעמען פון די פּער־סאָנאַזשן אין דעם ראָמאַן זענען אויסגעטראַכטע, און נאָר אייניקע וואָס זענען שוין צווישן די לעבעדיקע נישטאָ, אָדער אַזעלכע וואָס זייערע נעמען זענען ביז גאָר וויכטיק פון היסטאָרישן אַספּעקט און היינט־צייטיק אַל־וועלטלעכן באַדייט, ווערן דאָ דערמאָנט ביי זייערע אמתע נעמען.

דער לעבנס־וועג פון דעם העלד אין דעם ראָמאַן ווי אויך די פאַר־פלאָנטערט־קאָמפּליצירטע פּאָליטישע סיטואַציע פירט צו דער אויפגעריי־סענער בריק, וואָס ליגט צווישן סאָוועטן־רוסלאַנד און דער פרייער וועלט.

.1

ברויט און לייז, — איז געווען דעם מענטשנס פּלאָג באַלד נאָך דעם ווי דער בירגער־קריג, צווישן די „ווייסע" און „רויטע", האָט זיך פאַרענדיקט. ברויט איז געוואָרן שווערער צו באַקומען. לייז האָט מען געהאַט איבערגענוג. די נייע רעגירונג האָט זיך געשטיקט מיט דער געשאַפענער לאַגע. יעדער איינצלנער מענטש, אויב ער האָט געוואָלט בלייבן לעבן, האָט אויף זיין אייגענעם אופן זיך געמוזט אַרויסהעלפן.

מיכל קרוגערס פאָטער איז געשטאָרבן פון הונגער און שמוץ. מיכל איז צו זיבעצן יאָר געוואָרן דער פּרנסה־געבער. אין שטוב זענען געווען פיר מיילער, וועלכע האָבן געגאַרט נאָך אַ שטיקל ברויט, — די מאַמע, צוויי קלענערע ברידערלעך און אַ קליין שוועסטערל.

עס איז געווען אַ זומער פאַרטאָג.

אויף דער גאַס, לעבן אַ גרינעם טויער פון אַ גרויסן אָרעמען הויף, איז מיכל געשטאַנען איינער אַליין. ער האָט באַטראַכט דעם שיינעם גינגאָלדענעם פרימאָרגן מיט עפּעס אַ מין ביטול פון אַ קינד, וואָס איז פריציטיק אַלט געוואָרן. זיינע העל־ברוינע אויגן האָבן געשטראַלט מיט אַ טרוימלעכער וואַרעמקייט. זיין ליכטיק און צאַרט פּנים מיט די חן־גריבעלעך אין די באַקן, האָט אויף זיך געטראָגן די ערשטע שפּראָצן פון אַ בלאָנדלעכן מאָך — אַן אָנזאָג פאַר אַ בחור, אַז ער מעג זיך שוין אָנהייבן ראַזירן. זיין קאָפּ איז געווען באַקרוינט מיט ברוינלעך־בלאָנדע האָר, וועלכע האָבן מיט אַ זיידענער ווייכקייט געשיינט. ער איז געווען מיטלוווקסיק, אויסגעדאַרט אָבער קרעפטיק. די פרימאָרגנדיקע זון אין דעם בלוי־ווייסן הימל האָט גאָלדיק צו דער גאַס אַראָפּגעשמייכלט. די זון האָט קיין הונגער נישט געליטן און קיין שמוץ אויף זיך נישט געהאַט. זי האָט פריילעך געלויכטן און באַשיינט די גרינעביימער, וואָס האָבן פון זיך אַזאַ זיסן און דופטיקן אַראָמאַט איבער דער פּוסטער גאַס צעשפּרייט. דאָס האָט נאָך מער צערייצט מיכלס אַפּעטיט.

פון הויף איז אַרויסגעקומען באָריס גאַרבער, אַ יונג פון אַ יאָר אַכצן,

אַ ברייט־פּלייציקער און אַ גרויס־קאָפּיקער, מיט אַ פּאָר לאַנגע און גרויסע הענט, און מיט אַ מילדן, שיינעם, גוט־שמייכלדיקן פּנים. די ייִנגלעך פון דער גאַס האָבן אים גערופן: באָריס דער שטאַרקער. ער האָט זיך געחברט מיט שוואַכערע פון זיך, זיי גערן פאַרטיידיקט און זיי געהאָלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט. אַלע ייִנגלעך פון דער גאַס האָבן זיך אַרום אים גע־קלעפּט, געזוכט זיין פריינדשאַפט און זיך געגרויסט מיט דעם וואָס זיי באַלאַנגען צו אַ „קאָמפּאַניע" מיט וועלכער ער פירט אָן. דער איינציקער אויסנאַם איז געווען מיכל. ער מיט זיינע שטילע, באַלעבאַטישע זיטן האָט זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין אַזאַ קרייז, כאָטש צווישן אים און באָ־ריסן האָט זיך אַנטוויקלט אַ וואַרעמע נאָענטקייט, וועלכע האָט זיך ביסלעכ־ווייז פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער פריינדשאַפט.

מיכל האָט זיך געהאָט דערצויגן ביי אָרעמע באַלעבאַטישע און פרומע טאַטע־מאַמע. ער איז געווען אַנדערש...

כמעט אַלע ייִנגלעך און מיידלעך פון זיין עלטער, אין דער שטאָט אָדעס, האָבן זיך איינגעשריבן אין דעם „קאָמוניסטישן יוגנט פאַרבאַנד", דעם „קאָמסאָמאָל", און נאָר ער איז געבליבן איינער אַליין אַן אָפּגעשטאָ־סענער, אַ דערשלאָגענער און אַ פאַרשטויסענער. באָריס איז געווען דער איינציקער פריינד זיינער, וואָס האָט אים נישט געלאָזט פאַלן. ער האָט אים צוגערעדט מיטצוגיין מיט אים אין דעם קלוב פון די יונגע קאָמוניסטן, ווּ מען האָט געהאַלטן פייערדיקע רעדעס, אין וועלכע מען האָט געטאַדלט, געפלוכט און געשאָלטן די וועלט־בורזשואַזיע, די קאַפּיטאַליסטישע אַמע־ריקע, וועלכע מען דאַרף „דעריאָגן און אַריבעריאָגן" און אויך גאָט, מיט אַלע גלחים, רבנים און רעליגיעס. נאָך די רעדעס זענען פאַרגעקומען פריי־לעכע טענץ מיט הילכיקע געזאַנגען, דערביי האָט מען אויך געקענט אַריינ־כאַפּן אומזיסט אַ טעפּעלע מוטנע טיי פאַרזיסט מיט אַ ביטערער סאַכאַ־רינקע און אַ רייפעלע ברויט, וואָס איז געווען שוואַרץ ווי די ערד און קלעפּיק ווי ליים...

ווען באָריס איז פון הויף אַרויסגעקומען האָט ער לעבן דעם גרינעם טויער מיכלען באַמערקט. ער האָט דערזען זיין פאַרשמאַכטן און טרויע־ריקן צושטאַנד. ער איז צו אים צוגעגאַנגען און שטיל געפרעגט:

— ביסט הונגעריק?...

מיכל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אויגן פולע מיט האָפענונג אויף עפּעס אַ נס.

— און דו ביסט דען זאַט?

— מען קען זיין זאַט, אַז מען ווילן... — האָט באַריס סודותדיק געזאָגט.

די נייגעריקייט האָט זיך אין מיכלען צעשפּילט. עס האָט אַ פאַנטאַס־טישער בליץ געטאָן פאַר זיינע אויגן. ער האָט דערזען אַלע פאַרכישופטע קאַלירן פון אַ רעגנבויגן. און באַלד האָבן פון דעם רעגנבויגן אָנגעהויבן פליען לעבלעך מיט ברויט, ווייס ברויט, קאָרן ברויט, חלה ברויט, לאַנגע און קיילעכדיקע, גלאַטע און געפלאָכטענע, הייסע ברויטן, פּיל־פּיל ברויטן...

עס האָבן זיך דערהערט טריט. די האַלוצינאַציע איז פאַרשוואונדן געוואָרן. פון הויף זענען אַרויסגעקומען נאָך צוויי יינגלעך. איינער פון זיי, עזרא, אַ זשוואַוועס בחורל פון אַ יאָר זעכצן האָט געהאַלטן אַ זאַק אין דער האַנט. דער צווייטער, וואָלאָדיאַ, אַ צעכראַסטעט־געזונטער יונג, האָט געהאַלטן אַ שווערן און גרויסן סוקעוואַטן שטעקן. ביידע האָבן צו באַריסן געקוקט. ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער זעט זיי גאָר נישט. ער האָט געקוקט אויף מיכלען און אומדערוואַרט אַ זאָג געטאָן:

— קום, אויב דו ווילסט!

און נישט וואַרטנדיק אויף מיכלס ענטפער האָט ער זיך געלאָזט גיין. עזרא און וואָלאָדיאַ זענען אים נאָכגעגאַנגען. מיכל האָט זיי נאָכגעקוקט פאַרשטומט און דערשטוינט. פלוצלינג האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און האָט זיי נאָכגעיאָגט. מען האָט פאַרקערעוועט אין אַ קליין געסל... מיכל איז מיטגעגאַנגען.

מען איז צוגעקומען צו אַ קעלער. די טיר און פענצטער זענען געווען פאַרהאַקט מיט ברעטער און אַ מעליקער שטויב מיט אַן עלעקטרישער שיין האָט זיך צווישן די ברעטער־שפּאַלטן געטראָגן. עס האָט אַ זעץ־געטאָן מיט אַ מחיהדיקן ריח פון פריש־געבאַקן ברויט. מען איז אַוועק פון דעם קעלער און מען איז אַריין אין הויף צו דער הינטער־טיר פון דער בעקעריי. מען האָט אָנגעקלאַפּט. עס האָט זיך דערהערט אַ פאַרציטערט קול:

— ווער איז דאָרט?

— אייגענע, לאָז אַריין! — האָט באַריס באַפוילן.

עס האָט זיך דערהערט אַ טומל פון יענער זייט טיר. דערנאָך האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייט קול, אַ מער זיכערער קול:

— וואָס פאַר אַן אייגענע? גייט אַוועק!

און ווידער דאָס ערשטע, דאָס פאַרציטערטע קול:

— מיר באַקן נישט קיין ברויט. נישטאָ קיין מעל. שוין דער דריטער מאָנאַט, אַז מען טיילט נישט אויס קיין מעל פאַר פּריוואַטע בעקערייען!

באַריס האָט אַ וווּנק־געטאָן צום צעכראַסטעט־געזונטן יונג:

— וואָלאָדיאַ, ברעך אויף די טיר!...

דער יונג האָט זיך מיט זיין גאַנצן צעוואַקסענעם גוף אָנגעלייגט אויף דער טיר, דערנאָך פון איר אָוועק און מיט אַ שפּרונג זיך אויף איר אַ וואָרף־געטאָן. די טיר האָט זיך צעפּראַלט. אינעווייניק, אין דעם קעלער פון דער בעקעריי, זענען אָנגעלייגט געווען צענדליקער זעק מיט מעל און אויף די הילצערנע שטעלן האָבן זיך געקילט פריש־געבאַקענע, נאָך גאָר הייסע, ערשט פון דעם אויוון־אַרויסגענומענע ווייסע, זוניקע ברויטן.

די באַלעבאַטים פון דער בעקעריי, — אַן עלטערער מענטש מיט אַ גרוי־שפּיציק בערדל, זיין ווייב, אַ פּעטע און אַן אויסגעקיילעכדיקטע, זייער זון, אַ יונגערמאַן, אויסגעפּוצט אין שוואַרץ־גלאַנציקע, הויכע שטיוול, — זענען געשטאַנען צעשראָקענע און אונטערטעניק אַקעגן די פיר יינגלעך.

— גיט אונדז פיר ברויטן, פאַר יעדן איינעם אַ ברויט! — האָט באַריס אויף די באַלעבאַטים אַ געשריי־געטאָן.

די אייגנטימער זענען געקומען צו זיך. זיי האָבן זיך געפּרוּווט קעגנשטעלן. איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעשריגן. מען האָט אַפילו מיט די פּויסטן געדראָט.

— וואָס הייסט: אייך געבן ברויט?...

— פיר ברויטן?...

— אומזיסט, אָן געלט?...

די יינגלעך האָבן זיך פאַר די געשרייען נישט איבערגעשראָקן. זיי האָבן צוריק געשריגן.

— שווייגט, בורזשויעס! — האָט באַריס אַ קריץ־געטאָן מיט די ציין.

— גייט רופט אַ פּאָליציאַנט, אַ מיליציאָנער, אַ נו, פּרוּבירט! — האָט וואָלאָדיאַ געשריגן, און דערביי אַ הייב־געטאָן זיין סוקעוואַטן שטעקן איבער די באַלעבאַטימס קעפּ.

— ספּעקולאַנטן, שוואַרץ־מאַרקניקעס, איר באַקט אומלעגאַל ברויט, געהרגעט זאָלט איר ווערן! — האָט עזרא געוואַלדעוועט.

— איר צאַפּט דאָס בלוט פון די אָרעמע. איבער אייך הונגערן מיר!

— האָט אויך מיכל זיך אַריינגעמישט און דערביי זיך געווישט די טרערן, וואָס זענען אים איבערן געזיכט געפלאָסן.

די באַלעבאָסטע האָט אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען און סאָפּען. זי האָט זיך געבעטן ביים מאַן און זון:

— זאָלן די יינגלעך זיך נעמען צו ברויט און אַוועקגיין פון דאַנען. מענטשן פון גאַס קענען זיך נאָך אָנלויפן!...

דער מאַן האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט זיך צעליאַרעמט:

— וואָס, פאַר אַט־די־אָ יינגלעך, פאַר אַזוינע שנעקעס וועל איך מורא האָבן?!...

און דער זון, מיט די שוואַרץ־גלאַנציקע הויכע שטיוול, האָט אויפגעהויבן זיינע פעט־פליישיקע הענט און זיך אַ לאָז־געטאָן צו די יינגלעך.

— אַרויס פון דאַנען!...

וואָלאָדיאַ האָט אים אַ זעץ־געטאָן מיטן סוקעוואַטן שטעקן איבער די הענט. דאָס אויסגעפּוצטע זינדל האָט זיינע הענט אַ כאַפּ־געטאָן צום מויל און וויטיקלעך זיך צעשריגן:

— געוואַלד, גזלנים, רויבער!...

אין דער צייט איז באָריס צוגעאַנגען צו אַ זאַק מיט מעל. ער האָט אַרויסגענומען אַ מעסערל פון זיין הויזן־קעשענע און מיט דעם אַ שטאָך געטאָן אין זאַק. דערנאָך האָט ער אַ דריי געטאָן דאָס מעסערל און אַ שנייד געטאָן דעם זאַק אויף לינקס און אויף רעכטס. מיט אַ קלאַפּ און קרעכץ האָט זיך פון דעם זאַק אַ שאָט־געטאָן דאָס מעל אויפן פּאָל. דער גאַנצער קעלער איז געוואָרן מעליק־ווייס.

איצט זענען שוין די באַלעבאַטים געווען איבערגעשראָקן אויף טויט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז גלייכער מיט די יינגלעך זיך נישט צו קריגן, ווייל דאָס זענען כוליגאַנעס, וואָס ביי זיי הרגענען אַ מענטשן שפּילט נישט קיין ראָלע. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן בעטן:

— קינדער, נעמט אייך צו ברויט און גייט אייך געזונטערהייט!...

— אָט דאָס זענען קלוגע ווערטער! — האָט באָריס אַ צופרידענער אָפּגעענטפערט, — אָבער מיר אַליין וועלן נישט נעמען. העי, דו! — האָט ער זיך געווענדעט צום יונגן באַלעבאָס, — דו, מיט די גלאַנציקע שטיוועלעך, דערלאַנג אַהער פיר ברויט! — דערנאָך האָט ער צו עזראַן פריילעך אַ ווונק געטאָן, — שטעל אונטער דעם זאַק און נעם צו דאָס ברויט פון דעם יונגן באַלעבאָס!

אָבער באָריס האָט זיך שוין איצט נישט באַנוגנט מיט די פיר ברויט

וועלכע זענען געלעגן אין עזראס זאַק. ער איז אַליין צוגעגאַנגען צו אַ שטעל און פון דאָרט אַ כאַפּ־געטאָן אַ ווייס־געפּלאָכטן ברויט און עס צעריסן אויף פיר טיילן.

— עסט, יאָטן!

יעדעס יינגל האָט געהאַלטן אַ שטיק ברויט אין דער האַנט, עס באַקוקט און מיט אַ מאָל זיך איינגעביסן אין דעם מיט די ציין, און געקייעט, געקייעט, געשלונגען און געקנאַקט מיט די ציין און מיט דער צונג, און זיך אַזש פאַרכלינעט פון פאַרגעניגן וואָס דער וואַרעמער זאַפט פון דעם פרישן ברויט האָט אין זייערע מײַלער געשאַפן.

דערנאָך האָט באָריס אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו מיכלען, אַז ער זאָל איבערנעמען פון עזראן דעם זאַק מיט די פיר לעבלעך ברויט. מיכל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם זאַק אויף זיינע פּלייצעס און זיך געלאָזט אַרויסגיין פון דער בעקעריי. נאָך אים זענען באַלד די איבעריקע דריי יינגלעך צו דער גאַס אַרויסגעקומען.

עס איז נאָך געווען פרי ווען מיכל איז אַהיימגעקומען און האָט אַוועקגעלייגט אַ גאַנצן לעבל ווייס ברויט אויפן טיש. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל פאַר אַ לענגערער צייט, וואָס מיכלס מוטער, זיינע צוויי קלענערע ברידערלעך און זיין קליין שוועסטערל האָבן אַ ברויט פאַר זייערע אויגן דערזען.

2.

זינט מיכל האָט, יעדן אינדערפרי, אָנגעהויבן אַריינצוברענגען אַ גאַנצן לעבל ברויט, האָט זיך שוין אין שטוב אויך באַוויזן אַ געקאָכטע קאַרטאָפל, אַ ביסל גרויפּן פאַר אַ זופּ, און פון צייט צו צייט אויך אַ ביסל נאַפט, כדי מען זאָל אַמאָל אין אַן אָוונט קענען אָנצינדן דעם לאָמפּ.

מען האָט באַדאַרפט אָפּשטיין גאַנצע נעכט אין אַ ריי, ביי אַ נייער רעגירונגס־קראָם, כדי די זאַכן צו באַקומען. זייער אָפט איז מען אָפּגעשטאַנען טעג און נעכט אין די לאַנגע רייען און מען איז אַוועק מיט גאָרנישט, ווייל די קראָמען זענען געווען ליידיקע. אָבער מיכל האָט זיך שוין מער אויף די רעגירונגס־קראָמען נישט פאַרלאָזט... זינט ער איז צו באָריסן מיט זיין „קאָמפּאַניע" צוגעשטאַנען, איז דער הונגער אין שטוב פאַרשווונדן און עס איז געוואָרן אַ ביסל לייכטער און פריילעכער צו לעבן.

איצט, ווען דער טרויער אין שטוב האָט זיך צוביסלעך דערווייטערט און די פּיין און זאָרג האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן, איז געוואָרן מעגלעך פאַר אַ ניכטערער באַטראַכטונג פון דער ווייטערדיקער עקסיסטענץ. שרה, מיכלס מוטער האָט באַשטימט זיך ווענדן צו איר ברודער אין אַמעריקע נאָך הילף. זי וועט אים אויך בעטן, אויב עס איז נאָר מעגלעך אין אַזאַ־אַ עולם־התוהו צייט, אַז ער זאָל זי מיט די קינדער צו זיך קיין אַמעריקע אַריבערנעמען.

די פאַרעלטערטע שרה, וועלכע איז נאָך קיין גאַנצע פערציק יאָר נישט אַלט געווען, האָט אָנגעוווירן יעדן סימן פון איר אַמאָליקער גלאַרער פּראַכט און שיינקייט. צעקנייטשט און אויסגעדאַרט זענען אירע שלאַנקע גלידער געוואָרן. אירע העל־ברוינע, שיינע אויגן זענען פאַרטונקלט געוואָרן און אַ נעפּל האָט זיך אַרום זיי געטראָגן. זי האָט זיך פאַרטראַכט אויף איר שיקזאַל. זי האָט אָנגענומען דאָס לעבן אַזוי ווי עס שטייט און גייט... זי האָט גוט געוווּסט, דורך וועלכע אומוועגן עס האָט זיך לעצטנס אין איר שטוב באַוויזן אַ לעבל ברויט, אַביסל נאַפט און אַ שטיקל זייף. זי האָט אָבער מיט מיכלען קיין איין וואָרט נישט אָנגעדייט וועגן דעם... אָבער אויך אויף ווייטער זיך אויף מיכלען פאַרלאָזן וויל זי נישט. דערפאַר טאַקע קען זי קומען נאָר צו איין אויספיר פון אַלע אירע באַטראַכטונגען: איר ברודער אין אַמעריקע מוז איר העלפן. צו אים מוז מען זיך ווענדן!...

זי האָט זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו, אָבער אירע אויגן האָבן איר נישט געדינט און זי האָט געמוזט אָנקומען צו מיכלען. זי האָט זיך באַמיט אים איינצורעדן:

— קינד מיינס, שרייב פאַר מיר דעם בריוו, טו מיר די טובה, מיכל!

ער האָט נישט געוואָלט שרייבן דעם בריוו. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט:

— צו די אַמעריקאַנער בורזשויעס טאָר מען זיך נישט ווענדן נאָך הילף. דער פעטער סאָלאָמאָן איז אַ בורזשוי און איך וועל צו אים נישט שרייבן!

שרה האָט זיך געערגערט. איר האָט וויי געטאָן צו זען ווי איר איידעלער זון מיט די שיינע זיטן ווערט ביסלעכווייז פאַרגרעבט און ער רעדט נאָך די רייד פון דער גאַס. זי האָט אויסגעשריגן:

— רעד נישט אַזוי, מיכל, מיין ברודער איז נישט קיין בורזשוי, ער איז אַ רבי!...

מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער און זיך געוווּנדערט, פאַר־

וואָס זי איז אַזוי אָפּגעשטאַנען פון דעם נײַעם לעבן און זי פאַרשטייט גאָר נישט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. ער האָט זיך נאָך מער צעהיצט.

— און דו מײנסט, אַז עס איז אַזוי גוט צו האָבן אַ ברודער אַ רב און נאָך אין אַמעריקע? אַ רב איז אַ קלעריקאַל! ער סמט אָפּ דעם מענטשנס נשמה. ער איז אַ פײַנד פון דער רעוואָלוציע!

— ווי איז מיר! — האָט שרה זיך צעוויינט און זיך די הענט געבראָכן,

— פון וואַנען קומען צו דיר אַזעלכע ווערטער? ווער פאַרדרייט דיר דאָס אַזוי דעם קאָפּ? אָבער הער זיך צו, מײַן קינד, — האָט זי אַביסל רויִקער זיך אָנגעהויבן בײַ אים בעטן, — איך שטער דיר נישט צו טראַכטן אַזוי ווי דו ווילסט און צו טאָן וואָס דו ווילסט. אַ מאַמע וואָס קען איר קינד גאָרנישט געבן האָט קיין רעכט נישט צו זאָגן אים מוסר...

אירע רייד האָבן אויף מיכלען געווירקט. ער איז נעענטער צוגעקומען צו דער מוטער און זי אַרומגענומען. ער האָט זי געפּרוּווט טרייסטן:

— ווּעסט זען, מאַמע, עס וועט ווערן בעסער! אוי, מאַמע, ווען דו ווייסט וואָס עס קומט איצט פאַר... מען הייבט שוין אָן צו עפענען גרויסע פאַבריקן. טויזנטער מענטשן וועלן באַקומען אַרבעט. די אָרעמע־לײַט וועט מען פון די נאַסע דירות און פון די קעלער־שטובן אַרויסנעמען און זיי באַזעצן אין די הײַזער פון די רײַכע. און הער, מאַמע, באָריס האָט דאָך שוין באַקומען אַרבעט אין דער נײַ־געעפנטער שוך־פאַבריק. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך אַרויפאַרבעטן אַזוי וועט ער זען, אַז איך זאָל אויך אַ שטעלע אין דער פאַבריק באַקומען. און דו ווייסט דאָך, מאַמע, אַז בײַ באָ־ריסן איז אַ וואָרט אַ וואָרט!...

שרה האָט אים צוגעדריקט צו איר אויסגעדאַרטן גוף און מיט קיין וואָרט אויף זײַנע באַגײַסטערטע אילוזיעס נישט געענטפערט. אַן אומקלאָ־רער געפיל, אַז זי זעט אים איצט דאָס לעצטע מאָל האָט איר באַהערשט. זי האָט אַ שרעקלעכן ציטער געטאָן.

— וואָס איז, מאַמע? — האָט מיכל אַ דערשראָקענער אויסגעשריגן.

— גאָרנישט, גאָרנישט!... — און נאָך אַ ווײַלע שווײַגן האָט זי גע־זאָגט, — אָבער אַזאַ קליינינקייט ווי אָנשרײַבן פאַר מיר אַ בריוו האָט זיך די מאַמע בײַ דיר נאָך פאַרדינט. וואָלטן מיר מײַנע אויגן נישט ווי געטאָן, וואָלט איך צו דיר נישט אָנגעקומען.

מער זיך קעגנשטעלן דער מוטערס פאַרלאַנג האָט מיכל נישט גע־קענט. ער האָט אײַנגעשטימט צו שרײַבן דעם בריוו. ער האָט דער מוטערס

געדאַנקען אין אייגענע ווערטער באַקליידט. ער האָט באַשריבן ווי אַזוי מענטשן האָבן געליטן אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג און ווי אַזוי זיי ליידן נאָך אויך איצט, כאָטש דער בירגער־קריג איז שוין פאַרענדיקט. מען שטייט גאַנצע נעכט אין די רייען פון די כמעט ליידיקע רעגירונגס־קראָמען כדי צו קריגן אַביסל שפּייז, אַז מען זאָל קענען דערהאַלטן די נשמה און אינגאַנצן נישט פאַלן פון די פיס. און אַז מען באַקומט שוין אַמאָל דאָס שטיקל ברויט, דאָס ביסל גרויפּן, די פּאָר קאַרטאָפל און די זשמעניע טשיטשיוויצע בעבלעך, איז דאָס ברויט נאַס און קלעפּיק, די גרויפּן זענען ווערעמדיק, די קאַרטאָפל פאַרפוילט און די טשיטשיוויצע בעבלעך זענען ביטער און זאַמדיק. מען באַקומט פון דעם בויך־קרעמפן און אַנדערע חו־לאתן. צו דערצו זיצט מען נאָך אין דער פינצטער, ווייל עס פעלט אויס נאַפט און קעראָסין פאַר דעם לאָמפּ, און מען איז שמוציק און פאַרלייזיקט, ווייל אַ שטיקל זייף איז טייערער פון גאָלד און מען קען דאָס גאָר נישט באַקומען. דער הונגער און דער שמוץ איז אַזוי גרויס, אַז מענטשן וואַלגערן זיך אין די גאַסן פאַרחלשטע און אָפט מאָל אויך טויטע. אין דער זעלבער צייט איז אָבער דאָ אַ שוואַרצער מאַרק, אַזאַ געהיימער האַנדל וווּ מען קען קויפן אַלץ וואָס אַ מענטש דאַרף... אָבער די פּרייזן, אויף דעם שוואַרצן מאַרק, זענען אַזעלכע הויכע און פאַנטאַסטישע, אַז נאָר די בורזשויעס, וועלכע מען האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרניכטן, און אויך די נייע שטאָט־באַלעבאַטים, די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן, די קאָמיסאַרן און די מיליטער־לייט, קענען זיך פאַרגינען צו קויפן וואָס זיי ווילן און צו לעבן אַ גוטן טאָג...

און באַשרייבנדיק די טראַגעדיע פון דעם פּאָטערס טויט און די אויס־זיכטלאָזיקייט פון דער לאַגע אין וועלכער די מאַמע מיט די קינדער געפי־נען זיך איצט, איז ער אַזוי מיטגעריסן געוואָרן מיט דער ווירקלעכקייט, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך געהאַט איינגעשריבן אין דעם „קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד" און אין זיין טאַש געפינט זיך איצט אַ רויט ביכעלע, וואָס שטעלט פעסט, אַז ער איז שוין איצט אַ פּאַרטיי־מענטש, אַ יונגער קאָמוניסט... ער איז אין דעם מאָמענט אַזוי דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דער נויט און פּיין און מיט דעם ווילקיר וואָס הערשט אין לאַנד, אַז ער האָט צום סוף פון דעם בריוו זיך געבעטן: „פעטער, נעם מיך אויך אַרויס צו זיך אין דיין גליקלעכער אַמעריקע און ראַטעווע מיך פון אונטערגאַנג!"

צומאָרגנס איז מיכל אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, באַלד ווי די ערשטע

זון־שטראַלן האָבן אַ שײַן געטאָן. די מוטער מיט די קינדער זענען נאָך געשלאָפן. ער האָט געכאַפּט דעם בריוו, וועלכער איז געלעגן אויפן טיש אין אַ פֿאַרמאַכטן און אַדרעסירטן קאָנווערט און אים אַרײַנגעלייגט צו זיך אין קעשענע פֿון רעקל, און איז אַרויס פֿון שטוב.

זינט באָריס האָט פֿון דעם „קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד" געהאַט די שטיצע צו זײַן פֿון די ערשטע געשיקט צו ווערן אויף אַרבעט אין דער ביי־געעפֿנטער שוך־פֿאַבריק, האָט מיכל איבערגענומען די פֿירערשאַפֿט פֿון דער „קאָמפּאַניע", וועלכע האָט שוין איצט געהאַט אַ „צושטימונג" פֿון די באַ־לעבאַטים פֿון עטלעכע בעקערייען אויף עטלעכע גאַסן צו באַקומען יעדן פֿרימאָרגן פֿיר ברויטן. דער „אָפּמאַך" איז געווען, אַז יעדן פֿרימאָרגן דאַרף אַן אַנדער בעקעריי צושטעלן פֿאַר דער קאָמפּאַניע אומזיסט, אָן געצאָלט, פֿיר לעבלעך ברויט. די „אַרבעט" איז איצט צוגעגאַנגען גלאַט... די באַלע־באַטים האָבן שוין גוט געקענט די יִינגלעך און מען האָט זיך שוין מער נישט געקריגט, נישט געאַמפּערט און נישט געדראָעט. שטיל, אָן איבעריקע רייד איז דער־אַ „רויב" אַנגעגאַנגען פֿאַר פֿיל וואָכן...

ווען מיכל איז דאָס מאָל, אַזוי ווי יעדן פֿרימאָרגן, אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים גרינעם טויער פֿון הויף, אונטער־וואַרטן ביז עזרא און וואָלאָדיאַ וועלן אַרויסקומען און מען וועט צוזאַמען זיך לאָזן צו אַ באַשטימטער קראָם אָדער בעקעריי און אָפּנעמען דאָס וואָס זיי קומט... עס איז נאָך געווען צו פֿרי, און ווי אַלע מאָל אין דער צייט איז די גאַס געווען פּוסט און שטיל. מיכל האָט אין זין געהאַט, אַז ווי נאָר ער וועט זיך באַפֿרייען פֿון דער „אַרבעט" און ער וועט אָפּברענגען דאָס לעבל ברויט אַהיים, אַזוי וועט ער אַוועק צו דער פּאָסט און אָפּשיקן דער מאַמעס בריוו. פּלוצים האָט זיך אין דער פֿרימאָרגנדיקער זויבערער לופֿט דורכגע־שניטן אַ סווישטשעריי, וועלכע האָט אויפֿגערודערט די שטילקייט פֿון דער גאַס.

עס האָט זיך באַוויזן אַ הויך־וווּקסיקער יונג פֿון אַ יאָר צוואַנציק. זײַן פּנים איז געווען שוואַרץ און פֿאַרהאַרטעוועט, גלייך ווי עס וואָלט געווען פֿון אַ שטיק גראָבן לעדער אויסגעהאַמערט. די קינבאַקן פֿון זײַן פּנים האָבן זיך שפּיציק אַרויסגערוקט. ער האָט געהאַט אַ מויל מיט ווייסע ציין, וועלכע זענען געווען ענלעך צו געשליפֿענע שטיקער מאַרמאָר. זײַנע שוואַרצע אויגן זענען געווען קאַלטע און אומהיימלעכע. זײַנע האָר זענען געווען גלאַטע און גלאַנציקע. עס איז קענטלעך געווען, אַז ער האָט זיי אָקאָרשט אָנגע־

ביימלט. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַן אוניפאָרם, וואָס די קאָזאַקן, פון די קאַוואַלעריע־דיוויזיעס אין דער רויטער אַרמיי האָבן געטראָגן. ער האָט אַביסל אונטערגעהונקען אויף אַ פוס און דערפאַר געגאַנגען אָנגעשפאַרט אויף אַ גראָבן שוואַרצן שטעקן, וועלכער איז געווען פול מיט זילבערנע מאָנאָגראַמען און מיט אַ זילבערנעם הענטל באַצירט. ער האָט דערזען מיכ־לען און ער האָט וווּליונגעריש, אויף אַ מיליטערישן שטייגער, צוגעטראָגן זיין רעכטע האַנט צום קיילעכיקן קאָזאַקישן היטל, פון שוואַרץ־גלאַנציקן קאַראַקול, פון וועלכן עס האָט אַ רויטער פינף־עקיקער שטערן אַרויסגע־שיינט.

— גוט מאָרגן, טאָוואַרישטש מיכאַיל קרוגער! — האָט ער אָפיציעל און פייערלעך אויסגעשריגן.

— גוט מאָרגן, גוט מאָרגן יונה!...

דער יונג אין דער קאָזאַקישער אוניפאָרם איז צוגעקומען נענטער צו מיכלען און בייז אַ שיפּע געטאָן.

— וויפל מאָל דאַרף איך דיר דערמאָנען, אַז איך הייס מער נישט יונה? איך האָב געביטן מיין נאָמען. אַלע וויסן דאָס און דו ווייסט דאָס אויך. בען־אַלי הייס איך איצט און בען־אַלי זאָלסטו מיך רופן!

— גוט, יונה! — האָט זיך מיכל פריילעך צעלאַכט, — איך וועל דיר שוין רופן ביי דיין נייעם נאָמען. איך וועל שוין געדענקען, דו הייסט: בען־אַלי!...

— איז זע, אַז דו זאָלסט עס געדענקען.

— יאָ, איך וועל געדענקען! — האָט זיך מיכל נאָך שטאַרקער צעלאַכט, — איך וועל גוט איינחזרן, אַז אָנשטאָט יונה הייסטו גאָר בען־אלי, און דו זאָגסט, אַז דו ביסט נישט קיין ייד, נאָר אַ טאָטער!... נו, פאַרפאַלן! — האָט מיכל זיך מיט אים גערייצט, — דו ביסט טאַקע נישט קיין ייד, דו ביסט אַ טאָטער!...

— יאָ, אַ טאָטער בין איך, און אַ קאָזאַק! איך האָב געקעמפט קעגן אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, איך בין אַ העלד און אַ אינוואַליד פון דעם בירגער־קריג, איך בין אַ פאַרדינסטפולער קאָמוניסט, אַן אמתער מיטגליד פון דער פאַרטיי קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס, און עס דאַרף פאַר דיר זיין אַן ערע צו רעדן מיט מיר!

— יונה, אַנטשולדיק, בען־אלי! — האָט מיכל אַ באַרויקטער און אַן ערנסטער, אָן שום געלעכטער, זיך איצט צום יונג געווענדט, — קיינער

לייקנט נישט אין דיינע פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָלוציע. אָבער פאַרשטיי אַליין: מיר, די ייִנגלעך פון דער גאַס, געדענקען דיך נאָך פון דער צייט ווען דו ביסט אומגעגאַנגען מיט אַ קעסטעלע און געפוצט שיך. מיר פלעגן דיך דאַן רופן נישט נאָר יונה, נאָר אויך יונה דער שוך־פוצער, און אַמאָל אַפילו מיט אַזאַ צונאָמען: יונה דער ציגיינער! איצט, ווען דו ביסט צוריק געקומען פון דינסט אין דער רויטער אַרמיי און מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דו האָסט געביטן דיין נאָמען פון יונה אויף בען־אַלי, און דערצו נאָך זאָגסטו, אַז דו ביסט גאָרנישט קיין ייִד, נאָר אַ טאָטער, איז דאָס עפּעס אַזוי פריקרע... זאָג מיר, איך בעט דיך, צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס?...

מיט אַ פאַרשעמטן שטאָלץ און אַן אומזיניקן פאַרדראָס, האָט דער יונג אויף מיכלען אַ קוק געטאָן און זיך צעשריגן:

— די רעוואָלוציע האָבן געגעבן יעדן איינעם אַ רעכט איינצואָרדע־נען זיין לעבן אַזוי ווי אים איז באַקוועמער! אַלע אמתע קאָמוניסטן האָבן געביטן זייערע נעמען. לענין און טראָצקי און קאַמעניעוו, דאָס זענען דאָך נישט זייערע אמתע נעמען. נו, און דאָס וואָס איך זאָג, אַז איך בין נישט קיין ייִד נאָר אַ טאָטער, איז דאָס אַ קלייניקייט... די קאָזאַקן אין דער קאַ־וואַלעריעשער דיוויזיע האָבן געמיינט, אַז איך בין אַ טאָטער, ווייל איך האָב — האָבן זיי געזאָגט — אַן אַזיאַטישן אויסזען, און ווייל בען־אַלי איז אַ טאָטערישער נאָמען. נו, האָב איך זיך נישט געוואָלט שטעלן און זיי דער־קלערן, אַז איך בין נישט קיין טאָטער... אין אַלע פּאַפּירן בין איך שוין איינ־געשריבן מיט מיין נייעם נאָמען און אַלס אַ טאָטער. איך וועל נישט גיין איצט און ווידער בייטן!

— יאָ, האָסט זיך גוט פאַרפלאָנטערט! — האָט מיכל אים באַדויערט און זיך נישט געקענט דערביי איינהאַלטן פון אַריינוואַרפן אַ וויץ: — ייִדיש רעדסטו ווי אַ ציגיינער, רוסיש רעדסטו ווי אַ טערק, לייענען און שרייבן קענסטו נישט, אויסזען זעסטו אויס ווי אַ שד... נו, האָסטו באַשטימט צו ווערן אַ טאָטער.

דער יונג אין דער קאָזאַקישער אוניפאָרם האָט זיך גראָד פון דעם וויץ נישט באַליידיקט. פאַרקערט, ער האָט גאָר אַרומגעכאַפּט מיכלען און גוט־ברודעריש אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע. דערנאָך האָט ער אַרויס־געכאַפּט אַ נאָטיץ־ביכעלע מיט אַ בלייער און ער האָט דאָ אויפן אָרט, באַ־רימעריש און מיט אַנטציקונג ווי אַ קינד, אויפגעשריבן זיין נייעם נאָמען: בען־אַלי! ער האָט דערביי באַגייסטערט געזאָגט:

— אין דער רויטער אַרמיי האָב איך זיך אויסגעלערנט נישט נאָר שלאָגן די שונאים פון דער רעוואָלוציע, נאָר אויך לייענען און שרייבן. און דערנאָך, אין שפּיטאָל, וווּ איך בין אָפּגעלעגן דריי חדשים מיט מיין פאַרוווּנדעטן פוס, האָב איך פאַרגעזעצט זיך לערנען. עס איז אין דעם שפּיטאָל געווען אַ שוועסטערל אַזאַ, — ער האָט שעלמיש אַ ווונק געטאָן מיט זיינע קאַלטע אויגן, וועלכע האָבן זיך אויף אַ רגע אָנגעצונדן און באַלד צוריק פאַרלאָשן געוואָרן, — אַך איז דאָס געווען אַ מויד!... זי האָט מיר דערקלערט, אַז אַ קאָמוניסט מוז זיין אַ געלערנטער און מוז קענען פאַרנעמען און אָנהאַלטן יעדן פּאָסטן אויף וועלכן די פּאַרטיי שטעלט אים אַוועק! נו, האָב איך זיך טאַקע גענומען צום לערנען... איך האָב אויסגעלייענט אפשר צען ביכער, און ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך איצט גרייט צו פאַרנעמען יעדן פּאָסטן!... זאָל זיך נאָר מיין פוס אויסהיילן...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אינערלעך זיך געפרייט מיט זיינע דערגרייכונגען. אָ, ער שטייט איצט העכער פון דעם־אָ באַלעבאַטישן מיכל קרוגער, וועלכער פלעגט זיך אַמאָל שעמען מיט אים אַ וואָרט אויסצורעדן. אָ, ער וועט נאָך אַלעמען באַווייזן ווער ער איז. נישטאָ שוין מער דער שוך־פּוצער מיטן צונאָמען יונה דער ציגיינער. אָנשטאָט אים שטייט פאַר אייך אַ נייער מענטש, אַ קאָמוניסט מיטן נאָמען בען־אַלי!...

עס זענען באַלד אויף דער גאַס אַרויסגעקומען עזרא מיטן זאַק אין דער האַנט, און וואָלאָדיאַ, ווי געווייגלעך, מיט זיין גרויסן סוקעוואַטן שטעקן. די יינגלעך האָבן זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. זיי האָבן דערזען דעם „טאָטער" און האָבן זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט, גלייך ווי זיי וואָלטן אים גאָרנישט באַמערקט. זיי זענען דעריבער אַפילו נישט צוגעגאַנגען צו מיכלען, נאָר האָבן זיך געלאָזט גיין אין זייער באַשטימטער ריכטונג...

מיכל האָט נאָך אַ ווײלע גערעדט מיט יונהן. ער האָט אים איצט וויידעראַמאָל פאַרזיכערט, אַז פון איצט אָן און אויף ווייטער, וועט ער שוין אַזוי ווי יעדער איינער אים רופן נאָר און אויסשליסלעך ביי זיין נאָמען: בען־אלי!... און ער האָט צום סוף אַפילו איראָניש זיך ביי אים געבעטן:

— הער נאָר, בען־אלי! דו ביסט דאָך איצט אַ גאַנצער קנאַקער, טאַקע אַן אמתער קאָמוניסט, אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, און נישט אַזוי ווי איך, אַ מיטגליד פון דעם „קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד". עס קען זיך מאַכן, אַז דו זאָלסט טאַקע ווערן אַ קאָמיסאַר, אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק, צי אפשר

גאָר אַ פּאַרטיי־סעקרעטאַר! איז פאַררייס נישט די נאָז, אַזוי ווי אַנדערע, און פאַרגעס נישט אין אונדז!...

מיכל האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין. אָבער בען־אַלי האָט אים פאַרהאַלטן.

— וואָס איילסטו זיך אַזוי?... עס איז דאָך נאָך גאָר פרי!...

מיכל האָט זיך אויסגעהיט אים צו ענטפערן דירעקט. ער האָט דער־פאַר ביי אים געפרעגט:

— און וואָס ביסטו עפּעס היינט אויפגעשטאַנען אַזוי פרי? וואָס איילסטו זיך?...

— איך אייל זיך אין ערגעץ נישט. איך קען נאָר נישט שלאָפן שפּעט. און חוץ דעם די וווּנד אויף מיין פוס איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרהיילט. עס לאָזט נישט שלאָפן... — און פלוצים האָט ער אַ הינקע געטאָן נענטער צו מיכלען און אים אָנגעכאַפּט פאַרן לאַץ פון זיין רעקל און מיט אַ מין ווילדן כעס אַ שיפּע געטאָן, — וואָס באַהאַלטסטו אויס פון מיר?... איך ווייס דאָך אַלץ!... אַהאַ, אַ באַלעבאַטיש יינגל ביסטו... אַהאַ, נישטאָ מער קיין טאַטע וואָס האָט געהאָרעוועט אויף דיר, געגעבן עסן, טרינקען, קליידונג, און געשיקט אין די שולן זיך לערנען און שטודירן!... איצט ביסטו אַזוי ווי איך בין געווען אַמאָל... מען דאַרף אַליין האָרעווען, זיך אַליין אויסהאַלטן!... איז וואָס זשע איז פון דיר געוואָרן?... ביסט אַ באַנדיט, אַ קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנער, אַ סאַבאָטאַזשניק! דו גייסט גאָר קראָמען ראַבעווען! האָסט זיך פאַרבונדן מיט די בייסטרוקעס, באַריסן און זיין קאָמפּאַניע!... — דערנאָך האָט ער אים אַ שטופּ געטאָן פון זיך, — וואָס מיינסטו, איך האָב דען נישט געזען עזראַן און וואָלאָדיאַן פון הויף אַרויסגיין?... דו האָסט געוואַרט אויף זיי!... נו, גיי־גיי, לויף זיי נאָך, יאָג זיי אָן!...

אַ דערשראָקענער איז מיכל איצט געשטאַנען און געזוכט זיך צו פאַר־ענטפערן:

— מיר ראַבעווען נישט. די בעקערס גיבן אונדז אַליין דאָס ברויט...

— אַזוי, די בעקערס זענען אַזעלכע גוטע, אַז זיי גיבן אַיַש אומזיסט ברויט!... וועסט דאָס דער באָבען דיינער דערציילן און נישט מיר! די ספּעק־קולאַנטן באַקן אין געהיים ברויט און פאַרקויפן דאָס אויפן שוואַרצן מאַרק, און איר, בייסטרוקעס, העלפט זיי נאָך אַרויס. איר רעכנט זיך פאַר יונגע קאָמוניסטן און איר האַלט גאָר מיט די בורזשויעס! אַרעסטירן דאַרף מען אייך פאַר אַזעלכע שטיק!...

— עס איז דאָ אַ פּאָליציי, אַ מיליץ, אַ שטאָט־סאָוועט און אַ פּאַרטיי־

קאָמיטעט, זיי דאַרפֿן דאָס קעמפֿן קעגן די ספּעקולאַנטן מיט זייער שוואַרצן מאַרק און נישט מיר, פּשוטע ייִנגלעך פֿון דער גאַס! — האָט מיכל מיט האַרץ אָפּגעענטפֿערט.

— רעד אַ סך, וועסטו זיך נאָך ביי מיר דערדעדן!... — איז בען־אַלי נאָך מער אין כּעס געוואָרן.

איצט האָט שוין מיכל אים געפּרוּווט נעמען מיט גוטן און אַרויסרופֿן ביי אים אַ געפֿיל פֿון מיטלייד.

— דו ביסט דאָך אַ קלוגער, בען־אַלי! דו ווייסט דאָך דעם גאַנצן אמת. מיר הונגערן!... מען קען אַזוי ווייטער נישט לעבן... מיין מאַמע האָט שוין אַפּילו באַשטימט זיך צו ווענדן צו איר ברודער אין אַמעריקע נאָך הילף. איך האָב ביי זיך דעם בריוו. איך גיי איצט צו דער פּאָסט דעם בריוו אַוועקשיקן...

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. דערנאָך האָט דער „טאַטער" זיך אָנגערופֿן:

— איז וואָס זשע שטייסטו? גיי, גיי!...

מיכל איז אַוועק. ער איז אַריבער די גאַס אויף דער אַנדערער זייט. ער האָט שוין אַפּילו געטראַכט, אַז היינט זאָל ער נישט גיין צו דער באַשטימטער בעקעריי נאָך ברויט. ער האָט זיך געוואָלט פֿאַרקערעווען און אַוועקגיין צו אַן אַנדער גאַס, זיך אויסבאַהאַלטן פֿון בען־אַלין, וועלכער האָט אים נאָכגעקוקט. ער האָט זיך אָבער באַלד פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין. ער האָט געטראַכט: „איך בין דאָך אַן אמתער פּחדן, אַ טרוס. דער־אַ שוך־פּוצער מאַכט זיך פֿאַר וויכטיק, און איך יאָלד, וואָס איך בין, מיין טאַקע, אַז ער איז אַ קנאַקער, אַ גאַנצער נאַטשאַלניק און קען מיר באַפֿעלן וואָס יאָ צו טאָן און וואָס נישט צו טאָן. איך האָב אים אין דער ערד און האָב פֿאַר אים קיין מורא נישט! און נאָך אַלעמען, די יאַטן, עזרא און וואָלאָדיאַ וואַרטן דאָך אויף מיר. איך פֿאַרבייט איצט באַריסן און איך מוז זיך אויפֿפֿירן אַזוי ווי ער, איך מוז אויך ווייזן, אַז איך בין אַ שטאַרקער!"...

ער האָט זיך געלאָזט אָניאָגן זיינע צוויי מיטהעלפֿער פֿון דער „קאָמפּאַניע" מיט וועלכער באַריס פֿירט אָן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אומגעקוקט און אים האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז דער „טאַטער" גייט אים נאָך. אויפֿן ראָג פֿון גאַס, נישט ווייט ווו די באַשטימטע בעקעריי פֿאַר היינטיקן טאָג האָט זיך געפֿונען, האָבן עזרא און וואָלאָדיאַ אויף אים שוין געוואַרט. ער איז צו זיי צוגעקומען און געזאָגט:

— יאַטן, בען־אַלי גײט אונדז נאָך!...

— נו, איז וואָס?... — האָט וואָלאָדיאַ מיט קוראַזש איבערגעפּרעגט, — מיר וועלן אים געבן אַ לעבל ברויט, וועט ער האַלטן ס׳מויל פאַרמאַכט!

— ער דאַרף נישט אונדזער ברויט! — האָט עזרא זיך אָפּגערופן, — ער באַקומט איצט אַ גוטן פּאַיאָק פון דער רעגירונג, ווי אַ פאַרדינסטפולער קאָמוניסט און אַ העלד פון דעם בירגער־קריג. ער איז איצט זאַט און ער קען קײן הונגעריקן נישט גלייבן. ער מײנט, אַז אים קומט אַלץ און אונדז קומט גאָרנישט, ווייל ער האָט זיך געשלאָגן קעגן די „ווייסע" און מיר זײַנען געבליבן אין דער היים. ער טראַכט זיך גאָרנישט אַריין, אַז מיר זענען נאָך קינדער געווען ווען דער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעפאַנגען, און ער איז שוין דאַן געווען אַ געזונטער בורגעלעץ!...

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט. די פּרימאַרגנדיקע גאַס איז נאָך אַלץ געווען פּוסט און שטיל.

— עס ווייזט זיך דיר אויס, מיכאיל, אַז דער „טאַטער" גײט אונדז נאָך! — האָט וואָלאָדיאַ זיך אָפּגערופן, — און אויב אַפילו יאָ, איז וואָס?... ער זאָגט דאָך, אַז ער איז אַן אמתער קאָמוניסט, מוז ער דאָך אַריינגײן אין אונדזער לאַגע. איך קען אים זאָגן, דעם זשלאָב, אַז מיר טוען דאָס וואָס לענין און טראָצקי לערנען אונדז: „מען דאַרף נעמען ביי די רייכע און טיילן די אָרימע". אַז בען־אַלי וועט נאָר דערהערן, אַז לענין און טראָצקי לערנען אַזוי, וועט ער זיך שוין צו אונדז נישט טשעפּען.

מיכל האָט זיך צעלאַכט:

האָסט רעכט, וואָלאָדיאַ. נישטאָ פאַר אים וואָס מורא צו האָבן!

דאָס מאָל איז געווען די רייע פאַר נאָוויקאָווס בעקעריי, וואָס אויף דער מיאַסאָיעדאָווער גאַס, אַקעגנאיבער דעם יידישן שפּיטאָל, וועלכן מען האָט שוין איצט גערופן מיטן נייעם נאָמען: „סאָוועטישער שפּיטאָל". איידער מען איז אַריין אין דער בעקעריי, האָט מען זיך ווידער אַרומגעקוקט. מען האָט דערזען בען־אַלין. ער איז געשטאַנען לעבן דער אַמבולאַטאָריע פון שפּי־טאָל און ער האָט אומגעדולדיק געקלונגען אין דעם גלעקל, וואָס ביי דער טיר.

— ער ליידט ווי עס ווייזט אויס זייער שטאַרק פון זיין ווונד אויפן פוס, — האָט מיכל געזאָגט, — גאַנץ פרי קומט ער שוין אין שפּיטאָל כדי מען זאָל אים איבערבינדן די ווונד!...

— אַבי פאַר מיר האָט ער זיך באַרימט, אַז ער פילט זיך שוין גוט, די־

וווּנד איז שוין איינגאַנצן אויסגעהיילט און מען וועט אים שוין אין גיכן שיקן צו פאַרנעמען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן! — האָט וואָלאָדיאַ אָפּגעענט־פערט און באַלד צוגעגעבן, — ער איז שטענדיק געווען אַ באַרימער!...

— יאָ, עס איז טאַקע צו פרי צו קומען אין שפּיטאָל כדי מען זאָל אים איבערבינדן די ווונד, — האָט אויך עזרא באַמערקט, — טיר און טויער איז דאָך נאָך געשלאָסן, סיידן עס איז אַ געפאַר...

— פּיליכט איז דאָס פאַר דעם „טאָטער" טאַקע אַ געפאַר? — האָט מיכל זיך אָפּגערופן און זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו שרעקן, — דער רוח ווייסט אים וואָס ער וויל!

— וואָס מיינסטו, מיכאַיל?!...

— גאָרנישט, יאַטן! קומט, לאָמיר גיין!

מען איז אַריין אין דער בעקעריי.

דער אייגנטימער, פּיוועש נאָוויקאָוו, אַ מענטש מיט אַ רויט־פּעטן קאַרק און מיט קליינע גרויע אייגעלעך, וואָס האָבן טאַנצנדיק, פון זיין קיילעכדיקן און גלאַט ראַזירטן פּנים, אַרויסגעקוקט, איז געווען אַ באַרעדעוודיקער און אַן אָפּנהאַרציקער, ממש צוקער זיס... דאָס מאָל האָט ער אָבער קיין סך טענות מיט די יינגלעך נישט פאַרפירט. ער האָט זיי געהייסן וואָס שנעלער נעמען די פיר ברויטן און פאַרלאָזן די בעקעריי. מיכל האָט געפאָלגט. ער האָט גענומען דעם זאַק מיט די ברויטן אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. אָבער דאָ האָט אים פּיוועש נאָוויקאָוו אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ווען וועט זיין מיין נעקסטע רייע צו געבן אייך ברויט?

— אין צען טעג אַרום!

— אַזוי?... דאָס הייסט, אַז איר האָט נאָך אַזעלכע גיין נאַראָנים ווי איך, וואָס גיבן אייך אומזיסט צו פיר ברויטן יעדן צענטן טאָג! און פאַרוואָס? ווייל איר זענט אַזוינע „ווילע" יינגלעך?... נו, איצט אָבער, זאָלסטו זיך אַריינבנעמען אין קאָפּ, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל, וואָס דו מיט דיין קאָמפּאַניע קומען צו מיר נאָך ברויט!...

— פאַרוואָס?...

— קום, מיכאַיל! — האָבן עזרא און וואָלאָדיאַ, ביידע אין איין אָטעם אויסגעשריגן און זענען אַרויס פון דער בעקעריי אויף דער גאַס.

מיכל האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן. אַ נישט־געצוימטער פאַרדראָס אויף

דעם רייכן און זאַטן מענטשן איז אים באַפֿאַלן. ער האָט זיך צעשריגן אויף אַ קול:

— דו פֿאַסקודסטוועד בורזשוי, דו אָנגעפּרעסענע מאָרדע, דו ספּעקו־לאַנט, דו שוואַרצער מאַרקניק! איבער דיר און אַזוינע ווי דו ליידט מען הונגער! דו רייסט שטיקער פֿאַסן פֿון אָרימע מענטשן, האָסט צום טייוול פֿאַרקויפֿט דיין נשמה און געלט איז דיין גאָט!...

— שאַ, שאַ, סמאַרקאַטש איינער! — האָט דער באַלעבאָס פֿון דער בע־קעריי זיך אויך אָ קול צעשריגן, — מען וויל דיר אַ טובה טאָן, דיך דערנערן און דו שלימזל, דו לאָזסט זיך נישט!

— וואָס איז דען? — האָט איצט מיכל אַ נייגעריקער זיך אָנגערופֿן.

— דאָס איז! — האָט פּיוויש נאַוויקאָוו זיך נאָך געקאָכט, — מען האָט דאָך שוין קאָנפֿיסקירט כּמעט אַלע ברויט־געשעפֿטן! אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך שוין דאָ נישט זיין. מען האָט שוין אַרויסגעפֿירט פֿון דאַנען דאָס גאַנצע מעל, וואָס איך האָב נאָך געהאַט פֿון אַמאָל אין זאַפּאַס. מען פֿאַרמאַכט מיין קראָם. די רעגירונג נעמט אַלץ איבער. גענוג, אויס פּריוואַטע גע־שעפֿטן!... נו, וועלן מיר זען, צי איר וועט איצט ווערן זאַטער?...

מיכל האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרווונדערט. ער האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט זיינע הענט פֿעסטער אין דעם זאַק מיט ברויט, וועלכן ער האָט אויף זיינע פּלייצעס געהאַלטן, גלייך ווי ער וואָלט געפֿילט, אַז עפּעס אַן אומ־זעעוודיקע האַנט וויל ביי אים דעם זאַק מיט ברויט צונעמען. פֿאַר זיינע אויגן איז די מאַמע אויסגעוואַקסן, אַ הונגעריקע, אַ פֿאַרשמאַכטע, אַ טויטע... ער האָט אַ ציטער געטאָן און געוואָלט עפּעס זאָגן. אָבער דאָ איז צוגעלאָפֿן צו דער טיר עזרא און מיט אַ היסטערישן אויסגעשריי, מיט ווערטער פֿון דער אונטערוועלט־זשאַרגאָן, געוואָרנט:

— מיכאַיל, אַ „שוכער״! עס גייען „מענטן״!...

און מיכל, כאָטש ער האָט געהערט די וואָרענונג און פֿאַרשטאַנען, אַז „שוכער״ מיינט געפֿאַר, און „מענטן״ מיינט פּאָליציי, און דערפֿאַר מוז ער זען וואָס גיכער זיך ראַטעווען, זיך אָפּטראָגן פֿון דאַנען, איז ער דאָך נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער בעקעריי מיטן „געראַבעוועטן״ זאַק ברויט אויף די פּלייצעס און זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

די טיר האָט זיך צעעפֿנט. צוויי אַגענטן פֿון דער געהיים־פּאָליציי, וועל־כע די נייע מאַכט האָט אַ נאָמען געגעבן „טשע־קאַ״, אין זייער נייער, ספּעציעל פֿאַר זיי צוגעטראַכטער אוניפֿאָרם (רויטע היטלען, לעדערנע רעקלעך,

רויטע הויזן און גלאַנציקע, שוואַרצע שטיוול) זענען אַריינגעקומען, האָבן אַ כאַפּ געטאָן מיכלען און אים אַרויסגעשלעפּט פון דער בעקעריי.

אויף דער גאַס איז מיכל געגאַנגען פאָרויס מיטן זאַק ברויט אויף די פּלייצעס און די צוויי „טשע־קיסטן” מיט זייערע „גאָלדענע” רעוואָלווערן אין די הענט זענען אים נאָכגעגאַנגען. ווען מען איז אַדורכגעגאַנגען דעם „יידישן” שפּיטאָל און מען איז פאַרבייגעגאַנגען די אַמבולאַטאָריע, האָט מיכל דערטלעך געזען ווי דער פאַרדינסטפולער קאָמוניסט בען־אַלי איז געשטאַנען אַזאַ זיגערישער און דאָך אַ פאַרשעמטער... דער „טאָטער” האָט נאָכגעקוקט ווי די אַגענטן פירן מיכלען אין דער ספּעציעלער טורמע פון דער שרעקלעכער „טשע־קאַ”, וועגן וועלכער מען האָט גערעדט, אַז אַריין אַהין איז די טיר ברייט, אָבער אַרויס פון דאָרט איז די טיר שמאָל...

.3

דער שיינער, ווייס־מאַרמאָרענער פּאַלאַץ אויף דער מאַראַזליוווסקי גאַס, אַקעגן דעם אַלעקסאַנדראָווער פּאַרק, וואָס שפּרייט זיך אַזש ביז צו די ברעגעס פון דעם ווונדערפולן שוואַרצן ים, דער פּאַלאַץ איז יאָרלאַנג געשטאַנען נישט קיין באַלעבאַטער. אין די צענדליקער, פּריציש מעבלירטע צימערן זענען געהאָנגען פּאָרטרעטן פון דעם צאַר ראָמאַנאָווס דינאַסטיע, פאַר אַלע זייערע בלוטיקע דריי הונדערט יאָר. אין די טיפע, שטיינערנע קעלערס פון דעם פּאַלאַץ זענען געווען צענדליקער פעסער און הונדערטער פלעשער מיט די בעסטע אינלענדישע און אויסלענדישע ווײַנען, און אייזקאַסטנס מיט פרישע און געשמאַקע שפּייזן. דאָס אַלץ איז געווען צוגעגרייט פאַרן קייסער ניקאָלאַי דעם צווייטן, וועלכער האָט ביים פאָלק געהאַט דעם צונאָמען „ניקאָלאַי דער בלוטיקער”... די־אַ אַלע ווײַנען און שפּייזן זענען געווען פאַרגרייט, ווייל טאָמער וועט זיך דעם קייסער אַמאָל פאַרגלוסטן אַראָפּצוקומען אין דער שיינער שטאָט אָדעס, זאָל ער האָבן וווּ צו שטיין...

איצט איז דער־אָ פּאַלאַץ באַזעצט געוואָרן פון דער „אויסעראָרדנטלעכער קאָמיסיע”, וועלכע מען האָט גערופן אין רוסיש „טשרעזוויטשאַינאַיאַ קאָמיסיאַ” און פאַרקירצט, לאַקאָניש „טשע־קאַ”. דאָס איז געווען אַ פּאָליטישע און קרימינעלע געהיים־פּאָליציי, וואָס לענין האָט געשאַפן כדי צו קעמפן קעגן יעדן איינעם וועלכן מען וועט פאַרדעכטיקן אין קאָנטער־רעוואָלוציע, שפּיאָנאַזש, סאַבאָטאַזש און באַנדיטיזם.

מיכל איז געלעגן אין דעם קעלער פון דעם פּאַלאַץ, אויפן הוילן, קאַלטן, צעמענטענעם פּאָל. עס איז געווען אין מיטן דער נאַכט, אויפן דריטן טאָג וואָס מען האָט אים אַהער געבראַכט. ביז איצט האָט אים נאָך קיינער נישט גערופן אויף קיין פאַרהער. אין דער זעלבער קאַמער, אויפן הוילן פּאָל, זע־נען געלעגן אַרום דרייסיק מענטשן. צום מערסטן זענען דאָס געווען מענטשן פון מיטל־קלאַס. אָבער עס זענען דאָ אויך געווען אַ פּאָר פאַרמעגלעכע מענטשן, אמתע בורזשויעס, ווי אויך צוויי ווירקלעכע באַנדיטן, אַ חסידי־שער רב, אַן אָרטאָדאָקסישער גלח, אַן אַלטער, רעזיגנירטער, צאַרישער גענעראַל און עטלעכע מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער... מיכל איז דאָ געווען דער ייִנגסטער צווישן די אַלע אַרעסטירטע.

אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס צווישן זיי געפינט זיך אַ זיבעצן־יאָ־ריק ייִנגל. נאָך דעם ערשטן טאָג, וואָס מען האָט אים אַהער געבראַכט, האָבן אַלע אַרעסטאַנטן אים אַרומגערינגלט און אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן פאַר־וואָס מען האָט אים אַרעסטירט. מיכל האָט זיי דערציילט דעם ריינעם אמת:

— איך האָב געראַבעוועט!...

די צוויי באַנדיטן האָבן זיך צו אים נענטער צוגעזעצט, אים גוט־ברו־דעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע און זיך נאָכגעפרעגט:

— באַראַבעוועט אַ באַנק?

— אָ, ניין, — האָט מיכל זיי איבערצייגט, — נישט קיין באַנק נאָר אַ בעקריי!...

— אַ סך געלט צוגענומען?

— אָ, ניין, נישט קיין געלט, ברויט האָב איך גענומען!...

— ברויט, און פאַר דעם האָט מען דיך אַהער געבראַכט?!... — האָבן נישט נאָר די צוויי ווירקלעכע באַנדיטן, נאָר אויך אַלע איבעריקע אַרעס־טירטע, אים גלייבן נישט געוואָלט, — ווען דאָס דערציילן דער באָבען דיינער!... — און מען האָט פון אים אָנגעהויבן צו לאַכן דאָס גרעסטע גע־לעכטער.

דאָך האָבן זיך צו אים אַלע, אין דער קאַמער, באַצויגן פּאָטערלעך און פריינדלעך. פאַר די דריי טעג, וואָס מיכל איז דאָ געווען, האָט ער זיך שוין מיט אַלעמען געקענט. ער האָט שוין אַפילו געוווּסט פאַרוואָס יעדער איינער פון זיי איז אַרעסטירט געוואָרן. עטלעכע אַרעסטאַנטן האָבן זיך צו אים צו־געבונדן און אים ליב באַקומען. זיי האָבן פאַר אים, אין דער לאַנגווייליקער און שרעקלעכער דערוואַרטונג ביז זייער גורל וועט געלייזט ווערן, אויס־

געגאַסן זייערע הערצער און אויסדערציילט זייערע לעבנס־געשיכטעס. צו צוויי פון זיי האָט מיכל אַ ביז גאָר היימישע נאָענטקייט דערפילט.

דער ערשטער איז געווען אַ באַוווסטער עקאָנאָמיסט, אַ געבילדעטער מענטש, און כאָטש אין דער קאַמער איז נישט געווען וואָס צו לייענען, ווייל מען האָט פאַרווערט, האָט ער דאָך שטענדיק פאַר זיך געפונען לייען־שטאָף, שטיקלעך צייטונגען, באַזונדערע בלעטלעך פון ביכער און גלאַט פּאַפּיר־לעך. מען האָט אים באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש. גערופן האָט מען דעם עקאָנאָמיסט אַלעקסאַנדער וואָראָנאָוו. זיין נאָמען איז געווען ברייט באַקאַנט אין רוסלאַנד. צו דער נייער מאַכט האָט ער זיך באַצויגן לאָיאַל. ער האָט געאַרבעט ערלעך און זיין „פאַרברעכן" איז באַשטאַנען נאָר אין דעם וואָס ער האָט פריִער באַלאַנגט צו דער פאַרטיי „סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן" וועלכע איז געווען נישט איינשטימיק מיט די באָלשעוויקעס.

דער צווייטער, אַ מאַן מיט אַן איידל פּנים און ריטערלעכע מאַנירן, איז אַן אָפענער קעגנער פון דער נייער מאַכט געווען. אין זיין פיינטשאַפט צו די „רויטע" איז ער צו אַ מעלאַנכאָלישן משוגעת דערגאַנגען. ער האָט זיך אומיסטן פאַרשאַפט עטלעכע פאַלשע דאָקומענטן מיט צוגעטראַכטע נעמען. אַלע מאָל פלעגט מען אים רופן אויף אַ פאַרהער און אַלע מאָל לויט אַן אַנדערן נאָמען. ווען דער תפיסה־אויפזעער פלעגט עפענען די, מיט אייזן געקאָוועטע, טיר און אויסגעשריגן: — ניקאָלאַיעוו?!...

פלעגט ער זיך אָפּרופן: — איך בין ניקאָלאַיעוו!

און אַז דער אויפזעער האָט אויסגערופן דעם נאָמען „איוואַנאָוו", פלעגט דער אומגליקלעכער זיך אויך אויף דעם נאָמען אָפּרופן. און אַזוי איז דאָס געווען אויך מיט אַנדערע נעמען.

— ניעטשאַיעוו?!...

— איך בין ניעטשאַיעוו!

— כאָכלאָוו?!...

— מיין נאָמען איז כאָכלאָוו!

— דימיטריעוו?!...

— אויך דער נאָמען איז מיינער!

מען האָט אַלע געלאַכט און מען האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אין דעם בייז, וואָס וועט באַלד קומען צו זיי... מען האָט דעם גוטן און ליבלעכן, צע־טומלטן מענטשן אָנגעהויבן צו רופן צוויבערהאַפט: „די צוואַנציק נעמען". ער פלעגט יעדעס מאָל אַ שטילער אַוועקגיין צום פאַרהער, זיין געזיכט

האָט גליקלעך געשמייכלט. געקומען פון דעם פאַרהער איז ער שטענדיק אַ טרויעריקער, אַ צעשלאָגענער און אַ צעבלוטיקטער. אַלע אין דער קאַמער זענען דעמאָלט אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכער מורא־שטימונג און מען האָט שוין אַ צייט פון קיינעם קיין וואָרט נישט געהערט. געגנוי אין וואָס מען האָט אים באַשולדיקט האָט קיינער נישט געוווּסט. ער איז אָבער געווען אַ צאַרטער און אַ פריינדלעכער מענטש און מען האָט אים געמוזט ליב האָבן.

אייניקע מענטשן האָבן זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו זייער לאַגע אַלס אַרעסטאַנטן, אַז זיי האָט שוין מער נישט געקימערט די אומבאַשטימטקייט פון זייער שיקזאַל. די זומער־טעג זענען אין דער קאַמער געווען לאַנגע, בודנע און שטיקנדיקע. מען איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דעם צעמענטענעם פּאָל און מען האָט פּוסט געשוויגן. אָבער נישט אַלע האָבן שווייגן געקענט. יעדער איינער האָט שוין געהאַט אויסדערציילט זיין לעבנס־געשיכטע, און אַז מען האָט נישט געהאַט מער וואָס צו רעדן וועגן זיך האָט מען פאַר־פּירט דיסקוסיעס וועגן רעליגיע, וויסנשאַפט און פּאָליטיק. אַ סך זאַכן וועלכע זענען דאָ פאַרגעבראַכט געוואָרן זענען פאַר מיכלען פרעמד, טשי־קאַווע און באַלערנדיק געווען. גאַר שטאַרק האָט אים פאַראינטערעסירט די מעשה, וואָס דער אַלטער, רעזיגנירטער צאַרישער גענעראַל האָט דער־ציילט.

גענעראַל מאַסלינאָוו איז געווען אין די זיבעציקער. ער האָט געהאַט אַ ווייסע, שיין־צוגעקעמטע, קוואַדראַטנע באָרד און אויף זיין לענגלעכער אָדלער־נאָז זענען געזעסן אַלטמאָדישע פענסנע פון וועלכע אַ שוואַרץ שנירל האָט זיך נאָכגעהאַנגען און אַרומגעשנירלט זיין האַלדז. ער איז נאָך ביים צאַר ניקאָלאַי, פאַר דעם אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַוועק פון זיין אַקטיווער דינסט און איז אַריבער אויף פענסיע. ווען די באָלשעוויקעס זענען געקומען צו דער מאַכט האָבן זיי אים, ווי אַ גרויסן מיליטערישן ספּעציאַליסט, גערופן צו זיך און אים באַפוילן, אַז ער זאָל ווערן דער הויפּט־אָנפירער פון איינער פון די ניי־געשאַפענע קאָמוניסטי־שע מיליטער־אַקאַדעמיעס.

דער אַלטער, „אָסטאַווונאָי“, גענעראַל האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט מאָטיווירט:

— עס איז נישטאָ אַזאַ געזעץ, אַז מען זאָל אַן אויסגעדינטן מיליטער־מאַן, וועלכער איז שוין אויף פענסיע, צוריק רופן צו דינסט!...

דער קאָמוניסטישער קאָמיסאַר פון דער ניי־געשאַפענער מיליטערישער אַקאַדעמיע, אַ געוועזענער קוילנגרעבער פון דאָנבאַס, אַ האַלב־גראַמאַטנער יונג אין די דרייסיקער, מיט אַ העלדישן, מיליטערישן אויסזען און מיט אַ פּאָר קלוגע און כיטרע אויגן, האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פון דעם אַלטנס אָפּזאָגן זיך אַנצונעמען דעם פּאָסטן. ער האָט אים באַפוילן:

— גענעראַל, די רעוואָלוציע דאַרף אייך האָבן. אויף אייך איז אַרויפגעלייגט אַ בכבודיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דערצי׳ען אַ נייעם דור אָפּיצירן, רויטע אָפיצירן פאַר דער פּראָלעטאַרישער, רויטער אַרמיי!...

— דאָס איז אָבער קעגן געזעץ, קעגן מיין ווילן און קעגן מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען!... — האָט דער גענעראַל אַן אָנגעבייזערטער אָפּגעענטפערט.

— אַזוי גאָר?... טאָ, זאָגט זשע מיר, וואָס זענען אייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען? — האָט דער קאָמיסאַר מיט אַ שפּאָטישן שמ׳יכל איבערגעפרעגט.

— דאָס איז מיינס אַ פּריוואַטע אָנגעלעגנהייט! — האָט דער רעזיגנירטער גענעראַל שאַרף אָפּגעענטפערט.

דער קאָמיסאַר האָט אים אָבער נישט פּרייגעלאָזט. ער האָט כיטרע אַריינגעקוקט אין דעם גענעראַלס פּנים און פּלוצים אויסגעזעצט:

— און מיר האָבן געמיינט, אַז צוליב אייער טאָכטער וועט איר מיט אונדז מיטאַרבעטן. אייער טאָכטער איז דאָך אַ קאָמוניסטקע!

— מיין טאָכטער איז אַ דערוואַקסענע. זי האָט זיך אויסגעקליבן איר וועג אין לעבן און דאָס איז איר זאַך... מיט מיר קער עס זיך גאָרנישט אָן!...

— אייער טאָכטער איז אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זי איז אַ העלד פון דעם בירגער־קריג, אַ געוועזענע פּאַרט׳יזאַנקע, „מאַריוסיאַ די פּאַרטיזאַנקע" איז דאָך דער שטאָלץ פון אונדזער אויפוואַכנדיקן לאַנד!...

— איז וואָס גייט דאָס מיר אָן?...

— מאַר׳יוסיאַ די פּאַרטיזאַנקע קען נישט האָבן קיין פּאָטער אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער!

— איך האָב נישט געהאָלפן אייער רעוואָלוציע און איך האָב נישט געשטערט. מיין טאָכטער איז יונג און זי לעבט זיך אין אירע יונגע חלומות. איך בין אַלט און איך קען זיך נישט מיט קיין יונגע חלומות פרייען. איך בין דאָס וואָס איך בין...

— אייער טאָכטער וווינט מיט אייך אין איין הויז און זי ווירקט נישט אויף אייך? — האָט שוין דער קאָמיסאַר איצט געשטורעמט, — דאָס איז פאַרראַט!... מיר זענען געווען זיכער, אַז איר זענט אַן אונדזעריקער. אַ גע־נעראַל, וואָס האָט פאַרלאָזט די צאַרישע אַרמיי, אַ גענעראַל, וואָס האָט אַ טאָכטער וועלכע איז אַ קעמפּערין פאַרן זיג פון קאָמוניזם, אַזאַ גענעראַל זאָל זיך אָפּזאָגן פון דעם כבוד אָנצונעמען אַ וויכטיקן פּאָסטן, וואָס די פּאַר־טיי און די רעגירונג שלאָגט אים פאָר, אַזאַ גענעראַל איז אַ קאָנטער־רע־וואָלוציאָנער, און... — ער האָט אַ טראַכט געטאָן, — און דיין טאָכטער איז איצט אונטער אַ חשד... אַ טאָכטער וואָס קען אויף איר פאָטער נישט ווירקן, אַזאַ טאָכטער ווערט פון איר פאָטער באַווירקט!...

עס איז אַוועק אַ וואָך צייט נאָך דעם וואָס מען האָט דעם געוועזענעם צאַרישן גענעראַל מאַסלינאָוו פאַרגעשלאָגן אַ הויכן אַמט אין איינער פון די ביי־געשאַפענע מיליטערישע אַקאַדעמיעס, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דעם אַמט אָנצונעמען. זיין טאָכטער, מאַריאַ, וועלכע איז געווען ברייט באַקאַנט אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן, נאָך פון פאַר דער באָלשעוויסטישער מאַכט־פאַרכאַפּונג און שפּעטער אַלס די לעגענדאַרישע „מאַריוסיאַ די פּאַר־טיזאַנקע”, — זי איז פּלוצים פאַרשוווּנדן געוואָרן. דער אַלטער פאָטער האָט זיך אָנגעהויבן זאָרגן. ער האָט געוווּסט, אַז כאָטש מאַריאַ לעבט אין אירע אילוזיעס אין גאָר אַ באַזונדערער וועלט, וועלכע קען אים נישט געפעלן, איז זי אים דאָך געטריי, און עס איז נישט אין איר כאַראַקטער און נישט אין איר אויפפירונג, אַז זי זאָל אַ גאַנצע וואָך נישט אַהיים קומען און זיך נישט לאָזן הערן, נישט איבערלאָזן פאַר אים אַ צעטעלע, אָדער נישט אָפּ־רופן אים אויפן טעלעפאָן.

ער האָט שוין געוואָלט אָנהייבן זיך נאָכפרעגן אויף איר, אָבער ער האָט דאָס נישט באַוויזן. אין מיטן דער נאַכט האָט מען אים פון זיין געלע־גער אַרויסגעשלעפּט און אין דער קאַמער פון דעם קעלער, פון דעם געוועז־זענעם צאַרישן פּאַלאַץ, אים אַריינגעוואָרפן. אַזוי־אַ זיצט ער שוין דריי חדשים און קיינער רופט אים נישט אויף קיין פאַרהער. אים דאַכט, אַז מען האָט שוין אין אים אינגאַנצן פאַרגעסן... אָבער ער האַלט זיך מוטיק, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ בראַוון גענעראַל, און ער האָפט און גלייבט, אַז גע־רעכטיקייט וועט זיגן און מען וועט אים סוף־כל־סוף באַפרייען. די איינצי־קע זאָרג זיינע איז די טאָכטער. אָט כאַפּט זיך אַריין אין זיין נשמה אַ צווייפל און דאַן פאַרלירט ער זיך ווי אַ קינד און פרעגט ביי יעדן איינעם אַ מיי־

בונג: „איז דאָס דען מעגלעך, אַז מיין טאָכטער זאָל זיין אויך אַרעסטירט? זי איז דאָך זיי אַזוי איבערגעגעבן, אַזוי געטריי!...‟ און ער טרייסט זיך אַליין: „עס איז אוממעגלעך, עס איז נישט יושרדיק און נישט טאַקטיש צו אַרעסטירן אַ קינד וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ לעגענדאַרן נאָמען ביים פראָסטן פאָלק, נאָר דערפאַר ווייל איר פאָטער איז אַ „סאַמאָדור‟ און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ קאַריערע וואָס איז אים נישט געווען צום האַרצן!‟...

ווען אין דער קאַמער פלעגט ווערן אַביסל טונקעלער און קילער, די ברענענדיקע זון־שטראַלן האָבן זיך פון די קעלער־פענצטער, מיט די אייזערנע גראַטעס, אָפּגעטראָגן, און פון וויטן האָט צו די פענצטער אַריינגעקוקט אַ שטיק רויטע שקיעה, וועלכע האָט געברענט אין דעם הויכן הימל, דאַן האָבן זיך אַלע אַרעסטאַנטן אויפן פאָל צעלייגט. אייניקע האָבן אָנגעהויבן צו דרימלען און אייניקע זענען געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטרוימט... אָבער נאָר איין אַרעסטאַנט איז אין דער רגע אויפן פאָל נישט געלעגן. דאָס איז געווען דער חסידישער רב, דער ייִד מיט דער לאַנגער באָרד און פיאות. ער איז געשטאַנען ביי אַ וואַנט און זיך געשאָקלט. אַ בלאַסער שאָטן הינטער אים האָט זיך אויף אַ צווייטער וואַנט צעגאָסן און אים זיך נאָכגעקרימט. דער ייִד האָט געדאַוונט מנחה. ער האָט שטיל, אין זיך, אין דער טיפעניש פון זיין נשמה געוויינט און געזונגען, און מיט זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן די הייליקע ווערטער, קלאָר, אַז נאָר גאָט אַליין זאָל זיי דערהערן, פון זיין מויל אַרויסגעבראַכט:

„אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה...‟
„ווויל איז צו די וואָס זיצן אין דיין הויז,
תמיד וועלן זיי דיך לויבן. סעלאָה...‟

**
*

ליגנדיק אויפן הוילן צעמענטענעם פאָל, צווישן די איבעריקע אַרעסטאַנטן, אַן אויסגעמאַטערטער און אַ באַזאָרגטער, אַן אויסגעשעפּטער פון די פריערדיקע צוויי שלאָפלאָזע נעכט, איז מיכל איצט, אויפן דריטן אויפדערנאַכט, איינגעשלאָפן ווי אַ פאַרחלשטער. אין שלאָף האָט זיך אים אַ קאָשמאַר געחלומט. שוואַרצע מענטשן האָבן זיך אויף בלוט־רויטע ווענט געדראַפּעט און געשריגן מיט ווילדע קולות... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ באַגאָסענער פון אַ קאַלטן שוויס. ער האָט דערזען: קיינער שלאָפט נישט.

אַלע זיצן אויפֿן פּאָל. זייערע פּנימער זענען בלאַסע און דערשראָקענע. זייערע אויגן זענען ווילדע, גלאַנציקע, איבערגעקערטע און פֿאַרדרייטע, — משוגענע אויגן... דאָס איינציקע מענטשלעכע אין די אויגן זענען נאָר די טרערן וואָס האָבן פֿון זיי גערונען. דאָס וואָס ער זעט איצט אין דער וואָר האָט ער דאָך ערשט־אָ אין זײַן שווערן חלום געזען. און איצט, אַזוי ווי אין דעם חלום, הערט ער ווי עס טראָגן זיך פֿון ערגעץ ווילדע קולות. אַ שרעק איז אים באַפֿאַלן. ער האָט זיך געגעבן אַ הייב פֿון אָרט נאָר באַלד צוריק געפֿאַלן מיטן פּנים צו דעם קאַלטן צעמענטענעם פּאָל. ער האָט זיך אָנגעהויבן שלאָגן מיט די הענט אין קאָפּ און זיך צעוויינט און צעשריגן: — מאַמע! צוויי מענטשן, וואָס זענען געזעסן נאָענט צו אים האָבן אים אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן מויל און האָבן אים שיר נישט דערשטיקט.

— שווייג, מיר וועלן דאָ איבער דיר אַלע אומקומען!

— נאָך דער מאַמען זיך פֿאַרבענקט! שווייג...

מען האָט אים שטיל דערקלערט, אַז דאָ אין דער קאַמער איז אַלץ אין אָרדענונג, און אַז די האַרץ־רײַסנדיקע קולות טראָגן זיך פֿון אַ צווייטער קאַמער, וואָס אַקעגנאיבער. דאָרטן איז די טויטן־קאַמער, אַהין פֿירט מען די „סמערטניקעס״, די מענטשן וועמען די „טראָיקע״ פֿון דער „טשע־קאַ״ האָט פֿאַרמשפּט צום טויט. און טאַקע דאָ, אין דער טויטן־קאַמער, וועלכע אונטערשיידט זיך פֿון די איבעריקע קאַמערס נאָר מיט דעם וואָס זי געפֿינט זיך אַביסל טיפֿער אין דער ערד, שיסט מען די פֿאַרמשפּטע...

מיכל איז ביסלעכוויז געקומען צו זיך. ער האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו דעם אַלעם וואָס עס איז פֿאָרגעקומען. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געזעסן צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרעסטירטע מענטשן, זיך צוגעהערט מיט ציטער און גרויל אין דער נשמה צו די ווײ־געשרייען, לידער־געזאַנגען, טויטע געלעכטערס און לעצטע געוויינען פֿון די אויף טויט פֿאַרמשפּטע מענטשן, וועמען די דרײַ „אויסדערוויילטע״ קאָמוניסטן, די „טראָיקע״ האָט אָפּגעזאָגט צו לעבן...

פּלוצים איז שטיל געוואָרן. מען האָט געהערט פֿעסטע און שווערע טריט. עס האָט שאַרף אַ סקריפּע געטאָן אַ צעפּראַלטע טיר און זיך באַלד צוגעמאַכט. דערנאָך איז ווידער געוואָרן שטיל. און מיטאַמאָל: „קנאַק, קנאַק, קנאַק!״... עס האָט אַ דונער געטאָן מיט עטלעכע שאָסן.

מיכל און אַלע אין דער קאַמער האָבן זייערע קעפּ צו זייערע ברוסטן אָנגעבויגן. אַ קעלט האָט אַרומגעכאַפּט יעדן איינעם. קיינער האָט נישט גע־

דענקט ווי לאַנג מען איז אַזוי געזעסן. קיינער האָט איצט וועגן גאָרנישט געטראַכט, און דאָך האָט יעדער איינער מיט אַ נישט־קלאָרן, אומבאַוווסט־זיניקן געדאַנק יאָ געטראַכט, אַז פּילייכט וועט באַלד קומען זיין נעקסט...

עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. לעבעדיקע זון־שטראַלן האָבן זיך מיט ראַנגלעניש אַדורכגעריסן דורך די אייזערנע גראַטעס אויף די פענצטער פון דעם קעלער, וועלכער האָט אויף זיך אויסגעהאַלטן דעם שיינעם, ווייסן, מאַרמאָרענעם פּאַלאַץ. די אַרעסטאַנטן, אין די קאַמערס פון דעם קעלער, האָבן ביסלעכווייז אויפגעהויבן זייערע שווערע קעפּ פון זייערע פאַרחלשטע הער־צער. מען האָט דערזען: די זון שיינט, די וועלט שטייט נאָך אויף אַן אָרט. גרינע גראָזן און בלוי־ווייס קאָלירטע בלומען האָבן פון דעם קייסערלעכן הויף־גאָרטן צו די קעלער־פענצטער זיך געבויגן. גאָלדענע פייגל האָבן אי־בערביימער געטאַנצט און פריילעך אַ „לויב צו גאָט" געזונגען...

דאָס איז געוואָרן דער פערטער טאָג, זינט מען האָט מיכלען אַהער געבראַכט.

4.

עס זענען אַריבער נאָך עטלעכע טעג און נעכט. און איינמאָל, אין מיטן דער נאַכט, האָט עמיצער מיכלען געוועקט פון שלאָף. אין דער קאַמער איז געווען פינצטער און קאַלט. אַ שאַרפע שיין פון אַן עלעקטרישן לאָמפּ האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים. אַ גרויסער און שווערער שטיוול האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ זייט.

— שטיי אויף!... „פּאַידיאָם", קום!...

מיכל האָט געציטערט. עס האָט אין אים געוואָרפן אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט זיך אָנגעהויבן רייבן די אויגן. ער האָט פאַר זיך דערזען אַ סאָלדאַט פון דער „טשע־קאַ" און ער האָט געפרעגט: — וואָס איז?...

— קום, פייגעלע!... — האָט דער טשעקיסט זיך העסלעך צעלאַכט, — כאַ, כאַ, כי!... דאָס פייגעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ שטייגעלע!... כאַ, כאַ, כי!... קום, קום!... — און ער האָט מיכלען ווידער אַ זעץ געטאָן מיט זיין שווערן שטיוול, — גיב זיך אַ ריר!... גישטאָ קיין צייט!... דו ביסט נישט דער איינציקער!... אַ סך אַזעלכע קאָנטרעס האָבן מיר דאָ! — און אַ צעבייזערטער האָט ער אַ כאַפּ געטאָן מיכלען פאַרן קאָלנער און אים אַרויסגע־שטויסן פון דער קאַמער.

מען איז געגאַנגען איבער אַ לאַנגן, האַלב־פינצטערן קאָרידאָר, וועל־

כער איז געווען אַזוי לאַנג, אַז מיכלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער גייט איבער אים אַ גאַנצע אייביקייט. נאָר אָט האָט זיך די אייביקייט געענדיקט. מען האָט אים אַריינגעשטופּט אין אַ שטאַרק באַלויכטענעם צימער. דער קאָנ־טראַסט צווישן דעם לאַנגן און טונקעלן קאָרידאָר און דעם קורצן און שטאַרק באַלויכטענעם צימער איז געווען אַזאַ איבערראַשנדער, אַז עס האָט זיך אים באַלד פאַרדרייט דער קאָפּ. ער איז אָבער גיך געקומען צו זיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. דער צימער איז געווען גלאַנציק־ווייס. די ווייסקייט פון די ווענט, דעם סופיט און דעם דיל, האָט מיט קרישטאָלענע שאַרף־שיינענ־דיקע שטערנדלעך געבלישטשעט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ ווייס־קאַלטער שניי האָט דעם צימער באַדעקט. אַלץ איז אין דעם צימער געווען ווייס, פּראָסטיק און ליידיק. נאָר אָט האָט ער באַמערקט אַז אין איין ווינקל פון דעם צימער איז עפּעס דאָ. אין דעם ווינקל שטייט אַ שרייבטיש, אויפן שרייבטיש ליגן פּאַפּירן, אַ טינט און פעדער און אַ רעוואָלווער. ביים שרייב־טיש זיצט אַ מענטש. איבער דעם מענטש, שאַרף אין דעם ווינקל, שטייט אַ רויטע פאָן. פוןביידע זייטן פאָן הענגען צוויי בילדער, לענין און טראָצקי. לאַנג קוקן צו דעם ווינקל האָט ער נישט געקענט. פון דעם ווינקל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיינע אויגן אַ ברענענדיקע שיין פון אַ טויזנט־לאַמפּיקן פּראָזשעקטאָר. און באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטרענגער באַפעל. דאָס קול האָט זיך געטראָגן פון דעם אָרט ווו דער שרייבטיש איז געשטאַנען, אָבער עס האָט זיך באַקומען גלייך ווי די ברענענדיקע שיין האָט דעם באַ־פעל צו אים געגעבן: — קום צו נענטער!

מיכל האָט זיך דערנענטערט. די שיין פון דעם פּראָזשעקטאָר האָט אומרחמנותדיק געשניטן זיינע אויגן. ער האָט די אויגן געמוזט צומאַכן. אָנ־שטאָט זיך דערנענטערן צום שרייבטיש איז ער אַוועק אין אַ זייט.

— דו ווילסט אַנטלויפן?... — האָט זיך פון דער שיין ווידער אַ קול צעברומט, — דו אויסוואורף, באַנדיט, אַמעריקאַנער שפּיאָן!...

ביים לעצטן אויסגעשריי האָט זיך מיכל אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער קע־שענע פון זיין רעקל. „דער בריוו צום פעטער קיין אַמעריקע"... ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ביים אַרעסטירן אים, ווען מען האָט אים באַ־זוכט, האָט מען ביי אים דעם בריוו צוגענומען.

דאָס ליכט פון דעם פּראָזשעקטאָר איז אויסגעלאָשן געוואָרן. און כאָטש עס איז נאָך געווען גענוג ליכטיק אין צימער, האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס איז שטאָק־פינצטער. עס איז אַ טיפע פינצטערניש און ער פאַלט טיף־טיף,

ערגעץ אין אַן אָפּגרונט. עמיצער האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אים צוגעפירט צום שרייבטיש און אים אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל. ער האָט פאַר זיך דערזען אַ מענטשן אין דער פולער „טשע־קאַ״־אוניפאָרם. דער מענטש האָט אויף אים געקוקט שטרענג און ער האָט ווי אַ ביק אַ רע־ווע און אַ מורקע געטאָן: — מו...מו!...

ביי מיכלען האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן אין האַרץ. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז דער־אָ גרויזאַמער מענטש וועט צו אים קיין מיטלייד נישט האָבן. פאַרפאַלן... און מיטאַמאָל, ער ווייסט אַפילו נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען, מיטאַמאָל איז די גאַנצע שרעק פון אים אַוועק... ניין, דער־אָ ווילדער מענטש אין דער אויסגעפּוצטער אוניפאָרם שרעקט אים נישט. אמת, די רעוואָלוציע פאָדערט שטרענגקייט, נישטאָ קיין צייט פאַר צאַרט־קייט, אָבער די זעלבע רעוואָלוציע פאָדערט דאָך אויך גערעכטיקייט!... מען דאַרף זיך שטאַרקן, אויפקלערן, זיך בעטן... און עס איז געווען ווי אין אַ טרוים. ער האָט דערזען, אַז דער ווייס־פינקלדיקער, קאַלט־שנייאיקער צי־מער איז נישט מער ליידיק. דאָס צימער איז אָנגעפילט מיט מענטשן, מיט אָרימע, הונגעריקע מענטשן. זיי שטייען מיט אויסגעדאַרטע, אויסגעצויגענע הענט און בעטן זיך: „ברויט, ברויט, גיט אַ שטיקל ברויט!״ און פון מאָל צו מאָל כאַפּן זיי זיך אָן מיט זייערע הענט פאַר די אומריינע, צעביסענע און שמוציקע לייבער און קראַצן, קראַצן און רייסן פון זיך שטיקער. די לייז, די אומצאָליקע פּאַראַזיטן בייסן און צופּן און זויגן דאָס בלוט פון די אויסגעדאַרטע לייבער. נישטאָ קיין ברויט, נישטאָ קיין זייף, נישטאָ קיין נאַפּט, נישטאָ קיין קוילן. גאָרנישט איז נישטאָ. מען קען זיך נישט אָרומ־וואַשן, נישטאָ אַפילו מיט וואָס אויפצוזידן אַביסל וואַסער... זיין מאַמע, זיין ריינע, ציכטיקע מאַמע, און זיינע טייערע קליינע ברידערלעך, און זיין פּי־צעלע שוועסטערל — אַלע זענען זיי פאַרעיפּושט, אומריין און הונגעריק!... איז וואָס פאַר אַ פאַרברעכן האָט ער דאָ געטאָן?... קען אים דען די רעוואָ־לוציע דאָס נישט פאַרגעבן?...

— ניעט! — האָט דער איבערגעגעבענער קאָמוניסט, דער געטרייער היטער פון דער נייער אָרדענונג, דער אויספאָרשער פון דער „טשע־קאַ״, אויסגעשריגן, — ניעט, ניין!...

און ווי אַ זייגער מיט אַ לאַנגער שטאָלענער פּרוזשינע, וועלכע מען האָט פריער אָנגעדרייט, הייבט אָן צו גיין און צו קלאַפּן מאָנאָטאָן, אַזוי איז

דער אויספאָרשער געווען. ער האָט אָן אויפהער מאַנאָטאָן געשריגן און באַ־שולדיקט:

— מיכל קרוגער, דו ביסט אַ פֿיינד פון דער רעוואָלוציע, אַ סאַבאָ־טאַזשניק, אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַ שפּיאָן! אַזאַ ווי דו פֿאַרגעבן טאָר מען נישט. אָ, מיר קענען איך! דו ביסט אַ קליינער וואָרעם, אַ פּיאַווקע אויפן לייב פון דער סאָוועטן־מאַכט. דו ביסט אַ באַנדיט, אַ באַנדיט מיט אַ מיט־גליד־בילעט פון דעם „קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד". דו ביסט אַ פאַר־שטעלטער קלעריקאַל, אַ רעליגיעזער ייִד, אַ זון פון אַ בורזשוי און אַ רבֿ!...

— עס איז נישט אמת! — האָט מיכל דעם אויספאָרשער אין פּנים צו־ריק געשריגן, — עס איז נישט אמת!... מיין טאַטע איז נישט געווען קיין בורזשוי און נישט קיין רבֿ. מיין טאַטע איז געווען אַן אַרבעטער. אין אַ טעקסטיל־פאַבריק האָט ער געאַרבעט!... ער איז געווען אַ רעליגיעזער מענטש, אָבער אַ פּראָליעטאַריער, אַן אָרימאַן און נישט קיין רבֿ!...

— שווייג! שלאָג מיר נישט איבער! האָסט נישט דאָס וואָרט! איך זאָג, אַז דו ביסט אַ זון פון אַ בורזשוי און אַ רבֿ, ביסט דאָס!... און דיין פעטער אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע איז דען נישט קיין בורזשוי און רבֿ? אַהאַ, דאָס וועסטו אויך לייקענען? מיר האָבן באַווייזן. דו האָסט אַ בריוו קיין אַמעריקע געשריבן! דו האָסט באַרעדט, באַשמוצט און פאַראַטן דאָס סאָוועטן־לאַנד צו די קאַפּיטאַליסטן פון אַמעריקע! — ער האָט האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאַפּיר פון זיין שרייבטיש און עס אונטערגעטראָגן צו מיכלס נאָז, — שמעק! דאָס איז דיין בריוו, דו האָסט אים געשריבן!...

— מיין מאַמע האָט מיך געבעטן דעם בריוו צו איר ברודער שרייבן, — האָט זיך מיכל פאַרענטפערט, — דער טאַטע איז געשטאָרבן, און די מאַמע, די קינדער, און איך אויך, מיר האָבן געהונגערט!... די מאַמע האָט געבעטן הילף ביי אירן אַן אייגענעם ברודער! איז דאָס דען אַ פאַרברעכן?...

— שווייג, דו אויסוואָרף! מו... מו!... — האָט דער אויספאָרשער ווידער ווי אַ ביק אַ מורקע און אַ רעווע געטאָן, — שוויג ווען איך רעדן!... ביסטו זיך מודה, אַז דו האָסט זיך מיט אַנטי־סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע פאַרנו־מען?... זיי זיך מודה!...

— ניין! — האָט זיך מיכל אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, — ניין, ניין!

דער אויספאָרשער האָט זיך צו זיינע אָפּלייקענונגען נישט געוואָלט צו־הערן. ער האָט אָן אויפהער מיכלען פאַרגעוואָרפן:

— האָסט באַרעדט, באַשמוצט און פאַרקויפט אונדזער באַנייט, סאָ־

וועטיש פאַטערלאַנד! דו האָסט געשריבן ליגנס! מען הונגערט האָסטו געשריבן!... פאַרוואָס ביסטו נישט געגאַנגען אַרבעטן?...

— אָבער, טאָוואַרישטש אויספאָרשער...

— וואָס פאַר אַ טאָוואַרישטש בין איך דיר?... גראַזשדאַנין, בירגער אויספאָרשער!

— גראַזשדאַנין אויספאָרשער, — האָט מיכל איבערגעזאָגט, — עס איז דאָך קיין אַרבעט נישטאָ. אַזאַ צייט, מלחמה, בירגער־קריג, אַלע פאַבריקן שטייען. מיין טאַטע איז צוויי יאָר אַרבעטלאָז געווען. איך האָב געזוכט אַרבעט!...

— שיט מיר נישט קיין זאַמד אין די אויגן, דו קאָנטראַ!... — האָט דער אויספאָרשער געשטורעמט און מיט דעם בריוו אין דער לופטן געפאָכעט, — קיין ברויט איז נישטאָ, לייז זענען דאָ, האָסטו געשריבן! און דו מיינסט, אַז מען קען דאָס דיר פאַרגעבן? אָ, ניין, נישטאָ איצט קיין צייט פאַר רחמנות און צאַרטקייט!

— אָבער דאָס איז דאָך אמת, גראַזשדאַנין אויספאָרשער, — האָט זיך מיכל צו דעם פאַרהאַרטעוועטן מענטשן געווענדט, — האָסטו אַ מאַמע? האָסטו קלענערע פון זיך ברידערלעך און אַ שוועסטערל? וואָלסטו געקענט צוזען ווי זיי הונגערן, ווי זיי רייסן פון זיך דאָס לייב פון אומריינקייט, ווייל די לייז בייסן זיי און עס איז אַפילו נישטאָ מיט וואָס קיין ביסל וואַסער אָנצוואַרעמען, און עס איז נישטאָ קיין שטיקל זייף כדי מען זאָל זיך קענען אָרומוואַשן!...

— מ... מ!... — האָט דער אויספאָרשער שוין איצט ווי אַן אמתער צערייצטער און צעווילדעוועטער ביק זיך צעמרוקעט און צעשריגן, — אַ כיטרער ייִד ביסטו! מיט אַ רחמנות־פּראָפּאַגאַנדע ווילסטו מיך נעמען? אָ, ניין, עס וועט זיך דיר נישט איינגעבן! שוין געהאַט אַזעלכע ווי דו! — ער האָט אָוועקגעלייגט די בריוו מיט וועלכער ער האָט די גאַנצע צייט אין דער לופט געפאָכעט און אַ נעם־געטאָן דעם רעוואָלווער. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם רעוואָלווער און דערנאָך אים צוריק אויפן שרייבטיש אָוועקגעלייגט. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, גלייך ווי ער האָט זיך אין עפּעס וויכטיקס דערמאָנט. ער האָט געפרעגט:

— ווו ביסטו אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג געווען?

— אין דער היים!

— פאַרוואָס נישט אויפן פראָנט?

— עס איז דאָך צוריק מיט צוויי יאָר געווען.
— איז וואָס?...
— איך בין דאָך דאַן אַלט געווען פופצן יאָר.
— און איצט, וויפל ביסטו איצט אַלט?
— זיבעצן!
— זיבעצן?... — האָט זיך דער אויספאָרשער צעלאַכט, — דו זעסט אויס אַ סך עלטער. ביסט צוואַנציק.
— איך האָב אַ מעטריקע, אַ געבורט־שיין!
— מו... פאַפירן, פאַפירן!... אַלץ איז פאַלש, דיינע רייד זענען פאַלשע און דיינע פאַפירן זענען פאַלשע!
— אָבער גראַזשדאַנין אויספאָרשער, איך...
— שווייג, דו סאַבאָטאַזשניק, באַנדיט, אַמעריקאַנער שפּיאָן!
— ס'אַ ליגן, איך בין נישט...
— שווייג, איך פרעג ביי דיר נישט וואָס עס איז ליגן און וואָס עס איז אמת! אַ, מען קען דיך גוט! יעדער שפּאַן דיינער איז אונדז באַוווּסט! מיר האָבן שוין אויף דיר פון לאַנג אַן אויג!... — ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און זי אַ שטויס־געטאָן מיטן פוס, שרייענדיק, — וועכטער, פירט אים אַרויס, דעם אויסוואָרף, אַרויס, אַרויס!... אין אַן איינצלנער קאַמער וואַרפט אים אַריין, אין אַן איינצלנער!...

עס זענען אין דעם ווייס־פראָסטיקן צימער אַריין צוויי סאָלדאַטן. זיי האָבן מיכלען אַ כאַפּ געטאָן אונטער די אָרעמס און אים אָנגעהויבן שלעפּן. ער האָט זיך פון זייערע הענט אויסגעריסן און איז צוגעלאָפן צום שרייבטיש, ביי וועלכן דער אויספאָרשער איז געזעסן און ער האָט זיך פאַר אים ביטער צעוויינט:

— איך בעט מיטלייד, איך פאָדער גערעכטיקייט!... הערט מיך ווידעראַמאָל אויס. איך וועל פאַר אייך אַלץ אויפקלערן!... איר מוזט מיך פאַרשטיין. נישט אַלץ איז אַזוי ווי איר מיינט. קוקט אַריין אין מיין נשמה. טראַכט זיך אַריין אין מיין לעבן!...

ער האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו בעטן און צו וויינען. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דער „טשע־קאַ"־אויספאָרשער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צו צום פענצטער. ער האָט אַרויסגעקוקט אַקעגן איבער צו די נאַקעטיקע שאָטנס פון די ביימער, אין דעם אַלעקסאַנדראָווער פאַרק, און ווייטער, צו דער

פינצטער פון דעם שוואַרצן ים אויף וועלכן עס האָבן זיך רויטע שיינען גע־הוידעט. דאָס האָבן זיך געלייכט די שיפן „אלמאז" און „סינאָפּ", וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער „טשע־קאַ", און אויף וועלכע מען האָט די זייער „געפּערלעכע" קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן געפּייניקט, שטיינער צו זייערע פיס צוגעבונדן און אין וואַסער אַריינגעוואָרפן...

מיכל האָט דערזען, אַז דער אויספאָרשער שטייט גאָר מיט דער פּליי־צע צו אים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז רעדן צו דער פּלייצע פון אַ מענטשן איז דאָס זעלבע ווי רעדן צו דער וואַנט.

דער אויספאָרשער האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער. ער האָט דער־זען מיכלען און ער האָט מיט אַ היסטערישן אויסגעשריי זיך געווענדט צו די סאָלדאַטן.

— וועכטער, וואָס שטייט איר? פירט אים אַרויס פון דאַנען!...

מיכל איז אַליין צוגעקומען צו די סאָלדאַטן און זיך געלאָזט אַרויס־פירן.

.5

די איינצלנע קאַמער איז געווען טונקל און פייכט. פון די ווענט און פון דעם פּאָל האָט זיך געטראָגן אַ גערוך פון זויער קרויט און צע־פוילטע קאַרטאָפל. דאָס איז, ווייזט אויס, אַמאָל געווען אַן אָרט וווּ מען האָט געהאַלטן קרויט און קאַרטאָפל, כדי צו קאָכן באָרשטש פאַרן קייסער... פאַר איין מענטש איז די קאַמער געווען צו גרויס. מיכל האָט דאָ געהאַט גענוג פּלאַץ אויף אַרומצושפּאַנען אַהין און צוריק.

פון אָנהייב אָן האָט אים געמאַטערט די איינזאַמקייט. ער איז כמעט ווי נישט געשלאָפן. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומשפּאַנען און אין איין טראַכטן. און געטראַכט האָט ער וועגן אַלץ, וועגן דער מאַמען, די קינדער און וועגן זיינע חברים. ער האָט אויך געטראַכט וועגן דער גאַס. ווי אַזוי איז איצט אין דרויסן, איז נאָך אַלץ זומער? ווייניקער ווי אַלץ האָט ער גע־טראַכט וועגן זיך זעלבסט. אים האָט נישט געערגערט מער וואָס ער גע־פינט זיך אין דעם אָ צושטאַנד, אַ פאַרשפּאַרטער אין אַן איינצלנער קאַמער. ביסלעכווייז איז ער איינגאַנצן אָפּגעטעמפּט געוואָרן. ער האָט אויפגעהערט אַבסאָלוט צו טראַכטן וועגן עפּעס וואָס... ווען מען האָט אים אַריינגעבראַכט דאָס עסן, דאָס שטיקל שוואַרץ ברויט מיטן ביסל מוטנע זופּ, האָט ער עס גיך איינגעשלונגען און איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך ווי אַ תם. אַלע

מענטשלעכע געפילן און פֿאַרלאַנגען האָבן זיך פֿון אים אָפּגעטאָן. אַפֿילו דער חיהשער אינסטינקט פֿון הונגער האָט אין אים אָנגעהויבן אַטראָפֿירט צו ווערן...

וויפֿל עס האָט געדויערט זײַן זיצן אין דער איינצלנער קאַמער האָט ער נישט געדענקט. אָבער ווען מען האָט אים נאָר אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרטן און מען האָט אים אָנגעהויבן צו פֿירן איבער דעם אייביק־לאַנגן, און ווי אים האָט זיך געדוכט, אומענדלעכן קאָרידאָר, האָבן זיך צו אים צוריק אַלע מענטשלעכע געפֿילן אומגעקערט.

מען האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין אַ גרויסן צימער. אַלץ אין דעם צימער איז געווען אויסגעשטאַט ווי אין אַ געריכט־זאַל. עס זענען געשטאַנען עטלעכע רייען מיט בענק. אין פֿראָנט איז געווען אַ העכערונג מיט עטלעכע מאַרמאָרענע טרעפּ אַרויפֿצוגיין. דאָס האָט דערמאָנט אין אַן אַלטאַר פֿון אַ קלויסטער. אויף דער העכערונג איז אַ לאַנגער טיש געשטאַנען באַדעקט מיט אַ רויטן טוך. פֿון דער אַנדערער זײַט טיש זענען געשטאַנען דרײַ שטולן. אויפֿן טיש, אַקעגן יעדער שטול, זענען געלעגן צו עטלעכע בויגן ווײַס פּאַפּיר. אין דעם זאַל, אין דער רעכטער זײַט, נישט ווײַט פֿון די מאַרמאָרענע טרעפּ וואָס בײַ דער העכערונג, זענען געשטאַנען דרײַ מענטשן: צוויי מענער און אַ פֿרוי. הינטער זיי זענען געשטאַנען סאָלדאַטן פֿון דער „טשע־קאַ״ מיט אָנגעלאָדענע ביקסן אין זייערע הענט. מען האָט מיכלען צוגעפֿירט צו די דרײַ אַרעסטאַנטן און אַ סאָלדאַט מיט אַן אָנגעלאָדענער ביקס האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער אים.

ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער זאַל, דער געוועזענער היימישער קלויסטער פֿון דעם צאַרס פּאַלאַץ, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געריכט־זאַל. די „טראָיקע״, דער „דרײַלינג״ פֿון דער „טשע־קאַ״, וועגן וועלכע עס זענען שוין אין שטאָט אומגעגאַנגען גרויזאַמע און באַרבאַרישע לעגענדעס, וועט זיך באַלד דאָ באַווײַזן. זיי וועלן אָנהייבן משפּטן און זיי וועלן פֿאַרמשפּטן אָן רחמנות און אָן שום פֿאַרגעבונג. אָבער פֿאַרוואָס האָט מען אים גאָר אַוועקגעשטעלט צוזאַמען מיט אַנדערע אומבאַקאַנטע מענטשן? וואָס קער ער זיך גאָר אָן מיט די צוויי פֿרעמדע מענער און מיט דער פֿרעמדער, יונגער און בילד־שיינער פֿרוי? ער האָט דאָך זיי קיינמאָל אין זײַנע אויגן נישט געזען? און אויב ער מוז שוין יאָ שטיין פֿאַר אַ געריכט, צוזאַמען מיט אַנדערע, וואָלטן גאָר דאָ מיט אים באַדאַרפֿט זײַן אויך באַריס, עזרא און וואָלאָדיאַ!... זיי האָבן דאָך אויך „געראַבעוועט״ אַזוי ווי ער... צי אפֿשר וועט מען אים

גאָר משפּטן נישט פאַרן „באַראַבעווען" די בעקערייען, נאָר פאַר דעם בריוו וואָס ער האָט צו זיין פעטער קיין אַמעריקע געשריבן? עס איז געווען אַ צו שאַרפער בריוו, כאָטש אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז געווען אמת, אָבער אפשר האָט ער טאַקע נישט געטאָרט אַזוי שרייבן, אפשר זענען דאָס טאַקע רעגירונגס־סודות און מען וועט אים דערפאַר באַשטראָפן ווי אַ פאַררעטער? „גאָט מיינער, ווי איך האָב זיך דאָס פאַרפּלאָנטערט... העלף מיר!"...

און ווייטער האָט מיכל געטראַכט, אַז אין זיין איצטיקן אומגליק איז שולדיק דער וויסטער מורמילאָ יונה, וואָס האַלט זיך פאַר אַן איבערגעגע־בענעם קאָמוניסט און האָט לויט דער מאָדע געענדערט זיין נאָמען אויף בען־אַלי און פאַרשטעלט זיך אַפילו פאַר אַ טאָטער... ער און נאָר ער איז שולדיק אין זיין אומגליק. ער האָט אים געמסרט. „נאַרישקייטן. ס'איז אַן אומזין. פּוסטע חלומות!... צוליב וואָס גאָר טראַכטן שלעכטס וועגן אַ מענטשן? איך האָב דאָך נישט קיין שום באַווייזן, אַז ער האָט מיך געמסרט".

פון אַ זייטיקער טיר זענען אַרויסגעקומען דריי מענטשן. צוויי זענען געווען געקליידעט ציוויל און איינער מיליטעריש. זיי זענען צו צום לאַנגן טיש און פאַרנומען זייערע ערטער.

אין דער מיט האָט זיך אַוועקגעזעצט דער מיליטעריש־געקליידעטער מאַן, טאָוואַרישטש יאָכים שולץ, דער געהילף־שעף פון דער „טשע־קאַ". דאָס איז געווען אַ מענטש אַ ריז פון אַן אַטלעטישן אויסזען. זיין נאָמען איז שטענדיק דערמאָנט געוואָרן צוזאַמען מיטן נאָמען פון דעם שעף פון דער „טשע־קאַ", טאָוואַרישטש נאַטאַן ווידער, פונקט אַזוי ווי טראָצקיס נאָמען איז שטענדיק דערמאָנט געוואָרן צוזאַמען מיטן נאָמען לענין. מען האָט גע־וווּסט וועגן שולצן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, אָבער ער איז אַ דייטש.

אין דער רעכטער זייט פון שולצן איז געזעסן דער געהילף־סעקרעטאַר פונעם אָדעסער קאָמוניסטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, טאָוואַרישטש קאָוואַלטשוק, אַ מענטש מיט אַ געצאַצקעט שוואַרץ־ברוינלעך בערדל אַלאַ טראָצקי. קאָ־וואַלטשוק איז געווען צו־יונג, אַרום פינף און צוואַנציק, כדי צו פאַרנע־מען אַזאַ הויכע פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי און רעגירונג, און דאָס בערדל האָט אים באַדאַרפט צוגעבן סאָלידקייט. וועגן אים האָט מען געוווּסט, אַז ער איז געזעסן אין דער צאַרישער טורמע פאַר באָלשעוויסטישער טעטי־קייט און באַנק־רויבעריי, ווען ער איז נאָך געווען אַ ניינצן־יאָריקער יונגל

און דערפֿאַר האָט ער זיך פֿאַרדינט צו פֿאַרנעמען הויכע פּאָסטנס ביי דער סאָוועטן־מאַכט.

אין דער לינקער זייט פֿון שולצן איז געזעסן דער געהילף־פּאָרזיצער פֿון דעם אָדעסער שטאָט־סאָוועט, טאָוואַרישטש אַנדרייעוו, אַ קליין אויסגע־דאַרט מענטשעלע מיט אַ פּאָר גרויסע ברילן אויף דער נאָז. ער איז געווען פֿון די וואָס מען האָט אין רוסלאַנד גערופֿן „וועטשני סטודענט”, אַן אייבי־קער סטודענט, וואָס האָט שטענדיק געלערנט און קיינמאָל זיך צו גאָרנישט דערלערנט... אַנדרייעוו האָט געוואָלט זיין אַ יוריסט, אָבער אַזוי ווי ער פֿלעגט מער באַזוכן די אונטערערדישע פֿאַרזאַמלונגען פֿון די באָלשעוויקעס ווי די לעקציעס פֿון זיין אוניווערסיטעט, האָט ער טאַקע דערפֿאַר דעם או־ניווערסיטעט קיינמאָל נישט פֿאַרענדיקט און קיין דיפּלאָם נישט געקראָגן. ערשט ווען די באָלשעוויקעס זענען צו דער מאַכט געקומען האָט אים דער אוניווערסיטעט אַ דיפּלאָם געגעבן און ער איז געוואָרן אַן אויטאָריטעט אין טעאָריעס פֿון געזעץ ביי דער פּאַרטיי, רעגירונג און געהיים־פּאָליציי...

די סעסיע פֿון דער „טראָיקע” האָט זיך אָנגעפֿאַנגען מיט אַ פּאָר ווער־טער, וואָס אַ סאָלדאַט, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער טיר האָט אויסגע־שריגן: „אין נאָמען פֿון דער פּאַרטיי קאָמוניסטן באָלשעוויקעס און פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג”... די ווייטערדיקע ווערטער זענען שוין געווען אומ־פֿאַרשטענדלעך, ווייל זיי זענען געווען איינגעחזרטע און דער סאָלדאַט האָט זיי אַזוי גיך אויסגעשריגן, גלייך ווי דאָס וואָלטן נישט געווען קיין ווער־טער נאָר פּויקן־קלעפּ.

יאָכים שולץ האָט זיך פֿון זיין שטול אויפֿגעהויבן און בייז אַ פּיר גע־טאָן מיט זיינע אויגן איבער די פֿיר אַרעסטאַנטן. רויט־געלע פֿייערלעך האָבן אין זיינע אויגן געברענט. באַלד האָט ער אָפּגעקערעוועט זיינע אויגן פֿון די אַרעסטירטע און זיי אַריבערגעטראָגן צו זיינע צוויי מיטהעלפֿערס.

— ווו איז דער פֿינפֿטער אַרעסטאַנט?

— באַשטימט דעם אַלטן נישט ברענגען, — האָט אַנדרייעוו געענט־פֿערט, — בעסער אַזוי.

עס איז געוואָרן שטיל. די דריי „ריכטער” האָבן זיך געשושקעט, זיך וועגן עפּעס באַראַטן...

מיכל האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געזען, אַז אַלץ איז דאָ ווי אין אַ קלויסטער: שמאָלע פֿאַרשפּיצטע פֿענצטער מיט קאָלירטע שויבן. ווייסע, קיילעכדיקע זיילן. סימנים פֿון איקאָנעס און צלמים אויף די ווענט. אָבער

איצט איז דאָס אַ געריכט־זאַל. עס זענען רייען נאָך רייען אויסגעשטעלט אַ סך בענק, אָבער די בענק זענען ליידיקע, נישטאָ קיין מענטשן אויף די בענק. וואָס־זשע, מען דערלאָזט נישט צו קיין מענטשן? אַ שיינער געריכט, אָן מענטשן!... און פיליכט וועלן נאָך באַלד די בענק באַזעצט ווערן מיט מענטשן?... פיליכט וועט ער דאָ זיין מאַמען דערזען?... זי מוז דאָך אַהער קומען!... מען משפט דאָך איר זון, איר ברויט־געבער...

— טאָוואַרישטש שולץ, הייב אָן! — האָט ביים סוף פון דער באַראַטונג און שושקעריי, דער באַבערדלטער קאָוואַלטשוק אויסגערופן. ער האָט פון זיין הויזן־קעשענע אַרויסגענומען אַ זייגער, צעעפנט דאָס זילבערנע דעקל און באַלד שטרענג איבערגעחזרט:

— טאָוואַרישטש שולץ, הייב אָן, עס ווערט שפּעט!

אַנדרייעוו האָט אַראָפּגענומען די ברילן פון דער נאָז, זיי אויסגעווישט מיט אַ ווייסן שטיק לייוונט און זיי צוריק אָנגעטאָן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן איבערן טיש, געכאַפּט אַ פּאַפּיר און גיך עפּעס אויף אים אָנגע־שריבן. ער האָט דאָס פּאַפּיר באַלד איבערגעגעבן צו שולצן.

יאָכים שולץ האָט גענומען דאָס פּאַפּיר אין די הענט, אַ קוק געטאָן אויף דעם און ווידער בייז אַ פיר געטאָן מיט זיינע אויגן איבער די פיר אַרעסטאַנטן. דערנאָך האָט ער מיט אַ שווערן באַסאָוון קול אויסגערופן:

— באַשולדיקטער פּאָפּאָוו!

— איך! — האָט זיך אָפּגערופן אַ מענטש וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ גרויען מאַנטל.

— אַזוי... ביסט אַלט אַכט און פערציק יאָר... געווען אַן אינזשיניער אין דער שטאָטישער עלעקטראָ־סטאַנציע... — און פּלוצים האָט שולצס באַ־סאָווע שטימע אַ דונער געטאָן, עס האָט אַזש אַ טרייסל געטאָן מיט די קאָ־לירטע שויבן פון די קלויסטער־פענצטער, — פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרנו־מען מיט סאַבאָטאַזש? ווער האָט דיך געהייסן זיך פאַרנעמען מיט סאַבאָ־טאַזש? קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער פאַרראַט! צום ווענטל, שיסן!... וועכטער! פירט אים אַרויס! אין טויטן־קאַמער פירט אים!

דער סאָלדאַט, וועלכער איז אונטער דעם פאַרמישפּטן פּאָפּאָוו געשטאַ־נען, האָט אים אַ נעם־געטאָן פאַר דער האַנט. דער מענטש איז געווען בלאַס, אויסגעמאַטערט און אָן שום ווילן מער צו קעמפן פאַר זיין לעבן, אָן שום ווילן מער זיך צו פאַרענטפערן און פאַרטיידיקן.

אַנדרייעוו האָט אויפגעהויבן די האַנט און זי באַלד אַראָפּגעלאָזט.

— וועכטער, וואַרט! — ער האָט זיך געווענדט צו פּאַפּאָוון, — ווילסט לעבן?

דער מענטש אין דעם גרויען, אַלטן מאַנטל האָט מיט אַ פּאָר, כמעט טויטע, גלעזערנע אויגן געקוקט אויף אַנדרייעוון און אויף די איבעריקע צוויי ריכטער. ער האָט מיט זיין לעצטן ביסל פאַרשטאַנד באַגריפן, אַז מען וויל אים נאָך מאַטערן, מען וועט אים נישט לאָזן אַזוי גיך שטאַרבן... מען וויל, אַז ער זאָל זיך מודה זיין און אַז ער זאָל אָנרופן נעמען אויך פון אַנ־דערע „סאַבאָטאַזשניקעס”, כאָטש ער ווייסט נישט און קען נישט אַזעלכע...

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט פּאַפּאָוו איבערגעפרעגט מיט אַ צעבראָכן קול.

אַנדרייעוו האָט אָנגעהויבן גיך־גיך צו רעדן:

— אין דער נאַכט פון אַפּריל, דעם אַכט און צוואַנציקסטן, ווען עס איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון דעם קרייז־קאָמיטעט פון דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי, ווען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, טאָוואַרישטש טשומאַק האָט געהאַלטן זיין רעדע, און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו באַהאַנד־לען דעם פּלאַן פון אונדזער פירער, טאָוואַרישטש לענין, וועגן עלעקטריפי־צירן דאָס לאַנד, פּונקט דאַן איז איבער דער גאַנצער שטאָט פינצטער גע־וואָרן, פּונקט דאַן איז די מאַשינעריע פון דער עלעקטראָ־סטאַנציע, וווּ דו ביסט דער הויפּט־אינזשעניער געווען, קאַליע געוואָרן... זאָג, ווער האָט צו־זאַמען מיט דיר דעם סאַבאָטאַזש דורכגעפירט?...

— עס איז נישט געווען קיין סאַבאָטאַזש, נאָר אַ צופאַל! — האָט דער געפייניקטער פּאַפּאָוו מיט זיינע לעצטע כוחות אויסגעשריגן, — פאַרוואָס ווילט איר דאָס נישט פאַרשטיין?

אַנדרייעוו האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן און אויך אַ שטיקל „יורי־דישע” פּראָצעדור אַנטוויקלען, אָבער קאָוואַלטשוק האָט נערוועז אַ גלעט־געטאָן זיין געצאַצקעט בערדל און אויסגעשריגן:

— גענוג זיך געניאַנטשעט מיט דעם אַ קאָנטראַ! נישטאָ קיין צייט!...

מען האָט פּאַפּאָוון אַרויסגעפירט.

שולץ האָט זיך ווידער אויפגעהויבן פון זיין שטול און ווידער אַ קוק געטאָן אין דעם ווייסן פּאַפּיר, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

— באַשולדיקטער מאַטוסענקאָ!

— איך — האָט זיך אָפּגערופן אַ יונגער מענטש מיט אַ פּויעריש־איג־טעליגענטן אויסזען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסער בלוזע וועלכע

איז געווען אַרום דעם קאָלנער, אויף דער ברוסט און אַרום די אַרבל אויס־געהעפט מיט רויטע, געלע און בלויע זיידענע פעדים. די אויסגעהעפטע אָרנאַמענטן אויף דער בלוזע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געמיש פון צלמימלעך, בלימעלעך און קרוינעך.

— ביסט אַלט זעקס און צוואַנציק יאָר...

— ניין און צוואַנציק יאָר בין איך אַלט! — האָט מאַטוסענקאָ זיך אָפּ־גערופן.

שולץ האָט זיך צעלאַכט. זיין באַסאָווע שטימע האָט געדונערט:

— כאַ־כאַ־כאַ!... זעקס און צוואַנציק צי ניין און צוואַנציק, עס איז אַלצייינס!... דו, קירילאָ מאַטוסענקאָ, דו ביסט אַ פעטליוראָוויעץ, אַן אוקראַאי־נישער נאַציאָנאַליסט, אַ סאַמאָסטיניק! דו ווילסט אָפּרייסן אוקראַאינע פון רוסלאַנד, פון דעם סאָוועטישן פאָטערלאַנד!...

קאָוואַלטשוק האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ קוק־געטאָן אויפן באַשול־דיקטן, זיך אַ גלעט־געטאָן דאָס בערדל און אָנגעהויבן נערוועז צו שרייען:

— דו האָסט מיט סימאָן פעטליוראַ צוזאַמען געאַרבעט?!

— יאָ, געאַרבעט! — האָט מאַטוסענקאָ געענטפערט.

— און דו מיינסט נאָך אַלץ, אַז אוקראַאינע דאַרף זיין אָפּגעטיילט פון רוסלאַנד?!

— יאָ, איך האַלט נאָך אַלץ אַזוי! — האָט מאַטוסענקאָ שטאָלץ גע־ענטפערט.

אַנדרייעוו איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט. מיט זיין אויסגעדאַרט קערפּערל האָט ער זיך איבער דעם רויט־געדעקטן טיש אַ בויג־געטאָן. ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן זיינע ברילן פון דער נאָז און זיי באַלד צוריק אָנגעטאָן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען פון אויפרעגונג און סאַדיסטישער צו־פרידנקייט.

— ווער נאָך האַלט מיט דיר, אַז אוקראַאינע דאַרף זיין אָפּגעטיילט, דאַרף זיין אַ באַזונדערע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונג, וועלכע זאָל זיין אומאָפּהענגיק פון דער פעדעראַטיווער סאָוועטישער רעפּובליק? זאָג, ווער?!...

— אַלע אמתע אוקראַאינצעס האַלטן אַזוי! — האָט מאַטוסענקאָ מיט אַ כיטרן שמייכל געענטפערט.

— רוף אָן נעמען!...

— און אַ פייג, ווילסטו נישט? — האָט מאַטוסענקאָ אַ געשריי געטאָן. עס איז געוואָרן טויט־שטיל אין דעם „געריכט"־זאַל. די דריי „ריכ־

טער״ האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט נישט געקלאַפּט. דער באַשולדיקטער איז צופיל חוצפּהדיק. ער זעט אויס פריש, אויסגערוט און בראַוו... מען האָט אים וויניק געפּאַרשט און אַבסאָלוט נישט געפּייניקט... פילייכט האָט ער דאָ אַ האַנט? עמעצער אין דער „טשע־קאַ״ איז אַ פּראָוואָקאַטאָר... מען דאַרף זיין אויף דער וואַך!

די „טראָיקע״ האָט פאַרלאָזט דעם טיש און איז אַוועק אויף אַ קורצער באַראַטונג. פון יענער זייט טיר, אויפן אַלטאַר, האָט זיך געהערט אַ געשריי, אַ ווילדע זידלעריי און אַ פּאָר שאַרפע, פינף־גאָרנדיקע „אין דער מאַ־מען״... באַלד זענען די דריי „ריכטער״ צוריק געקומען. זיי האָבן פאַרנומען זייערע באַשטימטע פּלעצער. זיי זענען איצט געווען אויפגערודערט, צע־שרויפט און ווילד. די אַרעסטאַנטן האָבן דערפילט, אַז קיין רחמנות קען מען שוין פון די „ריכטער״ נישט דערוואַרטן.

שולץ האָט אַ געשריי געטאָן:

— וועכטער, פירט אַרויס דעם באַשולדיקטן מאַטוסענקאָ אין אַן איינ־צלנער קאַמער! די „דיעלאָ״ איז אָפּגעלייגט פאַר אַ ווייטערדיקער אונטער־זוכונג און וועט געהערט ווערן ביי אַ צווייטער סעסיע פון דער „טראָיקע״!

מען האָט דעם אוקראַינער נאַציאָנאַליסט אַרויסגעפירט, און שולץ האָט אין איילעניש אַ כאַפּ־געטאָן אַ פּאַפּיר פון טיש, אין אים אַריינגעקוקט און אויסגעשריגן:

— באַשולדיקטע מאַריאַ מאַסלינאָוואַ! — ער האָט דערביי אַ זעץ־געטאָן מיט אַ שווערן פויסט איבערן טיש און ווידער איבערגעחזרט: —

— מאַריאַ מאַסלינאָוואַ!...

— איך!

מאַריאַ איז געווען שלאַנק און בלאָנדלעך. איר ווייס פּנים איז געווען מילד. אירע גרויסן בלויע אויגן פאַרחלומט. און כאָטש זי איז געווען דער־שלאָגן און פאַרמאַטערט פון דעם זיצן פאַרשפּאַרט אין דעם טורמע־קעלער, און פון די פיל פאַרהערן, ביי וועלכע מען האָט איר געוואָלט צווינגען זיך מודה זיין אין אויפגעבלאָזענע פאַרברעכנס, וועלכע זי איז קיינמאָל נישט באַגאַנגען, איז זי דאָך געווען ווייבלעך שיין און רייצנדיק. זי האָט אַפילו אויסגעזען פיל יינגער פון אירע פינף און צוואַנציק יאָר.

שולץ האָט גלייך אָנגעהויבן מיט איינער פון די הויפּט־באַשולדיקונ־גען קעגן איר.

— דיין פאָטער, גענעראַל מאַסלינאָוו, האָט זיך מודה געווען, אַז דו

האָסט אים אָפּגערעדט אָנצונעמען דעם פּאָסטן אַלס שעף פון אַ מיליטע־רישער אַקאַדעמיע! איז דאָס ריכטיק?

מאַריאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף שולצן מיט אַ צאָרנדיקער פּאַראַכטונג. די בלוטן האָבן אין איר אויפגעבראַוזט. זי האָט זיך צעשריגן:

— אויב דער אַ ליגן, אַז מיין פּאָטער האָט זיך מודה געווען איז אַ זאַך וועלכע האָט קיינמאָל נישט עקסיסטירט, איז אַן אמת, דאַן איז דאָס אַלץ וואָס איר ווילט ריכטיק! אָבער איידער איך דערקלער זיך שולדיק, בעט איך אייך: ווייזט מיר דעם אַקט פון מיין אומגליקלעכן פּאָטערס פאַרהער מיט זיין מודה זיין זיך און מיט זיין אונטערשריפט.

קאָוואַלטשוק איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט שוין איצט אַפילו קיין צייט נישט געהאַט אַ גלעט צו טאָן זיין געצאַצקעט בערדל. ער איז געווען צופיל אויפגערעגט.

— דו, פּאַפּירענע אינטעליגענטקע! עס רעדן צו דיר פאָרשטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דער סאָוועטישער רעפּובליק. אונדזערע ווערטער דאַרפן פאַר דיר זיין גענוג באַגלויבלעך. קיין שום פּאַפּירן מיט קיין שום אונטערשריפט וועלן מיר דיר נישט באַווייזן!

— לענין לערנט אונדז, אַז מען זאָל אויפן וואָרט גישט גלייבן. פאַקטן גיט אַהער, פאַקטן! — האָט מאַריאַ צוריק צו קאָוואַלטשוקן געשריגן.

— דו פּאַסקודסטווע, וואָש אויס דאָס מויל, ווען דו דערמאָנסט לענינס נאָמען.

— און דו, כאַלואַי, שער אָפּ דיין בערדל וועט מען זען, אַז דו ביסט אַ נאַריש ייִנגל, אַ בייסטרוק, וואָס דאַרף זיך נאָך גיין לערנען לייענען און שרייבן!...

די קעגנזייטיקע באַליידיקונג איז מעגלעך געווען נאָר ווייל די באַשול־דיקטע און דער באַשולדיקער זענען פון איין קרייז געווען און האָבן יאָרן־ווייז אין דעם זעלבן „רעוואָלוציאָנערן" טאָפּ זיך געקאָכט, סיי אין דער פּאַרטיי און סיי אויף די פראָנטן אין דער צייט פון בירגער־קריג.

— צום ווענטל, ליקווידירן! — האָט קאָוואַלטשוק אויסגערופן, — די אַ דוואָריאַנסקע סטיערווע האָט זיך די גאַנצע צייט פאַרשטעלט פאַר אַ פּאַרטיי־חבר, זיך איינגעקויפט צוטרוי מיט אירע העלדישע טאַטן אויף די פראָנטן, כדי אַזוי אַרום בעסער צו קענען שפּיאָנירן פאַר איר טאַטן, דעם צאַרישן גענעראַל און צוגרייטן אַן אויפשטאַנד קעגן דער סאָוועטן־מאַכט, און צוריק אויפשטעלן אַ צאַרישע רעגירונג! אָבער עס האָט זיך איר דאָס

נישט איינגעגעבן. מיר האָבן זי געכאַפּט ווי אַ גנב ביי דער האַנט. מיר קענען זיך איצט נישט פאַרגינען צופיל צו ניאַנטשען מיט אַ דער אַ שליובע? צום ווענטל, שיסן, דאָס איז דער רעוואָלוציאָנערער אורטייל!

אַנדרייעוו, דאָס קליינע אויסגעדאַרטע מענטשעלע מיט די גרויסע ברילן אויף דער נאָז, וועלכער איז אויך אַ געוועזענער „דוואָריאַנין", אַן אָפּ־שטאַמלינג פון דעם געוועזענעם צאַרישן, פּריווילעגירטן אַדל־שיכט, האָט באַשטימט צו שווייגן און לאָזן די אַנדערע צוויי קאָלעגן זיינע מיט דער „דיעלאָ" זיך באַשעפטיקן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע באַברילטע אויגן צום רויט־געדעקטן טיש און עפּעס גיך־גיך מיט זיין קליין אויסגעדאַרט הענטעלע אויף אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר געצייכנט. ער האָט צענדליקער מאָל געשריבן איינס און דאָס זעלבע וואָרט: שיסן, שיסן, שיסן...

פון דעם אַלעמען וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם זאַל איז מיכל אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ווען שולץ האָט אים ביי זיין נאָמען אַ רוף געטאָן, האָט ער נישט געוווּסט צי מען מיינט דאָס אים אָדער עמעצן אַנדערש. דער סאָלדאַט וועלכער איז געשטאַנען הינטער אים האָט אים אַ שטויס געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט:

— ענטפער, ווען מען פרעגט!...

שולץ האָט ווידעראַמאָל, און איצט אומגעדולדיק, אויסגערופן:

—באַשולדיקטער מיכאיל קרוגער! — ער האָט זיך פון כעס פאַרהיקעט און ווידער איבערגעחזרט, — מי... כאַ...יל, קרו... גער!...

מיכל האָט זיך אַרומגעקוקט און ערשט איצט דערזען, אַז ער איז איי־נער אַליין געבליבן. די איבעריקע דריי באַשולדיקטע, די צוויי מענער און די פרוי, זענען שוין לעבן אים נישטאָ. אַ קעלט איז דורך זיין לייב אַרי־בער. עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט מיט ציטער אין זיין קול זיך אָפּגערופן:

— איך, איך בין מיכאַיל קרוגער!

ער האָט אויסגעזעצט אַ געוויין. ער האָט זיין ווילן געבראָכן. ער האָט מער ווי אַ מענטש אויף זיינע פיס שוין שטיין נישט געקענט. ער האָט זיך גע־בויגן. ער האָט פאַר זיך דערזען דעם טויט און ער האָט געוואָלט לעבן... ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די מאַרמאָרענע טרעפּ פון דעם געוועזענעם אַלטאַר. ער האָט פאַרריסן זיין קאָפּ צו דעם רויט־געדעקטן טיש. ער האָט צו די דריי „ריכטער" אַרויפגעשריגן מיט אַ האַרץ־רייסנדיק קול:

— איך וויל לעבן, איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר ווילט, לאָזט מיך לעבן!...

אַנדרייעוו האָט אַראָפּגעכאַפּט זיינע גרויסעברילן פון דער נאָז, זיך אַ הייב געטאָן און עפּעס שולצן אין אויער איינגעראַמט. שולץ האָט ווי אַ פערד, מיט אַ באַסאָווע הירזשע, זיך צעלאַכט: „הירכע... כע!...״ און זיך אַ בייג־געטאָן צו קאָוואַלטשוקן און אים איינגערוימט אין אויער דאָס וואָס אַנדרייעוו האָט אים פאָרגעשלאָגן. קאָוואַלטשוק האָט זיך אַ כאַפּ־געטאָן פאַר זיין בערדל און אַ רגע זיך פאַרטראַכט. באַלד האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: — דאַ!... יאָ!...

אַלע דריי „ריכטער״ האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט אוועקגיין. ווען זיי זענען שוין געווען ביי דער זייטיקער טיר פון דעם אַלטאַר האָט זיך שולץ צוריקגעקערט און אַ געשריי געטאָן צום סאָלדאַט, וועלכער איז געשטאַנען הינטער מיכלען.

— פיר אים אָפּ אין טויטן־קאַמער!...

.6

מיכל האָט שוין אויסגעוויינט אַלע זיינע טרערן. זיינע אויגן זענען געוואָרן טיפער אין זיין קאָפּ פאַררוקט און אַריינגעוואַקסן. די אויגן האָבן ווי צוויי שטיקער פעלדזן פון צוויי טיפע און אויסגעטרוקנטע טייכן אַרויסגעסטאַרטשעט. די ביטערקייט פון זיין צעוויטיקט האַרץ האָט ער מיט יאָמער־געשרייען אויסגעשפּיגן. ער האָט פאַרלוירן זיין נשמה און זיין געוויסן. געפילט האָט ער, אַז ער האָט נאָך אַ גאַל... און מיט דער גאַל קען ער איצט אַוועקגיין אויף יענער וועלט, צו דער אייביקייט.

דער סאָלדאַט האָט אים געפירט צוריק איבער דעם לאַנגן, אייביקלאַנגן און אומענדלעכן קאָרידאָר, צוריק אין קאַמער אַריין, אָבער דאָס מאָל אין דער טויטן־קאַמער... און טשיקאַווע, ער האָט זיך גאָר איצט נישט געשראָקן פאַרן טויט, ער האָט אָנגעוווירן די גאַנצע מורא.

איז פאַרוואָס־זשע האָט ער זיך באַדאַרפט וואַלגערן אויפן פאָל און בעטן זיך ביי די הינט, אַז זיי זאָלן אים שענקען דאָס לעבן?...

די שווערע, מיט אייזן־געקאָוועטע טיר פון דער טויטן־קאַמער האָט זיך צעעפנט. דער סאָלדאַט האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. עס איז אים, ווי עס ווייזט אויס, שווער געווען צו זאָגן די צוויי ווערטער: „גיי אַריין״,

אָדער די געווײנלעכע ווערטער וואָס מען פרעגט בײַ אַ צום טויט־פאַר־משפּטן: „וואָס איז דײַן לעצטער ווונטש". מיכל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צום סאָלדאַט און דאָס האָט געקענט הייסן: „אַדיעי" אָדער: „איך ווייס, אַז עס איז נישט דײַן שולד, וואָס מען האָט מיך צום טויט פאַרמשפּט". ער איז אַרײַן אין קאַמער און איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר, וועלכע האָט זיך באַלד הינטער אים פאַרמאַכט.

די קאַמער איז געווען זייער גרויס, און כאָטש עס איז געווען פינצטער אינעווייניק האָט מען געקענט פילן די גרויסקייט פון איר. פון יענער זײַט פענצטער, וועלכע זענען געווען מיט ברעטער פאַרהאַקט, אַז קיין שײַן זאָל נישט אַרײַנדרינגען, האָבן דאָך דורך די שפּאַלטן פון די צעטריקנטע ברע־טער זילבערנע פאָסן פון אַ פולער זומער־נאַכט־לבנה זיך אַרײַנגעריסן און קוים־קוים באַלויכטן דעם טויטן־גרוב... פון די ווענט האָט געשמעקט מיט מענטשן־בלוט, ווײַל מען האָט טאַקע דאָ, אין דער קאַמער, די פאַראורטיילטע געשאָסן. און כאָטש מען האָט יעדעס מאָל דאָס בלוט פון די ווענט אויסגע־ווישט און די ווענט געוואַשן — האָט דאָס נישט געהאָלפן, און עס האָט זיך נאָך אַלץ געפילט פון די ווענט אַזוי, גלײַך ווי דאָס בלוט וואָלט פון זיי אַראָפּגעשריגן.

און אפשר האָט זיך מיכלען נאָר געדוכט, אַז פון די ווענט שמעקט מיט מענטשן־בלוט, ווײַל אין דער אַלגעמיינער קאַמער, אין וועלכער ער איז פון אָנפאַנג געזעסן, האָט מען אַ סך געריידט וועגן דעם...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ווײַט אין אַ ווינקל פאַררוקט איז געלעגן אַ מענטש מיט אַ גרויען אַלטן מאַנטל. מיכל האָט אים באַלד דערקענט. דאָס איז דער אינזשיניער פּאָפּאָוו. „ער לעבט נאָך, צי ער איז שוין טויט? עפּעס רירט ער זיך נישט פון אָרט!". און אָט אין אַ צווייטן ווינקל, אויפן פּאָל, זיצט מאַריוסיאַ די פּאַרטיזאַנקע... זי זיצט מיט אירע שיינע ווײַסע הענט אַרומגעכאַפּט די קניִעס פון אירע שלאַנקע און רייצנדיקע פיס. אירע בלויע אויגן קוקן צו מיכלען. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, אָבער ער איז צוגעגאַנ־גען צו איר און לעבן איר אויפן פּאָל זיך אַראָפּגעלאָזט.

זי האָט זיך צוגערוקט צו אים.

— וואָס איז דײַן נאָמען? — האָט איר שטיל און צאַרט קול אויסגע־זונגען.

— מיכל!... מיכאַיל גריגאָרעוויטש קרוגער!...

— קרוגער? — האָט זי איבערגעפרעגט, — אַ דײַטש?

— ניין, אַ ייִד!...

— אַ ייִד? דו זעסט נישט אויס...

— איך ווייס. מען האָט דאָס מיר שוין פיל מאָל געזאָגט.

— ס'אַ קלייניקייט! דו זעסט אָבער אויס ווי אַ מענטש, און אַ ווייל ייִנגל...

— אַ דאַנק פאַר אַזאַ קאָמפּלימענט!...

— וויפל ביסטו אַלט?

— זיבעצן!

— דו זעסט אויס אַ סך עלטער.

— דאָס האָט מען מיר שוין אויך פיל מאָל געזאָגט.

— איז וואָס פאַר אַ „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן פאַרברעכן" האָסטו דען געטאָן, אַז מען האָט דיך אַזש צום טויט פאַראורטיילט?... — און באַלד האָט איר ווייסע און צאַרטע האַנט זיין מויל פאַרשטעלט, — ניין, ניין, דער־צייל נישט, איך וויל נישט הערן!... — און אַ ביסל מיט אַ שטיל־סודותדיקער נייגעריקייט האָט זי דערנאָך געפרעגט, — האָסט נישט קיין מורא?...

— ניין, איך האָב נישט קיין מורא!

— דאָס געפעלט מיר. — זי האָט אים צוגעצויגן צו זיך און אים אַ גלעט געטאָן.

מיכל האָט זיך אָפּגערוקט פון איר. ער האָט אַ קוק געטאָן צום ווינקל, וווּ דער מענטש מיטן גרויען מאַנטל איז געלעגן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו אים. ער האָט אים אַ טאַרע געטאָן. דער מענטש האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. ער איז צוריק צו מאַריוסיאַן צוגעקומען.

— דער מענטש שלאָפט!...

— יאָ, — האָט מאַריוסיאַ געזאָגט, — דער אינזשיניער פּאָפּאָוו שלאָפט! ער שלאָפט זייער שטאַרק!... ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן מער!...

— איז ער קראַנק?...

— איצט איז אים שוין בעסער. ער פילט שוין מער גאָרנישט!

מיכל האָט אויפגעציטערט. ער האָט געפרעגט: — מען האָט אים פיל געמאַטערט? ער איז דערשראָקן?...

— און דו שרעקסט זיך נישט? — זי האָט זיך געצוווּנגען אַ שמייכל צו טאָן.

— איך ווייס נישט. איך פיל נישט קיין שרעק, נאָר אַ בענקשאַפט...

זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אַ האַנט און אים אַ ריר געטאָן.

— אָ, דו ביסט אַ העלד!

— איך ווונדער זיך, — האָט מיכל געזאָגט, — ווי קען אַ מענטש איצט שלאָפן? איך קען נישט! מיין קאָפּ... איך טראַכט...

— צו שפּעט צו טראַכטן, יינגל! — האָט זי געזאָגט. זי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום ווינקל, — דער אינזשיניער טראַכט שוין נישט מער. דאָס האַרץ האָט אין אים געפּלאַצט! ער האָט נישט געקענט דערציִען ביז צום סוף... ער איז טויט!

— ער איז טויט?! — האָט מיכל דערשראָקן אויסגעשריגן און זיך נענטער צוגערוקט צו מאַריוסיאַן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אירע הענט. זי האָט אים אַרומגענומען און ווי אַ מאַמע אים צוגעדריקט צו איר ברוסט.

— האָב נישט מורא, מיכאַיל, שרעק זיך נישט!...

ער איז געבליבן שטיל. ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון איר ברוסט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר געזיכט. ער האָט ווי אַ תפילה מיט די ליפּן געשעפּטשעט:

— איך האָב נישט קיין מורא! און דו האָב אויך נישט קיין מורא, מאַריוסיאַ!...

— מאַריאַ איז מיין נאָמען! רוף מיך מער נישט מאַריוסיאַ... דאָס האָבן זיי מיך אַזוי גערופן. איך וויל נישט מער!

— איך פאַרשטיי דיך. האָסט רעכט, מאַריאַ! — ער האָט צוריק זיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט צו איר ברוסט.

— טייער יינגל מיינס...

זי האָט אים געהאַלטן אַרומגענומען און זיך געשאָקלט. אין דער רגע האָט זיך איר געדוכט, אַז זי וויגט אַ קינד, איר נישט־געבוירן קינד... זי האָט זיך אויפגעהערט צו שאָקלען און אַ קוק־געטאָן אויף אים. עס איז נישט געווען קיין קינד און אַפילו שוין נישט קיין יינגל. אַ געגאַרטער מאַן איז לעבן איר געווען. זי האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים און זיך אָנגערירט מיט איר באַק צו זיינער. דערנאָך האָט זי אירע ליפּן צוגעלייגט צו זיינע און אים אָנגעהויבן ליידנשאַפטלעך צו קושן.

— ליב מיך, האָב נישט מורא, ליב מיך, איך בעט דיך!...

אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין לייב און זיך צעגאָסן איבער אַלע זיינע גלידער. עס איז נישט געווען די וואַרעמקייט פון אַ מלבוש וואָס מען טוט אויף זיך אָן און עס וואַרעמט דעם קערפּער. עס

איז געווען גאָר אַנדערש... מיכל האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַזאַ וואַרעמקייט דערפילט... אים האָט נאָך קיינמאָל קיין שום מיידל אָדער פרוי נישט געקושט און ער האָט קיינמאָל נישט געדענקט, אַז דאָס קען פאַר־שיכורן, צערייצן און צעוואַרעמען אַזוי אַז די בלוטן אין קערפּער זאָלן אָנ־הייבן זידן און קאָכן, און דאַן זאָל זיך אַלץ, אַלץ אין דער וועלט פאַרגעסן און פאַרשווינדן, און אַ געפיל זאָל זיין, אַז מען שוועבט אין דער לופטן, מען טראָגט זיך העכער, העכער און העכער... און אַלץ איז פאַרכישופט, פאַרצויבערט און הייליק... איצט איז שוין אינגאַנצן פאַרשווונדן די מורא פאַרן טויט. דער טויט איז פאַרגעסן געוואָרן. דאָס לעבן האָט גערופן, גע־פאָדערט און געמאָנט!...

— איך האָב נישט מורא, — האָט ער געמורמלט, — און דו האָב אויך נישט קיין מורא! דו געפעלסט מיר, מאַריאַ, איך האָב דיך ליב!...

ער האָט זי צוריק געקושט, משוגע געקושט און מיט זיינע יונגלשע הענט, בתולהשע הענט, ציטערדיק און צאַרט אירע פולע מיידלשע ברוסטן אָנגענומען, און דערנאָך איר גאַנצן קערפּער צאַרט און ליידנשאַפטלעך גע־גלעט, און שטיל, גאָר שטיל צו איר געזאָגט:

— טייערע, האַרציקע, ליבינקע!...

זי האָט אים דערפאַר נאָך שטאַרקער צו זיך צוגעדריקט, אים געקושט, געקושט און מיט אַ מאָל הויך אויף אַ קול אויסגעזעצט אַ געוויין.

— ברודער מיינער, טייערער, מיר גייען שטאַרבן, נאָך היינט, באַלד־באַלד וועט מען קומען און מען וועט אונדז צעשיסן, צעשיסן ווי די הינט!...

מיכל האָט זי פון זיינע אָרעמס נישט אַרויסגעלאָזט. ער איז איצט אין אַן אַנדערער וועלט געווען. וויַיס־בלויע וואָלקנס האָבן זיך געטראָגן, און ער, דער פּרינץ, אין גין־גאָלד געקליידט, טראָגט זיך אין די וואָלקנס מיט זיין נאַקעטער פּרינצעסין. אויגן האָט זיין פּרינצעסין, ווי צוויי רובינען. אירע האָר שיינען ווי גאָלד און זענען ווייך ווי זייד. איר קערפּער שמעקט מיט בשמים. אירע ליפּן זענען זיסע און שטאַרקע. ער קושט אירע ליפּן און ער פילט, אַז ער טרינקט אַ זיסן און שטאַרקן וויין... און אָט האָט ער פאַר זיך דערזען מלאכים. ווייסע מלאכים מיט ווייסע פליגל. זיי פליִען אַרום אין דער לופטן. זיי דרייען זיך אַרום אים און זיין פּרינצעסין. זיי שוועבן, זיי טאַנצן און זיי זינגען: „הללויה, הללויה, הללויה!...". ער האָט זי נאָך שטאַרקער צו זיך צוגעדריקט און צוזאַמען מיט די מלאכים מיטגעזונגען: „הללו את שם יהוה, הללויה, הללויה".

זי האָט אויפגעהערט װײנען. זי האָט זיך אײנגעגערעט אין אים, גלײך װי זי װאָלט אַ פּאַרטײדיקונג און אַ פאַרזיכערונג אין זײן לײב געפונען. זי האָט געשװיגן און זיך צוגעהערט צו זײן געזאַנג און זי האָט געקושט זײנע הענט, זײנע אויגן און זײן שטערן. ביסלעכװײז האָט זי אָנגעהויבן מיט־זינגען. פון אָנהײב האָט זי געזונגען שטיל, דערנאָך שטאַרקער און שטאַרקער. טרערן האָבן זיך פון אירע אויגן געגאָסן. זי האָט געװײנט און גע־זונגען.

אויך ער האָט נישט אויסגעהאַלטן. אויך ער האָט אויסגעזעצט, אין דער מיט פון זײן געזאַנג, מיט אַ ביטערן געװײן. ער האָט אָבער פאַרגעזעצט צו זינגען. און זײערע בײדע קולות, געזאַנגען און געװײנען האָבן זיך פון זײער טויט־קאַמער אַרויסגעריסן און זיך צעטראָגן איבער דעם אײביק־לאַנגן און אומענדלעכן קאָרידאָר פון דער תפיסה, און זיך אַרײנגעריסן אין די אַנדערע קאַמערן. דאָס װאָרט „הללויה" איז געװען דאָס צויבער־װאָרט, דאָס צעמענטיר־װאָרט און דאָס פאַרברידערלעך־װאָרט, װאָס אַלע מענטשן אין דער טורמע, קריסטן, ייִדן און מאַכמעדאַנער האָבן פון דעם געװוּסט. אַלע אַרעסטאַנטן האָבן אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג און אין אײנ־קלאַנג מיט די אויף טויט פאַרמשפּטע מיטגעזונגען: „הללו את שם יהוה, הל־ללויה, הללויה, הל־לו־יה!...

די גאַנצע תפיסה איז געװען פול מיט געזאַנג. נאָר מיכל און מאַריאַ האָבן שוין מער נישט געזונגען. זײ זענען געלעגן פאַרשיכורטע אין זײער בראשיתדיקער ליבע, אויפן הוילן צעמענטענעם פאַל פון דער טויטן־קאַמער, פאַרטיפטע אין זײער ערדיש־הימלישן פאַרגעניגן...

מען איז געלעגן צוזאַמען װי מאַן און װײב.

ער האָט זי שטאַרק געקושט. ער האָט זי געקושט נישט װי אַ ייִנגל נאָר װי אַ מאַן. ער האָט זי געקושט מיט אינסטינקט און מיט גלוסט פון אַ חיה־מענטש. אַ טיפקײט און אַ דערהויבנקײט איז אין זײן קושן געװען.

דערנאָך זענען זײ פאַרמאַטערטע פון גליק צוזאַמען געלעגן און גע־שװיגן. ביסלעכװײז האָט די װירקלעכקײט װי אַ מעסער איבערן האַלדז אַ שנײד געטאָן. קען זײן, אַז אין דער זעלבער רגע איז צו זײ בײדן די אויס־ניכטערונג געקומען. זײ האָבן בײדע דערפילט, אַז די צײט פון װידוי זאָגן דערנענטערט זיך... זײ האָבן זיך אָפּגערוקט אײנס פון אַנדערן און אַ װײלע געלעגן שטיל. מיכל האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּאַנען

איבער דער קאַמער. זי האָט זיך אויך אויפגעהויבן. זי איז געזעסן אויפן פאַל און נאָכגעקוקט זיינע טריט. זי האָט אים אַ רוף געטאָן.

— מיכאַ׳לע, קום אַהער, טייערער, זעץ זיך לעבן מיר!

ער איז צו איר צוגעקומען און זיך געזעצט לעבן איר.

— דו שרעקסט זיך, מאַריאַ?!...

— ניין, מיכאַ׳לע!... אָבער... גיב מיר דיין האַנט!

ער האָט איר האַנט אין זיינער גענומען. זי האָט געזאָגט:

— דערצייל מיר עפּעס. דערצייל מיר וועגן דיין לעבן...

— נישט אינטערעסאַנט!... — האָט מיכל געענטפערט, — געבוירן געוואָרן צוריק מיט זיבעצן יאָר ביי אָרעמע טאַטע־מאַמע אין אַ צוויי־צי־מערדיקער שטוב אויף דער אָרעמסטער גאַס פון דער אָרעמער מאָלדאַוואַנ־קער געגנט. איך בין דער עלטסטער. עס זענען דאָ נאָך צוויי קלענערע ברידערלעך און אַ שוועסטערל. איך ווייס נישט פאַרוואָס מען האָט אויף מיר געזאָגט, אַז איך האָב אַ גוטן קאָפּ צום לערנען... איך ווייס נאָר, אַז איך האָב פון קינדוויז אָן ליב געהאַט צו פאַנטאַזירן און טרוימען, איך בין עפּעס געווען אַנדערש פון אַלע קינדער אויף אונדזער גאַס און מיין אָרע־מער טאַטע האָט געאַרבעט שווער און ביטער, און מיר געשיקט זיך לער־נען אין אַ חדר און אין אַ גימנאַזיע. מיין טאַטע איז געווען אַ וועבער. ער האָט געאַרבעט ביי וויינשטיינען, אין זיין טעקסטיל־פאַבריק. ער איז אָבער געווען אַ פּאַרטאַטש, נישט קיין גוטער באַלמעלאָכע. דערפאַר איז ער אָבער געווען זייער אַ פרומער ייִד. ער האָט אַ סך געדאַוונט, זייער פיל תהילים געזאָגט און זייער ווייניק געלט פאַרדינט. מען איז קיין מאָל אין אונדזער שטוב זאַט נישט געווען... יעדנפאַלס, ער איז פריצייטיק געשטאָרבן...

— און דיין מאַמע? — האָט מאַריאַ אַ פאַראינטערעסירטע געפרעגט.

— מיין מאַמע!... — האָט מיכל אויפגעשיינט און באַלד אומעטיק גע־וואָרן, — מיין מאַמע איז אַ שיינע און אַ קלוגע. זי איז אַ בלאָנדע. זי איז אַזאַ ווי דו...

— אַך, מיכאַ׳לע! זאָג, טייערער, האָסט ליב דיין מאַמען?

— פרעג בעסער נישט, מאַריאַ. דו ווילסט איך זאָל אויסזעצן אין אַ געוויין?...

— אַך, מיין גאָט!

— מאַריאַ, דו גלויבסט אין גאָט?... מאַריוסיאַ די פאַרטיזאַנקע, אַ מיט־גליד פון דער פאַרטיי קאָמוניסטן באַלשעוויקעס, דו גלייבסט אין גאָט?...

— איך ווייס נישט, מיכאַל. איך ווייס שוין איצט גאָרנישט. — זי האָט זיך פאַרטראַכט.

— וועגן וואָס טראַכסטו איצט, מאַריאַ?

— איך טראַכט וואָס ביי דיר איז דיין טאַטע פריצייטיק געשטאָרבן און ביי מיר איז מיין מאַמע פריצייטיק געשטאָרבן. איך האָב זיך דערצויגן ביי מיין טאַטן. ער איז געווען אַ גוטער גענעראַל. ער האָט געטריי דעם צאַר געדינט. אָבער איך ווייס, אַז דאָס וואָס ער האָט רעזיגנירט פון זיין דינסט איז דאָס נישט געווען צוליב אַלטקייט ווי צוליב מיר. ער האָט זיך געוואָלט אָפּגעבן מיט מיין דערציִונג... אַך, איך האָב אַזאַ גוטן טאַטן!...

— איך ווייס, מאַריאַ.

— דו ווייסט?...

מיכל האָט איר נישט געוואָלט זאָגן, אַז ער איז געזעסן מיט איר פאָטער צוזאַמען אין איינער פון די אַלגעמיינע קאַמערן. ער האָט נאָך אין „געריכט" ווען די „טרויקע" האָט מאַריאַס „דיעלאָ" באַהאַנדלט זיך געכאַפּט, אַז זי איז די טאָכטער פון דעם אַלטן גענעראַל, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען אין איין צעל געווען... ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט, אין די לעצטע מינוטן, איז בעסער פאַר איר, אַז זי זאָל דעם אמת וועגן איר פאָטער נישט וויסן. זאָל זי מיינען, אַז איר פאָטער איז אויף דער פריי... ער האָט דערפאַר געענטפערט:

— יאָ, אין געריכט, ווען מען האָט דיך אויסגעפרעגט, האָב איך געהערט, אַז דיין טאַטע איז אַ גענעראַל.

זי האָט מיט אַ ליבלעכער צאַרטקייט זיך צוגערוקט נענטער צו מיכלען און געזאָגט:

— נישט קיין גענעראַל איז מיין טאַטע, נאָר אַ מענטש, אַ גוטער מענטש! איך האָב אים אָבער קיין מאָל נישט געוואָלט פאַרשטיין. איצט טוט דאָס מיר באַנג!

— איך האָב אויך מיין טאַטן נישט געוואָלט פאַרשטיין, — האָט מיכל צוגעגעבן.

זי האָט מיכלען אַרומגענומען און אים אַ קוש געטאָן. זי האָט געזאָגט:

— ווען איך בין אַ קליין מיידעלע געווען איז עפּעס אין מיין לעבן געשען אַזוינס וואָס איך האָב שוין דערנאָך שטענדיק וועגן דעם געטראַכט און דאָס נישט פאַרשטאַנען. אָבער מיר דאַכט, אַז איצט פאַרשטיי איך דאָס, כאָטש עס איז שוין צו שפּעט...

— זייער אינטערעסאַנט. דערציילן!

זי האָט דערציילט:

— מיר האָבן דעמאָלט אונטער דער שטאָט געוווינט. מיר האָבן געהאַט אַ שיין הויז און אַ גרויסן, פּראַכטפולן גאָרטן, אַ סאָד אַזאַ מיט אַ סך פּרוכט־ביימער. איך געדענק עס ווי איצט. עס איז געווען פאַרנאַכטלעך... שטיל איז געווען דער סאָד. דער ווייסער צוויט איז אָפּגעפאַלן און עס האָבן זיך אויף די ביימער־צווייגן באַוויזן גרין־רויטלעכע סימנים פון ניי־געבוירענע פּירות... לאַנגזאַם איז די זון אַוועק פון הימל. עס האָט זיך באַקומען גלייך ווי זי וויל זיך נישט געזעגענען מיטן טאָג. אַקעגן דער זון,ביים סאַמע עק פון סאָד, האָט אַן אַלטער באַרן־בוים געבליט און אין זיין בלי׳ען איז אַ באַנייטע יונגע שיינקייט געווען. עס איז געוואָרן טונקעלער. די אָנקומענדיקע לבנה האָט אויף זיך געהאַט אַ זילבערנע שיין. בלוי און שטיל איז אין דעם סאָד געווען. די ביימער זענען געשטאַנען ווי פאַרכישופטע ווען עפּעס פון אַ שיינער לעגענדע. אונדזער הויז איז געשטאַנען אין מיטן. עס איז געווען אַ ווייס, אַ גרויסאַרטיק הויז... מיין טאַטע האָט מיך פאַר אַ הענטל גענומען און מיך אַרויסגעפירט פון הויז אין דעם גאָרטן. אין איין האַנט האָט מיין טאַטע געהאַלטן אַ גרויסן ווייסן שטעקן. מיין טאַטע איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען פון בוים צו בוים. ער האָט דערגרייכט מיט זיין שטאָלצן קאָפּ אַזש ביז צו די צווייגן פון די העכסטע ביימער. אַלץ איז געווען ווי אין אַ כישוף־מעשהלע... דערנאָך איז אָנגעקומען די מאַמע. מיין מאַמע איז אויך געווען אַ הויכע. זי איז געווען אַ שלאַנקע, אַ בלאָנדע און אַ שיינע. „פּיאָטער", — האָט מיין מאַמע זיך געווענדט צו מיין טאַטן, — „דו האָסט געהאַט רעכט. דער אַלטער באַרן־בוים וואָס מיר האָבן געוואָלט אָפּהאַקן און אים נוצן ווי האָלץ אין אונדזער קאַמין, האָט צוריק אָנגעהויבן צו געבן פּירות".

„יאָ", — האָט מיין טאַטע אָפּגעענטפערט, — „אָפּהאַקן אַ בוים, וואָס גיט נישט קיין פּירות, פאַר דעם האָט מען שטענדיק צייט. מען דאַרף אָבער פּרי׳ער אַ טראַכט טאָן, פיליכט קען מען נאָך היילן דעם בוים, אים געזינטער מאַכן און באַנייען זיין לעבן!... פאַרניכטן קען יעדער נאַר. לעבעדיק מאַכן, אָ, אויף דעם מוז מען שוין זיין קלוג!..."

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. מיכל האָט אויף איר געקוקט מיט פיל מיטלייד און פאַרשטענדעניש. ער וואָלט אַזוי געזעסן אייביק לעבן איר און געהערט אירע שיינע און קלוגע רייד. אָבער זי האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן:

— שאַ, מיכאַל, לאָמיר אַביסל שווײַגן... הער זיך אײַן!... מיר דאַכט...

— יאָ, מאַריאַ, לאָמיר אַביסל שווײַגן... צי אפשר לאָמיר תפילה טאָן?... דו ווייסט, איך קען דעם גאַנצן תהילים אויף אויסנווייניק!...

— תהילים?... דו האָסט נישט געזינדיקט!...

— איך האָב געראַבעוועט! איך האָב ברויט, אָן געלט, נאָר דורך צוואַנג און דראָונג, ביי די בעקערס צוגענומען, און פאַר מיין הונגעריקער מאַמען, פאַר מיינע ברידערלעך און שוועסטערל אַהיים געבראַכט.

— נאַרישקייטן, מיכאַל, דאָס איז נישט קיין זינד. נישט גאָט און נישט קיין מענטש דאַרפן דיר פאַר דעם באַשטראָפן!

— איך האָב געשריבן שלעכטע בריוו צו אַ רייכן פעטער קיין אַמעריקע. איך האָב געבעטן הילף! איך, אַ יונגער קאָמוניסט, האָב אַזוינס נישט געטאָרט טאָן, ווייל דערציילנדיק דעם אמת וועגן אונדזער צושטאַנד האָב איך דאָך מיט דעם אַליין שוין באַשפיגן און פאַרראַטן דאָס איינציקע סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד, וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

מאַריאַ האָט אַ לאַך געטאָן. זי האָט אַרומגענומען מיכלס קאָפּ און אים צוגעדריקט צו איר האַרץ.

— אַך, דו נאַרישער יינגל וואָס דו ביסט...

עס האָבן זיך דערהערט טריט פון יענער זייט טיר. די טריט האָבן זיך דערנענטערט. מיכל און מאַריאַ האָבן זיך איבערגעקוקט. דער טויט איז זיי געשטאַנען אין די אויגן. אַ קעלט האָט זיי אַרומגעכאַפּט. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער דער קאַמער. ער איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטיינערטער אויף זיין אָרט. פּלוצים האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און אים אַ נעם געטאָן פאַר ביידע הענט.

— מיכאַל, דו געדענקסט דאָס קאַפּיטל פון תהילים: „גאָט איז מיין פּאַסטוך"?...

— יאָ, מאַריאַ!

— זינג מיט מיר!...

און ביידע האָבן אָנגעהויבן צו זינגען:

„גאָט איז מיין פּאַסטוך,
מיר וועט נישט פעלן,
אויף גראָזיקע פּיטער־פּלעצער מאַכט ער מיך הויערן,
ביי רויִקע וואַסערן טוט ער מיך פירן..."

די טיר האָט זיך צעעפנט. דריי סאָלדאַטן מיט ביקסן אין די הענט זענען ביי דער טיר געשטאַנען. מיכל און מאַריאַ האָבן אויפגעהערט צו זינגען. זי האָט אים אַ קוש געטאָן און איז דערנאָך מיט אַ שפּרונג צוגע־לאָפן צו אַ ווינקל פון דער קאַמער און איז געפאַלן אויף די קני׳עס און זי האָט גיך־גיך זיך אָנגעהויבן צלמען.

איינער פון די דריי סאָלדאַטן האָט אין דער רגע אויסגערופן: — מי־כאַ׳ל קרוגער!

— איך! — האָט מיכלס קול אַ צאַפּל געטאָן.

— קום מיט מיר! — האָט דער סאָלדאַט געזאָגט. ער איז אַריין אין דער קאַמער, אַ כאַפּ געטאָן מיכלען פאַר דער האַנט און אים אַרויסגעפירט.

— קום!...

און ווידער איז מיכל געפירט געוואָרן איבער דעם אומענדלעכן קאָ־רידאָר פון דעם תפיסה־קעלער. און ווידער האָט זיך מיכלען געדאַכט, אַז ער גייט שוין אַזוי אַ גאַנצע אייביקייט און אין דער־אַ אייביקייט האָט זיך אַ טויטע שטילקייט אַרומגעטראָגן, און נאָר דער ווידערקול פון די פיס־טריט האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אין דער־אַ שטילקייט... און מיט אַמאָל האָבן זיך פון דער פאַרלאָזטער טויטן־קאַמער צעדונערט צוויי שאָסן. עס האָט זיך דערהערט אַ קוויטש, אַ פאַל, און עס איז צוריק טויט־שטיל געוואָרן...

„מאַריאַ!" — האָט מיכל אויסגעשריגן. ער האָט זיך באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויס. אין זיינע אויערן האָט נאָך געדונערט דער שאָס פון צוויי ביקסן: „קנאַק, קנאַק!". ער איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און געלעגן אַ פאַרשטומטער. דער סאָלדאַט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָלנער און אים געצוווּנגען זיך צו שטעלן אויף די פיס. ער האָט מיט חוזק זיך צע־שריגן:

— דו נאַר איינער! נישט דיך האָט מען געשאָסן!... מען האָט עס דאָרטן, אין דער קאַמער, יענער, דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער סטיערווע צע־שאָסן!... — דערנאָך האָט דער סאָלדאַט אים אַ שטויס געטאָן. — גיי, אַז איך פיר דיך!... דער שעף פון דער „טשע־קאַ", טאָוואַרישטש באַטאַן ווידער, וויל מיט דיר ריידן!... — און ער האָט באַלד אַ פרייילעכן פייף געטאָן: — פיו!... דו קערסט זיין אַ וואַזשנע שישקע, אויב טאָוואַרישטש ווידער, דער גלאַוונער קאָמיסאַר אַליין האָט באַשטימט מיט דיר זיך צו פאַרנעמען!...

מען האָט מיכלען צוגעפירט צו אַ ווייסער טיר וועלכע איז געווען באַ־גילדט מיט אַ צוויי־אָדלער קאָפּ און מיט אַ קרוין. דאָס איז אַמאָל געווען

דער קאַבינעט פון קײסער װען ער איז אײנגעשטאַנען אין אַדעס. איצט האָט דעם קאַבינעט פאַרנומען נאַטאַן װידער. דער סאָלדאַט האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אַלײן דער שעף פון „טשע־קאַ״, אַ שװאַרצלעכער יונגערמאַן מיט אַ קאָפּ שװאַרצע געקרײזלטע האָר, האָט די טיר געעפנט.

— קום אַרײן! — האָט ער צו מיכלען געזאָגט, און דעם סאָלדאַט האָט ער באַפוילן: — מעגסט גײן!

מיכל איז געזעסן אויף אַ געלער לעדערנער און זײער װײך־געבעטער קאַנאַפּע. נאַטאַן װידער האָט זיך אַרומגעדרײט איבערן צימער אַהין און צוריק, דערנאָך האָט ער זיך אָװעקגעשטעלט אַקעגן מיכלען און אים באַטראַכט מיט אַ פּאָר שװאַרצע און גוטע אויגן, אין װעלכע האַס און צאַרטקײט האָבן זיך צוזאַמענגעמישט אין אַזאַ טרויער, אַז עס האָט אַזש אַ שרעק אָנגעװאָרפן אויף מיכלען. זײן קול איז אָבער געװען מילד. ער האָט זיך געװענדט צו מיכלען:

— קרוגער, קענסטו פאַרגעסן אין אַלץ, װאָס דו האָסט דאָ פּאָר די דרײ חדשים איבערגעלעבט?

— דרײ חדשים? — האָט מיכל זיך געװוּנדערט.

— יאָ, דרײ חדשים זענען אַװעק זינט מען האָט דיך צו אונדז געבראַכט. איצט ביסטו פרײ! דו קענסט גײן!... אָבער דו מוזט אַלץ פאַרגעסן, זאָג עס מיר צו, אויב נישט קען איך דיך נישט באַפרײען!

— איך זאָג צו!...

— גוט אַזוי. זײ אַ מענטש, אַ שטאַרקער מענטש! רעד װײניקער, און... פאַרשטײ אַלײן װי אַזוי דו דאַרפסט זיך אויפפירן. יאָ, און... דײן מאַמע... זי איז נישטאָ... מען האָט מיר דערצײלט, זי איז אַ קראַנקע געװען. די קינדער האָט מען אין אַ רעגירונג־הײם צוגענומען. מען װעט זײ דאָרט לערנען, דערציִען און עס װעט זײ נישט זײן שלעכט.

מיכל האָט זיך געהאַלטן גוט. ער האָט שױן אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט געפרעגט:

— װען איז מײן מאַמע געשטאָרבן?

— צוריק מיט אַ חודש.

ער האָט זיך אַ װיש געטאָן די טרערן. — װוּהין זאָל איך איצט גײן?...

— אָט װעגן דעם װיל איך איצט מיט דיר רעדן, — האָט טאָװאַרישטש װידער געזאָגט, — דו דאַרפסט דאַנקען דײן חבר באָריס. װען נישט ער... נו, געשאָסן װאָלט מען דיך נישט. מען האָט דיך נאָר אַזוי אַװעקגעזעצט

אין דעם טויטן־קאַמער כדי דיך אַנצושרעקן. אָבער אַ צען יאָר וואָלסטו באַקומען!

ווידער איז צוגעגאַנגען צו זיין שרייב־טיש און זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט גענומען אַ בלאַנק, אַזאַ ווייסן בויגן פּאַפּיר מיט אַ גלאַנציק־רויטער געדרוקטער שורה, דער טיטל פון דער געהיים־פּאָליציי, און ער האָט עפּעס אָנגעהויבן צו שרייבן אויף דעם פּאַפּיר. ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס שרייבן האָט ער צונויפגעלייגט דאָס פּאַפּיר און עס אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט. ער האָט עפּעס אויפגעשריבן אויפן קאָנווערט און איז אַוועק פון שרייב־טיש. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיכלען אויף דער לעדערנער קאַנאַפּע.

— קרוגער, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל דיר העלפן. דו האָסט נישט ווו צו גיין. איך וואָלט זייער נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיך צוריק אומקערן צו דער גאַס ווו דו האָסט ביז איצט געלעבט. ביי וועמען וועסטו דאָרט זיין? מיין פּלאַן איז, אַז דו זאָלסט גיין פרייוויליק דינען אין דער אַרמיי. איך האָב אַ גוטן פריינד אין דעם אָדעסער מיליטער־קאָמיסאַריאַט. איך האָב שוין מיט אים גערעדט וועגן דיר. איך גיב דיר אַ בריוו צו אים. ער וועט דיר שיקן אין אַ רויטאַרמייִשער טייל. קען זיין ערגעץ ווייט. עס איז בעסער! דו וועסט אָפּזיין אַ יאָר אָדער צוויי אין דער אַרמיי און וועסט צוריקקומען גאָר אַן אַנדער מענטש, אַ רעספּעקטירטער קאָמוניסט. פּאָלג מיך, נעם אָן מיין פאָרשלאָג!... — ער האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען דעם בריוו פון דעם שרייב־טיש און אים דערלאַנגט מיכלען. — זיי געזונט! דאָס־ווידאַניע!...

מיכל האָט דעם בריוו אַריינגעלייגט אין דער קעשענע פון זיין רעקל און ער האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין פון דעם שעפס קאַבינעט. ער איז פאַרביי־געגאַנגען אַלע וועכטער און קיינער האָט אים נישט פאַרהאַלטן.

ווען ער איז אַרויס אויף דער גאַס איז שוין געווען גוט ליכטיק. ער האָט זיך געלאָזט גיין. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגע־קוקט צו דעם ווייסן מאַרמאָרענעם פּאַלאַץ. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער איז אין דעם פּאַלאַץ אַריין איז דאָס געווען אָנהייב זומער, און איצט? איצט איז שוין סוף זומער...

אַריין איז ער אַ נאַיִוו יינגל.

אַרויס איז ער אַ דערפאַרענער מאַן.

עס זענען אַוועק נאָך דריי חדשים, און וואָס פאַר אַ קאַלאָסאַלע ענדע־רונגען זענען אין מיכלס נשמה און אין זיין פאַרשטאַנד פאָרגעקומען...

.7

אין דעם זעלבן טאָג, ווען מען האָט מיכלען אַרעסטירט איז באָריס, ווי נאָר ער איז פון דער אַרבעט געקומען און ער האָט זיך דערוווסט וואָס עס האָט מיט מיכלען פּאַסירט, אַזוי איז ער אַוועק צו מיכלס מוטער. זי האָט שוין וועגן דעם אומגליק געוווסט.

— עס איז מיין שולד, — האָט די אָרעמע מוטער געקלאָגט, — איבער מיר האָט מען אים אַרעסטירט. איך האָב נישט געטאָרט אַרויסקוקן אויף מיכלס הילף... איך האָב דאָך געוווסט, אַז דאָס ברויט, וואָס ער ברענגט אין שטוב אַריין, איז געראַבעוועטס!...

באָריס האָט פאַר זיך דערזען די געעלטערטע און קראַנקע פרוי, וועל־כע איז שוין כמעט אינגאַנצן בלינד געווען. ער האָט צו איר מיט פיל מיט־לייד געזאָגט:

— ניין, עס איז נישט אייער שולד. און אויך מיכל איז אין גאָרנישט נישט שולדיק. עס איז אַ צייט אַזאַ!... איך האָב אים און אייך געוואָלט העלפן פונקט אַזוי ווי איך האָב זיך און מיינע עלטערן געהאָלפן. נו, איז דאָס מיין שולד! אָבער איך זאָג אייך צו, מיכל וועט די טעג צוריק אַהיים קומען. איך וועל אַלץ טאָן, נעמט מיין וואָרט!... — ער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש אַ פּעקל מיט לאַנגע גרין־רויטלעכע פּאַפּירלעך, און איינס שרהן גע־געבן, — דאָס איז צען רובל. נעמט, נעמט! עס איז נישט קיין געגנבעטע געלט. איך אַרבעט אין דער שוך־פאַבריק און פאַרדין איצט גוט. און איצט ווי נאָר מיכל וועט אַהיים קומען אַזוי וועל איך אַלץ טאָן, אַז מען זאָל אים אויך אין דער פאַבריק אַריינגעמען. ער וועט אַרבעטן און פאַרדינען גענוג געלט. איר וועט מער נישט דאַרפן זאָרגן, איך זאָג דאָס אייך צו!... אָבער זעט, שרה, האַלט זיך שטאַרק, פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ!...

ער איז אַרויס, און שרה איז געבליבן אַ פאַרשטומטע מיט דעם צען־רובלדיקן פּאַפּירל אין דער האַנט. אָבער שטאַרקן זיך האָט שוין די קראַנקע פרוי נישט געקענט. זי איז געשטאָרבן. די קינדער האָט די רעגירונג צו זיך, אין אַ קינדער־הויז פאַר היימלאָזע און יתומים, צוגענומען.

באָריס האָט זיין וואָרט געהאַלטן. ער האָט נישט גערוט...

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג. באַריס האָט נישט געוווּסט וואָס אַזוינס צוצוטראַכטן, אַז ער זאָל קענען מיכלען אַרויסראַטעווען פון דער „טשע־קאַ". ער איז געווען געטריי און פאַנאַטיש איבערגעגעבן דער נייער מאַכט. קאָמוניזם איז געוואָרן זיין רעליגיע... די „גייסטיקע שפּייז" וואָס ער, אַ יִינגל פון דער גאַס האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן באַקומען, איז געווען זיס און באַטעמט!... ער האָט אויפריכטיק און אומשולדיק געגלייבט אין דער ליכטיקער צוקונפט וואָס דער קאָמוניזם וועט פאַר אַלעמען ברענגען. דאָך, נישט געקוקט אויף זיין יונגקייט, נישט דערפאַרנקייט אין פּאָליטיק און אין פּאַרטיי־פירונג, איז ער געווען גענוג קלוג און ניכטער צו פאַרשטיין, אַז אין דער טורמע פון דער „טשע־קאַ" לעקט מען נישט קיין האָניק, און אַז פיל זאַכן ווערן געטאָן נישט ריכטיק, נישט עטיש און נישט ערלעך.

ער האָט זיך געפילט שולדיק, ווייל ער איז געווען עלטער און שטאַרקער פון אַלע יִינגלעך וואָס האָבן באַלאַנגט צו זיין קאָמפּאַניע. ער האָט זיך געפילט שולדיק, ווייל ער איז געווען דער פירער פון אַ קאָמפּאַניע און ער האָט ערלעך געגלייבט, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן איינעם... אין איינעם אַ פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָט באַריס זיך אַוועקגעלאָזט צו דער מאַראַזיליווסקי גאַס, דאָרט ווו די „טשע־קאַ" געפינט זיך, און זיך צוגעקוקט פון ווייטנס צו דעם ווייסן מאַרמאָרענעם פּאַלאַץ. ער איז לאַנג געשטאַנען און באַטראַכט די געביידע. דערנאָך האָט ער שוין אָנגעהויבן יעדן פאַרנאַכט צו גיין צו דער מאַראַזיליווסקי גאַס און זיך צוקוקן פון דער ווייטנס צו דעם געוועזענעם קייסערס פּאַלאַץ...

און איין מאָל האָט ער זיך איינגעשטעלט און איז צוגעקומען נענטער צו דעם־אַ שרעקלעכן מויער. ער האָט קיינעם נישט געזען. ער איז אַריין אין הויף. ערשט דאַן האָבן אים צוויי סאָלדאַטן, אין דער „טשע־קאַ"־אוניפאָרם, אָפּגעשטעלט. — וווּהין?...

— איך וויל זען דעם שעף פון דער „טשע־קאַ"! — האָט באַריס דרייסט געזאָגט.

— דעם שעף? צוליב וואָס?...

— דאָס איז צו רעדן נאָר מיטן שעף אַליין. עס איז אַ סעקרעט!...

— גיי צו צום פענצטערל, אָט־דאָ־אָ ביי דער וואַנט, קלאַפּ אָן און בעט אַ שיין.

ער איז צו צו דעם אָנגעוויזענעם פענצטערל. ער האָט אָנגעקלאַפּט.

דאָס פּענצטערל האָט זיך צעעפנט. עס האָט זיך פון דאָרט דערהערט אַ קול:
— וואָס ווילסטו?
— איך וויל זען דעם שעף פון דער „טשע־קאַ״!
— צוליב וואָס?
— עס איז זייער וויכטיק, ס׳איז אַ סעקרעט!
— דײַנע דאָקומענטן?

באַריס האָט אַרויסגענומען זײַן אַרבעטס־ביכל פון דער שוך־פאַבריק און זײַן מיטגלידס־בילעט פון דעם „קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד״. ער האָט די צוויי דאָקומענטן צו דעם פּענצטערל דערלאַנגט. אַ האַנט האָט זיי אַרײַנגעכאַפּט. עס האָט געדויערט עטלעכע מינוט. פון אַ טיר איז אַרויסגעקומען אַ מענטש, ציוויל געקליידט. באַריס האָט דערזען, אַז יענער האַלט זײַנע דאָקומענטן. ער האָט געקוקט אויף באַריסן מיט אומצוטרוי. — וואָס ווילסטו, טאָוואַרישטש גאַרבער?!

— איך וויל רעדן מיטן שעף!

— רעד מיט מיר. איך פאַרטרעט אים. דער שעף איז איצט נישטאָ. פריִער ווי אין אַ חודש אַרום וועט ער דאָ נישט זײַן. ער איז אין מאָסקווע אויף אַ באַראַטונג.

באַריס האָט זיך פאַר דעם יונגן, ציוויל־געקליידעטן מענטשן זיך נאָך מער געשראָקן ווי פאַר די צוויי באַוואָפנטע סאָלדאַטן אין זייערע „טשע־קאַ״־אוניפאָרמעס. ער האָט פון די בילדער אין די צייטונגען געקענט סיי דעם שעף פון דער „טשע־קאַ״ טאָוואַרישטש נאַטאַן ווידער, און סיי זײַן געהילף טאָוואַרישטש יאַכים שולץ. ער האָט איינגעזען, אַז דער־אָ ציוויל־געקליידעטער מענטש איז אַ ליגנער, ער פאַרטרעט נישט דעם שעף. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— דו ביסט נישט טאָוואַרישטש ווידערס פאַרטרעטער. דו ביסט נישט טאָוואַרישטש שולץ!

— ניין, איך בין נישט שולץ! — האָט דער יונגער מאַן געזאָגט און אָנגעהויבן צו שמייכלען, — אָבער איך בין ווידערס פּערזענלעכער סעקרעטאַר. — ער האָט אַ הוסט געטאָן. — אויב מען וויל דעם שעף זען מוז מען פריִער צו מיר זיך ווענדן!

— אָ, ניין. איך וויל נאָר מיטן שעף פּערזענלעך רעדן.

— דו וועסט מיט אים נישט רעדן. ער האָט קיין צייט נישט זיך צו פאַרנעמען מיט פּוסטע רייד. דו ביסט נישט דער איין־און־איינציקער, וואָס

קומט אַהער מיט „וויכטיקע סעקרעטן״ און מוז ריידן נאָר מיטן שעף! און וואָס לאָזט זיך אויס? מען בעט אַ פּאָסטן אין דער „טשע־קאַ״, אָדער מען בעט די באַפרייונג פון אַן „אומשולדיקן״ פריינד... — ער האָט באַריסן אָפּגעגעבן די דאָקומענטן און צו אים שטרענג געזאָגט: — גיי אַהיים און איך זאָל דיך דאָ מער נישט זען, אויב דו ווילסט נישט, אַז איך זאָל דיר דאָ אין קע־לער אַראָפּפירן און דאָרט צוזאַמען מיט אַלע קאָנטרעס אַועקזעצן!...

באַריס איז שוין געווען צופרידן, וואָס ער האָט צוריק זיינע דאָקו־מענטן באַקומען און וואָס ער איז אַ גאַנצער פון דעם ווייסן מאַרמאָרענעם פּאַלאַץ אַוועק.

דאָס האָט אים אָבער נישט אָפּגעשטעלט און נישט אָפּגעהאַלטן פון ווייטער טראַכטן און זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך צו באַגעגענען מיטן שעף פון דער „טשע־קאַ״ אויג אויף אויג און פאַר אים אויסדערציילן די גאַנצע טראַ־געדיע פון מיכלס לעבן און אַזוי אַרום ביי אים פועלן, אַז מען זאָל מיכלען באַפרייען.

און דאָ איז געשען אַ נס...

און אפשר איז דאָס אַ צופאַל געווען?...

עס איז געווען אומדערוואַרט.

אין דער ניי־געעפנטער שוך־פאַבריק, וווּ באַריס האָט געאַרבעט, האָט מען פּראָדוצירט שיך און שטיוול פאַרן מאַסן־געברויך. עס האָט געדאַרפט הייסן, אַז מען וויל באַשוכן און באַקליידן די גאַנצע באַפעלקערונג, וועלכע איז נאָך די מלחמה־יאָרן אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן געווען. מען איז אומ־געגאַנגען כמעט אמת נאַקעט און באָרוועס. די ניי־געעפנטע שוך־פאַבריק, ווי אויך די ניי־געעפנטע קליידער־פאַבריק, האָבן אין אַ קורצער צייט זיך שנעל צעוואַקסן. יעדע וואָך האָט מען אין די פאַבריקן אַרויסגעפאַרטיקט און אַרויסגעפירט פיל שיך און קליידער, און דאָך זענען די נייע רעגירונגס־קראָמען געשטאַנען מיט ליידיקע פּאָליצעס און ווען אַ מענטש איז געקומען קויפן אַ פּאָר שיך אָדער אַן אָנצוג, האָט דער רעגירונגס־אָנגעשטעלטער פון דער קראָם אים באַגעגנט מיט אַ „ניעט!״ — נישטאָ, גאָרנישט איז נישטאָ!

דערפאַר איז אָבער פאַר די ניי־אויפגעקומענע מיוחסים, די קאָמי־סאַרן, פּאַרטיי־סעקרעטאַרן, דירעקטאָרן, גענעראַלן און אַנדערע „גדולים״, וועלכע זענען ביים פאָלק פאַראַלגעמיינערט געוואָרן אונטערן נאָמען: קאָ־מיסאַרן — פאַר זיי, פאַר דעם ניי־אויפגעקומענעם קלאַס, איז אַלץ געווען.

זייער פיל פון די „קאָמיסאַרן״ פלעגן קומען דירעקט אין די פאַבריקן און לויט אַ געגנויער מאָס און ספּעציעלער באַשטעלונג האָט מען זיי באַשוכט און באַקליידט. און אָט אַזוי, איז טאַקע אין איינעם אַ טאָג, אין דער שוך־פאַבריק, ווו באַריס האָט געאַרבעט, אַראָפּגעקומען דער שעף אַליין פון דער גרויזאַמער און מעכטיקער אָדעסער „טשע־קאַ״, טאָוואַרישטש נאַטאַן ווידער. עס איז אין דער פאַבריק באַלד געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער און אַ שושקעריי:

— טאָוואַרישטש ווידער איז געקומען!...

דער דירעקטאָר, דער קאָמיסאַר און דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר פון דער פאַבריק האָבן זיך ממש אין דרייען געבויגן פאַרן גרויסן גאַסט און אים געוואָלט מיט אַלץ געפעלן ווערן.

— טאָוואַרישטש ווידער, פיליכט ווילט איר אַ פּאָר כראָמאָווע שטיוול? צי אפשר שאַווראָווע?... מיר האָבן אַריינבאַקומען גוטן שאַווראָ!...

— יאָ, יאָ, אַ פּאָר געלע שאַווראָווע שטיוול איז זייער גוט צו טראָגן אום זומער. און פאַרן ווינטער, ביטע, באַשטעלט זיך אַ פּאָר שוואַרצע כראָמאָווע שטיוול!

— געלע אָדער שוואַרצע. זאָל דער טאָוואַרישטש ווידער זיך אויסקלייבן וואָס אים געפעלט!

נאַטאַן ווידער איז אַריינגעקומען אין דער אָפּטיילונג פון די ספּעציעלע באַשטעלונגען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. דער דירעקטאָר פון דער פאַבריק איז אַרויס און באַלד צוריק אַריינגעקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגן קרעפטיקן אַרבעטער, וועלכער האָט געהאַלטן אַ מאָס־מעסטער אין דער האַנט.

— טאָוואַרישטש גאַרבער, — האָט דער דירעקטאָר צום אַרבעטער געזאָגט, — נעם די מאָס פון דעם טאָוואַרישטש ווידער!

באַריס האָט אויפגעציטערט. דער שעף פון דער „טשע־קאַ״, וועמען ער גאַרט אַזוי צו זען, זיצט איצט דאָ... ער וועט פּרווון אויסנוצן די געלעגנהייט... ער איז צוגעקומען צו ווידערן און זיך אַראָפּגעלאָזט ביי זיינע פיס, אַראָפּגעצויגן פון אים די שטיוול, צוגעשטעלט דעם מאָס־מעסטער פריער צום רעכטן פוס און דערנאָך צום לינקן. ער האָט באַלד פאַרשריבן די מאָס אין אַ געל ביכעלע און געזאָגט:

— טאָוואַרישטש ווידער, איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב גענומען די ריכטיקע מאָס!

— אויב דער דירעקטאָר האָט דיך באַשטימט, ביסטו דאָך געוויס אַ פּינקטלעכער און פּאַסיקער מענטש פאַר אַזאַ דעליקאַטער אַרבעט! — האָט ווידער זיך צעשמייכלט און זיך גענומען צוריק אָנטאָן זיינע שטיוול.

דער דירעקטאָר פון פאַבריק האָט צוגעבאַמקעט:

— יאָ, יאָ, גאַרבער איז טאַקע דער פּאַסיקער מענטש פאַר אַזאַ דעלי־קאַטער אַרבעט!...

באַריס האָט באַקומען מער קוראַזש. ער האָט אויסגענוצט דעם מאָ־מענט.

— טאָוואַרישטש ווידער, איר ווייסט, ווען איך זאָל נישט זיין קיין קאָ־מוניסט וואָלט איך דאָך איצט געגלייבט אין באַשערטקייט!

— לויט דער מאַרקסיסטיש־דיאַלעקטישער טעאָריע איז אין דער נאַ־טור פאַראַן אַ קאָמבינאַציע פון נויטווענדיקייטן און צופעליקייטן. ווען די נויטווענדיקייט מיט דער צופעליקייט טרעפן זיך צוזאַמען שאַפט זיך אַן אילוזיע פון באַשערטקייט. אָבער פּראַקטיש גערעדט, טאָוואַרישטש, וועגן וואָס פאַר אַ באַשערטקייט רעדסטו דאָס?... פיליכט האָסטו אין מיר דער־קענט דיינס אַ פעטער?... — ווידער האָט אויסגעזעצט מיט אַזאַ וואַרעמען און גוטמוטיקן געלעכטער, אַז מען האָט זיך באַלד דערפילט נאָענט און היימיש מיט אים. מען האָט אויך אַ ווײַלע פאַרגעסן, אַז דאָס איז דער גרוי־זאַמער „טשע־קיסט" אין וועמענס הענט עס געפינט זיך דער גורל פון אַלע מענטשן וואָס וווינען אין דער שטאָט אָדעס און אין דער גאַנצער גרויסער געגנט, דעם אָדעסער קרייז.

די דריי באַלעבאַטים פון דער פאַבריק, דער דירעקטאָר, דער קאָמי־סאַר און דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, וועלכע האָבן פון אָנהייב אָן מיט שרעק געקוקט אויף דעם חוצפּהדיקן יונג באַריס גאַרבער, ווייל ער האָט געוואַגט צו פאַרפירן עפּעס אַ נאַרישן געשפּרעך מיט דעם שעף פון דער „טשע־קאַ", די זעלבע לייט האָבן איצט באַריסן געקלאַפּט אין פּלייצע און זיך גע־ווערטלט:

— אַזוי באַריס, איז אפשר טאַקע טאָוואַרישטש ווידער דיינס אַ פע־טער?...

— מאָלאָדיעץ גאַרבער, דו ביסט אַ בראַוועր יאַט!...

— און דו ביסט אויך אַ גוטער קאָמוניסט!...

באַריס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די קני־עס און אַרויפגעקוקט צו

ווידערן. ער האָט אים געהאָלפֿן צוריק אָנטאָן די שטיוול. ווען אַלע האָבן שוין אָפּגעלאָכט און זיך אויפֿגעהערט צו ווערטלען, האָט ער געזאָגט:

— טאָוואַרישטש ווידער, שוין באַלד דרײַ חדשים, אַז איך זוך אַ מיטל ווי אַזוי זיך מיט אײַך צו באַגעגענען. עס האַנדלט זיך וועגן זייער אַ וויכ־טיקער זאַך!...

— אַ וויכטיקע זאַך?... אָ, עס אינטערעסירט מיך! רעדט!...

באַריס האָט זיך אַרומגעקוקט. ווידער האָט געכאַפּט זײַן בליק. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין דער אָנוועזנהייט פֿון די דרײַ „באַלעבאַטים” וועט באַריס נישט רעדן.

— קום מיט מיר! — האָט ווידער צו באַריסן געזאָגט. ער האָט זיך געזעגנט מיט אַלעמען און איז אַרויס. באַריס איז אים נאָכגעגאַנגען.

אויף דער גאַס איז געשטאַנען אַ שוואַרץ־לאַקירטער לימאַזין. אַ מיליטעריש־געקליידעטער שאָפֿער האָט זיך פֿאַר ווידערן פֿאַרנייגט און פֿאַר אים געעפֿנט די טיר. ער איז אַרײַן אין דעם אויטאָמאָביל און פֿאַרבעטן באַריסן זיך זעצן לעבן אים. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט און איז גיך פֿאַרשוווּנדן.

— רעדט! — האָט ווידער געזאָגט פֿרײַנדלעך. — דו קענסט מיט מיר רעדן פֿרײַ!... זאָג, וואָס קוועטשט דיר?...

— מײַן חבֿר, מיכאל קרוגער, איז בײַ אײַך!... ער איז אַ גוט ייִנגל, ער קען זײַן אַ גוטער קאָמוניסט!...

— איך ווייס נישט וועגן וואָס דו רעדסט.

— איך זאָג דאָך אײַך, מיכאל קרוגער, ער איז מײַן חבֿר, ער האָט געהונגערט, און איך האָב דאָך פֿריִער אויך געהונגערט, אַ סך מענטשן האָבן געהונגערט... איך האָב אים צוגערעדט צו גיין ראַבעווען, צונעמען ברויט פֿון די בעקערייען. מען האָט אים אַרעסטירט. דאָס איז נישט ריכטיק! און אויב עס איז יאָ ריכטיק דאַן אַרעסטירט מיר אויך!... איך בין מער שולדיק. איך בעט אײַך, באַפֿרייט אים. זײַן טאַטע איז געשטאָרבן פֿון הונגער. צוריק מיט אַ חודש איז אויך זײַן מאַמע געשטאָרבן. עס זענען געבליבן צוויי קליינע ברידערלעך און אַ קליין שוועסטערל. מען האָט זיי פֿאַרנומען אין אַ רעגירונגס־קינדערהיים. עס איז אַ רחמנות אויף מיכלען, ער איז דאָך אַזאַ גוטער יאָט! איך בעט אײַך, באַפֿרייט אים!...

דער אויטאָמאָביל האָט געיאָגט איבער די גאַסן, זיך אַרײַנגעריסן אין דעם אַלעקסאַנדער פּאַרק און איז צוריק פֿון פּאַרק אַרויס. אויף דער מאַראַז־

ליוווסקי גאַס, אַקעגן דעם ווייס־מאַרמאָרענעם פּאַלאַץ האָט דער אויטאָמאָביל זיך אָפּגעשטעלט. ווידער האָט געזאָגט:

— אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע. איך האָב אָבער גאָרנישט פאַרשטאַ־נען! דו, הייב אָן פון אָנהייב. אייל זיך נישט און זיי נישט נערוועז. ווי אַזוי זאָגסטו איז דער נאָמען פון דיין חבר, מיכאַיל קרוגער? — ער האָט אַרויס־גענומען אַ נאָטיץ־ביכל און פאַרשריבן, — איך וועל אַ קוק טאָן צי אַזאַ־אַ איינער איז גאָר דאָ ביי מיר! און איצט רעד, פּלאָנטער נישט. דערציייל מיר אַלץ. הייב אָן פון אָנהייב און ביזן סוף.

אַ באַרוזיקטער און אַ דרייסטער האָט באָריס איצט מיט פיל קלאָרקייט און אַלע איינצלנע דעטאַלן דערציילט די טראַגעדיע פון אַ לעבן אין די אָרעמע קוואַרטאַלן, די מאַלדאָוואַנקע, פון דער שטאָט אָדעס. ער האָט גע־מאָלן און געשילדערט מיכלס קינדהייט, זיינע שיינע נאָבעלע חלומות און שטרעבונגען... און ווען ער האָט פאַרענדיקט די טרויעריקע געשיכטע פון זיין חבר מיכל, האָט זיך ווידער שטאַרק פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— אויב עס איז טאַקע אַלץ אַזוי ווי דו דערציילסט, דאַן זיי זיכער, אַז איך וועל דיין חבר באַפרייען. איך וועל פּערזענלעך איבערקוקן די ליס־טע פון אַלע אַרעסטירטע און אויב ער רעכנט זיך ביי אונדז, וועט שוין זיין רעכט!... פאָר צוריק צו דיין אַרבעט און זאָרג נישט מער!

נאָכדעם ווידער איז אַרויס פון דעם אויטאָמאָביל און געהייסן דעם שאָ־פער, אַז ער זאָל באָריסן צוריק פירן צו דער שוך־פאַבריק.

ווען באָריס איז צוריק געקומען, האָט ער באַמערקט, אַז יעדער איי־נער באַציט זיך צו אים אַנדערש ווי ביז איצט. די בליקן פון די אַרבעטער זענען צו אים געווענדט מיט פיל רעספּעקט, אָפּשיי און שרעק: „אַהאַ, דער־אָ באָריס איז דאָ אין פאַבריק נישט אַבי ווער... ער מאַכט זיך פאַר אַ פּראָסט יינגל... אָבער מיר זעען דאָך, אַז ער איז אַ וויכטיקער פאַרשוין".

אויפן אַנדערן טאָג האָט דער סעקרעטאַר פון פאַרטיי־קאָמיטעט ביי דער פאַבריק אַריינגערופן באָריסן צו זיך און אים דערקלערט, אַז מען האָט באַשטימט אים אַרויסצורוקן אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. פון איצט אָן וועט ער שוין מער נישט זיין קיין פּראָסטער אַרבעטער, ער איז באַ־שטימט אַלס אַ קאָמיסאַר פון דעם „ספּעציעלן אָפּטייל", אַ ניי־געשאַפענער אַמט אַזאַ... די טעטיקייט פון דעם „ספּעציעלן אָפּטייל" איז צו האַלטן אַן אויג אויף אַלע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון דער פאַבריק און איינפירן אַ קאַרטאָטעק מיט די נעמען און כאַראַקטעריסטיק פון יעדן איינעם באַזונ־

דער, און דערביי מאַכן געהעריקע אויספירן... די אַרבעט פון דעם „ספּעציעלן אָפּטייל" איז אַ געהיימע, אַ שטילע און אַ באַשיידענע. דער קאָמיסאַר וואָס פאַרוואַלטעט מיט דעם־אָ „ספּעציעלן אָפּטייל" איז דירעקט אונטערגעוואָרפן דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער צענטראַלער קוואַרטיר פון דער געהיים־פּאָליציי.

באַריס איז אַרויס פון דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַרס צימער אַ שטאָלצער, כאָטש אַביסל אַן איבערראַשטער. די קאַריערע פון אַ קאָמיסאַר האָט באַלד אָוועקגעלייגט אַ שטעמפּל אויף זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט זיך דערפילט וויכטיק און ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ... ער האָט נאָך פון פריִער געהערט וועגן דעם ניי־געשאַפענעם אַמט, די „ספּעציעלע אָפּטיילן" וואָס ווערן איינגעפונדעווועט אין אַלע רעגירונגס־פאַבריקן, אונטערנעמונגען, אַנשטאַלטן און אין דער אַרמיי. ער האָט געוווּסט, אַז מען זוכט פּאַסיקע מענטשן פאַר די אַמטן, ער האָט אָבער נישט געחלומט, אַז ער, באַריס גאַרבער, וועט דאָס זיין איינער פון די גליקלעכע פּאַסיקע מענטשן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער שעף פון דער „טשע־קאַ" האָט מיטגעווירקט, אַז ער זאָל דעם־אָ נייעם קאָמיסאַרן־אַמט באַקומען, און ער איז שוין איצט זיכער געווען, אַז זיין חבר מיכל קרוגער וועט זיין פריי...

8.

עס איז נאָך געווען גאַר פרי. די ביימער אין דעם אַלעקסאַנדער־פּאַרק האָבן מיט זייערע גרינע און צאַרטע בלעטער זיך צו מיכלען געבויגן און אים אָפּגעגעבן אַ פריילעכן גרוס: „גוט מאָרגן, טאָוואַרישטש קרוגער". די זון איז פון ים אַרויס אַ טאַנצנדיקע און האָט זיך אויפן הימל מיט גאָלדענער שיין צעלייגט און אַראָפּגעקוואָלן מיט איר פייערדיקן געזיכט צו דער אויפוואַכנדיקער שטאָט. מיכל האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט צו דעם ווייס־מאַרמאָרענעם פּאַלאַץ, אַ לעצטן בליק געטאָן אויף אים און זיך געלאָזט גיין ווייטער.

פאַר די דריי חדשים זיצן אין דער פאַרשפּאַרטקייט זענען זיינע פיס אָפּגעשוואַכט געוואָרן. עס איז אים געווען שווער צו גיין. די זון האָט אָנגעהויבן בראָטן. עס איז געוואָרן הייס און העל אין דרויסן. די שטיינער אויף די גאַסן זענען געוואָרן צעגליטע פון דער היץ. ער איז קוים אָפּגעגאַנגען אַ האַלבן וועג און ער האָט זיך געמוזט ערגעץ צוזעצן און אָפּרוען.

ער האָט דערזען טרעפּ פון אַ פאָדערשטער טיר, איז ער צוגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך אַביסל אָפּגערוט און ער איז באַלד געגאַנגען ווייטער.

אויפן ראָג, ווו ער האָט זיך פאַרקערעוועט, האָט ער דערזען, אַז עס זאַמלען זיך פיל יונגעלייט. ער איז צוגעקומען צו אַ הויז מיט אַ ברייטער וועראַנדע. די גרויסע פענצטער פון דעם הויז זענען געווען צעעפנט. אונ־טער די פענצטער זענען געשטאַנען ביימער אויף וועלכע עס זענען געוואַקסן בינטלעך מיט בלויע סירען. ביי איין פענצטער איז געזעסן אַ יונגער מאַן מיט אַן אויסגעצויגן פּנים און אַ בייזלעכן בליק. ער האָט געהאַלטן אַ פּאַ־פּיר אין האַנט, אַריינגעקוקט אין דעם פּאַפּיר, עפּעס אויסגעלייענט און באַלד פאַרשריבן אין אַ צווייטן פּאַפּיר. טיף אין אַ גרויסן הויף, הינטער דעם הויז, זענען געשטאַנען דריי רויט־געפאַרבטע קאַזאַרמעס.

מיכל איז אַריין אין דעם הויז. ער האָט דערלאַנגט דעם בריוו, וואָס ווי־דער האָט אים געגעבן, צו אַ דעזשורנעם סאָלדאַט. יענער איז ערגעץ אַוועק און איז באַלד צוריק געקומען. ער האָט געזאָגט: — קום מיט מיר, דער מיליטער־קאָמיסאַר וועט דיך שוין אויפנעמען.

מיכל איז אַריין אין דעם קאַבינעט און דערזען פאַר זיך דעם יונגן מאַן מיט דעם אויסגעצויגענעם פּנים און בייזלעכן בליק. יענער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אויסגעשטרעקט צו מיכלען אַ האַרטע האַנט.

— אַהאַ, דאָס ביסטו, הייסט עס, מיכאַיל קרוגער! איך בין דער מילי־טער־קאָמיסאַר, מיין נאָמען איז קאָטלאָוו, ניקיטאַ מיכאַילאָוויטש קאָטלאָוו. נו, זעץ זיך. לאָמיר רעדן!

מיכל האָט זיך געזעצט אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט און אַ טראַכט געטאָן: אַ פּראָסטער פּויער... ער איז אָבער גאָרנישט אַזאַ געפערלעכער ווי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט!...

קאָטלאָוו האָט ווייטער געזאָגט:

— איך האָב איבערגעליינעט דעם בריוו, וואָס ווידער האָט דיר מיטגע־געבן. ס'אַ גוטע רעקאָמענדאַציע! לויט דעם געזעץ דאַרף יעדער בחור, וואָס ווערט אַלט איין־און־צוואַנציק יאָר, זיך שטעלן צום דינסט אויף צוויי יאָר אין דער רויטער אַרמיי. אָבער יעדער איינער, פון זיבעצן יאָר אָן קען פריי־וויליק אַריינטרעטן אין דער רויטער אַרמיי און אָפּדינען אויף פריער זיינע צוויי יאָר! וואָס זאָגסטו אויף דעם, האַ?...

— גוט! — האָט מיכל געזאָגט, — איך וועל אָפּדינען די צוויי יאָר.

ווען איך וועל זיך באַפרייען וועל איך אַלט זיין ניינצן יאָר און איך וועל נאָך באַווייזן זיך אויסצולערנען אַ פאַך.

— אַ פאַך? — האָט דער מיליטער־קאָמיסאַר זיך צעלאַכט, — איז דען דינען דער רעוואָלוציע נישט קיין פאַך? — האָט ער ערנסט און בייזלעך זיך צו מיכלען געווענדט, — דו, טאָוואַרישטש קרוגער, זע פאַרדין זיך כבוד און מער צוטרוי. דו האָסט זיך שוין איין מאָל פאַרפלאָנטערט. מען האָט דיך ריין־געוואַשן און מען געטרויט דיר ווי אַן אייגענעם, איז זע, פיר נישט אונטער!

מיכל האָט געוואָלט עפּעס אָפּענטפערן, אָבער ער האָט פאַרגעדענקט ווידערס אָנווייזונג: „זיי אַ מענטש, אַ שטאַרקער מענטש! רעד ווייניקער"... ער האָט פאַרשוויגן.

קאָטלאָוו האָט פאַרגעזעצט:

— ווי איך זע, ביסטו אַ גראַמאָטנער, אַ געלערנטער מענטש. דו ווייסט דאָך געוויס, וואָס טאָוואַרישטש טראָצקי, דער קאָמיסאַר פון אַלע רויט־אַר־מייִשע קרעפטן האָט דערקלערט: „ווילסטו שלום, גרייט זיך צו קריגן!" דאָ... און אונדז שטייען נאָך פאַר פיל קריגן, ווייל מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אָבער כדי צו פירן אַ דערפאָלג־רייכן קריג איז נאָך ווינציק צו האָבן גענוג סאָלדאַטן. מען דאַרף צו די סאָלדאַטן האָבן גוט־אויסגעשולטע אָפיצירן! און כדי צו זיין אַן אָפיציר מוז מען זיין אַ גראַמאָטנער, אַ געלערנטער מענטש. און ווו זאָלן מיר נעמען גראַמאָטנע יונגע מענטשן, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט אונדז איבער־געלאָזט אַ באַפעלקערונג פון ניינציק פּראָצענט נישט־גראַמאָטנע!...

דער קאָמיסאַר איז אַנטשוויגן געוואָרן און מיכל האָט געטראַכט: „ער רעדט ווי אַן אָנגעדרייטער גראַמאָפאָן!" מיכל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז עפּעס זאָגן, כאָטש אַ שמייכל טאָן, אַרויסווייזן אַ פאַראינטערעסירטקייט מיטן קאָמיסאַרס רייד. ער האָט געזאָגט:

— איר האָט רעכט, טאָוואַרישטש קאָמיסאַר!

— דאָס איז עס! — האָט קאָטלאָוו געזאָגט און ער האָט אַ קוק געטאָן מיכלען אין פּנים אַריין, — איך וועל דיר שיקן זיך לערנען אין אַ מיליטע־רישער אַקאַדעמיע! דו ביסט אַ גראַמאָטנער יאַט און אַ געזונטער דערצו. דאָ... דו וועסט זיין אַ גוטער אָפיציר! אַהאָ! — האָט ער זיך צעלאַכט, — פיליכט וועסטו נאָך אַמאָל ווערן אַ קאָמיסאַר, צי אַ גענעראַל פון דער רויטער אַרמיי! אייער נאַציע איז אַ פעיִקע, איר קענט זיך צו אַלץ דערשלאָגן!

דאָס מאָל האָט שוין מיכל נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט דערפילט דעם פאַרשלייערטן אַנטיסעמיטישן שטאָך, אַ וואָרט וואָס האָט זיך אפשר נישט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט פון דעם קאָמיסאַרס מויל. ער האָט אָפּגעענטפערט:

— איך שטרעב נישט צו ווערן נישט קיין קאָמיסאַר און נישט קיין גענעראַל! איך וואָלט בעסער געוואָלט אָפּדינען מיינע צוויי יאָר און זיין פריי.

— ניין, „ניעט" ברודערל, — האָט קאַטלאָוו אַ געשריי געטאָן, — איך האָב אַ פּלאַן, מען פאָדערט פון מיר און איך מוז דעם פּלאַן אויספילן. מען האָט מיר שוין פאַרגעוואָרפן, אַז איך שיק בעזגראַמאָטנע כאַלאָפּעס אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. דו ביסט אַ גראַמאָטנער, אַ פאַסיקער, דו טאָרסט זיך נישט אָפּזאָגן!

— גוט, איך זאָג זיך נישט אָפּ! — האָט מיכל זיך אונטערגעגעבן.

קאַטלאָוו האָט אַ צופרידענער אים דערלאַנגט די האַנט.

— דאָסווידאַניע, טאָוואַרישטש קרוגער! אין דער אַלגעמיינער קאַנצע־לאַריע וועסטו דיינע פּאַפּירן באַקומען, און אויך געלט און עסנוואַרג אויפן וועג. איך גיב דיר צוויי טעג אויף צו הוליאַיען און זיך צו געזעגענען מיט דיינע פריינד, אויב דו האָסט אַזעלכע! יאָ, און אָנטאָן וועט מען דיר אויך אַרויסגעבן, האַלב־מיליטערישע קליידונג. וועסט זיך אַרומוואַשן און איבער־טאָן. וועסט פאָרן ווי אַ מענטש, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ צוקונפדיקן רויטן אָפיציר. ווען דו וועסט אָנגענומען ווערן אַלס קאַדעט פון דער מיליטערי־שער אַקאַדעמיע, וועסטו שוין דאָרט באַקומען די ריכטיקע מיליטערישע אוניפאָרם. נו, דאָסווידאַניע, פאַר געזונט!...

ביז מיכל איז פאַרטיק געוואָרן אין דעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט מיט אַלע פאָרמאַליטעטן איז אַוועק אַ האַלבער טאָג. ווען ער איז געקומען אויף דער שפּיטאָל־גאַס און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם גרינעם טויער פון דעם הויף אין וועלכן ער האָט פון געבורטטאָג אָן ביז זיין אַרעסט, פאַר־בראַכט — איז שוין געווען פונקט די צייט ווען מענטשן האָבן אַלע זייערע אַרבעטן פאַרענדיקט, אָפּגעגעסן וואָס מען האָט נאָר געהאַט און מען האָט גערוט... דאָס איז אויך געווען די צייט ווען יינגלעך פון דער גאַס האָבן זיך געזאַמלט לעבן דעם גרינעם טויער. עס איז געוואָרן אַ טומל:

— מיכל, מיכאַיל איז געקומען!

— ער איז פריי!... קוקט אים נאָר אָן, עלטער געוואָרן!...

— העי, מיכל, וואָס מאַכסטו?

— זעסט נישט אויס שלעכט, מיכל!

— דו זעסט דאָך אויס אין דײַנע האַלב־מיליטערישע קליידער ווי אַ גאַנצער קאָמיסאַר!...

עס איז באַלד אָנגעלאָפן באָריס. ער האָט מיכלען אַרומגענומען.

— קום מיט מיר. וועסט נעכטיקן בײַ אונדז!

— אַ דאַנק באָריס. איך וויל נעכטיקן אין דער היים, בײַ זיך אין שטוב.

— עס וווינען שוין אַנדערע מענטשן אין דײַן דירה. די שטוב איז גע־שטאַנען ליידיק, האָט מען זי פאַרדונגען...

— נו, גוט, באָריס, איך וועל גיין צו דיר. איך האָב נאָר צוויי טעג פרײַע. איך וויל זען די קינדער, און דערנאָך מוז איך אַוועקפאָרן. מען שיקט מיך זיך לערנען אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע, אַזש קיין סאַראַפּול, און טער קאַזאַן פאַרשיקט מען מיך. מען וויל פון מיר מאַכן אַ רויטן אָפיציר, כאָטש דו באָריס ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין מלחמה־מענטש!

— עס איז בעסער אַזוי! — האָט באָריס אַ צופרידענער אויסגעשריגן.

— דו מיכאל פּאַר!... אָ, איך זע שוין, אַלע יאָטן אונדזערע הייבן זיך אָן אַרויפצואַרבעטן... עס וועט זײַן גוט!...

עס איז אויך אַרויסגעקומען בען־אַלי. ער האָט צוגעהונקען צו מיכלען.

— אַ, טאָוואַרישטש קרוגער, גוט דיך צו זען אויף דער פרײַ! דו זעסט, בײַ קאָמוניסטן איז פאַראַן גערעכטיקייט. דו ביסט אומשולדיק, האָט מען דיך געלאָזט פרײַ! — ער האָט זיך געפילט נישט באַקוועם. ער האָט גע־וואָלט עפּעס גוט מאַכן. — אויב דו ווילסט זען די קינדער, האָב איך זייער אַדרעס. פאַרשרײַב: דאַטשע אָטראַדע, הויז נומער זעקס, רעגירונגס קינ־דער־היים אויפן נאָמען פון קאַרל מאַרקס.

— אַ דאַנק, טאָוואַרישטש בען־אַלי, — האָט מיכל געזאָגט און איז מיט באָריסן אַרײַן אין הויף.

באָריסעס מוטער, אַ הויכע, מיטליאָריקע פרוי מיט אַ פולן בוזעם, האָט מיכלען אַרומגענומען און אים צוגעדריקט צו זיך, גלייך ווי ער וואָלט אירס אַן אייגענער זון געווען.

— דאַנקען גאָט, מיכל, דאַנקען גאָט!... זי האָט אויפן מאַן אַ קוק גע־טאָן און ווי מורא־האָבנדיק פאַר אים פאַרגעזעצט, — אַבי דו ביסט שוין פון די קאָמיסאַרסקי העגט אַרויס, וועט דיר שוין זײַן גוט.

— נו, נו, מאַמע, גענוג!... — האָט באָריס איר געבעטן, טראַכטנדיק: „נו, איך בין דאָך שוין אויך אַ קאָמיסאַר, וועל איך דען עמעצן מיט דעם טאָן שלעכטס?...״ ער האָט צוגעגעבן, — בײַ מײַן מאַמען זענען אַלע קאָ־

מיסאַרן: אַ דירעקטאָר, אַ פּאַרוואַלטער, אַן אינזשיניער, אַ גענעראַל, אַבי נאָר עפּעס אַ וואַזשנער מענטש מיט אַ הויכער שטעלע איז ער שוין ביי איר אַ קאָמיסאַר.

מיכל האָט געפּרוּווט אַ לאַך טאָן.

— דאָס פאָלק וויל זיך נישט פונאַנדערקלייבן, ביים פאָלק איז נאָך אַלץ יעדער איינער, וואָס באַזיצט אַביסל מאַכט, אַ קאָמיסאַר!

באַריסעס פאָטער, אַ מענטש אין די פופציקער, פון אַ ריזיקן אויסזען, האָט געאַרבעט אין האַפן ביים אָנלאָדן און אויסלאָדן שיפן. זינט דער אי־בערקערעניש אין לאַנד זענען קיין שיפן קיין אָדעס נישט אָנגעקומען און ער האָט זיך אַרומגעדרייט אָן אַרבעט. לעצטנס האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר שיפן אין פּאָרט, איז ער אַוועק און זיך איינגעשריבן פאַר אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי און דערפאַר האָט מען אים ווי אַ קאָמוניסט באַשטימט פאַר אַן עלטסטן איבער אַ צענדליק האַפן־אַרבעטער. עס האָט שוין אין שטוב מער נישט אויסגעפעלט קיין עסן. ער איז געווען זייער אויפגעלייגט, און ער האָט זיך שוין אויך געהאַלטן פאַר אַ „קאָמיסאַר"... ער האָט מיכלען געדריקט די האַנט.

— אַזוי, אַזוי מיכל, האָסטו שוין הייסט עס פאַרזוכט די טורמע? און אין דער סאַמע „טשע־קאַ"!... אָ, נישט יעדער איינער האָט דאָס מזל ווי דו... ניטשעוואָ!... איצט וועסטו שוין ווערן אַ מענטש. דו, זע נאָר, פאָלג יעדן עלטסטן. איבערהויפּט זיי גוט מיטן פּאַרטיי־סעקרעטאַר און מיט יעדן קאָמיסאַר. רעד נישט אַקעגן און טו וואָס מען הייסט דיר, אַפילו ווען עס געפעלט דיר נישט. ווייס ווען צו שווייגן און אויב דו רעדסט, דאַן זינג, לויב אַלע די וואָס שטייען העכער פון דיר. עס שאַדט נישט אַביסל זיך אַ חנפע צו טאָן. דאָס איז עס!... אַזוי איז געווען פריִער ביים צאַר און אַזוי איז דאָס איצט ביי... נו, מיכל, דו פאַרשטייסט דאָך וואָס איך מיין!

— פאַרשטייט זיך, אַז איך פאַרשטיי וואָס איר מיינט!...

— און איצט מיכל, וועל איך דיר געבן נאָך אַ ביישפּיל, טאַקע פון מיין אייגן לעבן...

— זאָל שוין זיין גענוג, טאַטע! — האָט באַריס אויסגעשריגן, — מי־כאַיל קען זיך באַגיין אָן דיינע ביישפּילן. לאָז אים צורו!... ער איז מידן!...

— אָ־אָ, האָסט רעכט, באַריס! אָט וועלן מיר גיין עסן און נעמען צו ביסלעך בראָנפן, וועט ער זיך פילן בעסער.

דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך און אויפן טיש איז

געשטאַנען אַ גרויסע שיסל מיט געקאָכטע קאַרטאָפּל פון וועלכע עס האָט געזעצט אַ שמעקנדיקע הייסע פּאַרע. עס איז אויך געווען אַ טעלער מיט פרישן האָלענדישן הערינג, אַ זאַך וואָס מען האָט שוין יאָרן לאַנג אין קיין שטוב נישט געזען, און אַ פלאַש בראַנפן. אויך ברויט איז אויפן טיש געווען איבערגענוג. מיכל האָט נישט געקענט באַנעמען פון וואַנען אַט די־אַ אָרימע שטוב איז פלוצים באַרייכט געוואָרן...

מען האָט געגעסן אַ סך און געשמאַק. מען האָט אויסגעטרונקען צו גלעזלעך בראַנפן און מען איז געוואָרן פריילעך. באָריס האָט אַרומגענומען מיכלען.

— פאַרסטו הייסט עס אַוועק, מיכאַ׳ל, אַ שאָד, איצט האָב איך אַ מעג־לעכקייט דיך אייַנצוואָרדענען ביי אונדז אין פאַבריק. אָבער עס איז בע־סער אַזוי, פאָר מיכאַ׳ל, פאָר!...

— יאָ, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן פאַרלאָז איך אָדעס!...

— איך בין נאָך אויך קיינמאָל פון אָדעס נישט אַרויסגעפאָרן! — האָט באָריס געזאָגט.

געשלאָפן איז מיכל מיט באָריסן אין איין בעט. ער האָט געמיינט, אַז אין דעם־אָ לעצטן אויפדערנאַכט וועט ער מיט באָריסן רעדן און רעדן... ער איז אָבער געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז ווי נאָר ער איז אַריין אין בעט, אַזוי איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. ווען ער איז אויפגעשטאַנען איז שוין געווען שפּעטלעך. ער האָט זיך געוואונדערט ווען ער האָט דערזען באָריסן אַן אַרומגעוואַשענעם און אַן אויסגעפּוצטן אין אַ ניי רעקל, מיט אַ פּאָר נייע הויזן.

— וואָס איז, גייסט הייַנט נישט צו דער אַרבעט? — האָט מיכל גע־פרעגט.

— איך קען גיין ווען איך וויל... איך אַרבעט איצט אין דער פאַרוואַל־טונג. מען האָט מיך אַרויסגערוקט אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. דו ווייסט דאָך די נייע ליניע פון דער פּאַרטיי: מען רוקט אַרויס אַלץ מער און מער אַרבעטער אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. דאָס איז אַ ניי־געשאַ־פענער אַמט: „ספּעץ־אָפּטייל", נאָך אין סטאַדיע פון געבוירן... מען האָט מיך באַשטימט פאַרן קאָמיסאַר...

— פיו־פיו! — האָט מיכל אַ פייף געטאָן פון פרייד, — דו פליסט הויך!...

מען האָט צוזאַמען אָפּגעגעסן פרישטיק און מען האָט זייער פיל גע־רעדט. דערנאָך האָט זיך מיכל געזעגנט מיט באָריסעס עלטערן און ער האָט

צוזאַמען מיט באַריסן פאַרלאָזט די שטוב. מען איז אַרויס פון דעם הויף. מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם גרינעם טויער. אויף אַ רגע האָבן זיך דערינערונגען פון זיין לעבן פאַר זיינע אויגן אַדורכגעטראָגן. ער האָט זיך באַלד אָפּגעקערעוועט און זיך געלאָזט גיין ווייטער. ער האָט אַ זאָג געטאָן צו באַריסן.

— איך וועל דעם טאָג פאַרברענגען מיט די קינדער און דערנאָך וועל איך אַוועק צום וואָקזאַל.

— אַזוי הייסט עס, מיכאַ׳ל... מיר געזעגענען זיך?... שרייב, איך וויל וויסן, איך וויל הערן פון דיר!...

— איך וועל שרייבן!...

מען איז צו צו אַ גאַס ווו טראַמווייען פון פאַרשידענע ריכטונגען שטעלן זיך אָפּ. עס איז אָנגעקומען אַ טראַמוויי, וואָס באַריס האָט באַדאַרפט האָבן.ביידע חברים האָבן זיך די הענט געגעבן: — לאָמיר זיך געזעגענען! — זיי האָבן זיך אַרומגענומען.

— געדענק, מיכאַ׳ל, שרייב! איך בין דיין חבר, פאַרגעס דאָס נישט!...

מיכלס אויגן זענען געווען פייכט. ער האָט אָבער אַ שמייכל געטאָן און אויף גיך אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני״ — ער האָט באַלד די ווערטער איבערגעזעצט: „אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל מיין רעכטע האַנט פאַרגעסן ווערן!״...

— אַך, דאָס איז פון דער ביבל, — האָט באַריס געזאָגט, — איך ווייס גאָרנישט. מיין טאַטע איז נישט געווען ווי דיינער. ער האָט מיך אין קיין חדר נישט געשיקט, נאָר אין אַ אוטשילישטשע... נו, זיי געזונט!...

— זיי געזונט, באַריס!...

מיכל איז געבליבן איינער אַליין אויף דער גאַס וואַרטן אויף אַן אַנדער טראַמוויי וואָס זאָל אים אַוועקפירן צו דער פאַרשטאָט, וואָס רופט זיך דאַטשע אָטראַדע. גיך איז דער באַטרעפנדער טראַמוויי אָנגעקומען.

די געגנט, צו וועלכער דער טראַמוויי האָט אים געבראַכט, איז געווען אַ פּראַכטפולע. דאָ זענען געשטאַנען איינצלנע רייכע הייזער מיט גרויסע און שיינע גערטנער. צום מערסטן זענען די הייזער געווען ווייסע און זיי האָבן זיך געטונקען אין דער רחבותדיקער פאַרביקייט פון די גרינע גראָזן, בלויען בעז און רויט־געלע בלומען. און כאָטש די באַלעבאָטים, די בורזשואַזע אייגנטימער פון די הייזער, זענען שוין געווען אַרויסגעזעצט און עס האָט געהערשט אַן אומאָרדענונג איז דאָך די געגנט געווען פּראַכטפול שיין און

האָט געשמעקט מיט אַן אַראָמאַט פֿון פֿרישע עפּל און זיסן האָניק. די מערס־טע הייזער זענען פֿאַרנומען געווען פֿון פֿאַרשידענע אַנשטאַלטן, ווי אויך פֿאַר פּריוואַטע וווינונגען פֿון אַלערליי פּאַרטיי־סעקרעטאַרן, דירעקטאָרן, גענעראַלן און אַנדערע כלערליי קאָמיסאַרן...

דאָס הויז נומער זעקס איז געווען אַ דריי־שטאָקיקס און עס האָט זיך געבאָדן אין אַ ים מיט קאָלירקע קווייטן און ווילד־געוואָרענע גראָזן. אַ רויטער גרויסער טאַוול איז איבער דעם הויז געהאַנגען מיט אַ גאָלד־פֿאַר־ביקן אויפֿשריפֿט: קינדער־הויז א״נ פֿון קאַרל מאַרקס. אונטער דעם טאַוול איז אַ פּאָרטרעט פֿון אַ ייִדן מיט אַ ווייס־צעפּאַטלטער באָרד אויסגעמאָלט געווען. אַ פּאָרטאַטשישער מאָלער האָט מיט דעם־אָ פּאָרטרעט קאַרל מאַרקסן פֿאַרגעשטעלט. פֿון בײדע זייטן טאַוול זענען צוויי קלענערע פּאָרטרעטן גע־האַנגען. זיי האָבן פֿאַרגעשטעלט צוויי מענטשן מיט קורצע, אַרומגעטשו־פּעטע ציגענע בערדלעך. די פּאָרטרעטן זענען איינער אויפֿן אַנדערן ענלעך געווען, מיטן אונטערשייד, וואָס איין מענטש פֿון דעם פּאָרטרעט האָט גע־האַט אַ ליסע קאָפּ און דער צווייטער אַ פּיל־האָריק באַוואַקסענעם. איינער איז געווען לענין, דער צווייטער טראָצקי.

מיכל איז אַריין אין דעם הויז. אַ פֿרוי, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן כאַלאַט, ענלעך צו אַ דאָקטער, האָט אים אָפּגעשטעלט. — וועמען זוכט איר, טאָ־וואַרישטש?

— מײַנע צוויי ברידערלעך און אַ שוועסטערל!

— זייערע נעמען?

— קרוגער! דודל, חיימל און מלכהלע.

די פֿרוי איז אַוועק און געלאָזט מיכלען צווואַרטן אין דעם וועסטיבול פֿון דעם גרויסאַרטיקן הויז. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. די ווענט זענען גע־ווען געדעקט מיט ברוין־רויטלעכן האָלץ אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעשניצט קינסטלערישע אָרנאַמענטן, וועלכע האָבן מיט זיך פֿאַרגע־שטעלט פֿיגורן פֿון פֿאַרשידענע, אַלטע מיטאָלאָגישע לעגענדעס: מלאכים־לעך, מענטשן מיט שווערדן, נאַקעטע פֿרויען און פֿאַרשידענע חיות און פֿייגל. באַלד האָבן זיך דערהערט געשרייען, גערזאַנגען און געוויינען פֿון קינ־דער. ביי מיכלען האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן. די פֿרוי אין דעם ווייסן כאַלאַט איז צוריקגעקומען. זי האָט געהאַלטן דעם רעגיסטער־בוך אין די הענט.

— די קינדער זענען שוין דאָ מער נישטאָ. מען האָט זיי איבערגעשיקט אין אַן אַנדער קינדער־היים!

— פאַרוואָס?! — האָט מיכל ווייטיקלעך אויסגעשריגן, — איך וויל זיי זען...

— מיר האַלטן דאָ קיין שום קינד נישט לאַנג, — האָט די פרוי טרוקן אָפגעענטפערט, — דאָס איז נישט קיין רעגולערער קינדער־היים, דאָס איז אַ קינדער־הויז, אַ קאַראַנטין, אַ זאַמל־פּונקט. פון דאַנען צעשיקט מען די קינדער אין די רעגולערע קינדער־היימען.

— ווו געפינט זיך דער קינדער־היים, ווו איר האָט מיינע ברידערלעך און מיין שוועסטערל געשיקט? איך וויל זיי זען! איך פאָר אַוועק און איך וויל זיך מיט זיי געזעגענען.

די פרוי האָט לאַנג געקוקט אין בוך און געמישט די בלעטלעך. דער־נאָך האָט זי אַביסל ווייכער, מיט מער פאַרשטענדעניש געזאָגט:

— ווען מיר זאָלן געוועץ וויסן, אַז איר וועט קומען וואָלטן מיר זיי באַך אויף אַ וואָך דאָ פאַרהאַלטן. איצט געפינען זיי זיך שוין געוויס אויף זייער שטענדיק אָרט, אין אַ קינדער־היים, ווו מען וועט זיי האַלטן ביזן עלטער פון זיבעצן יאָר. עס איז ערגעץ אין טורקעסטאַן, איך ווייס נישט גענוי לעבן וואָס פאַר אַ שטאָט, לעבן טאַשקענט, בוכאַראַ אָדער סאַמאַר־קאַנד! עס איז אַ גאַנץ קינדער־שטעטל מיט פיל קינדער־היימען. דאָס שטעטל טראָגט דעם נאָמען פון הברטע קרופּסקאַיאַ, די פרוי פון חבר לענין.

מיכל איז געוואָרן פאַרצווייפלט.

— איך פאָר דאָך גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג!

— איר דאַרפט אַהין נישט פאָרן! — האָט די פרוי שוין ווידער קאַלט געזאָגט, — שרייבט אַן אַ בריוו, מען וועט אייך ענטפערן!

אַנטוישט און דערשלאָגן איז מיכל פון דעם הויז אַרויס און האָט זיך געלאָזט גיין פּאַמעלעך צום וואָקזאַל. דער וועג איז געווען אַ ווייטער, אָבער מיכל האָט קיין שום חשק נישט געהאַט זיך אַריינזעצן אין אַ טראַמוויי און פאָרן. ער איז זייער לאַנג געגאַנגען איבער די גאַסן ביז ער האָט זיך צום וואָקזאַל דערשלעפּט.

ער איז צוגעקומען צום פענצטער, ווו מען שטעמפּלט די מיליטערי־שע קאָמאַנדיראָווקעס און מען באַקומט אָנווייזונגען ווען די באַן גייט אָפּ און אין אַ וועלכן וואַגאָן מען זאָל זיך זעצן.

עס זענען בײַ דעם פֿענצטער געשטאַנען אַרום הונדערט מיליטערלײַט. פֿיל פֿון זיי זענען נאָך געווען אַזוי ווי מיכל ציוויל געקליידט. אַלע זענען זיי געווען פֿריילעכע און זאָרגלאָזע יונגען. אייניקע האָבן צווישן זיך גע־רעדט, אייניקע האָבן געזונגען די ניי־אויפֿגעקומענע באָלשעוויסטישע לי־דער, וועלכע זענען געווען רוסישיק און נישט־מעלאָדיש, און דערפֿאַר טאַקע איז מען באַלד אַריבער צו די אַלטע רוסישע און אוקראַינישע פֿאָלקס־גע־זאַנגען און ליבע־לידער. עס האָט זיך אין די הענט פֿון אַ פּאָר צעבראָסטעטע סאָלדאַטן באַוויזן אַ האַרמאָניע און אַ באַלאַלייקע. די סאָלדאַטן האָבן גע־שפּילט און אַ פּאָר דאָרפֿס־מיידלעך האָבן מיט לעב־יונגען געטאַנצט און אויפֿן פֿויערישן שטייגער צוגעטופּעט מיט די פֿיס. אייניקע האָבן געקנאַקט קערלעך. זיי האָבן די ווייכע יאָדערן געקייעט מיט קנאַק און פֿאַרגעניגן און די שאָלעכץ פֿון די קערלעך אַרום זיך אויפֿן פּאָל אויסגעשפּיגן.

דער גאַנצער וואָקזאַל איז געווען פֿול מיט מענטשן, מיט קלומיקעס, מיט זעק און מיט וואַליזעס. צום מערסטן האָבן זיך געוואָרפֿן אין די אויגן מענשטן פֿון די אַרומיקע און ווייטע דערפֿער. און כאָטש עס איז נאָך געווען ווייט צו ווינטער, די היצן האָבן נאָך אומרחמנותדיק געברענט, זענען דאָך אייניקע פּויערים אין פּוטערנע טולעפּלעך געווען אָנגעטאָן.

אין מיטן וואָקזאַל, אויף דעם הוילן שטיינערנעם פּאָל, זענען געזעסן אַ כאָפּטע שיקסעס און איינע האָט בײַ דער אַנדערער געזוכט אין קאָפּ, אוי־בערגעקליבן די האָר און אַז מען האָט דערטאַפּט אַ לויז, האָט מען זי מיט אַ ליידנשאַפֿטלעכער הנאה מיט די נעגל צעדריקט.

אין מיטן דערינען איז אַ מאַן מיט אַ רויט היטל און מיט אַ גרויסן בע־זעם אין די הענט אָנגעקומען און זיך צעשריגן:

— ראַזאָידיס!... צעגייט זיך, מען דאַרף אויסקערן דעם וואָקזאַל!

עס האָבן זיך באַוויזן צוויי סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטרייבן אַלעמען פֿון וואָקזאַל. די מיליטערלײַט האָט מען נישט געטשעפּעט.

מיכל איז געשטאַנען און דאָס אַלץ באַטראַכט. אַלץ אין דעם וואָקזאַל איז פֿאַר אים געווען ניי און טשיקאַווע. ער האָט איצט דערזען אַ ווינקל פֿון לעבן, אַזאַ וואָס ער האָט ביז איצט נישט געקענט. איצט שטעלט זיך אים פֿאַר אַ לאַנגע רייזע, איז וואָס נאָך פֿאַר אַ „וווּנדער" וועט ער אין דעם גרויסן רוסישן לאַנד דערזען?...

.9

ווען דער גלאָק האָט געקלונגען און מען האָט צעעפנט די טירן פון דעם וואָקזאַל, זענען אויף דער פלאַטפאָרמע אַרויס טויזנטער מענטשן מיט פעק און זעק און מען איז באַפאַלן די וואַגאָנען ווי די היישעריקן. מען האָט זיך געשטופט און געשלאָגן. יעדער איינער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אַן אָרט. די וואַגאָנען זענען געוואָרן זייער גיך איבערגעפולט. עס איז שוין נישט געווען ווו צו זיצן איז מען געשטאַנען, און אַז עס איז שוין נישט געווען ווו צו שטיין איז מען אַרויף אויף די דעכער פון די וואַגאָנען און מען האָט פאַר זיך דאָרט געמאַכט פלאַץ.

מיכל איז נישט געלאָפן. ער איז געשטאַנען אויף דער פלאַטפאָרמע פאַרגאַפט און צעמישט, נישט באַנעמענדיק פון אָנפאַנג פאַרוואָס די טויזנטער מענטשן לויפן און באַפאַלן דעם צוג מיט שטורעם. ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט אַ בילעט מיט אַ באַצייכענונג אויף אַ באַשטימטן וואַגאָן און אַ רעזערווירטן פלאַץ, און דערפאַר דאַרף ער זיך נישט שטופן און נישט לויפן ווי אַנדערע צו פאַרזיכערן זיך מיט אַן אָרט אין אַ וואַגאָן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז איצט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון דעם נייעם קלאַס, די פריווילעגירטע, די קאָמיסאַרן, און אויב ער וועט נאָר קענען אָנהאַלטן די־אָ פּאָזיציע, דאַן וועט ער שוין דאָס גאַנצע לעבן זיין באַזאָרגט מיטן בעסטן, וואָס מען קען פון דער פּאַרטיי און רעגירונג אַרויסקריגן.

ווען די וואָקזאַל־פלאַטפאָרמע איז געוואָרן גראַמער פון דעם מענטשן־געלויף און שטויסעריי האָט זיך מיכל דערנענטערט צום צוג און ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן זיין וואַגאָן. ער האָט באַדאַרפט אַדורכגיין די לאַנגע קייט פון די געמישטע פּאַסאַזשיר־ און פראַכט־וואַגאָנען ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף איינעם, אַ נייעם, אַ געפאַרבטן וואַגאָן מיט אַן אויפשריפט: ערשטער קלאַס, בלויז פאַר קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן פון דער רויטער אַרמיי, און פאַר פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרטיי־טוער און רעגירונגס־אַנגעשטעלטע. די פלעצער זענען נומערירט און רעזערווירט.

ער איז אַריין אין וואַגאָן און געפונען זיין פלאַץ. עס איז געווען אַ צוויי־מענטשן־קופּע. זיין פלאַץ איז געווען אונטן. אויבן איז שוין געווען פאַרנומען. דער פּאַסאַזשיר איז געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ לאַנגן לעדערנעם מאַנטל פון די פיס ביז איבערן קאָפּ. „ווייזט אויס אַ געניטער פאָרער" —

האָט מיכל אַ טראַכט געטאָן, — „נישט די ערשטע רייזע. אַריין אין וואַגאָן און שוין זיך געלייגט שלאָפן".

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ. אָבער לאַנג זיצן האָט ער נישט געקענט. די נייגעריקייט האָט אים געצווונגען זיך באַלד אויפהייבן און צוגיין צום פענצטער און אַרויסקוקן. עס האָט זיך דערהערט אַ שניידנדיקער פייף. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ סאָפּע געטאָן און אַרויסגעלאָזט אַ ווייסן דאַמף. דער צוג האָט זיך פון אָרט גערירט, פריִער פּאַמעלעך און דערנאָך גיכער.

מיכל האָט מיט זיין פּנים זיך צוגעטוליעט צו דער שויב פון פענצטער און ער האָט אַרויסגעקוקט צו די גרינע פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט־ווייט. עס האָט זיך באַקומען, אַז נישט דער צוג באַוועגט זיך נאָר די פעלדער און אַלץ וואָס אויף די פעלדער באַוועגט זיך און טראָגט זיך אויף צוריק. עס זענען פאַר דעם פענצטער פאַרבייגעלאָפן טעלעגראַף־סלופּעס, ווייסע הייזקעס און גרינעביימער. דערנאָך האָט זיך אַ טייכל געשלענגלט, און ווייטער האָט אַ פּאַסטעך אַ סטאַדע שוואַרצינקע שעפעלעך געפּאַשעט. דאָס אַלץ איז פאַר מיכלען געווען ניי, טשיקאַווע און באַלערנדיק.

— טאָווארישטש, זייט אויף אַזויפיל גוט און עפנט אויף דאָס פענצ־טער, — האָט אַ פּרויען־שטימע אויסגערופן, — עס איז הייס, דערשטיקט צו ווערן!...

מיכל האָט זיך אַרומגעקוקט. די טיר פון דער קופּע איז געווען פאַר־מאַכט. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און אַרויפגעקוקט צום פּלאַץ פון צווייטן פּאַסאַזשיר. אַ מיידלש פּנים האָט צו אים אַראָפּגעלאַכט. זי איז געווען אַ שוואַרצלעכע, אַ חנוודיקע, אַפילו נישט קיין שיינע, אָבער אַן אָנגענעמע, אַ צוגעלאָזטע און אַ טייוולש־רייצנדע. דאָס ווייסע קאָפּטל אויף איר איז געווען צעשפּיליעט און אירע פולע מיידלשע ברוסטן האָבן חוצפּהדיק אַרויס־געסטאַרטשעט. מיכל איז געשטאַנען אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט אַראָפּ־געלאָזט די אויגן.

— וואָס טוט איר דאָ?

דאָס מיידל האָט זיך צעלאַכט.

— און איר וואָס טוט דאָ?...

— איך פאָר, איך האָב אַ קאָמאַנדיראָווקע, אַ מיליטערישע קאָמאַנדי־ראָווקע, און די פּלעצער זענען דאָ נומערירט...

דאָס מיידל האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסל.

— איך האָב אויך אַ קאָמאַנדיראָווקע, אַ רעגירונגס־קאָמאַנדיראָווקע, און איך ליג אויף מיין פּלאַץ!

— אַזוי?... און איך האָב געמיינט, אַז... — ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און דרייסטער געקוקט אויף איר.

דאָס מיידל האָט מיט אַ פלינקן שפּרונג זיך אַראָפּגעלאָזט פון איר אויבערשטן פּלאַץ און איז געבליבן שטיין אַקעגן מיכלען.

— וואָס האָט איר געמיינט, טאָוואַרישטש, אַז איר וועט זיין אַן איין־און־איינציקער אין אַ קופּע?...

— ניין, איך האָב געמיינט, אַז אַ מאַן ליגט אויבן!

— זענט איר אַנטוישט?...

— ניין, איך בין נישט אַנטוישט!

ער האָט געעפנט דאָס פענצטער. אַ קיל ווינטל האָט אַ שלאָג געטאָן. זי איז צו נענטער און האָט אַרויסגעקוקט. — האַ... גוט!... — האָט זי אויס־געשריגן.

זי איז געשטאַנען זייער נאָענט צו מיכלען. ער האָט לעבן זיין פּלייצע די וואַרימקייט פון אירע באַקעטע ברוסטן דערפילט. עס איז געווען זייער אַנגענעם און נישט באַקוועם... ער האָט נישט געקענט איינשטיין רויק. ער האָט דערפילט ווי די בלוטן צעגיסן זיך און שטראָמען איבער יעדן גליד פון זיין קערפּער מיט אַ ברי. ער האָט זיך דערמאָנט אין מאַריאַן... ער האָט אויפגעצייטערט. עס איז אים אַ טרויער באַפאַלן. ער איז אַוועק פון פענצטער און איז צו צו זיין פּלאַץ. ער האָט זיך אויסגעצויגן. ער איז געלעגן און גע־טראַכט: „מאַריאַ, נישטאָ מער, געשאָסן"...

עס איז געוואָרן קילער און טונקעלער. די זון אין הימל האָט זיך אָפּ־געטראָגן. מיט ווייסן זילבער־שיין האָט זיך אין דעם וויטן בלויען הימל איין שטערן נאָכן צווייטן באַוויזן. דער צוג האָט פאַרלאַנגזאַמערט דעם גאַנג און מיט אַ טראַסק געבליבן שטיין. עס האָבן זיך געהערט קולות פון מענטשן וואָס האָבן געוואָלט אַרויס פון די וואַגאָנעס און פון אַנדערע, וועלכע האָבן געוואָלט מיט גוואַלד אַ פּלאַץ פאַרכאַפּן. ביי דער טיר פון דעם וואַגאָן, אין וועלכן מיכל איז געווען, איז געשטאַנען אַ קאָנדוקטאָר און זיך געריסן אויפן קול שטייענדיק:

— אַהער טאָר מען נישט! דאָ זענען רעזערווירטע פּלעצער! עס איז נאָר פאַר וויכטיקע קאָמאַנדיראָווטשנע! קריך נישט אַהער, זאָגט מען דיר!...

עס האָט זיך געהערט אַ שאָס. עמיצער האָט געוויינט. מען האָט עמיצן

געשלעפּט און אויף אים געשריגן: „סאַבאָטאַזשניק, דיך שיסן איז נאָך ווײניק!" פון וואַגאָן צו וואַגאָן זענען אַרומגעגאַנגען סאָלדאַטן אין דער אוניפאָרם פון דער „טשע־קאַ" און האָבן בײַ יעדן פּאַסאַזשיר רעווידירט די דאָקומענטן און די זאַכן וואָס זיי האָבן מיט זיך געפירט. — „פּראָווערקאַ דאָקומענטאָוו!" — האָבן די סאָלדאַטן אויסגעשריגן.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר פון דער קופּע.

— אַרײַן!... — האָט דאָס מײדל אויסגערופן.

צוויי סאָלדאַטן זענען אַרײַן און העפלעך זיך געווענדט:

— אַנטשולדיקט, טאָווארישטשי, מיר קאָנטראָלירן בײַ אַלעמען די דאָקומענטן!

מיכל האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. ער האָט זײַנע דאָקומענטן צו אײנעם פון די צוויי סאָלדאַטן דערלאַנגט. דער צווייטער סאָלדאַט האָט דעם מײדלס דאָקומענטן באַטראַכט. זיי האָבן מיט אַ לאַמטערן באַלויכטן די פּאַפּירן און געלייענט... זיי האָבן באַלד צוריקגעקערט די דאָקומענטן און זענען אַרויס. מיכל האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט.

דאָס מײדל איז צוריק צו צום צעעפנטן פענצטער. דער צוג האָט געהירט. מיט אַ הײזעריקן פײַף איז דער צוג געלאָפן און געשלעפּט נאָך זיך די פּיל־צאָליקע וואַגאָנעס.

דאָס מײדל איז אַוועק פון פענצטער. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען.

— איר שלאָפט?

— ניין, איך שלאָף נישט! — האָט ער געענטפערט.

— איך קען זיך זעצן לעבן אײַך? — און נאָך אײדער מיכל האָט געענטפערט האָט זי שוין זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און זיך פאַרענטפערט,

— עס ווילט זיך נישט צוריק אַרויפקריכן!

— מיר קענען זיך בײַטן מיט די ערטער, אויב איר ווילט, — האָט מיכל געזאָגט, — פאַר אײַך וועט זײַן באַקוועמער דאָ!

— מען דאַרף נישט, אַ דאַנק! איך האָב ליב צו שלאָפן אויבן. שטענדיק, ווען איך פאָר בעט איך, אַז מען זאָל פאַר מיר רעזערווירן אַן אויבערשטן פּלאַץ. אָבער עס איז נאָך צו פרי... צוויי טעג מיט צוויי נעכט דאַרף איך פאָרן. איך וועל זיך גענוג אויסשלאָפן.

מיכל האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך דערפילט היימישער.

— מיין נאָמען איז מיכאַיל, מיכאַיל גריגאָרעוויטש קרוגער! און אייער נאָמען?...

זי האָט אים באַטראַכט. ער האָט געמאַכט אויף איר אַ גוטן איינדרוק. זי האָט געענטפערט:

— רופט מיך פּאָליאַ!

— פּאָליאַ! אַ שיינער נאָמען...

עס האָט זיך אין דער קופּע אָנגעצונדן אַ מוטנע־רויט עלעקטריש לעמפּל. זי האָט געזאָגט:

— איך האָב געמיינט, אַז עס וועט אינגאַנצן קיין ליכט נישט זיין. צוריק מיט אַ חודש בין איך געפאָרן, איז אַ גאַנצע נאַכט אין דער קופּע פינצטער געווען.

— און איר האָט מורא געהאַט?...

— ניין, עס איז נאָר נישט באַקוועם... מען זעט גאָרנישט...

— איר פאָרט זייער אָפט?

— יאָ, זייער אָפט! — און זי איז באַלד אַריבער אויף „דו", — און דו?...

— איך פאָר דאָס ערשטע מאָל!

— דאָס ערשטע מאָל?... — זי האָט זיך נענטער צו אים צוגערוקט. — דו פאָרסט קיין מאָסקווע?...

— ניין, קיין סאַראַפּול. עס איז אַ סך ווייטער פון מאָסקווע... דו וווינסט אין מאָסקווע? — איז ער שוין אויך אַריבער אויף „דו", — דו אַרבעטסט דאָרט? צי דיין מאַן?...

פּאָליאַ האָט זיך צעלאַכט.

— איך האָב נישט קיין מאַן! איך אַרבעט אין מאָסקווע, אין דעם קאָמיסאַריאַט פון דער שווערער אינדוסטריע. און דו, צוליב וואָס פאָרסטו קיין סאַראַפּול?...

— איך פאָר זיך לערנען אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע!...

— אַהאַ, פיין!... וואָס וועסטו זיין, ווען דו וועסט די אַקאַדעמיע ענדיקן, אַ קאָמאַנדיר צי אַ קאָמיסאַר?

— איך ווייס נאָך נישט. דערווייל דאַרף איך זיך לערנען!...

— אַ שאָד וואָס מען שיקט דיר נישט קיין מאָסקווע.

— פאַרוואָס?...

— דו געפעלסט מיר!

— און דו געפעלסט מיר אויך! — האָט ער נאַיִוו און אויפריכטיק געזאָגט.

זי האָט געפרעגט: — דו גלייבסט אין פרייער ליבע?

ער האָט זיך אָפּגערוקט פון איר. וועגן „פרייער ליבע״ זענען אַ סך רייד גענוצט געוואָרן אין פאַרשיידענע קרייזן. עס זענען געווען פאַר און קעגן. פריִער האָט ער אויסגעמיטן אַזעלכע רייד. דאָס זענען געווען רייד פון די ניי־אויפגעקומענע קאָמיסאַרן, אינטעליגענטע יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן מיט דער הילף פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד באַקומען הויכע שטעלעס אין דער רעגירונג, אין די פּאַרטיי־אַפּאַראַטן און אין דער לאַנד־אינדוסטריע. זיי האָט זיך געלעבט בעסער פון דעם געוויינלעכן פאָלקס־מענטש און זיי זע־נען דאָס געווען די וועלכע האָבן צעשמעטערט די אַלטע פאָרמען פון דעם לעבנס־שטייגער און אָנגעהויבן זוכן נייע, מאָדערנע און רייצנדיקע... אָבער איצט, איצט האָט זיך מיכל מיט אַמאָל דערפילט ווי איינער פון די „קאָמי־סאַרן״. די פּראָבלעם האָט אים אינטערעסירט. ער האָט אָבער פאַרגעדענקט, אַז דאָס גלייכסטע איז צו האַלטן דאָס מויל געשלאָסן און זיין פאָרזיכטיק ווען ער רעדט שוין יאָ אַרויס אַ וואָרט, דערפאַר האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי פאַליאַן:

— און לענין און טראָצקי, זיי גלייבן אין פרייער ליבע?

— געוויס גלייבן זיי אין פרייער ליבע!

— ביסט זיכער אין דעם?

— אויף אַלע הונדערט פּראָצענט!

— נו, אויב לענין און טראָצקי זענען פאַר פרייער ליבע דאַן בין איך אויך! אָבער... זאָג מיר, פון וואַנען ווייסטו, אַז לענין און טראָצקי גלויבן אין פרייער ליבע?

— ביסט אַ קינד, מיכאַיל, — זי האָט זיך צעלאַכט הילכיק און צו־פרידן און זיך אַ בויג געטאָן צו אים, — דו ביסט נישט אַזאַ ווי אַנדערע. — האָט זי מיט אַן ערנסט קול פלוצים אַ זאָג געטאָן, — און דערפאַר טאַקע איז אַ שאָד וואָס דו פאָרסט נישט קיין מאָסקווע, — זי האָט אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכעלע און אין דעם עפּעס אָנגעשריבן, אַרויסגעריסן דאָס זייטל און עס צו מיכלען געגעבן, — פיליכט וועסטו אַמאָל זיין אין מאָסקווע?... דאָס איז מיין אַדרעס!

— אַ דאַנק, איך וועל זיין צופרידן, אויב איך וועל נאָר האָבן דאָס

גליק צו זיין אַמאָל אין מאָסקווע, דיך האָבן פאַר מיין פריינד. עס קער זיין זייער אינטערעסאַנט צו לעבן אין מאָסקווע? דו ביסט אַמאָל געווען אין קרעמל? האָסט געזען לענינען און טראָצקין?...

זי האָט ליבלעך געשמייכלט.

— ווי קום איך צום קרעמל און צו לענינען און טראָצקין?...

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו אַרבעטסט אין דעם קאָמיסאַריאַט פון דער שווערער אינדוסטריע! און אָט זע איך דאָך, אַז דו פאָרסט אין אַ פּרי־ווילעגירטן וואַגאָן מיט אַ רעזערווירטן פּלאַץ. און דער־אַ קאָמיסאַרסקי לע־דערנער מאַנטל דיינער איז דאָך אויך עפּעס ווערט. דאָס מיינט דאָך, אַז דו פאַרנעמסט אַ הויכן אַמט!...

— נו, איז וואָס?... — האָט זי אים מוטערלעך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, כאָטש זי אַליין האָט נישט אויסגעזען עלטער פון אים, — איך בין נישט מער ווי איינע פון די פיל מיידלעך סעקרעטאַרן־מאַשיניסטקעס אין דעם קאָמיסאַריאַט. עס זענען פאַראַן זייער פיל וויכטיקע דאָקומענטן און צירקולאַרן וועלכע מען דאַרף צושטעלן צו די ערטער וווּ מען פּלאַנעוועט צו אַנטוויקלען אַן אינדוסטריע. מען קען אַזעלכע וויכטיקע דאָקומענטן נישט שיקן דורך דער פּאָסט, וועלכע אַרבעט שווידערלעך שלעכט. דאָס איז איינס. און אַ צווייטע אורזאַך: מען געטרויט נישט די אומפּאַרטייִשע ספּע־ציאַליסטן וועלכע פאַרנעמען די אַמטן פון דירעקטאָרן און אינזשינערן, האָט מען צו זיי צוגעשטעלט קאָמיסאַרן — קאָמוניסטן. און דאָס זענען אַרויסגערוקטע אַרבעטער און פּויערים, וועלכע זענען ווייניק־גראַמאָטנע, זיי קענען אַפילו נישט רעכט איבערלייענען אַ צירקולאַר, און אַ ספּעציאַ־ליסט, אויב ער איז אַ סאַבאָטאַזשניק, קען זייער גרינג אַזאַ קאָמיסאַר פאַר־דרייען דעם קאָפּ. און דאָ קום איך, אָדער אַן אַנדער מיידל, צי אַ בחור, מיט אַ גענוגנדיקער בילדונג, אין דער ראָל פון אַ ספּעציעלן קוריער, גלייך צום קאָמיסאַר. איך גיב אים אַן אויפקלערונג וועגן יעדן בוכשטאַב און מיין פון אַ צירקולאַר אָדער אַן אַנדערן וויכטיקן דאָקומענט וואָס איך ברענג מיט זיך, און ערשט דאַן ווערן די פּאַפּירן צוגעשטעלט צום דירעקטאָר, צום אינזשע־ניער אָדער צו אַן אַנדער הויכן באַאַמטן. איז אָט זעסטו, אַז איך בין גאָר נישט קיין וואַזשנע שישקע. איך בין נישט מער ווי אַ סעקרעטאַר־מאַשי־ניסטקע וואָס ווערט פון צייט צו צייט געשיקט ווי אַ קוריער, און דאָס אַלץ!

— עס איז קלאָר, פּאָליאַ!

דאָס אינטעליגענטע און געבילדעטע מיידל האָט אים אָנגעהויבן מער־

און מער געפעלן צו ווערן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ געענדיקטע פון אַן אוניווערסיטעט און פּילייכט איז זי אַפּילו אַ טאָכטער פון אַ געווע־זענער רייכער, באַלעבאַטישער משפחה...

אָבער פּלוצים, ווי נאָר פאָליאַ האָט אויפגעהערט צו רעדן וועגן רע־גירונגס־פּראָבלעמען און אַנדערע ערנסטע זאַכן, איז זי געוואָרן זוכנדיק און ליידנשאַפטלעך. זי האָט צוערשט מוטערלעך געגלעט מיכלס קאָפּ און באַלד זענען אירע באַוועגונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מער צערטלעכע און עקזאַלטירטע באַנעמונגען. ער האָט זיין קאָפּ צוגעשפּאַרט צו איר האַרץ און ווי אַ קינד די וואַרעמקייט און די ליבע צו אַ מוטער געפּילט. דאָס איז געווען אַן אָפּנאַרעריי, אַן אילוזיע, ווייל עס איז געווען אַנדערש...ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אויגן ליכטיקע, פולע מיט תאווה און גלוסט.

פאַרטאָג, ווען די זון האָט זיך דעם לויפנדיקן צוג נאָכגעיאָגט און די הייסע שטראַלן האָבן אין פענצטער פון דער קופּע אַריינגעקוקט, דאַן איז פאָליאַ אַוועק פון מיכלען און איז אַרויף אויף דער אויבערשטער טייל און זיך געלייגט אויף איר פּלאַץ.

דער צוג האָט זיך פון צייט צו צייט אָפּגעשטעלט אויף לאַנגע שטונדן ביי קליינע סטאַנציעס און אין מיטן פעלד. עס האָט אָפט מאָל אויסגעפעלט וואַסער אין דעם לאָקאָמאָטיוו, און אָפט מאָל קוילן. וואָס ווייטער מען איז אַוועק פון אָדעס אַלץ ערגער איז געוואָרן מיט באַהייצן דעם לאָקאָמאָטיוו. אין מיטן טאָג איז מען פון אוקראַינע אַריבער קיין רוסלאַנד. אָנשטאָט מיט קוילן האָט מען דעם לאָקאָמאָטיוו אָנגעהויבן צו באַזאָרגן מיט האָלץ. דער צוג האָט אָנגעהויבן צו גיין וואָס אַמאָל לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער ביז ער איז אינגאַנצן געבליבן שטיין. עס האָט זיך דערהערט אַ פייף פון דעם לאָ־קאָמאָטיוו, אַ טומל און ווילדע געשרייען. מיכל און פאָליאַ האָבן זיך אויפגע־כאַפּט פון שלאָף און זענען צו צום פענצטער. זיי האָבן דערזען, אַז מען שטייט אין מיטן וועג פון אַ שוואַרצן און געדיכטן וואַלד. סאָלדאַטן מיט ביקסן אין די הענט האָבן אַרויסגעטריבן די פּאַסאַזשירן פון די וואַגאָנעס און האָבן זיי געצוווּנגען צו האַקן און זעגן ביימער און פאַרגרייטן האָלץ פאַרן לאָקאָמאָטיוו, כדי מען זאָל קענען פאָרן ווייטער.

עס איז געווען האַלבער טאָג. די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל און האָט אַראָפּגעקוקט אויף די פּראָסטע פאָלקס־מענטשן וואָס האָבן געמוזט שווער אַרבעטן כדי צו קענען פאָרן ווייטער אין דער צייט וואָס די „קאָ־

מיסאַרן" פון דעם פּריווילעגירטן וואַגאָן זענען ביי די פּענצטער געשטאַנען און צופרידן אונטערגעשמייכלט.

— וואָס איז געשען? — האָט מיכל געפרעגט.

— אָ, נאַרישקייטן... — האָט פּאַליאַ אָפּגעענטפערט, — אַלע מאָל טרעפט אַזעלכעס אין וועג. אַז מען פאָרט אָפט ווערט מען צו אַזעלכע קליי־ניקייטן צוגעוווינט.

מען איז אַזוי־אַ אָפּגעשטאַנען אַ גוטע צוויי שעה אין מיטן וואַלד ביז מען האָט פאַרגרייט גענוג האָלץ פאַרן לאָקאָמאָטיוו. ווען מען האָט די אַר־בעט אין וואַלד געענדיקט האָט זיך ווידער אַמאָל אָנגעהויבן אַ בהלה מיט אַ געלויפעריי און ווילדע אויסגעשרייען. מענטשן זענען געלאָפן צוריק צו די וואַגאָנעס. יעדער איינער האָט זיך געאיילט צו פאַרכאַפּן צוריק אַ באַ־קוועם אָרט. עס האָבן זיך געטראָגן יללות און קללות:

— דאָס איז מיין פּלאַץ!

— דאָ זענען די פּלעצער נישט קיין נומערירטע. ווער עס פאַרכאַפּט, דער זיצט!

— אָבער איך בין דאָך דאָ פריִער געזעסן!...

— וועסטו איצט שטיין!...

— אַך דו, אין דיין מאַמען און מאַמען אַריין!

— קאַראַהול, ראַטעוועט!...

צוויי סאָלדאַטן האָבן געפירט אַ צעבלוטיקטן מענטשן מיט אַ צעריסן העמד אויפן לייב. אַנדערע צוויי סאָלדאַטן האָבן געפירט אַן אַנדערן מענטש, וועלכער האָט זיך פון זייערע הענט געריסן און געשריגן: „ער האָט דער ערשטער מיר אַ פּאַטש געגעבן, האָב איך אים געמוזט צוריק אָפּצאָלן!" און פּלוצים האָט דער לאָקאָמאָטיוו אַן שום וואָרענונג זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אָנגעהויבן גיין. מענטשן וואָס האָבן זיך נישט באַוויזן אַריינצובאַ־קומען אין די וואַגאָנעס זענען דעם צוג נאָכגעלאָפן און מיט האַרצרייסנדי־קע קולות געשריגן:

— וואָרט, וואָרט, מיר האָבן אונדזערע זאַכן אין וואַגאָן איבערגעלאָזן!

— מיינע קינדער, ווי איז מיר, די קינדער זענען אין וואַגאָן!...

מענטשן זענען פאַרטעמפּט און פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. מענטשן האָבן יענעמס צרות באַנעמען נישט געקענט. ווילדקייט און רשעות האָט פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון מענטשלעכקייט און רחמנות. מען האָט געלאַכט פון די אומגליקלעכע מענטשן וואָס זענען דעם צוג נאָכגעלאָפן. מען איז

געפֿאָרן ווײַטער, ווײַטער, ווײַטער... פּלוצים איז דער צוג ווידער שטיין געבליבן. דאָס מאָל איז דאָס געווען פֿאַרנאַכט. מען איז געשטאַנען אין מיטן פֿעלד. דער לאָקאָמאָטיוו האָט שווער געסאָפּעט. דאָס האָלץ איז געווען נאַס און עס האָט שלעכט געברענט אין דעם אויוון פֿון דעם לאָקאָמאָטיוו. עס האָט אויסגעפּעלט דאַמף.

מען האָט ווידער אַרויסגעטריבן דאָס פּראָסטע פֿאָלק פֿון די וואַגאָנעס און מען האָט זיי איצט געהייסן אונטערשטופּן דעם צוג. הונדערטער מענטשן האָבן זיך אָנגעשפּאַרט מיט זייערע אַקסלען אין די וואַגאָנעס און געשטופּט דעם צוג פֿאָרויס.

— צוריק צו די וואַגאָנעס! — האָבן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן דעם צוג באַגלייט, זיך צעשריגן.

און מענטשן זענען ווידער געלאָפֿן מיט אימפּעט און שרעק צו די וואַגאָנעס און האָבן ווידער מיט קריגערײַ און געשלעג געקעמפּט פֿאַר אַן אָרט.

דאָס מאָל האָט דער לאָקאָמאָטיוו הילכיק זיך צעפּייפֿט און איז אַוועק אין אַ גאַנג.

מיכל איז געלעגן, געדרימלט און אַלע מאָל זיך אויפֿגעוועקט. פֿאַליאַ איז געזעסן לעבן אים. ער האָט וועגן איר אַ טראַכט געטאָן: „צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט געהערט זי? איז זי אַ רוסישע, אַן אוקראַינערין, צי אַ ייִדישע?“ — ער האָט זיך באַלד געכאַפּט: „אַלצאיינס. מען רעדט דאָך, אַז אַלע מענטשן זענען צווישן זיך גלײַך, אָן אונטערשייד פֿון נאַציע און ראַסע!“...

פֿאַליאַ האָט מיכלען אַרומגענומען.

— דו שלאָפֿסט?... וועק זיך אויף, מיכאַיִל!...

— וואָס איז, פֿאַליאַ?

— מיר דערנעענטערן זיך צו מאָסקווע! דו ווילסט דאָך נישט, אַז איך זאָל אַוועק און זיך נישט געזעגענען מיט דיר!

— אָ, ניין! — ער איז אַראָפּ פֿון זײַן אָרט. — מען איז שוין אין מאָסקווע? גיך!...

— יאָ, גיכער ווי איך האָב זיך גערעכנט! — זי האָט אָנגעטאָן איר לעדערנעם מאַנטל און געגומען איר וואַליזע אין האַנט. — דאָסווידאַניע, זײַ געזונט, מיכאַיִל! שרײַב, לאָמיר נישט זײַן קיין פֿרעמדע! — זי האָט אים אַ קוש געטאָן, — פֿילײַכט וועלן מיר זיך ווידער אַמאָל באַגעגענען!

— איך האָף אַזוי, פֿאַליאַ! דאָסווידאַניע! — ער האָט זי אַרומגענומען און ווידער אַ וואַרעמע נאָענטקייט צו איר דערפֿילט.

דער צוג איז געבליבן שטיין אין אַ לאַנגן טונעל, וועלכער איז מיט אַ גלעזערנעם דאַך געווען באַדעקט. פּאָליאַ איז אַרויס פון וואַגאָן. מיכל האָט איר מיט אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט נאָכגעקוקט. זי האָט זיך גיך אויסגע־מישט מיט די טויזנטער מענטשן אויף דער פּלאַטפאָרעם פון דעם גרויסן וואָקזאַל און איז פאַרשווונדן. עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. דער וואָקזאַל איז געווען באַהאָנגען מיט פיל רויטע לייוונטן און מיט פּאָרטרעטן. פון די לייוונטן האָבן אַראָפּגעשריגן די לאָזונגען: „לעבן זאָל די מאַכט פון די סאָ־וועטן" און „לעבן זאָל לענין און טראָצקי" און פון די פּאָרטרעטן האָבן די פּנימער פון לענינען, טראָצקין און קאַרל מאַרקסן צום אָפּפאָרנדיקן צוג געקוקט..

.10

די מיליטערישע אַקאַדעמיע אין דער שטאָט סאַראַפּול האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דעם טייך קאַמאַ, אין אַן אַלטער, פריצישער געביידע, וועלכע איז געווען אַמאָל, אין די צייטן פון דער „גאָלדענער אָרדע", אַ מי־ליטערישע פעסטונג. עס האָט זיך ערשט באַדאַרפט אָנהויבן דאָס לערניאָר. בחורים פון אַלע עקן סאָוועטן־לאַנד זענען זיך ערשט צונויפגעפאָרן אַהער. עס האָבן זיך אין דעם אַלטן פּאַלאַץ פאַרזאַמלט יונגעלייט פון אַלע נאַציאָ־נאַליטעטן פון דעם גרויסן רוסישן לאַנד. מען האָט געפאָדערט גראַמאָטנע און געבילדעטע יונגעלייט פאַר דער מיליטערישער קאַריערע און אַזעלכע האָבן זיך געפונען אין די הונדערטער, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו נישטערן און זוכן ביי די רוסישע, אוקראַינישע, טאָטערישע, גרוזינישע, יידישע און אַנדערע פעלקערשאַפטן.

אין אַ גרויסן ווייסן זאַל מיט קיילעכדיקע און פעסטע זיילן איז געזעסן די מיליטערישע, פּאָליטישע און מעדיצינישע אויפנעם־קאָמיסיע. אַן אַלטער גענעראַל מיט לאַנגע ווייסע וואָנצעס, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ פּראָפעסאָר פון מיליטערישע וויסנשאַפטן נאָך אין די צאַרישע אַקאַ־דעמיעס, האָט זיך „פרייוויליק" אָנגעשלאָסן אין דינסט ביי דער רויטער אַרמיי. צוזאַמען מיט אים זענען געזעסן צוויי יונגע מענטשן אָנגעטאָן אין נייע מיליטערישע קליידער, ווי אויך אַ דאָקטער און אַ סעקרעטאַר.

מיכל איז געשטאַנען איינגאַנצן אַ נאַקעטער פאַר דער אויפנעם־קאָמי־סיע. דער גענעראַל איז צוגעקומען צו אים און אים באַטראַכט פון אַלע

זייטן. ער האָט אַ הוסט געטאָן און דערנאָך פּאַטערלעך אַ קלאַפּ געטאָן מיכ־לען אין פּלייצע.

— כמע, הע, הע!... מאַלאַדיעץ! געזונט און בראַוו. אַן אמתער הוסאַר!

באַלד איז דער דאָקטער צוגעקומען. ער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן דורך זיינע גראָבע ברילן־גלעזער, אַ טאַפּ געטאָן די מוסקלען פון די הענט און פיס, אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער איבער דער ברוסט און געזאָגט: „עפן דאָס מויל!" מיכל האָט געעפנט דאָס מויל און דער דאָקטער האָט אַריינגעקוקט. ער האָט באַפוילן:

— מעגסט זיך אָנטאָן! — און צו די מענטשן פון דער אויפנעם־קאָמי־סיע האָט ער דערקלערט: — „גאָדיען", דער בחור איז געזונט ווי אייזן!

איינער פון די צוויי מיליטעריש־געקליידעטע יונגע מענטשן האָט גע־האַט אַן אויסזען פון אַ פּראָסטן גוטמוטיקן פויער, מען האָט אים גערופן פּראָפּעסאָר מאַסלאָוו און ער איז געווען דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון דער אַקאַדעמיע. ער האָט צעעפנט אַ בוך און דערלאַנגט מיכלען, אָנווייזנדיק אויף אַ זייטל.

— לאָז מיך זען צי דו קענסט לייענען!

מיכלען איז באַפאַלן אַ געלעכטער. ער האָט זיך אָבער באַלד דער־שראָקן און איז צעטומלט אַנטשוויגן געוואָרן.

— פאַרוואָס האָסטו זיך צעלאַכט? — האָט דער קאָמיסאַר געפרעגט.

— דו קענסט נישט לייענען?

— וואָס הייסט איך קען נישט? — האָט מיכל איצט שוין מער דרייסט זיך דערפילט, איך האָב אין אַ גימנאַזיע זיך נאָך באַוויזן צו לערנען!...

— אָט אַזוי גאָר?... — האָט דער קאָמיסאַר אָנגעקוואָלן, — געבילדע־טע יונגעלייט זענען וועלקאָם! ביסטו אַ קאָמוניסט?

— יאָ, איך בין אַ מיטגליד פון דעם פאַרבאַנד יונגע קאָמוניסטן!

— אויסגעצייכנט!...

דער צווייטער יונגער מענטש, אין דער מיליטערישער אוניפאָרם, האָט געהאַט אַ שטרענגן אויסזען. זיין קאָפּ איז געווען אָן האָר, גלאַט ראַ־זירט, און אַ בלוילעכער שראַם פון אַ פאַרהיילטער וווּנד האָט איבער זיין ווייסן קאָפּ ביז צו דעם שטערן זיך געצויגן. ער האָט געהאַט דעם ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק. אויף דער ברוסט פון זיין מונדיר האָט זיך גערויטלט אַן אָרדן פון דער רויטער פאָן. ער איז געווען אַן עכטער רוס און ער האָט גע־האַט אַן עכט רוסישן נאָמען, פאָטער־נאָמען און פאַמיליען־נאָמען: איוואַן,

איוואַנאָוויטש, איוואַנאָוו! ער איז דאָס געווען דער שעף פאַר די ערשטע און צוקונפטיקע רויטע אָפיצירן וואָס וועלן פאַרענדיקן זיין מיליטערישע אַקאַ־דעמיע.

איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו איז צוגעגאַנגען צו מיכלען און אים דערלאַנגט אַ שווערע האַנט און דערביי אויסגעברומט צופרידן:

— טאָוואַרישטש קרוגער, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטי־שע רעגירונג נויטיקן זיך אין אַזעלכע יונגע, געזונטע, גראַמאָטנע און אַנטוויקלטע בחורים ווי דו. איך גלויב, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער קאָמאַנ־דיר. איך גראַטוליר דיר מיט דיין אָנקומען אין מיין אַקאַדעמיע אַלס רויטער קאַדעט!

אין דעם מאָמענט האָט מיכל פאַרגעסן אין אַלע זיינע צרות און באַ־ליידיקונגען וואָס ער האָט פון דער נייער מאַכט געהאַט. ליכטיק און פריי־לעך איז אים געוואָרן אין דעם ווייסן זאַל מיט די קיילעכדיקע זיילן. ברוי־דערלעך נאָענט זענען אים געוואָרן די מענטשן פון דער אויפנעם־קאָמיסיע. זיין נשמה איז צוריק געוואָרן אָנגעפילט מיט אַ שטראָמיקן און זיסן איני־האַלט און לעבנס־ציל. פאַר זיינע אויגן האָט זיך די גאַנצע וועלט אַנט־פּלעקט און איבער דער גאַנצער וועלט האָט געפלאַקערט די רויטע פאָן, די קאָמוניסטישע פאָן, ווי אַ סימבאָל פון גליק און ערדישן גן־עדן.

— איך זאָג צו, אַז איך וועל דינען געטריי דער פּאַרטיי און רעגירונג!

— האָט מיכל אין עקסטאַז ווי אַ גלויביקער אויסגערופן.

אַ באַגייסטערטער איז ער אַרויס פון דעם זאַל אין דעם קאָרידאָר ווו הונדערטער בחורים זענען געשטאַנען ביי דער טיר און געוואַרט מיט אומ־געדולד און שרעק, יעדער איינער אויף זיין ריי, אויסגעפּאַרשט צו ווערן פון דער אויפנעם־קאָמיסיע. מען איז מיכלען באַפאַלן מיט פראַגן און מיט אויסרופן:

— ווי אַזוי איז דאָרט?...

— מען שטעלט שווערע פראַגן?...

— מען מוז קענען גוט לייענען און שרייבן?...

— דער דאָקטער באַטראַכט שטרענג?...

— איז דער שעף אַ בייזער?...

— און דער אַלטער גענעראַל, און דער פּאָליטישער קאָמיסאַר?... ס'אַ שרעק!...

יעדער איינער פון די ענטוזיאַסטישע בחורים, יונגע קאָמוניסטן פון

די פיל שטעט און דערפער האָבן זיך שוין געוואָלט וואָס גיכער זען אויס־געפּוצט אין דער מיליטערישער אוניפאָרם אַלס קאַדעט פון דער אַקאַדע־מיע. עס איז אָבער געווען נאָך אַן אורזאַך פאַר דעם שטרעבן פון די יונגע לייט: מען האָט זיך געוואָלט פאַרזיכערן מיט אַ מיליטערישער פּראָפעסיע וואָס גאַראַנטירט אַ גוטן געהאַלט, פיינע קליידונג, אַ שיינע דירה און גע־נוג עסנוואַרג. אונטערבאַוווסטזיניק איז געווען אַ געדאַנק: מען וועט זיך שוין מער נישט מאַטערן אין הונגער און אין נויט אַזוי ווי יעדער איינער ציווילער בירגער פון שטאָט און דאָרף.

אָבער מיכל האָט גאָר נישט געשטרעבט צו זיין אַ מיליטער־מאַן. ער איז געבוירן געוואָרן אַ שטילער, אַ באַשיידענער און ער איז געוואַקסן שטיל און באַשיידן. מלחמה איז נישט געווען זיין נאַטור. די מיליטערישע קאַ־ריערע איז געווען אַ צופעליקע...

פון די ערשטע צוויי חדשים, זינט דאָס לערנען אין דער אַקאַדעמיע האָט זיך אָנגעפאַנגען, איז מיכל געוואָרן אַ פּראָבלעם און אַ רעטעניש פאַר זיינע פּראָפעסאָרן, קאָמאַנדירן און זיינע חברים קאַדעטן. ער האָט זיך אויס־געצייכנט געלערנט און איז געווען דער בעסטער קענער אויף די קעגנ־שטאַנדן פון געשיכטע, פילאָסאָפיע, ליטעראַטור און געאָגראַפיע. דער פּאָ־ליטישער קאָמיסאַר, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו האָט זיך געגרויסט און גערימט מיט מיכלען און ביי יעדער געלעגנהייט אים אַרויסגעשטעלט פאַר אַ מוס־טער אַלס אַ גוטן, דיסציפּלינירטן און פעיִקן סטודענט. דערפאַר איז אָבער דער שעף פון דער אַקאַדעמיע, פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו, אינגאַנצן אַנטוישט געוואָרן אין מיכלען. אויף די מיליטערישע קעגנשטאַנדן איז מיכל געווען אומדערטרעגלעך נישט־פעיִק, אומגעלומפּערט און תמעוואַטע. עס איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז וויפל ער האָט נישט געלערנט, געחזרט, געפאָרשט און שטודירט די ביקס האָט ער דאָך קיין מאָל נישט געקענט פאַרגעדענקען פון וויפל טיילן זי באַשטייט און מיט וואָס פאַר אַ נאָמען מען רופט אָן יעדן טייל באַזונדער... מיכלס חברים, די סטודענטן־קאַדעטן, האָבן גערן זיך צו אים געשאַרט און געחנפעט ביי די לעקציעס פון דעם קאָמיסאַר און זענען קאַלט און פאַרפרעמדט געווען צו אים ביי די אינסטרוקציעס פון דעם פּאָל־קאָווניק.

אין די פרייע שטונדן און פאַרן שלאָפן גיין פלעגן חברה ליב האָבן צו ראַנגלען זיך און אַמאָל פלעגן זיי זיך צונויפנעמען אין אַ ווינקל און שפּילן אין קאָרטן, כאָטש לויט דעם סטאַטוט פון דער אַקאַדעמיע איז דאָס פאַר־

ווערט געווען. מיכל האָט אָבער נישט גענומען קיין אָנטייל אין די ווויל־יונגערישע שטיפערייען פון זיינע מיט־שילער. ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זיך: אויב ער האָט נישט געלייענט האָט ער געשריבן און אויב ער האָט נישט געשריבן האָט ער געלייענט. און געלייענט האָט ער אָן שום סיסטעם, ער האָט געלייענט אַלץ וואָס נאָר עס האָט זיך אין זיינע אויגן געוואָרפן, יעדער בוך וואָס ער האָט אין דער ביבליאָטעק פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע דערטאַפּט. געשריבן האָט ער אַ פּאָר מאָל בריוו צו די קינדער, אין דעם ווייטן טורקעסטאַן. פון דעם קינדערהיים איז קיין מאָל קיין ענטפער נישט אָנגעקומען און ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן, גלייך ווי ער וואָלט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער האָט ערגעץ צווײ קלענערע ברידערלעך און אַ קליין שוועסטערל. ער האָט אויך געשריבן בריוו צו באַריסן קיין אָדעס און ער האָט פון אים באַקומען באַגייסטערטע און דערמוטיקנדיקע ענטפערס. און ער האָט געשריבן בריוו צו פּאַליאַן קיין מאָסקווע. אירע ענטפערס זענען געווען צאַרטע און רייצנדע. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז פאַרליבט אין איר. און פּלוצים, ער האָט אַפילו נישט געוווּסט ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָט ער פון צייט צו צייט אָנגעהויבן שרייבן לידער און קורצע דערציילונגען. צום מערסטן זענען דאָס געווען נאַטור־ און ליבע־געזאַנגען און באַשרייבונגען. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיך אין זיינע שאַפונגען באַוויזן מענטשן מיט בלוט און פלייש, מיט כאַראַקטער און מיט טואונג... אין אַ צייט אַרום האָבן זיך זיינע לידער און דערציילונגען אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די דיקע רוסישע ליטעראַרישע זשורנאַלן.

מען האָט וועגן דעם ניי־אויפגעקומענעם טאַלאַנט, מיכאַיל קרוגער, שוין אַפילו אָנגעהויבן צו שרייבן רעצענזיעס און מען האָט אים פאַרזיכטיק געלויבט... דאָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק! מיכלס פּרעסטיזש איז געוואַקסן אין די אויגן פון זיינע חברים, פון די פּראָפעסאָרן און די קאָמאַנדירן. מען האָט אים אָנגעהויבן באַהאַנדלען מיט רעספּעקט, אָבער מיט אַזאַ מין רעספּעקט, וואָס האָט אָן ווערטער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז „דער־אָ מענטש איז נישט אין דעם ריכטיקן פּלאַץ. ער באַלאַנגט דאָ נישט".

אויף אַ זיצונג פון דעם ראַט פון די פּראָפעסאָרן און קאָמאַנדירן האָט דער שעף פון דער אַקאַדעמיע, פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו, געמאַכט די דערקלערונג:

— מען דאַרף דעם קאַדעט מיכאַיל קרוגער אָפּשיקן פון דאַנען, ווייל זיין האַנט ציט זיך צו דער פּען און נישט צו דער ביקס. מיר גרייטן דאָ צו

קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן פאַר דער רויטער אַרמיי און נישט קיין שרײַ־בערס!

דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון דער אַקאַדעמיע, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, האָט מיכלען אָפּגעשריגן. ער האָט רעקאָמענדירט:

— דער קאַדעט מיכאַ׳ל קרוגער איז אַן אינטעליגענטער בחור און אַ גוטער קאָמוניסט. מיר האָבן ווייניק אַזעלכע ווי ער. מען דאַרף אים לאָזן ענדיקן די אַקאַדעמיע. עס איז אמת, קיין מיליטער־פירער וועט ער נישט זיין, אָבער אַ פּאָליטישער פירער קען ער ווערן.

מען האָט זיך צוגעוווינט צו מיכלס באַזונדערקייט און מען האָט אים געלאָזט זיין אַזוי ווי ער איז...

עס איז געווען אין דער מיט פון דעם רוסישן ווינטער. ווייס און פראָס־טיק איז געווען די שטאָט סאַראַטאָוו. די קופּאָלן פון די קלויסטערס און די מינאַרעטן פון די מעטשעטן זענען מיט ווייסן שניי ווי מיט אַ ווייסער פּו־כיקער דעק צוגעדעקט געוואָרן. די צווייגן פון די ביימער זענען אין אייז געקאָוועט געוואָרן און ווי קרישטאָלענע דורכזיכטיקע פיגורן אַקעגן דער זון געגלאַנצט. די דעכער פון די נידעריקע הייזער זענען מיט שניי באַ־דעקט געווען און פון די קוימענס האָבן זיך פויל און צעקראָכן בלויע רויכע־לעך צום פאַרפרוירענעם הימל געצויגן. דער טייך קאַמאַ איז אין אייז אַ שטייפער געשטאַנען געקאָוועט. קינדער האָבן זיך איבער דעם טייך גע־גליטשט, און שליטנס מיט געשפּאַנטע פערדלעך זענען איבער דעם טייך געפאָרן, זיך געשלעפּט מיט בענקענדיקן גלעקער־געקלאַנג צום וויטן האָ־ריזאָנט פון וועלכן אַ וואַלד מיט שוואַרצע און ווייס־שנייִקע ביימער האָבן אַקעגן דער זון שימערירט.

דער גרויסער פּאַלאַץ פון הינטער דער שטאָט, אין וועלכן די מילי־טערישע אַקאַדעמיע האָט זיך געפונען, איז געווען מיט שניי באַשאָטן און האָט איצט אויסגעזען ווי אַ מיסטעריעזער ווייסער באַרג. אינעווייניק, אין דעם פּאַלאַץ, זענען די גרויסע צימערן געווען קאַלטע און אומהיימלעכע. דער פראָסט האָט זיך געטראָגן איבער די צימערן, וועלכע זענען שוין פון אַ וואָך צייט נישט באַהייצט געווען. מען האָט געמוזט אָפּשטעלן די לעק־ציעס און שפּאַנען פערד און שליטן און פאָרן אין וואַלד צו פאַרגרייטן האָלץ צום באַהייצן די צימערן און ערשט דאַן ווייטער אָנגיין מיט דעם מי־ליטערישן און פּאָליטישן פּראָגראַם פון דער אַקאַדעמיע.

אָנגעטאָן אין די וואַטאָווע פופייקעס מיט וואָליקעס אויף די פיס און

מיט קוטשמעס אויף די קעפּ זענען יונגוואַרג, די צוקונפטיקע רויטע אָפּי־צירן, אַרויף אויף די שליטנס און מען האָט זיך געלאָזט צום וואַלד.

דער וואַלד איז געשטאַנען שטום אין זיין ווינטערדיקן דרימל. די זיל־בער־שיין פון אַ שאַרפער האַק האָט דעם וואַלדס שלאָף צעשטערט. אונטער־געהאַקטעביימער זענען מיט אַ קרעכץ און געוויין צו דער ערד געפאַלן און באַלד צעזעגט געוואָרן אויף שטיקער האָלץ וואָס זאָלן זיך אין די הרובעס פון דעם פּאַלאַץ אַריינפּאַסן.

— „בעי וואַניקאַ!״ האַק! — האָבן חברה געשריגן איינער צום אַנדערן און צוגעגעבן מוט צו דער אַרבעט. — „יעשטשיאָ ראַז״, נאָך אַמאָל!... „איי־דאַ רעביאַטאַ״, שנעלער יאַטן!...

אויך די פּראָפעסאָרן און קאָמאַנדירן זענען אין וואַלד אַרויס און גע־האָלפן אין דער אַרבעט. פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו האָט באַמערקט ווי צוויי בחורים אַרבעטן פליסיק, זיי יאָגן זיך און ווייזן אַרויס חידושים. זיי צע־זעגן די ביימער שנעל און פלינק מיט אַ גרויסער האַנט־זעג. ער איז צו־געקומען און איינעם אַ פריינדלעכן שטויס געטאָן.

— עהעי, דו, לאָז מיך אַביסל זיך אָנוואַרעמען!

איוואַנאָוו האָט אַ כאַפּ געטאָן די זעג מיט זיינע שווערע און גרויסע הענט און ער האָט זיך צעיאָגט. — „עך ברודערל, דאַוואַי, דאַוואַי!״ — האָט ער אַרבעטנדיק אונטערגעשריגן. ער איז אָבער זייער גיך אָפּגעשטאַ־נען פון דעם צווייטן. ער האָט אָנגעהויבן שווער צו סאָפּען און צו שוויצן. ער האָט צום סוף נישט אויסגעהאַלטן און זיך געמוזט אונטערגעבן.

— גענוג, נישטאָ אַמאָליקע כוחות מיינע! — ער האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן, — נישט גוט! מיין געזונט איז אונטערגעהאַקט אָדער די עלטער רוקט זיך אָן?... — ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם יונג מיט דער פוטער־נער קוטשמע אויפן קאָפּ, וועלכער האָט דאָס אים אַזוי פאַרמאַטערט מיט זיין שנעלן זעגן די ביימער און ער האָט אויסגעשריגן פאַרוווּנדערט, — אָך, דאָס ביסטו קרוגער, מיכאַיל קרוגער! הו־הו, מאָלאָדיעץ! דו אַרבעטסט ווי אַ רוח!... אָבי איך האָב געמיינט, אַז דיינע הענט טויגן נאָר צו האַלטן אַ פען און שרייבן. איך זע, אַז צו שווערער אַרבעט טויגסטו זיך אויך אויס! נו, יאָ, דאַ... מיין ווייב האָט געלייענט דיינע לידער און דערציילונגען. זי האָלט פון דיר!... זי זאָגט, אַז דו ביסט אַ טאַלאַנט! איז דאָס אמת?...

— אָ, נייך, טאָוואַרישטש פּאָלקאָווניק! — האָט מיכל געענטפערט, — איך בין נאָך זייער ווייט פון צו זיין אַ טאַלאַנט. הע, איך שרייב...

— ניעט, ניעט! — האָט איוואַנאָוו שטרענג אַ זאָג געטאָן, — באַשײ־דנקייט פּאַסט זיך נישט פאַר קיין באָלשעוויק! יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, קאַטיאַ, מײַן ווײַב, פרעגט זיך נאָך אויף דיר. זי איז אַ געבילדעטע פרוי, זי האָט אין אַן אוניווערסיטעט געלערנט, אַ לערערין פון רוסישער ליטע־ראַטור און שפּראַך געוואָלט ווערן, זי פאַרשטייט גוט! אויב זי זאָגט, אַז דו ביסט אַ טאַלאַנט, ביסטו דאָס!... ווי אַזוי הייסט דײַן לעצטע דערציילונג?

— דריי טעג, טאָוואַרישטש פּאָלקאָווניק!

— דאַ, דאַ, „דריי טעג"... אַ מעשה ווי אַ יונגער רויטאַרמייער איז צו די „ווייסע" אין פליען אַרײַנגעפאַלן, און ווי אַזוי דער קאָמאַנדיר זײַנער האָט אים געראַטעוועט! מײַן קאַטיאַ האָט מיר געצוווּנגען די־אַ דערציילונג איבערצולייענען און איך קלייב זיך טאָקע מיט דיר רעדן: פון וואַנען קו־מען צו דיר אַזעלכע פאַנטאַזיעס?... ווי אַזוי נעמט מען דאָס און מען טראַכט אויס אַ מעשה?... מען מוז דאָך האָבן טאַלאַנט!... נו, זאָג!...

— איך ווייס נישט צי איך האָב טאַלאַנט, טאָוואַרישטש פּאָלקאָווניק, איך ווייס נאָר, אַז איך האָב אַ טבע צו טראַכטן, נו, טראַכט איך אויס אַ מעשה... אָבער פילן פיל איך, אַז איך האָב גאָר נישט אויסגעטראַכט, די זאַך איז אַן אמתע, עס איז טאָקע אַזוי געשען און איך בין דערביי געווען!...

איוואַנאָוו האָט זיך צעלאַכט. ער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן ביים שראָם וועלכער האָט זיך געצויגן איבער זײַן שטערן און אָנגערוקט זײַן קוטשמע איבער די אויגן און איבער די אויערן.

— אַך, קאַלט!... — און צו מיכלען האָט ער געזאָגט, — טאָוואַרישטש קרוגער, כאַפּ זיך אַרײַן צו מיר אַהיים. עס קען זײַן אַפילו היינט אויפדער־נאַכט, באַלד נאָך פּראָפעסאָר מאַסלאָוס לעקציע!

— אַ דאַנק, טאָוואַרישטש פּאָלקאָווניק, איך וועל קומען!

צענדליקער שליטנס מיט האָלץ זענען פון וואַלד אַרויסגעפאָרן, אַרי־בער דעם טייך און זענען צוגעפאָרן צום גרויסן פּאַלאַץ, דאָרט אָפּגעלייגט דאָס האָלץ און זיי זענען צוריק צום וואַלד אַוועק. אין דעם טאָג האָט מען פאַרגרייט הייצונג אויף אַ גאַנצן חודש. ווען מיכל מיט די איבעריקע קאַ־דעטן האָבן זיך פון וואַלד צוריק צו דער אַקאַדעמיע אומגעקערט, האָבן זיי נאָך פון ווייטנס דערזען דעם שווערן שוואַרצן רויך, וועלכער האָט פון די קוימענס צום הימל זיך געצויגן. און ווען מען איז אַרײַן אינעווייניק האָט אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט פון יעדן צימער זיך געטראָגן.

נאָכן עסן, און נאָך אַ האַלבער שעה רו, איז אין גרויסן זאַל, וועלכן

מען האָט גערופן „די אַלגעמיינע אוידיטאָריע״, פאַרגעקומען די וועכנטלעכע לעקציע פון דעם פּאָליטישן קאָמיסאַר, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו. לויטן באַפעל פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן אַזעל־כע וועכנטלעכע לעקציעס געמוזט באַזוכט ווערן פון אַלעמען, אָנהייבנדיק פון די סטודענטן־קאַדעטן און זייערע לערער און ענדיקנדיק אַפילו מיט די אויפּראַמערס און קוכערס. די טעמע פון דער לעקציע איז דאָס מאָל גע־ווען: „הערא̇יזם פון די פירער ביים דעראָבערן די מאַכט״.

דער פּאָליטישער קאָמיסאַר, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, איז געווען אַ גלענ־צנדער אָראַטאָר. עס איז געווען כמעט אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי אַ מענטש מיט אַן אויסזען פון אַ פּראָסטן גוטמוטיקן פויער האָט אַזאַ גוטן קאָפּ און אַזאַ שיינע שפּראַך. ער האָט פאַרכישופט מיט זיינע שאַרפזיניקע און גע־צאַצקעטע רייד. זיין קול איז געווען ווי אַ קלאַפּ פון רייניקם זילבער און פעסט און מאַכטפול ווי אַ האַמער וואָלט געקלאַפּט איבער גראַניט און אויף דעם גראַניט אַ שיינעם באַרעליעף פון אַ מיטאָלאָגישער געשיכטע אויס־געקלאַפּט. ער האָט געהאַט אַ טבע פון צייט צו צייט זיינע הענט צעשפּרייטן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער נעמט אַרום אַלע מענטשן וואָס זיצן אין דעם אוידיטאָריום און ער דריקט זיי פאָטערלעך און וואַרעם צו זיין האַרץ. ער האָט נישט גערעדט נאָר געשפּילט ווי אַן אַקטיאָר. זיינע רעדעס זענען שטענדיק איבערגעפלאָכטן געווען מיט שיינע, חכמהדיקע אַנעקדאָטן און מעשיות. — דאָס האָט זיינע לעקציעס געמאַכט אינטערעסאַנט און צוצ̇יענ־דיק. מען האָט ליב געהאַט צו באַזוכן דעם קאָמיסאַרס לעקציעס.

ער האָט איצט גערעדט און דערציילט ווי אַזוי לענין, טראָצקי, בוכאַ־רין, קאַמעניעוו, זינאָוויעוו און לונאַטשאַרסקי האָבן זיך אויפגעפירט אין די טעג פון שטורעם, ווען דער גורל פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט באַדאַרפט באַשטימט ווערן. די פראַגע אויפן טאָג־אָרדענונג איז גע־שטאַנען: „זיין, צי נישט־זיין״. דערביי האָט זיך מאַסלאָוו פאַררופן אויף דעם אויטאָריטעט פון אַן אָביעקטיוון אַמעריקאַנער באַאָבאַכטער פון די היסטאָ־רישע געשעעניש, דעם אַמעריקאַנער שרייבער דזשאָן ריד. ער האָט רע־קאָמענדירט די צוהערער, אַז מען זאָל לייענען דזשאָן רידס וווּנדערבאַרן, אינטערעסאַנטן בוך וואָס טראָגט דעם טשיקאַוון נאָמען: „צען טעג וועלכע האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט״. און באַלד נאָך דעם האָט דער קאָמיסאַר דערציילט אַ געשיכטע וועגן דעם שאַפער פון דער רויטער אַרמיי, ליעוו טראָצקי. ער האָט אָנגעהויבן מיט די־אָ פאָלקסטימלעכע ווערטער:

„געווען איז דאָס אין די ערשטע טעג, נאָך דעם וואָס מען האָט צע־טריבן די צאַרישע דינער און מען האָט דערקלערט, אַז די מאַכט נעמט איצט איבער דער סאָוועט פון די אַרבעטער, פּויערים, סאָלדאַטן און מאַט־ראָסן. טראָצקי האָט נאָך נישט באַוויזן צו אָרגאַניזירן אַ רויטע דיסציפּלי־נירטע אַרמיי. עס האָבן נאָך עקסיסטירט באַזונדערע גרופּעס אונטער דעם נאָמען „רויטע גוואַרדיע”. אָט דאָן איז פון צאַרסקאָיע סעלאָ אויף פּעטער־בורג אַרויס אַן עסקוואַדראָן פון „ווייסע” קאָזאַקן אָנגעפירט פון צאַרישע גענעראַלן און אָפיצירן. זיי האָבן געדראָט צו פאַרניכטן די באָלשעוויסטי־שע רעוואָלוציע וועלכע איז אַלט געווען נאָר עטלעכע טעג. לעגין האָט קעגן די ווייסע קאָזאַקן געוואָלט שיקן אַ מחנה רויט־גוואַרדייער. אָבער טראָצקי האָט זיך אָקעגנגעשטעלט:

„מען טאָר נישט לאָזן פּעטערבורג אָן די באַוואָפנטע אַרבעטער! אויב די רויטע גוואַרדיע וועט פאַרלאָזן די שטאָט, דאַן איז די רעוואָלוציע פאַר־שפּילט! די קאָזאַקן וועלן אויסשעכטן אַלעמען און זיי וועלן צוריק פאַר־כאַפּן די מאַכט!”

„איז וואָס זאָלן מיר טאָן? — האָט לעגין צו טראָצקין געשריגן, — דו ביסט דאָך קלוג, טראַכט עפּעס צו!”

„איך האָב שוין צוגעטראַכט! — האָט טראָצקי געענטפערט רויִק, — זאָלן די רויטע גוואַרדייער בלייבן דאָ און היטן די שטאָט און איך וועל איי־נער אַליין אַרויספאָרן צו באַגעגענען די ווייסע קאָזאַקן. איך זאָג דיר צו, טאָוואַרישטש לעגין, אַז איך וועל די קאָזאַקן פאַרהאַלטן! איך וועל אויף זיי שיסן מיט ווערטער. דער כוח פון וואָרט איז אין אייניקע פאַלן שטאַרקער און מעכטיקער פון דעם כוח פון דער ביקס. איך וועל מיט די קאָזאַקן רעדן וועגן דיר, טאָוואַרישטש לעגין, דעם דור־דורותדיקן רוס, דעם פירער פון דעם רוסישן פאָלק, וועלכער האָט צוגעזאָגט פאַר אַלעמען פרידן, ברויט און ערד! איך וועל זיי איבעראַגיטירן!”

„און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. טראָצקי האָט זיך אויפגעזעצט אויף זיין ווייסן אָדלער־פערד און ער האָט זיך געלאָזט איינער אַליין אין וועג, צו באַגעגענען די ווייסע קאָזאַקן וועלכע זענען שוין געווען נישט ווייט פון פּעטערבורג. דער אומדערשראָקענער טראָצקי איז צוגעפאָרן צו די קאָ־זאַקן און ער האָט אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט, און מיט זיין מאַכטפולער שטימע אויסגעשריגן: „ברידער מיינע, קאָזאַקן! קעגן וועמען גייט איר זיך שלאָגן? קעגן אייערע ברידער אַרבעטער און פּויערים! דער געטרייער ברו־

דער אייערער, דער זון פון דעם ליבהאַרציקן רוסישן פאָלק, וולאַדימיר אוליאַנאָוויטש לענין האָט מיר געשיקט צו אייך. לענין זאָגט אייך צו פרידן, ברויט און ערד! לענין וועט זיין צוזאָג האַלטן! איר קאָזאַקן, איר זענט דאָך פויערים! טאָ וואַרפט אַוועק אייערע ביקסן, הרגעט די פּריצים און גענע־ראַלן און גייט, נעמט אייך אָפּ פון די רייכע די ערד און הייבט אַליין אָן צו לעבן אין רייכטום! קומט מיט מיר און נעמט אַלץ צו ביי די פּריצים און לעבט אַ גוטן טאָג. אָבער צוערשט הרגעט, הרגעט אייערע באַצווינגער, די צאַרישע גענעראַלן און אָפיצירן!"... און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען, די ווייסע קאָזאַקן האָבן אויסגעהרגעט אַלע זייערע גענעראַלן און אָפיצירן און זענען אונטער דער אָנפירונג פון דעם געניאַלן סטראַטעג, טאָוואַרישטש טראָצקי, געבראַכט געוואָרן קיין פעטערבורג ווו זיי האָבן זיך פאַראייניקט מיט די רויטע גוואַרדייער. און שפּעטער האָט שוין טראָצקי אָרגאַניזירט די רעגולערע רויטע אַרמיי, פאַר וועלכער די וועלט־בורזשואַזיע ציטערט".

און געענדיקט האָט מאַסלאָוו זיין לעקציע מיט די ווערטער:

— און זאָל ציטערן די וועלט־בורזשואַזיע, ווייל דער טאָג איז נאָענט: די רויטע אַרמיי וועט מאַרשירן איבער די גאַסן פון בערלין, רוים, פּאַריז, לאָנדאָן און ניו־יאָרק! די רויטע אַרמיי וועט באַפרייען די אַרבעטער און פויערים פון דער בייטש און דעם יאָך פון די קאַפּיטאַליסטישע הערשער!

דער אוידיטאָריום האָט אויפגעשטורעמט מיט אַ דונער פון באַגייס־טערטע אַפּלאָדיסמענטן.

מיכל איז באַלד נאָך דער לעקציע פון דעם פּאָליטישן קאָמיסאַר, אין אַ דערהויבענער שטימונג, אַוועק אין דער אַקאַדעמיע־ביבליאָטעק און דאָרט גענומען דזשאָן רידס בוך „צען טעג וועלכע האָבן אויפגעטרייסלט די וועלט". מיט דעם בוך אונטערן אָרעם האָט ער זיך געלאָזט גיין צום פּאָלקאָווניק איוואַנאָוס פּריוואַטער היים, וועלכע האָט זיך געפונען אין צענ־טער פון שטאָט.

.11

עס איז געווען איינע פון די ספּעציפישע טיף־רוסלענדישע ליכטיקע, ווינטערדיקע נעכט. דער הימל האָט געגלאַנצט פון פאַרפרוירנקייט. די שטערן זענען ווי ווייסע ברילאַנטן אין דעם הימל געהאַנגען און פון זיך גילדענע פייערלעך צו דער ווייס־באַדעקטער מוטער־ערד געוואָרפן. די לבנה איז געווען גרויס און האָט געשיינט מיט אַ געזיכט פון אַ ליץ... מיכל איז גע־

גאַנגען איבער די ברייטע דאָרפֿישע גאַסן פֿון דער שטאָט סאַראַפּול, פֿולע מיט הילצערנע הײַזער, און ער האָט געטראַכט בײַ זיך: „פֿאַרוואָס הייסט דאָס־אָ גרויסע דאָרף — שטאָט?״... ער איז געווען זייער אויפֿגעלייגט. ער איז געגאַנגען און דער ווייסער האַרטער שניי האָט אונטער זײַנע שטיוול געסקריפּעט און אים מיטגעהאָלפֿן לײַכט צו טראַכטן און וועבן אַ ליד אָדער אַ מעשה...

אַ שליטן געשפּאַנט אין צוויי ביסטרע פֿערדלעך איז מיט אַ געקלאַנג די גאַס דורכגעלאָפֿן. מענטשן זענען אין דעם שליטן געזעסן און שיכּורלעך געררעוועט אַ געזאַנג: „סמיעלאַ מי וו באָי פּאַידיאָם, זאַ וולאַסט סאָוועטאָוו״ (דרייסט וועלן מיר אין שלאַכט גיין, פֿאַר דער מאַכט פֿון די סאָוועטן). מיכל האָט דערקענט די הוליאַקעס אין דעם שליטן. דאָס זענען זײַנע חברים פֿון דער אַקאַדעמיע. זיי האָבן באַקומען אַן אורלויב־פּאַס אויף עטלעכע שעה, פֿאַרן זיי ערגעץ צו אַ באַשטימטן פּלאַץ... זיי וועלן דאָרטן אַ הוליע טאָן... מען האָט אים, מיכלען, שוין נישט איין מאָל גערופֿן מיטצופֿאָרן צו דעם פּלאַץ. ער האָט אַפֿילו געפֿילט אַזאַ נײַטוועגדיקייט... אָבער עס האָט אים געעקלט. ער האָט זיך נישט געקענט דערלויבן דאָס וואָס אַנדערע טוען אין דעם אָפֿיציעל פֿאַרווערטן און נישט־אָפֿיציעל אָפֿענעם פּלאַץ!... ער האָט פֿאַרשטאַנען די בחורים. מען קען אויף זיי קיין פֿאַראיבל נישט האָבן. וואָס דען זאָלן טאָן אַ פּאָר הונדערט געזונטע און אָנגעפּרעסענע יונגעלייט אין רויטאַרמייאישע קליידער?... סיידן זיי זאָלן ווערן אויס מענער? פֿון מיכלען האָבן די קאַדעטן געלאַכט און געחוזקט. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין מאַן. ער האָט זיי שוין איין מאָל געוואָלט צוליב טאָן און מיטפֿאָרן מיט זיי און זאָלן זיי אויפֿהערן אים צו באַרעדן, אָבער דער געדאַנק אַליין וועגן דעם פּלאַץ און וועגן די מיידלעך וואָס ער וועט דאָרטן טרעפֿן, איז פֿאַר אים פּיינפֿול און אָפּשטויסנדיק געווען. נו, זאָל מען פֿון אים חוזקן... — האָט ער געטראַכט.

ער איז צוגעקומען צו דער הויפּט־גאַס. דאָ זענען געשטאַנען עטלעכע שיינע, פֿון ציגל געבויטע, הײַזער. עס איז געווען אַ גרויסע און אַ שיינע גאַס מיט אַ סקווער־גאָרטן אין דער מיט. דאָ האָבן זיך געפֿונען דער שטאָט־טישער סאָוועט און דער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט. אויף דער גאַס האָבן אויך געוווינט די וויכטיקסטע מענטשן, די „קאָמיסאַרישע״ מאַכט־האָבער, יעדער איינער אין אַ באַזונדער הויז מיט אַ גאָרטן, וועלכעס האָט פֿריִער באַלאַנגט צו אַ פּריץ, אַ גראַף אָדער גלאַט צו אַ רײַכן פּערזאָן.

מיכל האָט אָנגעקלונגען אין אַ טיר פון אַ הויז. מען האָט באַלד גע־עפֿנט. פאַר אים איז געשטאַנען אַ דאָרפֿ־יש מיידל מיט אַ פּאָר בלאָנדע צעפּ איבער די אַקסל און מיט אַ ווייסן פאַרטוך אָנגעטאָן איבער אַ ברוין דאָר־פיש קלייד.

— מיין נאָמען איז מיכאַיל קרוגער. פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו האָט מיך פאַרבעטן צו קומען!

— וואַרט אַ מינוט. — האָט דאָס מיידל מיט אַ טיף־רוסישן אַקצענט אויסגערעדט און איז ערגעץ פאַרשוווּנדן.

מיכל איז געשטאַנען אין דעם וועסטיבול פון דעם הויז. עס איז געווען אַ פיר־עקיקער גרויסער צימער מיט טרעפּ פון צוויי זייטן, וועלכע האָבן געפירט צו אַ באַלקאָן און פון דעם באַלקאָן צו אַנדערע צימערן. די ווייסע ווענט זענען דאָ געווען באַהאַנגען מיט בילדער געפּאַסט אין שווערע גע־גילדטע ראַמען. די בילדער זענען געווען טייערע, קלאַסיש־אַלטמאָדישע. זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט זומער־פּייסאַזשן און נאַקעטע פרויען. עפּעס אַזעלכע ענלעכע בילדער האָט מיכל אַמאָל נאָר אין אַ מוזעאום געזען.

עס האָט זיך צעעפנט אַ טיר. עס האָט אַ זעץ געטאָן מיט אַ שטאַרקער ליכט. אַ פרוי אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד איז פאַר מיכלען געשטאַנען און האָט אים מיט אַ צאַרטער און איידעלער זינגעוודיקייט פאַרבעטן: — פּאָ־זשאַלוסטאַ, ביטע, קומט אַריין!...

מיכל איז אַריינגעקומען. עס איז געווען אַן איבערראַשנדיקער רייכער צימער מיט טייערע פּערסישע טעפּיכער אויפן פּאָל צעשפּרייט. עס זענען אויף די ווענט געהאַנגען אַ פּאָר טייערע פּאָרטרעטן פון מענטשן וואָס מיכל האָט נישט געוווּסט ווער זיי זענען. און עס זענען אויף די ווענט אויך גע־האַנגען ווייסע זילבערנע שווערדן, צוויי פּיסטוילן און אַ ביקס. אין אַ גרויסן קאַמין, געבויט פון קאָלירטע שטיינער, האָט אַ פייער געברענט. אַקעגן איז געשטאַנען אַ רויט־פּליושענער דיוואַן, אַ נידעריקער לאַנגער טיש מיט אַ מאַרמאָרענער דעק, און טעלעכע רויט־פּליושענע בענקלעך.

— זעצט אייך, טאָוואַרישטש קרוגער! — האָט די פרוי געזאָגט אַנ־ווייזנדיק אויפן דיוואַן — איוואַן איוואַנאָוויטש האָט מיר געזאָגט, אַז איר וועט קומען. איך בין זייער צופרידן אייך דאָ צו האָבן פאַר אַ גאַסט. מיין מאַן האָט אייך געוויס דערציילט, געזאָגט מיין מיינונג וועגן אייער שרייבן... אַהאַ... איר זענט דאָך נאָך גאָר יונג!... יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ איז מיין נאָמען. איר מעגט מיך רופן: קאַטיאַ!

מיכל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן דיוואַן. ער האָט באַטראַכט די שיי־נע יונגע פרוי מיט די שוואַרצע האָר, וועלכע האָבן אין זיך אַ פֿאַרבאָרגע־נעם אָפּשיין, אַזאַ שאַטירונג פֿון רויטלעכקייט געהאַט. דאָס האָט צוגעגעבן צו איר שיין ווייס פּנים און צו איר שלאַנקער פיגור אַ מין אויסטערלישע עלעגאַנטקייט און אַ קעניגלעכע אַריסטאָקראַטישקייט. אירע שוואַרצע אויגן האָבן אָפּן געקוקט צו מיכלען. די פּייערלעך אין זיי זענען געווען העל. דער בליק — ערלעך. פֿאַר אַזאַ־אָ פרוי האָט מען געמוזט האָבן רעספּעקט. עס האָט זיך אין איר גאַנצער פיגור, אין איר פֿאַרנעם און אין אירע רייד גע־שפּירט די אַלטע, די דריי הונדערט־יעריקע, אַריסטאָקראַטישע יחוסדי־קייט, קעגן וועלכער די רוסישע רעוואָלוציאָנערן האָבן יאָרן־לאַנג געקעמפּט.

האָט אָבער די געשיכטע אַ קוריאָזע שפּיל באַוויזן: די באָלשעוויקעס האָבן די אַלט־צאַרישע אַריסטאָקראַטן אויסגעשאָסן און פֿאַרניכטעט, אָבער אין די טעכטער פֿון די אַלט־צאַרישע אַריסטאָקראַטן האָבן זיי זיך פֿאַר־ליבט. און וואָס פּראָסטער דער באָלשעוויק־קאָמוניסט איז געווען, האָט ער אַלץ אַ מער געבילדעטע און יחוסדיקע אַריסטאָקראַטיש מיידל פֿאַר אַ ווייב געוואָלט האָבן. ער האָט געוואָלט פֿאַר זיך דאָס וואָס אים האָט געפֿעלט... פֿאַרלירנדיק דעם באָדן פֿון אונטער די פיס, האָבן זייער אָפּט די טעכטער פֿון דעם געוועזענעם אַדל־קלאַס באַוווסטזיניק זיך געוואָרפֿן אין די אָרעמס פֿון די פֿאַרגרעבטע, יונגע און געזונטע „קאָמיסאַרן‟, פֿון אַ גרויסן פֿאַר־נעם, און זיי געדינט ווי געטרייע ווייבער און מיט דעם אַליין שוין פֿאַר־דינט די רעכט צו לעבן. אייניקע, אַזעלכע אַריסטאָקראַטישע מיידלעך, זע־נען אָבער אויף אַן אמת מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם נייעם לעבנס־שטראָם. זיי האָבן זיך ערלעך און אויפֿריכטיק פֿאַרליבט אין די קרעפֿטיקע מענטשן פֿון פּראָסטן פֿאָלק. די אַריסטאָקראַטישע ווייבער פֿון די קאָמוניסטישע פּי־רער האָבן צו דער ברוטאַלער פּראָסטקייט פֿון זייערע מענער, צוגעגעבן אַ גלאַנץ פֿון שיינקייט און אידלקייט.

„און וואָס פֿאַר אַ סאָרט אַריסטאָקראַטקע איז יעקאַטערינאַ פּעטראָוו־נאַ, וועלכע הייסט מען זאָל איר רופֿן ווי יעדער פּראָסט מיידל, אָן שום צערעמאָניעס, בלויז און נאָר: קאַטיאַ!‟ — האָט מיכל אַ טראַכט געטאָן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיכלען אויפֿן דיוואַן. זי האָט שטיל געזאָגט:

— מיין מאַן איז עקסטראַ אַרויסגערופֿן געוואָרן אויף אַ דרינגענדער זיצונג פֿון פֿאַרטיי־קאָמיטעט! — אומבאַמערקט, אַזוי גלאַט און נאַטירלעך

איז זי אַריבער אויף „דו". די אַטמאָספער איז באַלד געוואָרן אַזאַ היימישע, אַז מיכל האָט זיך דערפילט גלייך ווי די־אָ קאַטיאַ איז גאָר זיינס אַן אייגענע, אַ צווילינג־שוועסטער. זי האָט געזאָגט, — דו, מיכאַיל, האָסט דאָך געוויס געלייענט אין די צייטונגען וועגן דער נייער איינפירונג, דעם נעפּ!... דער פּאָליטישער קאָמיסאַר, טאָוואַרישטש מאַסלאָוו האָט איך שוין געוויס וועגן דעם דערקלערט: „נעפּ", דאָס מיינט: נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק!...

— געוויס ווייס איך וועגן דער נייעס, קאַטיאַ! — האָט מיכל געזאָגט.

— אויסגעצייכנט! — האָט זי אַ צעפּרידענע געפּירט ווייטער דעם שמועס, — די פּאַרטיי מוז איצט אַמשנעלסטן דורכפירן דעם דעקרעט וועגן „נעפּ" אין לעבן. אַך, מיין גאָט! — האָט זי פּלוצים אויסגעשריגן, — דו ווייסט דאָך, מיין מאַן האָט די בעסטע יאָרן זיינע געאָפּפערט פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט געמיינט, אַז מען וועט איינפירן קאָמוניזם אין לאַנד, און פּלוצים אַזאַ שפּאַן אויף צוריק! נעפּ... פריער האָט מען פאַרניכטעט און איצט שטעלט מען צוריק אויף דעם קאַפּיטאַליזם. איוואַן האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. ער ווייסט נישט ווי זיך צו האַלטן...

— אַנטשולדיק, קאַטיאַ, — האָט מיכל געזאָגט, — „נעפּ" מיינט גאָרנישט קיין טריט צוריק צום קאַפּיטאַליזם. לענין דעפינירט דאָס אַזוי: צווי שפּאַן פאָרויס און איין שפּאַן צוריק. דאָס מיינט, אַז מיר גייען יאָ צום קאָמוניזם, אָבער מיט אַ פאַרלאַנגזאַמערטן וועג. אַזוי האָט אונדז דער פּאָליטישער קאָמיסאַר, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, דערקלערט.

— מיין מאַן זאָגט, אַז מאַסלאָוו איז אַן אָפּאָרטוניסט, אַ מענטש וואָס וועט גיין אויף יעדן קאָמפּראָמיס צוליב זיינע אייגענע, פּערזענלעכע און אויסנוצלעכע צוועקן.

די דינסט איז אַריינגעקומען און האָט מיט זיך געבראַכט אַ טאַץ אויף וועלכער עס זענען געווען אָנגעשטעלט טעלער מיט געבראָטן פליייש, זויערע אוגערקעלעך, ווייס און שוואַרץ ברויט, אַ פלאַש וויין און צווי גלעזער. זי האָט דאָס אַלץ אויסגעשטעלט אויפן טיש און איז אַרויס.

מיכל האָט געזאָגט: — פּראָפעסאָר מאַסלאָוו איז...

זי האָט צוגעשטעלט אַ פינגער צום מויל און מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף דער טיר. מיכל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף צוואַרטן. באַלד איז די דינסט ווידער אַריין. דאָס מאָל האָט זי מיט זיך געבראַכט צווי טעלער מיט פּרוכט: עפּל, באַרן, פלוימען און ווינטרויבן. די דינסט איז צוריק אַרויס. מיכל האָט זיך געוווּנדערט, ער איז ממש איבערראַשט און דער־

שראָקן געוואָרן. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געהונגערט. מענטשן האָבן קיין פּרוכט נישט געזען פאַר די אויגן אפילו אום זומער, און דאָ אין מיטן פון דעם קאַלטן ווינטער, און דערצו נאָך אין אַ שטאָט וועלכע איז ווייט און פאַרוואָרפן, געפינט זיך אַ הויך־ראַנגיקער מיליטערמאַן, אַ פאַרדינסטפולער קאָמוניסט, וועלכער האָלט אויס אַן אַריסטאָקראַטיש ווייב מיט אַ פּויערישער דינסט און באַקומט צוגעשטעלט פאַר זיין אויסקומעניש די בעסטע און טייערסטע פליישן, פּרוכטן, ווײַנען און אַפילו ווײַנטרויבן פון די קאַווקאַזער, קרימער און טורקעסטאַנער גערטנער.

מיכל האָט זיך אויפגעוועקט פון זיין פאַרטראַכטקייט. קאַטיאַ האָט אים געגעבן אַ סימן, אַז ער מעג רעדן. — יאָ, — האָט ער פאַרגעזעצט זיין איבערגעריסענעם געדאַנק, — פּראָפעסאָר מאַסלאָוו איז זייער אַ געבילדעטער מענטש. אַלע אין דער אַקאַדעמיע האָבן אים זייער ליב. דו ווייסט, ווען ער רעדט, דאַכט זיך, אַז מען איז פאַרכישופט, מען גלייבט אין זיינע רייד, מען ווערט מיט זיי מיטגעריסן און עס ווילט זיך אים נאָכפאָלגן און אויספילן יעדן באַפעל זיינעם!

— יאָ, ער איז אַ גלענצנדער רעדנער, — האָט זי באַשטעטיקט, — דאָס קען מען נישט לייקענען, אָבער דאָס איז דאָך נישט אַלץ... — זי האָט צוגערוקט צו מיכלען אַ טעלער מיט געבראָטן פלייש, אַנגעגאָסן פאַר אים און פאַר זיך צו גלעזער וויין און באַפוילן, — טאָוואַרישטש קרוגער, מיר וועלן צוערשט אויסטרינקען פאַר אונדזער פריינדשאַפט און צובייסן! דערנאָך וועלן מיר רעדן. — זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין זיין גלאָז און באַלד אויסגעטרונקען. מיכל האָט אויך אויסגעטרונקען דעם וויין און באַלד דערפילט אַ חשק צום געבראָטנס. ער האָט אָנגעהויבן עסן. זי האָט פּלוצים מיט אַ באַגייסטערטער שטימע ווידעראַמאָל אָנגעהויבן צו רעדן: — דו ווייסט, מיכאַיל, איך האָב אַליין אַמאָל געוואָלט אַ שרייבערן ווערן... עס איז געווען נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, אין פּעטערבורג איז דאָס געווען, איך האָב געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט. נו, פאַרפאַלן... איך וועל שוין קיין שרייבערן נישט זיין! איך בין שטענדיק פאַרנומען. פריער איז געווען די בירגער־קריג. איצט איז דער מאַן און דאָס קינד. אָ, מיכאַיל, ווען דו זעסט מיין זון. די טעג ווערט ער דריי יאָר אַלט. מיר וועלן פּראַווען זיין געבורטס־טאָג. קום צוגיין, טאָוואַרישטש קרוגער, איך פאַרבעט דיך!

— אויב דער פאַלקאָווניק וועט נישט האָבן קעגן וועל איך קומען!

זי האָט מילד געשמייכלט: — אָ, זיי נישט נאַיוו! מיין מאַן האָלט פון

דיר! דו ווייסט, מיכאַ‏יל, פיל מענטשן מיינען, אַז מיין מאַן איז אַ שלעכטער, אַ בייזער; אָ, עס איז נישט אמת. ער איז אַן אויפריכטיקער און אַ גוטע נשמה. ווען מען איז מיט אים נאָענט באַפריינדעט, האָט מען אים ליב. דו, מיכאַ‏יל, מוזט אים ליב האָבן!

— איז דאָס אַ באַפעל? — האָט מיכל געפרעגט און נישט דרייסט גע־נומען איר האַנט און זי אַ קוש געטאָן. זי האָט איר האַנט פאַרהאַלטן אין זיינער.

— עס איז נישט קיין באַפעל, עס איז אַ ווונטש! — האָט זי געזאָגט. ראַפּטאָם איז זי ווידער אַריבער אויף דער טעמע פון ליטעראַטור. זי האָט געפרעגט: — ווער איז דיין באַליבטער שרייבער?

— מאַקסים גאָרקי! — האָט מיכל געזאָגט.

— איך האָב געוווּסט, אַז מאַקסים גאָרקי! — האָט זי אַ צופרידענע געענטפערט, — מען פילט דאָס אין דעם סטיל פון דיין שרייבן. גאָרקי האָט אויף דיר זייער שטאַרק געווירקט. טרעף, מיכאַ‏יל, ווער איז מיין באַליבטער שרייבער?

— ליעוו טאָלסטאָי!...

— ריכטיק! — האָט זי אויסגעשריגן, — טאָלסטאָי איז מיין ליבלינג, כאָטש גאָרקין האָב איך אויך ליב צו לייענען. עפּעס פיל איך, אַז זיי זענען ביידע אַזוי נאָענט צו מיר, צו מיין גייסט און צו מיין שטימונג!... — זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען און זיך צוגערוקט נענטער צו אים, — די עטלעכע דערציילונגען דיינע וואָס דו האָסט אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן אָפּגעדרוקט, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. דיינע לידער ווירקן נישט אַזוי ווי דיינע דערציילונגען. דו ביסט אַ מייסטער אויף צו דערציילן אַ מעשה, דו האָסט טאַלאַנט!...

— דו מיינסט אַזוי, קאַטיאַ?... און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב נישט קיין שום טאַלאַנט. איך שרייב גלאַט אַזוי... איך ווייס אַפילו נישט פאַרוואָס און צוליב וואָס איך שרייב!...

— גוט אַזוי, בראַוואָ! דיין באַשיידנקייט געפעלט מיר, באַשיידנקייט באַשיינט דעם מענטשן. — זי האָט אים אַ לייכטן קוש געטאָן.

מיכלען האָט געפלאַקערט דאָס פּנים. ער האָט אויף זיך געפילט איר וואַרעמען, אָנגענעמען אָטעם. אַ ציטער איז איבער זיין לייב אַדורך. זי האָט דאָס באַמערקט. זי האָט צופרידן געשמייכלט. ער האָט זיך פאַרשעמט. זי

האָט צוגערוקט צו אים דעם טעלער מיט פּרוכט, און ווי אַ סימן, אַז זי פאַרשטייט און באַרעכטיקט זיין צושטאַנד, האָט זי געזאָגט:

— עס, וועסטו זיך באַרויִקן!...

ער האָט אָנגעהויבן עסן די פּרוכטן. ער האָט געקייעט די וויינטרויבן. דער זאַפט האָט זיך צעגאָסן איבער זיינע גלידער און אַ שטילע רו האָט אים באַהערשט. ער וואָלט שוין שוין אַזוי־אָ אייביק דאָ געזעסן אין רו און אין פרידן...

עס האָט זיך דערהערט אַ געוויין פון אַ קינד. קאַטיאַ האָט זיך אויפ־געהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען. זי איז באַלד צוריקגעקומען מיט אַ יינ־געלע אויף די הענט.

— דאָס איז מיין העלד! — האָט זי צו מיכלען געזאָגט, — זעסט אַ מין בייזער און אַן ערנסטער, ווי דער טאַטע זיינער! — זי האָט זיך געווענדט צום קינד, — זאָג, ווי רופט מען דיך?...

דאָס קינד האָט אַ שמייכל געטאָן און אויסגעשריגן: — פּעטיאַ!... — זי האָט דעם זון אַ קוש געטאָן. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענטעלעך צו מיכלען און געשריגן: — דיאַדיאַ, פּעטער! וואָס איז דיין נאָמען?...

די דינסט איז אַריינגעקומען און צוגענומען דאָס קינד פון דער מו־טער. זי איז אַוועק מיט אים אין אַן אַנדער צימער. מיכל האָט זיך אויפגע־הויבן. ער האָט געזאָגט:

— שוין שפּעט. און איך האָב באמת דאָ פאַרבראַכט זייער גוט. אַ דאַנק!... אַ שאַד וואָס דער פּאָלקאָווניק איז נישט געווען!

קאַטיאַ האָט אים באַגלייט צו דער טיר.

— דו זעסט דאָך דעם פּאָלקאָווניק אַלע טאָג. חוץ דעם... ער איז ווייט פון ליטעראַרישע דיסקוסיעס. ער איז אַ מלחמה־מענטש!

מיכל האָט גענומען איר האַנט. — אַ גוטע נאַכט, קאַטיאַ!

איר האָט באַנג געטאָן וואָס ער גייט שוין אַוועק. זי האָט נאָך זייער פיל געהאַט מיט אים ווערגן וואָס צו רעדן. זי האָט געזאָגט: — קום צוגיין דעם זונטיק צו דער אימענינע פון מיין זון. עס וועלן זיין נאָך מענטשן, קום!...

— איך וועל קומען, אויב דער פּאָלקאָווניק וועט מיך איינלאַדן...

— איך וועל אים זאָגן, האָב נישט קיין מורא!

— גוט, קאַטיאַ! אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט, מיכאַ׳לע!...

ווען מיכל איז צוריק געקומען אין דער צחאַמענוואָלינונג פון דער מי־ליטערישער אַקאַדעמיע זענען שוין אַלע יונגע און זאַט־צעפרידענע קאַדעטן געשלאָפן שווער און געשמאַק. מיכל איז צו צו זיין בעטל, זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפן. ער האָט אָבער שלאָפן נישט געקענט. אַ גאַנצע נאַכט איז אים פאַר די אויגן קאַטיאַ געשטאַנען און אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען אירע רייד... ער האָט זיך צוריק אָנגעטאָן און איז אַרויס אין דרויסן. שטיל איז געווען די ווייסע ווינטער־נאַכט. דער פּאַלאַץ איז געשטאַ־נען פאַרגליווערט אין זיין שניי־ווייסקייט ווי אַ טויט־פאַרפרוירענער. דער הימל איבערן פּאַלאַץ איז געהאַנגען נידעריק, ער איז געווען ווייס און פאַר־גליווערט ווי אַ פאַרפרוירן שטיק גלאָז. מיכל איז צוריק אַריין אין דער געביידע. ער איז צו צו זיין בעטל און זיך געלייגט שלאָפן.

.12

אין קרעמל פון מאָסקווע איז געזעסן אַ מענטש מיט אַ שוואַרץ און לייכט־געשטופּלט פּנים, מיט געדיכטע שוואַרצע וואָנצן אונטער אַ לענגלע־כער נאָז, מיט אַ קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר, וועלכע זענען געוואַקסן אַזש ביז אַראָפּ צום שטערן. אויגן האָט דער מענטש געהאַט שוואַרץ־גרינע און מוטנעוואַטע. ווען ער איז געגאַנגען איז זיין טראָט געווען האַמעטנע־שווער. ווען ער איז געזעסן איז דאָס געווען אומבאַוועגלעך־שווער. זיינע גרויסע הענט זענען געווען עפּעס אַזעלכע אומגעלומפּערטע, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוווסט וווהין זיך אַהינצוטאָן מיט זיי. געטראַכט האָט ער שווער, אָבער ערנסט און טיף. גערעדט האָט ער שטיל אָבער בייז און מיט אַ רי־טשיק קול פון אַ דערשטיקטן באַס און מיט אַן איינגעבוירענעם אַקצענט פון די נידעריקע שיכטן וואָס צווישן די קאַווקאַזער איינוווינער. ער האָט באַ־הערשט נאָר צוויי שפּראַכן, זיין מוטער־שפּראַך גרוזיניש, און די הערשנ־דע לאַנד־שפּראַך רוסיש. זיין נאָמען איז געווען יאָסיף וויסיריאָנאָוויטש דזשוגאַשווילי. ער האָט אָבער געביטן זיין נאָמען אויף יאָסיף סטאַלין, זאָגנ־דיק וועגן זיך אַליין: איך בין געמאַכט פון שטאָל און דערפאַר רוף איך זיך סטאַלין.

דאָס פאָלק, די מיליאָנען רוסן, אוקראַינער, ווייסרוסן, אוזבעקן, טאַ־טערן, קירגיזן, גרוזינער, אַרמענער, טשוואַשן און יידן האָבן אין די ער־שטע יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש דעם נאָמען סטאַלין

נישט געהערט. אָבער די קרעמלער קאָמיסאַרן האָבן דעם שאָטן פון אַ קאַווקאַזער, מיט אַ שוואַרצער רויכעריקער פיפקע אין מויל, אונטער לענינס פלייצע באַמערקט.

סטאַלין האָט אָנגעהאַלטן צוויי וויכטיקע אַמטן. ער איז געווען דער קאָמיסאַר פון דעם קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דער גורל פון די פעלקער, די עקסיסטענץ פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור, שפראַך און רעליגיע איז געווען אָפהענגיק פון אים. אין דער זעלבער צייט האָט אים לענין אויך אָנגעהויבן אָנצופאַרטרויען דעם אַמט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דאָס האָט סטאַלינען געגעבן דעם שליסל צו אַלע געהיימנישן און דעם קאָנטראָל איבער אַלע פאַרטיי־קאַדרען.

סטאַלין האָט פאַר קיינעם קיין רעספעקט נישט געהאַט. ער האָט זיך מיט קיין שום מיינונג נישט גערעכנט. ער האָט זיך פאַר קיינעם נישט געבויגן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אָרטאָדאָקסישן קאָמוניסט, און נאָר דאָס וואָס לענין האָט געזאָגט און געטאָן איז פאַר אים געווען אָבליגאַטאָריש און הייליק. לענין האָט דאָס אָפגעשאַצט און דערפאַר האָט ער אים אָנגעפאַרטרויט אָנצופירן מיט דער פאַרטיי אין דער צייט ווען ער אַליין איז געווען איבערן קאָפ פאַרנומען מיט דער פירערשאַפט פון דער רעגירונג.

לויט אַ געהיימען צירקולאַר, וואָס סטאַלין האָט פערזענלעך צעשיקט, זענען זיך קיין מאָסקווע צונויפגעפאָרן אייניקע קאָמיסאַרן, אָנפירער פון די „ספעציעלע אָפטיילן״ ביי די פאַבריקן, אונטערנעמונגען און אין מיליטער. עס זענען געווען צוגעקליבענע יונגע קאָמוניסטן פון פאַרשידענע שטעט, דערפער און מיליטער־פונקטן.

ווי אַזוי סטאַלין האָט געוווסט דעם כאַראַקטער און ווערט פון מענטשן וועלכע ער האָט גאָר קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען און זיי דאָך צו זיך פאַררופן, ווי אַזעלכע אויף וועמען ער קען זיך פאַרלאָזן, — דאָס מוז צוגעשריבן ווערן צו זיין טייוולאָנישער געניאַליטעט.

יעדנפאַלס, זיינע געהיימע אַגענטן האָבן זיך שוין געהאַט צעשפרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד און אים צוגעשטעלט נייטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן מענטשן פון אַ באַשטימטן קאַליבער. דער טריק איז באַשטאַנען אין דעם וואָס סטאַלין האָט צו זיך אַרויסגעפאָדערט יונגע קאָמוניסטן, ענטוזיאַסטן, אָבער אַזעלכע וואָס האָבן אונטער זיך קיין שום רעוואָלוציאָנערע טראַדי־

ציעס נישט, און וואָס זייער ערלעכקייט און געוואַגטקייט קען דערהויבן ווערן צום העכסטן גראַד פון עקסטאַז און פּאַרטייאישער דיסציפּלין.

באַריס איז געווען איינער פון די מזלדיקע וועמען סטאַלין האָט צו זיך פאַררופן אויף דער געהיימער באַראַטונג. ער איז געווען איבערראַשט און אויפגערעגט. ער האָט זיך באַמיט אויסצופוצן ווי געהעריק און קומען אין דער הויפּטשטאָט ווי אַן אינטעליגענטער אַרבעטער, וועמען די פּאַרטיי האָט צו אַ וויכטיקער פּאָזיציע דערהויבן.

מיכל האָט געהאַט באַריסן געשריבן וועגן זיין באַקאַנטשאַפט מיט פּאַ־ליאַן בעת זיין רייזע פון אָדעס קיין סאַראַפּול. ער האָט אים אַפילו צוגע־שיקט איר אַדרעס און זיך אַ חכמה געטאָן: „טאָמער מאַכט זיך, אַז דו וועסט אַמאָל זיין אין מאָסקווע, טאָ זיי נישט קיין נאַר און באַקען זיך מיט דעם מיידל". באַריס האָט אַרויספאַרנדיק פון אָדעס פּאָליאַס אַדרעס מיט זיך פאַרכאַפּט, טראַכטנדיק: אַ פרעמדע שטאָט. עס שאַדט נישט צו האָבן עמעצן. מען דאַרף זיך מיט דעם מיידל באַקענען!

עס זענען געקומען אַרום פופציק קאָמיסאַרן פון די „ספּעציעלע אָפּ־טיילן" און מען האָט זיי אַלעמען איינגעאָרדנט נישט אין אַ האָטעל נאָר אין אַן אימפּראָוויזירטער צוזאַמענוווינונג, וועלכע מען האָט ספּעציעל פאַר זייערטוועגן „ערגעץ ווו" געשאַפן. די באַראַטונג איז פאָרגעקומען אין אַ זאַל אין וועלכער עס זענען געשטאַנען נאָר אַזויפיל שטולן וויפל געסט עס זענען געווען. אויבן־אָן איז געשטאַנען אַ קליין טישל ביי וועלכן סטאַלין איז איינער אַליין געזעסן. אין אַ זייט איז געווען אַ טיש ביי וועלכן אַ מיטל־יאָריקע פרוי, אַ סטענאָגראַפיסטקע, איז געזעסן. אויף דער וואַנט, דאָרט ווו סטאַלין איז געזעסן, איז לעגינס פּאָרטרעט געהאַנגען, אונטערן פּאָרטרעט אַ גרויסע, קאָלירטע מאַפּע פון גאַנץ רוסלאַנד. די איבעריקע ווענט זענען געווען הויל. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ מענטש מיט אַ פאַרדעכטיקט־ערנסטן אויסזען, און כאָטש ער איז געווען ציוויל געקליידט, האָט מען גע־שפּירט, אַז ער איז אַ וויכטיקער אַגענט פון דער ג.פּ.או., די נייע אָרגאַניזאַ־ציע, וועלכע איז אַרויסגעוואַקסן פון דער „טשע־קאַ". דער־אָ פאַרדעכטיק־טער מענטש, וועלכער האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַן ענלעכקייט לויט זיין אויסזען צו סטאַלינען, איז געשטאַנען ווי אַ שטומער ביי דער טיר. ער איז געווען סטאַלינס פּערזענלעכער באַשיצער, היטער און אַדיוטאַנט.

נאָך איידער די באַראַטונג האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָבן שוין געוויסע פאַרשוינען זיך אַריינגעכאַפּט אין דער צוזאַמענוווינונג פון די צונויפגע־

פאַרענע פירער פון די „ספּעציעלע אָפּטיילן" און מען האָט זיי אַזוי באַאַר־בעט, אַז זייערע אויגן זענען „אָפן" געוואָרן און זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו און ריקאָוו זענען גאָרנישט קיין ווּיכטיקע פּערזענלעכקייטן, און אַז דער אמתער פירער איז נאָר סטאַלין, אַ סימן, ער איז דאָך דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, און וואָס קען זיין נאָך העכער פון אַזאַ־אַ פּאָזיציע?...

אויף יעדן טריט און שריט פון דער צוזאַמענוווינונג האָט געהערשט דער כּוח, רום, די פּראַכט און פאַרגעטערונג פאַר דעם שטרענגן גרוזין מיט די שוואַרצע וואָנצעס און דעם נידעריקן שטערן. — סטאַלין! ער און נאָר ער! נישטאָ קיין אַנדער פירער!

די באַראַטונג האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ פייערלעך־געהיימער אַטמאָס־פער. אַלע פּופּציק דעלעגאַטן זענען געזעסן אויף די צוגעגרייטע פּופּציק שטולן און געוואַרט אויף דעם פירערס רעדע.

סטאַלין האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. אַלע דעלעגאַטן האָבן זיך אויך אויפגעהויבן און געמאַכט פאַר אים אַ רוישיקע אָוואַציע. סטאַלין האָט באַוויזן מיט דער האַנט, אַז מען זאָל זיך זעצן און ער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע. ער האָט גערעדט זאַכלעך, באַטראַכט און נישט געאיילט. ער האָט נישט געשריגן מיט אַ סימפּאַטישן דונער־קול אַזוי ווי טראָצקי, און ער האָט נישט זשעסטיקולירט אינטעלעגענטיש־אײדל מיט זיינע הענט אַזוי ווי לענין. ווי אַ מומיע איז ער געשטאַנען, אומבאַוועגלעך און מיט זיין שלעכטן רוסיש יעדעס וואָרט ווי אַ צוואָק אַריינגעהאַקט אין די קעפּ פון די צוהערער. דער גרוזינישער אַקצענט האָט צוגעגעבן אַ מאַכטפולן טאָן צו דער איינדרוקספולער רוסישער שפּראַך און האָט זיך טיף באַזעצט אין די מוחות פון די יונגע קאָמוניסטן.

— מיר זענען אַרומגערינגלט מיט פיינד, פאַררעטער און סאַבאָטאַזש־ניקעס! אין דער פּאַרטיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט פרעמדע און פיינדלעכע עלעמענטן, געוועזענע מיטגלידער פון פיינדלעכע צו אונדז פּאַרטייען. די־אָ עלעמענטן קענען זיך נישט און וועלן זיך נישט באַפרייען פון זייערע אַלטע טראַדיציעס! אייער חוב, ווי פירער פון די „ספּעציעלע אָפּטיילן" איז אַכטונג צו געבן אויף די אַריינדרינגלער און באַזייטיקן יעדן איינעם אויף וועמען עס איז פאַראַן אַ פאַרדאַכט, אַז ער קען אונדז שעדיקן! פירט אָן אייער אַר־בעט אָן מורא און אָן רחמנות! געדענקט, אַז עס לוינט זיך צו ליקווידירן הונדערט אומשולדיקע מענטשן, אויב צווישן זיי איז פאַראַן איין שולדי־

קער! וואָס עס זאָל נישט קאָסטן מוז מען דעם שולדיקן, דעם פאַרברעכער אויסגעפינען און אים פאַרניכטן! — ער האָט זיך אָנגעבויגן צום טיש און גענומען אַ פּאַפּיר אין האַנט. ער האָט פאַרגעזעצט, — דאָס איז אַ מוסטער פון פראַגע־בויגנס, וואָס ווערן איינגעפירט פון איצט־אָן אין אַלע סאָוועטי־שע, פּאַרטייִישע און מיליטערישע אַנשטאַלטן, אונטערנעמונגען, פאַבריקן, אַרטעלן און אַזוי ווייטער. יעדער בירגער מוז געבן אַן אויספירלעכן און אויסשעפּנדיקן ענטפער אויף די געשטעלטע פראַגן פון דער אַנקעטע.

ער האָט דאָס פּאַפּיר צוריק אויפן טיש אַוועקגעלייגט און פאַרגעזעצט:

— די „ספּעציעלע אָפּטיילונגען" זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן איינ־פירן דאָס אויספילן די פראַגע־בויגנס פון יעדן בירגער ביי יעדער געלעגנהייט. איך געטרוי אייך אָן די אַרבעט, ווייל איך גלייב אין אייך, ווייל איך גלייב, אַז איר זענט די וועלכע איך קען אָנגעטרויען דעם אייזערנעם בעזעם אויף אויסצוקערן דאָס קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מיסט פון אונדזער לאַנד און פון אונדזער פּאַרטיי!

סטאַלין האָט זיך אַוועקגעזעצט און די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפגעשטעלט און מען האָט ווידער באַשאָנקען דעם פירער מיט באַגייסטערטע אַפּלאָדיסמענטן.

די באַראַטונג האָט זיך פאַרענדיקט. יעדער איינער איז צוגעקומען צו סטאַלינען, אים געדריקט די האַנט און זיך פאַרגעשטעלט. אויך באַריס איז צוגעקומען צו סטאַלינען. ער איז געווען באַגייסטערט פון דעם אַלעמען, וואָס עס איז פאַרגעקומען. דער קאָפּ האָט זיך אים אַזש פאַרדרייט פון די איבערראשנדע זעונגען און הערונגען. ער האָט דערפילט ווי אויף זיינע אַקסל זענען פליגל אויסגעוואַקסן, און ער האָט אָנגעהויבן צו פליִען הויך־הויך!... ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו סטאַלינען און ווי אין אַ מיליטערישער פויק אויסגעקלאַפּט דעם ראַפּאָרט:

„מייך נאָמען איז באַריס גאַרבער! איך בין דער קאָמיסאַר פון דעם „ספּעץ־אָפּטייל" ביי דער ערשטער אָדעסער שוך־פאַבריק, וועלכע באַשעפ־טיקט איצט צוויי טויזנט אַרבעטער און איז די גרעסטע שוך־פאַבריק פון דעם גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד!"...

סטאַלין האָט אַ קוק געטאָן אויף באַריסן און זיך געצווונגען אַ שמייכל טאָן צו אים.

אויפדערנאַכט האָט מען אַ געזעגענונגס־באַנקעט פאַר די אָפּפאָרנדיקע

יונגע קאָמיסאַרן פון די „ספּעץ־אָפּטיילונגען" איינגעאָרדנט. די געדעקטע טישן זענען געווען פול מיט געשמאַקע עסנס און מיט טייערע וויינען. מען האָט געהאַלטן טאָסטן און קורצע רעדעס פאַרן פירער פון דער פּאַרטיי און אַלע פעלקער, דעם טאָווארישטש סטאַלין. סטאַלין האָט געגעסן ווייניק און נאָך ווייניקער געטרונקען. פון צייט צו צייט האָט ער אַ וויץ געזאָגט און עמעצן פון דער חברה ביי זיין נאָמען אָנגערופן. מען האָט זיך געוווּנדערט וואָס סטאַלין האָט פאַרגעדענקט די נעמען פון די יונגע קאָמוניסטן, נעמען וועלכע ער האָט נאָר איין מאָל געהערט אַרויסרעדן ווען מען האָט זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט. דאָס האָט געמאַכט אַ טיפן און אומפאַרגעסלעכן איינדרוק: דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי האָט אַ געניאַלן מוח. ער האָט פאַרגעדענקט אַלע פּופּציק נעמען פון די דעלעגאַטן.

און פּלוצים האָט זיך סטאַלין איינגעקוקט צו יעדער איינעם פון די יונגעלייט. ער האָט אַ צייל געטאָן מיט זיינע שטרענגע בליקן איבער אַלעמענס פנימער און זיך פאַרהאַלטן אויף באַריסן.

— טאָוואַרישטש גאַרבער! באַריס! קום אַהער!

באַריס איז צוגעקומען און זיך אויסגעצויגן פאַר סטאַלינען ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַ גענעראַל. — איך בין צו אייער דינסט, טאָווארישטש סטאַלין!

סטאַלין האָט מיט זיין שווערער האַנט אַ פיר געטאָן איבער זיינע וואָנצעס אויף רעכטס און אויף לינקס. דער בחור איז אים געפעלן. ער האָט פון זיין שטרענגקייט אַביסל מילדקייט אַרויסגעקוועטשט און פון אונטער די וואָנצעס אַ שמייכל אַראָפּגעלאָזט.

— מאָרגן צען אין דער פרי, פּינקטלעך צען, זאָלסטו זיין אין מיין קאַבינעט!

— פּינקטלעך צען, טאָוואַרישטש סטאַלין! — האָט באַריס איבערגעענטפערט דעם באָפעל.

די אויגן פון אַלע פאַרזאַמלטע אויפן באַנקעט האָבן מיט רעספּעקט באַגלייט באַריסן צוריק צו זיין אָרט. מען האָט שוין פאַרשטאַנען: דער בחור מאַכט אַ קאַריערע! ער בלייבט שוין אין מאָסקווע. ער וועט אַרבעטן אונטער סטאַלינס האַנט.

וואָס סטאַלין האָט אויפן אַנדערן טאָג גערעדט מיט באַריסן איז פאַרבליבן אַ סוד. ווען באַריס האָט פאַרלאָזט סטאַלינס קאַבינעט, האָט ער זיך געאיילט וואָס גיכער צוריקצופאָרן קיין אָדעס, איינאָרדענען דאָרט אַלע זיי־

בע פערזענלעכע אַנגעלעגנהייטן, איבערגעבן זיין שטעלע, אַלס קאָמיסאַר פון דעם „ספּעץ־אָפּטייל״, צו אַן אַנדער חבר, און באַלד זיך צוריקקערן קיין מאָסקווע.

.13

דער אמת וואָס באָריס האָט אין קרעמל פאַרנומען איז געווען אַ באַ־שיידענער און אַ האַלב־געהיימער. זיינע צימערן האָבן זיך געפונען ערגעץ פאַררוקט, אין איינעם פון די נישט־וויכטיקע הייזער אין דעם קרעמל. דאָס איז געווען די צענטראַלע פון אַלע „ספּעציעלע אָפּטיילן״ און באָריס איז געווען דער קאָמיסאַר פון דער צענטראַלע. ער האָט געהאַט אַ גרויסע מאַכט, ער האָט זיך קיינעם נישט אונטערגעוואָרפן, אויסער סטאַלינען. די אַרבעט זיינע איז אָבער געווען אַזוי געהיים און באַשיידן, שטיל, אַז קיינער האָט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז דער־אָ יונגער בחור איז אַ וויכטיקע פּערזאָן.

די ערשטע פּאָר חדשים האָט באָריס געלעבט אין דעם האָטעל „מאָס־קוויטש״, נישט ווייט פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, ערגעץ אַרום דעם קרעמל. ער איז געווען פאַרכאַפּט מיט זיין וויכטיקער און פאַר־אַנטוואָרטלעכער טעטיקייט און ער האָט קיין צייט נישט געהאַט אַפילו זיך צו באַקענען מיט דער שטאָט. ביסלעכווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן מער צו פאַרלאָזן אויף זיינע געהילפן. ווען ער האָט געזען, אַז די אַרבעט קלאַפּט און סטאַליך, וועלכן ער האָט נאָר אַ פּאָר מאָל פאַר דער גאַנצער צייט געזען, איז פון אים צופרידן, דאַן האָט ער אָפּגעאָטעמט אַביסל גרינגער. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט געגוג פרייע צייט פאַר זיך צו לעבן און געניסן פון דעם לעבן.

ער האָט באַזוכט אַלע ביבליאָטעקן, מוזעאומס און טעאַטערס. צום סוף האָט ער זיך געכאַפּט פאַרן אַדרעס צו פּאָליאַן, וואָס מיכל האָט אים געהאַט צוגעשיקט. ער איז אַוועק זי באַזוכן.

באָריס האָט איצט אויסגעזען פיל עלטער און פיל ערנסטער און שווייגנדיקער, כאָטש פון דעם ערשטן בליק האָט ער אויסגעזען אַזוי ווי פריִער: אַ ברייט־פּלייציקער און אַ גרויס־קעפּיקער, מיט אַ גוטן כאַראַק־טער, וועלכער האָט דאַמינירט איבער זיין גרויסער גבורה. זיינע לאַנגע, גרויסע און געזונטע הענט האָבן פעסט און וואַרעם, חבריש און פריינדלעך געדריקט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט פון אַן אַנדער מענטש. פון זיין פּנים

איז שטענדיק אַראָפּגעהאַנגען אַ מילדער, אַ שיינער און אַ גוטער שמייכל. עס האָט זיך געפילט דער שטאַרקער כאַראַקטער אין זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ דערפאַרענער מענטש וואָס ווייסט ווען און וואָס צו רעדן און ווען און ווי אַזוי צו שווייגן.

פאַליאַ האָט באַלד די־אַ שטריכן פון אַ הויך־פאַראַנטוואָרטלעכער פּער־זענלעכקייט אויפגעכאַפּט אין באָריסן. זי האָט אים פאַרגלייכט מיט מיכ־לען. זי האָט געפילט, אַז מיכלען וואָלט זי געקענט ליב האָבן, אָבער באָריס געפעלט איר.

באָריס האָט זיך זייער גיך באַפריינדעט מיט פאַליאַן. ער האָט אין איר דערזען דאָס וואָס ער האָט געוואָלט: אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, אַפילו נישט זייער קיין שיינע, אָבער עפּעס אַ מין אָנגענעמע, אַ צוגעלאָזענע און אַביסל אַ באַרעדעוודיקע. אָנגעטאָן איז זי שטענדיק אין ליכטיקע קליידער, מיט אַ פיינעם און אַ רייצנדיקן געשמאַק. זי איז געבילדעט און זייער אַנ־געלייענט. זי שטאַמט פון רייכע, ייִדישע עלטערן, אָבער זי איז אַ קאָמו־ניסטקע, אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי און דאָס איז גוט. פאַרליבט אין איר ביז משוגעת איז באָריס נישט געווען. זי איז אים אָבער זייער געפעלן. ער האָט געוואָלט האָבן עמעצן מיט זיך, אַן אינטימען פריינד, אַ לעבנס־באַ־גלייטער, אַ ווייב.

באָריס און פאַליאַ האָבן זיך גוט פאַרשטאַנען...

ער האָט געוווּסט וואָס זי וויל, און זי האָט געוווּסט וואָס ער דאַרף...

קיין שום גרויסע ווענדונגען וואָס מען האָט חתונה געהאַט האָט מען נישט געמאַכט. אמת, דאָס איז נישט געווען דער „גייסטער שטייגער פון צוזאַ־מענלעבונג״ וועלכער האָט זיך באַוויזן אין לאַנד אונטערן נאָמען „פרייע ליבע״. עס איז געווען דער נייער שטייגער פון צוזאַמענלעבונג, וועלכער איז באַקאַנט געוואָרן מיטן נאָמען „זיך פאַרשרייבן״. אַז מען האָט געוואָלט לעגאַל חתונה האָבן, איז מען אַוועק אין דעם שטאָטישן סאָוועט און דאָרט אין דעם אָפּטייל „זאַקס״ — די פאַרשרייבונג פון בירגערס צושטאַנד — האָט אַ רעגירונגס־אָנגעשטעלטער אַריינגעשריבן אין אַ בוך, אַז „דער און דער מאַן, און די און די פרוי״ האָבן באַשטימט צוזאַמען לעבן ווי מאַן און ווייב. דאָס פּאָרל האָט פון דעם אָנגעשטעלטן אַרויסבאַקומען אַן „הייראַט־דאָקומענט״ און מיט דעם האָט זיך די גאַנצע לעגאַלע חתונה־פּראָצעדור פאַרענדיקט.

באַריס איז באַלד נאָך דעם „פאַרשרייבן זיך" צוריקגעפאָרן אין קרעמל, צו זיין אַרבעט און פאַליאַ איז אַוועק צו איר אַרבעט. אין דעם קאָמיסאַריאַט פון דער שווערער אינדוסטריע, ווו פאַליאַ האָט געאַרבעט, האָט זי זיך געמוזט פאַרענטפערן פאַרוואָס זי איז צו דער צייט צו דער אַרבעט נישט געקומען. זי איז אַוועק צום פאַרטיי־סעקרעטאַר און אים אַריינגערוימט אַ סוד... זי האָט אים דערציילט, אַז איר מאַן איז אַ וויכטיקער קאָמיסאַר אין דעם קרעמל און ער האָט איר באַלד דערלויבט צו פאַרלאָזן איר אַמט אויף וויפל צייט זי וויל נאָר. פאַליאַ איז אַהיימגעגאַנגען. זי האָט פון איר וווינונג צוגענומען אַלע אירע זאַכן, אַרויסגערופן אַ טאַקסי און איז איבערגעפאָרן אין דער נייער דירה, וואָס באַריס האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק באַקומען. דאָס איז געווען אַ גרויסע און אַ מאָדערנע וווינונג מיט אַ סך גרויסע און ליכטיקע צימערן, אין אַ ניי־געבויט הויז ספּעציעל און אויסשליסלעך נאָר פאַר מיוחסדיקע טוער פון קרעמל, הויכע קאָמיסאַרן, גענעראַלן און דיפּלאָמאַטן.

אויפדערנאַכט איז באַריס געקומען אין זיין נייער היים און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ פלאַש גוטן וויין. ער האָט אַ קוש געטאָן זיין ווייב און זיך געזעצט צום טיש מיט אַ צייפּנטער „פּראַוודאַ" אין דער האַנט. ער האָט זיין פּנים אַריינגעשטעקט אין דער צייטונג און נישט געזען וואָס אַרום אים טוט זיך. פאַליאַ האָט דאָס באַמערקט און זי האָט נישט באַדאַרפט זיין צו קלוג פאַראויסצוזען איר צוקונפט, די צוקונפט פון אַ ווייב, וועמענס מאַן איז אַ הויך־פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרטיי־טוער, אַ קאָמיסאַר!...

— באַריס, דאָס עסן איז אויפן טיש!

עס איז געזאָגט געוואָרן אַזוי געוויינלעך, גלייך ווי דאָס וואָלט נישט געווען זייער ערשטער מאָלצייט צוזאַמען, אין זייער היים, אין דעם ערשטן טאָג פון זייער הייראַט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער „פּראַוודאַ" און מילד און ליבלעך אַ שמייכל געטאָן. ער האָט באַלד די צייטונג אַוועקגעוואָרפן און פריילעך אויסגעשריגן:

— זע, דו ביסט דאָך אַ גוטע באַלעבאָסטע!...

ער האָט אָנגעגאָסן צוויי פולע גלעזער וויין. ביידע האָבן אויסגעטרונקען און זיך צעקושט. דערנאָך האָט מען זיך געזעצט עסן. פאַליאַ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטער קעכין. אין דעם ספּעציעלן מאַגאַזין פאַר די

וויכטיקע פּאַרטיי־לייט פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט האָט מען געקראָגן אַלץ ביליק און נישט־באַגרענעצט. פּאַליאַ האָט אָנגעקויפט אַלץ וואָס אַ גוטע באַלעבאָסטע דאַרף האָבן. נאָך פילע חדשים עסן אין אַ רעסטאָראַן איז דאָס היימישע עסן, וואָס פּאַליאַ האָט צוגעגרייט, געווען אַזוי געשמאַק און באַטעמט, אַז באָריס האָט זיך גאַרנישט געקענט אָפּוווּנדערן. ער האָט אַלעמאָל פּאַליאַן געלויבט:

— מאַלאַדיעץ פּאַליאַ! דו ביסט אַ גוטע באַלעבאָסטע און אַ גוט ווייב!...

אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך באָריס אַביסל פאַרשלאָפן. ער איז אַוועק צו זיין אַמט שפּעטער ווי געוויינלעך. פּונקט אין דעם פרימאָרגן האָט אים סטאַלין געוואָלט זען. ער האָט געוואָלט אַן אינפאָרמאַציע וועגן איינעם „אַ מענטשן”... ער איז שלעכט געשלאָפן די נאַכט. דער־אַ „מענטש” האָט זיך אים געהאַלטן אין איין חלומען... באָריס דאַרף זאָגן זיין מיינונג. וואָס פאַר אַן אינפאָרמאַציע האָט דער „ספּעץ־אָפּטייל” זיינער וועגן דעם „מענטש”? איז ער אַ גוט־שטייענדיקער מיטגליד פון דער פּאַרטיי, אַזאַ וואָס מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן?... סטאַלין האָט זיך אָנגעברוגזט אויף באָריסן פאַר־וואָס ער דערלויבט זיך אַזוי שפּעט נישט צו זיין ביי זיין אַמט. באָריס האָט זיך פאַרענטפערט... סטאַלין האָט אויסגעזעצט מיט אַ מין ריטשיק־כאָרכל־דיקן געלעכטער און אַזש זיך פאַרהוסט פון פרייד. ער האָט אַ בוכע געטאָן באָריסן אין ברוסט און געזאָגט:

— האָסט געטאָן די ריכטיקע זאַך! איך האָב ליב חתונה־געהאַטע קאָ־מוניסטן. מען איז געזעצטער, ערנסטער און מען אַרבעט בעסער! דו באָ־ריס באַקען מיך מיט דיין ווייבל. איך וויל גלויבן, אַז זי איז אַ גוטע קאָ־מוניסטקע און זי האָט דיך די ווערט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט באָריס צו זיך פאַרבעטן עטלעכע חברים, זיינע נייע פריינד, אויף אַ קליינער הוליאַנקע. פּאַליאַ פון איר זייט האָט אויך אירע עטלעכע חברטעס און פריינד פאַרבעטן. שפּעטער האָט באָריס געפונען אויך פאַר נייטיק אָנצושרייבן אַהיים צו זיינע עלטערן קיין אָדעס, צו מיכלען קיין סאַראַפּול, און צו נאָך אַ פּאָר אַלטע חברים זיינע, אַז ער האָט חתונה געהאַט, און אַז ער גיט דערביי אָן דעם אַדרעס פון זיין נייער וווינונג, וועלכע ער האָט ערשט באַקומען.

נאָך דעם איז אַלץ אַוועק ווי געוויינלעך, מיטן ברויזנדן, „קאָמיסאַ־רישן” לעבנסשטייגער פון אַרבעט, אַרבעט און מערער אַרבעט...

.14

אין דער רעגירונג, ביי לענינען, און אין דער פּאַרטיי, ביי סטאַלינען, זענען געלעגן אָנגעוואַלגערט פילע אָנקלאַגעס און פּראָטעסטן פון רוסישע, אוקראַיִנישע און ווייסרוסישע אַרבעטער און פויערים, קעגן דעם וואָס אַלע הויכע פּאָסטנס זענען מיט ייִדן באַזעצט, כמעט יעדער קאָמיסאַר איז אַ ייִד, און עס באַקומט זיך, אַז נאָר ייִדן פירן אָן מיט דער סאָוועטן־מאַכט.

פינצטערע פויערים און אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער האָבן נאָך אַלץ געמיינט, אַז עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן „באָלשעוויק" און „קאָמוניסט". זיי האָבן געגלייבט, אַז דער רוס לענין איז אַ באָלשעוויק, און אַז דער ייִד טראָצקי איז אַ קאָמוניסט. עס האָט זיך זיי נישט געלייגט אויפן שכל, אַז כדי צו פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם הויכן אַמט אין דער רעגירונג אָדער פּאַרטיי מוז מען זיין גראַמאָטנע, געבילדעט און אַנטוויקלט.

די קאָמיסאַרן פון קרעמל האָבן געזוכט אַ רפואה צו דער אַלט־נייער מכה, דעם אַנטיסעמיטיזם.

אין דער־אָ צייט, פון כאַאָס און אויפטרייסלונגען, איז צום קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ווו סטאַלין איז דער הויפּט־קאָמיסאַר געווען, אַ ייִדישע דעלעגאַציע געקומען. דאָס זענען געווען פאָרשטייער פון ייִדישע געזעלשאַפטלעכע, קולטורעלע און פאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס. אַ בייזער און מיט פיל זידל־ווערטער האָט זיי סטאַלין אויפגענומען. ער האָט באַטראַכט יעדן איינעם מיט ביטול, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען מינדערווערטיקע מענטשן.

אין דער דעלעגאַציע איז געווען אַ פאָרשטייער פון „בונד", אַ ייִדיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג קעגן וועלכער די באָלשעוויקעס האָבן געפירט אַ קאַמף. דער־אָ „בונד" איז באַלד,ביים אָנהייב פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט־פאַרכאַפּונג ליקווידירט געוואָרן. אייניקע פירער פון דער באַוועגונג זענען אַרעסטירט געוואָרן, אייניקע זענען זיך צעלאָפן, אַוועק קיין אויסלאַנד און דאָרט זייערע לעבנס געראַטעוועט. אָבער אייניקע „בונד"־פירער זענען צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס און האָבן זיך אָנגעהויבן בוקן צו דער נייער מאַכט. זיי האָבן געוואָלט לעגאַליזירן זייער באַוועגונג אונטער דעם נייעם נאָמען: „קאָמוניסטישער בונד".

אַ צווייטער אין דער דעלעגאַציע איז געווען אַ פאָרשטייער פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, די אַזוי גערופענע „ס־ס", אַ רעכטע סאָציאַליסטי־

שע באַװעגונג אין דעם ציוניזם. עס זענען אױך געװען פֿאָרשטײער פֿון אַנ־דערע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, פֿון אַנאַרכיסטישע גרופּעס און פֿון דער פּאַרטײ לינקע סאָציאַליסטן רעװאָלוציאָנערן. — די אַלע האָבן זיך אין גע־טרײשאַפֿט צום קאָמוניזם געשװױרן...

סטאַלין האָט אױף דער דעלעגאַציע אַ קוק געטאָן מיט אַ בײזן שמײכל, און מיט חוזק, אין זײן שאַרכעװאַטן גרוזינישן אַקצענט, אין רוסיש, גע־פֿרעגט:

— װער איז פֿון אײַך דער גענעראַל־רעדנער?...

די דעלעגאַטן האָבן זיך באַלד פֿאַרלױרן. סטאַלינס אַרױסרוף, אַז נאָר אײנער זאָל רעדן, „גענעראַל־רעדנער", און זײן בײזער שמײכל, האָט זײ אױף אַ װײלע צעטומלט. באַלד אָבער האָט מנחם פּאָליאַקאָװ, דער אַלטער „ייִדישיסט" און פֿאָרשטײער פֿון די קאָמוניסטיש געװאָרענע ציוניסטן־סאָ־ציאַליסטן, זײן שטאָלץ צוריק באַקומען. ער איז צוגעקומען נענטער צו סטאַלינען און שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— איך װעל זײן דער גענעראַל־רעדנער! מיר, די דעלעגאַציע, שטעלן מיט זיך פֿאָר די פֿאַרטרעטער און װאָרט־זאָגער, דעם אַװאַנגאַרד און די שטים פֿון די ייִדישע אַרבעטער און פֿאָלקס־מאַסן!

סטאַלין האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פֿױסט אין טיש.

— נישטאָ קײן ייִדישע אַרבעטער און פֿאָלקס־מאַסן. עס זענען דאָ נאָר אַרבעטער־מאַסן, און אױב צװישן זײ געפֿינען זיך אױך ייִדן, װעט די קאָ־מוניסטישע פּאַרטײ און די סאָװעטישע רעגירונג פֿאַר זײ זאָרגן פּונקט אַזױ װי מען זאָרגט פֿאַר אַלע...

עס איז געװאָרן שטיל. די ייִדישע פֿאָרשטײער האָבן געדרײט זײערע היטלען אין די הענט, געקװעטשט מיט די פּלײצעס, געהױבן די אַקסל און געקוקט אײנער צום אַנדערן מיט צעמישטע בליקן.

מנחם פּאָליאַקאָװ, דער אָריגינעלער און קלוגער ייִדישער פּראָפֿעסאָר, ליטעראַטור־קריטיקער און פֿירער פֿון די ציוניסטן־קאָמוניסטן, האָט זיך מיט זײן קלײן־װוקסיקער פֿיגור אַ ריר געטאָן. אױף זײן אױסגעדאַרט פּנימל, װעלכעס איז געװען צעטריקנט און דאַר, און האָט געהאַט אַ מאָל־פּישן אױסזען, האָט זיך אַ סאַרקאַסטישער געלעכטער צעשפּרײט. ער האָט פֿאַרריסן זײן װײס־גלאַנציק, רײן־געגאָלטן קאָפּ מיט דעם הױכן פֿילאָסאָ־פֿישן שטערן. זײנע דינע ליפּן, װעלכע האָבן פֿיל חכמה און בײסיקע װער־

טער ליב געהאַט פון זיך אַרויסצוואַרפן, האָבן דאָס מאָל זיך אַ קרים געטאָן. ער האָט געזאָגט:

— איר, טאָווארישטש סטאַלין, זענט אומבאַוועגלעך אין אייער טעאָריע. וואָס פאָדערן מיר דען? מיר פאָדערן אַ ייִדישע קולטורעלע אויטאָנאָמיע! איר זעט גאָר נישט איין, אַז איר דאַרפט אונדז נאָך מערער ווי מיר דאַרפן אייך! ייִדיש איז אַ וועלט־קולטור און מיר ווילן אין ייִדיש דעם קאָמוניזם איבער דער גאַרער וועלט פאַרשפּרייטן. מיר ווילן מיט אייך מאַכן אַ קאָנטראַקט: איר אָנערקענט די פּראָגראַם פון ייִדישער קולטורעלער אויטאָנאָמיע, און מיר ווילן דערפאַר אייך העלפן צו פאַרשפּרייטן די אידייע פון סאָוועטן־מאַכט און באָלשעוויסטישן קאָמוניזם איבער דער גאַנצער וועלט!

אויף אַזאַ אַרגומענט האָט זיך סטאַלין נישט געריכט. ער האָט באַטראַכט דאָס קליינע כיטרע מענטשעלע, וואָס שלאָגט דאָ פאָר אַ נייעם סאָרט ייִדישקייט, אַ סאָוועטישע, אַ קאָמוניסטישע ייִדישקייט... פּיליכבט האָט ער רעכט, אָט דער אַ „פילאָסאָף" מיט דעם אויסזען פון אַ מאַלפּע?... אָבער ניין, אים, סטאַלינען, וועט מען נישט ברעכן!... ער האָט דאָך שוין איין מאָל געשריבן, אַז ייִדן זענען נישט קיין פאָלק און נישט קיין נאַציע, און אַז פאַר ייִדישער קולטור דאַרף מען נישט און מען טאָר נישט עפּעס טאָן, איז פאַרוואָס זאָל ער איצט בייטן זיין מיינונג? ניין, עס איז נישט גוט אַזוי! היינט וועט ער בייטן איין מיינונג, וואָס ער האָט נישט ריכטיק באַהויפּט, און מאָרגן וועט ער בייטן אַ צווייטע מיינונג... און דער רעזולטאַט: זיין שטאַרקייט און זעלבסט־דיסציפּלין וועט אָפּגעשוואַכט ווערן. אָ, ניין, געזאָגט אַ וואָרט — מוז דאָס זיין ווי שטאָל. ווען מען איז אַפילו נישט גערעכט, מוז מען זיך האַלטן פאַרן גערעכטן. אין דעם און נאָר אין דעם באַשטייט די גרויסקייט פון אַ פירער.

ער האָט ווידער אַרויסרופנדיק און מיט ביטול באַטראַכט די פאַרשטייער פון דער ייִדישער דעלעגאַציע און פּלוצים אַ ווייז־געטאָן מיט אַ פינגער אויף דעם „בונד"־לידער פנחס לעוויט.

— איך גיב דיר דאָס וואָרט! איך וויל הערן וואָס נאָך איינער וועט זאָגן. איך וויל הערן קאָנקרעטע פאָדערונגען.

פנחס לעוויט, אַ יונגערמאַן מיט אַן עכטן אויסזען פון אַן אינטעליגענטן ייִדישן אַרבעטער, האָט אין אַ שיינעם און קאָרעקטן רוסיש דערקלערט:

— מיר האָבן נישט קיין פּאַפּיר כדי צו דרוקן די אויסגאַבעס פון אונ־

דזערע באַוועגונגען. אין די קליינע שטעטלעך זענען פֿאַראַן טויזנטער ייִדן וואָס רעדן און לייענען נאָר ייִדיש, מען מוז זיי באַדינען! און אין אַלגעמיין פֿאָדערן מיר דאָך נישט מער ווי צו דערלויבן אונדז זיך צו באַנוצן מיט אונדזער מוטער־שפּראַך!... מיר זענען דאָך אייערע פֿאַרבינדעטע, מיר ווילן אַפֿילו אַריינטרעטן אין דעם דריטן, אין דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל!...

— דער „קאָמינטערן” דאַרף אײַך נישט האָבן! — האָט סטאַלין רויִק געזאָגט, — איר מוזט אייערע פּאַרטייען צעלאָזן. און וואָס שנעלער איר וועט דאָס טאָן אַלץ בעסער וועט דאָס זיין פֿאַר אײַך! קיין קאָמוניסטישע בונדאָווצעס, קאָמוניסטישע ציוניסטן, קאָמוניסטישע אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטישע סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן וועלן מיר קיינמאָל נישט אָנערקענען. מיר וועלן נישט דולדן קיין קאָמוניסטישע מאַסקע אויף די־אָ אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און באַוועגונגען. אָדער איר זענט מיט אונדז און איר טרעט אַריין אין אונדזער איין־און־איינציקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָן שום באַדינגונגען, אָדער איר בלייבט פֿון יענער זייט פּלויט!... אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן וועלן מיר מיט אײַך נישט איינגיין!...

— אָבער, טאָוואַרישטש סטאַלין, מיר...

סטאַלין האָט לעוויטן נישט געלאָזט ווייטער רעדן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיין שטול און טרוקן געזאָגט:

— די אוידיענץ איז פֿאַרענדיקט! דאָסווידאַניע!...

די דעלעגאַציע האָט פֿאַרלאָזן סטאַלינס קאַבינעט. אָבער פּלוצים האָט זיי סטאַלין צוריק גערופֿן. ער האָט זיך געווענדט צו מנחם פּאָליאַקאָוון:

— איר זאָגט, אַז איר זענט מאַרקסיסטן?

— יאָ, מיר זענען מאַרקסיסטן! — האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט.

— דאַן, — האָט סטאַלין זיך צעבייזערט, — דאַן מוזט איר אָנערקענען וואָס קאַרל מאַרקס האָט אין זיין אַרטיקל איבער דער ייִדן־פֿראַגע, אין יאָר 1844, געשריבן: „געלט איז דער ייִדישער גאָט” — האָט מאַרקס געשריבן. און ער וואָרנט אונדז: דאָס ייִדנטום מוז פֿאַרשווינדן!... אין מיין אַרטיקל, אויב איר האָט דאָס נאָר געלייענט, „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע”, בין איך אינגאַנצן איינשטימיק מיט מאַרקסן. איך האַלט אויך אַזוי ווי ער, אַז מען דאַרף נישט קיין שום ייִדישע קולטורן, כאָטש איך אָנערקען, אַז ייִדישע אַרבעטער־מאַסן זענען דאָך יאָ פֿאַראַן, אָבער פֿאַר זיי דאַרף די רעוואָלוציע זאָרגן אויף דעם זעלבן גרונט ווי זי זאָרגט פֿאַר אַלע אַרבעטער

און זיי נישט אויסטיילן באַזונדער ווי אַ נאַציאָנאַלע איינהייט. לענין איז איינשטימיק מיט מיר. איך וויל, אַז איר זאָלט דאָס וויסן. קריכט נישט צו לענינען!

די דעלעגאַציע איז אַוועק פון סטאַלינען. מען האָט זיך געפילט דערני־דעריקט און אָפּגעשמיסן. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז אָט־אָט וועט זיך די שווערד פון דער ג.פּ.או. אַראָפּלאָזן איבער זייערע קעפּ. מען האָט זיך צו־געאײַלט וואָס שנעלער פונאַנדערצולאָזן די אייגענע פאַרטייען, באַוועגונגען און געזעלשאַפטן, און אַליין ווי עס איז זיך ראַטעווען... מען האָט זיך אָבער נישט באַוויזן אַרומצוקוקן און סטאַלין אַליין האָט זיי גאָר געשיקט רופן צו זיך. דאָס מאָל איז ער צו זיי געווען גאָר פריינדלעך און חבריש.

פאַרגעקומען איז דאָס נאָך דעם ווי עס איז געהאַט אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן אַ געהיימע באַראַטונג אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען לענין, טראָצקי, בוכאַרין, לונאַטשאַרסקי און סטאַלין. דאָס־אָ „פינפטל״ האָט באַ־האַנדלט די סיטואַציע און צושטאַנד פון די פיל וואַקסנדיקע און צעשפּאָל־טענע רעגירונגס־אַנשטאַלטן און פאַרטיי־אַפּאַראַטן מיט די פיל טויזנטער אינטעליגענטע טוער, וואָס גרויסע טיילן פון זיי זענען יידן, און וואָס דאָס רופט אַרויס ביים פאָלק אַן אומצופרידנקייט...

לענין האָט אַריינגעשטעלט זיינע צוויי גראָבע פינגער אין דעם וועסטל, אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען ער האָט זיך געפילט באַלעבאַטיש אויפגעלייגט. ער האָט מיט אַ גרינגשעצנדיקער איראָניע געזאָגט:

— מיר קענען זיך נישט פאַרגינען קיין אַנטיסעמיטיזם אין דעם באַ־נייטן רוסלאַנד. מיר דאַרפן דערקלערן, אַז אַנטיסעמיטיזם איז נישט אין איינקלאַנג מיט קיין שום רעוואָלוציאָנערע עטיק. אַן אַנטיסעמיט איז אַ שעדיקער פון דער רעוואָלוציע!...

טראָצקי מיט זיין שטאָלצן קאָפּ פון אַ קעניג־לייב אין דער־אָ מענטש־לעכער פאַרעיפּושטער דזשאַנגל, האָט דינאַמיש זיינע הענט צעגומען און מיט זיין הילכעדיקן דונער־קול זיך צעשריגן:

— ווערטער, בלויז ווערטער! מען דאַרף אַ פּראַקטישע אָנווענדונג! עס איז פאַרשטייט זיך נישט קיין געזונטע דערשיינונג ווען עס איז אַן אַרבע־טער־פּויערישע מאַכט, אָבער אָנפירן מיט דער מאַכט פירן גאָר אַן נישט די אַרבעטער און נישט די פּויערים, נאָר אינטעליגענטן, און צווישן די אינטעליגענטן זענען פאַראַן אַ גרויסער פּראָצענט יידן!... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע קאָלעגן, — וואָס טוט איר טאָוואַרישטש לונאַטשאַרס־

קי, אַלס קולטור־ און בילדונגס־קאָמיסאַר, אויף צוצוגרייטן גראַמאַטנע אַרבע־טער און פּויערים, אַז זיי זאָלן ווערן גראַמאַטנע און מען זאָל זיי קענען אָנפאַר־טרויען די אָנפירונג?... און איר, טאָוואַרישטש בוכאַרין, איר אַלס דער קאָ־מיסאַר פון פּראָפּאַגאַנדע און פּרעסע, וואָס האָט איר שוין אויפגעטאָן?... די פינצטערע מאַסן מיינען דאָך אַלץ אַז יידן זענען קאָמוניסטן און רוסן זע־נען באָלשעוויקעס!... האָט איר זיי ביז איצט נישט געקענט אויפקלערן, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין פּאַרטיי פון קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס מיט וועלכער עס פירט אָן אַ רוס און דאָס איז לענין?!...

עס איז געווען נישט קיין אָנגענעמע באַראַטונג פון דעם פירנדיקן „פינפטל". די פינף מענטשן, וועלכע זענען די פאַקטישע הערשער איבער דעם צעוויטיקטן און ברויזנדן רוסלאַנד געווען, האָבן זיך איינס דאָס אַנ־דערע פיינט געהאַט. מען האָט אָבער געמוזט צוזאַמען אַרבעטן ווי אַ צע־מענטירטע אייניקייט, ווייל דער שיקזאַל פון דער נייער מאַכט איז אָפּהענגיק געווען פון דער אָ קאָאָרדינירונג.

בוכאַרין און לונאַטשאַרסקי האָבן געוואָלט אַרויסזאָגן זייערע שטאַנד־פּונקטן. אָבער לענין האָט שוין געהאַט אַרויסגעצויגן זיין רעכטע האַנט פון דעם וועסטל און מיט דעם באַוויזן, אַז די זאַך ווערט פון אים ערנסט באַ־טראַכט. ער האָט מיט זיין דיקטאַטאָרישער אויטאָריטעט באַשטעטיקט:

— טראָצקי האָט רעכט! מען דאַרף אַ פּראַקטישע אָנווענדונג. צוליב וואָס פּטרן צייט אויף רעדערייען? איך ווייס, אַז איר קענט שיין רעדן, — האָט לענין מיט אַן אונטערגעקויפּטן שמייכל זיך געווענדט צו בוכאַרינען און לונאַטשאַרסקין, — איך וויל אָבער אויסהערן אַ פּראַקטישן פאָרשלאָג! איך ווייס, אַז די אַרבעטער־פאַקולטעטן, די שולן, אינסטיטוטן און אוני־ווערסיטעטן האָבן נאָך נישט באַוויזן ביז איצט צוצוגרייטן אַ גענוגנדע צאָל אַרבעטער און פּויערים וועלכע זאָלן שוין, אין דעם מאָמענט קענען אָנפירן מיט די רעגירונגס־אַנשטאַלטן און מיט די פּאַרטיי־אַפּאַראַטן און אַזוי אַרום פאַרבייטן די בורזשואַזע אינטעליגענץ און די יידן צווישן זיי, וועלכע מיר האָבן צוגעצויגן צו אונדזער דינסט. די אַרבעטער און פּויערים קענען נישט ביי היינטיקן טאָג אויף פאַרבייטן די אַלע דאָקטוירים, אינזשיניערן, לערער, בוכהאַלטער, עקאָנאָמיסטן און סטאַטיסטיקער אין וועלכע מיר נייטיקן זיך, און צווישן וועלכע עס געפינען זיך אַ גרויסע צאָל מענטשן פון יידישן אָפּ־שטאַם. אין אַ צען יאָר אַרום, וועלן מיר אָט־די פראַגע נישט דאַרפן באַ־האַנדלען, ווייל דאַן וועלן מיר האָבן צוגעגרייט גענוג אייגענע ספּעציאַ־

ליסטן פון דעם אַרבעטער־פּויערישן קלאַס! אָבער איצט?... האָט עמעצער אַ פאָרשלאַג וואָס מיר זאָלן איצט טאָן?...

— איך האָב אַ פאָרשלאַג! — האָט סטאַלין געזאָגט.

— דו, סטאַלין? גוט, לאָמיר הערן!

שטאָל ברעכט זיך נישט, שטאָל בייגט זיך נאָר, — האָט סטאַלין אַ טראַכט געטאָן נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן. ער וועט זיך נאָר צייטווייליק בייגן און דערנאָך וועט ער זיך צוריק אויסגלייכן. שטאָל בלייבט שטאָל. זיין נאָמען סטאַלין וועט זיך נאָך לאָזן הערן און פאַרגעדענקען. אָבער איצט מוז ער צייטווייליק איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס.

— מיין פאָרשלאַג איז, אַז מען זאָל דערמעגלעכן פאַר די ייִדן אַ קול־טורעלע אויטאָנאָמיע. זאָלן זיך ייִדן פאַרנעמען מיט פּראָבלעמען פון ייִדי־שער קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור, אָבער נאָר פון אונדזערן, אַ סאָוועטישן, אַ באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט. מען דאַרף עפענען ייִדישע קלובן, ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן, אַרויסלאָזן ייִדישע ביכער, דרוקן ייִדישע צייטונגען, אָרגאַניזירן ייִדישע פאַרמעריי, אַריינטרייבן ייִדן אין דער שווערער אינדוסטריע און שאַפן אַזאַ לאַגע, אַז ייִדן זאָלן זיין פאַר־אינטערעסירט מיט זייער „אייגנטום” און אַזוי אַרום זאָלן זיי אויפהערן צו זיין קאָמיסאַרסקע טשינאָווניקעס און נישט שטעכן מער די אויגן פון די רוסישע און אוקראַיִנישע פאָלקס־מאַסן!

— איך האָב אַ פראַגע! — האָט לונאַטשאַרסקי אַ געשריי־געטאָן און זיין בלאָנד בערדל האָט אַזש געציטערט פון אויפרעגונג.

— דיין פראַגע — האָט אים לענין דערלויבט דאָס וואָרט צו נעמען, — קענסט רעדן!

— ווי אַזוי שטעלט זיך דאָס, טאָוואַרישטש סטאַלין, פאַר, אַז מען זאָל מיט געוואַלד די ייִדישע אָנגעשטעלטע פון זייערע פאָסטנס אַראָפּנעמען, אָבי צופרידן צו שטעלן די פינצטערע כוחות פון די אָפּגעשטאַנענע מאַסן? און ווו זאָלן מיר שוין נעמען די קאַדרען וואָס וועלן די ייִדן פאַרבייטן? פאַרגעסט, אַז דער צאַר האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ ירושה, זיבעציק פּראָ־צענט פון די רוסן און אוקראַיִנער זענען נישט קיין גראַמאָטנע!...

— ניטשעוואָ! דער טייוול איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים! מיר וועלן זיך מוזן אַ ביסל אונטערגאַרטלען און צומוטשען, — האָט סטאַ־לין געענטפערט, — מיר וועלן אָנהייבן דערפון וואָס מיר וועלן פאַרקלע־נערן די אַמטן אין די סאָוועטישע און רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אויך די

פּאַרטיי־אַפּאַראַטן. מיר וועלן דורכפירן אַ רייניקונג, פאַרקלענערן די אָנ־געשוואָלענע אַפּאַראַטן אויף גאַנצע פופציק פּראָצענט. דערביי דאַרף מען זען, אַז וואָס מערער ייִדן זאָלן אַרויספאַלן... און ווייטער וועלן דאָך פּאַרט אונטערוואַקסן די קינדער פון אַרבעטער און פּויערים, זיי וועלן שוין האָבן אַ פיינע בילדונג און זיי וועלן פאַרנעמען די הויפּט־קאָמאַנדעס! דערביי שלאָג איך פאָר איצט אַרויסצוואַרפן צו די מאַסן די פאָלגנדע צוויי לאָזונגען: „אַרבעטער און פּויער, ווילסטו שטיין ביים רודער פון דער אָנפירונג מיט דער מאַכט, דאַן גיי זיך לערנען אין די אָוונט־שולן". און „ייִדן, גייט אין די דערפער, פאַרנעמט זיך מיט בכבודיקער ערד־אַרבעט! דרינגט אַריין אין דער שווערער אינדוסטריע פון שטאַט, ווערט ווירקלעכע בויער פון דעם סאָציאַליזם, צוגלייך מיט די אַנדערע פעלקער פון דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד".

— צוויי גוטע און זאַכלעכע לאָזונגען! — האָט לענין צוגעשטימט מיט סטאַלינען.

— איך האָב אויך אַ פראַגע! — האָט בוכאַרין זיך אָפּגערופן און זיך אויפגעשטעלט אַ גרייטער צו רעדן. אָבער לענין האָט אים פאַרהאַלטן.

— אָן שום פילאָסאָפיעס. רעד נאָר צו דער זאַך!

— גוט, צו דער זאַך! — האָט בוכאַרין געזאָגט, — זאָל סטאַלין דער־קלערן ווו מיר וועלן נעמען ייִדישע אַגיטאַטאָרס פאַר זיינע פאַרשלאַגן און פאַר זיין לאָזונג. מיר האָבן דאָך נישט אַזעלכע ייִדן אין דער פּאַרטיי. סיידן מיר זאָלן אויסבאַרגן אַזעלכע אַגיטאַטאָרס ביים בונד און ביי די ציוניסטן, קעגן וועלכע מיר אַלע, און דו, טאָוואַרישטש סטאַלין איבערהויפּט, האָבן אַלע יאָרן געקעמפט!

— פאַר דעם האָב איך אויך אַן ענטפער, — האָט סטאַלין געזאָגט און זיך צעלאַכט. דערביי האָט ער אַ וויש געטאָן זיינע אַראָפּהענגענדיקע וואָנ־צעס אויף רעכטס און אויף לינקס, — די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנ־דעס פון די בונדאָווצעס און די ציוניסטן, וועלכע ווּיקלען זיך איצט אין קאָמוניסטישע מאַנטלען כדי אונדז גאָפּעלן צו ווערן, וועלן מיר ליקווידירן, און אויף זייער אָרט וועלן מיר אויפשטעלן „ייִדישע סעקציעס" ביי די רע־גירונגס־ און פּאַרטיי־אַנשטאַלטן אין די ערטער ווו ייִדישע קאָמפּאַקטע מאַסן געפינען זיך. די פירער פון די ליקווידירטע ייִדישע פּאַרטייען, גרופּן און געזעלשאַפטן וועלכע וועלן אַריינטרעטן ווי געוויינלעכע מיטגלידער פון דער

אײן און אײנציקער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, זײ װעלן מיר אָנפּאַרטרויען די פירערשאַפט מיט די „ייִדישע סעקציעס".

טראָצקי האָט זיך אַרויפגעװאָרפן אויף סטאַלינען מיט זײן גאַנצן צאָרן:

— מען קען קײן פאָלק נישט נאַרן! כאָטש איך זעלבסט האַלט נישט פון קײן שום ייִדישער קולטור, דאָך איז דאָס נישט עטיש צו צװינגען אַ פאָלק אָנצונעמען אַן ערזאַץ אָנשטאָט אַ קולטור! און אַרײנטרײבן אין די דערפער און אין דער שװערער אינדוסטריע ייִדן מיט גװאַלד איז אויך נישט יושרדיק. מײן פאָרשלאָג איז, אַז מען זאָל גאַראַנטירן די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, װעלכע סימפּאַטיזירן מיט אונדז, אַ װײטערדיקע עקסיסטענץ אָן שום באַדינגונגען. און אַ צװײטער פאָרשלאָג: מען זאָל טאַקע װי סטאַלין שלאָגט פאָר, פאַרקירצן די אַפּאַראַטן אין אַלע סאָװעטישע, רעגירונגס־ און פאַרטײישע אינסטיטוציעס אויף פּופציק פּראָצענט, אָבער דאָס טאָר נישט זײן אויפן חשבון פון ייִדן, נאָר דערפאַר װײל זײ זענען ייִדן, און עמעצן פון די לומפּן־פּראָלעטאַריער געפעלט דאָס נישט. די פאַרקירצונג פון די אָנגעבלאָזענע אינסטיטוציעס זאָל גײן אויפן חשבון פון די נישט־פעיִקע און װײניק־נוצלעכע קאָמיסאַרן, נישט רעכענענדיק זיך מיט זײער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג!

— דאָס נישט, ליעװ דאַװידאָװיטש! — האָט לענין צו טראָצקין געזאָגט, — יושרדיק, ביסטו טאַקע גערעכט. אָבער פּראַקטיש, איז סטאַלין גערעכט. איך בין מיט סטאַלינס דערקלערונגען העכסט צופרידן.

מיט דעם האָט זיך די באַראַטונג פון דעם הערשנדיקן „פּינפטל" געשלאָסן. עס איז דאַן געװען די צײט, װען דער אײדעלער און פון אַלעמען רעספּעקטירטער לענין איז שױן נערװעז און קראַנק געװען. ער האָט זײן פאַרבאָרגענע מאָנגאָליש־רוסישע נאַטור פון דעספּאָטיזם און דיקטאַטאָרישקײט אָפּן און אומפאַרשעמט פאַר דער װעלט אַרויסגעשטעלט. קעגן זײן װאָרט האָט אַפילו אַ מיטגליד פון דעם־אָ פירנדיקן „פּינפטל" זיך נישט געװאַגט אַקעגנצושטעלן.

װען סטאַלין האָט אַ צװײט מאָל אַלײן צו זיך פאַררופן די ייִדישע דעלעגאַציע, און ער איז צו די פאָרשטײער פון דעם ייִדנטום געװען אַזױ פרײנדלעך און חבריש, האָט ער זײ אין דער זעלבער צײט צוגעדריקט צו דער װאַנט. ער האָט זײ געגעבן נאָר אײן אויסװאַל: אָדער װערן די פירער פון די נײ־געשאַפענע, קאָמוניסטישע „ייִדישע סעקציעס" אָנשטאָט די ליקװידירטע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס פון בונד און ציוניזם, אָדער זיך דערקלערן

פאַר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן און זיך אַליין פאַראורטיילן צום טויט. די באַרשטייער פון דעם רוסישן ייִדנטום זענען געווען מענטשן, און אַ מענטש וויל לעבן...

.15

דער טרוקענער און פראַקטיקער ווינטער האָט זיך פאַרענדיקט. עס איז געווען דער חודש אַפּריל. דער שניי האָט זיך צעלאָזט. די גרויסע דאָרפישע שטאָט סאַראַפּול האָט איר שנייאיקע ווייסקייט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און איז דערשינען ווי אַ נאַסע קויטיקייט.

דער טייך קאַמאַ האָט געשטראָמט מיט לויפנדיקע וואַסערן פון די צעשפּאָלטענע, צעגאַנגענע און צעהאַקטע אייז־קריַעס. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז געוואָרן טרוקן. די זון האָט אָנגעהויבן צו וואַרעמען. טאָטערן און רוסן, וועלכע מען האָט ביים נאָמען פון זייער פאַך, „בורלאַקעס", גערופן, האָבן זיך ביים טייך באַוויזן און האָבן וואָגנס מיט האָלץ, געפירטע פון וואַלד, אין דעם טייך געוואָרפן און מיטן וואַסער־שטראָם געלאָזט שווימען צו אַנדערע שטעט, ווו אַנדערע „בורלאַקעס" וועלן דאָס געהילץ אויפכאַפּן און פון וואַסער אַרויסציִען.

מיכל האָט ביי יעדער געלעגנהייט זיך אַריינגעכאַפּט צום פּאָלקאָווניק איוואַנאָווס היים. ער האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן פילן גאַר היימיש, באַקוועם און פריינדלעך. דער שעף פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע האָט אַ צופרידענער אונטערגעשטיצט די ליטעראַרישע שמועסן וואָס זיין פרוי האָט מיט מיכלען געפירט.

קאַטיאַ האָט זיך אין מיכלס געזעלשאַפט געפילט אַזוי פריי און געמיטלעך וואַרעם, גלייך ווי ער וואָלט איר אַ ליבער און רעספּעקטירטער ברודער געווען. איינמאָל האָט זי טאַקע מיכלען געזאָגט:

— מיר דאַכט, אַז איך קען דיך פון לאַנג, פון קינדווייז אָן... דו ביסט פאַרשווונדן... און איצט ביסטו צו מיר צוריק געקומען!... דו ביסט מיין פאַרבלאָנדזשעטער ברודער!...

דעם ערשטן מאַי איז אַ גרויסער יום־טוב געווען. די קאַדעטן פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע האָבן נאָך מיט אַ טאָג פריִער די נייע, רויטאַרמייאישע זומער־אוניפאָרם באַקומען, און צום מאַי־פּאַראַד האָבן זיי זיך אויסגעפוצט, זיי האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן אונטער די טענער און קלאַנגען פון אַ גרויסן מיליטערישן אָרקעסטער, וועלכער האָט געשפּילט

אָן אויפהער דעם אַלטן, טראַדיציאָנעלן רוסישן מיליטער־מאַרש. די „בור־לאַקעס" האָבן ביים טייך קאַמאַ דאָס מאָל נישט געאַרבעט. זיי האָבן אַ פייער צעלייגט און אַרום דעם געטאַנצט. טאָטערן און רוסן זענען אין זייערע קאָלירטע, זיידענע רובאַשקעס אויסגעפּוצט געווען און זענען אונטער אַ גרויסער רויטער פאָן געגאַנגען. אַרבעטער אין ווייסע לייוונטענע רעקלעך, און פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, אין לאַפּטיעס* אויף די פיס, האָבן פריילעך און שיכורלעך מאַרשירט אין דעם פּאַראַד און הילכעדיק געזונגען די רוסישע „דובינאָשקאַ".

נאָכן פּאַראַד איז געווען אַ גרויסער באַנקעט אין דעם זאַל פון דער אַקאַדעמיע. דער פּאָליטישער קאָמיסאַר, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, האָט געהאַלטן אַ פייערלעכע רעדע וועגן דעם באַדייט פון דעם ערשטן מאַי. נאָכן עסן האָט דער אָרקעסטער געשפּילט מעלאָדיעס צום טאַנצן.

מיכל האָט עטלעכע מאָל געטאַנצט מיט קאַטיאַן. יעדער קאַדעט איז אים מקנא געווען. עס איז געווען אַ גרויסער כבוד צו טאַנצן מיט דער יונגער און שיינער פרוי פון דעם שטרענגן פּאָלקאָווניק, דעם שעף פון דער אַקאַדעמיע.

די פרייד און דער ענטוזיאַזם פון דער פייערונג האָט באַגלייט יעדער איינעם אַ גאַנצע וואָך. דערצו האָט מען זיך נאָך געגרייט צו דעם זומערדיקן אורלויב. יעדער איינער איז געווען אין עקסטאַז פון דער וויזיע ווי אַזוי ער וועט אַהיימקומען אין זיין געבורט־שטאָט אָדער אין זיין געבורט־דאָרף, אָנגעטאָן אויסגעפּוצט אין דער ראַשנדיקער פּאַראַד־אוניפאָרם פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. טאַטע־מאַמע וועלן אים אויפנעמען מיט פרייד. מיידלעך וועלן אים נאָכלויפן...

מיכל האָט אויך געטראַכט וועגן דעם אורלויב. ער האָט געהאַט פיל פּלענער: ער וועט פאָרן קיין טורקעסטאַן, ערגעץ דאָרט ווו דער רעגירונגס קינדער־שטעטל געפינט זיך. ער וועט זיך זען מיט זיינע צוויי ברידערלעך און מיט זיין שוועסטערל. אויף צוריקוועגס וועט ער זיך אָפּשטעלן אין מאָסקווע און זיין אַ גאַסט ביי באָריסן און פּאָליאַן. דערנאָך, אויב עס וועט אים נאָך בלייבן געוויס צייט, וועט ער פאָרן קיין אָדעס. ער בענקט שטאַרק נאָך זיין געבורט־שטאָט...

עס האָט אָבער פּלוצים געשען אַזוינס וואָס האָט צעשטערט די פרייד פון

* לאַפּטיעס — אַזעלכע שיך, געמאַכט פון ווייכער ביימער־קאָרע.

פיל יונגעלייט, און אויך מיכלען האָט דאָס אַרייַנגעטריבן אין אַ שווערער פאַרלעגנהייט. אַ וואָך פאַרן אורלויב, האָט יעדער איינער באַקומען אַן אַנ־קעטע מיט צען פראַגן. מען האָט באַדאַרפט די אַנקעטעס אויספילן און זיי באַלד צוריקגעבן. אַ קאָמיסיע וועט באַטראַכטן יעדע אַנקעטע באַזונדער, און דער גורל פון דעם קאַדעט־סטודענט וועט זיין אָפּהענגיק פון דעם ענט־פער וואָס ער האָט אויף די צען פראַגן געגעבן. די קאָמיסיע וועט באַשטימען ווער עס קען ווייטער פאָרזעצן די קאַריערע אַלס צוקונפטיקער אָפיציר פון דער רויטער אַרמיי, וועמען מען דאַרף אויסשליסן, און וועמען גאָר אַרעס־טירן ווי אַ פאַרדעכטיקטן עלעמענט וואָס האָט זיך אַרייַנגעדרייט אין דער אַקאַדעמיע צוליב דיווערסיווע צוועקן...

מיכל האָט נישט געוואָגט אַפילו זיך צוצורירן צו דער־אָ אַנקעטע. דריי פון די צען פראַגן האָבן אים שאָקירט: צי איז ער געווען אַמאָל אַרעסטירט, זיין נאַציאָנאַליטעט, און צי האָט ער קרובים אין אויסלאַנד.

פאַרנאַכט איז מיכל אַוועק צום פאָלקאָווניק איוואַנאָוו אַהיים.

דער פאָלקאָווניק, כאָטש ער האָט געלעבט ווייט און פאַרוואָרפן פון די הויפט־צענטערן פון לאַנד, איז ער דאָך געווען אַ זייער וויכטיקער קאָמו־ניסט, אַ נאָענטער פריינד פון זייער פיל פירער פון דער פאַרטיי, רעגירונג און רויטער אַרמיי. ער האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען מיטן קרעמל, מיט דעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט און מיט דעם אויסערן־קאָמיסאַריאַט, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט אַלע דיפּלאָמאַטישע אַנגעלעגנהייטן. עס האָט זיך שוין געהאַנדלט וועגן דעם, אַז מען וויל אים אָפּרופן פון דער אַקאַ־דעמיע און ער וועט דאַרפן אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע ווו ער וועט באַקו־מען אַ שטעלע אין דעם אויסערן־קאָמיסאַריאַט, און קען זיין, אַז ער וועט דאַרפן גאָר אין גיכן אַרויספאָרן קיין טערקיי אַלס דער סאָוועטישער מילי־טערישער אַטאַשע. עס האָט נאָר געמוזט נעמען צייט ביז מען וועט צושיקן אַ פאַרטרעטער קיין סאַראַפּול, וואָס זאָל איוואַנאָוון פאַרבייטן אין דער אַקאַ־דעמיע. פאַרשטייט זיך, אַז אַ מענטש וואָס פליט אַזוי הויך אין זיין קאַריערע איז אַזוי פאַרטאָן מיט זיך און מיט זיינע טעטיקייטן, אַז ער האָט נישט קיין צייט פאַר קיין הויז און פאַר קיין ווייב, אַפילו ווען זי איז פיל יינגער פון אים, און דערצו נאָך אַ געבילדעטע און אַ שיינע.

איוואַנאָוו איז שטאַרק צופרידן געווען וואָס זיין פרוי פאַרברענגט זייער אָפט אין ליטעראַרישע און וועלטלעכע שמועסן מיט דעם קאַדעט מיכל קרו־גער, וועלכער ווייזט אַרויס גרויסע פעיִקייטן אַלס יונגער שרייבער, און

װעט שױן געװיס קײן מיליטער־מאַן קײנמאָל נישט זײַן. בײַ יעדער געלעגנ־הײט האָט איװאַנאָװ צו מיכלען געזאָגט:

— װאַרט נישט אױף קײן אײַנלאַדונג, קום צו גײן װען נאָר דו ביסט פֿרײַ. דו ביסט שטענדיק װילקאָם אין מײַן הױז.

די הײמישע נאָענטקײט האָט געבראַכט דערצו, אַז מיכל זאָל פֿאַרן פֿאַלקאָװניק און זײַן פֿרױ אױסדערצײלן זײַן גאַנצע לעבנס־געשיכטע... זײ האָבן געװוּסט, אַז ער איז אַ ייִד, זײ האָבן געװוּסט װעגן זײַן אַרעסט אין דער אָדעסער „טשע־קאַ", זײ האָבן געװוּסט, אַז ער האָט אַ רײַכן פֿעטער, אַ רב אין אַמעריקע, און זײ האָבן אױך געװוּסט װעגן זײַן אײנציקן חבר און פֿרײַנד באָריס גאַרבער, װעלכער האַלט איצט אָן אַ װיכטיקן אַמט אין דעם קרעמל.

מיכל האָט דאָס מאָל געטראָפֿן דעם פֿאַלקאָװניק און קאַטיאַן צוזאַמען אין דער הײם. זײ זענען געזעסן אין דער סטאָלאָװע בײַם טיש און געטרונ־קען טײ. זײ האָבן באַלד מיכלען פֿאַרבעטן זיך צוזעצן צום טיש און טײלן מיט זײ דעם טראַדיציאָנעל־רוסישן „טײ מיט צוקער".

מיכל האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. זײַן פּנים איז געװען אָנגע־שטרענגט, כמורנע און פֿאַרזאָרגט. עס איז קענטיק געװען, אַז דער בחור לעבט עפּעס איבער.

— װאָס איז מיט דיר, מיכאַ'ל? — האָט קאַטיאַ געפֿרעגט, — ביסט נישט געזונט?

— אַך, עס איז גאָרנישט! — האָט איװאַנאָװ געזאָגט, — ער איז גע־װיס איבערגעשטרענגט. די לעצטע טעג פֿירן מיר דורך מאַניעװרעס אין פֿעלד, איז ער אױסגעמאַטערט!

— נײן, טאָװאַרישטש פֿאַלקאָװניק! — האָט מיכל געענטפֿערט, — איך בין נישט אױסגעמאַטערט. אָבער די אַנקעטעס װאָס מיר האָבן הײַנט באַ־קומען... איך װײס נישט װאָס צו טאָן. איך האָב מורא צו ענטפֿערן אױף די געשטעלטע פֿראַגן. קײן ליגן װיל איך נישט זאָגן. און דער אמת... איר װײסט דאָך... מען װעט זיך אָנהײבן טשעפּען צו מיר! די קאָמיסיע װעט װעלן װיסן מער... מען װעט זיך אָנהײבן גריבלען אין מײַן פֿאַרגאַנגענהײט, אין מײַן סאָציאַלן אָפּשטאַם... אָ, נײן, איך װיל דאָס נישט!... איך װיל נישט קײן שום קאַריערעס. איך װיל לעבן שטיל און רויִק. איך װיל בעסער זײַן אַ פּראָסטער אַרבעטער אין אַ פֿאַבריק, אַ טרעגער בײַ אַ שיף, אַ פּױער אין

פעלד, אַבי לעבן שטיל, זיך נישט מישן אין קיין שום פּאָליטיק, און נישט מורא האָבן!...

איוואַנאָוו האָט זיך פאַרטראַכט. קאַטיאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַרץ און אויסגעשריגן „גאָט מיינער״. איוואַנאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווייב. „יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, זאָרג נישט, טייערע, מיר וועלן זען עפּעס טאָן פאַר מיכאַילן״. ער האָט אַ זיפץ געטאָן.

— האַ!... אַ שווערע לאַגע! אָבער זאָרג נישט, מיכאַיל!... וויבאַלד מען האָט דיך באַפרייט פון אַרעסט און מען האָט דיר אַפילו צוריק געגעבן דיין מיטגלידס־ביכל פון „קאָמסאָמאָל״, מיינט דאָך דאָס, אַז דו ביסט אין אָרדע־נונג. אין מיינע אויגן ביסטו אַ גוטער קאָמוניסט און אַ ווילער יאָט! גוט וואָס דו האָסט נישט אויסגעפילט די אַנקעטע. איך וועל איבעררעדן מיטן פּאָליטישן קאָמיסאַר. פּראָפעסאָר מאַסלאָוו האַלט פון דיר!... — אָבער באַלד האָט ער זיין מיינונג געביטן, — ניין, מאַסלאָוו דאַרף נישט וויסן!... — ער האָט זיך שטרענג געווענדט צו מיכלען, — דערצייל קיינעם קיין שום זאַכן נישט! פיל אויס די אַנקעטע און שרייב אַלץ פּאָזיטיוו. קיין שום נעגאַטיווע ענטפערס זאָלסטו נישט געבן!

— אָבער, טאָוואַרישטש פּאָלקאָווניק, דאָס מיינט דאָך עפּעס אויסבאַ־האַלטן... איך וועל שוין דאָס גאַנצע לעבן דאַרפן אומגיין מיט אַ סוד אין האַרצן!...

— עך, דו אינטעליגענטישע נשמה, — האָט איוואַנאָוו אין כעס אַ גע־שריי געטאָן, — ווייסטו גאָר וואָס, גיב איין אַ מעלדונג, אַז דו ווילסט רע־זיגנירן פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, צוליב דעם ווייל דו האָסט אויס־געפונען, אַז דיין באַרוף איז ליטעראַטור און אַז דערפאַר פילסטו, אַז דו וועסט נישט זיין קיין פּאַסיקער אָפיציר פון דער רויטער אַרמיי. איך וועל שוין זען, אַז מען זאָל דיך באַפרייען און מען זאָל די צייט, וואָס דו ביסט אין אַקאַדעמיע געווען, פאַררעכענען ווי אָפּגעדינט דיין טערמין אין דער רויטער אַרמיי.

מיכל האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. אַ שטיין איז אים פון האַרצן אַראָפּ. עס האָט איצט פּאַסירט דאָס וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געוואָלט: זיך באַ־פרייען פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, ווייל ער איז נישט געבוירן גע־וואָרן צו זיין אַ קריגס־מענטש.

— אַ דאַנק אייך, טאָוואַרישטש פּאָלקאָווניק! — האָט מיכל צופרידן געזאָגט.

— מיכאַל, באַטראַכט זיך! — האָט קאַטיאַ אויסגערופן, — איז דאָס די לייזונג פון דיין פּראָבלעם? ווּעסטו דען איצט זיין מער גליקלעך?...

— איך וויל אָנהייבן פון סאַמע אָנהייב! — האָט מיכל געזאָגט, — איך וויל גיין אין אַ פאַבריק, אין מאָסקווע אָדער אַדעס. איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט באַוויזן צו אַרבעטן צווישן אָרגאַניזירטע אַרבעטער. איך פיל, אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג. איך מוז אָנהייבן פון אָנהייב, ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער...

איוואַנאָוו האָט פריינדלעך אַ קלאַפּ געטאָן מיכלען אין פּלייצע.

— קרוגער, איך האָב דיך ליב! דו ביסט אַ נאַיווער אָבער זייער אַן ערלעכער מענטש. אַ שאָד... אַזעלכע מענטשן ווערן גרינג פאַרטיליקט. אָבער דיין לעצטע באַשטימונג, אַז צוערשט ווּעסטו גיין אין אַ פאַבריק און דאָרט איינזאַפּן אין זיך די האַרבקייט פון אַ פּראָסטן אַרבעטער און ערשט דערנאָך ווערן אַן אינטעליגענט, אָט דאָס געפעלט מיר זייער. געדענק, מיכאַל, מיין הויז איז שטענדיק פאַר דיר אָפן. אויב עפּעס וואָס, דאַן קום צו מיר! לאָז מיר איבער דיין חברס אַדרעס. ווען מיר וועלן איבערפאָרן קיין מאָסקווע, וועל איך זיך זען מיט אים, און דורך אים ווּעסטו שוין מיין נייעם אַדרעס וויסן.

אין אַ וואָך אַרום איז מיכל צוריק געוואָרן אַ פרייער מענטש. ער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די מיליטערישע קליידער און זיך אויסגעפּוצט אין אַ שפּאָגל נייעם ציווילן אָנצוג, וועלכן ער האָט איינגעהאַנדלט אין קליידער־קראָם. ער האָט געשפּאַנט איבער די סאַראַפּולער גאַסן, אויפן וועג צו דער אייזנבאַן־סטאַנציע, האַלטנדיק אין האַנט אַ קליין רענצל אין וועלכן עס איז אַ פּאָרל וועש, עטלעכע ביכער און אַ ביסל עסנוואַרג געווען. אין זיין לעדערנער פּאָרטמאַנע, וועלכע איז געלעגן אין דער בוזעם־קעשענע פון זיין רעקל, האָבן זיך געפונען עטלעכע דאָקומענטן מיט קאָמאַנדיראָווקעס. וועלכע האָבן באַשטעטיקט, אַז ער איז אַ באַפרייטער פון דער רויטער אַרמיי, ער פאָרט זוכן זיינע קרובים, און עס איז אים געגעבן געוואָרן די רעכט זיך צו באַזעצן אַלס שטענדיקער איינוווינער אין גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס זענען געווען גרויסע פּריווילעגיעס. אַזעלכע וויכטיקע דאָקומענטן האָבן געקענט קריגן נאָר מענטשן מיט גרויסע פאַרבינדונגען אין דער פּאַרטיי און אין דער רעגירונג. מיכל האָט געהאַט ביי זיך עטלעכע הונדערט רובל. דאָס געלט האָט ער אָפּגעשפּאָרט פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ער איז געווען אין דער מיליטער־אַקאַדעמיע. קיין גרויס ווערט האָט זיין געלט נישט

געהאַט. מער ווי איין חודש האָט ער מיט דעם קאַפּיטאַל נישט געקענט וואַנדערן איבער דעם גרויסן לאַנד. און אים האָט זיך איצט דווקא געוואָלט אַביסל אַרומפאָרן, אויסקוקן אַ וועלט, זען מענטשן און ערשט דערנאָך זיך אָפּשטעלן ערגעץ אין אַ שטאָט, וואָס אים וועט געפעלן, און דאָס מאַכן פאַר זיין שטענדיק וווינאָרט.

אויף דער באַן־סטאַנציע האָט מיכל געטראָפן קאַטיאַן. ער איז געווען איבערראַשט פון פרייד און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

— יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, קאַטיאַ, טייערע! — האָט ער אויסגעשריגן.

זי האָט אויך געוויינט.

— מיכאַיל, פאַרגעס אונדז נישט! אוי מיכאַיל, דו ווייסט גאָר נישט ווי מיר זענען אַרומגערינגלט מיט שונאים. איוואַן זאָגט, אַז יעדער איינער טראָגט אַ מאַסקע און ער מוז זיך פאַר יעדן איינעם היטן... דו ביסט דער איינציקער מענטש פאַר וועמען ער האָט זיך נישט געהיט. דו וועסט אונדז אַזוי אויספעלן, אַזוי אויספעלן...

— קאַטיאַ, טייערע! איך וועל דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דו און דיין מאַן, איר זענט צו מיר געווען ווי אייגענע, ווי אַ שוועסטער און אַ ברודער!

עס איז אָנגעקומען דער צוג. ער איז דאָ לאַנג נישט געשטאַנען און מען האָט זיך געמוזט וואָס שנעלער געזעגענען. מען האָט זיך צעקושט. קאַטיאַ האָט אים אַ פּעקל מיט דריי הונדערט רובל געגעבן.

— נעם דאָס, מיכאַיל, איך בעט דיך. דאָס איז פון מיר און דעם פּאָל־קאָווניק. עס וועט דיר צונוץ־קומען. דו ביסט אונדז נישט קיין פרעמדער!...

ער האָט זי ווידער אַ קוש געטאָן.

— דאָסווידאַניע, קאַטיאַ!

ער איז אַריין אין וואַגאָן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ פייף־געטאָן און זיך באַלד פון אָרט גערירט. קאַטיאַ איז געבליבן איינע אַליין אויף דער סטאַנציע. זי האָט געפאָכעט צום אָפּלויפנדיקן צוג מיט אַ ווייס טיכל. פון אירע אויגן, איבער איר שיינעם געזיכט, זענען הייסע טרערן געפלאָסן.

.16

דער מיטל־מזרח, אויף דער רוסיש־סאָוועטישער טעריטאָריע, איז באַ־שטאַנען פון אַמאָליקע פרייע און זעלבסטשטענדיקע אָריענטאַלישע רעגי־

רונגען, וועלכע האָבן געהערשט איבער הונדערטער קלייניקע און צע־ברעקלטע מוסולמאַנישע פעלקערשאַפטן: אוזבעקן, סאַרטן, קירגיזן, טאַד־זשיקן, בוכאַרער און אַנדערע. זייערע הויפּט־ און קרוין־שטעט זענען געווען טאַשקענט, בוכאַראַ און סאַמאַרקאַנד. און ווייטער אין די הויכע בערג, צווישן די גרענעצן פון אינדיע און אַפגאַניסטאַן האָט זיך געפונען דאָס לאַנד פּאַמיר, וואָס מענטשן האָבן גערופן: „דער דאַך פון דער וועלט”, ווייל דאָס לאַנד האָט זיך צעלייגט אויף די העכסטע בערג פון דער הימאַלייער קייט. די־אָ טייל פון מיטל־ און צענטראַל־אַזיע, האָט מען אויך גערופן מיט אַ פּאַראַלגעמיינערטן נאָמען: טורקעסטאַן. די רוסישע צאַרן האָבן פאַרכאַפּט טורקעסטאַן און פאַרקנעכט די פעלקערשאַפטן.

לענין האָט פאַרגעזעצט די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק פון די רו־סישע צאַרן.

מיכל איז אַראָפּגעקומען קיין סאַמאַרקאַנד. די הויפּטשטאָט פון דער אוז־בעקישער סאָוועטן־רעפּובליק איז געווען אין סאַמע גלי פון איר ווייסקייט און ברענענדיקער ליכטיקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער אָריענטאַלישער שטאָט, וואָס שמעקט מיט מדבר. איבער די גאַסן זענען אומגעלאָפן ווייסע ציגן, עס איז אַדורך אַ קאַראַוואַן מיט אויסגעמאַטערטע קעמלען, אַ באַבאַרדעטער אוזבעק אין אַ קאָלירטן כאַלאַט און מיט אַ ווײַסער טשאַלמע אויפן קאָפּ איז געריטן אויף אַ גרויען אייזל און נאָך אים איז צופוס נאָכגעגאַנגען זיין ווייב, וועלכע איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווײַכער טאָגע און דאָס פּנים אירס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ ווייס־דורכ־זיכטיקן שטיק לייוונט.

עס איז געווען פאַרטאָג. דער צוג האָט מיכלען ערשט־אָ געבראַכט אין דער־אָ אוזבעקישער שטאָט און איז באַלד אַוועק ווייטער, אַ ברוינער, אַ בייזער, מיט אַ פייף און אַ זשום, צו שניידן די אָנגעגליטע אייזערנע רעלסן איבער די לאַנגע טויזנטער און טויזנטער מיילן פון דער סאָוועטישער אַזיע.

מיכל האָט נישט געוווּסט וווהין צו גיין. ער האָט דערזען מענטשן, מענער, ווייבער און קינדער, וואָס טראָגן אין זייערע הענט גאַנצע פּעק מיט אויסגעהעפטע פירקאַנטיקע און פילקאָליריקע היטעלעך, „טיובעטקעס”, טעפּ מיט ווײַנטרויבן, ראָזשינקעס און אַזעלכע טייטלען, „אוריוק”, און אויך פּעקלעך מיט אַלטע קליידער, אַלטע שיך, און עמערס אָנגעפילטע מיט פערד־מילך, „קומיס”. די אָ אַלע מענטשן האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון זייערע קליינע, הויקערדיקע, צעקרימטע ווייסע הייזקעס, די „קיביטקעס”, און

האָבן פאַרפולט די שמאָלע געסלעך, מיט די הויבע, ווייסע, טויטע ווענט. די איינגעבוירענע מענטשן, די אוזבעקן, זענען געגאַנגען האַנדלען אין מאַרק.

דאָס איז געווען די אַלטע שטאָט פון סאַמאַרקאַנד, אַ טיפּיש אַראַבישע שטאָט.

די נייע שטאָט איז געווען מאָדערנע געבויט. דאָ זענען געווען פיר און פינף שטאָקיקע הייזער, ברייטע גאַסן און עס זענען אומגעלאָפן טראַמ־ווייען און אויטאָמאָבילן. אין דעם טייל פון סאַמאַרקאַנד האָבן געוווינט רוסן און אייניקע מיוחסדיקע קאָמיסאַרן פון אוזבעקישן אָפּשטאַם. אויף די נייע גאַסן זענען געווען אַלע סאָוועטישע, פּאַרטייִשע און רעגירונגס־אַנשטאַלטן, די מיליץ, די ג.פּ.או. און די שטאַטישע טורמע.

מיכל האָט אָפּגעשטעלט אַ יונגן אוזבעק, וועלכער איז געווען אויף דעם נייעם סאָוועטישן שטייגער האַלב־מיליטעריש געקליידעט. ער האָט גע־טראָגן אַ כאַקי־רעקל מיט אַ רימען פאַרצויגן און אַ פּאָר בלויע הויזן אַריינ־געלאָזט אין אַ פּאָר שוואַרצע גלאַנציקע שטיוול, און אויפן קאָפּ נאָר, האָט ער, אַנשטאָט אַ קעפּקע, געטראָגן אַ „טיובעטקע", דאָס קאָלירטע היטעלע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ סימבאָל אַלס אַנגעהעריקייט צו דער אַראַביש־איסלאַמישער קולטור פון טורקעסטאַן. דער יונגער אוזבעק האָט געהאַט אַ סימפּאַטישן און אינטעליגענטן אויסזען פון אַן אַזיאַט מיט אַן אוניווערסי־טאַרישער אויסשולונג.

— ביטע, טאָוואַרישטש, ווו געפינט זיך די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון די קינדער־היימען? אויף וועלכער גאַס?

— מיינע דיינע נישט פאַרשטייִ! — האָט דער אוזבעק אַ זאָג־געטאָן אין אַ צעבראָכענעם רוסיש און איז אַוועק.

מיכל איז איבערראַשט געווען פון דעם ענטפער. ער איז זיכער געווען, אַז דער אַ יונגער אוזבעק פאַרשטייט און רעדט אַ גוטן רוסיש. צי אפשר איז דאָס טאַקע אַן אמת, וואָס מענטשן אין צוג האָבן אים אָנדערציילט וועגן די אַזיאַטן, די אוזבעקן, קירגיזן און אַנדערע טורקעסטאַנער, אַז זיי זענען שאָוויניסטישע נאַציאָנאַליסטן וועלכע מען וועט מוזן מיט אַ שטאַרקער האַנט באַקעמפן?!...

ער האָט אָפּגעשטעלט אַ צווייטן אוזבעק און דווקא אַ געקליידעטן אין אַ ווייסן טורבאַן ווי אַן אַלטמאָדישער אַראַבער, און דער האָט אים אויף אַ שיינעם און קאָרעקטן רוסיש געענטפערט:

— גיי, טאָוואַרישטש, אַרויף אויף דעם־אָ בערגל און פאַרקערעווע זיך רעכטס, דאָרט הייבט זיך אָן די נייע שטאָט. פרעג זיך אויף קאַרל מאַרקס גאַס. דאָרט איז די פאַרוואַלטונג פון אַלע קינדער־הייזער וואָס געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון דעם סאָוועטישן מיטל־מזרח.

מיכל האָט אים אָפּגעדאַנקט און זיך געלאָזט גיין צו דער ריכטונג פון דער נייער שטאָט, וווּ ער האָט באַלד אויסגעפונען די קאַרל מאַרקס גאַס און דעם אַנשטאַלט וועלכן ער האָט געדאַרפט.

עס איז נאָך געווען פרי. ביי אַ „טשאַי־כאַנא״, אַזאַ מין רעסטאָראַן און טיי־הויז, זענען געשטאַנען אַרום פּופציק מענטשן אין אַ רייע און געוואַרט ביז די „טשאַי־כאַנא״ וועט זיך עפענען און מען וועט קענען אָפּעסן, פאַר אַ ביליקן רעגירונגס־פּרייז, אַ פרישטיק וואָס וועט באַשטיין פון אַ שטיקל ברויט מיט פאַווידלע, אַ טעפּעלע פאַרזיסטע טיי און עטלעכע פאַרטריקנטע „אוריוקן״. מיכל האָט זיך אויך געשטעלט אין דער ריי. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ קריגעריי. איינער, אַן אוזבעק, ציוויל געקליידעט, מיט אַ שוואַרצן, אָפּגעברענטן, טיפּיש אַראַבישן פּנים, האָט געשריגן צו אַ רוס, אַ בלאָנד־האָריקן און אויף טויט־איבערגעשראָקענעם געזונטן יונגאַטש: „וואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי?״...

דער רוס האָט זיך ביי אים געבעטן: „וואָס ווילסטו פון מיר? איך קוק אויף דיר אַזוי ווי איך קוק אויף יעדן מענטשן!״.

אָבער דער אוזבעק האָט אַלץ געשריגן: „ניין, דו קוקסט אויף מיר נישט אַזוי!״...

מיכל האָט זיך אַריינגעמישט און געפרעגט:

— וואָס קומט דאָ פאָר, פאַר וואָס קריגט איר זיך?

דער אוזבעק האָט געענטפערט: „ער קוקט אויף מיר קרום!״...

מענטשן אַרום אין דער ריי האָבן אויסגעזעצט אין אַ געלעכטער און איינער, אַ רוס, מיט אַ באָרד ווי אַ לאָפּעטע, האָט אָנגעהויבן שרייען: „דו אוזבעקישע צורה, פאַרוואָס מיינסטו קוקט מען אויף דיר, ווייל דו ביסט אַזאַ שיינער? ניין! מען קוקט אויף דיר, ווייל טאָמער וועט מען דיך דער־קענען ווי אַ מוסולמאַנישן שפּיאָן, וואָס די פּערסן און טערקן וואַרפן צו אונדז אַריבער!״.

די טיר האָט זיך אין דער צייט געעפנט און די גאַנצע ריי האָט זיך אַ שפּאַר־געטאָן און איז אַריין אין דער „טשאַי־כאַנא״. איינער דעם אַנדערן האָט איבערגעיאָגט און זיך באַמיט צו פאַרכאַפּן אַ טישל. דער אוזבעק האָט

געפונען אַ טישל ערגעץ פֿאַררוקט אין אַ ווינקל. מיכל האָט זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך געווענדט צום אוזבעק מיט די רייד:

— איך בין דאָ, אין דער סאָוועטישער אַזיע, דאָס ערשטע מאָל. איך בין נישט קיין רוס. איך בין אַ ייִד. מײַן אויסזען איז נאָר ווי אַ רוס, ווײַל...

— ער האָט זיך פֿאַרהאַקט, ווײַל ער האָט דאָך אַליין אויך נישט געוווּסט פֿאַרוואָס ער זעט אויס ווי אַן עכטער רוס, כאָטש ער איז אַ ייִד. דערפֿאַר האָט ער די דערקלערונג נישט געגעבן, נאָר דערציילט די אורזאַך פֿאַרוואָס ער איז אַהער געקומען: דרײַ קינדער, זײַנע צוויי ברידער און זײַן שוועסטערל געפֿינען זיך ערגעץ דאָ אין אַ קינדער־היים. ער האָט פֿאַרגעזעצט:

— איך וויל זיך מיט זיי זען. דערנאָך וועל איך צוריק פֿאָרן. איך וועל זײַן אין מאָסקווע און אין מײַן געבורטשטאָט אָדעס. קען זײַן, אַז אין אָדעס וועל איך שוין פֿאַרבלײַבן. ווער ווייסט צי איך וועל נאָך אַמאָל האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו זען מיט די קינדער!

דער אוזבעק האָט פֿון אָנהייב אָן געקוקט אויף מיכלען ווי אויף אַ רוס, אַן אַגענט פֿון דער ג.פּ.או., וואָס איז אונטערגעשיקט געוואָרן צו נישטערן אין די „טשאַי־כאַנאַ"ס, כּדי אויפֿצודעקן די מוסולמענישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. ער האָט זיך אָבער איבערצײַגט, אַז מיכל איז ווירקלעך אַ פֿרעמדער מענטש, דאָ אין שטאָט, און ער האָט זיך אים אָנפֿאַרטרויט:

— די רוסן קוקן אויף אונדז אוזבעקן, טורקמענער און קירגיזן, ווי אויף אַ נידעריקער און אומווירדיקער ראַסע. זיי האָבן אונדז פֿאַרווערט זיך צו באַנוצן מיט אונדזער טראַדיציאָנעלן אַראַבישן שריפֿט און אונדז געצוווּנגען אָנצווווענדן דעם רוסישן שריפֿט, וועלכער איז גאָר נישט פּאַסיק פֿאַר אונדזער אַראַביש־טערקישן דיאַלעקט. די רוסן האָבן פֿאַרמאַכט אונדזערע מעטשעטן און אונדזער הייליקן קאָראַן מיט די פּיס צעטראָטן. נישט יעדער פֿרומער מאַכמעדאַנער וויל דאָס לײַדן. אַ סך זענען אַוועק אין די בערג פֿון פּאַמיר און אַריבער די גרענעץ פֿון אינדיע און אַפֿגאַניסטאַן. ווען די רוסן האָבן געפּאַקט האָבן זיי אַרעסטירט און צעשאָסן. די סאָוועטן־מאַכט וויל אונדז מיט גוואַלד רוסיפֿיצירן. אין אונדזער אוזבעקישער רעפּובליק איז די אָנפֿירונג אין די הענט פֿון רוסן. מען נאַרט אַ וועלט מיט אַ ליגנערלאָזונג, אַז די פֿעלקער אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זענען פֿרײַ און אומאָפּהענגיק!...

פֿון דעם אוזבעק האָט אַרויסגערעדט דער צאָרן און די אומצופֿרידנקייט פֿון די מאַכמעדאַנישע פֿעלקער קעגן דער גרויס־רוסישער הערשאַפֿט אין

די אַזיאַטישע רעפּובליקן, וועלכע זענען געצוווּנגען געוואָרן צו זיין אַ באַ־שטאַנדטייל פון רוסלאַנד.

מיכל האָט זיך געוווּנדערט וואָס דער אוזבעק האָט זיך אים אָנפאַר־טרויעט און פאַר אים זיין פאַרביטערטקייט קעגן דער מאַכט אָפן אַרויס־געוויזן.

— טאָוואַרישטש, — האָט מיכל געזאָגט, — זיי אַביסל מער פאַר־זיכטיק מיט דיינע רייד! סיידן דאָס לעבן איז דיר נמאס געוואָרן?... — און פילנדיק אינסטינקטיוו, אַז די אוזבעקישע שפּראַך האָט עפּעס אַ מין גע־וויסע קרובהשאַפט מיט העברעיִש, האָט ער באַלד ווי ער האָט נאָר דעם פּרישטיק אָפּגעגעסן זיך אויפגעהויבן און אַ זאָג געטאָן: — שלום!...

דער אוזבעק האָט אַ צופרידענער אים נאָכגעשריגן: — סאלאם עלע־קעם!...

אין דער פאַרוואַלטונג פון די קינדער־הייזער האָט מיכל זייער גיך אויסגעפונען אין אַ וועלכן קינדער־היים זיינע ברידערלעך און שוועס־טערל געפינען זיך, און ווי אַזוי ער קען צו זיי פאָרן.

פיר שעה נאָכאַנאַנד האָט זיך מיכל געשלעפּט איבער אַ זאַמדיקער וויסטעניש, אין אַ צוג וואָס האָט צוויי מאָל אַ טאָג, פון סאַמאַרקאַנד קיין בוכאַראַ און צוריק, אַ מאַרשרוט געהאַט. די היץ איז געווען אומדערטרעג־לעך. די ווייסע מדבר־זאַמד איז געווען אַזוי אָנגעגליט, אַז ערטערווייז האָט די זאַמד געשיינט ווי אַ שפּיגל, ערטערווייז האָט זיך געדוכט, אַז עס איז נישט קיין זאַמד נאָר וואַסער, און אַמאָל האָט זיך אַ גאַנצע ווייסע שטאָט אין דעם זאַמד באַוויזן, אַ שטאָט מיט פלאַכע דעכער און הויכע מינאַרעטן מיט בלויע קופּאָלן. די שטאָט האָט זיך געהוידעט און געפלויגן אין דער לופטן. מיט אַמאָל איז די ווייסע שטאָט פאַרשוווּנדן און עס האָבן זיך ווידער געצויגן אומענדלעכע שטרעקעס פון אַ ווייס־זאַמדיקן אָנגעגליטן מדבר. אין מיטן טאָג איז דער צוג צו עפּעס אַ קליין ווייס שטיבל צוגעפאָרן און געבליבן שטיין. די רויטע שילד מיט די ווייסע בוכשטאַבן אין רוסיש האָבן דערקלערט, אַז דאָס איז די אייזנבאַן־סטאַנציע פון דעם „קינדער־שטעטל".

פון ווייטן האָבן זיך געזען עטלעכע רייען מיט צוויי־שטאָקיקע ווייסע הייזער און פיל קינדער אויף די גאַסן אַרום די הייזער. אייניקע קינדער האָבן מאַרשירט ווי סאָלדאַטן, אייניקע האָבן זיך געשפּילט און אייניקע האָבן געאַרבעט אין די גערטנער וואָס אונטער די הייזער.

מיכל האָט אויסגעפונען דאָס באַטרעפנדיקע הויז. אַ דערציִערן, אַ

בלאָנד מיידל מיט אַ קיילעכדיק פּנים, וואָס איז געווען ברוין און אָפּגע־ברענט פון דער אַזיאַטישער גליִענדיקער זון, האָט אַרויסגעשריגן דורכן צעעפנטן פענצטער צו דער גאַס אַרויס.

— עהההעהאי!... קינדער!... זאָל זיין שטיל אַ מינוט!... צו די קרוגערס איז אַ גאַסט געקומען, אַ ברודער!... עההעהאי!.. קרוגערס!... קומט שוין אַריין אין דער קאַנצעלאַריע!...

עס זענען אַריינגעקומען דריי קינדער, צוויי יינגלעך און אַ מיידעלע. זיי זענען געווען לאַנגע, אויסגעדאַרטע און ברוינע, פון זון־צעברענטע. מיכל האָט זיי פון אָנהייב נישט דערקענט. זיי זענען פאַר אים געשטאַנען ווי פרעמדע, דערוויטערטע און אַפּאַטישע.

— ווי פילט איר זיך דאָ, קינדער?

— זייער גוט! — האָבן אַלע דריי אין אַ כאָר, ווי איינגעחזרט, אָפּ־געענטפערט.

— איר דערקענט מיך? איך בין דאָך אייער ברודער, מיכל!

די קינדער האָבן געשוויגן. עס האָט זיך נאָר אַ קוים באַמערקבאַרער, נאַרישער שמייכל אויף זייערע פּנימער באַוויזן. מיכל האָט ווייטער גע־פרעגט:

— איר האָט געבנוג וואָס צו עסן?

— יאָ, גענוג! — האָבן אַלע דריי אויסגעזונגען.

— איר בענקט נישט?

די קינדער האָבן געשוויגן און אים באַטראַכט מיט פרעמדע אומגע־דולדיקע בליקן. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. בענקען? נאָך וואָס און נאָך וועמען? זיי האָבן דאָ געהאַט אַלץ צוביסלעך וואָס אַ קינד דאַרף האָבן. די הויפּטזאַך: זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען פּיאָנערן און אַ פּיאָנער הייסט אַ קינד אַ קאָמוניסט. ווען זיי וועלן אונטערוואַקסן וועלן זיי ווערן קאָמסאָמאָלצעס, יונגע קאָמוניסטן. נאָך שפּעטער וועלן זיי ווערן פּאַרטייער, אמתע קאָמוניסטן!... אָבער דער עלטערער האָט זיך פאָרט גע־כאַפּט וואָס מיכל פרעגט. ער האָט געענטפערט פאַר אַלעמען:

— ניין, מיר בענקען דאָ נישט! עס איז אונדז דאָ גוט! מיר לערנען, מיר אַרבעטן און מיר וואַקסן געטרייע קינדער פון דעם קאָמוניסטישן פאָ־טערלאַנד!

אַ טרויעריקער אומעט איז מיכלען באַפאַלן פון די אויסגעדראַשענע קינדערשע ענטפערס. אַן אומהיימלעכע פרעמדקייט האָט זיך דערפילט

צווישן אים און די קינדער. זיי זענען געווען פון דער רעגירונג באַזאָרגט און פאַרזיכערט. זיי זענען געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער פּאַרטיי. זיי האָבן פאַרלוירן דאָס געפיל פון קרובהשאַפט, ליבע און נשמהדיקייט. ענגהאַר־ציק און פלאַך זענען די קינדער איצט אין זיינע אויגן געווען. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין דרויסן אַרויס און דערזען אַנדערע קינ־דער, אָנגעטאָן אין כאַקי־קאָסטיומלעך. די יינגלעך ווי די מיידלעך האָבן אויסגעזען ווי קליינע סאָלדאַטן, ווי פיגורן אויסגעגאָסן פון בליי אָדער אויסגעשניצטע פון האָלץ. זייערע פּנימער זענען אַזוינע שאַרסטקע, ברוינע און איין פּנים איז ענלעך אויפן צווייטן. עס זענען גאָר אַפילו נישט קיין פּנימער, נאָר ברעטלעך, נישט־געהובלעוועטע ברעטלעך... ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע צוויי ברידערלעך און שוועסטערל. זיי האָבן אויך פאַר־לוירן זייערע אייגענע פּנימער, זיי האָבן איצט אויך געהאַט ברעטלעך, שלעכט־געהובלעוועטע און נישט־געהובלעוועטע ברעטלעך, אָנשטאָט פּנימער.

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין לעדערנער פּאָרטמאָנע דריי גרינע פּאַ־פּירלעך, יעדער פּאַפּירל האָט געהאַט די ווערט פון צען רובל און האָט זיך גערופן „טשערוואָנעץ״. ער האָט די צען־רובלדיקע טשערוואָנצעס געגעבן די קינדער אַ מתנה, זאָלן זיי האָבן ביי זיך אַביסל געלט... אָבער די קינ־דער האָבן באַלד דאָס געלט דער דערציִערין אָפּגעגעבן און דערקלערט:

— מיר לעבן דאָ אין אַ קאָמונע, אַלץ וואָס מען פאַרמאָגט דאַרף גיין אין דער קאָמונע. מיר זענען קעגן פּריוואַטן אייגנטום!

— מיר זענען נישט קיין קאַפּיטאַליסטן און מיר דאַרפן נישט קיין געלט!

— מיר זענען פּראָלעטאַרישע קינדער!...

מיכל האָט גוטמוטיק אונטערגעשמייכלט. ער האָט זיך אויף שנעל געזעגנט מיט די קינדער און איז אַוועק צו דער אייזנבאַן־סטאַנציע כדי צו כאַפּן דעם צוג וואָס וועט דאַרפן באַלד אָנקומען, אויפן וועג צוריק קיין סאַמאַרקאַנד. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז ער וועט שוין מער קיינמאָל די קינדער נישט זען. אָבער עס האָט אים גאָרנישט באַנג געטאָן...

.17

אין מאָסקווע איז געווען פרילינג. דאָס רוסישע טומלדיקע לעבן פון דער הויפּטשטאָט האָט זיך אויסגעטיילט מיט אַ באַזונדערן סטיל און ריטם.

גייענדיק איבער די גאַסן און פאַרנדיק אין די טראַמוויייען האָט מען גע־פילט, אַז מען איז נישט גלאַט אין אַ רוסישער שטאָט, נאָר אין מאָסקווע, אין דער הויפּטשטאָט, ביים קרעמל... דער מאָסקווע טייך, מיט די ברייטע שטיינערדיקע בריקן איבער אים און מיט די געמויערטע ווענט, וואָס צוי־מען די וואַסערן ביי די ברעגעס, האָט אויף זיך געטראָגן שיפעלעך מיט מענטשן, וואָס זענען געפאָרן אַרויף און אַראָפּ. נישט ווייט פון טייך, אין אַ גאָרטן האָבן ווייסע אַקאַציע־ביימער געבליט. אויף בענק זענען געזעסן אַלטע לייט, מענער און פרויען, און האָבן געוואָרעמט זייערע גלידער אַקעגן דער זון. דער קרעמל מיט זיינע קויטיק־ווייסע מויערן און קלויסטערס און מיט די דיקע הויכע ווענט איז ווי אַ מאָנסטער געשטאַנער צווישן דעם מאָסקווער טייך און דעם גרויסאַרטיקן און פוסטן רויטן פּלאַץ און האָט אַ געמיש פון רעספּעקט און שרעק אויף די מענטשן אַנגעוואָרפן.

באַריס גאַרבער האָט צוליב דעם גאַסט דאָס מאָל נישט געהאַלטן די גאַנצע צייט זיין קאָפּ אין דער „פּראַוודאַ" אַריינגעשטעקט. ער האָט די צײ־טונג אָוועקגעלייגט אין אַ זייט און זיך אָפּגעגעבן מיט מיכלען. זיין רוסיש האָט שוין איצט געהאַט עטוואָס געגאַשט פון דער מאָסקווער אויסשפּראַך.

— טאַק, טאַ, מיכאַיל!... מיר זען זיך ווידער!... טאַק, וואָס־זשע איז דיין פּלאַן איצט? וואָס רעכנסטו טאָן?...

פּאָליאַ איז געזעסן צווישן מיכלען און באַריסן. מען האָט געהאַט ערשט אָפּגעגעסן אַ גוטן מיטאָג און מען האָט גענומען צוביסלעך פון דעם רוסישן ביטערן טראָפּן, וואָס מען רופט „וואָדקאַ". פּאָליאַ האָט פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ זייטיקן קוק אויף מיכלען. ער איז איר איצט נאָך מער געפעלן ווי דאַן, דאָס ערשטע מאָל, ווען זי האָט זיך מיט אים אין דער קופּע פון דעם פּריווילעגירטן וואַגאָן געטראָפן. ער איז איר מער געפעלן פון איר מאַן, כאָטש באַריס איז אַ גאַנצער קנאַקער, אַ וואַזשנער פּאַרשוין, אַ קאָמיסאַר פון קרעמל... „איז וואָס־זשע איז געשען מיט דעם־אָ מיכאַיל, — האָט זי געטראַכט, — ער איז נאָך אַלץ ביים אַנהייב, אָן אַ קאַריערע און אָן אַ צוקונפט"...

— מיכל, בלייב אין מאָסקווע! דאָ איז בעסער, עס איז פאָרט די הויפּט־שטאָט, מען האָט דאָ גרעסערע שאַנסן זיך אַרויפצואַרבעטן. באַריס וועט דיר העלפן!

— איך פאַרשטיי דיך נישט, מיכאַיל, — האָט באַריס צוגעשטימט צו זיין ווייבס רייד, — פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל דיר העלפן ווי ווייט עס

איז אין מיינע מעגלעכקייטן, אַז דו זאָלסט זיך אַרויפּאַרבעטן; דו מיט דיין געלערנטקייט, מיט דיינע פעיִקייטן, דו קענסט צו אַלץ דערגרייכן. אָבער דאָך, צוליב וואָס האָסטו פאַרלאָזט די אַקאַדעמיע?... אַ מענטש גייט אויף אַ גוטן וועג, האָט אַ פאַרזיכערטע צוקונפט, נעמט ער און רעזיגנירט. — ער האָט זיך צעשריגן, — מיכאַיִל, צייטן בייטן זיך! קוק אויפן לעבן מיט אַנדערע אויגן!...

מיכל האָט זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן:

— וואָס־זשע האָב איך געזאָלט טאָן, באָריס, שרייבן אין די אַנקעטעס און אין די אַלע ניי־איינגעפירטע פראַגע־בויגנס, אַז איך בין שוין געהאַט געווען אין דער טויטן־קאַמער פון דער אָדעסער „טשע־קאַ“ און אַז איך האָב קרובים אין אַמעריקע?... צי אפשר האָב איך דאָס אַלץ באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן און שוין אומגיין דאָס גאַנצע לעבן מיט אַ מורא אין דער נשמה?... אַ ליגן באָריס, איז ווי אַ האַרב, אַ הויקער קען זיין האַרב נישט אויסבאַהאַלטן און אַן ערלעכער מענטש קען קיין ליגן נישט זאָגן!

באָריס און פאַליאַ האָבן אויסגעזעצט אין אַ געלעכטער.

— האָסט זיך דערריידט צו אַן אַבסורד! — האָט פאַליאַ געזאָגט, און דאָך איז איר געפעלן זיין פאַרגלייך פון אַ ליגן מיט אַ הויקער.

— ליגנס, הויקערס! פּאָעטיש־פילאָסאָפישע נאַרישקייטן! — האָט באָריס אויסגעשריגן, ווער בעט דיך זיין ערלעך און זאָגן דעם אמת? עס איז פאַלש, מיכאַיִל! נישט דער ליגנער איז אומגערעכט און נישט דער אמת־זאָגער איז גערעכט! עס איז געווענדט ווי אַזוי מען קוקט אויף די פאַקטן. דיין חסרון, מיכאַיִל, איז דאָס וואָס דו רעדסט צופיל. ווער האָט דיר געבעטן אויסצודערציילן דאָס גאַנצע לעבן דיינס, דיין גאַנצע ביאָגראַפיע פאַר דעם פּאָלקאָווניק און זיין פרוי? אַהאַ, טאַק, דו האָסט געוואָלט מיטגעפיל, רחמנות!... דו, נאַר וואָס דו ביסט! און אין אַלגעמיין, וואָס פאַר אַ חברן זיך מיט דעם ווייב פון דיין קאָמאַנדיר?... מען זוכט אַ גלייכן. וואָס איז, אין סאָראַפּול זענען דען קיין מוידן נישט געווען?... — ער איז אַביסל ווייכער געוואָרן. ער האָט אַפילו גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט: — טאַקע, וואָס־זשע איז דיין פּלאַן איצט?

— מיין פּלאַן איז איצט צו גיין אַרבעטן אין אַ פאַבריק ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער. איך האָב באַשטימט אָנצוהייבן פון דעם ערשטן טרעפּל און ערשט דערנאָך קלעטערן העכער און העכער, אויב דער לייטער וועט מיר נאָר אויסהאַלטן...

— נישט שלעכט! אָבער וואָס וועט זײַן מיט דײַן שרײַבן? דו האָסט טאַלאַנט! ווײסטו גאָר וואָס, מיכאַיִל, איך וועל דיר העלפֿן אַנצוקומען אין דעם אינסטיטוט פֿון זשורנאַליסטיק, צי אַפֿילו אין דעם אינסטיטוט פֿון ליטעראַטור, געשיכטע און פֿילאָסאָפֿיע?

— אָ, ניין, באָריס, אַ דאַנק! איך בין נאָך נישט גרייט פֿאַר דעם איצט. איך וויל טאָן אַזוי ווי איך האָב באַשטימט. איך וויל זיך פֿילן שטאַרקער אין זאַטל, אַזוי ווי דו און אַזוי ווי בען־אַלי!

— פֿילײַכט האָסטו רעכט, מיכאַיִל! אָבער זאָג מיר, פֿאַרוואָס ביסטו נאָך אַלץ אַ קאָמסאָמאָלעץ, פֿאַרוואָס גיסטו נישט אײַן קיין מעלדונג צו ווערן אַ פֿולער מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי? מוזט דאָס שוין טאָן, עס קען נאָך ווערן צו שפּעט! מען וועט פֿאַרמאַכן די טירן פֿון דער פּאַרטיי! געדענק, באַזאָרג זיך מיט אַ פּאַרטיי־בילעט באַצײַטנס! איך זאָג עס דיר ווי אַ פֿרײַנד. אַן אומפּאַרטיייִשער מענטש האָט קיין שום ווערט נישט!...

— און די פֿראַגן וועגן מײַן פֿאַרגאַנגענהייט? ווי אַזוי זאָל איך אויס־פֿילן די אַנקעטעס?

— איגנאָריר די פֿראַגן, ענטפֿער נישט. קיינער ווייסט נישט וועגן דײַן פֿאַרגאַנגענהייט! גלייב מיר, איך ווייס וואָס איך רעד! מאַך זיך נישט וויסנ־דיק און ענטפֿער נאָר פּאָזיטיוו אויף יעדער פֿראַגע. יאָלדן שרעקן זיך אי־בער און באַרעדן זיך אַליין! די־אָ יאָלדן דערנאָך שרייען, אַז מען האָט זיי געמסרט. עס וועט דיר אויסקומען פֿיל אַזעלכע אַנקעטעס אין דײַן לעבן אויסצופֿילן. שפּיי זיך אויס און מאַך אַ שוויג! און יעדנפֿאַלס, דו ביסט דאָך ריין ווי גאָלד. מען האָט דיך באַפֿרייט און דיר אַפֿילו דײַן קאָמסאָמאָלסקע בילעט צוריק געגעבן. דערצו נאָך האָסטו איצט דאָקומענטן, אַז דו האָסט אָפּגעדינט דײַן טערמין אין דער רויטער אַרמיי. איז וואָס נאָך דאַרפֿסטו? ביסט אַ מענטש! גיי פֿאָרויס. טיר און טויער זענען פֿאַר דיר אָפֿן!...

— אַ דאַנק דיר, באָריס! דו האָסט באמת מײַן מוט דערהויבן. אָבער מיט דער פּאַרטיי וויל איך נאָך אַביסל צוואַרטן. מען זאָגט, אַז מען דאַרף צוויי רעקאָמענדאַציעס...

— איז וואָס? איין רעקאָמענדאַציע וועל איך דיר געבן און אַ צווייטע וועט פֿאַליאַ דיר געבן. אמת, פֿאַליאַ, דו וועסט אים געבן אַ רעקאָמענדאַציע?

— ווייסט דאָך, אַז איך וועל אים געבן אַ רעקאָמענדאַציע, אַפֿילו שוין!

— אַ דאַנק דיר פֿאַליאַ! אָבער עס איז נישט קיין אײַלעניש. איך בין נאָך יונג און איך קען נאָך אַ פּאָר יאָר באַלאַנגען צום קאָמסאָמאָל. אַ יונגער

קאָמוניסט האָט נאָך דערווייל אויך עפּעס אַ וואָרט. איצט וויל איך פאָרן קיין אָדעס...

— אָדעס? — האָט באָריס אויסגעשריגן, — נאָך וואָס פאָרן קיין אָדעס? וועמען האָסטו דאָרט? נאָך וואָס בענקסטו?

— מאָסקווע איז נאָך דערווייל צו גרויס פאַר מיר. אָדעס איז מיין געבורט־שטאָט און איך בענק נאָך אָדעס...

— ביסט אינגאַנצן צעדרייט! — האָט באָריס אַ זאָג געטאָן און געכאַפּט די „פּראַוודאַ" און אין איר אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. מיכל און פאָליאַ האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט. באַלד אָבער האָט באָריס אַ שליידער־געטאָן די צייטונג אין אַ זייט און זיך צעשריגן, — דער רוח ווייסט מיר פאַרוואָס איך צאַצקע זיך מיט אַזאַ־אָ שלימזל ווי דו! נו, פאַרפאַלן, איך קען גאָר נישט טאָן. דו ביסט פאָרט מיין חבר פון די קינדער־יאָרן, פאָרט צוזאַמען געלעבט אין נויט און אין קעלט און מיר זענען שיר נישט פאַר־ניכטעט געוואָרן פון דעם בייזן לעבן. און איצט וויל איך דיר עפּעס זאָגן... איך וויל, אַז דו זאָלסט מיינע ווערטער באַנעמען, מיך פאַרשטיין און דו זאָלסט מאַכן אַ שוויַיג, זאָלסט דאָס קיין מאָל אויף דיינע ליפּן פאַר קיינעם נישט אַרויסברענגען.

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך באַרויִקט. מיכל האָט אים אָנ־געקוקט. עפּעס אַ מין אויסטערלישע מאָדנעקייט איז אין באָריסעס פּער־זענלעכקייט געווען. דער אָ שטאַרקער באָריס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן סימנים פון אַ נערוועזער קרענקלעכקייט. באָריס האָט מיט אימפּעט פאַר־געזעצט זיינע רייד:

— טו מיר אַ טובה, מיכאַיִל, דו זאָלסט קיינמאָל צו מיר קיין שום בריוו נישט שרייבן. איך אַליין באַמי זיך וואָס ווייניקער בריוו און צעטעלעך צו שרייבן. אַפילו צו מיינע עלטערן שרייב איך כמעט נישט, און אַז איך שרייב עפּעס לייען איך עס צען מאָל איבער ביז איך לאָז דאָס אָנגעשריבענע פון מיינע הענט אַרויס. דאָס גאַנצע לאַנד איז איצט פאַרעיפּושט מיט שפּיאָ־נען און מוסרים. מענטשן מיט זייערע פּוסטע רייד און מיט זייערע נאַרישע שרייבעכצן מסרן זיך אַליין... איין טועה אין דעם צענטראַלן קאָמיטעט האָט מורא פאַר אַ צווייטן. מען זאָגט, אַז סטאַלין שפּיאָנירט נאָך טראָצקין און טראָצקי שפּיאָנירט נאָך סטאַלינען. דאָס זעלבע טוען בוכאַרין, ריקאָוו, קאַ־מעניעוו און זינאָוויעוו. צוליב וואָס?... דער רוח ווייסט זיי!.... מיר דאַרפן זיך דאָ נישט אַריינפּלאָנטערן. מיר דאַרפן זיין אויף דער וואַך און שטענדיק

פילן ווהין דער ווינט בלאָזט. ווען דער וועטער וועט זיך אײַנשטילן, דאַן וועלן מיר וויסן וואָס צו טאָן. האָסט מיך פאַרשטאַנען מיכאַל? טאַק, טאָ מאַך אַ שווײַג! איך זאָג עס דיר, ווײַל דו ביסט מײַן אײנציקער חבר און איך קען מיט דיר רעדן פרײַ און אָפן. דו ווײסט, מיכאַל, איך זיץ אָפּ טעג און נעכט אין קרעמל און איך שווײַג. איך מוז זען, הערן און שווײַגן. אַזאַ פּאָסטן האָב איך... פאַרשטײסט?... נו, מיט דיר קען איך רעדן, אָבער קײן בריוו שרײַב צו מיר נישט. ווען דו דאַרפסט עפּעס פון מיר דאַן קום צו מיר אַהער אין שטוב און רעד צו מיר. דאָ בין איך בײַ זיך זיכער!... אויב דו וועסט דאַרפן הילף, בין איך שטענדיק גרײט דיר צו העלפן. און ווער ווײסט, דו, מיט דײַנע צעדרײטע געננ, פילײכט וועסטו נאָך ווערן אַ גרויסער קאָמיסאַר און איך וועל דאַרפן צו דיר אָנקומען?... פאַרגעס מיך נישט!... גיב מיר די האַנט, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, מיר בײדע בלײַבן אויף אײביק געטרײַע חברים און אײנער דעם אַנדערן וועט מוזן אַרויסהעלפן!

מיכל האָט אויסגעצויגן זײַן האַנט צו באָריסן. בײדע האָבן זיך אַרומגענומען. מען איז געזעסן שטיל. מען האָט מער וועגן גאָר נישט גערעדט. מען האָט געפילט, אַז דער שטורעם פון דער רעוואָלוציע האָט זיך נאָך נישט אײַנגעשטילט און אַז דאָס לאַנד האַלט זיך נאָך אין אײן טרײסלען. מוז מען זיך האַלטן פעסט, אויב נישט קען מען פאַלן...

אויפן אַנדערן טאָג איז באָריס, אַן אויסגעפּוצטער, זײער פרי אַוועק צו זײַן אַמט אין קרעמל. פּאָליאַ האָט זיך פאַרהאַלטן אין דעם קינדער־צימער מיט האָדעווען דאָס האַלב־יאָריקע קינד, אַ ייִנגעלע וואָס האָט שוין איַז זיך געהאַט אַלע שטריכן פון דעם פאָטער, אַן אמתער „באָריס דער שטאַרקער".
מיכל איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, אין דעם גאַסט־צימער, און געלײענט די אינדערפריִעדיקע צײַטונג, אַ פרישע „פּראַוודאַ", וואָס פּאָליאַ האָט באַוויזן נאָך פאַרטאָג צו קויפן כדי דער גאַסט זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרווײַלן. ווען פּאָליאַ האָט זיך באַפרײַט פון אַלע אירע שטוב־אַרבעטן איז זי אַרײַנגעקומען אין גאַסט־צימער און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיכלען.

— אַבי דו באַקלאָגסט זיך, אַז באָריס איז אַ שווײַגער! — האָט מיכל צו איר געזאָגט, — אָט האָט ער דאָך זיך נעכטן צערעדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער!

— ווײַזט אויס, אַז נאָר מיט דיר האָט ער וועגן וואָס צו רעדן, — האָט זי געענטפערט, — מיט מיר רעדט ער ווײניק. ווי ער קומט נאָר אַרײַן אין שטוב אַזוי כאַפּט ער די צײַטונג און שטעקט אין איר אַרײַן דעם קאָפּ.

— פילייכט איז ער קראַנק?

— באָריס קראַנק?... נישטאָ פון וועמען צו לאַכן!... ער איז געזונט ווי אַ ביק. ער פרעסט און זויפט ווי אַ חזיר!...

מיכל האָט זיך דערפילט עפּעס נישט באַקוועם. ער זעט, אַז עס קלאַפּט נישט ביי זיי. מען לעבט נישט אין שלום. וואָס קען דאָס זיין? באָריס איז דאָך אַזאַ גוטער, ער האָט דאָך אַ גאָלדן האַרץ. פילייכט האָט ער אַן אַנדערע? ניין, עס קען נישט זיין, ער איז צו־ערנסט און צו פאַרנומען, אַז ער זאָל זיך פאַרפירן מיט אַן אַנדערער. איז דאָס אפשר איר שולד? זי האָט אים נישט ליב!... ניין, דאָס איז נאַריש. ער זעט דאָך, אַז זי איז אַ גוטע באַלעבאָסטע, אַ גוט ווייב און אַ גוטע מוטער. זי האָט דאָך צוליב באָריסן איר שטעלע אין דעם קאָמיסאַריאַט פאַר שווערער אינדוסטריע פאַרלאָזט און האָט איינגעפירט אַ באַלעבאַטישע שטוב, צוגענומען אַ דינסט וואָס העלפט איר קאָכן, וואַשן און דערציִען דאָס קינד. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו איר און זי אָנגענומען פאַרביידע הענט.

— פאָליאַ, גיב אַכטונג אויף באָריסן. ער איז אַ גוטער מענטש!

— זיין שוויגן באַאומרוּיִקט מיך, מיכאַ׳לי!

— גלייב מיר, פאָליאַ, ער איז קיינמאָל קיין גרויסער רעדנער נישט געווען. דו ווייסט, ביי אונדז אין אָדעס, אויף דער מאָלדאָוואַנקע, ווו איך און באָריס זענען געבוירן און אויסגעוואָקסן, האָט מען דיין מאַן גערופן „באָריס דער שטאַרקער". ער איז שטענדיק געווען אַ געזונטער, אַ שטאַרקער און אַן אויפריכטיקער. ער האָט פון קינדוויַיז אָן געהאַט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן. זיין טבע איז געווען צו טאָן און נישט צו רעדן. נישט אומזיסט זיצט ער איצט אין קרעמל!...

— אָ, איך שעץ אים זייער, מיכאַ׳ל, — האָט פאָליאַ אין אַ מין פאַרלעגנהייט געזאָגט, — ווען נישט וואָלט איך דאָך פאַר אים נישט חתונה געהאַט. אָבער... — זי האָט נישט געקענט מער רעדן. אַ ציטער איז דורך איר לייב דורכגעלאָפן און זי האָט זיך צוגעטוליעט צו מיכלען און זיך אין אים ווי פון אַ קעלט באַשיצן געוואָלט.

ער האָט זי לייכט אָפּגעשטויסן פון זיך.

— פאָליאַ, איך וויל זיך אַביסל דורכגיין. איך וועל דאָך לאַנג אין מאָסקווע נישט שטיין. איך וויל באַטראַכטן די שטאָט. איך וויל באַזוכן די קונסט־גאַלעריע, די ביבליאָטעק אויף לענינס נאָמען, וואָס מען זאָגט, אַז זי איז די גרעסטע אין דער וועלט, און אַנדערע אינסטיטוציעס...

איר פּנים האָט געפּלאַמט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד.

— האָסט מורא פאַר מיר, מיכאַיל. דו אַנטלויפסט!...

ער האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן. ער האָט נאָר געזאָגט:

— ערנסט, איך וויל זיך אַביסל דורכגיין...

— נו, גוט! אָבער קום נישט שפּעט. מיר עסן מיטאָג אַרום פינף אַזייגער!

— גוט, פּאָליאַ, איך וועל צוריקקומען ביי פינף אַ זייגער. — ער האָט זי אַרומגענומען און זי אַ קוש געטאָן. — דאָסווידאַניע, פּאָליאַ!

ווען ער איז אויף דער גאַס אַרויס האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט וועגן דער רעטעניש אין דעם צוזאַמענלעבן פון באָריסן און פּאָליאַן. „ווו ליגט דער הונט באַגראָבן?”...

אין דעם טאָג האָט מיכל באַוויזן זייער פיל צו זען אין דער הויפּט־שטאָט. די טרעטיאַקאָווער קונסט־גאַלעריע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינ־דרוק אויף אים. ער האָט באַוואונדערט די אומשטערבלעכע קונסט פון דעם גרויסן רוסישן מאלער רעפּין, זיינע ימען־ און שיפן־בילדער, ווי אויך דעם גרויסן רוסישן מאלער, דעם ייִד, לעוויטאַן מיט זיינע נאַטור־פּייזאַזשן. ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס מאָנאַ־ליזאַ און דעם לעצטן מאָלצייט. ער האָט באַוואונדערט ראַפאַעלס לאַ דאָנאַ וועלאַטא און גרעקאָס טאָלעדאָ אין אַ שטורעם. ער איז אַרומגעגאַנגען פון איין זאַל אין אַ צווייטן ווי אַ פאַרכישופטער צווישן די הונדערטער פּאָרטרעטן און ביל־דער פון די צענדליקער סטילן, קאָלירן און מייסטערשאַפטן. ער האָט דער־פילט, אַז ער איז אין אַ פּאַלאַץ פון קונסט, דערהויבנקייט און הייליקייט. דער פּאַלאַץ איז ווייט און אָפּגעריסן פון דער וועלט וואָס געפינט זיך אונ־טער אירע דיקע ווענט, די וועלט פון זאָרג, פון קאַמף און פון אומגערעכ־טיקייט. עס האָט זיך אים זייער נישט געוואָלט פאַרלאָזן די־אָ צויבערלעכע שטילקייט פון דער גאַלעריע און צוריק אַרויסקומען צו די גאַסן פון ניש־טיקייט און טומל.

ער איז אַוועק צו דער באַרימטער מאָסקווער ביבליאָטעק. דאָ האָט ער דערזען מיליאָנען ביכער פון אַלע פעלקער און לענדער. מיט חידוש האָט ער באַטראַכט די פילע אָריגינעלע און וווּנדערבאַרע אוניקומס, גרויסע און קליינע ביכער אין הונדערטער שפּראַכן, ביכער געבונדן אין לעדערנע און אין סאַמעטענע טאָוולען, מיט גאָלדענע, זילבערנע און פיל־קאָליריקע אָר־נאַמענטן, געדרוקטע, געמאָלענע און געשריבענע בוכשטאַבן, און יעדער

בוכשטאַב איז אַזוי צאַרט, אַזוי ליב און אַזוי שיין: רוסישע, לאַטײנישע, אַראַבישע, ייִדישע, גריכישע, כינעזישע און יעראָגליפּישע בוכשטאַבן. און פון יעדער בוכשטאַב רעדט אַרויס אַ געשיכטע פון לעבן, אַ געשיכטע פון מענטשן, אַ געשיכטע פון אַ וועלט. און כאָטש מיכל האָט נישט פאַרשטאַנען די אַלע שפּראַכן פון די הונדערטער און טויזנטער ביכער האָט ער דאָך געהאַט אַ געפיל און אַ פאַרשטענדעניש פאַר דער הייליקער מיסיע פון יעדער בוך אין יעדער שפּראַך.

ביי אַ טיש, אויף וועלכן עס זענען אונטער אַ גלאָז געלעגן עטלעכע זעלטענע עקזעמפּליאַרן פון פאַרשידענע ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן, האָט מיכל דערזען אַ מיטלוווקסיקן מענטשן מיט אַ קליין פאַרקיילעכדיקט רויטלעך בערדל. עפּעס איז אים דער־אָ מענטש געווען גוט באַקאַנט אָבער ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען ווו און ווען ער האָט אים געזען. ער האָט זיינע אויגן פון דעם מענטשן נישט אַראָפּגעלאָזט און שוין נישט גע־קוקט מער אויף די ביכער. יענער האָט דאָס באַמערקט, האָט ער שוין צו מיכלען געקוקט. ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעקערעוועט און איז אַוועק צו אַן אַנדער ביכער־אויסשטעלונג. מיכלס בליקן האָבן אים באַגלייט. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט דעם מענטשן ערגעץ־ווו געזען. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה צי ער זאָל צוגיין און פרעגן ביי דעם מענטשן ווער ער איז, צי נישט.

באַלד איז אונטערגעקומען אַ יונגער מאַן מיט אַ לאַנגער טשופּרינע האָר און מיט אַ קונציק אויסגעבונדענעם באַנד אַרום אַ קאָלנער פון אַ מין מאָדנע לאַנגער בלויער העמדל. מיכל האָט אין אים דערקענט דעם אַלט־נייעם טיפּ פון אַ באָהעם מענטש, אַזאַ איינעם וואָס קליידט זיך אַזוי און פירט זיך אויף אַזוי, אַז מען זאָל אין אים דערקענען די אַנדערשקייט און מען זאָל וועגן אים טראַכטן ווי וועגן אַ מענטשן וואָס פאַרנעמט זיך מיט קונסט, מוזיק, מאָלעריי אָדער ליטעראַטור, כאָטש צום מערסטנס דרייען זיך די־אָ אויסטערלישע יונגעלייט נאָר אַרום די וואָס שאַפן און אַליין טוען זיי גאָרנישט. מיכלען זענען די־אָ באָהעמע־לייט נישט געפעלן געווען.

דער־אָ באָהעמע־פאַרשוין האָט געפירט אונטערן אָרעם אַ שיין יונג מיידל, זייער עלעגאַנט געקליידט. איר אויסזען האָט זיך גאָרנישט אַריינ־געפּאַסט אין דער באָלשעוויסטישער רוסישער ווירקלעכקייט און האָט נישט געקלאַפּט מיט דער צייט.

דער באַהעמע־מאַן האָט פאַר דעם מײדל פאָרגעשטעלט דעם באַ־בערדלטן מענטשן:

— נאַטאַשינקאַ, זײַ באַקאַנט! דאָס איז דער שרײַבער און דראַמאַטורג. סערגעי קופּעץ!

— זײַער אָנגענעם זיך צו באַקענען מיט אײַך, נאַטאַשאַ! — האָט דער שרײַבער סערגעי קופּעץ געזאָגט און איר דערלאַנגט זײַן האַנט. — קומט, לאָמיר פון דאַנען אַרויסגײן, — און ער האָט צוגעגעבן מיט אַ כיטרען שמײכל, — אין דעם טעמפּל פון די מיליאָנען ביכער געפינען זיך אײַנצלנע עקזעמפּלאַרן וואָס האָבן אויגן און אויערן... מען קען דאָ קײן הויך וואָרט נישט אויסרעדן!

זײ האָבן פאַרלאָזט די ביבליאָטעק און מיכל האָט זײ נאָכגעקוקט, טראַכטנדיק: „סערגעי קופּעץ, איך האָב דאָך פון אַזאַ שרײַבער קײנמאָל נישט געהערט! ווײַזט אויס, אַז איך לײען צו ווײניק, נישט גוט. אַ סך נײַע שרײַבער האָבן זיך באַוויזן און איך ווײס אפילו נישט פון זײ, נישט גוט. מען דאַרף זיך נעמען מערער צום לײענען!... אָבער דער־אָ מענטש איז מיר פאַרט קענטלעך, ווער איז ער?“...

צו פינף אַזײגער איז מיכל געקומען צוריק צו דער הײם פון זײַן פרײַנד. מען האָט שוין געוואַרט אויף אים מיטן עסן. באָריס האָט דאָס מאָל נישט געהאַלטן קײן צײַטונג אין די הענט. ער איז געווען מער רויִקער און מער פרײַנדלעך צו פאַליאַן ווי נעכטן. פאַליאַ איז אויך געווען אַ רויִקע און אַ צופרידענע. באָריס האָט פאַר הײַנטיקן אָוונט געקראָגן דרײַ בילעטן אין דער אָפּערע פון דעם באָלשאָי טעאַטער.

מיכל איז געווען זײַער צופרידן וואָס באָריס האָט אים געהאַט אין זײַ־נען און באַשטעלט בילעטן פאַר דער אָפּערע. ער האָט זײַער געוואָלט באַ־זוכן דעם טעאַטער וואָס האָט אַ וועלט־נאָמען זיך דערוואָרבן.

דאָס עסן איז געווען געשמאַק און מען האָט לעבהאַפטיק פיל גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן, און ווען עס האָט זיך אַרײַנגעפּאַסט אַ מאָמענט, האָט מיכל דערצײלט וועגן זײַן באַגעגעניש אין דער לענין־ביבליאָטעק מיט אַ מענטשן וועמען ער מײנט, אַז ער קען אים, אָבער ער געדענקט נישט ווו און ווען ער האָט אים געזען.

באָריס האָט אויף מיכלען אַ קוק געטאָן מיט אַ בליק פון אַ געניטן דע־טעקטיוו. עפּעס נײַעס איז געווען אין דעם־אָ בליק. אַ מין אומאָנגענעמע פאַרבאָרגנקײט האָט געשטעקט אין דעם בליק. באָריס האָט אויך אַ לאַך

געטאָן און דער־אַ לאַך איז געווען ניי, פאַרבאָרגן און נישט אָנגענעם. עס איז נישט געווען מער דער גוטער און שטאַרקער חבר באָריס, נאָר דער קאָמוניסט און דער קאָמיסאַר, דער פאַרוואַלטער פון דעם „ספּעציעלן אָפּ־טייל”, דעם געהיימען אָפּטייל פון דעם קרעמל, באָריס גאַרבער!... ער האָט געזאָגט צו מיכלען:

— און דו מיינסט, אַז דער שרייבער סערגעי קופּעץ איז געבוירן געוואָרן מיט אַ באָרד? פיליכט האָט ער קיין באָרד נישט געהאַט ווען דו האָסט אים געקענט, און פיליכט איז זיין נאָמען נישט סערגעי און נישט קופּעץ?... וואָרט, איך וועל זיך באַלד דערוויסן.

ער איז אַרויס אין אַ צווייטן צימער. מיכל האָט זיך איבערגעקוקט מיט פּאָליאַן און זיך געוווּנדערט אויף דער רעטעניש. פּאָליאַ האָט אים באַלד די רעטעניש אויפגעקלערט:

— באָריס קלינגט איצט געוויס אין זיין „ספּעץ־אָפּטייל”. דאָרט איז דאָ אַ קאַרטאָטעק מיט די נעמען פון אַלע מענטשן וואָס פאַרנעמען אַ וועלכע ס'איז נישט איז פּאָזיציע אין דער רעגירונג, אין דער פּאַרטיי און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן...

— אַהאַ!... — האָט מיכל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — אַזוי!... נו, איז דאָך אונדזער באָריס אַ גאָר וויכטיקער מענטש!...

זי האָט שטאָלץ אָפּגעענטפערט:

— זייער אַ וויכטיקער מענטש, אַ גרויסער קאָמיסאַר!... כאָטש עס זשומעט זיך נישט אַרום אים ווי אַרום אַנדערע. דעם אמת געזאָגט, אַפילו אין קרעמל ווייסן נישט אַלע, אַז עס עקסיסטירט גאָר אַזאַ איינער מיטן נאָמען באָריס גאַרבער! און דאָך... ער איז אַ מאַכט, אַ גרויסע מאַכט אין דער אָנפירונג.

באָריס איז באַלד צוריק אַריינגעקומען. ער האָט געלאַכט גוטמוטיק.

— פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געהאַט רעכט. די באָרד איז אַ פאַר־שטעלטע און דער נאָמען איז אַ פאַרשטעלטער. ער האָט געביטן זיין נאָמען און זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, כאָטש ער ווייסט, אַז ער האָט מער נישט וואָס מורא צו האָבן... זיין אמתער נאָמען איז געווען קירילאָ מאַטוסענקאָ, ער איז אַמאָל געווען פאַרבונדן מיט פּעטליוראַן, געזעסן אַרעסטירט אין דער אָדע־סער „טשע־קאַ”, פון דאָרט האָט מען אים איבערגעשיקט קיין מאָסקווע. דאָ, אין לוביאַנקע, האָט ער אָנגעהויבן מיטאַרבעטן מיט אונדז. מען האָט אים באַפרייט. ער איז אַ שרייבער, און דאַכט זיך אַ גוטער שרייבער. ער האָט

פּיל װעגן װאָס צו דערצײלן... נו טאַק... עס לױנט זיך מער נישט צו רעדן װעגן אים. יעדנפאַלס, ער איז איצט אַן אונדזעריקער, אױף אַלע הונדערט פּראָצענט!...

— אך!... — האָט מיכל אױסגעשריגן, — איצט קומט צו מיר אַלץ צוריק. איך דערמאָן זיך טאַקע, אַז איך האָב אים אין דער אָדעסער „טשע־קאָ" אױפן געריכט פון דער „טראַיקע" געזען...

— פאַרגעס אַלץ! — האָט באָריס טרוקן אַ זאָג געטאָן, — פאַרגעס, עס איז געזינטער!...

— ניין, באָריס, אַזעלכע זאַכן פאַרגעסן זיך נישט אַזױ גרינג...

— מיכאַ:ל, איך בעט דיך, גענוג! — האָט ער אױסגעשריגן. זײַן נער־װעזקײט האָט אָבער באַלד זיך אױסגעװעפּט. ער איז צוריק געװאָרן װײכער. ער האָט אַרומגענומען מיכלען און שטיל אָבער האַרציק געזאָגט, — דײַן אומגליק באַשטײט אין דעם װאָס דו לעבסט נאָך אַלץ מיטן אַמאָל און מיט דײַן קינדהײט. פאַרגעסט, אַז די צײַטן האָבן זיך געביטן און מיר זענען שױן אױסגעװאַקסן, אַנדערע געװאָרן!...

אין באָלשאָי טעאַטער האָט געשפּילט די אָפּעראַ „איװאַן סוסאַנין". דער באַרימטער באַס פּיראָגאָװ האָט אין דער אַריע פון סוסאַנינען זיך אַרױס־געװיזן פאַר גאָר אַ באַגאַבטן און טאַלאַנטירטן קינסטלער. זײַן סוסאַנין איז געשפּילט און געזונגען געװען אױפּריכטיק און אמתדיק, מיט אַ געפיל פון אַ װירקלעך רוסישן פּאַטריאָט. אָבער סײ מיכל און סײ פּאַליאַ און באָריס האָבן גוט געװוסט, אַז די אָפּעראַ האָט פריִער געהײסן „דאָס לעבן פאַרן צאַר" און אַז אין דער נײַער איבעראַרבעטונג האָט מען געפעלשט די גע־שיכטע און שױן צוליב דעם אַלײן האָט מען אױך געמוזט פעלשן פיל אין גלינקאָס מוזיק. דאָך איז מען אַװעק באַגײַסטערטע פון דער אָפּערע און מען האָט דעם באָלשאָי טעאַטער פאַרלאָזט מיט אַ געפיל פון הײליקן ציטער אַזױ װי פרומע מענטשן פאַרלאָזן אַ געבעט־הױז.

דעם אױפדערנאַכט האָט מיכל אַזױ גיך נישט געקענט אַנטשלאָפן װערן. דער גאַנצער טאָג איז געװען אַ קאָמפּלעקס פון דערהױבענע זעונגען און איבעררא‎שנדע געפילן. װען ער איז צום סוף אײַנגעשלאָפן, האָט ער געזען פאַר זיך די פאַרשידענע פּאָרטרעטן און בילדער פון דער קונסט־גאַלעריע, די טױזנטער פיל־שפּראַכיקע ביכער פון לענינס ביבליאָטעק, דעם אַלטן איװאַן סוסאַנין, װעלכער אָפּפערט זײַן לעבן פאַרן צאַר און דעם רוסישן פאָלק... און מיט אַמאָל איז פון דעם אַלטן פּאַטריאָטישן סוסאַנין מיט דער

לאַנגער ווייסער באָרד געוואָרן אַ בערגל אַש, עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוואַרצער שטויב און פון דעם שטויב איז אַרויס אַ מענטש מיט אַן אַרומ־געשוירן קײלעכדיק רויט בערדל און מיט אַ ווייסער בלוזע אויסגעהעפט מיט רויטע, געלע און בלויע צלמימלעך און שטערנדלעך... מיכל האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט און מער שוין נישט געקענט שלאָפן.

פאַרטאָג־צו האָט ער ווידער אָנגעהויבן אַנטשלאָפן צו ווערן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז נישט איינער אַליין אין בעט. ער נעמט אַרום פּאַ־ליאַן, ער קושט זי, ער דריקט זי צו צו זיך... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קאַפּווייטאַק. ער איז געלעגן אויפן הוילן מאַטראַץ און דעם קישן האָט ער געהאַלטן אין די הענט און אים געדריקט צו זיין האַרץ.

ער איז אויפגעשטאַנען שפּעט. באַריס איז נישט געווען. ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן, אָפּגעראַזירט און זיך אַרומגעוואַשן. ער איז אַרויס פון זיין צימער און איז אַריין אין קיך. פּאָליאַ האָט אויף אים געוואַרט מיטן פרישׂ־טיק. זי איז געווען פריש, אויסגערוט און רייצנד.

— אָ, ביסט זיך פאַרשלאָפן, מיכאַיל! — האָט פּאָליאַ געזאָגט, — באַ־ריס האָט זיך אויף דיר דערוואַרטן נישט געקענט, געמוזט אַוועקפאָרן צו זיין אַמט, דער אויטאָמאָביל פון קרעמל האָט אויף אים געוואַרט און שוין אַפילו ־פּייפן אָנגעהויבן... באַריס האָט זיך געמוזט צוויילן. און איך וואַרט אויף דיר מיטן פרישטיק!...

— דו וואַרטסט? — האָט ער איבערגעפרעגט, — און ווו איז דיין דינסט?

— ער האָט איראָניש אַ לאַך געטאָן, — איר זענט דאָך איצט פּראָלעטאַרי־שע פריצים! זיך דערלעבט, די פּראָלעטאַריער האַלטן דינסטן!...

זי האָט אַ צופרידענע אָפּגעענטפערט:

— די דינסט איז אַוועק אין קראָם. מיר זענען איצט אַליין!...

מיכל האָט די ווערטער „מיר זענען איצט אַליין" אָנגענומען ווי אַן אָנ־צוהערעניש צו אַן איינלאַדונג... ער איז צוגעקומען צו איר נענטער און זי אַרומגענומען און זי ליידנשאַפטלעך אָנגעהויבן צו קושן. זי האָט זיך נישט געווערט. זי האָט מיט פאַרגעניגן אים צוריק געקושט.

נאָכן עסן האָט ער געזאָגט:

— איך פאָר היינט אַוועק!

— היינט? — האָט זי זיך געחידושט, — וואָס גאָר פלוצים?...

— עס איז בעסער אַזוי. איך קען דאָ מער נישט זיין!

— אַנטלויפסטו? פאַרוואָס? פאַר וועמען און פון וועמען אַנטלויפסטו?...

— יאָ, איך אַנטלויף. פון דיר און פון זיך אַנטלויף איך...
— האָסט פּאַר מיר מורא?
— באָריס איז מיין חבר, איך האָב נאָר איין חבר!
— דאַן בלייב דאָ! — האָט פּאָליאַ אויסגערופן, — אָרדן זיך איין אין מאָסקווע. דו וועסט קענען קומען צו אונדז ווען נאָר דו וועסט וועלן.

— אָ, ניין. איך וועל נישט קענען קומען אַהער אויב איך וועל בלייבן אין מאָסקווע. — דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט. זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן אויסטערליש צו גלאַנצן. זיין קול האָט געציטערט, — דו ווירקסט אויף מיר משוגע ווי אַ טייוול!...

זי האָט געשמייכלט מיט אַ צופרידנקייט פון אַ פרוי, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער אַ מאַן... צי זי האָט דאָס געטאָן בכוונה, צי עס האָט זיך אַזוי געמאַכט צופעליק, אָבער איר קאָפּטל איז געווען צעשפּיליעט און אירע ברוסטן האָבן מיט אַן אַרויסרוף צו מיכלען געקוקט. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן און זי אויפגעהויבן ווי אַ קינד אין דער לופט. ער האָט זי געהאַלטן אויף זיינע הענט און געקוקט מיט אַ צערייצטן באַגער אין איר געזיכט. דערנאָך איז ער מיט איר אַרויס פון קיך און איז אַריין מיט איר אין דעם צימער וווּ ער איז די נאַכט געשלאָפן. ער האָט זי אַ וואָרף געטאָן אין בעט...

אויפדערנאַכט איז ער, אין דער באַגלייטונג פון פּאָליאַן און באָריסן, אַוועק צום וואָקזאַל. ער האָט אין זיך געטייעט אַ פאַרבאָרגענע פאַרשעמטקייט און אַן אייגנשולד. אויסערלעך איז ער אָבער געווען רויִק, פריילעך און אַביסל פאַרשמייעט, אַזוי ווי יעדער איינער וואָס באַקומט דעם רייזפיבער...

18.

אין אָדעס איז מיכל איינגעשטאַנען ביי באָריסעס עלטערן. ער איז געשלאָפן אויף דעם געלעגער אויף וועלכן באָריס פלעגט שלאָפן. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין דער שוך־פאַבריק אַלס אַ געוויינלעכער אַרבעטער און זייער גיך זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך.

בען־אַלי האָט איצט נאָך מער אונטערגעהונקען ווי פריִער, כאָטש די ווונד אויף זיין פוס האָט זיך שוין אינגאַנצן פאַרהיילט. ער איז פאַר דער צייט געוואָרן פולער און באַקומען אַן אויסזען פון אַ סאָלידן מענטשן. ער איז אַפילו געוואָרן אַביסל שענער. ער האָט זיך זייער פיין אַרויפגעאַרבעט לויט דער פאַרטיי־ליניע. מען האָט אים באַשטימט פאַרן קאָמיסאַר פון דער־

פאַבריק. שפּעטער, ווען מען האָט די קאָמיסאַרישע אַמטן אין די פאַבריקן אָפּגעשאַפן, איז ער געוואָרן דער געהילף־דירעקטאָר.

מיכלען האָט בען־אַלי אויפגענומען מיט צעטומלעניש און איבעררא־שונג, אָבער פריינדלעך. ער האָט אים אַפילו געוואָלט איינאָרדענען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער פאַבריק, אויף אַ ריינער און אינטעליגענטער אַרבעט, אָבער מיכל איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז ער וויל זיך לערנען אַ פאַך.

ביז גאָר איבערראַשנד פאַר מיכלען איז געווען דאָס וואָס די גאַנצע קולטורעלע און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין דער פאַבריק, איז געפירט געוואָרן נישט אין דער אָפיציעלער רוסישער שפּראַך, נאָר אין ייִדיש. עס האָבן אין דער פאַבריק געאַרבעט 1.852 ייִדן, 57 רוסן, 80 אוקראַיִנער און 13 דייטשן. לויט אַ באַפעל פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי האָבן אין אַזעלכע אומשטאַנדן די „ייִדישע סעקציעס" ביי דער פּאַרטיי (די „יעוו־סעק") געמוזט אָנפירן מיט אַלע קולטורעלע און פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקייטן.

פאַר מיכלען איז דאָס אַלץ געווען פריקרע און נישט צום האַרצן. ער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעפרעמדט אינגאַנצן פון זיין מוטער־שפּראַך. ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין אַלץ וואָס איז געווען רוסיש, ער האָט געטרוימט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל ווערן אַ גרויסער רוסישער שרייבער.

פון קרעמל האָט מען אָבער באַשטימט די נייע סאָוועטישע עפּאָכע: די „אויפלעבונג" פון די נאַציאָנאַלע קולטורן. סטאַלינס נאָמען האָט אָנגעהויבן ביסלעכוויז באַקאַנט צו ווערן צווישן די ברייטערע מאַסן. ער האָט וועגן דער־אָ נייער סאָוועטישער עפּאָכע זיך אויסגעדריקט: „נאַציאָנאַל לויט דער פאָרעם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט". קיינער האָט רעכט נישט פאַר־שטאַנען וואָס סטאַלין מיינט מיט אָט דעם־אָ זאָג. אָבער דיווירקלעכקייט איז געווען אַזאַ: פריִער האָבן די מאַסן געהאַט אָנשטאָט ברויט לייז. איצט האָבן זיי באַקומען אָנשטאָט ברויט — „נאַציאָנאַלע קולטור".

מען האָט מיכלען צוגעטיילט דעם „כבוד" צו ווערן דער רעדאַקטאָר פון דער „וואַנט־צייטונג" פון דער שיך־פאַבריק, וועלכע איז דערשינען יע־דע וואָך אין ייִדיש און יעדן חודש אין רוסיש. די־אָ „צייטונג" איז אויס־געהאַנגען געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער, פאַר דעם אויסגעטיילטער וואַנט. יעדער אַרבעטער האָט געמוזט די־אָ „וואַנט־צייטונג" לייענען. די איינפי־רונג פון לייענען די „וואַנט־צייטונג" איז געווען נאָך איין פלאַג פאַר די אַר־בעטער, פאַר די פּויערים, פאַר די אָנגעשטעלטע און פאַר די סאָלדאַטן. די

וואַנט־צײַטונגען האָבן אײגנטלעך מיט זײַערע „הײמישע" אַרטיקלען אַרײַנ־געשפּילט אין די הענט פֿון דער ג. פּ. או.

אין דער דירה ווו מיכל מיט זײַנע עלטערן האָבן אַמאָל געוווינט, האָט איצט געלעבט אַ נײַע משפּחה, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון דרײַ מענטשן. דער באַלעבאָס פֿון דער משפּחה האָט זיך גערופֿן לעאָן קאַלקער. ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ פֿעסט־געבויטער און זײַער אַן ענערגישער. ער איז געהאַט נישט לאַנג צוריק אַנטלאָפֿן פֿון דעם זאַטן, בורזשואַזן, פּילסודסקיס פּוילן. ער האָט אויסגעקליבן דאָס נײַע סאָוועטן־רוסלאַנד פֿאַר זײַן היים. ער איז נישט לעגאַל אַריבער די גרענעץ פֿון פּוילן און די סאָוועטן־מאַכט איז גע־ווען מילד צו אים. מען האָט אים באַשטראָפֿט נאָר מיט זעקס חדשים תּפֿיסה. ער האָט דערצײלט אַ געשיכטע, אַז מען האָט אים אין פּוילן פֿאַרפֿאָלגט פֿאַר זײַנע סימפּאַטיעס צום סאָוועטן־לאַנד, אָבער אַנדערע מענטשן, וואָס זענען אויך פֿון דעם בורזשואַזן פּוילן אַנטלאָפֿן, האָבן גאָר וועגן אים דערצײלט אַ גאָר אַנדערע געשיכטע: זײַן פֿאָטער האָט אין וואַרשע אַ גרויסע קלײדער־פֿאַבריק. לעאָן קאַלקער, צוזאַמען מיטן פֿאָטער, האָט עקספּלאָאַטירט די אַר־בעטער אויפֿן מיאַוסטן און ברוטאַלסטן אופֿן. דערבײַ איז ער נאָך געווען אַ שווינדלער. ער האָט געפֿעלשט טשעקן. די פּוילישע זשאַנדאַרמעריע האָט אים אַרעסטירט. ער איז פֿון דעם אַרעסט־הויז אַנטלאָפֿן און איז אַוועק צו דער גרענעץ, און האָט זיך דאָ, אין סאָוועטן־לאַנד, געראַטעוועט...

נאָך דעם ווי לעאָן קאַלקער איז אָפּגעזעסן זײַנע זעקס חדשים פֿאַר אומלעגאַל איבערלויפֿן די גרענעץ, איז ער באַפֿרײַט געוואָרן און מען האָט אים דערלויבט זיך צו באַזעצן אין אָדעס. ער האָט זיך דאָ אײַנגעאָרדנט אַלס אַן אַרבעטער אין דער רעגירונגס קלײדער־פֿאַבריק. דאָרט האָט ער זיך באַ־קענט מיט אַ יונגער אלמנה, אַ נײַטאָרן, וועלכע די אַרבעטער האָבן גערופֿן: ראָזאַ די פֿאַרווײַנטע! ווײַל כמעט שטענדיק זענען איר געווען די אויגן פֿײַכט, און אַז מען האָט זי געפֿרעגט: „ראָזאַ, וואָס איז מיט אײַך?" האָט זי בנעימות אָפּגעענטפֿערט: „איך האָב הײַנט ווידער געוויינט!"... און געוויינט האָט דאָס שײַנע פּולבלעכע ווײַבל ווײַל דער מאַן אירער, מיט וועלכן זי האָט נאָר צוויי וואָכן געלעבט, איז גערופֿן געוואָרן אין מיליטער בעת דער בירגער־קריג און איז שוין פֿון דער מלחמה קײנמאָל צוריק אַהיים נישט געקומען. ראָזאַ האָט געהאַט אַ שײן קול צום זינגען, פֿלעגט זי זיצן אין דער פֿאַבריק אַרומ־גערינגלט מיט אַ פּאָר צענדליק יונגע און עלטערע מײדלעך און ווײַבלעך,

נייען מיט דער האַנט אַ באַשטעלט קלייד פאַר עפּעס אַ וויכטיקן קאָמיסאַרס אַ ווייב און דערביי זינגען מיט אַ געוויין:

„אין די שוואַרצע וועלדער און אויף די גרינע פעלדער,
איז געפאַלן טויט אַן עלנטער זעלנער"...

לעאָן קאַלקער האָט דאָס פולבלעכע שיינע ווייבל באַלד באַמערקט און זיך צו איר צוגעשאַרט. עס האָט נישט גענומען לאַנג און ער האָט זי פאַר זיין ווייב געמאַכט. מער האָט שוין ראָזאַ אין דער פאַבריק, ביים נייען די באַשטעלטע קליידער פאַר די קאָמיסאַרישע ווייבער, קיין טרויער־לידער פון אַ געפאַלענעם סאָלדאַט נישט געזונגען, און זי האָט שוין מער נישט גע־האַט קיין פייכטע אויגן. זי האָט געשיינט און געבליט, אָבער דער צונאָמען „ראָזאַ די פאַרווייַנטע" איז איר שוין פאַרבליבן.

ראָזאַ האָט געהאַט אַ יינגערע שוועסטער, בערטאַ, אַ מיידל פון אַ יאָר נייַנצן, אַ שטילע, מיט אַ געטאָקט און איידל וויַיס פנים, מיט אַ שלאַנקער פיגור און מיט אַ פּאָר שיינע פיס, וועלכע האָבן קוים די ערד אָנגערירט ווען זי איז געגאַנגען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי גייט נישט, נאָר זי שוועבט אין דער לופט. זי האָט אויך געאַרבעט אין דער קליידער־פאַבריק.

מיכל האָט דאָס מיידל באַמערקט און ער האָט באַלד שטיל און באַשיידן זיך פאַרליבט אין איר.

דריי חדשים האָט זיך געצויגן די־אַ שטילע, בענקענדיקע און לייטישע ליבע צווישן אים און בערטאַן. מיכל פלעגט ביי יעדער געלעגנהייט, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ פרייע שעה, אַריינקומען אין דער היים פון די קאַל־קערס און דאָרט פאַרברענגען. לעאָן און ראָזאַ האָבן געזונגען לידער און מיכל איז געזעסן אַקעגן בערטאַן און געקוקט אויף איר מיט פאַרליבטקייט. יעדעס מאָל, ווען מיכל פלעגט זיך טרעפן מיט בערטאַן, האָט ער באַמערקט, אַז זי טראָגט דאָס זעלבע קלייד, וואָס איז געווען ציכטיק און ניי, ווי ערשט פון דער נאָדל אַרויס, און ער האָט זיך געוווּנדערט: „וואָס־זשע, זי האָט מער נישט ווי דאָס איינע קלייד?"

זייער אָפט האָט לעאָן פאַרפירט מיט מיכלען אַ פּאָליטישן שמועס... ער האָט אויך פיל גערעדט וועגן דער נייער ליטעראַטור, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער ווייסט וואָס ער רעדט. מיכל האָט נישט גערן גערעדט וועגן פּאָליטיק. ער האָט זיך געהיט און איז געווען פאָרזיכטיק. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם־אַ לעאָן קאַלקער. עפּעס איז אין די פייערלעך פון זיינע ברוינע אויגן געווען באַהאַלטן אַ מין גלאַנץ פון פאַלשקייט, אונטערלעקע־

רײ און אַ גרײטקײט צו טאָן יעדער פֿאַרברעכן אַבי צו געפֿינען אַ פּאַסיק פֿערדל און אָנהײבן אויף דעם צו רײטן...

מען האָט ערשט אָפּגעטרונקען טײ און מען איז געזעסן אַרום טיש. קײן געשפּרעך האָט זיך נישט געקלעפּט. ראָזאַ האָט פֿאָרגעשלאָגן צו שפּילן אין קאָרטן. לעאָן האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פּעשטל קאָרטן און גיך־גיך, װי אַ געניטער שפּילער, זײ אָנגעהױבן מישן. ראָזאַ האָט מיט אַ פֿרײלעכן געמיט און אַן אויפֿגעמונטערטע אויסגערופֿן: — אַ רובל אַ קאָרט!...

— אַ רובל אַ קאָרט! — האָט בערטאַ מילד איבערגעחזרט. זי האָט זיך אָװעקגעזעצט לעבן מיכלען. ער האָט דערפֿילט איר האַנט אויף זײַן אַקסל און אים איז אַזױ גוט געװען... ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „מײַן בערטאַ!" און באַלד געצװײפֿלט, — פֿאַרװאָס מײנט ער, אַז זי װעט זײַנע זײַן?... בען־אַלי האָט דאָך אַן אויג אויף דעם מײדל געװאָרפֿן. און כאָטש ער האָט זיך שוין אַרויסגעצויגן פֿון דעם הויף, און ער װױנט שוין אין אַ שײנער דירה, ערגעץ אין די אַריסטאָקראַטישע גאַסן, קומט ער דאָך זײער אָפֿט צו פֿאָרן אַהער, און הינקענדיק שלעפּט ער זיך אַהער אַרײַן, און ער צעלײגט זיך דאָ װי אַ באַלעבאָס, און ער פֿירט זיך דאָ אויף זײער פֿרײ מיט בערטאַן, אַזױ פֿרײ, גלײַך װי ער האָט זי אָפּגעקױפֿט...

עס איז אמת, דער „טאָטער" בען־אַלי האָט זיך מיט בערטאַן באַקאַנט מיט אַ סך חדשים פֿריִער, נאָך אײדער מיכל האָט זיך צוריק קײן אָדעס אומגעקערט. אָבער ער װײסט, אַז בערטאַ האָט אים נישט ליב, און נאָר דערפֿאַר װײַל בען־אַלי איז אַ װאַזשנער קאָמיסאַר, און ער, מיכל, איז אַ פּראָסטער אַרבעטער, װעט דאָך בערטאַ פֿאַר דעם־אָ מיאוסן און הינקענדיקן בען־אַלי נישט חתונה האָבן. ער פֿילט, אַז בערטאַ האָט אים ליב. אָבער די שװעסטער אירע, ראָזאַ, און דער שװאָגער אירער, לעאָן, זײ זענען קעגן אים!...

מיכל האָט געשפּילט שלעכט. ער האָט נישט ליב געהאַט צו שפּילן אין קאָרטן און ער האָט אַלעמאָל פֿאַרשפּילט. עס איז אָבער געװען פֿרײלעך און געמיטלעך. נאָר פּלוצים האָט זיך פֿון יענער זײט טיר דערהערט אַ הוסט און די גוט באַקאַנטע טריט פֿון אַ מענטשן װאָס הינקט אונטער אויף אַ פֿוס. מיכל האָט אַ קוק געטאָן אויף בערטאַן, דערנאָך האָט ער זײַן בליק אַריבערגעװאָרפֿן אויף ראָזאַן און אויף איר מאַן. דער קוראַזש און די פֿרײלעכקײט איז באַלד פֿון זײ פֿאַרשװוּנדן. זײ האָבן אויף זיך אַרויפֿגעצויגן אַ װאַזשנע ערנסטקײט און זענען געשטאַנען גרײטע אונטערטעניק צו באַגעגענען דעם חשובֿן גאַסט.

— בען־אַלי! — האָט לעאָן מיט רעספּעקט אויסגעשריגן, — ראָזאַ, נעם צו די קאַרטן... — ביי דער צעפּראַלטער טיר איז בען־אַלי געשטאַנען. לעאָן איז אים געקומען אַנטקעגן און האָט צו אים אויסגעשטרעקט ביידע הענט. — טאָוואַרישטש, טייערער בען־אַלי, שטייט נישט ביי דער טיר, קומט אַריין!...

בען־אַלי איז אַריינגעקומען. ער האָט יעדערן די האַנט געגעבן, מיט יעדערן זיך באַגריסט, און דערנאָך האָט ער צו מיכלען געזאָגט:

— שוין באַלד אַ יאָר, אַז דו אַרבעטסט אין פאַבריק און מערער ווי אַ „רעדאַקטאָר" פון די „וואַנט־צייטונגען" ווילסטו נישט זיין. מען וויל דיר געבן נאָך אַ „נאַגרוזקע" און דו זאָגסט זיך אָפּ. וואָס האָסטו מורא, וואָס? וועסט זיך איבעראַרבעטן, צי דו וועסט קיין צייט נישט האָבן נאָכצולויפן נאָך בערטאַן?... איך בעט דיך, שטיי אָוועק פון איר. בערטאַ איז מיין מיידל! איך וויל פאַר איר חתונה האָבן.

מיכל האָט גאָרנישט געענטפערט.

די „נאַגרוזקע", אַזאַ געזעלשאַפטלעכע „אָנלאָדונג", אַ נישט־געצאָלטע טעטיקייט, וואָס יעדער קאָמוניסט, און פאַרגעשריטענער אומפּאַרטייִשער מענטש, האָט געמוזט אויספילן אויסער די אַכט שעה שווערע אַרבעט אין פאַבריק. די „נאַגרוזקע" איז געווען אַזאַ פּלאָג, אַז עס האָט נישט איבער־געלאָזט פאַרן מענטשן קיין ביסל פרייע צייט אויף אַ קוק צו טאָן אויף גאָטס וועלט, אויף אַ קלער צו טאָן וועגן אייגענעם, פּערזענלעכן לעבן. דער־פאַר טאַקע איז דער נייער, דער סאָוועטישער לעבן־שטייגער געוואָרן אַן הפקרדיקער, אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אימפּעט, כאַפּ־לאַפּ, און כאַאָ־טיש...

עס איז אַ וווּנדער געווען, וואָס די־אַ צוויי יונגעלייט, מיכל און בען־אַלי, מענטשן מיט צוויי עקסטרעמע און פאַרשידנאַרטיקע זיטן, באַנעמונגען און טראַדיציעס, וואָס נאָר אין דער פראַגע פון ליבע און געשלעכט זענען זיי סאָלידאַר געווען, און דערפאַר וואָלטן זיי מיט קיין שום מיידל קיין צופיל צערעמאָניעס נישט געפּראַוועט און קיין צופיל צייט נישט געפּטרט „אומ־זיסט", האָבן אין באַצוג צו דער שיינער בערטאַ אַרויסגעוויזן זייער פיל איינגעהאַלטנקייט, טאַקט און אויפריכטיקע ליבע...

מיכל האָט שוין לאַנג געהאַט אַזאַ מזל. דאָס מאָל, ווען ער איז ערנסט פאַרליבט געווען, האָט ער געהאַט אַ קאָנקורענט, זיין „חבר" פון די קינדער־יאָרן, דעם איצטיקן וואַזשנעם קאָמיסאַר, דעם „טאַטער" בען־אַלי.

מיכל האָט זיך פאַר בען־אַלין געהיט.

מען האָט מיכלען געהאַט באַשטעטיקט אַלסווירקלעכער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. באָריס גאַרבערס אונטערשריפט אויף זיין אַנ־קעטע איז שוין געווען גענוג, אַז מען זאָל זיך צו אים נישט קענען טשעפּען. דאָך האָט מיכל פאַרשטאַנען, אַז מיטן „טאָטער" איז בעסער צו לעבן אין פרידן... ער האָט זיך געצווונגען צו זיין גוט און זיך אַפילו פרווון חברן מיט בען־אַלין. ער האָט זיך געפליסט נאָכצוקומען אַלע זיינע ווונטשן. אָבער לעצטנס, ווען דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט געוואָלט געבן מיכלען נאָך איין „נאַגרוזקע", איז אים נישט אָנגעקומען שווער זיך ארויסצודרייען פון דעם נייעם עול. ער האָט דערקלערט:

— איר ווייסט דאָך, חברים, אַז איך פאַרנעם זיך מיט שעפערישער אַרבעט. איך שרייב אַ ראָמאַן און איך אַרבעט אויך אויף אַ גרעסערער פּאָע־מע. שעצט איר דען נישט דאָס וואָס אַן אַרבעטער פון דער שוך־פאַבריק איז איינצייטיק אויך אַ פּראָלעטאַרישער, אַ סאָוועטישער שרייבער? איר האָט קיין רעכט נישט צוצונעמען פון מיר אַזויפיל טייערע פרייע צייט, וועלכע איך דאַרף האָבן פאַר מיין שאַפן!

בען־אַלי איז אויפגעבראַכט געוואָרן פון מיכלס דערקלערונג אין דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט. ער האָט געוווסט, אַז מיכל פאַרנעמט זיך מיט ליטעראַ־רישער טעטיקייט, אויסער זיין אַרבעט אין פאַבריק. ער האָט אָבער אויך געוווסט, אַז אין די פרייע שעהן באַזוכט מיכל בערטאַן, און דאָס האָט אים געקרענקט. ער האָט אָבער נישט געקענט אין דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט אָנ־פאַלן אויף מיכלען מיט אַזאַ אַרגומענט, האָט ער זיין ביטערקייט אויסגע־דריקט שפּעטער, ווען ער האָט מיכלען אין בערטאַס אָנוועזנהייט ביי די קאָלקערס אין שטוב דערזען.

דער סעקרעטאַר פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט ביי דער שוך־פאַבריק, טאָוואַרישטש פנחס לעוויט, דער זעלבער וואָס איז אַמאָל אַן אַקטיווער מיט־גליד פון דעם יידישן „בונד" געווען, און איינער פון די יידישע פאַרשטייער אין אַ דעלעגאַציע צו סטאַלינען, דער האָט זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט מיכלען און אים אונטערגעגעבן מוט און חשק, אַז ער זאָל פאַרזעצן זיין שרייבערישע טעטיקייט, ווייל פון דעם אַלץ וואָס מיכל האָט ביז איצט אָנ־געשריבן און אָפּגעדרוקט האָט ער פאַרויסגעזען, אַז מיכל איז אַ טאַלאַנטיר־טער בחור... ער האָט מיכלען די נייע „נאַגרוזקע" נישט געגעבן, נאָך מער, ער האָט אים צוגעזאָגט צו שאַפן פאַר אים גינסטיקערע באַדינגונגען כדי

ער זאָל האָבן מערער פרייע צייט פאַר זיך און ער זאָל זיך אַזוי אַרום קע־בען אַקטיווער פאַרנעמען מיט זיין ליטעראַרישן שאַפן.

אין בען־אַלין האָבן די בלוטן געזאָטן. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער פיל פרייער צייט וואָס מיכל וועט האָבן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מיכל וועט ביי אים צונעמען דאָס מיידל זיינס.

בערטאַ האָט אָבער נישט דערלאָזט צו קיין קריג. זי איז צוגעגאַנגען צום „טאָטער" און זי האָט מיט איר שיינער, צאַרטער האַנט אים אַרומגע־נומען. זי האָט אים אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— בען־אַלי, איך בעט דיך, קריג זיך נישט מיט מיכלען! איר זענט דאָך צוויי חברים, און איר דאַרפט נישט זיין אייפערזיכטיק איינער אויפן אַנדערן.

מיכל האָט נישט געקענט ביישטיין. עס האָט אים געפלאַמט דאָס פּנים פאַר בושה און אומבאַהאָלפנקייט. ער האָט שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז דאָס נאָכלויפן נאָך בערטאַן האָט קיין שום זינען נישט. ער האָט זי געהאַט פאַר־געטערט, ער האָט וועגן איר געטראַכט ווי וועגן אַ מלאך, אָבער ער זעט דאָך, זי איז פאַלש און אָן אַ נשמה... זי לאָשטשעט זיך צו דעם־אָ מיאוסן „טאָטער" כאָטש זי האָט אים נישט ליב, זי וויל זיך פאַרקויפן צו אים, זי וויל ווערן אַ קאָמיסאַרסקע וויבל!...

ער האָט אומגעריכט פאַר אַלעמען זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, זי צעעפנט מיט אַ קנאַק און פאַרלאָזט די שטוב. ער איז אַרויס אויף דער גאַס און גענומען האַסטיק לויפן. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אַרומ־געקוקט און פאַמעלעך זיך געלאָזט גיין אַהיים. ער איז געגאַנגען און אינע־ווייניק אין אים האָט געגאָגט און געוויייטיקט אַ בענקשאַפט... הויך, איבער זיין קאָפּ, אין הימל, איז אַ בלייכע, אַ בענקנדיקע לבנה געהאַנגען און האָט באַגלייט זיינע טריט.

מיכל האָט איבערגעלעבט שטיל און פאַרבאָרגן די־אָ קליינע ליבע־טראַגעדיע. ער האָט מער בערטאַן פאַר די אויגן נישט געזען. זי האָט זיך גיך אַריבערגעקליבן צו בען־אַלין אין זיין נייער דירה, אויף דער אַריסטאָ־קראַטישער גאַס.

דער זומער איז פאַרשוווּנדן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די געוויינ־לעכע רוסישע זאַווערוכעס און פרעסט וואָס האָבן מיט זיך סיבירישע קעלטן געבראַכט. עס איז נישט געווען גענוג קיין האָלץ און קיין קוילן צו באַהייצן די דירות. פאַר די פאַבריקן, אַנשטאַלטן און אַנדערע רעגירונגס־אונטער־

בעמונגען און אינסטיטוציעס איז גראַד יאָ געווען גענוג האָלץ און קוילן צום הייצן, איז אָבער קיין טראַנספּאָרט נישט געווען מיט וואָס צו ברענגען די באַהייצונג צו די נייטיקע ערטער. מען האָט דערפאַר מאָביליזירט פיל אַרבעטער, און זיי מיט קליינע שליטנדלעך צו דער באַן־סטאַנציע און צום האָפן געשיקט. פון דאָרט האָבן די אַרבעטער געשלעפּט איבער די שנייִקע גאַסן די שליטנדלעך מיט האָלץ און קוילן. מיכל איז אויך געווען פאַרטאָן אין דער־אָ רעטונגס־אַרבעט און ער האָט שוין אָנגעהויבן אײַנגאַנצן צו פאַר־געסן אין בערטאַן.

.19

און פון מאָסקווע זענען אין דעם ווינטער דערגאַנגען צו אָדעס נישט קיין הימלעכע גרוסן.

ערגעץ, הינטער מאָסקווע, אין דעם דאָרף גאָרקי, איז שוין לענין גע־זעסן אָ געליימטער אין אַ שטול אויף רעדלעך. מען האָט דאָס שוין מער פון די ברייטע מאַסן אויסבאַהאַלטן נישט געקענט. מען האָט שוין אויך מער נישט געקענט אויסבאַהאַלטן די קריגערייען צווישן צוויי מענטשן אין דער פירערשאַפט פון דער פאַרטיי און רעגירונג, צוויי מענטשן וועלכע האָבן זיך אַרומגעקריגט און געוואָלט נאָך ביי לענינס לעבן די מאַכט פאַרכאַפּן. מען האָט שוין געהערט און געוווסט וועגן דער קריגערײַ צווישן די גרויסע קאָ־מיסאַרן סטאַלין און טראָצקי.

לענין איז פון צייט צו צייט אַריינגעפאַלן אין אַן אומבאַוווסטזיניקן צושטאַנד. ער האָט פאַרלוירן זיין קלאָרקייט און ער איז געזעסן איינגע־קאָרטשעט און געקוקט מיט פּוסטע אויגן דורך די גלעזערנע טיר און פענצ־טער פון דעם אַלטמאָדישן פּריצישן פּאַלאַץ אויף דער גאַס, אויף וועלכער עס האָט געשאָטן מיט שניי און עס האָט געדרייט אַ ווייס־פּראַסטיקע זאַווע־רוכע. נאָר אַט איז דער באַוווסטזיין צוריק צו אים געקומען. אַ ליכטיקע שיין האָט זיך באַוויזן אין זיינע פאַרמאַטערטע אויגן. עפּעס האָט אין זיין קאָפּ זיך צוריק אַ דריי געטאָן אַ נאַרמאַלער און אַ שכל־דיקער געדאַנק. זיין פּנים איז ערנסט געוואָרן. דערנאָך האָט ער צענומען זיינע דינע, שטייפע ליפּן און האָט אַ ביטערן שמייכל געטאָן. ער האָט זיך געכאַפּט מיט איין האַנט פאַרן האַרצן און פון בוזעם־קעשענע, פון זיין ראָק, האָט ער אַרויס־גענומען אַ פאַרזיגלטן קאָנווערט, אין וועלכן עס איז אַ פּאַפּיר מיט זיין לעצטן ווילן געחתמעט געווען. ער האָט שוין דאָס וויפלטע מאָל, אין דעם

טאָג, איבערגעטראַכט, אַז עס האָט געשלאָגן די שעה, ער וועט מוזן פאַר־לאָזן די וועלט און דעם קאַמף זיינעם, וואָס ער פירט אָן אין דער וועלט. אָבער אין וועמעס הענט וועלן אַריינפאַלן די פעלקער פון דעם גרויסן רו־סישן לאַנד?...

לענין האָט איבערגעטראַכט און איבערגעדענקט אַלץ דאָס וואָס אין די פּאַפּירן פון דעם פאַרמאַכטן קאָנווערט איז באַשריבן. עס איז זיין לעצטע צוואה, זיין לעצטער געבאָט און אָנזאָג, איידער ער פאַרלאָזט די וועלט. ווי פונקען פייער, אַזוי טאַנצן פאַר זיינע אויגן די געשריבענע לעצטע ווער־טער זיינע:

טראָצקי, — געניאַל און פעיִק. ער איז באַליבט ביי די אַרבעטער און סאָלדאַטישע מאַסן. טראָצקי איז דער מענטש וואָס וועט אפשר קענען אי־בערנעמען די אָנפירונג!...

לונאַטשאַרסקי, — אייראָפּעיִש, אינטעליגענט, אָבער וואַקלדיק. אַ גאָט־זוכער און אַ מענטשן־פריינד. שווער זיך צו פאַרלאָזן אויף אַזאַ!... דאָך מעג מען אים אָנגעטרויען...

קאַלינין, — פּראָסט און גוט. אין אים איז פאַרקערפּערט די אייניקייט פון אַ דאָרפישן פויער און אַ שטאָטישן אַרבעטער.

ריקאָוו, — כיטרע, פאַרשטייט אַ זאַך, אָבער שיכורט צו ביסלעך...

בוכאַרין, — טיף, שלאָגט ווי אַ קוואַל. טעאָריעס און פילאָסאָפיעס אָן אַ שיעור...

זינאָוויעוו און קאַמעניעוו, — ערלעכע און באַשיידענע...

און פּלוצים האָט זיך לענין איינגעבויגן. עס האָבן אים קאָנוווּלסן אַ כאַפּ געטאָן און אַ דריי געטאָן. אָט־אָט וועט דער קאָנווערט, אין וועלכן זיין צוואה ליגט, אַרויספאַלן פון זיינע הענט. אַ טרויער האָט זיך צעגאָסן אויף זיין שטאַרבנדיקן געזיכט. נאָר באַלד איז אים צוריק גרינגער געוואָרן. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז איצט ביי די קלאָרע געדאַנקען. ער קען איצט באַ־נעמען די גאַנצע טראַגעדיע פון זיין לאַנד, אויב די מאַכט זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון דעם שטייפן און אויף אַלע קנעפּלעך פאַרשפּיליעטן אַזיאַט, דעם גרוזין סטאַלין...

לענינען האָט איצט שטאַרק באַנג געטאָן פאַרוואָס ער האָט צוריק מיט דריי יאָר פאַרגעשלאָגן דער צ. ק. אַז מען זאָל באַשטימען סטאַלינען אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי. ער איז דאַן שטאַרק געווען פאַרנומען מיט וויכטיקע רעגירונגס־אונטערנעמונגען און ער האָט געמוזט האָבן אַ

געטרײַען מענטשן, װעלכער זאָל אים קענען צײַטװײַליק פֿאַרבײַטן און פֿאַר־טרעטן אין דער פּאַרטײ. ער האָט לאַנג געזוכט צװישן די איבערגעגעבענע, נאָענטע נאָכפֿאָלגער זײַנע, װעלכע זענען געהאַלטן געװען אין שאָטן פֿון דער עפֿנטלעכקײט, עמיצן, װעמען ער זאָל קענען באַשטימען פֿאַר זײַן פּער־זענלעכן סעקרעטאַר און שטעל־פֿאַרטרעטער, און נישט מער... כאָטש דער אָפֿיציעלער טיטל זײַנער זאָל הײסן: גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון צענטראַלן קאָמיטעט פֿון דער אַל־רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטײ (באָלשעװיקעס). און גראָד אין דעם געשטאַלט פֿון דעם פֿאַרבאָרגענעם, פֿאַרביטערטן און פֿאַרהאַרטעװעטן גרוזינער, — האָט זיך אים געדאַכט, — האָט ער דעם פּאַ־סיקן פֿאַרשױן פֿאַר זיך געפֿונען.

לענין האָט זיך אָבער איצט געמוזט מודה זײַן, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות מיט סטאַלינען. ער האָט נישט דערשאַצט זײַן קראַפֿט און זײַנע פֿאַר־באָרגענע אינטריגעס, אַװאַנטורעס און אַנדערערלײ פֿעיִקײטן. לענין האָט שטענדיק געהאַלטן, אַז דזשוגאַשװילי־סטאַלין, דער געשטופּלטער מענטש, מיט זײַן שרעקלעך קאַװקאַזישן אַקצענט, מיט זײַן שװאַכער אָראַטאָרישער קונסט און מיט זײַן קלײנער אַלגעמײנער בילדונג, איז נישט מער װי אַ דורכשניטלעכער פּאַרטײ־פּאַנאַטיקער, אַ דאָגמאַטישער קאָמוניסט, און מיט זײַן איבערגעגעבנקײט און געטרײַשאַפֿט צום אידעאַל האָט ער זיך דער־שלאָגן צו די קאָמאַנדע־הײכן, כאָטש קײן שום פֿעיִקײטן פֿאַר אָנפֿירנדיקער טעטיקײט פֿאַרמאָגט ער נישט. איצט טראָגן זיך אום קלאַנגען װעגן סטאַלינס קאָלאָסאַלע פּלענער, רעאָרגאַניזאַציעס און אינטריגעס אין דער פּאַרטײ. איצט זעט לענין אײן דעם גרויסן טעות װאָס ער האָט געמאַכט מיט אַרױס־רוקן סטאַלינען...

— פֿאַרפֿאַלן!...

— און אפֿשר איז נאָך נישט צו שפּעט, אים צו באַזײַטיקן?...

לענין האָט אַראָפּגעבױגן זײַן שװערן קאָפּ צו דער ברוסט. אַ געדאַנק, װי אַ ליכטיקער שטראַל האָט אין זײַן קאָפּ אַ בליץ געטאָן. ער האָט זיך צע־לאַכט. ער האָט איצט געלאַכט אַזױ װי אין די טעג פֿון זײַנע זיגן, װען ער איז געזונט געװען און איז געשטאַנען בײַם רודער פֿון דער באָלשעװיסטישער איבערקערעניש, װעלכע האָט אױפֿגעטרײסלט די װעלט. ער האָט געלאַכט מיט אַ פֿאַרױסגעזעענעם נצחון: ער האָט דאָך שױן אין דער צװאה אַלץ באַ־װאָרנט. אױב נישט בײַ זײַן לעבן איז נאָך זײַן טױט, אָבער דעם טעות װאָס ער האָט געמאַכט מיט סטאַלינען װעט ער פֿאַרריכטן. סטאַלין טאָר נישט

זיין דער האַר און מושל איבער די פעלקער פון רוסלאַנד! פון זיין צוואה וועט דאָס קלאָר ווערן, און מען וועט אים פון דער אויבער־מאַכט באַזייטיקן...

און כדי זיכער צו זיין, אַז זיין צוואה וועט נאָך זיין טויט נישט גע־פעלשט ווערן, האָט ער צו זיך אַריינגערופן זיין פרוי, נאַדיעזשדאַ קרופּס־קאַיאַ, און איר געבעטן, אַז זי זאָל מאַכן עטלעכע פּאָסטאָטאָטן פון דער צוואה און זיי באַהאַלטן. נאָך זיין טויט זאָלן די פּאָסטאָטאָטן צעשיקט ווערן צו זיינע נאָענטסטע פריינד און מיטאַרבעטער כדי זיי זאָלן וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען...

די קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן אין דעם רו־סישן לאַנד.

ביסלעכוויז האָבן לענינס כוחות אָנגעהויבן אויסצוגיין... ער האָט זיך געראַנגלט צווישן לעבן און טויט, צווישן פּאַרלירונג און אויפוואַכונג פון זיין פאַרשטאַנד און זיין באַוווסטזיין. ער האָט געהייסן אַרויסרופן דעם גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי. נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ האָט זיין ביטע אויסגעפאָלגט.

גיך איז סטאַלין געקומען צופאָרן אין דער באַגלייטונג פון אַ סוויטע שטאַרק־באַוואָפנטע אַגענטן פון דער ג.פּ.או. לענין האָט אויף אים אַ שטאַרקן קוק געטאָן און אים איבערגעגעבן דעם פאַרזיגלטן קאָנווערט, און שוואַך אַרויסגערעדט:

— איך גלייב אין אָרדענונג און אין דיסציפּלין אין די רייען פון דער פּאַרטיי, און דערפאַר גיב איך דיר, ווי דעם אָפיציעלן גענעראַל־סעקרע־טאַר, איבער מיין צוואה. באַהאַלט זי אין סייף. אין פיר און צוואַנציק שעה נאָך מיין טויט, זאָלסטו דעם־אַ פאַרזיגלטן קאָנווערט פון דעם סייף אַרויס־נעמען און אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע מיטגלידער פון דער פּאָליט־ביוראָ און פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, ווי אויך אין דער אָנוועזנהייט פון אַלע רעגירונגס־קאָמיסאַרן און פּראָפּאַראיין־פירער, זאָלסטו דעם קאָנ־ווערט אויפרייסן און מיין צוואה איבערלייענען. דערנאָך זאָל מען מיין צוואה פאַרעפנטלעכן אין דער פּאַרטייִשער און סאָוועטישער פּרעסע. איך וויל, אַז די פעלקער פון רוסלאַנד זאָלן מיין אָנזאָג וויסן!...

— עס וועט זיין ווי דו ווילסט, מיין פירער! — האָט סטאַלין שטיל און מיט אַ שטאַרקן נישט־רוסישן אַקצענט אַרויסגעזאָגט די ווערטער און עס האָט זיך געפילט אַן אויפריכטיקער טרויער און אַ ציטער אין זיין קול.

לענין האָט דאָס באַמערקט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: אַ הונט טרויערט דאָך אויך איבערן טויט פון זיין באַלעבאָס... אַ צופרידענער און אַ באַרויִקטער האָט ער אָנגעהויבן צו דרימלען. די געדאַנקען האָבן זיך אים ווידער אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן. ער האָט נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן מיט אַ קלאָרן זינען: פאָרמעל האָב איך שוין אַלץ געטאָן ווי עס דאַרף צו זיין!... און...

לענין איז געשטאָרבן.

סטאַלין איז באַלד צוריק אַוועק אין קרעמל. ער האָט קיינעם צו זיך נישט צוגעלאָזט. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין קאַבינעט, אַוועקגעלייגט דעם פאַרזיגלטן קאָנווערט אויף זיין שרייבטיש און לאַנג אויף אים געקוקט. פּלוצים האָט ער באַשטימט: „איך מוז אַלץ אויף פריִער וויסן, וואָס אין דער צוואה איז געשריבן, אויב איך וויל אָנגיין מיט מיין פּלאַן און בלייבן ביי דער מאַכט״. ער האָט איין האַנט פאַרלייגט אויף הינטן, מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער צעשפּיליעט אַ קנעפּל פון זיין ראָק. די האַנט איז געבליבן ליגן אויף זיין ברוסט. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ. אין דער־אָ פּאָזע, אין דער כמעט סאָלדאַטישער כאַקי־אוניפאָרם, מיט די שוואַרצע און גלאַנציקע רוסישע שטיוול אויף זיינע גרויסע אומגעלומפּערטע פיס, האָט ער איצט אויסגעזען ווי אַ נייער רוסישער צאַר, אַ גילגול פון דעם פאַרצייטיקן יאָהאַן גראָזני. ער איז באַלד צו צום טיש און האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט... ער האָט גענומען לייענען... זיין פּנים איז געוואָרן נאָך שוואַרצער און בייזער ווי שטענדיק. אין די קליינע, שמאָלע אויגן זיינע האָט אַ וואָלפיש פּייערל געברענט. אין דער צוואה איז געווען אַן אָנזאָג ווער עס זאָל אַ וועלכע פּאָסטנס פאַרנעמען, און אויף וועלכע וועגן מען זאָל ווייטער פירן דאָס לאַנד. עס זענען אויסגערעכנט די נעמען פון אַלע פירער, אָבער זיין נאָמען ווערט נישט דערמאָנט...

סטאַלין האָט געלייענט דאָס צווייטע און דאָס דריטע זייטל פון דער צוואה. אַלץ איז געווען פּילפּול. לענינס אָנשטעל און פילאָסאָפיע... און פּלוצים אַ שורה: סטאַלין איז אַ בייזער, אַ דעספּאָטישער אַזיאַט. מען טאָר אים נישט דערלאָזן צו דער מאַכט. עס וועט זיין אַ קאַטאַסטראָפע. סטאַלין איז אַ „קאַשאַוואַר״, ער וועט פאַרקאָכן אַזאַ קאַשע, אַז קיינער וועט זי נישט קענען עסן! דאָך דאַרף מען אין זינען האָבן זיין אומבאַגרענעצטע געטרייִשאַפט צו דעם אידעאַל פון קאָמוניזם. מען דאַרף אים געבן אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אין זיין אידעאַל, אָבער בשום אופן טאָר מען אים נישט

לאָזן אָנפירן נישט מיט דער פּאַרטיי און נישט מיט דער רעגירונג. מען מוז אויף סטאַלינען האַלטן אַן אויג. מען טאָר אים צופיל נישט טרויען!

סטאַלין איז געבליבן פאַרגליווערט מיט דער צוואה אין די הענט. עס האָט ביי אים אַפילו קיין אָדער אויף זיין פּנים קיין ריר זיך נישט געטאָן. ער האָט שנעל צוריק אַריינגעלייגט די צוואה אין קאָנווערט, צעעפנט דעם אייזערנעם סייף און ער האָט מיט אַ ווילדן כעס אַ שליידער געטאָן דעם קאָנווערט אין סייף און פאַרהאַקט די טיר.

לענינס פרוי, נאַדיעזשדאַ קרופּסקאַיאַ, וועלכע האָט לויט איר מאַנס פאָדערונג געמאַכט אַ צאָל פּאָטאָסטאַטן פון דער צוואה, האָט זי אויפן אַנדערן טאָג, באַלד נאָך לענינס טויט צעשיקט, און אַליין פּערזענלעך צעטיילט, צו עטלעכע אירע און לענינס אָנפאַרטרויטע און נאָענטע פריינד. אויך טראָצקי און דער פאָלקאָווניק איוואַנאָוו, וועלכער האָט איצט אין מאָסקווע געוווינט, האָבן אַזעלכע פאָטאָסטאַטן באַקומען.

דער פאָלקאָווניק איוואַנאָוו האָט די קאָפּיע פון לענינס צוואה, דעם פאָטאָסטאַט, ביי זיך באַהאַלטן און האָט מיט קיין וואָרט קיינעם גאָרנישט וועגן דעם געזאָגט. ער האָט באַשטימט צוצוואַרטן און שווייגן, זען וווהין דער ווינט וועט בלאָזן...

אָבער טראָצקי האָט וואַרטן און שווייגן נישט געטאָרט. ער איז אין דער נאַכט פון לענינס טויט געשלאָפן אין זיין אָנטאָן. ער איז געלעגן אויף אַ קאַנאַפּע, זיך אַלע מאָל אַ כאַפּ געטאָן ביי זיין שפּיציק בערדל, געקוקט מיט זיינע קלוגע, גרויסע אויגן ערגעץ אין דער ווייטקייט און ער האָט פיל געטראַכט. ער האָט די לאַגע אַלזייטיק אָפּגעשאַצט: „ניין, גלאַט וועט אַלץ נישט אַדורך. מען וועט מוזן קעמפן!"

עס האָט זיך געגרייט אַ פאַרביטערטער קאַמף פאַרן „טראָן": ווער זאָל לענינס פאַרטרעטער און יורש ווערן?!...

די ידיעה וועגן לענינס טויט האָט זיך שנעל צעשפּרייט איבערן לאַנד. פון קרעמל, פון מאָסקווע, קיעוו, מינסק און פיל אַנדערע שטעט און דערפער זענען צו דעם פירערס הויז, אין דעם דאָרף גאָרקי, זיך צונויפגעלאָפן די גאַנצע פּאָליט-ביוראָ, אַלע מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און אַלע הויכע רעגירונגס-קאָמיסאַרן. מען איז געשטאַנען אַרום טויטן קערפּער פון דעם, וואָס עס איז אַמאָל דער אומבאַשטרייטבאַרער פירער געווען און מען האָט צעמישט און פאַרלוירן געקוקט איינס אויפן אַנ-

דערן מיט גרויס פאַרדאַכט. ביי יעדן איינעם איז געווען דער זעלבער געדאַנק: „ווער איז דער יורש?".

אויפן דריטן טאָג איז דער אָרון מיט לענינס קערפּער אַריבערגעפירט געוואָרן פון דעם דאָרף גאָרקי קיין מאָסקווע. פיר טעג איז לענין געלעגן אין דעם באַלויכטענעם קאָלאָנען־זאַל. מען האָט אָפּגעשטעלט אַלע אַרבעטן אין לאַנד און מען האָט געטריבן מאַסן אַרבעטער און פּויערים זיך צו געזעגענען מיטן פירער. אויפן רויטן פּלאַץ, לעבן דעם קרעמל, האָט מען אויסגעבויט אַ מאַוזאָליי פאַר לענינס באַלזאַמירטן קערפּער. דער מת איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַהין פאַר זיין שטענדיקער רו.

אין די טעג האָט זיך פאַרזאַמלט דער פּלענום פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, און עס איז אויך פאַרגעקומען אַ טרויער־זיצונג פון דעם אַל־רוסישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן. סטאַלין איז אין די טעג געווען אויף דער וואַך. זיין גאַנצע ענערגיע פון זיין נישט אויסגענוצטער טעטיקייט אין די פיל שוויגנדיקע יאָרן האָט ער איצט פאַרזאַמלט און זיך אַ וואָרף געטאָן אין קאַמף פאַר דעראָבערן די מאַכט. קיינער האָט סטאַלינען אַזוי לעבהאַפט, ווילד, פאַרכאַפּעריש און דאָך זאַכלעך, קיין מאָל נישט געזען. מען האָט אויף אים געקוקט מיט שרעק. ער איז געקראָכן פאָרויס, זיך געשטופּט דער ערשטער צו האַלטן רעדעס און צו געבן באַפעלן. אין איינציקע פאַלן איז ער געווען באַרעכטיקט צו דעם. ער איז דאָך פאָרט דער פאָרמעלער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי געווען, און אַלס אַזעלכער האָט ער אויך די טרייהייט־שבועה, אין נאָמען פון אַלע קאָמוניסטן, צום פאַרשטאָרבענעם פירער געגעבן. ער האָט זיך צעשריגן:

„מיר, קאָמוניסטן, זענען מענטשן פון אַ באַזונדערן שניט. מיר זענען אויסגעקנאָטן פון אַ באַזונדערן מאַטעריאַל. מיר זענען לענינס נאָכפאָלגערס" — ער האָט פּלוצים אָנגעהויבן שטאַמלען, אַ געשריי געטאָן אַ וואָרט אין גרוזיניש, פאַרגעסנדיק, אַז דאָס וואָרט איז נישט קיין רוסישס. און פּלוצים האָט ער מיט אַ טרויער און מיט אַ פאַרשטאַרקטן קאַווקאַזישן אַקצענט פאַרגעזעצט: — אַוועקגייענדיק פון אונדז, האָט לענין אונדז פאַרזאָגט צו פאַרניכטן די קאַפּיטאַליסטן אין דער גאַנצער וועלט און צו פאַרברייטערן דעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע רעפּובליקן, מיר שווערן, אַז מיר וועלן דעם דאָזיקן אָנזאָג אויספילן!....

טראָצקי האָט מיט זיינע אָדלער־אויגן אַ קוק געטאָן אויף בוכאַרינען און ער האָט באַלד אָנגעשריבן אַ צעטעלע צו אים: „לענין האָט איבערגע־

לאָזט אַ צוואה. דו ווייסט וועגן דער צוואה?... מען דאַרף פאָדערן פון סטאַ־לינען, אַז ער זאָל די צוואה איבערלייענען!... מען דאַרף די צוואה אויך אין די צייטונגען פּובליקירן".

בוכאַרין האָט דערשראָקן אַ קוק געטאָן צו טראָצקין. ער האָט אָבער באַלד אים אָנגעשריבן אַן ענטפער: „דו האָסט רעכט! פּרווו עפּעס טאָן!..."

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פאַר דער מאַכט.

טראָצקי האָט רעוואָלטירט. ער איז אַרויס אין אַן אָפּאָזיציע. סטאַלין האָט זיך נישט ווײסנדיק געמאַכט, גלייך ווי קיין שום צוואה האָט גאָר לע־בין נישט איבערגעלאָזט. עס האָט זיך כּלומרשט אָנגעהויבן אַן אידעאָלאָ־גישער קאַמף צווישן סטאַלינען און טראָצקין. אין דער צייטונג „פּראַוודאַ" האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אַ דיסקוסיע־בלעטל. טראָצקי האָט געפאָ־דערט: אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד. סטאַלין האָט געפאָדערט קאָלעקטי־וויזירן דאָס לאַנד.

אָבער קינד און קייט האָבן שוין געוווּסט, אַז נישט פאַר די אידעאָלאָ־גיעס גייט אַן דער קאַמף, נאָר פאַר דער ירושה!...

לאַנגע חדשים האָט זיך די דיסקוסיע געפירט, צווישן סטאַלינען און טראָצקין, אויף די שפּאַלטן פון דער באָלשעוויסטישער „פּראַוודאַ". אין די שטעט און אין די דערפער, אין די באַנען און אויף די שיפן, און ווו נאָר עס האָבן זיך עטלעכע מענטשן צוזאַמען געטראָפן, האָט מען צווישן זיך דיסקוטירט, זיך געקריגט און זיך געשלאָגן. דאָס גאַנצע, גרויסע רוסיש לאַנד איז געווען צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, אויף „סטאַליניסטן" און אויף „טראָצקיסטן". עס האָט געדויערט אַזוי לאַנג ביז טראָצקי איז אַרויס מיט אַן אָפענער פאָדערונג:

„זאָל סטאַלין פאַרעפנטלעכן די צוואה וואָס לענין האָט איבערגע־לאָזט!"

דאָס זענען געווען טראָצקיס לעצטע ווערטער. מער האָט מען שוין וועגן אים אין רוסלאַנד נישט געהערט, גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיין מאָל קיין טראָצקי נישט עקסיסטירט.

.20

אין דער רעגירונגס שוך־פאַבריק פון דער שטאָט אָדעס, ווי אויך אין אַנדערע רעגירונגס־פאַבריקן און אַנשטאַלטן פון דער שטאָט און פון דעם

גאַנצן לאַנד, האָט מען כמעט נישט געאַרבעט. מען האָט געהאַלטן אין איין דיסקוטירן, געוואַלדעוועט און זיך אַרומקריגן. יעדן טאָג זענען פאָרגעקומען מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. פיל האָבן געשריגן, אַז טראָצקי איז גערעכט און אייניקע האָבן געהאַלטן מיט סטאַלינען. קיינער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס איז געשען, אָבער סטאַלינס נאָמען איז מיט אַמאָל שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן. עס האָט זיך באַלד נאָך דעם, אין אַ גאָר קורצער צייט געשאַפן אַזאַ לאַגע, גלייך ווי עמיצער וואָלט מיט אַ כּישוף־שטעקעלע אַ מאַך געטאָן און אַ מין קונץ געשאַפן: די מערהייט אַרבעטער און פּויערים, די רויטע אַרמיי און דער רויטער פלאָט זענען געוואָרן געשטימט צו גונסטן סטאַלינען און קעגן טראָצקין.

דער סעקרעטאַר פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט ביי דער שוך־פאַבריק, טאָוואַרישטש פּנחס לעוויט, האָט זיך אין די ערשטע טעג פון דער דיסקוסיע געדרייט אויפן קאָריק, געשטאַמלט עפּעס נישט אַהין און נישט אַהער, און מען האָט נישט געקענט דערגיין פון אים קלאָר צי ער האַלט מיט סטאַלינען אָדער מיט טראָצקין. דערפאַר האָט ער אָבער איינגעפירט אַ „ברייטע״ דעמאָקראַטיע ביי די מיטינגען. ער האָט יעדן איינעם געגעבן דאָס וואָרט און געלאָזט רעדן וויפל מען האָט נאָר געוואָלט. די גאַנצע פּראָבלעם האָט ער געלאָזט דערטרונקען צו ווערן אין אַ ים פון פּוסטע ווערטער. ער האָט צוגעגעבן מוט צו יעדן רעדנער:

— עס איז אַ פרייע דיסקוסיע און יעדער איינער איז באַרעכטיקט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג און זיין איבערצייגונג, צי דאָס לאַנד דאַרף גיין אויפן וועג פון קאָלעקטיווער לאַנדווירטשאַפט, אַזוי ווי חבר סטאַלין פּראָקלאַמירט דאָס, אָדער דאָס לאַנד זאָל גיין אויפן וועג פון שווערער אינדוסטריאַליזירונג, אַזוי ווי חבר טראָצקי וויל.

אַליין אַרויסזאָגן זיין מיינונג האָט פּנחס לעוויט נישט געוואַגט. ער האָט געפאָדערט, אַז אַנדערע זאָלן רעדן, און שפּעטער וועט ער רעזומירן אַלע אַרויסזאָגונגען און ער וועט שוין אויך דאַן זאָגן זיין מיינונג און זיין שטעלונג.

סטאַלינס פאָדערונג: „קאָלעקטיווע לאַנדווירטשאַפט״ האָט דעם אויסגעהונגערטן מענטשן געגעבן אַ האָפענונג פאַר אַ בעסער און זאַטער לעבן. עס וועט זיין גענוג ברויט פאַר זיך, פאַרן ווייב און פאַר די קינדער. עס וועט זיין וואָס צו עסן, אַ סך עסן!... — נאַיִווע און איבערגעשראָקענע מענטשן האָבן זיך אויף דער וועגנקע און אין דער נעץ געלאָזט גרינג כאַפּן.

טראָצקיס פאָדערונג: „שווערע שטאַטישע אינדוסטריע” האָט דעם אויסגעהונגערטן מענטשן געשראָקן מיט ווייטערדיקע ליידן, שווערערע אַר־בעט און אַ גרעסערן הונגער. נאַיווע און איבערגעשראָקענע מענטשן האָבן די־אָ ווענטקע און נעץ אויסגעמיטן.

בען־אַלי, וועלכער האָט אַמאָל געדינט אין דער רויטער אַרמיי, אין אַ קאָזאַקישער דיוויזיע פון דער קאַוואַלעריע, האָט פיל מאָל געזען דעם קריגס־קאָמיסאַר, ליעוו טראָצקי, רייטנדיק אויף אַ ווייס פערד, באַזוכנדיק אַלע פראָנטן, און מיט זיין פערזענלעכער אָנוועזנהייט אויף די פראָנטן, האָט טראָצקי געשטאַרקט די דיסציפּלין פון די רויטאַרמייער. טראָצקי איז געווען דער ליבלינג־קאָמיסאַר פון אַלע סאָלדאַטן, מאַטראָסן און קאָזאַקן פון דער רויטער אַרמיי. בען־אַלי האָט, ווי אַנדערע טויזנטער, געגלויבט און געליבט טראָצקין און דערפאַר איז ער באַלד, ווי נאָר די עפנטלעכע דיסקוסיעס האָבן זיך אָנגעהויבן, אַרויסגעטראָטן אויף די פיל מיטינגען און פאַרזאַמ־לונגען, ווי אַ געטרייער פאַרטיידיקער פון טראָצקין און אַ פאַרביסענער קעגנער פון סטאַלינען. ער האָט מיט זיין נאָך אַלץ צעקאַליעטשעטן רוסיש געשטורעמט די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, שרייענדיק:

— טאָוואַרישטשי, שוועסטער און ברידער! איך האָב מיין בלוט פאַר־גאָסן פאַר דער סאָוועטן־מאַכט, פאַרן באָלשעוויזם און פאַרן קאָמוניזם! און ווער מיינט איר איז צוזאַמען מיט מיר און מיט די אַנדערע מיליאָנען קאָ־זאַקן און רויטאַרמייער, אַזוינע ווי איך, אויף די פראָנטן געווען? — טראָצ־קי! ער, טראָצקי, דער צווייטער נאָך לענינען, איז מיט אונדז אויף די פראָנטן געווען! און ווער איז סטאַלין?... ווער איז ער?... פאַרוואָס האָבן מיר קיין מאָל וועגן אים נישט געהערט?... קענען מיר דען אָנפאַרטרויען די פירער־שאַפט מיט אונדזער לאַנד צו אַ מענטשן וועלכן מיר קענען נישט און ווייסן נישט?... — טראָצקי, נאָר טראָצקי, ער דאַרף פאַרנעמען לענינס פּלאַץ! זאָל לעבן טראָצקי!...

מיט זיינע רעדעס פאַר טראָצקין איז בען־אַלי אויסגעוואַקסן זייער הויך אין די אויגן פון די אַרבעטער אין דער פאַבריק. אָבער פּלוצים איז עפּעס מיט בען־אַלין געשען. ער האָט אָנגעהויבן ווייניקער זיך צו באַווייזן אויף די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. ער איז אומגעלאָפן צווישן די פיל באַקאַנטע הויכע קאָמיסאַרן און פאַראַנטוואָרטלעכע קאָמוניסטן און זיך ביי זיי נאָכגעפרעגט:

— וואָס ווילט איר פון מיר? ווי אַזוי דען האָב איך געזאָלט רעדן? איז

דאָס דען נישט קיין פרייע דיסקוסיע?... נו, איצט פאַרשטיי איך שוין גאָר־נישט! גוט, איר ווילט, אַז איך זאָל שווייגן!... גוט־גוט, איך וועל שוין שווייגן!...

די הויכע קאָמיסאַרן און די פאַראַנטוואָרטלעכע קאָמוניסטן זענען אויך געווען מערסטן טייל אין אַ פאַרלוירנקייט, אָבער זיי האָבן שוין אָנגעהויבן איינצוזען, אַז פון דעם קאַמף וועט סטאַלין אַרויס דער זיגער, און זיי האָבן ביי זיך געפּועלט אויף שנעל, כל־זמן עס איז דאָ צייט, זיך צוטשעפּען אין סטאַלינס ליניע, זיי האָבן אין דעם פּרט אַ גרויסע דעמאַגאָגישע חכמה אַרויסגעוויזן און זיי האָבן זייער ביטערניש צו דעם שווער־דענקעוודיקן בען־אַלי אויסגעלאָזט:

— אַז דו פאַרשטייסט גאָר נישט, טאָ שטופּ זיך נישט מיט קיין רעדעס, שווייג!...

בען־אַלי האָט אַ פאַרשעמטער און אַ צעוויטיקטער אונטערגעפּאַקט מיכלען און צו אים זיין כעס אויסגעלאָזט:

— וואָס זעט מען דיר נישט? וואָס באַהאַלסטו זיך אויס? עס גייט אָן אַ קאַמף, מען פירט דיסקוסיעס, עס איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט, און דו ביסט נישטאָ! מען זעט דיר נישט אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער פּאַר־טיי און נישט אויף די מיטינגען פון דער פאַבריק! וואָס פאַר אַ קאָמוניסט ביסטו?...

— איך בין קראַנק! — האָט מיכל זיך פאַרעפנטפערט, — זעסט דען נישט אויף מיר, בען־אַלי, אַז איך בין קראַנק?... געהאַט אַ לויפעניש, מיט בלוט, געמיינט אָלסערס... דאָס איז פון די עסנס... פון דעם הונגער אין די קינדער־יאָרן... איצט פיל איך זיך שוין אַביסל בעסער!...

בען־אַלי האָט אָוועקגעפירט מיכלען אויף אַ זייט. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן. ער האָט שטיל און מיט אַ מין שיפע זיך ביי מיכלען געבעטן:

— מיכאַ׳ל, טו מיר אַ טובה, איך בעט דיך, קום היינט צו גיין צו מיר אַהיים, איך וויל מיט דיר וועגן עפּעס רעדן... דו ביסט דאָך אַ געבילדעטער, דו ווייסט דאָך אַ סך זאַכן בעסער פון מיר. דו מוזט מיר עפּעס אויפקלערן... איך בעט דיך, קום!

מיכל האָט אים באַטראַכט מיט אַ נייגעריקער מיטלייד. אַזאַ־אַ פאַר־לוירענעם, אַ צעטראָגענעם און דערשראָקענעם, האָט ער אים דאָס ערשטע מאָל געזען. עפּעס האָט זיך אַ ריס געטאָן ביי מיכלען אין האַרצן. דער רחמ־

גות־געפיל האָט אין אים געזיגט: — גוט, בען־אַלי, איך וועל היינט פאַר־נאַכט צו דיר קומען!

בען־אַלי איז אַוועק און מיכל איז געבליבן שטיין. ער האָט אים נאָכ־געקוקט און געטראַכט: „פיליכט איז ער גאָרנישט אַזאַ שלעכטער ווי איך האָב געמיינט? מענטשן בייטן זיך!“ אין דער רגע האָט מיכל זיך זעלבסט פיינט באַקומען. ער האָט זיך באַטראַכט ווי אַ פייגלינג, אַ פּחדן, אַ היפּאָק־ריט און אַן אָפּאָרטוניסט. אמת, ער האָט זיך טאַקע אַביסל געפילט נישט געזונט, אָבער ער האָט דעם צופאַל אויסגענוצט, גענאַרט די דאָקטוירים, אויסגעטראַכט אין זיך ווייטיקן וועלכע ער האָט גאָר נישט געהאַט, און ער האָט דאָס אַלץ געטאָן כדי צו באַקומען פון די דאָקטוירים אַ באַרעכטיקונג פאַר נישט קומען צו דער אַרבעט און אַזוי אַרום זיך נישט באַטייליקן אין די דיסקוסיעס אויף די מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. ער איז אַנטלאָפן פון דערווירקלעכקייט, זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויסגעמיטן צו נעמען אַ שטעלונג!... נידעריק און מיאוס איז ער געפאַלן!...

ער האָט אָבער באַלד באַרעכטיקט זיין טאַט: צוליב וואָס זיך מישן? די קרעמלער קאָמיסאַרן וועלן אָן מיין מיינונג שוין אַדורכקומען!

ער האָט הפקרדיק אַ שפּיי געטאָן, און אויפן שטייגער פון די צעכראַס־טעטע יונגען זיך צעשפּאַנט אונטערפייפנדיק די מעלאָדיע פון דעם לידל „עך, עפּעלע, ווהין קייקלסטו זיך!“...

פאַרנאַכט איז מיכל אַוועק צו בען־אַלין. עס איז געווען אַ געמיטלע־כע פיר־צימערדיקע דירה, אויסגעשטאַט איינפאַך, נאָר מיט פיל געשמאַק, מיט אַ ריר פון אַ צאַרטער פרויען־האַנט. ביי אַ וואַנט איז געשטאַנען אַ שטעל מיט פּאָליצעס פון דעם פּאָל ביז צו דער סטעליע, אָנגעפילט מיט ביכער, אויסשליסלעך רוסישע ביכער, פּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע גע־שיכטעס, ווי אויך פיל ראָמאַנען וועגן דעם בירגערקריג. מיכל איז איבער־ראַשט געווען: „ווער לייענט דאָס דאָ די ביכער, בען־אַלי?... בערטאַ?... צי אפשר איז דאָס אַזאַ אָנשטעל, אַז מען זאָל פילן, אַז דאָ וווינט נישט אַבי ווער, נאָר אַ קאָמוניסטישער קאָמיסאַר“...

בערטאַ האָט מיכלען אויפגענומען וואַרעם און העפלעך. איר שלאַנקע פיגור איז נאָך שלאַנקער געוואָרן און זי איז נאָך מער צויבערלעך געווען איצט און אויך שענער ווי פריִער. ווען ער האָט צו איר געגלוסט און איז געווען גרייט אויפריכטיק און ערלעך זיך אין ליבע איר דערקלערן און זי

פאַר אַ ווייב פאַר זיך נעמען. זי האָט איצט צוריק אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַ מלאך. זי האָט אויסגעזען צו זיין זייער צופרידן און אַפילו גליקלעך.

— טאָוואַרישטש קרוגער! — האָט זי גוטמוטיק און פאַרמעל זיך צו אים אָנגערופן, — וואָס מאַכט איר, טאָוואַרישטש קרוגער?...

באַלד איז אַרויסגעקומען פון אַ צווייטן צימער בען־אַלי. ער האָט אים מיט אויסגעשפּרייטע הענט באַגעגנט. — ביסט געקומען!... אָ, איך בין זייער צופרידן!...

אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלעשל זעקס־און־ניינציקער, די אמתע וואָדקאַ, ווי אויך אַ גוט אויסגעבראָטן הינדל, זויערע אוגערקעס און „סאָל־דאַטסקע" שוואַרץ ברויט. בערטאַ איז אַרויסגעקומען מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט. דאָס קינד איז געווען שוואַרץ, געראָטן אין דעם פאָטער און דאָך איז דאָס נישט געווען מיאוס. עס האָט אין זיך געהאַט עפּעס פון דער מו־טערס שיינקייט. בען־אַלי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מיכלען, געוואָלט זיך פאַר אים אויספּיינען, אָבער בערטאַ האָט אים איגנאָרירט, אים נישט גע־זען, זיך אויפגעפירט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט גאָר דאָ נישט געווען. ער האָט זיך געפילט נישט גוט. אַ טרויער איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך אַרומ־געזען אין זיין איינזאַמקייט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „אַלע חברים מיינע זענען שוין אויף אַ וועג, האָבן שוין אַ היים, ווייבער, קינדער, און נאָר איך בין נאָך אַלץ ביים אָנהייב"...

דער בראָנפן האָט אים צעוואַרעמט. ער איז געוואָרן אַביסל שיכור'לעך, אָבער זיינע געדאַנקען זענען געווען קלאָר, ער האָט געוווסט צוליב וואָס ער איז אַהער פאַרבעטן געוואָרן. בערטאַ איז אַרויסגעגאַנגען מיטן קינד אין אַן אַנדער צימער און זי האָט זיך שוין מער נישט באַוויזן. בען־אַלי איז צו־געטראָטן צו דער זאַך.

— מיכאַ'ל, איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן. דער סעקרעטאַר אונדזערער פון דעם פאַרטיי־קאָמיטעט, פּנחס לעווויט, האָט אונדז פאַרראַטן. ער האָט קיין שום אויפקלערונג פון די געשעענישן אונדז נישט געגעבן. ער האָט אונדז אויסגענוצט פאַר זיין אייגענער קאַריערע. ער האָט אונדז אַרויסגעשטעלט אַלס רעדנער און אַליין צוגעוואַרט, אַליין זיך באַהאַלטן אונטער אונדזערע געשרייען און קריגערייען, און קיין איין מאָל מיט קיין איין וואָרט נישט אויפגעקלערט מיט וועמען מיר דאַרפן גיין. איצט איז ער אַ געטרייער סטאַ־ליניסט, און איך בין אַ טראָצקיסט!... — ער איז נערוועז געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן היסטעריש צו שרייען: — ווייַ איז מיר, ווי אַזוי האָב איך דען

געקענט וויסן, אַז טראָצקי איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און אַ שפּיאָן, אַז איך האָב דאָך די גאַנצע צייט געוווּסט, אַז ער איז דער קריגס־קאָמיסאַר, דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער רויטער אַרמיי, דער ליבלינג פון די מאַסן!... ווײ, ווײ, איצט איז טראָצקי אַרעסטירט און איך בין פאַררעכנט פאַר אַ טראָצקיסט!... וואָס זאָל איך טאָן? ווי אַזוי ראַטעווען מען זיך?...

אין דעם מאָמענט האָט מיכל געהאַט אַ משוגענעם פאַרגעניגן צו זען ווי אַזוי בען־אַלי לײַדט, ווי ער איז נערוועז און היסטעריש, ווי ער פאַר־לירט דעם באָדן אונטער זיך און אָט־אָט וועט ער פאַלן, פאַלן אין אַפּגרונט.

— יאָ, האָסט זיך פאַרפּלאָנטערט, מײַן פרײַנד, — האָט מיכל גלײַכ־גילטיק געזאָגט, — פון קיין אײַלעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס. האָסט נישט באַדאַרפט מיט אַזאַ ברען פאַרטיידיקן טראָצקין!

— אָבער טראָצקי איז דאָך פאָרט געווען דער... — ער האָט נישט דערדערדט. טרערן האָבן זיך פון זײַנע אויגן אַ גאָס געטאָן. ער איז צוגעפאַלן צו מיכלען און אויף אַ קול זיך צעוויינט, — טראָצקי איז אַ קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנער?... אוי, מיכל, מיכאַל העלף מיר, איך פאַרשטיי גאָרנישט, איך האָב מורא, אַזוי מורא!...

מיכל האָט אים אַרומגענומען. איצט האָט ער צו אים דערפילט אַ רח־מנות, אַ גרויס רחמנות. ער האָט פאַר זיך דערזען בען־אַלין ווי אַן אומבאַ־האָלפן נאַריש קינד, וואָס נאָר אין אַזאַ צײַט פון אומרו און כאַאָס האָט ער געקענט זיך צעוואַקסן ווי אַ העלד, און דערפאַר האָט ער קיין שטייפן רוקנ־ביין נישט פאַרמאָגט און האָט זיך אַזוי גרינג געבראָכן...

— באַרוּיק זיך, בען־אַלי, דו ביסט נישט איינער אַליין אין אַזאַ־אָ לאַ־גע. עס זענען פאַראַן טויזנטער אַזעלכע ווי דו, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר טראָצקין און קעגן סטאַלינען. וואָס מיט זיי וועט זיין, וועט זיין אויך מיט דיר. יעדנפאַלס איז דאָך דאָס געווען אַ פרייע דיסקוסיע. יעדער איינער האָט געהאַט דאָס רעכט צו זאָגן דאָס וואָס ער האָט געפילט און געגלויבט...

— מיכל, מיכל, מיינסט דאָס ערנסט?...

— האָבן מיר דען נישט קיין פרייהייט פון וואָרט? — האָט מיכל סאַר־קאַסטיש אויסגערופן.

— שפּיל נישט אויף מיינע נערוון! — האָט בען־אַלי אויסגעשריגן, — איך האָב דיך פאַרבעטן צו זיך ווי אַ חבר. איך וויל וויסן דיין מיינונג. זאָג מיר אָפן! קיינער איז דאָ נישטאָ. בערטאַ איז אין אַן אַנדער צימער. זי הערט אונדז נישט. איך וויל וויסן וואָס צו טאָן. דו ביסט קליגער פון מיר. פון

קינדווײז אָן, געדענק איך, ביסטו געגאַנגען אין די שקאָלעס און גימנאַזיעס און דו ביסט שטענדיק געווען אַ קלוגער און אַ געבילדעטער. זאָג מיר דעם אמת, מיט וועמען ביסטו, מיט טראָצקין צי מיט סטאַלינען?...

— מיט סטאַלינען! — האָט מיכל גלייך אָפּגעענטפערט און אַפילו נישט קיין פינטל געטאָן מיט קיין אויג.

— ס'אַ ליגן, איך גלויב דיר נישט!...

— וואָס ווילסטו פון מיר?

— דעם אמת!

— דו, דעם אמת?... נישטאָ וואָס צו לאַכן!... פון ווען אָן?...

— איך בעט דיך, מיכאַל, זײַ מיר מוחל. איך ווייס, איך בין צו דיר קײנמאָל נישט געווען קיין גוטער חבר. איך בין נישט געווען צו דיר אַזוי ווי באָריס. אָבער איך האָב געביטן מײַן מיינונג... דו ביסט אַ גוטער מענטש, דו ביסט בעסער פון אונדז אַלע... איך האָב דאָס פריער נישט געוווּסט ווי אַזוי אָפּצושאַצן... איך זאָג דאָס ערנסט, פון טיפן האַרצן!...

— אַזוי גאָר!... — האָט מיכל אויסגעשריגן און ער האָט צוריק דעם רחמנות צו אים פאַרלוירן. ער האָט זיך איצט געוואָלט אַביסל נוקם זײַן אין אים. ער האָט מיט פרייד צוגעקוקט ווי דער „טאָטער" ראַנגלט זיך און בעט זיך בײַ אים, אַז ער זאָל אים העלפן, אָנווײַזן אויף ווײַטער ווי אַזוי צו לעבן און זיך אויפפירן... ער האָט ביטער אויסגעשריגן צו בען־אַלין:

— הייסט עס, אַז מען קען יאָ בײַטן אַ מיינונג, אַז מען וויל. נו, בײַט זשע ווידער דײַן מיינונג!... גיי אַרויס, אויף אַן אָפענער פאַרטיי־פאַרזאַמלונג, און דערקלער זיך שולדיק. זאָג, אַז דו ביסט געווען אַ פאַרבלאָנדזשעטער, האָסט נישט פאַרשטאַנען, מען האָט דיך אָפּגענאַרט, און איצט זעסטו אײַן, אַז טראָצקי איז טאַקע אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און אַז סטאַלין איז טאַקע געווען גערעכט און דו ביסט דערפאַר איצט אײנשטימיק, אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, מיט סטאַלינען!

— איז דאָס דער אויסוועג?

— דאָס איז דער אײנציקער אויסוועג! — האָט איצט מיכל געזאָגט אָן שום פאַרדראָס, — סײַדן דו ווילסט זײַן אַן אידעאַליסט און...

— וואָס מיר אידעאַליסט?! — האָט בען־אַלי אויסגעשריגן, — איך זע שוין...

— אַהאַ, דו זעסט שוין... — האָט מיכל זיך צעלאַכט און אויסגע־

שטרעקט צו אים אַ וואַרעמע האַנט, — איצט, בען־אַלי, איז אַלץ געווענדט אין דיר. מיר קענען ווערן גוטע חברים!...

— פאַרשטייט זיך! — האָט בען־אַלי אויסגעשריגן מיט אַן אויפריכ־טיקער פרייד, — איך דאַנק דיר מיכאַיל. איך האָב עפּעס געלערנט פון דיר... קום צוגיין צו מיר וואָס אָפטער. זײ נישט פרעמד!...

— גוט יונה!... באַליידיקסט זיך נישט, בען־אַלי, וואָס איך האָב דיר דערמאָנט אין דיין אמתן נאָמען?

— אָ, מעגסט מיר רופן יונה!... וואָס פאַר אַן אונטערשייד?... פאַר־שטייט זיך, אַז עס איז געווען אַ יינגלשע נאַרישקייט, וואָס איך האָב גע־ביטן מיין נאָמען. אָבער איצט איז שוין פאַרפאַלן, צו שפּעט... אַלע רופן מיך שוין בען־אַלי און אַפילו „טאַטער"... און איך אַליין האָב זיך שוין צוגע־וווינט און איינגעלעבט מיט דעם נאָמען.

— ס'אַ קלייניקייט! — האָט מיכל מיט האַרץ געזאָגט, — וואָס איז דען אַ נאָמען? אַ נאָמען איז גאָרנישט! די הויפּט זאַך איז דער מענטש!...

— האָסט רעכט, מיכאַיל. דו ביסט שטענדיק גערעכט.

— נו, אַ גוטע נאַכט. און, זאָרג נישט, בען־אַלי, עס וועט זיין גוט!...

— וואַרט, איך וועל אַריינרופן בערטאַן, זאָל זי זיך מיט דיר געזעגענען.

— ער איז אַ פריילעכער אוועק און איז באַלד צוריק געקומען. — זי שלאָפט, מיטן קינד צוזאַמען אַנטשלאָפן געוואָרן. זיך נישט געקענט דערוואַרטן... זי איז מיד, וועסט זי אַנטשולדיקן, מיכאַיל, יאָ?...

— געוויס, געוויס, — האָט מיכל גוטמוטיק און צופרידן געשמייכלט.

— נו, אַ גוטע נאַכט!

אויף דער גאַס האָט מיכל לייכטער אָפּגעאָטעמט.

עס איז געווען פרילינג. עס איז געווען די צייט פון באַנייונג. אַלץ האָט געשפּראָצט און געבליט. די לופט האָט געשמעקט מיט האָניק. אַ גע־זאַלצן ווינטל האָט פון דעם שוואַרצן ים אַ בלאָז געטאָן און איז באַלד פאַר־ביי. אויף דעם בולוואַר זענען פיל מענטשן אַרומגעגאַנגען. בחורים און מייד־לעך האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און שפּאַצירט אַהין און צוריק. אויף בענק, אונטער ביימער, זענען געזעסן פאַרלעך און האָבן זיך אָפּן, פאַר אַלע־מען אין די אויגן, געקושט. פיל מענטשן זענען געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ איבער די הונדערטער בולוואַר־טרעפּ, וועלכע זענען געווען אַלטע, גרויע, ברייטע און פלאַכע. מען איז געגאַנגען צום פּאָרט, צו די שיפן און צוריק צום בולוואַר.

מיכל איז צוגעגאַנגען צו די טרעפּ און געקוקט אַראָפּ־צו, צו די ניי־אָנגעקומענע שיפֿן, די ערשטע שיפֿן פֿון וויטע און פֿרעמדע לענדער.

.21

אין דעם יאָר האָט די שטאָט אָדעס געהאַט עטלעכע געהויבענע געסט, וואָס די „יידישע סעקציע", ביים צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, האָט אַראָפּגעשיקט. עס זענען אַראָפּגעקומען קיין אָדעס און באַזוכט די פֿאַבריקן און קלובן, אין וועלכע עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די מערהייט פֿון די אַרבעטנדיקע יידן, צום ערשטן: דער דיכטער־קאָמוניסט ישראל ברענער, פֿון קיִעוו. דערנאָך: דער פּאָפּולער געוואָרענער דיכטער פֿון מינסק, לייזער פייגין. שפּעטער: מנחם פּאָליאַקאָוו, דער רעדאַקטאָר פֿון דער מאָסקווער יידישער קאָמוניסטישער צייטונג „דער עמעס". דאָס איז געווען דער זעלבער מנחם פּאָליאַקאָוו וועלכער איז געהאַט געווען ביי סטאַלינען מיט דער יידישער דעלעגאַציע אַלס פֿאָרשטייער פֿון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן און איז שפּעטער געוואָרן אַ געטרייער קאָמוניסט. און צום סוף: צום סוף איז קיין אָדעס אַראָפּגעקומען דער אַמאָל אַנטלאָפֿענער פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע קיין אויסלאַנד און איצט אַ צוריקגעקומענער פֿול מיט תשובה און געהאָרכזאַמקייט, דער יידישער וואָרט־מייסטער און נאָוועליסט דניאל שטערנפֿעלד.

מיכל האָט שוין געהאַט זיך אָנגעהויבן צוצוגעווינען און זיך איינלעבן מיט דער טעטיקייט פֿון די „יעווסעקן", די יידן־קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געגלייבט און געקעמפֿט פֿאַר אַן אָנהאַלט פֿון יידישקייט אין אַ קאָמוניסטישן גייסט. ער האָט זיי מיטגעפֿילט, און ער האָט איינצייטיק, שרייבנדיק אויסשליסלעך אין רוסיש, אויך אָנגעהויבן שטודירן די יידישע ליטעראַטור.

לעצטנס האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע פֿיינע דערציילונגען, וועלכע זענען געדרוקט געוואָרן אין די גראָב־בייכיקע רוסישע ליטעראַרישע זשורנאַלן. די קריטיק האָט מיכלס נייסטע דערציילונגען שטאַרק געלויבט. זיין נאָמען איז געוואָרן מער באַקאַנט און באַוווסט. זיין פּרעסטיזש איז געוואַקסן. דער פֿאַראיין פֿון די סאָוועטישע שרייבער אין אָדעס האָט אַלס רעספּעקט צו אים, באַשטימט, אַז ער זאָל ווערן פֿאָרזיצער.

דער סעקרעטאַר פֿון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט ביי דער שוך־פֿאַבריק, טאָוואַרישטש פּנחס לעוויט האָט זייער פֿיל געשעציצט מיכלען אין זיין לי־

טעראַרישער טעטיקייט, אים באַפרייט פון אַלע פּאַרטיינע „באַגרוזקעס" און אים אַפילו דערלויבט אייניקע טעג נישט צו קומען צו דער אַרבעט, נאָר ער זאָל זיצן אין דער היים און שרייבן זיינע געשיכטעס...

בעךאַלי, וועלכן די פּאַרטיי האָט מוחל געווען זיינע טראָצקיסטישע זינד, איז דערהויבן געוואָרן אין זיין אַמט. ער איז געוואָרן דער פולער די־רעקטאָר פון דער שוך־פאַבריק. צו מיכלען האָט ער זיך באַצויגן חבריש און מיט דאַנקבאַרקייט. ער האָט אויף אים אָבער געקוקט ווי אויף אַ יאָלד, וואָס פאַרנעמט זיך מיט עפּעס אַ מין פוסטקייט, אַ ליטעראַטור־טעטיקייט, און ער קען דעריבער נישט וואַקסן, נישט פאַרנעמען קיין פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט נישט אין דער רעגירונג, נישט אין דערווירטשאַפט און נישט אין דער פּאַרטיי.

אַלס פאַרזיצער פון דעם אָדעסער פאַראיין פון די סאָוועטישע שריי־בער, האָט מיכל באַדאַרפט אויפנעמען אַלע געסט, שרייבער, דיכטער און קריטיקער, וועלכע זענען אַראָפּגעקומען צו באַזוכן די האַפן־שטאָט אָדעס. ער האָט זיך מיט זיי אַרומגעפירט, אָרגאַניזירט פאַר זיי ליטעראַרישע אָוונטן און באַנקעטן, און ער איז פעדזענלעך מיט אייניקע פון זיי באַ־פריינדעט געוואָרן. די געסט זענען געווען שרייבער און קולטור־טרעגער, רוסן, ייִדן, גרוזינער, אוזבעקן, טאַטאַרן, ווי אויך אויסלענדער פון אַמע־ריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און כינע.

זייער שטאַרק האָט זיך מיכל באַפריינדעט מיטן אַלטן קלוגן מנחם פאָ־ליאַקאָוו, דעם רעדאַקטאָר פון דער מאָסקווער ייִדישער קאָמוניסטישער צייטונג. ביים פאַרלאָזן די שטאָט, אויפן וואָקזאַל, איידער דער צוג איז אָפּ־געגאַנגען, האָט פאָליאַקאָוו צו מיכלען געזאָגט:

— טאָוואַרישטש קרוגער, אָדעס איז נישט פאַר אייך. אַ שרייבער דאַרף וווינען אין מאָסקווע. צי איר שרייבט אין רוסיש, אין גרוזיניש אָדער אין ייִדיש, אַלצאיינס, מאָסקווע איז דער צענטער פון אַלע קולטורן. און אויב איר ווילט טאַקע זיין אַ שרייבער, און איך זע, אַז איר פאַרמאָגט גרויס טאַ־לאַנט, טאָ באַפרייט זיך פון דער אַרבעט אין דער פאַבריק און הייבט זיך אָן אָפּצוגעבן אויסשליסלעך מיט שרייבערישער טעטיקייט.

אָבער פון דעם שרייבער דניאל שטערנפעלד האָט מיכל אומאָנגענעמ־לעכקייטן געהאַט. אין דעם זעלבן טאָג, ווען שטערנפעלד איז קיין אָדעס אַראָפּ־געקומען, האָט מען מיכלען טעלעפאָניש אָפּגערופן פון דער ג. פ.או. און מען האָט אים באַפוילן, אַז ער זאָל שוין אַהין קומען, ווייל עס איז אַ דרינגנ־

דיקער פאַל... אַן איבערגעשראָקענער איז מיכל אַוועק אויף דער מאַראַזליוור־סקע־גאַס און איז געבליבן שטיין פאַר דעם ווייסן מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ. אַ שווידערלעכער ציטער איז דורך זיין לייב פאַרביי. אַמאָל איז דאָ געווען די „טשע־קאָ״, איצט הייסט דאָס „ג.פּ.או.״. עס איז די זעלבע טורמע און די זעלבע הויפּט־קוואַרטיר פון דער געהיים־פּאָליציי, דער נאָמען איז נאָר אַנ־דערש. אין דעם הויז, אין אַ קעלער האָט מען אים שיר נישט צעשאָסן... אין דעם הויז, אין אַ קעלער האָט מען דאָס ערשטע מיידל, וואָס ער האָט פון איר זיין ליבע־גלוסט דערקענט, מאַריאַן, דערשאָסן... און איצט שטייט ער ווידער פאַר דעם־אָ הויז... ער האָט נישט געקענט באַנעמען צוליב וואָס מען רופט אים, וואָס איז דאָס פאַר אַ דרינגלעכקייט, און וואָס וויל מען פון אים?...

ער האָט דעם וועכטער, ביי דער טיר, געזאָגט זיין נאָמען און מען האָט אים באַלד געזאָגט צו וועמען ער דאַרף זיך מעלדן...

נישט נאָטאָן ווידער און נישט יאָכים שולץ האָבן איצט אין דעם־אָ ווייסן מאַרמאָרענעם פּאַלאַץ געהערשט. עס זענען געזעסן נייע, יונגע, ערשט אויסגעשולטע, סאָוועטישע אינטעליגענטע בחורים און מיידלעך, אָנגעטאָן און אויסגעפּוצט אין אַ שפּאָגל נייער „ג.פּ.או.״־אוניפאָרם.

דער הויפּט פון דער אינפאָרמאַציע־אָפּטייל ביי דער ג. פּ.או. איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיק. ער האָט געטראָגן אַ פּאָר מאָדערנע גרוי־סע ברילן. די ראַם פון די ברילן איז געווען דיק און מיט אַ גלאַנציקער שוואַרצקייט. ער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַן ערשט־געענדיקטן אוני־ווערסיטעט בחור, וואָס אַרבעט פלייסיק און ווענדט אָן אַלע נייע מעטאָדן, וואָס די פּראָפעסאָרן האָבן אים געלערנט. ער האָט אַראָפּגענומען די ברילן און אַ קוק געטאָן אויף מיכלען.

— טאָוואַרישטש קרוגער?...

— יאָ! — האָט מיכל געענטפערט און לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווייל ווען עס וואָלט דערוואַרט אויף אים אַ פּערזענלעכע אומאָנגענעמלעכקייט, וואָלט אים דער ג. פּ. או.־מענטש נישט טיטולירט אַלס „טאָוואַרישטש״ נאָר אַלס „גראַזשדאַנין״, — בירגער.

דער ג.פּ.או.־מענטש האָט אויסגעצויגן צו מיכלען אַ פעסטע האַנט און גלייך ווי ער וואָלט אים שוין פון פריער געקענט פריינדלעך געזאָגט:

— ווייסט איר צוליב וואָס איך האָב אייך גערופן?

— ניין, איך ווייס נישט.

— דער־אַ שרייבער דניאל שטערנפעלד איז היינט אַהער אַראָפּגעקומען. איר זייט דאָך דער פאָרזיצער פון די היגע סאָוועטישע שרייבער, נו, האָב איך צו אייך אַ ביטע, קוקט אים גוט נאָך, אָט דעם־אַ שטערנפעלד. ער שרייבט אין ייִדיש. דו פאַרשטייסט קרוגער, — איז דער ג.פּ.או.־מענטש געוואָרן נאָך היימישער מיט מיכלען, — דו פאַרשטייסט קרוגער, דער־אָ דניאל שטערנפעלד איז געהאַט געוועזן אַן אָפענער שונא פון באָלשעוויזם. ער איז פון אונדז אַנטלאָפן זיך ראַטעווען אין די בורזשואַזע און קאַפּיטאַליסטישע אויסלאַנדס. ער איז געווען אין דער שווייץ, אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך און אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. מיר האָבן אינפאָרמאַציעס און באַווייזן, אַז ער האָט זיך צוריקגעקערט צו אונדז נישט אויס חרטה אויף זיינע זינד קעגן אונדז, נאָר ווייל דאָרט, אין די אַמעריקעס האָט ער זיך נישט געקענט איינאָרדענען מיט פּרנסה, און דאָ אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט ער זיך דערוווסט, לעבט אַ שרייבער גליקלעך. יעדנפאַלס, געקומען צולויפן איז ער צוריק, צו אונדז, ווי אַ הינטל, מיט אַן אַרויסגעשטרעקטער צונג און ער לעקט זיך צו אַלעמען, ער קושט ממש די סאָוועטישע ערד... מיר האָבן באַשטימט צו זיין צו אים גוטהאַרציק. זאָל די וועלט זען ווי מיר באַגנעדיקן אונדזערע געוועזענע פיינד. זאָל דאָס דינען פאַר אַ ביישפּיל צו אַנדערע אַנטלויפער, אַז זיי זאָלן זיך אויך צוריקקערן. אָבער, דאָך דאַרף מען זיין אויף דער וואַך. זיי קלוג, טאָוואַרישטש קרוגער, אין דיינע געשפּרעכן מיט אים. פּילייכט וועסטו עפּעס אויסגעפינען, באַמערקן, טאָ ביטע, עס איז דיין חוב ווי אַ קאָמוניסט, דיינע חשדים אונדז באַלד אינפאָרמירן.

דער געשפּרעך האָט אויף מיכלען שלעכט געווירקט. עס האָט אים אָנגעהויבן עקלען. ער האָט מיט פאַרדראָס געזאָגט:

— וואָס קען איך דען אויסגעפינען? איך בין נישט פעיִק צו אַזעלכע טעטיקייטן!

דער ג.פּ.או.־מענטש האָט זיך צעשריגן:

— וואָס פאַר אַ פאָרזיצער פון די שרייבער ביסטו, און וואָס פאַר אַ קאָמוניסט?... וואָס דאַרף איך דיר אַ פינגער אין מויל אַריינלייגן? פּילייכט איז גאָר דער שרייבער דניאל שטערנפעלד אַ ספּעציעל געשיקטער פון אַמעריקע אַלס אַ שפּיאָן?... וואָס מיינסטו, די רעוואָלוציע קען יעדן איינעם גלייבן אויפן וואָרט?...

מיכל האָט געמוזט זיך ברעכן און נאָכגעבן:

— אַהאַ!... איר האָט רעכט! פּילײכט איז ער טאַקע אַ שפּיאָן!... איך װעל אים שױן נאָכקוקן...

— אַזױ איז בעסער! טאָװאַרישטש קרוגער.

מיכל איז אַװעק מיט אַ פֿאַרביטערטן געמיט. ער האָט שױן איצט גע־טראַכט, אַז ער זאָל װאָס גיכער פֿאַרלאָזן אָדעס אױף שטענדיק און זיך באַזעצן אין מאָסקװע. ער מוז דאָס טאָן װאָס שנעלער, כּל־זמן ער איז נאָך נישט אינגאַנצן אַרײַנגעצױגן געװאָרן אין דער נעץ פֿון דער ג.פּ.או.

דער אַראָפּגעקומענער קײן אָדעס שרײַבער דניאל שטערנפֿעלד האָט זיך אױפֿגעפֿירט אַזױ, גלײַך װי יעדער אײנער איז אים עפּעס שולדיק און יעדער אײנער װאָלט באַדאַרפֿט, צוליב זײַן גרױסן טאַלאַנט, פּאַר זײַנע פּיס פֿאַלן און די שיך אים קושן. אָבער דאָס איז געװען זײַן באַציִונג נאָר צו די פּראָסטע מענטשן, אָן מאַכט. װוּ נאָר ער האָט דערשמעקט, אַז עמעצער איז אַ קאָמיסאַר און באַזיצט אַ װעלכע עס איז מאַכט, אַזױ איז ער קלײנלעך און אונטערטעניק־לעקעריש געװאָרן. ער האָט זיך געװאָרפֿן מיט קלײנשטעטל־דיקע חכמהלעך, אַרײַנגעקוקט יענעם אין די אױגן אַרײַן און געהאַלטן אין אײן לױבן, ביז פּריקרעקײט, די דערגרײכונגען פֿון דער סאָװעטן־מאַכט.

ער האָט מיכלען געמאַכט אַלערלײ איבערגעטריבענע קאָמפּלימענטן, געקוקט אױף אים מיט זײַנע פֿאַרשמאַלצװאַטע קלײנע אײגעלעך, געברומט צופֿרידן מיט זײַנע גראָבע, אַראָפּהענגנדע ליפּן און אים געפּאַטשט גוטברו־דעריש איבער דער פּלײצע.

— טאָװאַרישטש מיכאַיִל קרוגער, איך האָב געלײענט דײַנע דערצײ־לונגען, איך מײן דײַנע װוּנדערבאַרע דערצײלונגען, אין די רוסישע ליטע־ראַטור־זשורנאַלן. נו, װאָס זאָל איך דיר זאָגן, װאָס?... דו ביסט אַ קאָלאָסאַ־לער טאַלאַנט, אױף מיר אַזאַ יאָר!... דו ביסט נאָך יונג און די צוקונפֿט איז דײַנע. מיך װוּנדערט אָבער װאָס דו, אַ יונגער און טאַלאַנטירטער רוסישער שרײַבער אינטערעסירסט זיך אױך מיט ייִדישער ליטעראַטור און קולטור. גלײב מיר, עס האָט קײן שום װערט נישט, איך זאָג עס דיר, כאָטש איך בין דער אָנערקענטסטער מײסטער פֿון דעם ייִדישן קינסטלערישן װאָרט. רו־סיש איז דער קװאַל פֿון לעבן און װיסן!... ייִדיש איז נאָר אױף אַזױפֿיל אױף װיפֿל עס זענען נאָך פֿאַראַן ייִדישע מאַסן װאָס פֿאַרשטײען נישט קײן גוטן רוסיש, און זײ הײסט אונדז די פּאַרטײ און דער חבר סטאַלין אױף זײער מוטער־שפּראַך באַדינען!...

מיכל האָט דעם־אָ מענטשן נישט געקענט פֿאַרלײדן. װען נישט זײַן

ערן־אַמט אַלס דער פּאָרזיצער פון דעם היגן שרייבער־פאַראיין, וואָלט ער דעם־אָ שרייבער אַ שפּיי געטאָן אין פּנים און וואָלט נישט געוואָלט אויס־הערן זיינע נאַרישע און חניפותדיקע רייד. אָבער אַלס דער אָפיציעלער רע־פּרעזענטאַנט פון די היגע סאָוועטישע שרייבער האָט ער דאָס נישט גע־קענט טאָן, ער האָט געמוזט צושמייכלען צו אים און זיך אונטערהאַלטן מיט אים. ער האָט אָבער געמוזט אָפּוואַרפן זיינע איבערגעטריבענע לויבענישן.

— אָ, פריינד שטערנפעלד, טרייבט נאָר נישט איבער און מאַכט מיך נישט פאַר אַ קאָלאָסאַלן טאַלאַנט!...

— ע, דו ביסט באַשיידן! — האָט דניאל שטערנפעלד אַ ברום און אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע גראָבע ליפּן, — דאָס איז דאָך דער וועג פון דעם אַלטן חדר געווען. מיר, רעוואָלוציאָנערן, מיר, קאָמוניסטן, האָבן אַ נייעם וועג. ווי האָט זיך אויסגעדריקט לענין: אַ באָלשעוויק דאַרף אַליין דעם גורל אין זיינע הענט אַריינגעמען!

אַזוי... איז ער שוין אַ קאָמוניסט, און ער רעדט מיט לענינס לשון... ער איז ערשט אַראָפּגעקומען צוריק פון זיין אַנטלויפעניש און שוין איז ער געוואָרן אַ פאָלנער באָלשעוויק. ניין, ער געפעלט אים נישט, דער־אָ שטערנפעלד, כאָטש ער איז אַ גרויסער שרייבער. ער דערמאָנט אים עפּעס אין בערטאַס שוואָגער, אין דעם פון פּוילן אַנטלאָפענעם לעאָן קאָלקער, וועלכער האָט זיך איינס און צוויי אַריינגעפּאַקט אין דער פּאַרטיי און איצט איז ער שוין אַ גאַנצער „קאָמיסאַר" געוואָרן...

נאָך דניאל שטערנפעלדס אָפּפאָרן פון אָדעס איז מיכלען געוואָרן גרינ־גער צו אָטעמען: „אַראָפּגעפּטרט אַן עול פון קאָפּ". ער וועט שוין נישט דאַרפן אים מער נאָכקוקן, און די ג.פּ.או. וועט פּיליכט, מער קיין אויפגאַבן אים נישט אָנבינדן... דאָך האָט ער זיין באַשלוס צו פאַרלאָזן אָדעס און זיך באַזעצן אין מאָסקווע נישט געביטן. עס איז אים פּלוצים געוואָרן ענג אין אָדעס. פון טאָג צו טאָג איז אין אים געוואַקסן דער דראַנג נאָך מער ביל־דונג און נאָך מער וויסן, און נאָך אַ העכערער געזעלשאַפטלעכער אַט־מאָספערע.

און דאָ איז גאָר אין מיטן דעריבען דאָס גאַנצע פּאָליטישע און געזעל־שאַפטלעכע לעבן אין דעם גאַנצן סאָוועטן־לאַנד געענדערט געוואָרן. עס האָבן זיך פיל זאַכן געביטן נאָך דעם ווי סטאַלין האָט טראָצקין אַרעסטירט, אים פון לאַנד אַרויסגעשיקט און זיך אַליין פעסטער און זיכערער אין דעם זאָטל באַזעצט: לענינס „נעפּ" איז אָפּגעשאַפט געוואָרן. אין די דערפער האָט

מען מיט גוואַלד אײַנגעפירט די קאָלעקטיוויזאַציע. מען האָט צוגענומען בײַ די פּויערים זייער ערד און דאָס גאַנצע פּריוואַטע אייגנטום און מען האָט זיי אַרײַנגעטריבן אין די „קאָלכאָזן". די האַק פון קרעמל האָט זיך אויך אַראָפּגעלאָזט איבער די קעפּ פון די „ייִדישע סעקציעס". מען האָט זיי ליק־ווידירט. און פּלוצים, ווי פון הימל איז אַראָפּגעפאַלן אַ שפּאָגלדיקע נייעס: ערגעץ ווייט אין סיביר, אין דעם ווייטן מזרח, בײַ די ברעגעס פון דעם טײַך אַמור און בײַ די גרענעצן פון מאַנדזשוריע, די כינעזישע פּראָווינץ וועלכע איז פון די יאַפּאַנעזער אָקופּירט, ווערט געשאַפן אַ ייִדישע סאָוועטישע מדינה, אַזאַ אויטאָנאָמע טעריטאָריעלע אײנס, און אַהין ווערט איבערגע־פירט און קאָנסערווירט דאָס גאַנצע סאָוועטישע ייִדישקייט. דאָס פּלאַץ רופט זיך, — בירָאָבידזשאַן.

פּנחס לעוויטן, דעם סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט בײַ דער שיך־פאַבריק, וועלכער איז אויך אַ פירער פון די „ייִדישע סעקציעס" געווען, האָט מען שוין מער אין דער פאַבריק נישט געזען. מען האָט נישט געוווּסט וווּהין ער איז אַהינגעקומען... אויף זײַן אָרט איז איצט פּאַרטיי־סעקרעטאַר געוואָרן אַן אַרויסגערוקטער יונגער רוס, אַן אַרבעטזאַמער, אַ פּעיִקער, אַ שטרענגער און אַן אינטעליגענטער מענטש מיטן נאָמען סטעפּאַן וואַסיליעוו. אַלע האָבן אים באַלד ליב באַקומען און מען האָט אים אָנגעהויבן רופן פאַר־קירצט און צאַרט: „סטיאָפּאַ". דער־אָ סטיאָפּאַ האָט שנעל און געשיקט רו־סיפיצירט די גאַנצע קולטורעלע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט אין דער פאַבריק. מען האָט שוין קיין ייִדיש וואָרט מער אין דער פאַבריק נישט געהערט, נאָר רוסיש. מיכלען איז געוואָרן גרינגער צו אַרבעטן, ווײַל רוסיש איז געווען די שפּראַך וועלכע ער האָט געליבט און מיט וועלכער ער האָט זייער לײַכט, שפּילעוודיק און קינסטלעריש מאַניפּולירט. דאָך איז אים גע־ווען אַ פאַרדרוס וואָס מען האָט אַזוי פּלוצים אָן שום צערעמאָניעס דאָס ייִדישע לשון פון דער פאַבריק פאַרטריבן. און מיט אַמאָל האָט זיך פּנחס לעוויט צוריק אָפּגעזוכט... ער איז געקומען אין דער שיך־פאַבריק אַזאַ שיי־נענדיקער און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער דערהויבענער שטימונג. ער האָט יעדן איינעם דערציילט עפּעס אַ מין אויסערגעוויינלעכע אינטערעסאַנטע לעגענדע... ער האָט געלאַכט און אַזש אונטערגעטאַנצט פון פרייד און פאַר־געניגן. ווען ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן באַגריסן זיך צו יעדן איינעם און מיטן אויסדערציילן זײַנע נײַעסן, האָט ער אויפגעזוכט מיכלען. ער האָט

אים אַרומגעכאַפּט קושן. טרערן פון פרייד און האָפענונג זענען אין זיינע אויגן געשטאַנען.

— אוי, מיכל, ווען דו ווייסט וואָס עס טוט זיך, צו וואָס מיר האָבן זיך דערלעבט! אַ יידישע מדינה ווערט געשאַפן, אַ סאָוועטישע מדינה, אַ ביראָ־בידזשאַן!... מען האָט מיך אַרויסגערופן קיין מאָסקווע און מען האָט מיך באַשטימט פאַרן סעקרעטאַר פון דעם פּאַרטיי־קאָמיטעט פון דער ביראָביד־זשאַנער, יידישער, געגנט. איך בין שוין געווען אין ביראָבידזשאַן, איך האָב שוין איבערגענומען דעם אַמט, און איצט בין איך געקומען צוריק נאָר אויף עטלעכע טעג. איך וועל דאָ אַלץ ליקווידירן, איך וועל פאַרנעמען מיין פרוי און די קינדער, איך וועל איינפּאַקעווען מיין ביסל פאַרמעגן און איך וועל צוריק פאָרן קיין ביראָבידזשאַן, צו מיין נייעם אַמט!...

מיכל איז געווען צופרידן צו זען לעוויטן אין אַזאַ געזונטער, געהויבע־נער און באַגייסטערטער שטימונג. ער האָט זיך געניי אָנגעפרעגט וועגן דעם קלימאַט פון דער געגנט און וועגן די פערספּעקטיוון פאַר אַ יידישער איבערוואַנדערונג אַהין.

— פרעג גאָר נישט! — האָט לעוויט אויסגעשריגן, — ווען מען זעט די טייכן, די וועלדער און די בערג, די אַזוי גערופענע „סאָפּקעס", און די גאַנצע לאַנדשאַפט, וואָס מען רופט „טייגאַ", ווערט מען באַלד פאַרליבט אין דער געגנט. עס איז טאַקע נאָר פאַר אַ שרייבער, פאַר אַ פּאָעט אין אַזאַ לאַנד צו לעבן. מיכל, איך זאָג דיר, אַז פאַר דיר וואָלט געווען גוט צו פאָרן און זיך באַזעצן אין ביראָבידזשאַן. קום, פאָר מיט מיר. איך וועל פאַר דיר דאָרטן אַ גוטע שטעלע שאַפן! און חוץ אַלעמען, די צוקונפט פון יידישן לעבן הענגט איצט אָפּ פון ביראָבידזשאַן. שפּראַך, ליטעראַטור און יידישער לעבן־שטייגער אָן אַ טעריטאָריע איז פאַרמשפט צום אונטערגאַנג. כאָטש דו ביסט אַ רוסישער שרייבער, ביסטו דאָך אַ ייִד. ביראָבידזשאַן וועט דיך גע־פעלן. דו וועסט פאַרשטיין, מיכל, ווי נייטיק פאַר אַ יידן, ווי פאַר יעדער באַזונדער פאָלק, עס איז צו האָבן אַן אייגן לאַנד. מען פילט זיך דאָן נישט איבעריק, נישט אָנגעוואָרפן, מען איז גלייך מיט אַלע פעלקער!

— וואָס איז סטאַלינס באַציונג צו ביראָבידזשאַן? — האָט מיכל פאַר־זיכטיק געפרעגט, — איז סטאַלין אויך אַזוי אַנטציקט פון דעם־אָ־ ביראָבי־דזשאַן, אַזוי ווי דו?...

— איך ווייס נישט, טייערער מיכל, — האָט לעוויט צאַרט געזאָגט, — אָבער קאַלינינס רעדע, און דער אוקאַז וועגן גרינדן אַ יידישע אויטאָנאָמע

טעריטאָריע אין דעם באַשטאַנד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט אַן אויסזיכט צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד קולטורעל אוןווירטשאַפטלעך און דאָרט באַזעצן הונדערטער טויזנטער ייִדן כדי צו שאַפן אין דער צוקונפט אַ ייִדישע סאָוועטישע רעפּובליק, אַזעלכע זאַכן טוען זיך געוויס נישט אַן דער צושטימונג פון סטאַלינען!

פּנחס לעוויט האָט אַנגעשטעקט מיכלען מיט זיין באַגייסטערונג און דעם אידעאַל פון אַ צוקונפטיקער סאָוועטישער ייִדישער רעפּובליק. אָבער עפּעס האָט אים צוריקגעהאַלטן פון אַרויסווייזן זיין באַגייסטערונג אין דער עפנטלעכקייט. עס האָבן זיך אומגעטראָגן פאַרשיידענע ווידערשפּרוכיקע קלאַנגען וועגן דעם אמתן צוועק, וואָס די פּאַרטיי און די רעגירונג האָבן זיך געשטעלט ביים פּראָקלאַמירן ביראָבידזשאַן אַלס אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע איינס. וואָלט איצט מיכל אין מאָסקווע געווען, וואָלט ער שוין פון באָריסן זיך דערוווסט אַלץ געַנוי... באָריס אַרבעט דאָך אין קרעמל, ער זעט סטאַלינען, און ער קער וויסן דעם גאַנצן אמת פון דער־אָ אַוואַנטורע... ער האָט געזאָגט:

— אַנטשולדיק מיר, טאָוואַרישטש לעוויט, ביראָבידזשאַן איז נישט פאַר מיר. איך בין אַ רוסישער שרייבער און מיין פּלאַץ איז אין מאָסקווע. איך פאַר קיין מאָסקווע, דאָס איז די ריכטיקע שטאָט, דאָס ריכטיקע אָרט פאַר אַ רוסישן שרייבער!...

בעת־אַלי האָט מיכלען געהאָלפן זיך צו באַפרייען פון דער אַרבעט אין דער שוך־פאַבריק און צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו פאַרלאָזן די שטאָט אָדעס און זיך איבערקלייבן קיין מאָסקווע.

.22

מיכל האָט באַשטימט צו פאַרפולקאָמען זיין בילדונג. ער איז אָנגעקומען זיך לערנען אין דעם ליטעראַרישן אָפּטייל פון דעם צווייטן מאָסקווער אוניווערסיטעט אויף לעגינס נאָמען. ער האָט באַזוכט די לעקציעס פון ליטעראַטור, געשיכטע, פּאָליטיק און פילאָסאָפיע אין דער רוסישער שפּראַך, און ער האָט אויך פון צייט צו צייט באַזוכט אַ קורס פון ייִדיש, וואָס מנחם פּאָליאַקאָוו האָט געלייענט, פאַר אַ פּאָר טוץ סטודענטן, וועלכע האָבן זיך מיט דעם געביט אינטערעסירט.

ביי יעדער געלעגנהייט, ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע שעה, פלעגט מיכל קומען באַזוכן זיינע חברים און פריינד. באָריס און פּאָליאַ האָבן אים

שטענדיק וואַרעם און היימיש אויפגענומען. ער האָט זיך אין דעם הויז, זייערן, געפילט ווי אַן אייגענער מענטש, אַזוי פריי און געמיטלעך. אויך דער פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו און זיין ווייב, יעקאַטערינאַ פּעטראָווגאַ האָבן ברייט געעפנט די טירן פון זייער היים פאַר מיכלען, און עס האָט זיך צוריק גע־קניפּט און געבונדן זייער אַלטע, צאַרטע און אויפריכטיקע פריינדשאַפט און חברישקייט. דער פּאָלקאָווניק איז אַלעמאָל אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד ווי אַ דיפּלאָמאַט און ביי יעדער מעגלעכקייט מיט זיך מיטגענומען זיין ווייב און זייער זון. זייער דירה איז דערפאַר כמעט שטענדיק געווען אַ פאַרשלאָסענע און אַ נישט־באַוווינטע. אָבער ווי נאָר זיי זענען צוריק געקומען פון אויס־לאַנד אַזוי האָבן זיי טעלעפאָנירט צו מיכלען, אַז ער זאָל צו זיי באַלד קומען.

אין דעם אוניווערסיטעט אויף דעם אַלגעמיינעם קורס פון רוסישער געשיכטע, האָט מיכלען דערוואַרט אַן איבערראַשנדיקער סורפּריז. דער פּראָפעסאָר מאַסלאָוו, אַ פאַרעלטערטער און איצט אַ ציוויל־געקליידטער, איז פון דער סאַראַפּולער מיליטערישער אַקאַדעמיע אַריבערגעפירט גע־וואָרן אין דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. ער האָט דעם סטודענט מיכל קרוגער באַגעגנט וואַרעם און זייער פריינדלעך, פאַר אים איז דאָס אויך געווען אַן איבערראַשנדיקער סורפּריז זיך ווידער אַמאָל צו טרעפן מיט איי־נעם פון זיינע ליבלינג־סטודענטן.

— מיכאַיל קרוגער!... — האָט ער אויסגעשריגן און אים באַטראַכט און אים באַוווּנדערט, — איך בין זייער צופרידן וואָס דו ועסט ווידער אַמאָל ווערן מיין סטודענט!...

אָבער מיכל האָט זיך גיך אַנטוישט אין דעם פּראָפעסאָר.

אויף איינער אַ לעקציע האָט מאַסלאָוו ווידער אַמאָל דערציילט אַן עפּי־זאָד פון דער העראָאישקייט פון די קאָמוניסטישע פירער אין דער צייט פון בירגער־קריג. עס איז געווען די זעלבע מעשה, וואָס ער האָט געהאַט דער־ציילט פאַר זיינע סטודענטן־קאַדעטן אין דער סאַראַפּולער מיליטערישער אַקאַדעמיע. עס איז אַפילו דערציילט געוואָרן די לעגענדע וועגן ווייסן פערד, אָבער דאָס מאָל איז שוין אויף דעם ווייסן פערד נישט טראָצקי געפאָרן נאָר סטאַלין. טראָצקיס נאָמען איז פון דער געשיכטע אויסגעמעקט געוואָרן... אַלצדינג וואָס עס האָט פריער געטאָן טראָצקי, אַלע גוטע, העראָאישע און גאָבעלע זאַכן זיינע זענען איצט טראַנספאָרמירט געוואָרן, פּערזאָניפיצירט געוואָרן און פאַרקערפּערט געוואָרן אין סטאַלינען. נישט טראָצקי האָט גע־פירט די רויטע אַרמיי, נישט טראָצקי האָט צוזאַמען מיט לענינען די רעוואָ־

ל'וציע געשאַפן, נאָר סטאַלין, אַלץ סטאַלין!... און טראָצקי?... עס האָט זיך באַקומען, אַז אַזאַ מענטש האָט גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט נישט עק־סיסטירט.

מיכל האָט נישט געקענט אײַנזיצן אויף דער־אָ לעקציע. דאָס בענקל אונטער אים האָט געברענט. ער האָט די חרפה, די חוצפה און די געשיכטע־פֿעלשונג פֿאַרטראָגן נישט געקענט. ער האָט אַ פֿאַרשעמטער אין זיך, פֿאַר־לאָזט די אוידיטאָריע און איז אַרויס אויף דער גאַס אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם...

עס איז שוין מיכלען באַשערט געווען, אַז דער־אָ טאָג, און דאָס איז געווען אין אַ פֿרײַטיק, זאָל זיך אײַנקריצן אין זײַן זכרון און זיך שוין פֿאַר־געדענקען אויף זײַן גאַנצן לעבן מיט די טיפֿע אַנטוישונגען, באַוווּסטזיניקע און אומבאַוווּסטזיניקע, וועלכע האָבן צעטיילט און צעשפּאָלטן זײַן נשמה, זײַ־נע געדאַנקען און זײַן פּערזענלעכקייט אויף צוויי טיילן. דאָס פּנים און דאָס האַרץ פֿון אַ מענטשן האָט זיך אָנגעהויבן אויסצובאַהאַלטן אונטער אַ שטײ־נערנער מאַסקע פֿון אַ קאָמוניסט, אָבער די נשמה פֿון דעם־אָ מענטשן האָט שטיל אין אים געוויינט און געצאָרנט. דער טאָג איז געווען מיכלס שוואַר־צער פֿרײַטיק.

ער איז אַוועק אין דער ביבליאָטעק פֿון דעם אוניווערסיטעט און דאָרט באַקומען סטאַלינס נײַעם בוך: „לעניניזם". זינט סטאַלין איז געוואָרן דער דיקטאַטאָרישער אַליין־הערשער, האָט ער זיך דערקלערט פֿאַרן אײנציקן יורש און תּלמיד פֿון לענינען. דער בוך זײַנער „לעניניזם" איז געווען אַ זאַמלונג פֿון קאָמענטאַרן און פֿילפֿולדיקע אויסטײַטשונגען איבער לענינס און קאַרל מאַרקס ווערק, און עס זענען אין דעם בוך אויך געווען אַנדערע פֿאַרשיידענערליי אַרטיקלען, רעדעס און פּאָלעמיקעס געשריבענע אין פֿאַר־שיידענע צײַטן און איצט צונויפֿגעזאַמלטע אין איין בוך. פֿון דעם בוך האָט מיכל באַדאַרפֿט אויסשטודירן סטאַלינס אַן אַרטיקל וואָס האָט זיך גערופֿן: „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע". דאָס אַרטיקל האָט סטאַלין גע־שריבן נאָך אין יאָר 1911, ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען און האָט קיין שום לעבנס־דערפֿאַרונג און סטאַבילע בילדונג נישט פֿאַרמאָגט, אָבער ער איז פֿאַרכאַפּט און פֿאַרליבט געוואָרן מיט לענינס באָלשעוויסטישער אידעאָלאָגיע, כאָטש די גלחישע קליידער פֿון דעם אָרטאָדאָקסיש־קריסטלעכן סעמינאַר האָבן נאָך זײַן לײַב געוואַרעמט און זײַנע טריט אין דער בלאָטע פֿון דעם צאַרישן קלויסטער צו לענינס פּאַרטײ זענען נאָך נישט פֿאַר־טריקנט געוואָרן.

אין דער ביבליאָטעק האָט געררוט די שטילקייט ווי אין אַ מדבר. יונגע בחורים און מיידלעך זענען געזעסן ביי די לאַנגע טישן פון דעם לייען־זאַל און האָבן אַריינגעקוקט אין ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן. פון דער סטע־ליע אַראָפּ צו די טישן זענען געהאַנגען גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן און זיי האָבן באַגאָסן מיט אַ הייליקער ליכט די יונגע קעפּ פון די לייענערס. פון צייט צו צייט האָט די שטילקייט צעשטערט דאָס מישן פון די זייטלעך אין אַ בוך. עס האָט זיך באַקומען אין דער שטילקייט אַזאַ אָפּהילך גלייך ווי אַ זאַמדיקער שטורעם וואָלט זיך אין דער מדבר אויפגעהויבן.

עס איז אָבער געווען אויך אַן אַנדער שטורעם, דאָס מאָל, אין דער ביבליאָטעק, אַ שטורעם אין דער נשמה פון אַ יונגן מענטשן. ער האָט דעם שטורעם אין זיך דערשטיקן נישט געקענט. ער וואָלט באַדאַרפט אויסשרייען דעם שטורעם מיט אַ קול פון אַ דונער און ווערן פריי... אָבער, ער האָט דאָס נישט געקענט און נישט געטאָרט טאָן. ער האָט דעם שטורעם געמוזט דער־שטיקן אין זיך, ווייל אויב נישט וואָלט דאָך פּאַסירט מיט אים דאָס זעלבע וואָס האָט פּאַסירט מיט אַן אַנדער סטודענט: דער יונגער פּאָעט און סטו־דענט, וויקטאָר קאַליעסאָוו, אַ זון פון אַ פּויער פון אַ קאָלכאָז־דאָרף הינטער מאָסקווע, האָט אין דער סטודענטישער וואַנט־צייטונג אָפּגעדרוקט אַזעלכע פּאָר שורות פון אַ ליבע־ליד:

„ווי קען איך וועגן לבנה־שיין און ליבע זינגען,
ווען מיין זעל איז הונגעריק און מיין נשמה באַצוווּנגען?...”

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעם ווי דאָס לידל איז דערשינען אין דער וואַנט־צייטונג האָט מען דעם אויטאָר פון דער פּאָעמע ווי אויך דעם רע־דאַקטאָר פון דער וואַנט־צייטונג אַרעסטירט.

סטאַלינס אַרטיקל „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע” איז געווען געשריבן אַמאַטאָריש מיט אַן אָנשטעל פון אַ געניטן פאָרשער, וואָס פאַר־שטייט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון אַ פאָלק און אַ נאַציע, און דער־פאַר איז ער, און נאָר ער אַליין, באַרופן צו געבן וויסנשאַפטלעכע דעפיני־ציעס און באַשטימונגען וואָס עס מיינט פאָלק און נאַציע. עס האָט זיך גע־פילט די אומבאַהאָלפנקייט און אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם יונגן אויטאָר. ייִנגלש און נאַריש איז געווען סטאַלינס פּאָלעמיק מיט דעם גע־לערנטן אָטאָ באַוער וועגן דער ייִדן־פראַגע. סטאַלין איז געקראָכן פון דער הויט צו באַווייזן, אַז ייִדן זענען נישט קיין פאָלק און נישט קיין נאַציע, אַז זיי מוזן זיך אַסימילירן און אונטערגיין, און אַז מען טאָר זיי נישט העלפן

אויפצוהאַלטן זייער קולטור און זייערע טראַדיציעס... עפּעס אַ שוואַרצע און אַ פּיינלעכע קעגנערשאַפט צום מענטש, וואָס איז אַ ייִד, האָט זיך געפּילט אין דעם־אָ שרייבעכץ. און צום סוף שוין אַן אָפענער אַנטיסעמיטישער אַרויספאַר, מיט אַ „באַגרינדונג", וואָס דערווייזט פּונקט דאָס פאַרקערטע וואָס ייִדן זענען גאָר אין דער אמתן: „ייִדן, — זאָגט סטאַלין, — פאַרשטייען זיך נישט און העלפן זיך נישט איינס דאָס אַנדערע נישט אין פרידן־צייט און נישט אין קריג־צייט".

מער לייענען האָט שוין מיכל נישט געוואָלט. מיט עקל האָט ער אַ פאַרמאַך געטאָן דאָס בוך.

ער איז אַרויס פון דער ביבליאָטעק. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן אַ פאַרחלשטער און אַ דערשלאָגענער. ער האָט באַמערקט אַ פּאַרק איז ער אַריין און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. ער האָט לאַנג געטראַכט און זיך אַליין געפרעגט: „אויב סטאַלין זאָגט, אַז ייִדן זענען נישט קיין פאָלק, נישט קיין נאַציע און מען דאַרף זיי נישט העלפן אין דער אַנטוויקלונג און וווּקס פון זייער קולטור, טאָ פאַרוואָס האָט מען אַ ביראָבידזשאַן פאַר די ייִדן געשאַפן?... ווו איז דאָ די לאָגיק?... סיידן, סטאַלין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע פריִערדיקע באַהויפּטונגען!... אָבער דער נייער בוך זיינער, „לע־ניניזם", איז דאָך ערשט איצט, טאַקע אין דעם מאָנאַט דערשינען און דאָס איז דאָך אַ באַווייז, אַז סטאַלין זאָגט זיך נישט אָפּ פון זיינע אַנטי־ייִדישע באַהויפּטונגען. איז וואָס קומט דאָ פאַר?... איז דאָך ביראָבידזשאַן נישט מער ווי אַ מין שרעקלעכע אַוואַנטורע, כדי אַהין אַריינצופּאַקן אַלע ייִדן און דאָרט מיט איין קלאַפּ זיי גייסטיק, און פיליכט אויך פיזיש, אָפּמעקן!"...

ער איז אַוועק צו באַריסן. פאַליאַ האָט אים באַגעגנט ביי דער טיר, דער־זען זיין בלאַס, פאַרזאָרגט און פאַרצאַרנט פּנים און זי האָט אויסגעשריגן:

— מיכאַיל, וואָס איז געשען?...

— גאָר נישט, פאַליאַ, גאָר נישט!... איך בין נאָר הונגעריק, איך האָב דעם מיטיק אין דער סטודענטישער סטאָלאָווקע פאַרשפּעטיקט.

— דאָס גאָר? — האָט זי זיך באַרויִקט, — שטיי נישט ביי דער טיר. דו ביסט גוט געקומען, מיר עסן טאַקע אַצינד!

באַריס איז געזעסן אַ פאַרטיפטער אין זיין טעלער פּעטע קאָטלעטן מיט פוכיקע געפּרעגלטע קאַרטאָפל. עס איז אויפן טיש געווען גענוג ברויט און עס האָט נישט אויסגעפעלט די פלאַש בראָנפן. ער האָט דערזען מיכלען און אויסגעשריגן:

— האַ, מיכאַיל, וואָס מאַכסטו?... שטודירסט, האַ?... זינט איך געדענק דיך האַלסטו אין איין שטודירן. נו, שטודיר, פּילייכט וועסטו זיך צו עפּעס אויסשטודירן. ביי מיר ביסטו שוין אַ פּראָפעסאָר און דערצו נאָך אַ גרויסער שרייבער! איז וואָס דאַרפסטו נאָך?... נו, טאַק!... זעץ זיך צו, מיכאַיל, קום מיט אונדז עסן!

מיכל האָט געפּרוווט אַ שמייכל טאָן: — דאָס וויל איך טאַקע איצט, נאָר עסן!

ער האָט געגעסן גיך, געכאַפּט און געשלונגען יעדן ביסן, פאַרטראַכט און נישט געוווסט וואָס ער עסט און ווו ער איז דאָס אויף דער וועלט. פּאָליאַ האָט דאָס גוט באַמערקט. זי האָט צו באָריסן זיך אָנגערופן:

— מיכל איז עפּעס נישט מיט אַלעמען...

באָריס האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און זיך צעלאַכט:

— ניטשעוואָ, עס איז גאָר נישט! אַז אַ מענטש איז אַ שרייבער אָדער אַ פּראָפעסאָר מוז ער דאָך זיין אַ צעטראָגענער. — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — שטענדיק אַן אינטעליגענט געווען, פון קינדווייז אָן... אַ פּאַפּירענע נשמה!... ער וואָלט איצט געקענט פאַרנעמען אַ גוטע שטעלע, מיר נויטיקן זיך אין אינטעליגענטן וואָס שטאַמען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר גיי רעד צו אים, אַז ער וויל נאָר שטודירן...

מיכל האָט פאַרגעזעצט עסן און זיך נישט צוגעהערט צו די רייד פון באָריסן.

פּאָליאַ האָט געפרעגט:

— איז דאָס שלעכט וואָס ער שטודירט?...

— אָ, דאָס איז נישט שלעכט! אָבער ער נעמט אַלץ צו ערנסט, און דאָס איז נישט גוט.

— עס מאַכט נישט, — האָט פּאָליאַ געזאָגט, און סאַרקאַסטיש זיך צעלאַכט, — אַבי ער זאָל נאָר גענוג שכל האָבן און פון די „דריי מיליאָן" נישט אַרויספאַלן, וועט אים זיין גוט!...

— וואָס פאַר אַ „דריי מיליאָן"? — האָט באָריס איבערגעפרעגט.

— דו ווייסט גאָר נישט, באָריס... דו זיצסט באַהאַלטן אין דעם קרעמל און דו ווייסט נישט, דו הערסט נישט וואָס דאָס פאָלק רעדט!... די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אונדזערע באַשטייט דאָך איצט נאָר בלויז פון דריי מיליאָן מיטגלידער, און די באַפעלקערונג פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד באַשטייט פון צוויי הונדערט מיליאָן מענטשן, נו, חכמהט מען זיך אויף אונדזער אַד-

רעס. די אומפּאַרטייִישע רופן אונדז מיט פאַרשיידענע צונעמען: „די דרײַ מיליאָן", „די נײַע דוואָריאַנינען", „דער נײַער קלאַס" און „די מענטשן מיט די פּרנסה־ביכעלעך"! אונדזערע פּאַרטײַ־בילעטן רופן זיי „פּרנסה־ביכע־לעך"...

— מען לאָזט זיי פרײַ רעדן, זיי רעדן צופיל, די אומפּאַרטייִישע אויס־וווּרפן! — האָט באָריס בייז אָפּגעענטפערט.

מיכל האָט אָפּגערוקט פון זיך דעם טעלער און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים.

— און דו באָריס, פאַררייס נאָר נישט צופיל די נאָז. דו ביסט טאַקע אַ וויכטיקער קאָמיסאַר. דו זיצסט טאַקע אין קרעמל. אָבער פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט אַמאָל אויך אַן אומפּאַרטייִשער געווען. מען ווערט נישט גע־בוירן פּאַרטייִיש, מען ווערט געבוירן מענטשיש. מען דאַרף דאָס פאַרגע־דענקען!...

— אַהאַ, עס הייבט זיך שוין אָן אַ פילאָסאָפיע?... — האָט באָריס אומ־געדולדיק געזאָגט, — דײַן אומגליק, מיכאַיִל, איז דאָס וואָס דו טראַכסט צופיל. איך זע, אַז דו לערנסט און דו לערנסט און דו האָסט גאָרנישט גע־לערנט!... דאָס לעבן איז דיר נמאס?... גיי און הענג זיך!...

— באָריס, שעם זיך! — האָט פאָליאַ אויסגעשריגן, — מיכאַיִל איז דײַן חבר, צי נישט?

— אָ, וואָלט ער נישט געווען מײַן חבר?... — באָריס האָט זיך באַלד גוטמוטיק צעלאַכט, — יאָ, ער איז מײַן חבר!... און דעם אמת געזאָגט, איך האָב אים ליב פאַר זײַן אַנדערשקייט...

באָריס איז געווען אַביסל אונטערגעטרונקען און מיד. ער איז צוגע־גאַנגען צו דער קאַנאַפּע און זיך אַוועקגעלייגט. מיכל איז צו אים צוגעקומען און זיך געזעצט לעבן אים.

— באָריס!... איך וויל מיט דיר ריידן...

— טאַק, רעד... זאָג, וואָס פאַר אַ שוך קוועטשט דיך שוין ווידער, דער לינקער צי דער רעכטער?...

— דער צענטראַלער!... — האָט מיכל זיך געפּרוווט חכמהנען, — דער צענטראַלער שוך קוועטשט מיך איצט, באָריס.

— נו, קום אַרויס מיט לשון!

דאָס איז געווען דער מאָמענט, ווען די צוויי חברים, אין דער שטיל,

אַז קיינער זאָל וועגן דעם נישט וויסן, האָבן זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, אויסגעשפּיגן די ביטערקייט און פאַר זיך געוואָלט קלאָר מאַכן די ריכטי־קייט און אומריכטיקייט פון דער פּאַרטייִשער גענעראַלער ליניע. פּאָליאַ איז שטענדיק ביי אַזעלכע געשפּרעכן אַרויסגעגאַנגען אין אַן אַנדער צימער.

— באָריס, האָסט געלייענט סטאַלינס בוך, „לעניניזם״?

— פאַרשטייט זיך, — האָט באָריס אָפּגעענטפערט, — ווי קען דען זיין אַנדערש?

— דאָס אַרטיקל „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״ האָסטו דאָרט אויך געלייענט?

— געלייענט אַלע אַרטיקלען! נו, איז וואָס?...

— ס׳אַ נידערטרעכטיקער און ביליגער פּאַסקווילל!...

באָריס איז אויפגעשפּרונגען און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיכלען מיט די פויסטן:

— שווייג!... — ער האָט זיך קוים באַרויִקט, — איך זאָל פון דיר אַזעל־כעס מער נישט הערן!...

אָבער מיכל האָט פאַר באָריסן זיך נישט געשראָקן און שווייגן נישט געוואָלט.

— און וואָס איז בירָאָבידזשאַן? זאָג, באָריס, דו ווייסט דאָך אַלץ! איז דען די לעגענדע מיט אַ ייִדישער אויטאָנאָמער רעפּובליק נישט קיין בייזער שווינדל?... ווייל ווי קען מען אין דער זעלבער צייט העלפן בויען אַ ייִדישע קולטור און שרייבן און דרוקן אַרטיקלען, אַז קיין ייִדישע קולטור טאָר נישט געדולדעט ווערן?...

באָריס האָט געשוויגן. ער האָט גאָר וועגן דעם פריִער נישט געטראַכט. אים איז גאָר אין אַלגעמיין נישט געלעגן אין זינען קיין שום ייִדישע פּראָ־בלעמען און ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינטראַכטן אין דעם וואָס עס איז ריכטיק און וואָס עס איז נישט ריכטיק. די גאַנצע פּראָבלעם איז פאַר אים געווען פרעמד און אומנויטיק. ער האָט זיך מער נישט געפילט ווי אַ ייִד, כאָטש ער האָט דאָס נישט געלייקנט און דאָס נישט אויסבאַהאַלטן. באָ־ריס איז שוין איצט אויפן רעכטן אמת אין כעס געוואָרן:

— וואָס פאַראַ ייִדישע פּראָבלעמען לאָזן דיך נישט רוען?... ווער דאַרף זיי און וועמען פעלן זיי?... יאָ בירָאָבידזשאַן צי נישט בירָאָבידזשאַן!... זע

נאָר וואָס דאָ טוט זיך... די וועלט קאָכט, עס ברענט אַ פײַער, מיר זענען אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן מיט שונאים, מיט סאַבאָטאַזשניקעס אין שטאָט און אין דאָרף. די וועלט־בורזשואַזיע שאַרפֿט אויף אונדז די ציין, און דו מיט דײַנע קלײנלעכע פּראָבלעמען... — געווגוג! — האָט ער אויסגעשריגן און אַ שפּײ געטאָן, — טפֿו!... ייִדישער שאָוויניזם! מען וועט אײַך אַלעמען מיט די פּיס צעטרעטן און פֿאַר די צינגער אויפֿהענגען!... פֿאַרגעדענק מײַנע רייד, מיכאַיִל, מיש זיך נישט אין זאַכן וואָס גייען דיר נישט אָן. שלאָג זיך אַרויס פֿון קאָפּ אַלע נאַרישקייטן. דו ביסט אַ רוסישער שרײַבער, טאָ פֿאַרנעם זיך מיט רוסישער ליטעראַטור און באַסטאַ!... — ער האָט אָבער באַלד זייער שטיל אַ זאָג געטאָן מיכלען אויפֿן אויער, — אַלע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען זענען דאָך נאָר צײַטווײַליקע, האָט סטאַלין אויף אַ געהיימער זיצונג פֿאַר אונדז דערקלערט. מען דאַרף — האָט ער געזאָגט, — די פּילקאָלירייקע נאַציאָנאַליסטישע בראָדיאַגעס צײַטווײַליק נאָר צוואַרפֿן אַ ביינדל און דערנאָך מיט אַ דובינע זיי די קעפּ צעשפּאַלטן. אָבער פֿאַר דער עפֿנטלעכער מיינונג, פֿאַר אַזעלכע אידיאָטן ווי דו, מיכאַיִל, האָט סטאַלין דאָס פֿאָרמולירט אַזוי: „נאַציאָנאַל לויט דער פֿאָרעם און קאָמוניסטיש לויטן אינהאַלט”. פֿאַרשטייסטו דען אַליין נישט, „פּראָפֿעסאָר מײַנער”, אַז וויכטיק איז דער קאָמוניסטישער אינהאַלט, וואָס איז אינטערנאַציאָנאַל און אוניווערסאַל און איז וויבאַלד אַזוי קעגן אַלץ וואָס עס איז אַפֿילו פֿאָרמעל נאַציאָנאַל?... נו, קאָפּ איינער, מען דאַרף דיר אַ פֿינגער אין מויל אַרײַנלייגן!... נאַ דיר מײַן פֿינגער, בײַס אים אָפּ!...

מיכל האָט געשוויגן. ער האָט איצט גוט פֿאַרשטאַנען באָריסעס ווערטער. אָבער ער האָט שוין צוריקטרעטן נישט געקענט. פֿאַרשטייט זיך, אַז עס איז גלײַכער אָנצונעמען באָריסעס עצה, זיך דערווײַטערן פֿון אַלץ וואָס איז וואַקלדיק, פֿאַרדעכטיקט און נישט שטאַנדהאַפֿטיק. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און געגעבן באָריסן די האַנט.

— איך וועל אַ טראַכט טאָן, איך מוז גוט אַרײַנטראַכטן זיך אין דײַנע רייד!...

באָריס האָט זײַן האַנט פֿאַרהאַלטן.

— אײַל זיך נישט, מיכאַיִל, בלײַב... פֿאַרשטייסט, איך וואָרן דיר, איך דערצייל דיר וואָס איך טאָר גאָר אויף מײַנע ליפּן נישט אַרויסברענגען. איך באַגיי דערמיט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן טאַט. אָבער וואָס זאָל איך טאָן,

אַז איך האָב אויף דיר פאַרט רחמנות?... איך קען נישט צוזען ווי דו ווערסט פאַרפירט און פאַרפאַלן!...

מיכל איז גערירט געוואָרן פון די רייד. ער האָט באָריסן אַרומגענו־מען.

— אַזעלכע זענען מיר שוין. מיר מוזן איינס דאָס אַנדערע אַרויס־העלפן!... אָט האָב איך אַפילו בען־אַלין אויך אַרויסגעהאָלפן. ער האָט זיך געהאַט פאַרפלאָנטערט מיט פאַרטיידיקן טראָצקין... איך האָב אים אויף אַ גלייכן וועג אַרויפגעפירט!...

— אַך, דער „טאָטער"! — האָט באָריס פריילעך אויסגעשריגן, — וואָס מאַכט ער?...

— אים איז גוט. ער וואַקסט. ער פליט אַלץ העכער און העכער!... ער איז איצט שוין דער פאָלגער דירעקטאָר פון דער פאַבריק.

— זעסטו! — האָט זיך באָריס אָפּגערופן — אַזאַ־אָ מורמעלע און האָט אַזאַ גוטע קאַריערע געמאַכט, און דו, אַ געבילדעטע ייִנגל, דו ביסט נאָך אַלץ פון פאָרנט, האָסט נאָך אַלץ צו גאָרנישט זיך דערשלאָגן. דו נישטערסט, דו זוכסט און דו קענסט נאָך אַזוי בלייבן אַן אייביקער סטודענט!...

— יאָ־יאָ, אַן אייביקער סטודענט... — האָט מיכל אַ זיפץ געטאָן, — קען זיין, אַז דאָס איז מיין מזל. אָבער בען־אַלי, ער איז גאָר נישט אַזאַ מורמעלע ווי מיר האָבן געמיינט.

ווען מיכל איז אַרויס אויף דער גאַס האָט ער זיך דערפילט אָפּגע־פרישט און באַנייט, און מיט פילע האָפענונגען, אַז עס וועט זיין גוט.

אין דער צוזאַמענוויינונג פון דעם אוניווערסיטעט, וווּ ער האָט גע־וווינט, אין דעם קליינעם צימערל, וווּ עס איז געשטאַנען נאָר אַן אייזערן בעטל מיט אַ צעקרימט הילצערן טישל, האָט אויף אים געוואַרט אַ נייע איי־בערראַשונג. דער־אָ פרייטיק האָט שוין ווי עס ווייזט אויס זיך געמוזט פאַר־ענדיקן מיט אומדערוואַרטע סורפּריזן. ווען ער האָט געעפנט די טיר האָט ער דערזען אויפן פּאָל אַ קאָנווערט אין וועלכן עס איז אַ צירקולאַר פון דעם פאַרטיי־קאָמיטעט, ביים אוניווערסיטעט, געווען. אין דעם צירקולאַר איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די פאַרטיי מאָביליזירט פינף און צוואַנציק טויזנט יונגעלייט, פאָרגעשריטענע סטודענטן און פאַרטיי־מיטגלידער פון אַלע אוניווערסיטעטן, כדי געשיקט צו ווערן אין די דערפער און דאָרט שאַפן גע־

רעכטיקייט און אָרדענונג צווישן די באַוווּלטע פּויערים, וועלכע די דאָרפי־שע קאָמיסאַרן האָבן נישט יושרדיק באַהאַנדלט בעתן דורכפירן די קאָלעק־טיוויזאַציע.

מיכל האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט מיטן אָנטאָן און היסטעריש זיך צעלאַכט: „מען האָט ערשט אָנגעהויבן דאָס לערנען און מען מוז שוין איבעררייסן״...

אויפן אַנדערן טאָג זענען אַלע סאָוועטישע צייטונגען אַרויסגעקומען מיט סטאַלינס אַ בריוו, וועלכער האָט געהאַט דעם טיטל: „קאָפּשווינדל פון דערפאָלג״. אויפן דריטן טאָג האָט מען די פינף און צוואַנציק טויזנט מאָ־ביליזירטע סטודענטן אין די אוידיטאָריעס פון די אוניווערסיטעטן, אויף אינסטרוקטיווע מיטינגען, צונויפגענומען, און מען האָט פאַר זיי דערקלערט דעם באַטייט פון סטאַלינס בריוו.

פּראָפעסאָר מאַסלאָוו האָט שוין ווידער אַמאָל געהאַט אַ מעגלעכקייט צו האַלטן אַ פלאַם־פייערדיקע פּראָפּאַגאַנדע־רעדע. ער האָט געשטורעמט און געשריגן:

„פיינד פון פאָלק, קולאַקעס און אויסלענדישע אינטערווענטן בושע־ווען פראַנק און פריי אין די דערפער. מען צינדט אונטער די קאָלכאָזנע גע־ביידעס, מען סמט אָפּ די קאָלכאָזנע קי און פערד, מען צעראַבעוועט דאָס קאָלכאָזנע פאַרמעגן און מען הרגעט יעדן ערלעכן קאָמוניסט! נישט־פעיִקע און פאַרברעכערישע קאָלכאָזנע פירער, קאָלכאָזנע פאַרטיי־סעקרעטאַרן און דאָרפישע קאָמיסאַרן זענען שולדיק אין דעם כאַאָס! מען האָט געהאַט דער־פאָלג, האָט מען באַקומען קאָפּ־שווינדל!... מען האָט געהאַט גענוג, האָט מען געוואָלט מערער!... מען האָט געטאָן גוט, האָט מען געוואָלט בעסער!... און דאָס איז, וואָס אונדזער ליבער און געניאַלער חבר סטאַלין רופט אַזוי טרעפ־לעך אָן אין זיין פובליקירטן בריוו: „קאָפּשווינדל פון דערפאָלג״!... דאָס הייסט, אַז מען האָט איבערגעבויגן דעם שטעקן! מען האָט צוגענומען ביי די פויערים אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט און מען האָט פאַרגעסן דעם אָנזאָג פון אונדזער לערער סטאַלין, אַז מען זאָל נישט אַלץ צונעמען ביי די פויע־רים און עס פאַרגעזעלשאַפטלעכן, נאָר מען זאָל לאָזן פאַר יעדער פויערישער שטוב איין קו, איין חזיר, אַ פּאָר הינער און אַ געוועגנדיק שטיקל ערד אַרום דער שטוב! אָבער די נישט־פעיִקע און פאַרברעכערישע קאָלכאָזנע און דאָרפישע קאָמיסאַרן האָבן זיך צו סטאַלינס ווערטער נישט צוגעהערט. דאָס

האָט פֿאַרביטערט דעם פֿויער און אים דערפֿירט צו רעוואָלטן און אויפֿשטאַנדן...

„פֿאַר אייך, חברים סטודענטן, ליגט די אויפֿגאַבע אַרויסצופֿאָרן אין די דערפֿער און דאָרט אויף די ערטער פֿאַרבעסערן די לאַגע, גוט־מאַכן דאָס שלעכטס וואָס די פֿאַרברעכער האָבן צו די פֿויערים געטאָן. איר מוזט האַנדלען ווי געטרייע יונגע קאָמוניסטן, איר מוזט אויסגלייכן דעם אויסגעבויגענעם שטעקן, איינפֿירן רו און אָרדענונג, באַשטראָפֿן די שולדיקע און אויסנוצן די פֿולע מאַכט וואָס די פּאַרטיי און די רעגירונג גיט אייך אַלס באַפֿולמעכטיקטע. מיט דער ברכה פֿון אונדזער ליבן פֿאָטער און פֿירער, חבר סטאַלין, פֿאָרט געזונט און האָט דערפֿאָלג!“...

מיט אַ שווער האַרץ האָט מיכל פֿאַרלאָזט מאָסקווע און זיך געלאָזט פֿאָרן אין אַן אומבאַקאַנטן דאָרף פֿאַר וועלכן ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער באַפֿולמעכטיקטער קאָמיסאַר, ווי איינער פֿון די פֿינף און צוואַנציק טויזנט יונגע קאָמוניסטן וועלכע מען האָט צעשיקט אין כמעט אַלע דערפֿער פֿון דעם לאַנד.

.23

דאָס דאָרף, אין וועלכן מיכל איז געשיקט געוואָרן, איז געלעגן אין אַ גרינעם טאָל. עס איז געווען אַ גרויס דאָרף מיט אַלטע הילצערנע הייזקעס, מיט אַן אַלטן, ווייסן שטיינערנעם קלויסטער און מיט שוואַרצע וועלדער און ברוינע בערג אַרום און אַרום. צום מערסטן זענען אין דעם דאָרף געווען אָרעמע פֿויערים. אָבער יעדער פֿויער האָט זיך פֿעסט געקלאַמערט פֿאַר זיין אייגן שטיקל ערד און דאָס צום קאָלכאָז אָפּגעבן נישט געוואָלט.

אין דעם דאָרף האָבן געלעבט מערסטן גרויס־רוסן און אַ טייל אוקראַינער. גערופֿן האָט מען דאָס דאָרף: קראַסנעי.

הינטערן דאָרף האָט געפֿלאָסן אַ שטיל טייכל און אויף יענער זייט טייכל איז געשטאַנען אַ צווייטער דאָרף מיט ליימענע און ווייס־געקאַלכטע הייזקעס געדעקט מיט שטרוי און טשערעפּיצע, און אין מיטן איז געשטאַנען אַ קלויסטער מיט אָנגעשוואָלענע קופּאָלן און געגילדעטע צלמים. הינטערן דאָרף האָבן זיך געצויגן שטרעקעס אויף ווייטע מיילן מיט צעאַקערטע און פֿאַרזייטע פֿעלדער. צום מערסטן זענען אין דעם־אָ דאָרף געווען רייכע פֿוי־

ערים, קולאַקעס, און זיי האָבן זייער אייגן ערד און זייער האָב און גוטס דעם קאָלכאָז נישט געוואָלט אָפּגעבן.

אין דעם דאָרף האָבן געלעבט מערסטן אוקראַינער און אַ טייל גרויס־רוסן. גערופן האָט מען דאָס דאָרף: באָר.

מיט דער צייט האָבן זיך די ביידע דערפער פאַראייניקט אין איין גרויס דאָרף, וועלכן מען האָט אָנגעהויבן צו רופן: קראַסנעי־באָר!

עס איז געווען איינער פון די טויזנטער דערפער וואָס האָבן זיך אַקעגן געשטעלט דער קאָלעקטיוויזירונג.

ווען מיכל איז אין דעם דאָרף אַראָפּגעקומען האָבן הייזער געברענט און האַרץ־רייסנדיקע קולות פון געפּייניקטע פויערים האָבן זיך געטראָגן פון אַ רויט־ציגלדיקער געביידע, אויף וועלכער אַ שילד מיט אַן אויפשריפט „דאָרף־סאָוועט", און מיט די פּאָרטרעטן פון לענין און סטאַלין, זענען גע־האַנגען.

צו דעם דאָרף זענען נאָך נישט דערגאַנגען די צייטונגען אין וועלכע סטאַלינס בריוו איז געדרוקט געוואָרן, און קיין שום צירקולאַרן פון דער פּאַרטיי־צענטראַלע, אַז עס ווערן געשיקט פינף און צוואַנציק טויזנט יונגע קאָמוניסטן אין די דערפער אַלס באַפולמעכטיקטע, כדי „אויסצוגלייכן דעם שטעקן" וועלכער איז פון די דאָרפישע קאָמיסאַרן אויף די ערטער „אויס־געבויגן געוואָרן", האָט מען אויך נישט באַקומען. דערפאַר, ווען מיכל האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם סעקרעטאַר פון דעם דאָרפישן פּאַרטיי־קאָמי־טעט און פאַר דעם פאָרזיצער פון דעם דאָרפישן סאָוועט, האָבן די ביידע קאָמיסאַרן אויף אים געקוקט מיט אומצוטרוי, און נאָר ווען ער האָט זיי באַ־וויזן אַ דאָקומענט, אַרויסגעגעבן פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַר־טיי, אַזש פון דעם סאַמע קרעמל, נאָר דאַן האָבן די ביידע דאָרפישע גדולים זיך געכאַפּט, אַז דער־אָ יונגער בחור איז ביז גאָר אַ וויכטיקער פּאַרשוין און מען מוז זיך צו אים נידעריק נויגן און בוקן.

אָבער געווי אין וואָס מיכלס פליכט באַשטייט האָבן זיי דאָך נישט גע־ווּסט. די־אָ צוויי זעלבסטצופרידענע, דאָרפישע קאָמיסאַרן האָבן אין זייער קאָמוניסטישער פרומקייט געטאָן אַלץ אין דער וועלט כדי אויסצופילן די באַפעלן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דער סאָוועטישער רעגירונג. אַן אָרטאָדאָקסישער קאָמוניסט איז ווי אַ דיסציפּלינירטער סאָלדאַט. ער פרעגט נישט זיינע העכערע קאָמאַנדירן צוליב וואָס און פאַרוואָס מען דאַרף

אויספּילן דעם אָדער יענעם באַפעל. ער פּילט אויס בלינד יעדן באַפעל און אויס!... קאָמוניזם איז אַ בלינדע רעליגיע מיט דאָגמעס און הייליקייטן און פאַרשידענערליי פינצטערנישן. אַ גלייביקער אין קאָמוניזם האַלט פאַר ליב און גוט אַלע מיטלען אַבי צו דערגרייכן דעם קאָמוניסטישן ציל, אויסצו־פּילן דעם באַפעל און אַזוי אַרום צופרידן שטעלן די באַלעבאַטים זיינע, די העכערע פון זיך, די קאָמיסאַרן.

מיט פיל באַגייסטערונג און גלויבן אין זיך און אין דער גערעכטער מיסיע וואָס זיי פירן דורך, האָבן די ביידע דאָרפישע קאָמיסאַרן זיך אָנגע־הויבן צו באַרימען פאַר מיכלען, אַז זיי האָבן אויסגעפּילט דעם באַפעל פון דעם פירער, חבר סטאַלין, און זייער דאָרף איז שוין קאָלעקטיוויזירט כמעט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט.

דער פאַרטיי־סעקרעטאַר פון דאָרף, אַ מענטש אין די פערציקער, מיט אַ פּאָר בלאָנדע צעוואַקסענע וואָנסעס וועלכע זענען אים אַראָפּגעהאַנגען איבערן מויל און מען האָט דערפאַר זיינע ליפּן קיינמאָל נישט געזען, טאָ־וואַרישטש סעמיאָנאָוו, האָט אַ צופרידענער זיך אַ רייב געטאָן די ווייסע אויסגעאיידלטע הענט, און געזאָגט:

— טאָוואַרישטש קרוגער, אונדזער דאָרף גייט פאָרויס אין דער קאָ־לעקטיוויזאַציע פון לאַנד. אמת, עס זענען נאָך פאַראַן ביי אונדז אַ פּאָר אויס־ווורפן, וואָס שטעלן זיך אַקעגן און ווילן נישט פרייוויליק אַריינטרעטן אין קאָלכאָז, אָבער מיר שאַנעווען זיי נישט, אָט די־אָ קאָנטרעס!... מיר צווינגען זיי, אַז זיי זאָלן פרייוויליק אַריינטרעטן אין קאָלכאָז! און איר וועט זען, אַז אויך זיי וועלן זיך אונטערגעבן!

— איר צווינגט זיי, אַז זיי זאָלן פרייוויליק אַריינטרעטן אין קאָלכאָז?
— האָט מיכל איבערגעפרעגט מיט פאַרדראָס.

עס איז פאַר די קאָמיסאַרן נישט קלאָר געווען צי מיכלס פאַרדראָס איז ווייל מען צווינגט די פויערים מיט גוואַלד אַריינצוטרעטן אין די קאָלכאָזן, אָדער ווייל די פויערים זענען קעגן די קאָלכאָזן.

דער פאָרזיצער פון דעם דאָרפישן סאָוועט, אַ סיביריאַק לויט זיין גע־בורט און אַ מאַטראָס לויט זיין פאַך, אַ קאָמוניסט וועמען מען האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַראָפּגעשיקט אין דעם דאָרף אויף דער־אָ אָנפירנדיקער שטעלע, טאָוואַרישטש פאַפאָוו, האָט אָפּנהאַרציק דערקלערט:

— טאָוואַרישטש קרוגער, זייט זיכער, אַז קיין קאָנטרעס און סאַבאָ־

טאַזשניקעס וועלן דאָ, אין דעם דאָרף נישט פאַרבלייבן. מיר קערן זיי אַלע אויס מיט דעם אייזערנעם בעזעם פון דער רעוואָלוציע!...

— גוט! — האָט מיכל ביטער אַ שמייכל געטאָן, — האָט איר שוין פיל פויערים, וואָס ווילן נישט פרייוויליק אַריינטרעטן אין קאָלכאָז, מיט אייער רעוואָלוציאָנערן בעזעם אויסגעקערט?...

— פויערים?! — האָט פּאַפּאָוו אויסגעשריגן פאַרחידושט, — וואָס פאַר־ראַ פויערים, — קולאַקעס, עקספּלאָאַטאַטאָרס, אַגענטן פון דער וועלט־בור־זשואַזיע זענען זיי!... אָ, מיר רייניקן זיי אויס פון דאַנען!...

— זענט איר זיכער אין דעם, אַז אַלע די וואָס איר רייניקט אויס זע־נען טאַקע קולאַקעס און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן? — האָט מיכל איבער־געפרעגט, — פּיליכט זענען צווישן זיי פאַראַן אויך אָרעמע פויערים און ערלעכע מענטשן, אָבער אַזעלכע וואָס אין זייער אומוויסן האַלטן זיי זיך פאַר זייער אייגן שטיקל ערד, פאַר זייער אייגענער בהמה, פאַרן אייגענעם פערדל וואָס ער שפּאַנט אין זיין אייגענעם וואָגן, און עס טוט אים ווי אָפּ־צוגעבן פרייוויליק זיין ביסל אָרעם אייגנטום; ער קען דאָס נאָך נישט טאָן, ער פאַרשטייט נאָך נישט, אַז אָן דעם אייגנטום, אין דעם קאָלכאָז וועט אים זיין בעסער? פאַר אַזעלכע אומבאַוווסטזיניקע פויערים דאַרף מען פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט! מען דאַרף זיי געבן צו פאַרשטיין...

דער סעקרעטאַר פון דעם דאָרפישן פאַרטיי־קאָמיטעט, טאָוואַרישטש סעמיאָנאָוו, האָט זיך נאָך אַלץ נישט געכאַפּט, אַז די אַלגעמיינע ליניע פון דער פאַרטיי, וועלכע סטאַלין האָט אָנגעמערקט, איז פון דעם זעלבן חכם געענדערט געוואָרן, ווייל די אַלגעמיינע ליניע איז דאָך נישט מער ווי אַ נאַסע שמאַטע וואָס מען קען דרייען אַהין און צוריק. סעמיאָנאָווס קאָמור־ניסטישער גלייבן האָט אים דערפירט דערצו, אַז ער זאָל זיך אויפפירן אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט אַ שטעקן איינגעשלונגען און דערפאַר מוז ער אַרומגיין אַזאַ שטאָלצער און דיסציפּלינירטער און ער מוז גרייט זיין צו פאַרניכטן אַ וועלט, זיך צו באָדן אין בלוט פון אַלטע מענטשן, פרויען און קינדער, אַבי צו קענען אָוועקשיקן קיין מאָסקווע, אין דעם קרעמל, צום פאָטער סטאַלין, אַ ראַפּאָרט, אַז די אויפגאַבע וואָס די פאַרטיי האָט אויף אים אַרויפ־געלייגט איז שוין אויסגעפילט, אי דאָס מיט אַ שנעלן טעמפּ און דערצו נאָך אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. און ער האָט זיך נישט געכאַפּט, דער אומגליקלעכער, אַז דער פאַרטיי־שטעקן, וועלכן ער האָט אין זיך איינגע־

שלונגען, איז שוין נישט מער אַ גלייכער, ער איז גאָר איינגעבויגן, און אָט־אָט וועט ער זיך צעברעכן און דאַן וועט עס קומען צו אַ קראַך!...

— ווי וואַגן זיי זיך נישט צו וועלן שיידן מיט זייער אייגנטום? — האָט סעמיאָנאָוו זיך אָנגערופן, — ווען די פּאַרטיי באַפעלט, אַז אַלץ דאַרף ווערן קאָלעקטיוויזירט, מוז דער באַפעל אָן שום רייד אויסגעפילט ווערן! יעדער איינער וואָס שטעלט זיך קעגן אַ פּאַרטיי־באַשלוס איז אַ קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנער! לעניִן האָט אונדז געלערנט, אַז ווער עס איז נישט מיט אונדז איז קעגן אונדז! און דער חבר סטאַלין לערנט אונדז, אַז אויב מיר ווייסן, אַז אין אַ קרייז פון הונדערט מענטשן געפינט זיך איין פאַררעטער, אָבער מיר ווייסן נישט ווער ער איז, דאַן שאַדט נישט צו פאַרניכטן אַלע הונדערט און אַזוי אַרום זיכער זיין, אַז מיר זענען פּטור געוואָרן פון דעם איינעם פאַר־רעטער... קיין רעוואָלוציע מאַכט מען נישט מיט קיין ווייסע הענטשקעס, און קיין סאָציאַליזם בויט מען נישט מיט קיין ווייכע נשמות. אַז מען האַקט האָלץ פליִען שפּענער!...

עס איז שוין געווען שפּעט. מיכל איז געזוען מיד פון וועג. קיין האָטעל איז אין דעם־אָ פאַרטאָפּלטן גרויסן דאָרף נישט געווען. ווען אַ באַזוכער אָדער אַ פאָרשטייער פון שטאָט איז אַראָפּגעקומען אין דעם־אָ דאָרף האָט דער פאָרזיצער פון דעם היגן סאָוועט, אָדער דער סעקרעטאַר פון דער הי־גער פּאַרטיי, דעם גאַסט פאַרבעטן צו זיך אָדער פאַר אים אָפּגעזוכט אַ פּאַסיקן צימער אין איינע פון די שענערע און בעסערע פּויערישע הייזער.

סיי דער פאָרזיצער פּאָפּאָוו און סיי דער סעקרעטאַר סעמיאָנאָוו האָבן מיכלען געוואָלט איינלאַדן צו זיך אַהיים און אים אָפּגעבן אַ באַזונדערן צי־מער, מיט עסן, טרינקען און מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, ווי לאַנג ער וועט נאָר זיין אין דעם דאָרף, אָבער מיכל האָט זיי אָפּגעדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט פון זייער גאַסטפריינדלעכקייט.

— אָ, ניין!... מיין מיסיע איז אַ זייער דעליקאַטע... עס וועט זיין גע־זינטער פאַר מיר און פאַר אייך, אַז ביים אויספילן מיינע פליכטן זאָל מיך קיינער נישט חושד זיין אין אָפּאָרטוניזם!...

פּאָפּאָוו און סעמיאָנאָוו האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פיל־באַטייטנדיקע בליקן... פּאָפּאָוו האָט באַלד געזאָגט:

— ווי איר פאַרשטייט, טאָוואַרישטש קרוגער! מיר האָבן דאָ פיל שיי־נע הייזער, און מיר וועלן פאַר אייך געפינען אַ פּאַסיקן צימער. — ער האָט

פֿרײַנדלעך אַ ריר געטאָן מיכלען פֿאַר דער האַנט. — קומט, טאָוואַרישטש קרוגער!

— וואַרט! — האָט זיך אָפּגערופֿן סעמיאָנאָוו און איז באַלד צו צו אַ קליין טישל, בײַ וועלכן אַ ביז גאָר יונג מיידל איז געזעסן און האָט די גאַנצע צייט געקלאַפּט אויף אַ שרײַבמאַשין. דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר האָט זיך אַ וויש געטאָן זײַנע בלאָנדע וואָנצעס און דערבײַ אַ פֿינטל געטאָן מיט זײַנע גרויע אויגן. ער האָט מיט אַ חניפֿהדיקן ניגון געפֿרעגט דעם מיידל: — קסעניאַ, אײַער הויז איז דאָך אַ שיינס און אַ ריינס, עס איז אַ גרויס הויז און לעבן לעבט איר דאָרטן נאָר אין צווייען, דו און דײַן מוטער. איז אפֿשר וועט דער טאָוואַרישטש קרוגער גיין צו אײַך?... טאָוואַרישטש קרוגער איז דער באַפּולמעכטיקטער פֿאַר אונדזער דאָרף. ער איז אַהער געשיקט געוואָרן פֿון סאַמע מאָסקווע, פֿון דעם קרעמל! דײַן מאַמע וועט זײַן צופֿרידן צו האָבן בײַ זיך אַזאַ ווירדיקן גאַסט!...

— אָ, ריכטיק! — האָט זיך אויך פּאָפּאָוו אָנגעכאַפּט פֿאַר דער־אַ געלעגנהייט, — בײַ אײַך פֿילן זיך אַלע געסט אויסגעצייכנט, דײַן מאַמע, קסעניאַ, איז אַ גוטע קעכין!...

— ווי איר פֿאַרשטייט! — האָט דאָס מיידל אָפּגעענטפֿערט און אַ קוק געטאָן אויף מיכלען, — מײַן מוטער איז דאָך קיינמאָל נישט קעגן די געסט וואָס איר שיקט צו אונדז!...

מיכל האָט די גאַנצע צייט זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם מיידל, וועלכע האָט אָן אַן אויפֿהער געקלאַפּט אויפֿן שרײַבמאַשין און באַדינט אַלס טעכנישע סעקרעטאַרין סײַ דעם דאָרף־סאָוועט און סײַ דעם דאָרפֿישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. די ביידע אינסטיטוציעס האָבן זיך געפֿונען אונטער איין דאַך פֿון דער רויט־ציגלדיקער געביידע און זייער טעטיקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ זיבעצן־יאָריק דאָרפֿיש מיידל, וועלכע האָט ערשט פֿאַרענדיקט די פֿאָלקשול און האָט גענומען אַ דריי חדשימדיקן קורס, פֿון צוגרייטן טעכנישע סעקרעטאַרן, זאָל זיך גוט ספּראַווען מיט דער גאַנצער אַרבעט. מיכל האָט אַ שמייכל געטאָן צום מיידל. זי האָט איר קאָפּ אָפּגעריסן פֿון דער שרײַבמאַשין און צו אים צוריק אַ שמייכל געטאָן. אין איר פּראָסטן דאָרפֿישן אויסזען איז זי דאָך ווי אַ קעניגין אויף אַ טראָן בײַ איר שרײַב־טישל געזעסן. אומשולדיק, נאַיִוו, און שיין ווי די נאַטור איז איר ווייס געזיכט, מיט טיפֿע חן־גריבעלעך אין די באַקן, געווען. פֿון אירע אויגן

האָט אַ הימלשע בלויקייט אַרויסגעקוקט. אירע בלאָנדע האָר האָבן זיך ווי אַ וואַסערפאַל איבער אירע שיינע און ווייסע אַקסלען אַראָפּגעלאָזט. איר קול איז געווען אַביסל הייזעריקלעך אָבער אָנגענעם. מיכל האָט זיך גע־וווּנדערט פאַרוואָס ער האָט גאָר ביז איצט דאָס־אָ מיידל באַמערקן נישט געוואָלט. ער האָט איצט אויף איר געקוקט מיט אַזאַ אַנטציקונג ווי ער האָט געהאַט געקוקט אויף די פּאָרטרעטן און בילדער פון דער מאָסקווער קונסט־גאַלעריע.

קסעניעס מוטער, פּראָסיאַ, אַ פרוי אין די מיטעלע פערציקער, איז שוין געווען געוווּינט צו די צוגעשיקטע געסט פון פּאַרטיי־קאָמיטעט און פון דאָרף־סאָוועט, און זי האָט מיכלען אויפגענומען מיט דער זעלבער פריינדלעכקייט ווי זי האָט די אַנדערע קאָמיסאַרן אויפגענומען. זי האָט שוין פון פריִער זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויך דער, ווי די אַנדערע, וועט צופרידן זיין פון דעם צימער וואָס זי וועט אים אָפּגעבן און פון די געשמאַ־קע עסנס וואָס זי וועט פאַר אים צוגרייטן, און אַז אויך ער וועט, ווי די אַנ־דערע, ביים אַוועקפאָרן איר באַלוינען מיט עטלעכע רובל. געוווּנדערט האָט זי זיך נאָר וואָס דער־אָ דאָזיקער קאָמיסאַר איז עפּעס צו יונג, נאָך גאָר אַ ייִנגל, און איז שוין, ווי די טאָכטער האָט איר דערקלערט, אַזאַ וואַזשנער פּאַרשוין.

פּראָסיאַ, איז זינט דער בירגער־קריג געבליבן אַן אַלמנה מיט איין קינד, מיט קסעניאַן, וועלכער זי האָט געגעבן אַ דאָרפיש־לייטישע, כמעט אַ שטאָטישע דערציִונג. דער מאַן אירער, אַלעקסאַנדער, איז אומגעקומען אין שלאַכט קעגן די ווייסגוואַרדייער און ווי אַן אַלמנה פון אַ העלד פון דער רויטער אַרמיי האָט מען איר אָפּגעגעבן גרויס כבוד, מען האָט איר גע־האָלפן ווי ווייט מעגלעך אין אירע נויטן, און מען האָט אַפילו איינגעאָרדנט איר איינציק קינד, איר טאָכטער קסעניאַ, אין דער קאַנצעלאַריע פון דאָרף־סאָוועט און דאָרפס־פּאַרטיי אַלס טעכנישע סעקרעטאַרין. פון צייט צו צייט שיקט מען צו איר געהויבענע געסט, קאָמאַנדיראָוועטשנע קאָמיסאַרן וואָס קומען אַראָפּ אויף אַ צייט אין דאָרף, זי קאָכט פאַר זיי, וואַשט זייער וועש און אַזוי אַרום מאַכט זי אַ לעבן... זי אַרבעט נישט אין פעלד ווי די איבע־ריקע פויערטעס, זי אַרבעט נאָר אין איר קליינעם גאָרטן, וואָס אַרום איר הויז, און אין אַלגעמיין פילט זי זיך ווי אַ נאָענטע צו דער דאָרפישער מאַכט... זי איז איינע פון די וויניקע דאָרפישע איינוווינער, וועלכע האָט שלום גע־

מאַכט מיט אַלדאָס בייז, וואָס די דאָרפס־קאָמיסאַרן טוען צו די פּויערים. זי מיינט, אַז דאָס אָפּשאַפן דאָס פּריוואַטע אייגנטום פון די פּויערים איז אַ גערעכטע זאַך, און זי גלויבט אַפילו, אַז אַרײַנטרייבן די פּויערים, קעגן זייער ווילן, אין די קאָלכאָזן, איז דאָס דער אידעאַל פאַר וועלכן איר מאַן האָט זיך געשלאָגן און איז ווי אַ הייליקער געפאַלן...

אָבער גראָד די טאָכטער, קסעניאַ, די יוגנטלעכע קאָמוניסטקע, וועלכע האָט אירע טעג פאַרבראַכט ביי דער שרייבמאַשין אין דער רויט־ציגלנער געביידע, גראָד זי, וועלכע האָט זיך צוגעקוקט צו דער פּירערשאַפט פון אירע באַלעבאַטים, פּאַפּאָוו און סעמיאָנאָוו, און דערשפּירט זייער גרויזאַמקייט און ווילדקייט ביים דורכפירן די דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי און רעגירונג, האָט טיף אין האַרצן פּראָטעסטירט קעגן דעם ווילקיר, וואָס האָט געהערשט אין דעם דאָרף. אָבער זי האָט געמוזט שווייגן, ווייל זי האָט זיך נישט געהאָט פאַר וועמען צו פאַרקלאָגן. זי האָט אַפילו מורא געהאַט מיט איר אייגענער מוטער זיך אַדורכצורעדן וועגן די אומרעכטן וואָס ווערן באַגאַנגען אין דעם דאָרף. זי האָט טיף אין זיך אַרומגעטראָגן אַ ווייטיק און אַ פאַרדראָס און דאָס איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן אין אַ פיינדשאַפט צו די מערדער פון די פרידלעכע פּויערים. יאָ, גראָד זי, דאָס דאָרפישע מיידל, די קאָמסאָמאָלקע, אַ קינד פון עלטערן, דאָרפישע קאָמוניסטן, גראָד זי האָט דערזען דעם אמתן זין פון דעם קאָמוניסטישן אידעאַל: מען נעמט צו ביי די פּויערים זייער ערד, און דאָס ברויט וואָס זיי האָבן מיט זייער בלוט און שווייס געזייט! מיט גוואַלד צווינגט מען די הונגעריקע צו גיין „פרייוויליק" אין די קאָלכאָזן, און אויב זיי ווילן נישט, שלאָגט מען זיי, מען פאַרשיקט זיי אין די טורמעס, קיין סיביר, און מען שיסט אַפילו אויס גאַנצע דערפער מיט פּויערישע משפחות... אָ, זי האָט דאָס אַליין געזען מיט אירע אויגן, אָבער זי מוז שווייגן, און אַפילו פון צייט־צו־צייט צובאָמקען: „גוט אַזוי!"...

קסעניאַס מוטער האָט שנעל צוגעגרייט עסן פאַר מיכלען. ער איז געזעסן ביים טיש אַ פאַרמאַטערטער און אַ הונגעריקער. די שיסל הייסע קאַרטאָפל פון וועלכע עס האָט געזעצט אַ מחיהדיקער הייסער דאַמף, און די שיסל קאַלטע זויערמילך פון וועלכער עס האָט זיך דערטראָגן אַ דערפרישנדיקייט, זענען געווען אַזוי באַטעמט, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז קיין בעסערס אין זיין לעבן האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געגעסן.

פּראָסיאַ האָט געקוקט אויף מיכלען און געשפּירט ווי ער עסט מיט

גרויס פאַרגעניגן דעם דאָרפישן מאכל. דער בחור איז איר געפעלן געוואָרן. זי האָט געוווסט, אַז אין אירע פּערציקער יאָרן האָט זי נאָך פיל ווייבלעכ־קייט און נישט איין מאַן, פון די געסט, וואָס נעכטיקן ביי איר פון צייט צו צייט, האָט צו איר אַ וואַרעמען געפיל... אָבער דער גאַסט איז צו יונג פאַר איר, פיליכט פאַר איר טאָכטער, פאַר קסעניאַן איז ער צוגעפּאַסט... עס וואָלט נישט געשאַדט, אַז קסעניאַ זאָל זיך אַרויסרייסן פון דאָרף און אַוועק קיין מאָסקווע. אין דער הויפּטשטאָט, — האָט זי געהערט — לעבן מענטשן זייער גוט.

קסעניאַ איז געזעסן שטיל, אַ פאַרטיפטע אין אירע שווערע געדאַנקען און זי האָט אויך פון צייט צו צייט געקוקט אויף מיכלען, און אפילו אַ שמייכל געטאָן צוזעענדיק ווי ער עסט אַזוי ערנסט און זשעדנע. דער גרויס־שטאָטישער בחור איז איר אויך געפעלן געוואָרן. אין איר מיידלשער רייפ־קייט האָט אָנגעהויבן צו בליִען אַ באַגער און אַ בענקשאַפט צו האָבן אַן אמתן פריינד. צוזאַמען מיט דעם באַגער און בענקשאַפט איז אויך געוואַקסן אַן אומפאַרשטענדלעכע אייפערזוכט צו אַלע דאָרפישע מיידלעך וואָס האָבן אין די אויפדערנאַכטן אַרומשפּאַצירט מיט די דאָרפישע בחורים... די דאָר־פישע יונגעלייטלעך האָבן אויף איר, אויף דער יונגער און געבילדעטער קאָמוניסטקע, געקוקט מיט חשד און מורא... זי איז געווען אַנדערש פון די איבעריקע דאָרפישע מיידלעך, זי איז געווען אינטעליגענט, זיך געקליידט גרויס־שטאָטיש און זי איז אָפּגעפרעמדט געווען פון די איבעריקע דאָרפי־שע איינוווינער.

די מוטער האָט אַלץ באַמערקט. זי האָט אין דעם געזען אַ סימן, אַז איר טאָכטער צייכנט זיך אויס פון אַלע איבעריקע דאָרפס־מענטשן און דערפאַר שטייט איר פאַר אַ שענערע צוקונפט, ווי די וואָס אַ דאָרפיש מיידל קען חלומען. קסעניאַן האָט אָבער אַזאַ צושטאַנד געמאַטערט. זי האָט געוואָלט זיך חברן מיט יעדן איינעם אין דעם דאָרף און זי האָט זיך דאָך דערווייטערט פון זיי.

מיכל איז געווען דער ערשטער בחור צו וועלכן זי האָט אַ וואַרעמע נאָענטקייט און אַ צוטרוי געפילט. זיין גרויסשטאָטישקייט און זיין ביז גאָר וויכטיקער אַמט, ווי אַ באַפולמעכטיקטער קאָמיסאַר, איינער פון די פינף און צוואַנציק טויזנט אויסדערוויילטע קאָמוניסטן וועלכע מען האָט מאָביליזירט צו שיקן אין די דערפער כדי איינצופירן יושר און אָרדענונג, דאָס אַלץ האָט

איר שאָקירט, געשראָקן און אימפּאָנירט. זי האָט נאָך נישט געוווּסט אויף קלאָר אין וואָס זײַן אויפגאַבע אין דאָרף וועט זײַן, זי האָט אָבער געשפּירט, אַז ער איז אַנדערש ווי די איבעריקע קאָמוניסטן־קאָמיסאַרן. זי ווייסט נישט פֿאַרוואָס, נאָר זי דענקט, אַז ער איז אַראָפּגעקומען אַהער ווי אַ רעטער, אַן אמתער ריטער וואָס קעמפֿט פֿאַר גערעכטיקייט, אַזאַ ווי מען באַזינגט און מען רימט אין די באַלאַדעס וואָס דער אַטלער באַנדוריסט פֿון שטאָט שטעלט פֿאַר... און אפֿשר האָט זי אַ נישט ריכטיקע פֿאַרשטעלונג וועגן אים, אפֿשר איז דאָס נאָר דערפֿאַר ווײַל זי וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל אַזאַ זײַן?... אָ, ווען ער זאָל נאָר וועלן מיט איר אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר אין אָט דער־אָ שײנער לבנהדיקער דאָרפֿס־נאַכט?!... זי וואָלט פֿאַר אים איר ביטער האַרץ נישט אַנטפּלעקט, זי וואָלט איר אַנטוישונג אויסגעבאַהאַלטן פֿאַר אים פּונקט אַזוי ווי זי באַהאַלט עס אויס פֿאַר יעדן אײנעם... אָבער זי וואָלט אים אָנ־געוויזן דאָס אָרט ווו מען פּײַניקט די פּויערים און דאַן וואָלט זי שוין געזען וואָס ער פֿילט און ווי אַזוי ער טראַכט וועגן דעם אַלעמען וואָס עס קומט דאָ פֿאָר...

און ער, מיכל, ווי ער וואָלט געלייענט אירע געדאַנקען, האָט ער באַלד, ווי ער האָט נאָך אָפּגעגעסן, זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום, איבער דער ווײַסער געקאַלכטער פּויערישער שטוב, עפּעס אַ גלעט געטאָן דעם אַלטמאָ־דישן שווערן טיש, אַ קוק געטאָן אויף די ווענט, דערזען אין אַ ווינקל די בילדער פֿון לענין און סטאַלין אין אַ רויטן סאַמעט באַצירט, און אין מיטן, צווישן די בײדע פּאָרטרעטן, הענגט אין שוואַרצן באַצירט דער פּאָרטרעט פֿון דעם באַלעבאָס פֿון דעם הויז, קסעניאַס פֿאָטער. עס האָט געמאַכט אַן אײנ־דרוק ווי עס וואָלטן הייליקע בילדער, איקאָנעס פֿון דעם רעכטגלייביקן רוסישן קלויסטער געהאַנגען אויף די ווענט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער באַלעבאָסטע און דערנאָך אויף איר טאָכטער. ער האָט פּלוצים געזאָגט:

— עס שאַדט נישט זיך אַביסל דורכצוגיין! קום מיט מיר, טאָוואַ־רישטש קסעניאַ!...

די מוטער האָט צוגעשמייכלט.

— געהערט, טאָכטער?... מען לאַדט דיך אײַן!... נו, גיי, קסעניאַ, גיי!...

מיכל האָט אָנגענומען קסעניאַן אונטערן אָרעם און איז מיט איר אַרויס אין דרויסן.

די גאַס איז געווען לויטער שײַן, דאָרפֿיש שײַן. דער הימל איז געווען

ווייס און די בלויע וואָלקנס אויף דעם ווייסן הימל זענען ווי שיפן איבער אַ ים געשווומען. עס איז געווען שטיל. פון צייט צו צייט האָט זיך דערטראָגן אַ מין ווייכער אָנגענעמער שאָרך און עס האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אַ פרוי אין אַ זיידן קלייד איז די גאַס אַריבערגעלאָפן, אָבער דאָס איז געווען נאָר אַ פאַרכישופטער געזאַנג פון אַ גרינעם בוים, וואָס האָט אַ ציטער געטאָן פון אַ פּלוצימדיקן ווינטל. מען איז געגאַנגען און מען האָט געשוויגן. ביי די צווי יונגע מענטשן זענען קיין ווערטער נישט געווען פאַר וואָכעדיקייט, ווייל אַלץ אַרום איז געווען אַזוי יום־טובדיק שטיל און הייליק שיין, אַז ווערטער וואָלטן נאָר די הייליקע שיינקייט טמא געמאַכט. מען האָט זיך געהאַלטן פאַר די הענט און מען איז געגאַנגען פון איין גאַס צו דער צווייטער. די הערצער זענען געוואָרן פול מיט פרייד, מיט באַהאַלטענער פרייד. עס איז זייער פרייד אַקעגן אויפגעשווומען מיט גאָלד אָן אויסגעפוצטע אַ פול־שיינענדיקע לבנה. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט, געבליבן שטיין אין מיטן גאַס און ערשט איצט האָט מען זיך דערזען, זיך גוט אָנגעקוקט און זיך אָפּגעמאָסטן איינס דאָס אַנדערע פון קאָפּ ביז צו די פיס. מיכל האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך, זי אַרומגענומען. קסעניאַ האָט מילד אַ שמייכל געטאָן.

— קום ווייטער! — האָט זי געזאָגט.

מען איז צו צום טייך. דאָס וואַסער האָט געפלאָסן פויל און פאַמעלעך און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס שטייט אויף איין אָרט אומבאַוועגלעך און גלאַנציק ווי אַ שפּיגל און עס טוקעט זיך אין דעם וואַסער אַ גאָלדן געזיכט פון אַ לץ. — אָבער דאָס איז געווען די לבנה וועלכע האָט פון הימל אין דעם וואַסער אַראָפּגעקוקט און פון דעם וואַסער צוריק צום הימל אָפּגעשיינט. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ בילן פון אַ הונט. באַלד האָט אַ צווייטער הונט זיך צעבילט און דערנאָך האָט שוין דאָס גאַנצע דאָרף, אויף ביידע זייטן טייך, זיך צעטרייסלט אין אַ הינטישן געביל. און אַזוי פּלוצים ווי די הינט האָבן זיך צעוואָיעט אַזוי פּלוצים זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. מיכל האָט זיך צעלאַכט.

— אַ דאָרפישער סימפאָניע־קאָנצערט!...

קסעניאַ האָט פאַרטראַכט צוגעגעבן:

— דאָס איז אַ דאָרף... אַלע אויפדערנאַכט דאָס זעלבע הינטישע געזאַנג.

ער האָט זי אַרומגענומען. ער האָט געזאָגט: — דו געפעלסט מיר, מיידל!

זי האָט געקוקט אויף אים. זי האָט נאָך נישט געוווּסט צי זי זאָל אים גלויבן. זי האָט אָבער געזאָגט: — דו געפעלסט מיר אויך, בחור!

זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און געקוקט אין וואַסער. אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן. עס איז געוואָרן קיל. מיכל האָט זי ווידער אַרומגענומען. ער האָט זי אָנגעהויבן קושן. זי האָט זיך אויסגעדרייט פון אים, אָפּגעקערעוועט אירע ליפּן פון זיינע, זיך נישט געלאָזט קושן. ער האָט זיך ראַנגלען נישט געוואָלט. ער האָט זי אַרויסגעלאָזט פון זיינע אָרעמס און ער איז צו צום בריקל, וואָס פירט צו דעם צווייטן טייל פון דאָרף. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער פּאַרענטש און אַראָפּגעקוקט אין וואַסער. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— קסעניאַ, פאָר מיט מיר קיין מאָסקווע!

זי איז צוגעגאַנגען צו אים. זי האָט געפרעגט:

— וואָס וועל איך טאָן אין מאָסקווע?

— דו וועסט זיין מיין ווייב!...

אויף אַזאַ ענטפער האָט זי זיך נישט גערעכט. עס איז געווען מאָדנע, אומגעריכט און, ווי איר האָט זיך געדאַכט, נישט אויפריכטיק. זי האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— אָ, טאָוואַרישטש קרוגער, דו ביסט אין אַ גוטער שטימונג, נו גוט, איך וועל זיך באַמיִען אונטערצוהאַלטן די גוטע שטימונג!

— ניין, קסעניאַ, איך מיין דאָס ערנסט, אָן שום געלעכטער, ערנסט, אויף מיין וואָרט.

ער האָט זי ווידער אַרומגענומען. דאָס מאָל האָט זי זיך נישט געפּרוּווט פון זיינע אָרעמס אַרויסדרייען. ער האָט איר געוואָלט עפּעס זאָגן, אויפקלערן... פּלוצים האָט זיך דערטראָגן אַ האַרצרייסנדיקער געשריי פון אַ מענטשן. דאָס געשריי האָט זיך געטראָגן פון דעם קליינעם, אויף איין זייט זינקענדיקן, שטיינערנעם שטיבעלע, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון טייך. דאָס געשריי האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַמאָל שטאַרקער און אַמאָל שוואַכער. עס איז געווען אַ געשריי פון אַ מענטשן וואָס געפינט זיך אין גרויסע יסורים. מיכל האָט אויפגעציטערט פון שרעק. ער האָט אַ

קוק געטאָן אויף קסעניאַן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער פּאַרענטש פון דעם בריקל און פון אירע אויגן האָבן טרערן געפלאָסן.

— וואָס איז, קסעניאַ? — האָט מיכל אויסגעשריגן.

זי האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט די ריכטיקע מיסיע פון דעם בחור פון מאָסקווע, און דע־פאַר האָט זי נישט געוואָגט צו זאָגן אים דאָס וואָס זי פילט, נאָר זי האָט זיך גאָר פאַרענטפערט פאַר אים:

— אַנטשולדיק, טאָוואַרישטש קרוגער, עס איז נישט פאַר מיטלייד צו די קאָנטרעס וואָס איך הייב אָן צו וויינען, ווען איך הער ווי מען מאַטערט און מען פייניקט זיי, נאָר גלאַט אַזוי... איך ווייס נישט פאַרוואָס... איך קען פּראָסט נישט ליידן קיין יסורים פון מענטשן!...

מיכל האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ביי ביידע הענט.

— וואָס רעדסטו, וואָס פאַר אַ קאָנטרעס, וואָס פאַר אַ יסורים, וואָס קומט דאָ פאַר?...

— די וואָס ווילן נישט פרייוויליק גיין אין קאָלכאָז! — האָט קסעניאַ אויסגעזעצט מיט אַ געוויין, — מען פּייניקט זיי אַזוי לאַנג ביז זיי גיבן זיך אונטער. מען פייניקט די פּויערים אַפילו דאָרט, אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם דאָרף־סאָוועט און פּאַרטיי־קאָמיטעט, און אַז עס העלפט נישט, פירט מען איבער אַהער אין דעם־אָ שטיינערנעם שטיבל, וועלכעס מען האָט אין אַ דאָרפישער טורמע פאַרוואַנדלט. דאָ איז אַ סוף!...

— אָט וואָס!... — האָט מיכל אויסגעשריגן, — דערקלער מיר גענוי, קסעניאַ, איך בעט דיך, דערויף האָט מען מיך דאָך אַהער געשיקט, אַז איך זאָל איינפירן אָרדענונג און אָפּשטעלן דעם ווילקיר פון די צעיושעטע דאָר־פישע קאָמיסאַרן!...

קסעניאַ האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז מען קען זיך אָנפאַרטרויען אין דעם בחור. אויך דאָס וואָס זי געפעלט אים האָט איר צוגעגעבן מוט און גלויבן אין אים. דאָך האָט זי זיך נישט געאיילט צו זאָגן אַלץ וואָס זי פילט. זי האָט נאָר געזאָגט:

— מען נעמט צו ביי די פּויערים נישט נאָר זייער ערד נאָר אויך די קי, די פערד און וואָגן, די חזירים און אַפילו די פאַר היגער, וואָס זיי פאַרמאָגן. מען לאָזט זיי גאָרנישט איבער פאַרן אייגענעם געברויך. די פּויערים הונ־גערן. גיי נאָר אַריין אין אַ פּויעריש הויז און דו וועסט זען ווי קינדער זענען געשוואָלן פון הונגער... און דאָס האָט זיך אָנגעהויבן זינט מען האָט אַלץ

צוגענומען בײַ די פּויערים און מען האָט זיי אָנגעהויבן צו צווינגען מיט געוואַלד, אַז זיי זאָלן „פרייוויליק" אַרײַנטרעטן אין קאָלכאָז. אַ סך פּויערים זענען צוליב דעם זייער פאַרביטערט געוואָרן. זיי צינדן אונטער די קאָל־כאָזנע שטאַלן מיט די קי און פערד און די קאָלכאָזנע שפּייכלערס מיט ברויט. זיי זאָגן, אַז מען האָט דאָס אַלץ בײַ זיי צוגערויבט און אויב זיי קענען דאָס נישט האָבן, וועט דאָס קיינער נישט האָבן!...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

פון דעם שטיבל האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן שמערצלעכע געשרייען. עס האָבן זיך אויך געהערט זידלערייען, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אי־בערגעוואָרפן אַזעלכע ווערטער ווי קאָנטער־רעוואָלוציאָנער, סאַבאָטאַזשניק און קולאַק!...

— אויסוואורפן! — האָט מיכל אויסגעשריגן און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן קסעניאַן בײַ דער האַנט, — קום!... איך וועל זיי שוין ווייזן!... זיי אַרודעווען דאָ אומגעזעצלעך!... מיט אַזאַ־אָ טאַקטיק וועט יעדער פּויער ווערן אונדזער שונא!... איך וועל דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און דעם פאַרזיצער פון סאָוועט אַרעסטירן, קיין סיביר זיי פאַרטרײַבן, מען וועט זיי משפּטן ווי די הינט, ווי פאַררעטער!...

ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט.

קסעניאַ האָט איצט שוין פאַרשטאַנען דעם זין פון מיכלס מיסיע אין דעם דאָרף. אָ, זי דאַרף זיך מער נישט שרעקן און מער נישט אויסבאַהאַלטן פאַר קיינעם אירע אמתע געפילן. הייסט עס, אַז זי איז געווען גערעכט. זי איז אַן אמתע, אַן אויפריכטיקע קאָמסאָמאָלקע, אַן אויפריכטיקע יונגע קאָ־מוניסטקע, און ער, מיכל קרוגער, ער איז אַן אמתער פאַרטיי־מאַן, אַן אמתער קאָמוניסט און אַן אויפריכטיקער מענטש. אָ, מיט אַזאַ־אָ איינעם וואָלט זי צוזאַמען אַפילו אין עק וועלט געגאַנגען!... אָבער אויפגערעגט טאָר ער דאָך איצט נישט זײַן. אַן אויפגערעגטער מענטש קען זײַן שליחות נישט דורכ־פירן ווי עס דאַרף צו זײַן.

— באַרויק זיך, מיכאל! מיט כעס וועסטו גאָרנישט אויפטאָן. וועסט נאָר אַלץ קאַליע מאַכן... איך גיי מיט דיר, איך וועל דיר העלפן!

— אַך, טײַערע!... — ער האָט זי צוגעדריקט צו זײַן האַרץ, — גוט, קסעניאַ, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט. דו וועסט מיר זײַן אַ גרויסע הילף!... מען איז אַוועק צום שטיבל. קסעניאַ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. עס

האָט זיך דערהערט אַ קול פון יענער זייט טיר, דאָס האָט סעמיאָנאָוו, דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך, קסעניאַ, עפן!...

אַ צווייט קול האָט מיט אימפּעט אויסגעשריגן, דאָס האָט פּאָפּאָוו, דער פּאָרזיצער פון דעם דאָרף־סאָוועט, איבערגעפרעגט: — דו, קסעניאַ? וואָס פאַר אַ רוח טראָגט עס דיך אַהער אין מיטן דערינען?...

קסעניאַ האָט אויסגעזעצט אַ געלעכטער. זי האָט באַלד געמאָלדן:

— דעם רוחס נאָמען איז מיכאַיל קרוגער! ער איז דער באַפולמעכטיקטער פון מאָסקווע! ער וויל דאָ איינפירן אָרדענונג!...

די טיר האָט זיך באַלד צעעפנט. מיכל און קסעניאַ זענען אַריין. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט. דאָס שטיבל איז באַשטאַנען פון איין גרויסן צימער מיט גרויע ווענט געבויט פון גרויסע אומגעלומפּערטע שטיינער. דער פּאָל איז געווען אַ צעמענטענער. קיין שום מעבל איז דאָ נישט געווען, אויסער אַ פּאַס מיט וואַסער און אַ גרויסן הילצערנעם טיש, געמאַכט פון שווערן רויטן האָלץ. אויפן טיש איז געלעגן אַ מענטש מיט אַ צעפּאַטלטער גרויער באָרד און מיט ווילדע, צעקרימטע, גרינע אויגן, פון וועלכע עס האָבן געריגען טרערן. דער מענטש איז געווען האַלב נאַקעט און זיין קערפּער איז געווען מיט שטריק צוגעבונדן צום טיש. זיינע פיס זענען געווען גרויסע, אָנגעשוואָלענע און צווישן די פינגער פון די פיס האָבן שטיקלעך אָפּגעברענטע און אַשיקע פּאַפּירלעך געשטעקט. דער מענטש האָט דערזען קסעניאַן און מיכלען און ער האָט אויסגעזעצט אין אַ געוויין.

— אַך, גאָטעניו, פאַרוואָס פּייניקט מען מיך?...

סעמיאָנאָוו און פּאָפּאָוו האָבן זיך איבערגעקוקט מיט בייזע שמייכלען, דערנאָך אונטערטעניק זיך צו מיכלען געווענדט:

— דאָס איז אַ קולאַק, אַ קאָנטראַ. ער אַגיטירט די פּויערים, אַז מען זאָל אין קאָלכאָז נישט גייך! — האָט סעמיאָנאָוו געזאָגט.

— ער האָט אונטערגעצונדן דעם אַמבאַר מיט ברויט! — האָט פּאָפּאָוו דערקלערט.

מיכל איז צוגעקומען נענטער צו די צוויי דאָרפס־קאָמיסאַרן, אַ קוק געטאָן אויף זיי און זיך באַלד אָפּגעקערעוועט פון זיי. ער האָט גענומען קסעניאַן פאַר דער האַנט און זיך געלאָזט אַרויסגיין. ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך צעשריגן:

— אויב דער־אַ פּויער איז אַ קולאַק און אַ סאַבאָטאַזשניק, איז דאָך אויף דעם פאַראַן אַ רעוואָלוציאָנערער געריכט! פאַרוואָס האָט איר אים נישט איבערגעגעבן צום געריכט? ווער האָט עס אייך געגעבן די רעכט צו פּייניקן מענטשן?... אַנשטאָט צו דערקלערן דעם תוך און דעם זין פון די קאָלכאָזן נעמט איר און איר שלאָגט, איר הרגעט, איר צינדט אָן פּאַפּירלעך צווישן די פינגער פון די פּיס ביי אייערע קרבנות, איר צווינגט זיי מיט גוואַלד צו גיין אין קאָלכאָז!... — ער האָט אַרויסגעלאָזט קסעניאַס האַנט פון זיינער און ער איז צוריק צום טיש צו. ער האָט באַפוילן, — צעבינדט דעם פּויער און פירט אים שוין אָפּ אַהיים!... דערנאָך האָט ער אויף סעמיאָנאָוון אַ בייזן בליק געטאָן און געפרעגט, — וויפל איז איצט דער זייגער?...

סעמיאָנאָוו האָט אַ צעמישטער, אַ גאַרנישט פאַרשטייענדיקער באַקוקט מען אַ בלאַס אויסגעצויגן פּנים. ער האָט קוים אויסגערופן:

— ניין אַזייגער, טאָוואַרישטש באַפולמעכטיקטער!...

אויך פּאָפּאָוו איז געווען צעמישט פון דעם אַלעמען וואָס האָט דאָ פּלוצים פּאַסירט.

זיי זענען געווען זיכער, אַז זיי טוען אַלץ לויט דעם געהיימען צירקולאַר וואָס זיי האָבן געהאַט פון קרעמל באַקומען. און איצט לאָזט זיך אויס אַ סוף, אַז יענער צירקולאַר איז שוין אַנולירט און מען גיט שוין נייע אינסטרוקציעס...

מיכל האָט איצט מיט אַ מער רויִקערן טאָן, אָבער נאָך פעסטער און זיכערער ווי פריִער, דערקלערט:

— פירט אָפּ דעם פּויער אַהיים. דערנאָך רופט צונויף אַלע קאָמוניסטן פון דאָרף אויף אַ דרינגענדער, פאַרמאַכטער, פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי און קאָמסאָמאָל. אין אַ צוויי שעה אַרום, נישט שפּעטער, זאָל זיך די פאַרזאַמלונג אָנהייבן! איך וועל האַלטן אַ רעדע און געבן אינסטרוקציעס וועגן דעם באַדייט פון די קאָלכאָזן און ווי אַזוי מען דאַרף ווערבירן די פּויערים פאַר די קאָלכאָזן!

ער איז צו צו דער טיר, ווידער אָנגענומען קסעניאַן פאַר דער האַנט, און איז מיט איר אַוועק.

.24

אין דעם גרויסן זאַל פון דער רויט־ציגלנער געביידע האָבן זיך פאַרזאַמלט די קאָמוניסטן פון דאָרף. עס זענען געווען אַרום פערציק מענטשן,

די סמעטענע, די פאָרגעשריטענע דאָרפישע אינטעליגענץ, דער פויערישער דאָרפישער אַוואַנגאַרד, די פּריווילעגירטע קאָמוניסטן און קאָמסאָמאָלצעס, פערציק מענטשן פון אַ דאָרף מיט אַ באַפעלקערונג פון אַרום פינף טויזנט איינוווינער.

אַ פּלוצימדיקע דרינגנדיקע פאַרזאַמלונג אויפדערנאַכט פון די דאָרפישע קאָמוניסטן איז געווען אַן אומגעוויינלעכע דערשיינונג. ווי געוויינטלעך, אויף אַלע פאַרזאַמלונגען פלעגט קסעניאַ, ווי דער טעכנישער סעקרעטאַר, זיצן אויבן־אָן און פּראָטאָקאָלירן אַלץ וואָס עס איז גערעדט געוואָרן. אויך איצט האָט זי פאַרנומען איר געוויינטלעך אָרט. לעבן איר, ביים רויט־געדעקטן טיש זענען געזעסן סעמיאָנאָוו און פּאָפּאָוו. ביי אַ זייט פון טיש, אָפּגעזונדערט, איינער אַליין איז מיכל געזעסן. אין דעם הינטערגרונט, אויף אַ רויט־געפאַרבטער וואַנט איז אַ ווייסער פּאָרטרעט געהאַנגען. פון דעם פּאָרטרעט האָט אַראָפּגעקוקט צו די פאַרזאַמלטע אַ מענטש מיט אַ נידעריקן שטערן, מיט שוואַרצע וואָנצעס און מיט בייזע אויגן, — סטאַלין.

עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ערגעץ פון אַ ווייטער גאַס האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פון דאָרפס־מיידלעך און דאָרפס־יינגלעך, וועלכע האָבן זיך אין קיין פּאָליטיק נישט געמישט, און זיי האָבן נאָך אַלץ, ווי אין די אַלטע צייטן, געפּראַוועט נאַכטיקע האַלב־שיכורע הוליאַנקעס מיט פריילעכע געזאַנגען און טענץ, אונטער די קלאַנגען פון דער רוסישער באַלאַלייקע און דער פּאָפּולערער האַרמאָשקע. אויך היינט האָבן פון צייט צו צייט געבילט און די שטילקייט פון די פאַרזאַמלטע קאָמוניסטן צעשטערט.

סעמיאָנאָוו האָט אַ קוק געטאָן צו מיכלען. ער האָט אונטערטעניק אונטערגעכאַפּט זיין בליק. — „יאָ, מען קען אָנהייבן!“ — ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ קלונג געטאָן מיטן גלעקל.

— טאָוואַרישטשי קאָמסאָמאָלצי אי פּאַרטיעיצי!... — ער איז געבליבן וואַרטן, געכאַפּט דעם אָטעם און פאָרגעזעצט, — די אויסערגעוויינטלעכע, דרינגנדיקע, פאַרמאַכטע פאַרזאַמלונג פון דער פּאַרטיי און קאָמסאָמאָל פון דאָרף קראַסנעי־באַר דערקלער איך פאַר געעפנט!...

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און אויסגעזעצט מיט אַ רוישיק־ענטוזיאַסטישן געזאַנג: „שטייט אויף איר אַלע“... מען האָט אָפּגעזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ און מען האָט זיך צוריק געזעצט. סעמיאָנאָוו האָט געמאָלדן:

— אַ וואָרט באַקומט דער פאַרשטייער פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דער באַפולמעכטיקטער פאַר אונדזער דאָרף, וועלכער איז ספּעציעל צו אונדז געשיקט געוואָרן אויף צו העלפן אונדז ריכטיק אַדורכצופירן די קאָלעקטיוויזאַציע, טאָוואַרישטש מיכאַיל קרוגער!

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפגעשטעלט און האָבן אָנגעהויבן צו אַפּלאָדירן.

מיכל האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. ער האָט באַטראַכט די פאַרזאַמלטע דאָרפישע קאָמוניסטן. אַלע זענען זיי אַזעלכע ערנסטע, וואַזשנע און צופרידענע מיט זיך. אָט דער־אָ, מיט דער גרויער, שיין־אַרומגעשוירענער, פאַרשפּיצטער באָרד, אַ מענטש אין די פופציקער. ער טראַכט געווים זייער פיל וועגן זיך, אַ סימן ער איז דאָך נישט אַזוי פּראָסט און אָפּגעשטאַנען ווי די איבעריקע פויערים פון דאָרף, ער איז אַ פאַרגעשריטענער מענטש און האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף ווערן אַ קאָמוניסט... צי אַ שטייגער דאָס־אָ יינגל? אַ בחורל פון אַ יאָר ניינצן, אַ קאָמסאָמאָלעץ. אים ווילט זיך געוויס איצט זיין הינטערן דאָרף, צוזאַמען מיט די האַלב־שיכורע יינגלעך און מיידלעך און דאָרט פאַרברענגען אין געזאַנג און אין טענץ. אָבער ניין, ער קען זיך דאָס נישט פאַרגינען, ער שטייט העכער פון יענע, ער איז אַ יונגער קאָמוניסט און זיין פּלאַץ איז איצט דאָ, אויף דער דירינגנדיקער פאַרזאַמלונג... און אָט, די־אָ פרוי, אַ יונגע פויערטע, געוויס אַ מוטער פון קליינע קינדער, אָ, ווי זי איז שטאָלץ מיט זיך, אַ קלייניקייט, זי איז דאָך אַ קאָמוניסטקע!... — מיכל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט אָנגעהויבן רעדן:

— טאָוואַרישטשי!... איך בין געשיקט געוואָרן צו אייך, ווי אייער פּאַרטיי־סעקרעטאַר האָט שוין געמאָלדן, כדי דאָ אויפן אָרט העלפן ריכטיק דורכפירן די קאָלעקטיוויזאַציע. וואָס מיינט דאָס ריכטיק?... אָט האָב איך מיט זיך געבראַכט די „פּראַוודאַ“ וווּ עס איז אָפּגעדרוקט דער בריוו פון אונדזער ליבן פירער סטאַלין, וועגן דעם ווי אַזוי די דאָרפישע קאָמיסאַרן אויף די ערטער האָבן נישט פאַרשטאַנען ריכטיק זייערע אויפגאַבן און זיי האָבן פאַרקריפּלט די גאַנצע טעטיקייט פון קאָלעקטיוויזירן די דערפער. סטאַלין האָט באַטיטלט זיין בריוו מיטן נאָמען „קאָפּשווינדל פון דערפאָלג“. ווי קומט דאָס וואָס מען האָט אַזוי פאַרקריפּלט אַ קלאָרע זאַך און אַריינגעבראַכט אומאָרדענונג און אומרו אין די דערפער? ווייל מען האָט גענומען

אַ גלייכע גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע, אַ גלייכן שטעקן און מען האָט דעם־אָ שטעקן צעבויגן און שיִר נישט צעבראָכן!... ווער האָט דאָס געטאָן?... די אומוויסנדיקע, נישט־פעיִקע און פאַרברעכערישע דאָרפס־קאָמיסאַרן, די סעקרעטאַרן פון די פּאַרטייען און די פּאָרזיצערס פון די סאָוועטן, זיי מיט זייערע ברוטאַלע מעטאָדן, אויף שנעל צו שאַפן אַ הונדערט־פּראָצענטיקן קאָלכאָז, האָבן שיִר דאָס לאַנד צו אַ קאַטאַסטראָפע דערפירט!... זעט נאָר וואָס מען האָט דאָ אָפּגעטאָן, מען האָט צוגענומען ביים אָרעמען פויער אַלץ, אפילו דאָס לעצטע ביסל מעל, אַפילו די איין־און־איינציקע ציג וואָס ער האָט פאַרמאָגט!... איז דאָס דען דער וועג, דער ריכטיקער וועג אויף איינצופירן קאָלכאָזן אין די דערפער?...

סעמיאָנאָוו האָט שוין מער אויסהאַלטן נישט געקענט. ער איז צוגעלאָפן צו מיכלען מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט און ער האָט אויסגעשריגן:

— אָט איז דער דירעקטיוו, דער געהיימער דירעקטיוו וואָס מיר האָבן געהאַט באַקומען, און מיט די אינסטרוקציעס, אַז מיר זאָלן נישט שאַנעווען קיינעם אויב מען וועט נישט וועלן פרייוויליק אַריינטרעטן אין דעם קאָלכאָז!... קיין שום נייע דירעקטיוון האָבן מיר נאָך ביז איצט נישט באַקומען. און אויב אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט, אָדער אין קרעמל, האָט עמיצער עפּעס אָנגעפּלאָנטערט איז דאָס נישט אונדזער שולד!

אויך פּאָפּאָוו האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ער האָט אויסגעשריגן:

— זיי דאָרט, די גרויסע קאָמיסאַרן, מאַכן פעלערן און דערנאָך לייגן זיי אַרויף די שולד אויף אונדז. שטענדיק איז אַזוי, דער סטרעלאָטשניק איז שולדיק!...

— שווייגט! — האָט מיכל אַ דונער געטאָן, — אין דעם אַלטן דירעקטיוו איז טאַקע פאַראַן די פראַזע „נישט שאַנעווען”, הייסט דאָס דען, אַז מען דאַרף שלאָגן?... און איר וואַגט נאָך צו קריטיקירן די באַשלוסן פון צענטראַל־קאָמיטעט, איר...

עס האָט זיך דערהערט אַ טומל. אַ מאַסע האָט זיך אין גאָס באַוועגט און זיך צו דער געביידע פון דעם דאָרף־סאָוועט און פּאַרטיי־קאָמיטעט דערנעענטערט. עס האָבן זיך דערהערט קולות און בולטע ברויזנדע אויסגעשרייען: „נידער מיט די קאָלכאָזן!”... פּלוצים איז אַ שווערער שטיין דורכן פענצטער אַריינגעוואָרפן געוואָרן. דער שטיין האָט געטראָפן עמיצן פון די פאַרזאַמלטע אין קאָפּ. דער מענטש האָט זיך באַלד באַגאָסן מיט בלוט. עס איז געוואָרן אַ בהלה. מען האָט זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, קומען צו

זיך פון דער־אָ פּלוצימדיקער געשעעניש, ווי עס האָבן אָנגעהויבן צו פֿליִען נאָך שטיינער אין זאַל. שויבן זענען מיט טראַסק און קנאַק געפֿאַלן אויפֿן פּאָל. עס האָבן זיך געטראָגן קולות:

— דעם זשיד פֿון מאָסקווע גיט אונדז אַרויס!

— מיכאַיִל קרוגערן, ווילן מיר!...

— מיר ווילן קיינעם נישט טשעפּען אויב איר וועט אונדז דעם זשי־דאָווסקע קאָמיסאַר אַרויסגעבן!...

מיכל איז געשטאַנען און באַטראַכט די פּאַרזאַמלטע. ער האָט באַנומען, וואָס דאָ קומט פֿאָר. עס איז אַן אויפֿשטאַנד. די פּויערים בונטעווען זיך. זייַן לעבן איז איצט נישט ווערט אַ גראָשן. די פּויערים ווילן זיך נישט באַרויִקן ביז זיי ווילן נישט הרגענען פֿריִער אים, דעם פֿרעמדן, דערנאָך זיי, די איי־גענע קאָמוניסטן!... איצט איז שוין קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ. איצט מוז מען קעמפֿן. איצט איז די צייט אָנצווווענדן מאַכט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף די איבערגעשראָקענע פּאַרזאַמלטע קאָמוניסטן, אויף די יונגע און אויף די אַלטע, אויף סעמיאָנאָוון און אויף פּאָפּאָוון, ער האָט באַפֿעלעריש אויס־געשריגן:

— וואָס שטייט איר ווי די גולמעס?... איר האָט דערפֿירט צו אַן אויפֿ־שטאַנד!... נו, איצט באַווייזט אייער דרייסטקייט, דערשטיקט דעם אויפֿ־שטאַנד!... — ער האָט אַרויסגעכאַפּט זייַן רעוואָלווער און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, — אין נאָמען פֿון דער פּאַרטיי קאָמוניסטן, באָלשעוויקעס, צום גע־ווער!... פֿאַרטיידיקט זיך מיט וואָס איר קענט! — ער האָט אויסגעשאָסן אין דער ריכטונג צום פֿענצטער. עס האָבן זיך געטראָגן צוריק שיסערייִען פֿון דרויסן. קסעניאַ איז צוגעלאָפֿן צו מיכלען און אים אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער האַנט. זי האָט אים אַ צי געטאָן אַראָפּ צו דעם פּאָל און אויסגעשריגן:

— מיכאַיִל, היט זיך!... קום מיט מיר, אָט דאָ אונטערן טיש איז זי־כערער!...

ער איז מיט איר אַוועק צום טיש און פֿון דער באַהעלטעניש, פֿון אונ־טערן טיש, געשאָסן צו אַ צעפּראַלטן פֿענצטער, צו דער גאַס אַרויס.

סעמיאָנאָוו, פּאָפּאָוו און אויך די אַנדערע מענטשן, וועלכע זענען גע־לעגן אויסגעלייגט אויפֿן פּאָל און געזוכט אַ רעטונג, זענען צו זיך געקו־מען. מען האָט אויסגעפֿונען באַקוועמע פּאָזיציעס און מען האָט אָנגעהויבן זיך ווערן קעגן די אויפֿשטענדלער. ווער עס האָט געשאָסן מיט אַ רעוואָל־ווער אין דעם צעווילדעווועטן המון, און ווער עס האָט צוריק געוואָרפֿן אין

זיי די שטיינער, וועלכע זענען פון דעם דרויסן אַהער אַריינגעפאַלן. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ טראַך. עס האָט אַזש אַ ציטער געטאָן די ערד. דער־נאָך האָט אַ פלאַם פייער אַרומגעכאַפּט דאָס דאָרף און זיך געטראָגן צום הימל.

סעמיאָנאָוו האָט אַ געשריי געטאָן:

— דעם קעסל מיט קעראָסין האָבן די קאָנטרעס אויפגעריסן. דעם קעראָסין וואָס מען האָט אונדז היינט צוגעשיקט פאַרן ערשטן קאָלכאָזנעם טראַקטאָר!...

— זיי האָבן דעם טראַקטאָר פאַרניכטעט! — האָט פאָפאָוו זיך צעכלי־פּעט.

אַרום דער געביידע איז געוואָרן שטילער. די צעווילדעוועטע פּויערים האָבן געלעכצט נישט נאָר נאָך גערעכטיקייט נאָר אויך נאָך אַביסל פריי־לעכקייט. דאָס פייער האָט צוגעצויגן צו זיך... אַלע זענען געלאָפן קוקן ווי עס ברענט דער קאָלכאָזנער אַמבאַר.

עס איז נישט געווען קיין גוט אָרגאַניזירטער אויפשטאַנד פון די באַ־וועלטע פּויערים. עס איז געווען אַ סטיכיש, כאַאָטישער אָנגעלאָף פון אומצופרידענע, אונטערדריקטע פּויערים אָן אַ פירער און אָן אַ פּלאַן.

נאָך דעם ווי מיכל האָט באַפוילן, אַז מען זאָל באַפרייען דעם פּויער וועלכן מען האָט געמאַטערט אין דעם שטיינערנעם שטיבל, ביים טייך, און ער האָט באַפוילן, אַז מען זאָל צונויפרופן אַ דרינגנדיקע פאַרזאַמלונג פון אַלע דאָרפישע קאָמוניסטן, איז ער מיט קסעניאַן אַוועק אַהיים זיך צוגרייטן צו זיין רעדע, וואָס ער וועט דאַרפן האַלטן אויף דער פאַרזאַמלונג. אין דער זעלבער צייט האָבן סעמיאָנאָוו און פאָפאָוו אויסגעפילט זיין באַפעל און זיי האָבן דעם צעשלאָגענעם און שוין כמעט גוססדיקן פּויער אָפּגעפירט צו זיין היים.

איבער דער גאַס האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אָפּגעריסענער פּויער, אַ פאַרוואַקסענער און אַ צעכראַסטעטער. ער האָט געטראָגן אַן אייזערנעם צלם אויף זיין ברוסט, אַ צעדולדטן שמייכל אויף זיינע ליפּן און אַ טרויעריקן בליק אין זיינע אויגן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ משוגענעם. געלעבט האָט דער־אָ פּויער אין דעם שטיבל ביים טייך, וועלכעס עס איז געבויט געווען פון ווילדע שטיינער און עס האָט שוין פון אַלטקייט אָנגע־הויבן צו זינקען אויף איין זייט. זינט די דאָרפישע קאָמיסאַרן האָבן דאָס שטיבל פאַרוואַנדלט אין אַ דאָרפישער טורמע האָט דער־אָ משוגענער פּויער

אָנגעהויבן אַרומצובלאָנקען איבער די דאָרפישע גאַסן שוין אינגאַנצן אַ פאַרוואָגלטער און אַ היימלאָזער. די נעכט פלעגט ער פאַרברענגען אין איי־נעם פון די פיל שטאַלן, וועלכע זענען איצט ליידיקע געשטאַנען, נאָך דעם ווי מען האָט ביי די פויערים זייערע קי און פערד צוגענומען און זיי פאַר־שפּאַרט אין דעם ניי־געבויטן קאָלכאָזנעם שטאַל. גערעדט האָט דער־אָ פויער שטענדיק נאַרישע און קינדערישע רייד, ווי אַן אמתער אידיאָט. אָבער פון צייט צו צייט האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר קלוגע ווערטער און דערביי דערמאָנט גאַנצע פסוקים פון דער עוואַנגעליע און אַפילו פון וועלט־לעכע שריפטן. געווען איז ער אַמאָל אַ גלח און מען האָט אים גערופן באַ־טיושקאַ טימאָפעי. אָבער זינט ער איז פון זינען גערירט געוואָרן האָט מען אים אָנגעהויבן צו רופן מיט אַ צונאָמען: גאָטס מענטש.

אייניקע פויערים פון דאָרף האָבן אַפילו געשמועסט צווישן זיך, אַז דער־אָ „גאָטס מענטש" איז גאָרנישט אַזוי משוגע ווי ער מאַכט זיך. ער האָט אַן אורזאַך... און נאָר אַדאַנק דעם וואָס ער איז „משוגע" האָבן אים די באָלשעוויקעס נישט אַרעסטירט און נישט פאַרניכטעט ווי אַ ביטערן קאָנ־טער־רעוואָלוציאָנער.

און ווירקלעך האָט דער־אָ „גאָטס מענטש" געהאַט פיל זיך פאַרזינדיקט קעגן דער נייער מאַכט.

געווען איז דאָס באַלד נאָכן אָנהייב פון דער באָלשעוויסטישער רע־וואָלוציע, אין די יאָרן 1918־1919, ווען גאַנץ אוקראַינע איז אָקופּירט גע־וואָרן פון דעם דייטשישן קייזער ווילהעלעמס מיליטער, און אין קיִעוו, אויפן טראָן, איז אַוועקגעזעצט געוואָרן אַ העטמאַן, וואָס זיין נאָמען איז געווען סקאָראָפּאַדסקי. אָט דאַן האָט דער גלח טימאָפעי פאַרלאָזט זיין קלויסטער. מיט אַ גרויסער טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט אַן אייזערנעם צלם אויף דער ברוסט, איז ער געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף און ער האָט געפּרעדיקט: „די דייטשן זענען דאָס די מלאכים, וואָס גאָט האָט צו אונדז געשיקט, כדי אונדז צו באַפרייען פון די קאָמוניסטישע אַנטיכריסטן!"...

די קאָמוניסטיש־באָלשעוויסטישע נייע מאַכט האָט אָבער די דייטשי־שע אָקופּאַנטן פון לאַנד פאַרטריבן און די העטמאַנישע אוקראַינע באַזיגט. פון דעם פריקרען גלח טימאָפעי האָט קיינער מער שוין גאָר נישט געהערט. מען האָט אין אים פאַרגעסן. און מיט אַמאָל האָט ער זיך באַוויזן... מען האָט דערזען אַ משוגענעם, אַ פאַרוואָקסענעם און אַן אומריינעם, מיט אַן איי־זערנעם צלם, וועלכער איז אויף אַ פאַרזשאַווערטער קייט איבער זיין האַרצן

געהאַנגען. ער איז געווען פּאַרעלטערט, דערשלאָגן און איינזאַם. זיין גאַנץ פאַרמעגן איז איצט באַשטאַנען פון אַ גראָבן שטעקן וועלכן ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין האַנט און פון אַ געלאַטעטער טאָרבע מיט אָנגעבעטל־טע שטיקער ברויט אויף דער פּלייצע. באַזעצט האָט ער זיך אין דעם פּוסטן, שטיינערנעם שטיבל וואָס ביים טייך. געערדט האָט ער פוסטע, נאַרישע און משוגענע רייד. פּויערים און פּויערטעס האָבן אויף אים רחמנות געהאַט. מען האָט אים געבראַכט עסן. אָבער קינדער האָבן זיך פאַרוויילט מיט אים, זיי האָבן געוואָרפן שטיינער אין דעם משוגענעם. די דאָרפישע קאָמיסאַרן האָבן אויף אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אים געלאָזט צורו...

אין דעם אויפדערנאַכט, ווען דער סעקרעטאַר פון דעם דאָרפישן פּאַר־טיי־קאָמיטעט, סעמיאָנאָוו, און דער פאָרזיצער פון דעם דאָרפישן סאָוועט, פּאָפּאָוו, האָבן דעם צעשלאָגענעם פּויער צוריק צו זיין היים אָפּגעפירט, האָט זיך דער משוגענער גלח איבער די גאַסן אַרומגעדרייט. ער האָט באַ־מערקט ווי סעמיאָנאָוו און פּאָפּאָוו פירן אונטערן אָרעם דעם פאַרחלשטן פּויער. ער האָט אים דערקענט. דאָס איז דאָך סטיפּאַן בוליבאַ, ער איז איי־נער פון די באַלעבאַטישע פּויערים, וואָס לאָזן זיך נישט באַאיינפלוסן נישט פון קיין רייד און נישט פון קיין קלעפּ, און זיי ווילן בשום אופן נישט אַריינ־טרעטן אין קאָלכאָז. איז וווהין פירן דאָס אים די אַנטיכריסטן אין אַזאַ שפּעטער שעה?... אָ, אַזאַ טשיקאַווע זאַך וועט שוין דער „גאָטס מענטש" נישט דורכלאָזן. ער מוז זיי נאָכגיין און אויסשפּירן וואָס דאָ קומט פאָר...

ער האָט זיך ווי אַ שאָטן געדרוקט פון פּלויט צו פּלויט, פאַרטייעט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. נישט סעמיאָנאָוו און נישט פּאָפּאָוו האָבן אים באַמערקט. זיי האָבן געשלעפּט זייער קרבן און זיך איבערגעוואָרפן מיט פאַרדראָסיקע ווערטער:

— טאָוואַרישטש פּאָפּאָוו, איך האָב מורא, אַז די־אָ קאָנטראַ וועט נישט אויסהאַלטן ביז מיר וועלן אים אַהיים ברענגען. זע, ער איז שוין אינ־גאַנצן אָן פאַרשטאַנד. מיר שלעפּן אים ווי אַ פּגר!...

— נאַרישקייטן, טאָוואַרישטש סעמיאָנאָוו. ער איז אַ געזונטער פּויער! ער זשיפּעט נאָך! ער וועט לעבן!...

— נו, ווי געפעלט דיר דער־אָ בייסטרוק פון מאָסקווע?...

— ער מאַכט זיך פאַר אַ גרויסן קאָמיסאַר!...

— יאָ, אָבער, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט אים

געשיקט צו אונדז ווי אַ באַפּולמעכטיקטן מוזן מיר זיך אים אונטערוואַרפן, צי אונדז געפעלט דאָס אָדער נישט!... דאָס איז פּאַרטיי דיסציפּלין!

— איך מיין, אַז ער איז אַ ייִד! ער רעדט רוסיש ווי אַן אינטעליגענט מיט הויכער בילדונג, ווי אַ פּראָפעסאָר...

— איך מיין אויך, אַז ער איז אַ ייִד. מיכאַיִל קרוגער, עפּעס נישט אינגאַנצן קיין רוסישער נאָמען!...

— מען דאַרף זיך היטן פאַר אים. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ נייע פּאַ־ ריאַדקעס ער וויל דאָ איינפירן?...

— גוט, דאָס וועלן מיר שוין זען פון זיין רעדע וואָס ער וועט האַלטן אויף דער דרינגנדיקער פאַרזאַמלונג פון אַלע קאָמוניסטן וואָס מיר וועלן אין אַ פּאָר שעה אַרום אָפּהאַלטן!...

דער „משוגענער" גלח האָט אויפגעכאַפּט זייערע רייד און שוין פאַר־ שטאַנען וואָס עס איז געשען. ער האָט שוין געוואָלט לויפן און איבערגעבן די נייעס צו אייניקע פאַרשייטע און פאַרביסענע פּויערים, וועלכע זענען אין זייער קעגנערשאַפט צו די קאָלכאָזן גרייט געווען אויף יעדער בייז. ער האָט אָבער באַשטימט, אַז עס וועט בעסער זיין אויב ער וועט די דאָרפישע באַלעבאַטים מיט זייער קרבן נאָך אַלץ נאָכגיין ווי אַ שאָטן ביז צום סוף און זען, הערן און וויסן מערער אַביסל.

ביי אַ טויער פון אַ פּלויט, אַרום אַ גרינעם גאָרטן, אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַ שיין, ווייס־געקאַלכט הויז, געדעקט מיט אַ בלעכענעם גרינעם דאַך, האָבן סעמיאָנאָוו און פּאָפּאָוו דעם צעמזיקטן פּויער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. זיי האָבן צעעפנט דעם טויער און זייער קרבן אַריינגע־ שלעפּט אין גאָרטן און דערנאָך אים צוגעשלעפּט צו דער טיר פון הויז.

— העי! נאַטאַשאַ! דיין מענטש איז צוריק אַהיים געקומען!...

— עפן די טיר, נאַטאַשאַ, מיר האָבן דיין מאַן צוריקגעבראַכט!...

די טיר האָט זיך צעעפנט און אַ מיטליאָריקע פּויערטע האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ געוויין צו איר מאַן:

— סטיפּאַן, גאָלובטשיק, צוריקגעקומען, באַפרייט, דאַנקען גאָט!...

אָבער דער פּויער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט. ער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן. דאָס ווייב האָט אים געהאָלפן אַריינגיין אין שטוב און סעמיאָנאָוו און פּאָפּאָוו זענען באַלד נעלם געוואָרן.

נאַטאַשאַ האָט געהאָלפן דעם מאַן זיך אויסטאָן, זי האָט אים אויסגע־ בעט אַ געלעגער און איז אַוועק אין קיך אויפזידן אַביסל הייסע אָקריפּ מיט

מילך. ווען זי איז צוריק אַריין אין צימער מיט אַ טעפּעלע הייסע מילך אין דער האַנט, האָט זי שוין געטראָפן דעם מאַן אַ טויטן. זי האָט באַלד געמאַכט אַ גוואַלד און איז אַרויס אין דרויסן שרייענדיק:

— די קאָמיסאַרן האָבן דערהרגעט, האָבן סטיפאַנען דערהרגעט!...

עס האָבן זיך אָנגעלאָפן פּויערים פון די שכנישע הייזער. דער משוגענער גלח האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און איז אַוועק איבערן דאָרף, אויף ביידע זייטן טייך, צו די „פאַרשייטע און פאַרביסענע" פּויערים און זיי דערציילט אַלץ וואָס ער האָט זיך דערוווּסט. ער איז באַלד מיט זיי צוזאַמען געקומען צולויפן צוריק צו דעם הויז ווו דער טויטער סטיפאַן איז געלעגן. דאָס הויז, דער גאָרטן און די גאַס איז שוין געווען פול מיט אויפגעבראַכטע פּויערים. „גאָטס מענטש" האָט זיך דערפילט גלייך ווי אין די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען ער איז אין דעם דאָרף דער חשובער גלח טימאָפעי געווען. ער האָט אָנגעהויבן אויף אַ קול צו דרשענען:

„עס איז ווי אין דער עוואַנגעליע שטייט געשריבן: מענטשן וועלן עסן מענטשן און איין מענטש וועט פאַרניכטן דעם אַנדערן!... דאָס איז די צערודערטע צייט, די צייט פון די אַנטיכריסטן, קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס און יידן!... אָ, ברידער, אַ ייִד איז פון מאָסקווע אַראָפּגעקומען, מיכאַיל קרוגער איז זיין נאָמען, דאָס איז אַ יונגער טייוול, אַ קאָמוניסט, און ער וועט שוין העלפן סעמיאָנאָוון און פּאָפּאָוון, אַז אַלע פּויערים ביז איינעם זאָלן אין קאָלכאָז אַריינגעטריבן ווערן. אוי, וועט דאָס ווערן אַ גיהנום!... מען וועט פאַרניכטן אַלע פּריוואַטע הייזער און מען וועט אויסבויען נאָר איין הויז, אַזאַ קאָמונע פאַר אַלעמען. מען וועט שלאָפן אַלע צוזאַמען און מען וועט זיך צודעקן מיט איין גרויסער קאָלדרע. קיין מאַן וועט קיין אייגן ווייב נישט טאָרן האָבן, ווייל אין אַ קאָמונע איז „מיינס דיינס און דיינס מיינס" און אַלץ איז אויסגעמישט און וויקט זיך אין זינד!"...

דאָ האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו הערן דרייסטע און שאַרפע רייד פון די „פאַרשייטע און פאַרביסענע" פּויערים. מען האָט זיך שוין מער נישט צוגעהערט צו די משוגענע רייד פון דעם צעדרייטן געוועזענעם גלח, נאָר מען האָט זיך צוגעהערט צו די רופן פון פּויערים וועלכע זענען קעגן די קאָלכאָזן און קעגן די דאָרפישע קאָמיסאַרן, וואָס דריקן אויף די פּויערים, באַפעלן זיי, שלאָגן און הרגענען!... מען דאַרף נעמען נקמה פון די קאָמיסאַרן פאַרן טויט פון סטיפאַנען!...

— קומט, ברידער! לאָמיר אויסשעכטן אַלע קאָמוניסטן, אונטער־צינדן דעם קאָלכאָזנעם אַמבאַר און מאַכן אַ סוף צו אונדזערע לײדן!...

צעבושעוועט און צעווילדעוועט האָבן זיך די רעוואָלטירטע פּויערים צעטײלט אין צווײ סטיכישע באַזונדערע גרופּעס און זײ זענען אַוועק באַ־וואָפנטע מיט שטײנער, מיט שטעקנס, מיט לאָפּעטעס, מיט גראָבליעס, מיט העק און מיט ביקסן צו דעם רויט־ציגעלנעם מויער, וווּ די אַלע קאָמוניסטן פון דאָרף זענען אויף אַ דרינגנדיקער פאַרזאַמלונג געווען, און צום אַמבאַר וווּ דער טראַקטאָר און דער קעסל מיט קעראָסין האָבן זיך געפונען. אין דער בהלה און כאַאָס האָט גאָר קײנער פון די טומלענדיקע פּויערים נישט באַ־מערקט ווי דאָס משוגענע גלחל איז ערגעץ נעלם געוואָרן און ווי די צווײ הויפּט־שרײער, די „פאַרשײטע און פאַרביסענע" פּויערים וועלכע זענען גרײט אויף אַלדאָס בײז, האָבן זיך שטילערהײט אָפּגערוקט אין אַ זײט און דערנאָך אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק די צערײצטע מאַסן אָן אַ פירערשאַפט...

און דאָס איז געווען דער סוף פון דעם־אָ פּויערישן „רעוואָלט": דער פלאַם פײער האָט זיך צעשפּרײט איבער אַ גרויסער דאָרפישער שטרעקע. שטיקער פײער האָבן זיך ווי גאָלדענע פויגל איבער דעם הימל געטראָגן. עס איז געוואָרן לעבעדיק און פרײלעך ווי אין אַ צירק. דערוואַקסענע פּוי־ערים האָבן קינדערישע לוסטן געהאַט. זײ האָבן קײן סך פון לעבן נישט געפאָדערט: אַ שטיקל אײגן ערד, אַביסל אײגן ברויט און אַ קאַפּעטשקע פאַרגעניגן!... פאַרגעניגן האָט אַ פּויער געהאַט פון טרינקען אַ סך וואָדקאַ, פון רוישיקע געזאַנגען און פרײלעכע טענץ, פון אַ צירק־פאָרשטעלונג און פון אַ פײער!...

עס איז שײן זיך צוצוקוקן ווי עס ברענט און ווי עס טראָגט זיך אַ פלאַמיק פײער. די רויט־געלע, גאָלדיקע פלאַם־פײער צונגען פאַרכישופן די צעהיצטע געמיטער און עס ווערט אַזוי גוט צו שטײן און צו קוקן, צו שטײן אומבאַוועגלעך און קוקן און קוקן ווי עס ברענט...

די פּויערים האָבן געקוקט אויפן פײער און שוין פאַרגעסן אין זײער רעוואָלט. זײ האָבן זיך באַרויִקט און זיך צופרידנגעשטעלט... דעם־אָ מאָ־מענט האָט מיכל אויסגענוצט און אַרויסגערופן אַ פײערלעשער קאָמאַנדע פון שטאָט צוזאַמען מיט אַ רויט־אַרמײיִשע טײל, אַזאַ שטראָף־באַטאַליאָן כדי צו דערשטיקן דעם בונט און זיך אָפּרעכענען מיט די צעווילדעוועטע פּויערים.

.25

אויפן אַנדערן טאָג זענען גרויסע אַרעסטן פאָרגעקומען אין דעם דאָרף קראַסנעי־באָר. מען האָט אַרעסטירט אויף רעכטס און אויף לינקס יעדן פויער, אויף וועלכן מען האָט געהאַט אַ חשד, אַז ער האָט אַן אַנטייל אין דעם אויפשטאַנד געהאַט. מען האָט אויך אַרעסטירט דעם משוגענעם, געוועזענעם גלח און די צוויי „שרייערס", די פויערים, וועלכע האָבן געהעצט צו דעם רעוואָלט.

קסעניאַ האָט איצט זיך שוין אינגאַנצן אָנפאַרטרויט צו מיכלען. זי האָט אים אויסדערציילט אַלע סודות פון דעם דאָרפישן פאַרטיי־קאָמיטעט און פון דעם דאָרפישן סאָוועט. סעמיאָנאָוו און פּאָפּאָוו האָבן שוין געוווּסט, אַז זייער סעקרעטאַרשע מסרט זיי פאַר דעם באַפולמעכטיקטן. קסעניאַס מוטער האָט זיך געשראָקן. זי האָט געוואָרנט דער טאָכטער, אַז זי זאָל זיך וואָס גיכער אָפּטראָגן פון דעם דאָרף, ווייל זי וועט שלעכט אָפּשניידן. אויך מיכל האָט מורא געהאַט, אַז סעמיאָנאָוו און פּאָפּאָוו וועלן אונטערשיקן עמיצן כדי מען זאָל קסעניאַן אָפּראַמען פון וועג. ער האָט איר געבעטן:

— קסעניאַ, איך וועל דיר געבן אַ בריוו צו מיינע חברים, צו מיינע בעסטע פריינד אין מאָסקווע. פאָר אַוועק, כל־זמן עס איז נאָך צייט!...

אָבער קסעניאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט איינע אַליין צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף.

— אָן דיר, מיכאַ'ל, פאָר איך נישט!...

פראַסיאַ האָט זיך צעוויינט: „טאָכטערקע, דו ביסט מיין איינציק קינד, דו ביסט נאָך יונג, דו פאַרשטייסט גאָרנישט אין פּאָליטיק! צוליב וואָס מישסטו זיך?..."

קסעניאַ האָט הפקרדיק אָפּגעענטפערט: „איך פאַרשטיי אַלץ זייער גוט, און איך וויל זיך מישן! זאָל מען צונויפרופן אַ סכאָדקע פון אַלע פויערים, איך וועל פאַר זיי רעדן, איך וועל זיי אַלץ אויסדערציילן, זיי וועלן מיר גלייבן, און עס וועט נעמען אַ סוף צו די אַלע מיספאַרשטייענישן וואָס זענען ביז איצט פאָרגעקומען!"

— גוט! — איז מיכל אויף דעם איינגעגאַנגען, — איך וועל צונויפרופן אַ סכאָדקע!...

קסעניאַס מוטער האָט שוין מיכלען אָנגעהויבן צו באַטראַכטן ווי אירס אַן איידעם. זי האָט אים אַרומגענומען און זיך געווישט די טרערן.

— און דו, מיכאַל, דו האָסט נישט קיין מורא?... די פּויערים זענען איצט צעווילדעוועט, זיי וועלן דיך אומברענגען!

מיכל האָט זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און זיך וואַרעם אָפּגערופן:

— זאָרג נישט, מאַמאַ! איך וועל שוין ווי עס איז זיך אויסדרייען...

מען האָט באַשטימט אַ סכאָדקע אויפן דריטן טאָג נאָך דעם ווי מען האָט דעם בונט דערשטיקט, דאָס פּייער פּאַרלאָשן, די פּאַרדעכטיקטע אַרעס־טירט און די פּויערישע געמיטער איינגעשטילט.

סעמיאָנאָוו איז געקומען צולויפן צו מיכלען מיט אַ פּאָדערונג, אַז מען זאָל דעם צעדולדטן גלח באַפרייען נאָך איידער מען עפנט די סכאָדקע... דאָס וועט העלפן, אַז די סכאָדקע זאָל זיין אַ דערפאָלגרייכע. ער האָט אָבער מיכלען און קסעניאַן נישט געטראָפן אין דער היים. פּראָסיאַ איז איינע אַליין געזעסן אין שטוב און זי האָט דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. ווען סעמיאָנאָוו איז אַריינגעקומען האָט זי אויפגעציטערט... זי איז מיט דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר געווען זייער באַפריינדעט און... אינטים, היי־מיש. זי האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון פענצטער. דער פריינדלעכער שמייכל, מיט וועלכן זי האָט אים באַגעגנט, איז געווען מער פאַר מורא ווי פאַר העפלעכקייט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערנאָך זיך צוגעזעצט צום טיש.

— קרוגער איז נישטאָ, האַ?... קסעניאַ אויך נישט?... וואָס, דיין טאָכ־טער שפּילט אַ ליבע מיט קרוגערן?... — ער האָט אויסגעזעצט אַ געלעכ־טער, — אַ קלוגער יונג אָט דער־אָ מיכאַיל קרוגער, אַ זשידאָק וואָס פאַר־שטייט אַ זאַך!... — און פּלוצים האָט ער געשריי געטאָן, — זאָל זי פאַר־מאַכן דאָס מויל, דאָס טעכטערל דיינס! זי איז נאָך צו יונג!... אויב זי וויל שלאָפן מיט קרוגערן איז דאָס איר זאַך, אָבער איר מויל זאָל זי האַלטן גע־שלאָסן און אונדז נישט באַרעדן!...

פּראָסיאַ האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און זי האָט אויף סעמיאָנאָוון צוריק געשריגן:

— דו ביסט טאַקע אַ גרויסער קאָמיסאַר דאָ אין דאָרף, דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, אָבער דאָס גיט דיר נאָך נישט קיין רעכט צו באַשולדיקן קסע־ניאַן אין אויסגעלאַסנקייט. זי איז נישט אַזאַ ווי די אַנדערע מיידלעך, זי שלאָפט נישט מיט מיכאַילן!... און רעדן קען זי וואָס זי וויל, אַבי עס איז נאָר אמת!... אָבער לאַנג וועסטו זי שוין דאָ נישט זען. מיכאַיל וועט זי מיט זיך מיטנעמען קיין מאָסקווע, ער וועט פאַר איר חתונה האָבן!

— ס׳אַ ליגן. ער וועט זי נאָר אויסנוצן און זי דערנאָך אַוועקוואַרפן! ער איז אַ זשיד, אַ כיטרער זשיד, אַלע אומגליקן קומען פון די זשידעס!...

— זשיד, זשידעס! — האָט זי שטיל און בייז אַ זאָג געטאָן, — נאָר דאָס הערט מען פון דיר, און דו ביסט נאָך אַ קאָמוניסט, אַ פּאַרטיי־סעקרע־טאַר!... אויף די פּאַרזאַמלונגען און סכאָדקעס רעדסטו גאָר אַנדערש... עך, סעמיאָנאָוו, סעמיאָנאָוו, איך בין געווען אַ בלינדע. דו האָסט מיך פּאַרכי־שופט מיט דיינע שיינע רייד וועגן ברידערלעכקייט, גלייכקייט, פרייהייט און גערעכטיקייט אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וואָס מיר בויען איצט, און איצט זע איך, אַז אַלץ וואָס דו פּריידיקסט און רעדסט איז נישט פון האַרצן. פון ווען אָן איז דען ביי אַן אמתן קאָמוניסט אַ ייִד נישט דער זעלבער יחוס ווי אַ רוס און אַן אוקראַיִנער?... עס איז אמת, איך בין נישט אַזאַ־אַ גראַמאָטנע ווי דו, אָבער איך ווייס, אַז ביי אַן אמתן קאָמוניסט זע־נען אַלע פעלקער גלייך אָן שום אונטערשייד. און דו: זשיד, זשידעס!... עך, סעמיאָנאָוו, גיי אַוועק!...

— מיכאַיִל קרוגער האָט דיך איבעראַגיטירט! — האָט סעמיאָנאָוו ווי אַ שלאַנג אַ שיפּע געטאָן און זיך אַזש פּאַרכלינעט פון אויפרעגונג, — איך בין אַ קאָמוניסט, אַן אמתער קאָמוניסט!... — ער האָט פּלוצים זיך אָנגע־הויבן צו שלאָגן מיט אַ פויסט אין האַרצן, — מיין לעבן האָב איך דעם אי־דעאַל געווידמעט, מיין גאַנץ לעבן. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז קאָמוניסטן דאַרפן דולדן די ייִדן וואָס האָבן זיך אין דער פּאַרטיי אַריינגעכאַפּט. דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טראָצקי איז דאָך אויך אַ ייִד, אַ פּאַסקודנער ייִד!... אָבער אונדזער קלוגער פירער סטאַלין האָט געוווסט ווי אַזוי זיך מיט אים צו ספּראַווען. און איך וועל שוין אויך וויסן ווי אַזוי מיט דעם ייִד, מיט דעם קרוגערן זיך צו ספּראַווען!...

פּראָסיאַ האָט אויף אים געקוקט מיט שרעק. זי האָט שוין מער נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. אָבער מיט אַמאָל האָט זיך האַסטיק די טיר צע־פּראַלט און מיכל מיט קסעניאַן האָבן זיך באַוויזן. מיכל האָט אויסגערופן:

— איך האָב נאָך איין קאָמאַנדע רויטאַרמייער פון דעם שטראָף־באַ־טאַליאָן אַהער אַרויסגערופן. זיי זענען שוין אויפן וועג צום דאָרף. אין אַ שעה אַרום וועלן זיי דאָ זיין!...

— וואָס?! — האָט אַן איבערראַשטער סעמיאָנאָוו אויסגעשריגן, — צוליב וואָס נאָך רויטאַרמייער?... צוליב וואָס אַזוי פיל מיליטער?!

מיכל איז צוגעקומען נענטער צו סעמיאָנאָוון און ער האָט מיט ציטער אין קול סעמיאָנאָוון אין פּנים אַרײַנגעשריגן:

— אויסוואורף!... — ער האָט זיך קוים באַרויִקט און צוגעגעבן, — איך האָב געמיינט, אַז דו זאָלסט אָפּקומען נאָר מיט אַן אויסרייד, אָבער דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אָנקומען צו דער צייט. מיר זענען צו דער טיר צוגעקומען, איך און קסעניאַ, און מיר האָבן דערהערט דיין צע־יאָכעט קול. עס האָט אונדז געצווונגען צו בלייבן שטיין הינטער דער טיר און זיך צוהערן צו דיינע פינצטערע רייד. — ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף איין טראָט צוריק און אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער, — דו האָסט פאַרשפּילט, סעמיאָנאָוו!... איצט וועל איך מיט דיר טאָן גאָר אַנדערש... איך וועל שוין אַזוי ווי דו, גיין מיט שלעכטן, ווייל אַזעלכע ווי דו פאַר־שטייען נישט קיין גוטס. ווי אַ באַפולמעכטיקטער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָב איך דאָס רעכט צוצונעמען ביי דיר דיין פּאַרטיי־בילעט, דיין פּאַספּאָרט און דיך אַרעסטירן. איך באַפעל דיר, פרוּוו זיך נישט ווערן און נישט קעגנשטעלן, איך וועל שיסן!... לייג אַוועק אויפן טיש דיין פּאַרטיי־בילעט, דיין פּאַספּאָרט און דיין רעוואָלווער. אויב דו וועסט אויספאָלגן באַלד, אָן שום רייד, מיין באַפעל, דאַן וועל איך דעם גורל פון דיין „זיין אָדער נישט זיין" איבערגעבן אין די הענט פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון צענטראַל־קאָמיטעט. אויב דו וועסט מיין באַפעל נישט אויספאָלגן, וועל איך דיר שוין דאָ אויפן אָרט ווי אַ הונט צעשיסן.

סעמיאָנאָוו האָט אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ צו זיין ברוסט. אַזוי האָט דאָס געדויערט אַ ווײַלע. דערנאָך האָט ער אָן שום ווערטער אַרויסגעשלעפּט פון זיינע קעשענעס דעם רעוואָלווער, דעם פּאַספּאָרט און דעם פּאַרטיי־בילעט. ער האָט דאָס אַלץ אַוועקגעלייגט אויפן טיש. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

— קרוגער, איך בין אין דיינע הענט, קענסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט!...

מיכל האָט צוגענומען פון טיש די דאָקומענטן און דעם רעוואָלווער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף סעמיאָנאָוון און גאַרנישט געענטפערט. ער האָט זיך באַלד געווענדט צו קסעניאַן און צו איר מוטער:

— קומט!... מיר וועלן באַגעגענען די רויטאַרמייער, זיי דאַרפן שוין דאָ באַלד זיין!

ער איז אַרויס אויף דער גאַס. קסעניאַ און איר מוטער זענען באַלד

נאָך אים אַרויסגעקומען. זיי האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס מיכל האָט סעמיאָ־נאָוון געלאָזט איינעם אַליין אין הויז, אָן אַ וואַך. קסעניאַס מוטער האָט גע־פרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו אים נישט אַרעסטירט?...

— צוליב וואָס אים אַרעסטירן איצט? — האָט מיכל געזאָגט, — איך וועל נאָך צוואַרטן... ער וועט נישט אַנטלויפן. אָן דעם פּאַספּאָרט און אָן דעם פּאַרטיי־בילעט איז ער סיי־ווי־סיי אַ געפּענטעטער. ער וועט זיצן און וואַרטן ביז איך וועל צוריקקומען, סיידן ער וועט זיך דאָס לעבן נעמען!... אָבער צוליב וואָס זאָל ער עס טאָן? ער ווייסט דאָך נישט, אַז איך האָב שוין אויסגעפרעגט די אַרעסטירטע, און איבערהויפּט דעם צעדולדטן גע־וועזענעם גלח. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז ער האָט צוגעזאָגט דעם גלח צו באַפרייען נאָך היינט, און דערנאָך וועט ער די איבעריקע אַרעסטירטע אויך באַפרייען. ער האָט עפּעס געפּלאַנעוועט צוזאַמען מיט זיי קעגן מיר און קסעניאַן. דאָס האָט מיך געצווונגען זיך שנעל צו פאַרבינדן מיט שטאַטישן גאַרניזאָן און אַרויספאָדערן אַ דרינגנדיקן צוגאָב פון נאָך אַ רויטאַרמייִשער טייל פון דעם שטראָף־באַטאַליאָן. אָ, איצט וועט שוין זיין אָרדענונג אין דאָרף!...

מען איז געגאַנגען צום טראַקט, צום ברייטן שליאַך וואָס ציט זיך פון דאָרף צו דער שטאָט צו. עס איז געווען אַ שטילער דאָרפישער אויפדער־נאַכט. עס האָט מאַראַקעט אַ רעגנדל פון איינצלנע טראָפּנס און באַלד אויפ־געהערט. אַזוי ווי דאָס דאָרף וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן, פון אַן אוקראַיִנישן און אַ רוסישן, פון ווייסע כאַטעס מיט שטרויענע דעכער און פון ברוינע הייזער מיט בלעכענע דעכער, אַזוי איז אויך די נאַטור באַשטאַ־נען פון אַן אוקראַיִנישער זומערדיקייט און אַ רוסישער ווינטערדיקייט. עס האָט זיך אין דער וואַרעמער לופט געטראָגן אַ שטראָם פון קילקייט.

פּלוצים איז דער הימל געוואָרן רויט, ווי אַ פייער וואָלט זיך אין דעם הימל אָנגעצונדן. מען איז געבליבן שטיין און מען האָט זיך פאַרקוקט אויף דער שיינער פּאַנאָראַמע פון דעם רויט־געוואָרענעם הימל. דאָס האָט די לבנה מיט איר פולן גאָלדענעם פנים זיך פון אַ וואָלקן אַרויסגעריסן און דעם הימל אָנגעצונדן.

דאָס דאָרף האָט זיך געענדיקט. מען איז געבליבן שטיין אין מיטן פון דעם ברייטן פעלד. אָנשטאָט גאָלדענע זאַנגען פון ווייץ, וואָס איז צייטיק

צום שניט, איז איצט דאָס פעלד אַן אָפּגעבערענטס געשטאַנען און דער ווינט האָט דאָס אַש געטראָגן אין דער לופטן.

פּראַסיאַ האָט זיך די הענט געבראָכן.

— ווײַ־ווײַ, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן האָבן דאָס פעלד מיט ברויט אונטערגעצונדן!...

— שווייג בעסער, מאַמאַ, — האָט זיך קסעניאַ אָנגערופן, — פּילייכט האָבן דאָס נישט קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן דאָס פעלד אונטערגעצונדן, נאָר באַעוולטע און פאַרפאָלגטע פּויערים, ווען די קאָמיסאַרן אונדזערע האָבן דאָס לעבן פאַרסמט!...

מיכל האָט זיך צו דעם געשפּרעך פון מוטער און טאָכטער נישט צוגעהערט. זיין בליק איז געווענדט געווען צו טראַקט, וואָס האָט דאָס פעלד אויף צוויי צעטיילט. אויף דעם טראַקט וועלן זיך באַלד באַווייזן רויטאַרמייער. זיי וועלן אַריין אין דאָרף און צוזאַמען מיט די וואָס געפינען זיך שוין דאָ וועלן זיי אָנהויבן איינפירן אָרדענונג... עס וועלן פאַלן קעפּ!... ער וואָלט דאָס נישט באַדאַרפט טאָן, אָבער זיין אייגן לעבן, דאָס לעבן פון קסעניאַן און די לעבנס פון נאָך עטלעכע ערלעכע מענטשן, איז איצט אין געפאַר!... ער האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט, ער האָט דאָס געמוזט טאָן!...

מען האָט נישט לאַנג געוואַרט. עס האָט זיך פון וויטן דערזען אַ ווייסלעכער שטויב איבער דעם טראַקט. דערנאָך האָבן זיך דערהערט שווערע טריט פון אַ מאַרשירנדיקער מיליטערישער מחנה.

26.

דאָס גאַנצע דאָרף, אויף ביידע זייטן פון טייך, איז געווען אַרומגערינגלט פון די רויט־אַרמייִשע מחנות, פון אַ שטראָף־באַטאַליאָן, אויף צו באַקעמפן פּויערישע אויפשטאַנדן קעגן דעם איינפירן קאָלכאָזן אין לאַנד. יעדער סאָלדאַט פון אַזאַ־אַ מחנה איז געווען געזונט, אָנגעפרעסן, אויסגעמושטירט און טעמפּ. קיין רחמנות צו אַ מענטשן האָט מען פון אַזאַ־אַ סאָלדאַט נישט געקענט דערוואַרטן. יעדער איינער איז געווען אויסדערוויילט און אַרויסגעכאַפּט פון צווישן טויזנטער אָנשטענדיקע, דענקענדיקע און גוט־האַרציקע יונגע לייט. דאָס זענען געווען אויסגעשולטע סאָלדאַטן פון דער „טשע־קאַ" און דער „ג.פּ.או.". זיי האָבן באַוואַכט די בריק וואָס פאַר־

איינציקט ביידע טיילן פון דאָרף, די וועגן וואָס פירן צו דער גרויסער שטאָט, צו קלענערע שטעט און צו אַנדערע דערפער, ווי אויך די רויט־ציגלנע געביידע אין וועלכער עס געפינט זיך דער פּאַרטיי־קאָמיטעט צוזאַמען מיטן דאָרפישן סאָוועט, און אויך דעם קלויסטער, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלוב, צו וועלכן מען האָט איצט צונויפגעטריבן אַלע פויערים און פויערטעס אויף אַ סכאָדקע.

די טירן פון קלוב זענען נאָך געווען געשלאָסן און דער דאָרפישער המון איז געשטאַנען אין דרויסן, באַוואַכט פון די רויטאַרמייער און געוואַרט ביז די קאָמיסאַרן, סעמיאָנאָוו, פּאָפּאָוו און דער ניי־אַראָפּגעקומענער קרוגער וועלן זיך באַווייזן. דאַן וועט דער קלוב־פאַרוואַלטער, אַן אַלטיטשקער, געוועזענער דאָרפס־לערער, באַוויליקן אַריינצולאָזן די מאַסע אין קלוב. אָבער אַנשטאָט אַלע דריי קאָמיסאַרן האָט זיך באַוויזן נאָר איינער, סעמיאָנאָוו... ער איז געגאַנגען פאָרויס און הינטער אים זענען געגאַנגען צוויי באַוואָפנטע רויטאַרמייער וועלכע האָבן געהאַלטן זייערע ביקסן מיט די אָנגעטשעפּעטע באַגנעטן פאָרויס. אַ מורמל איז דורך דער צונויפגעטריבענער פויערישער מאַסע אַוועק אין גאַנג. מען האָט דערזען ווי מען פירט דעם סעקרעטאַר פון דעם דאָרפישן פאַרטיי־קאָמיטעט אַן אַרעסטירטן און עס האָבן זיך באַלד געפונען צווישן די פויערים גענוג שרייערס, צופרידענע פון דער דערלעבטער נקמה:

„איצט איז שוין אַ סוף צו זיין געוועלטיקונג איבער אונדז!"

עמיצער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג:

— דאָס האָט דער נייער קאָמיסאַר, וואָס איז פון מאָסקווע אַראָפּגעקומען, אים אַרעסטירט.

— מיכאַיִל קרוגער איז זיין נאָמען! ער איז אַ גוטער מענטש, ער איז מיט אונדז!...

— טאָוואַרישטש קרוגער וועט דאָ איינפירן אָרדענונג און גערעכטיקייט!...

— ער וועט צעטרייבן דעם קאָלכאָז!...

— מען וועט אונדז צוריקקערן אונדזער ערד און אונדזער צוגעראַבעוועט האָב און גוטס!...

— מיר וועלן מער נישט הונגערן, מיר וועלן צוריק זיין פריוואַט, פאַר זיך!...

— נידער מיט די קאָלכאָזן!...

— לעבן זאָל דער באַפּולמעכטיקטער פון מאָסקווע, דער נײַער קאָמי־
כאַר מיכאַיל קרוגער!...

עס האָט זיך אין דער לופטן אַ שנײַד געטאָן אַ הילך פון אַ שאָס. דאָס
האָט איין סאָלדאַט אויסגעשאָסן אין דער לופטן, און אַ צווייטער, אַ סער־
זשאַנט, האָט אויסגעשריגן:

— שטיל זאָל זײַן!...

אָבער די געמיטער ביי די פּויערים זענען שוין געווען צעשפּילט סיי־
ווי־סיי אויף אַ גוטמוטיקער און פרידלעך־צופרידענער שטימונג. עס האָט
זיך איצט געשאַפן אַ גינסטיקער באָדן פאַר מיכלען צו געווינען די פּויע־
רים אויף זײַן זייט, דעמאַגאָגיש זיי „באַפרייען" פון דעם פאַרהאַסטן קאָל־
כאָז און אַזוי אַרום צוגרייטן אַ נייעם באָדן, כדי מען זאָל זיי שפּעטער ווי־
דער אַרײַנגנאַרן אין קאָלכאָז, אָבער שוין אָן פּראָטעסטן און אָן ווידער־
שטאַנדן...

ווען מיכל קרוגער, פּאָפּאָוו און קסעניאַ, צוזאַמען מיט אַ נייעם גאַסט,
אַ מיליטערמאַן, דער הויפּט פון דעם שטראָף־באַטאַליאָן, האָבן זיך באַוויזן,
האָבן די פּויערים פריילעך און באַגייסטערט אויסגעשריגן „הוראַ!" און אָנ־
געהויבן צו פּאַטשן מיט די הענט. אין דער צייט האָבן זיך די טירן פון קלוב
צעעפנט און די פּויערישע מאַסע האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אינעווייניק. מען
האָט איבערגעיאָגט איינס דעם אַנדערן, באַמיִענדיק זיך וואָס שנעלער צו־
פאַרכאַפּן אַן אָרט צו זיצן, ווייל דער קלויסטער, וועלכער איז פאַרוואַנדלט
געוואָרן אין אַ דאָרפישן קלוב, איז געווען צו קליין און האָט אין זיך נישט
געקענט אַרייננעמען אַלעמען. די וואָס האָבן נישט באַוויזן צו פאַרכאַפּן קיין
אָרט צום זיצן האָבן געמוזט שטיין אין די דורכגאַנגען און אַפילו אין דרויסן
ביי די צעעפנטע פענצטער.

עס איז געווען פייערלעך שטיל ווען קסעניאַ האָט באַקומען דאָס ער־
שטע וואָרט. די פּויערים זענען נישט געוווינט געווען צו זען ווי אַ פרוי
שטייט אויף דער טריבונע און רעדט פאַר זיי. קסעניאַ איז געווען אַ קינד
וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דאָרף פאַר זייערע אויגן. אמת, זי איז געווען
פיל אַנדערש פון אַלע איבעריקע פּויערישע מיידלעך, זי האָט פאַרענדיקט
נישט נאָר די דאָרפישע שולע, נאָר אויך די שולע פון דעם שטעטל, נישט
ווייט פון דאָרף. זי איז געווען, ווען דליק אַ דאָרפיש מיידל, שוין ביז גאָר
געבילדעט, דערביי איז זי נאָך אויך געוואָרן דער טעכנישער סעקרעטאַר
פון דעם דאָרפישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און דעם דאָרפישן סאָוועט און האָט

דערצו נאָך געקלאַפּט און געטאַנצט מיט אירע אינטעליגענטישע, און גאָר נישט פּויערישע, פינגער איבער אַ שרייבמאַשין, עפּעס אַזאַ זאַך, וואָס איז פאַר מיידלעך פון די גרויסע שטעט און נישט פאַר פּויערישע קינדער. און איצט, נאַ דיר, גאָר אַ רעדנערקע געוואָרן... אָבער שאַ... זי רעדט דאָך צו דער זאַך, די קליינע...

— איך בין אַ קינד פון דור־דורות פּויערים. דאָ, אין דעם דאָרף זענען געבוירן געוואָרן מיינע באָבעס און זיידעס, מיין טאַטע און מאַמע, און איך בין דאָך דאָ געבוירן געוואָרן און געוואַקסן פאַר אייערע אויגן. מיין פּאַטער איז אומגעקומען פאַר איך, פאַר אייערע אינטערעסן, פאַר אייער ווױלזיין, ווען ער האָט זיך געשלאָגן מיט די ווייסע אָפיצירן!...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט באַטראַכט די פאַרזאַמלטע פּויערים. דערנאָך האָט זי פאָרגעזעצט:

— אָבער מיט אונדזער דאָרף, אַזוי ווי מיט פיל אַנדערע דערפער, איז געשען אַן אומגליק. שלעכטע און אומוויסנדיקע מענטשן האָבן זיך אין דער פּאַרטיי אַריינגעכאַפּט, זעלבסט־אויסנוצערס זענען קאָמיסאַרן איבער אונדזער דאָרף געוואָרן! זיי, די נידערטרעכטיקע און אומפאַרשעמטע דאָרפס־קאָמיסאַרן האָבן מיט זייערע האַנדלונגען אייך געטריבן צו פאַרברעכנס און אייך פאַרוואַנדלט אין פיינד פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער איך זאָג, אַז איר זענט ערלעכע און אַרבעטזאַמע פּויערים און איר האָט ליב די סאָוועטן־מאַכט. איר האָט דאָך איצט אַליין מיט אייערע אויגן געזען ווי מען האָט די שולדיקע אַרעסטירט, איר האָט געזען די סאָוועטישע גערעכטיקייט, איר האָט געזען ווי מען האָט נישט געשאַנעוועט אַפילו דעם סעקרעטאַר פון אונדזער דאָרפישן פּאַרטייִשן קאָמיטעט פון די קאָמוניסטן־באָלשעוויקעס, אויך אים, סעמיאָנאָוון האָט מען אַרעסטירט, אויך ער וועט באַקומען אַ שטראָף דערפאַר ווייל ער האָט אייך שלעכטס געטאָן.

זי האָט אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אויף מיכלען.

— און איצט וועט דער באַפולמעכטיקטער פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איינער פון די פינף און צוואַנציק טויזנט אויסדערוויילטע יונגע, פאַרגעשריטנסטע און געטרייסטע קאָמוניסטן, טאָוואַרישטש מיכאַיל קרוגער, פאַר אייך אויפקלערן דעם גאַנצן אמת פון דער לאַגע וועלכע עס האָט זיך ביי אונדז אין לאַנד געשאַפן אַרום די קאָל־כאָזן, און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז ביי אונדז אין דעם סאָוועטישן פאַ־

טערלאַנד הערשט פרייהייט און גערעכטיקייט. קיינער וועט קיינעם מער נישט צווינגען אַרייַנצוטרעטן אין קאָלכאָז אויב ער וויל נישט!...

ווען מיכל איז צוגעגאַנגען צום ראַנד פון דער טריבונע, האָט ער אַ צייט געמוזט אָפּוואַרטן ביז די אָוואַציע, די רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן און די באַגייסטערטע „הוראַ"־אויסגעשרייען וועלן זיך ענדיקן. ער האָט געהאַלטן די צייטונג „פּראַוודאַ" אין דער האַנט און מיט איר געפאָכעט אין דער לופט, און אַ געשריי געטאָן:

— טאָוואַרישטשי פּויערים און פּויערטעס! דאָס איז אַ היסטאָרישער דאָקומענט, אַן אָפענער בריוו, וואָס אונדזער ליבער פירער און פריינד יאָסיף וויסיריאַנאָוויטש סטאַלין האָט אין די צייטונגען געלאָזט אָפּדרוקן. דאָס איז אייגנטלעך נישט קיין בריוו, נאָר אַן אויפקלערונג צו אייך פּויערים און פּויערטעס וועגן דער אַגראַרער, דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָבלעם אין סאָוועטן־רוסלאַנד, אין סאָוועטן־אוקראַינע און אין אַלע אַנדערע סאָוועטישע רעפּובליקן. און געשריבן איז די אויפקלערונג צו אייך געניאַל און מייסטערהאַפט, מיט פיל חכמה און פּשוטקייט, אַזוי אַז יעדער איינער פון אייך זאָל פאַרשטיין דעם זין און דעם מיין... „קאָפּשווינדל פון דערפאָלג" — רופט אָן סטאַלין דעם בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו אייך. סטאַלין זאָגט, אַז די מענטשן וועלכע מען האָט אָנגעפאַרטרויט צו זיין די אָנפירער, די קאָמיסאַרן, די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן און די סאָוועט־פּאָרזיצערס פון דערפער, האָבן אויף זייער אייגענער האַנט געראַבעוועט, געשלאָגן און געצווונגען די פּויערים צו גיין אין די קאָלכאָזן, און דערנאָך האָבן די אַוואַנטוריסטישע קאָמיסאַרן געשיקט צום קרעמל ראַפּאָרטן, אַז אין זייערע דערפער איז די קאָלעקטיוויזאַציע דורכגעפירט געוואָרן אויף אַלע הונדערט פּראַצענט. אָט דאָס־אָ רופט אָן דער קלוגער טאָוואַרישטש סטאַלין מיט דעם נאָמען „קאָפּשווינדל פון דערפאָלג", ווייל וואָס פאַר אַ דערפאָלג איז דאָס אויב מען האָט אייך באַדאַרפט צווינגען מיט גוואַלד צו ווערן קאָלכאָזניקעס?...

ער איז פלוצים אַנטשוויגן געוואָרן. אַ געדאַנק איז ווי אַ פייל אויסן בויגן אַדורך אין זיין קאָפּ: „דאַרף איך אַזוי רעדן?" און ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז די דעמאַגאָגיע איז אַ הערשנדיקע איצט אין לאַנד. ער האָט פאָרגעזעצט:

— פּויערים און פּויערטעס, איך פאַרזיכער אייך, אַז נישט די סאָוועטישע רעגירונג, נישט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַוודאי נישט דער ליבער

פירער סטאַלין האָבן דאָס שלעכטס אייך אָפּגעטאָן! דאָס האָבן די פאַרגרעבטע און עגאָיסטישע דאָרפישע פירער אייערע, דעם שטעקן איבערגעבויגן. איר האָט שוין איצט געזען, און איר וועט נאָך זען ווייטער, אַז יעדער אייער וואָס האָט אייך באַוועלט מוז זיין שטראָף באַקומען!... פון איצט אָן זענט איר פריי אויסצוקלייבן די ריכטונג פון אייער דאָרפישן לעבנשטייגער וואָס אייך וועט געפעלן. ווער עס וויל בלייבן אינדיווידועל פאַר זיך, וועט צוריק באַקומען זיין ערד און אַלץ דאָס וואָס מען האָט ביי אים פאַרן קאָלכאָז צוגענומען. ווער עס וויל בלייבן אין קאָלכאָז וועט פון איצט אָן באַקומען פאַר זיך פערזענלעך אַ שטיק ערד אַרום דער שטוב, איין קו, צוויי חזירים און פינף הינער פאַרן אייגענעם געברויך.

ער האָט געענדיקט זיין רעדע און איז צוגעגאַנגען צום רויט־געדעקטן טיש. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. אין זאַל פון קלוב האָט זיך געטומלט פון הענט־פאַטשעריי און פון פאַרשידענע אויסגעשרייען. עס האָט געהערשט אַ כאַאָס. פאַפאָוו, וועלכער האָט לויט זיין אַמט באַדאַרפט פירן די סכאָדקע, קלינגען אין גלעקל, באַרויקן דעם עולם און געבן אַ וואָרט ווען מען דאַרף, האָט זיין פליכט נישט אויסגעפילט. אַנשטאָט דעם האָט ער גאָר אַרויסגעכאַפּט פון זיין בוזעם־קעשענע אַ פּאַפּיר און דאָס אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש. ער האָט שטיל געכריפּעט, נישט געוואָלט, אַז זיינע ווערטער זאָלן צו די פאַרזאַמלטע פויערים זיך דערטראָגן. ער האָט מיט אַ פינגער געטייטלט אין דעם פּאַפּיר.

— טאָוואַרישטש קרוגער, דו ווייסט גוט וועגן דעם געהיימען דירעקטיוו!... סעמיאָנאָוו האָט אויף אַ געשלאָסענער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די דאָרפישע קאָמוניסטן אָט דעם־אָ געהיימען דירעקטיוו פאַרגעלייענט. און איצט קומסטו מיט אַ בריוו פון סטאַלינען, אַ בריוו וועלכער איז גאָר געווען געדרוקט אין די צייטונגען און איז נישט געשיקט צו אונדז, דאָרפישע פירער, דירעקט. און עס קומט אויס, אַז נישט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט געמאַכט אַ פעלער, און אַז נישט אין קרעמל האָט דאָרט עמיצער אָנגעפּלאָנטערט, נאָר אַז מיר, די „דאָרפישע קאָמיסאַרן", זענען גאָר אין אַלץ די שולדיקע!... פאַרוואָס קומט דאָס אונדז?... איז דאָס דערפאַר ווייל מיר האָבן ערלעך און געטריי אויסגעפילט יעדן פונקט פון דעם געהיימען דירעקטיוו?... דו, טאָוואַרישטש מיכאַיל קרוגער, דו האָסט אַרעסטירט סעמיאָנאָוון אומזיסט און אומגישט. נו, און וואָס ווערסטו מיט מיר טאָן?...

— סעמיאָנאָוו האָט געראַבעוועט. ער האָט גענומען כאַבאַר פון רייכע פויערים. ער האָט מיטגעאַרבעט מיט די סאַבאָטאַזשניקעס און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן! — האָט מיכל שטיל, אָבער מיט פיל צאָרן, אָפּגעענטפערט פּאָפּאָוון.

פּאָפּאָוון האָט זיין ענטפער נישט באַפרידיקט. ער איז צופיל געווען פאַרטאָן מיט זיך, אַז ער זאָל קענען אויסהערן אַן אַרגומענט. ער האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז אַרויס.

דערוויל איז דער טומל אין קלוב געוואָרן אומדערטרעגלעך. אייניקע פויערים און פויערטעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו קריגן און אַמפּערן, און וועגן נישט די אָנוועזנהייט פון די באַוואָפנטע רויטאַרמייער וואָלט מען זיך שוין פון לאַנג געשלאָגן. פּלוצים האָט זיך דאָס גלעקל אין דער האַנט פון דעם קאָמאַנדיר פון דעם שטראָף־באַטאַליאָן צעקלונגען. זיין שטרענגע באַסאָווע שטימע האָט אַ רעווע געטאָן:

— שטיל זאָל זיין!...

ווי געפּלעפטע זענען די פויערים און פויערטעס אַנטשוויגן געוואָרן און געבליבן שטיל. מען האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז פּאָפּאָוו איז אויף דעם פּאָרזיצערישן אָרט נישטאָ און אַז זיין פּלאַץ אַלס פּאָרזיצער פון דער סכאָד־קע פאַרנעמט גאָר דער פּרעמדער, דער מיליטער־מאַן. אין זייער טומל און קריגעריי צווישן זיך, האָבן די פויערים פאַרזען וואָס אויף דער טריבונע איז פּאָרגעקומען. נאָר איין פויער, איבער וועמענס ברוסט, מיט אַ שטריק צוגעבונדן, איז אַן אַלטפּרענקישע באַנדורע, אַזאַ גיטאַרע, געהאָנגען, און וועלכער איז אין דער ערשטער רייע לעבן דער טריבונע געזעסן, האָט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט פון די מענטשן וואָס זענען דאָרט געווען. דער טומל און דאָס אַמפּערן זיך פון די פויערים און פויערטעס: „יאָ קאָלכאָז" און „נישט קאָלכאָז", איז אים נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט געזען ווי פּאָפּאָוו האָט דעם טיש פאַרלאָזט, פון דער טריבונע אַוועק, און איז ערגעץ נעלם געוואָרן. דאָס האָט זיין נייגעריקייט נאָך מערער צע־רייצט און אים רוען נישט געלאָזט.

דער קאָמאַנדיר פון דעם שטראָף־באַטאַליאָן האָט ווידער אַ קלונג גע־טאָן מיטן גלעקל און געפרעגט:

— האָט עפּעס עמיצער וואָס צו זאָגן? יעדער איינער קען, אין אָרדע־נונג פון קריטיק און זעלבסטקריטיק, נעמען אַ וואָרט! נו, ווער וויל דאָס וואָרט? אויב נישט, וועלן מיר די סכאָדקע שליסן און מאָרגן, פון אַכט אַזייי־

גער אין דער פרי, זאָל יעדער איינער קומען אין סאָוועט און זיך מעלדן צי ער וויל זיין איינצל, פאַר זיך אַליין, אָדער ער וויל זיין צוזאַמען מיט אַלע־מען אין אַ קאָלכאָז. נו, וויל עמיצער אַ וואָרט?

עס איז געוואָרן שטיל. קיינער האָט נישט געענטפערט. נאָר אָט האָט זיך איין האַנט אַ הייב געטאָן, אַ פעסטע, אַ גרויסע, אַן אויסגעהאָרעוועטע פויע־רישע האַנט.

— דו ווילסט אַ וואָרט? — האָט דער קאָמאַנדיר אַ דונער געטאָן.

— אַ פראַגע! — האָט דער פויער וואָס האָט אויפגעהויבן די האַנט, געזאָגט און ער האָט זיך עפּעס אומבאַהאָלפן, פאַרשעמט אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, דערזען ווי אַלע איבעריקע פויערים און פויערטעס פון דער סכאָדקע קוקן אויף אים שטאַר און פאָרזיכטיק, און אַפילו מיט ביטול אין זייערע אויגן, און דאָך זענען זייערע בליקן אַזוינע נייגעריקע: „אַ־נו, לאָ־מיר הערן וואָס פאַר אַ קנאַקער דו ביסט?".

דער קאָמאַנדיר האָט דערזען זיין פאַרלוירנקייט, האָט ער אים גוט־מוטיק אונטערגעטריבן:

— שעם זיך נישט, פרעג וואָס דו ווילסט, מיר זענען דאָך אייגענע מענטשן!...

דער פויער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און אויסגערופן:

— טאַק, טאָ טאַק, ווער עס וויל וועט גיין אין קאָלכאָז און ווער עס וויל נישט, וועט בלייבן פאַר זיך, אַזוי ווי געוועזן?...

— ריכטיק! — האָט דער קאָמאַנדיר געענטפערט און זיך צעלאַכט הויך, אויף אַ קול, — נו, וואָס נאָך? פרעג, פרעג, שעם זיך נישט!

דער פויער האָט ווידער געפרעגט:

— און מען וועט יעדן איינעם צוריקגעבן דאָס אַלץ וואָס מען האָט ביי אים צוגענומען?

— ריכטיק! — האָט שוין דער קאָמאַנדיר פאָרזיכטיק צוגעגעבן.

— ווי אַזוי זשע קען מען צוריקגעבן? — האָט דער פויער זיך אָנגע־נומען מיט מוט און ווידער געשטעלט אַ פראַגע אויף וועלכער ער איז זי־כער געווען, אַז קיין ענטפער איז נישטאָ, — ווי אַזוי קען מען צוריקגעבן, אַז אַלץ איז פאַרניכטעט, פאַרברענט און דאָס ביסל וואָס עס איז געבליבן האָט מען צעראַבעוועט?!...

— נו, דאָס זענט איר אַליין שולדיק! — האָט שוין איצט דער קאָמאַנ־דיר שטרענג אָפּגעענטפערט, — איר האָט נישט באַדאַרפט מאַכן קיין אויפ־

שטאַנדן, נישט באַדאַרפֿט פֿאַרברענען אײער אײגן האָב און גוטס וואָס מען האָט אײַן קאָלכאָז צונויפֿגעזאַמלט, נישט באַדאַרפֿט אָפּסמען די קי און פֿערד און אויסשעכטן אַלע הינער!... איצט וועט איר מוזן אַביסל צוּוואַרטן ביז די רעגירונג וועט צושיקן אַהער הילף!... אָבער, איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז יעדער אײנער, סײַ די אינדיווידואַליניקעס און סײַ די קאָלכאָזניקעס וועלן מיט דער צײַט באַקומען אַלץ אין וואָס זײ נייטיקן זיך.

— עד!... — האָט ווידער דער פֿויער זיך אָפּגערופֿן, — ווי באַלד אַזוי וועל איך שוין בעסער גײן אין קאָלכאָז!...

— גוט, בראַוואָ!... — האָט דער קאָמאַנדיר אויסגעשריגן מיט זײַן באַסאָוועַ דונער־שטימע, און ער האָט אָנגעהויבן אַפּלאָדירן.

אויף אים קוקנדיק האָבן די איבעריקע פֿאַרזאַמלטע פֿויערים און פֿויערטעס אויך אָנגעהויבן צו פּלעסקען מיט די הענט. עס האָבן זיך באַלד דערהערט פֿון די צווישן פֿאַרזאַמלטע דאָרפֿסלײַט לעבהאַפֿטע און ענטוזיאַסטישע אויסרופֿן: „לעבן זאָל אַ הונדערט פּראָצענטיקע קאָלעקטיוויזאַציע!" און ווידער: „לעבן זאָל אונדזער קאָלכאָז!" און ווײַטער: „לעבן זאָל דער קלוגער סטאַלין!". דאָס האָבן די קאָמסאָמאָלצעס און פּאַרטײיצעס, וועלכע האָבן זיך אין קלוב צווישן דער פֿויערישער מאַסע אויסגעמישט, די־אָ לאָזונגען אויסגעשריגן און אַזוי צעטומלט די שוואַכע מוחות פֿון די דערשלאָגענע דאָרפֿסמענטשן, אַז אויך זײ האָבן נישט ווויסנדיק וואָס, ווער און ווען אָנגעהויבן מיטשרײַען: „לעבן זאָל אונדזער קאָלכאָז!".

און ווען עס איז שטיל געוואָרן און מען האָט שוין געהאַלטן בײַם שליסן די סכאָדקע, האָט זיך אין דער לופֿט ווידער באַוויזן אַן אויפֿגעהויבענע האַנט. דאָס מאָל איז דאָס געווען פֿון דעם זעלבן פֿויער מיט דער באַנדורע וואָס איז אין דער ערשטער רײַע געזעסן און וואָס האָט קײן שום זאַך נישט פֿאַרפֿעלט צו הערן און צו זען וואָס אויף דער טריבונע איז פֿאַרגעקומען. דער אַלטער באַנדוריסט האָט אַ הוסט געטאָן „קכע־קכע"... אַ סימן, אַז ער איז גרייט צו רעדן. עס איז געוואָרן שטיל. דער אַלטער האָט מיט אַ פֿעסטן קול זיך צעשריגן:

— ווען מען קומט אויף אַ פֿויערישער סכאָדקע דאַרף זײַן שטיל און אָרדענונג אַזוי ווי ווען מען פֿלעגט קומען אין קלויסטער און מען פֿלעגט זײַן שטיל און מען האָט געקוקט מיט מורא און מיט ליבע צום אַלטאַר אויף וועלכן דער צלם מיט דעם אויפֿגעהאנגענעם יעזוס איז געשטאַנען! — ער האָט זיך איבערגעצלמט. כמעט אַלע פֿאַרזאַמלטע האָבן אויסגעזעצט אַ גע־

לעכטער. אָבער אייניקע האָבן אים נאָכגעטאָן און זיך אויך איבערגעצלמט. ער האָט פאַרגעזעצט: — דער אַלטאַר איז דאָך אויך איצט דער זעלבער. מען רופט דאָס איצט טריבונע. און עס שטייען אויף דער טריבונע גרויסע נאַטשאַלסטוואָ, דאַרפן מיר האָבן רעספעקט פאַר נאַטשאַלסטוואָ און זיך צו־הערן צו זייערע רייד!...

דער קאָמאַנדיר, מיכל און קסעניאַ האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן בראַוואָ, און דער גאַנצער עולם אין קלוב האָט אויך דעם אַלטן באַנדוריסט באַלוינט מיט אַפּלאָדיסמענטן. ווען עס איז רויִק געוואָרן, האָט ער פאַרגעזעצט:

— עפּעס איז צווישן נאַטשאַלסטוואָ פאָרגעקומען. דער „פּרעדסעדאַ־טיעל סאָוועטאַ", פּאַפּאָוו, איז נישטאָ, ער האָט פאַרלאָזט די סכאָדקע און איז אַוועק. מיר דוכט, אַז עס פּאַסט נישט פאַרן הויפּט פון דעם דאָרף צו פאַר־לאָזן זיינע דאָרפסלייט אין מיטן אַ סכאָדקע! פיליִיכט מעגן מיר וויסן פאַר־וואָס אַזאַ זאַך איז געשען?...

עס איז צוריק געוואָרן אַ טומל אין קלוב. מען האָט געקלאַפּט בראַוואָ און מען האָט אויך געשריגן: „ווו איז פּאַפּאָוו?"... און: „פאַרוואָס האָט ער די סכאָדקע פאַרלאָזט?"... און אויך: „מען דאַרף פּאַפּאָוון אַרעסטירן אַזוי ווי סע־מיאָנאָוון!"...

מיכל האָט זיך אָנגעבויגן צום קאָמאַנדיר פון דעם שטראָף־באַטאַליאָן און אים אַריינגעשריגן אין אויער:

— דאָס גאַנצע דאָרף וועט שוין איצט זיין אַ קאָלכאָזנע, די פּויערים האָבן נישט קיין אַנדער אויסוועג!...

דער קאָמאַנדיר האָט געענטפערט:

— יאָ, עס שיינט, אַז אַזוי וועט עס זיין!... אָבער הער נאָר, טאָוואַרישטש קרוגער, גיי גיב אַ קוק ווו פּאַפּאָוו איז אַהינגעקומען!... עפּעס זאַמט ער זיך דאָרט צו לאַנג! מיר האָט געדוכט, אַז דער בויך האָט אים אַ כאַפּ געטאָן... זעסט, דער אַלטער פּויער מיט דער באַנדורע, ער האָט דאָס באַמערקט, אַז פּאַפּאָוו האָט נישט געסטאַיעט, און מיר האָבן גאָר אין אים פאַרגעסן. דו גיי קרוגער, און איך וועל דאָ דערווייל די פּויערים איינשטילן און שליסן די סכאָדקע. עס איז וויכטיק, אַז די פּויערים זאָלן זיך רויִק צעגיין אַהיים!

מיכל איז אַוועקגעגאַנגען און דער קאָמאַנדיר האָט זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע:

— און אַזוי, ליבע חברים פּויערים און פּויערטעס, וועלן מיר שליסן די סכאָדקע מיטן געזאַנג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל", און זאָל זיך יעדער

איינער רו?ק און אין פרידן גיין אַהיים!... — ער האָט דער ערשטער מיט זיין טיף־באַסאָוער שטימע זיך צעזונגען: „ווסטאַוואַי פּראָקליאַטעי זאַקלי־מיאָנעי, וועס מיר גאַלאָדנעך אי ראַבאָוו!״...

די פּויערים און פּויערטעס האָבן רוישיק און הילכיק אונטערגעכאַפּט דעם געזאַנג, מען האָט פאַרגעסן אין דער פראַגע פון דעם אַלטן פויער, דעם באַנדוריסט, וועגן דעם אַז פּאַפּאָוו, דער פאָרזיצער פון סאָוועט, האָט אין מיטן דערינען נישט געסטאַיעט... מען איז איינציקווייז, שטיל און אין אָר־דענונג זיך צעגאַנגען אַהיים...

ווען דער קלוב איז שוין כמעט ליידיק געווען איז מיכל צוגעקומען צום קאָמאַנדיר. זיין פּנים איז געווען בלאַס, זיינע אויגן טרויעריק און זיי־נע ליפּן האָבן געציטערט. ער האָט קוים אויסגערעדט:

— פּאַפּאָוו האָט זיך אויפגעהאנגען!...

— האַ, וואָס? — האָט זיך דער קאָמאַנדיר מעכאַניש אַ כאַפּ געטאָן פאַר זיין קאַבור אין וועלכן דער רעוואָלוועער האָט געשטעקט. ער האָט זיך אָבער באַלד באַדענקט און די האַנט פון קאַבור צוגענומען, — געהאנגען, זאָגסטו?!...

— יאָ, ביים קלוב־פאַרוואַלטער אין קאַבינעט. ער האָט אַ שטריק אי־בערן באַלקן פון דער סטעליע אַריבערגעוואָרפן און זיך אויפגעהאנגען!

דער קאָמאַנדיר האָט זיך באַלד באַהערשט:

— אויסוווּרף! האָט ער אויסגעשריגן, — נישט געקענט צוואַרטן מיטן הענגען זיך ביז ער וואָלט ערגעץ אין סיביר געכאַליטשעט!... — דער־נאָך האָט ער אַ זיפץ געטאָן, — עך, עך, עך!... נו, פאַרפאַלן. איך וועל אַוועק־שטעלן אַ רויטאַרמייער ביי דער טיר. זאָל קיינער גאָרנישט וויסן. ביינאַכט וועלן מיר אים שטילערהייט פון דאָרף אַרויספירן. מען דאַרף נישט מאַכן קיין טומל און ווידער צערייצן די געמיטער ביי די פּויערים!

קיין שום באַוואָרענישן האָבן אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אויפן אַנדערן טאָג האָט שוין דאָס גאַנצע גרויסע דאָרף, פוןביידע זייטן טייך, געוווּסט, אַז פּאַפּאָוו האָט זיך אויפגעהאנגען און אַז מען האָט אים שטילערהייט אין מיטן דער נאַכט אַרויסגעפירט פון דאָרף און זיין קערפּער, מיט אַ ראַפּאָרט אונ־טערגעשריבן פון מיכלען און פון דעם קאָמאַנדיר פון דעם שטראָף־באַטאַ־ליאָן, האָט מען איבערגעשיקט צו דער מאַכט פון דער גרויסער שטאָט.

די פּויערים און פּויערטעס פון דאָרף זענען געקומען צום סאָוועט, וועלכער איז נאָך אַלץ באַוואַכט געווען פון רויטאַרמייער פון דעם שטראָף־

באַטאַליאָן. מען האָט זיי אין דעם דאָרפישן סאָוועט אויפגענומען באַזונ־דערס פריינדלעך. מיכל און דער קאָמאַנדיר האָבן גערעדט מיט די פּויערים ווייך, צוגעשמייכלט צו זיי און זיי געדריקט די הענט. דערנאָך איז יעדער פּויער און פּויערטע צוגעקומען צום טיש ביי וועלכן קסעניאַ איז געזעסן. אויפן טיש איז געלעגן אַ גרויסער, נייער קאָלכאָזנער רעגיסטריר־בוך. קסע־ניאַ האָט אויפסניי אין דעם בוך אַריינגעשריבן די נעמען פון די פּויערים, פּויערטעס און זייערע קינדער, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן „פריי־וויליק" אַריינצוטרעטן אין דעם אויפסניי געשאַפענעם קאָלכאָז. די פּויערים און פּויערטעס האָבן אַפּאַטיש אונטערגעשריבן זייערע נעמען אין דעם רע־גיסטריר־בוך. די נישט־גראַמאַטנע האָבן געשטעלט צלמלעך, געמאַכט רינ־געלעך און אַנדערעליי סימנים אַנשטאָט אַן אונטערשריפט. קסעניאַ האָט די סימנים באַשטעטיקט מיט אירס אַ באַמערקונג. דערנאָך האָבן זיך די פּויע־רים און פּויערטעס געזעגנט מיט די פירער, די נייע קאָמיסאַרן, און מען איז געגאַנגען אַהיים טרינקען וואָדקאַ...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיכל געמאָלדן טעלעגראַפיש קיין מאָס־קווע, צום קרעמל, אַז דאָס דאָרף קראַסנעי־באָר, וווּ ער איז דער באַפול־מעכטיקטער, איז שוין אויף אַלע הונדערט פּראָצענט קאָלעקטיוויזירט אויפ־סניי אין דעם איבעראַנייס געשאַפענעם קאָלכאָז, און אַלץ איז רויק און אין בעסטער אָרדענונג. ער האָט געבעטן דרינגנדיק צושיקן אַ נייעם סעקרעטאַר פאַרן דאָרפישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און אַ נייעם פּאָרזיצער פאַרן דאָרפישן סאָוועט, ווי אויך אַ גוטן, אַ פאַכמענישן אַנפירער, אַן אַגראָנאָם פאַרן קאָל־כאָז, און אַ געבילדעט שטאָטיש מיידל וואָס זאָל קענען פאַרבייטן קסעניאַן אַלס טעכנישער סעקרעטאַר.

אָבער אַנשטאָט די מענטשן וואָס מיכל האָט געפאָדערט פאַר די וויכ־טיקע אַמטן זענען גאָר פון מאָסקווע אָראָפּגעקומען צוויי צייטונגס־לייט און האָבן זיך אויף אַ גאַנצער וואָך געגומען פאָרשן די לאַגע פון דעם דאָרף. שפּעטער זענען זיי אָוועקגעפאָרן און אין די צייטונגען האָבן זיך באַוויזן באַשרייבונגען מיט גאַנצע לעגענדעס פון דעם שיינעם און רייכן דאָרף קראַסנעי־באָר, ווו אַלע פּויערים לעבן קאָלעקטיוו און זיי זענען גליקלעך, וואָס זייער דאָרף איז געוואָרן אַ קאָלכאָזנער אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. דערביי זענען געגעבן געוואָרן די בילדער פון מיכלען און קסעניאַן, מיט זייער פיל אמתע באַשרייבונגען און נאָך מער צוגעטראַכטע לעגענדעס פון זייער לעבן, אַרבעט, קאַמף און העראָיזם אין דעם דאָרף. פון די אַלע באַ־

שרייבונגען האָט זיך געקענט באַקומען, אַז מיכל איז פון אַלע זיינע יאָרן אַ פויער געווען. די אַרטיקלען און די באַשרייבונגען האָבן זיך אין אַלע צייטונגען געענדיקט מיט דעם, אַז די באַפעלקערונג פון דעם שיינעם און רייכן דאָרף קראַסנעי־באַר בעטן דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און דער סאָוועטישער רעגירונג, אַז מען זאָל מיכלען און קסעניאַן באַלוינען מיט אָרדנס און מעדאַלן פאַר זייער געטרייער און איבערגעגעבענער אַרבעט, און פאַר ברענגען רו, אָרדענונג און גליק צו די קאָלכאָזניקעס פון דעם דאָרף.

מיכלס אַרבעט אין דעם דאָרף איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. עס זענען נאָך געווען פיל שוועריקייטן. מען האָט באַדאַרפט ברענגען שפייז פאַר די הונגעריקע פויערים. מען האָט באַדאַרפט אָרגאַניזירן די אַרבעט אין די קאָלכאָזנע פעלדער. מען האָט באַדאַרפט באַקומען אַ נייעם טראַקטאָר. מען האָט באַדאַרפט מעסטן און איבערמעסטן די ערד אַרום די פויערישע הייזער, און צוטיילן יעדן איינעם אַזאַ שטיק ערד, אַז ער זאָל קענען אויף דעם עפעס פאַרזייען פאַר זיך זעלבסט און אַזוי אַרום גרינגער מאַכן זיין לאַגע. עס איז געווען זייער אַ טרויעריקע לאַגע אין דעם דאָרף, אַבסאָלוט גאָרנישט אַזוי שיין און גוט ווי צייטונגען האָבן געשריבן. אָבער די פויערים האָבן זיך שוין מער נישט געבונטעוועט. זיי האָבן זיך צוגעפאַסט צו דעם נייעם לעבנשטייגער און האָבן געשלעפט אויף זיך דעם קאָלכאָזנעם יאָך. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די צייטונגען פון מאָסקווע פאָרצוזעצן זייער קאָמפאַניע פון רימען און לויבן קראַסנעי־באָר ווי אַ מוסטער־דאָרף מיט אַ מוסטער־קאָלכאָז, וואָס קען דינען אַלס אַ ביישפיל פאַר אַלע דערפער און אַלע קאָלכאָזן פון דעם גאַנצן סאָוועטישן לאַנד.

און דאָך האָט מען נאָך ביז איצט נישט צוגעשיקט קיין מענטשן וואָס זאָלן זיין פעיִק אָנצופירן מיט דער אַרבעט און טעטיקייט פון דאָרף און קאָלכאָז. אָבער אין איינעם אַ טאָג זענען גראָד יאָ אַראָפּגעקומען צוויי מענטשן אויף צו פאַרנעמען וויכטיקע אַמטן אין דעם דאָרף. דאָס איז געווען אַ יונג פאָרפאָלק, מאַן און ווייב; ער, פיאָטער סעמידאָוויטש, איז געשיקט געוואָרן צו פאַרנעמען דעם אַמט אַלס סעקרעטאַר פון דעם דאָרפישן פאַרטיי־קאָמיטעט און זי, וועראַ סעמידאָוויטש, איז געשיקט געוואָרן צו פאַרנעמען דעם אַמט אַלס טעכנישע סעקרעטאַרין פון פאַרטייאישן קאָמיטעט און פון דאָרפישן סאָוועט.

אַזוי אַרום איז קסעניאַ באַפרייט געוואָרן פון איר אַמט, דער פאַרטיי־קאָמיטעט האָט באַקומען אַ נייעם סעקרעטאַר. אָבער דער שטאָט־סאָוועט

האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין פּאַרזיצער, דער קאָלכאָז האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין דירעקטאָר און מיכל האָט געמוזט וואַרטן ביז די וויכ־טיקע אַמטן וועלן באַזעצט ווערן און ערשט דאַן, אפשר דאַן וועט מען אים דערלויבן צוריקפאָרן קיין מאָסקווע און פאָרזעצן זיין שטודירן אין דעם אוניווערסיטעט.

עס זענען אַוועק פינף חדשים. פאַר דער צייט איז מיכל אינגאַנצן פאַר־דאָרפּישט געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קליידן ווי אַ פּויער. ער האָט זיך וואָכנווייז נישט ראַזירט. ער האָט שוין נישט געחלומט מער, אַז מען וועט אים ווען עס איז דערלויבן זיך אומצוקערן קיין מאָסקווע און פאָרזעצן זיין בילדונג.

ער האָט קסעניאַן ליב באַקומען. שיין און ראָמאַנטיש איז זיין ליבע צו איר געווען. אין די פרייע אָוונטן האָט ער ליב געהאַט צו נעמען קסעניאַן פאַר דער האַנט און מיט איר גיין אויף אַ שפּאַציר. מען איז געגאַנגען גלאַט אַזוי, אָן אַ שום ריכטונג און אָן אַ פּלאַן, איבער די דאָרפישע גאַסן, און מען איז שטענדיק צוגעקומען צום בריקל פון טייך, וואָס צעטיילט דאָס דאָרף אויף צווייען, און מען איז געשטאַנען אַרומגענומען, פאַרליבט איינס אין דעם צווייטן און מען האָט געשוויגן. פון צייט צו צייט האָט מיכל אויף קסעניאַן געקוקט און זיך נישט געקענט אָנזעטיקן מיט איר שיינקייט. קסעניאַס אויס־זען, איר בליק, אירע האָר, איר שלאַנקער קערפּער האָט אים אין עמיצן דערמאָנט, אין עמיצן צו וועמען עס האָט געצויגן מיט אַ וואַרימער און אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט.

זיבן און צוואַנציק יאָר איז אַ יונג און קורץ לעבן, אָבער פאַר מיכלען איז דאָס ווי אַן אַלטע און לאַנגע אייביקייט געווען, ווייל פיל זאַכן פון רעכט און אומרעכט האָט ער שוין געזען, און פיל מענטשן, גוטע און שלעכטע, האָבן זיך שוין אויף זיינע צעקרימטע וועגן געטראָפן און פאַרשוווּנדן. און אָט האָט ער איינמאָל אויף קסעניאַס פנים אַ שמייכל באַמערקט און דער שמייכל איז אים געווען אַזוי באַקאַנט, אַזוי האַרציק ליב... זיין מאַמע האָט אויך געהאַט אַזאַ שמייכל, און... מאַריאַ!... די יונג־פאַרשניטענע, די האַר־ציקע מאַריאַ וועמען מען האָט אין קעלער פון דער אָדעסער „טשע־קאַ" צע־שאָסן, זי האָט אויך אַזאַ שמייכל געהאַט... אַ ציטער איז דורך זיין לייב פאַרבייגעלאָפן. אַ קאַלטער שווייס איז אים אויפן שטערן אַרויס. ער האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון קסעניאַן, זיך אָפּגעקערעוועט פון דעם טייך און אַ קוק געטאָן פאָרויס. דאָס איינזאַמע קרום־שטיינערנע שטיבל, נישט ווייט פון

טייך, איז געשטאַנען ווי אַ פּאַרזעעניש, אַ נאָכקרימעניש פון אַ גרויס־שטאָ־טישער תפיסה, און האָט צו אים געקוקט. ער איז באַלד צוריק צוגעקומען צו קסעניאַן און זי אַרומגענומען און זי שטאַרק אַ דריק געטאָן צו זיין האַרץ און געזאָגט:

— דערמאָן מיך, טייערע, מאָרגן, אַז איך זאָל באַפעלן מען זאָל דאָס־אָ שטיבל צעוואַרפן! מען דאַרף דאָס דאָ מער נישט...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ וואַרימען בליק. זי האָט זיך אַ הייב געטאָן אויף די שפּיץ־פינגער פון אירע פיס און זי איז צוגעפאַלן מיט אירע הייסע ליפּן צו זיין געזיכט. זי האָט אים אָנגעהויבן קושן און זאָגן:

— מיכאַיל, מיכאַיל, אָפּטמאָל שרעק איך זיך פאַר דיר. נישט שטענ־דיק פאַרשטיי איך דיך. ביסט נישט ווי אַלע אַנדערע...

— אָ, נייך, טייערע, איך בין פּונקט אַזאַ ווי יעדער איינער, איך בין נאָר נישט קיין מלחמה־מענטש און איך האָב אויך פיינט תפיסות... איך בין אויך נישט קיין געבוירענער קאָמיסאַר!...

— איך ווייס, דו ביסט אַ שרייבער, דו ביסט אַ סטודענט, דו ווילסט שרייבן און דו ווילסט שטודירן, און דאָ האָט מען דיך גאָר פאַרשיקט אין דעם דאַרף און דו ביסט דאָ געבליבן שטעקן... האָסט דאָס מיר שוין עטלע־כע מאָל געזאָגט, טייערער... נו, וואָס קענסטו דען טאָן? דאָס איז דאָך פאַר־טיי־דיסציפּלין!...

— אָך, קסעניאַ, ליבינקע, מיין נישט אַז איך באַדויער, וואָס איך בין געבליבן דאָ שטעקן... איך האָב דאָך דאָ געפונען דיך, מיין ליבינקע!...

מיכל האָט געפּלאַנט מיט קסעניאַן חתונה צו האָבן, אָבער דער פּלאַן איז צערונען געוואָרן... ער האָט מיט איר אָנגעהויבן צו לעבן ווי מאַן און ווייב, אָן שום אויסערלעכע און פייערלעכע צערעמאָניעס. דאָס אַלץ וואָס אים איז נישט געווען געפעלן האָט זיך גראָד צו אים געקלעפּט און געטשע־פּעט. עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ סיטואַציע, אַז זיין „הייראַט" איז געווען גראָד אין דער אָנגענומענער מאָדע פון דעם באַנייטן רוסלאַנד. דאָס איז געווען די „פרייע ליבע־הייראַט", פון וועלכע מאַן און ווייב מאַכן נישט קיין שום וועזן פון דעם פאַקט וואָס מען האָט אָנגעהויבן צוזאַמענלעבן, ווייל זייער „הייראַט" פאַרפליכטעט נישט און בינדט נישט. מען איז נישט אונטערגע־וואָרפן קיין שום געזעץ, קיין שום קאָנטראַקט און קיין שום מאָראַל. מען איז פריי געווען זיך צונויפצוקומען און מען איז פריי צו יעדער צייט זיך פונאַנדערצוגיין...

מיכל האָט קסעניאַן זייער ליב געהאַט. ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיין זייער צוגעבונדן צו אים און ער צו איר. די דאָרפישע באַדינגונגען און זיין פאַרנומענקייט האָבן דאָס נישט דערלויבט. צוערשט האָט ער געטרוימט, אַז ווען מען וועט אים דערלויבן זיך צוריק אומצוקערן קיין מאָסקווע וועט ער דאָרט זיך מיט קסעניאַן אָפיציעל רעגיסטרירן אין „זאגס". ער האָט זייער אָפט געטראַכט פון זיין חבר באָריס גאַרבער און זיין ווייב פּאָליאַ, ווי אויך וועגן דעם פּאָלקאָווניק איוואַנאָוו און זיין ווייב קאַטיאַ. אָפילו זיי, די גרויסע קאָמוניסטן, לעבן מיט זייערע ווייבער אָפיציעל, רעגיסטרירטע אין „זאגס" און נישט לויט דער ביליקער מאָדע פון דער „פרייער ליבע". שפּע־טער האָט ער שוין אויפגעהערט צו טרוימען פון עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן דעם ווילזיין פון דעם דאָרף און פון דעם קאָלכאָז. עס איז אים שוין מער אויפן געדאַנק אַפילו נישט געקומען, אַז ער דאַרף פאַר קסעניאַן אָפּי־ציעל חתונה האָבן.

און קסעניאַ, זי איז געווען צופרידן. זי האָט קיין שום טרוימען וועגן אָפיציעלער אָדער נישט־אָפיציעלער הייראַט נישט געהאַט. זי האָט געוווּסט, אַז מיכל איז איצט איר מאַן, און דאָס איז שוין פאַר איר געווען גענוג צו זיין גליקלעך.

פּראַסיאַ, קסעניאַס מוטער, האָט שוין מער מיט קיין קאָכן פאַר געסט, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אין דאָרף, זיך נישט פאַרנומען. זי איז איינמאָל אַהיימגעקומען אין אַ פאַרנאַכט מיט אַ מיטליאָריקן, שטאָטיש־געקליידטן מענטשן, אים געהייסן וואַרטן אין דעם גרויסן עס־צימער, און אַליין איז זי אַוועק אין קיך און זיך געשטעלט קאָכן אַן אויסערגעוויינלעך יום־טובדיק מאכל, אַזאַ וואָס מען עסט זעלטן אין אַ דאָרפישער משפּחה: אַ גאַנצע הון, געפּרעגלט אויף פּוטער, און מיט אַ צוגאָב, מיט געפּרעגלטע קאַרטאָפל, זויערע אוגערקעס, און אַ פלאַש זעקס און ניינציקער בראָנפן, די אמתע וואָדקאַ.

ווען מיכל מיט קסעניאַן האָבן זיך אויף דער נאַכט אומגעקערט אַהיים, האָבן זיי געטראָפן דעם שטאָטיש־געקליידטן און יום־טובדיק אויסגעפּוצטן מענטשן און זיי האָבן אין אים באַלד דערקענט דעם מעכאַניק, ניקאָלאַי וואַ־סיליעוויטש, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק אַהער געשיקט געוואָרן פון שטאָט, כדי ער זאָל אין דעם קאָלכאָז אויפפּאַסן אויף די טראַקטאָרן, אויף די לאַסט־אויטאָמאָבילן און אויף אַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע געצייגן, וועל־כע מען האָט אָנגעהויבן אַריינצושיקן אין דעם דאָרף. דער מעכאַניק, ני־

קאַלאַי וואַסיליעוויטש, איז געווען אַ מענטש אין די טיפע פערציקער, אַן ערנסטער און זייער אַ סימפּאַטישער. ער איז געווען אַן אלמן, אָן קינדער. נישט מיכל און נישט קסעניאַ האָבן נישט געוווּסט ווען און ווי אַזוי די מו־טער האָט זיך מיט דעם מעכאַניק באַקענט.

באַלד איז פּראַסיאַ אָריינגעקומען אויך אַ יום־טובדיק אויסגעפּוצטע, אָן אויפגעלייגטע, און זי האָט פאַרבעטן אַלעמען צום שיין געדעקטן טיש. עס האָט זיך געשפּירט, אין דער דאָרפישער שטוב, אַ פייערלעכע דערהויבנ־קייט. פּראַסיאַ האָט דערציילט, אַז זי און ניקאָלאַי זענען היינט געפאָרן אין שטאָט און דאָרט זיך רעגיסטרירט אין דעם „זאגס" פון דעם שטאָטישן סאָ־וועט אַלס מאַן און ווייב. מיכל און קסעניאַ האָבן זיי געווונטשן גליק, גע־טרונקען פאַר זייער כבוד־וועגן אַ טאָסט, און נאָכן עסן איז מען נאָך לאַנג געזעסן, מען האָט געזונגען לידער, און ערשט שפּעט אין דער נאַכט איז מען דאָס מאָל געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן.

קסעניאַ איז גיך אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער מיכל האָט אַזוי גיך אַנט־שלאָפן ווערן נישט געקענט. ער האָט געטראַכט וועגן קסעניאַס מוטער און דעם מעכאַניק. אַפילו זיי, פּראָסטע מענטשן, האָבן אָפיציעל חתונה געהאַט און עפּעס אַזוינס ווי אַ מין היילּיקע פייערונג, אַ סעודה געפּראַוועט... און ער, מיכל און קסעניאַ?... ווי די הינט איז מען זיך צונויפגעקומען, מען האָט זיך געלייגט צוזאַמען שלאָפן, און מען האָט אַליין באַשטימט, אַז מען איז שוין מאַן און ווייב.

.27

עס זענען אָנגעקומען שווערע ווינטערדיקע טעג, שטילע און שניידנ־דיקע פרעסט זענען געשטאַנען אין דעם דאָרף. דיביימער זענען מיט בליאַס־קנדיקן אייז פאַרקאַוועט געוואָרן. דער טייך איז מיט אייז און שניי באַדעקט געוואָרן. קינדער מיט שליטנס האָבן זיך איבערן טייך געגליטשט.

דאָס דאָרף האָט שוין געהאַט אַ נייעם פאָרזיצער פון דעם דאָרפישן סאָוועט און אַ דירעקטאָר פון קאָלכאָז. די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון דאָרף, אַלע באַלעבאַטים־קאָמיסאַרן האָבן זיך שוין באַפעסטיקט אין זייערע אַמטן, און מיכלס מיסיע אַלס באַפולמעכטיקטער קאָמיסאַר איז שוין געווען פאַר־ענדיקט און ער האָט שוין געדאַרפט פאָרן צוריק קיין מאָסקווע. אָבער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט מען נאָך אַלץ נישט באַוויליקט אַז ער זאָל דאָס דאָרף פאַרלאָזן און זיך צוריקקערן קיין מאָסקווע.

פאַר די לעצטע עטלעכע חדשים האָט זיך דער קאָלכאָז ווירקלעך אַרויפגעאַרבעט. ווי עס ווייזט אויס האָט מען אין קרעמל באַשטימט, אַז דאָס גרויסע און שיינע דאָרף קראַסנעי־באָר איז איינס פון די עטלעכע דערפער אין דעם גאַנצן לאַנד וואָס פאַסט זיך אַמבעסטן צו פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ מוסטער־קאָלכאָז.

מען האָט אָנגעהויבן צו שיקן אַהער פון אַלדאָס גוטס: פאַרשיידענע סאָוועטישע און אויסלענדישע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. מען האָט אָנגעהויבן צו בויען נייע הייזער. מען האָט אויסגעבויט אַ נייעם קלוב, אַ שולע און אַ האָטעל. מען האָט אויך אָנגעהויבן צו שיקן אַהער זייער פיל קליידער און עסנוואַרג. מען האָט אויסגעבויט אַ נייעם קאָאָפּעראַטיוון אַנשטאַלט, מיט אַ קראָם, און אַפילו אַ קינאָ־טעאַטער. די פויערים זענען געוואָרן אויפגעלעבט, באַגייסטערט און אַרבעטזאַם. מען האָט געוווסט אַז אין אַנדערע שטעט און דערפער האָבן מענטשן נאָך אַלץ געהונגערט און די אומצופרידנקייט מיט דער מאַכט איז נאָך אַלץ געוואַקסן. די היגע באַפעלקערונג, זענען געווען מענטשן ווי אַלע מענטשן, זיי האָבן אָנגעהויבן צו ווערן זאַט און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרגעסן אין די אַנדערע מענטשן, אין דער באַפעלקערונג פון אַנדערע שטעט און דערפער, וועלכע זענען הונגעריק.

איצט האָט שוין מיכל געהאַט זייער פיל פרייע צייט פאַר זיך. דער עול און די זאָרג פאַר דעם־אָ גרויסן דאָרף מיט דעם מוסטער־קאָלכאָז האָבן פון אים די נייע קאָמיסאַרן צוגענומען. ער האָט זיך שוין געקענט פאַרגינען צוריק צו טראַכטן, אַז ער האָט אַ באַרוף, ער איז אַ שרייבער... עס האָט זיך אָנגעהויבן צייטיקן אין זיין מוח און אין זיין נשמה אַ פאַבול פון אַ פאַרטראַכטן ראָמאַן וועגן אַ מענטשן פון אַ דאָרף... ער האָט שוין געהאַט די גאַנצע קאַנווע, דעם גאַנצן לייוונט פון דעם ראָמאַן, צעוויקלט אין זיין פאַנטאַזיע. עס האָבן זיך צעשפילט סצענעס וועלכע זענען געווען אַ פלאָנטערקנויל פון וואַרהייט און צוגעטראַכטקייט.

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט, ווען אין שטוב זענען אַלע געשלאָפן, האָט עס אים אַ צי געטאָן צום שרייבטיש. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן אָנצוואַרפן אַ פלאַן, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, פון דעם פאַרטראַכטן ראָמאַן. ער האָט געשריבן אַ גאַנצע נאַכט און פאַרטאָג־צו איז ער געגאַנגען שלאָפן.

ער האָט זיך פאַרשלאָפן. ווען קסעניאַ זאָל אים נישט געווען אויפוועקן

וואָלט ער דאַן אַרײנגעשלאָפֿן ביז שפּעט אין טאָג אַרײַן. ער איז אויפֿגע־שטאַנען, זיך געריבן די אויגן און געקוקט צופֿרידן אויף זײַן ווײַבל, וועלכע איז געזעסן לעבן אים אויפֿן בעט און אים געקושט.

— שפּעט, האַ? — האָט ער געפֿרעגט.

— שוין באַלד צוועלף אַזייגער. איך וואַרט און וואַרט, איך האָב שוין צען מאָל אָנגעוואָרעמט דעם פֿרישטיק און דו שלאָפֿסט נאָך אַלץ!... וואָס פֿאַר אַ יום־טוב איז הײַנט?...

ער האָט אַ געגעניץ געטאָן און איז אַראָפּ פֿון בעט. ער האָט זיך גענומען אָנטאָן.

— קיינער האָט מיך נישט גערופֿן?

— קיינער נישט, מיכאַ׳ל!

— נישט פֿון קאָלכאָז, נישט פֿון סאָוועט און נישט פֿון פּאַרטיי־קאָמיטעט?...

— ניין, מיכאַ׳ל, קיינער האָט דיך נישט גערופֿן!

— ווי עס ווײַזט אויס קען מען זיך שוין דאָ אָן מיר באַגיין, קיינער דאַרף מיך שוין דאָ מער נישט!...

— איך וווּנדער זיך וואָס מען האַלט דיך נאָך דאָ! — האָט קסעניאַ זיך אָפּגערופֿן, ווען זי האָט דערלאַנגט צום טיש דעם זייער פֿאַרשפּעטיקטן פֿרישטיק, — מיר אַלײן הייבט שוין אויך אָן צו לאַנגווײַליקן דאָ, אין דאָרף. ווען וועט מען דיך צוריק רופֿן קיין מאָסקווע?... איך וואָלט אַזוי געוואָלט מיט דיר אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען!

מיכל האָט זיך פֿאַרטראַכט.

— עס!... וואָס טראַכטסטו?... — האָט קסעניאַ געזאָגט, — וואָס איז דאָס הײַנט מיט דיר?...

ער האָט אָנגעהויבן עסן און פּלוצים האָט ער אָפּגערוקט דעם טעלער פֿון זיך און נערוועז אויסגעשריגן:

— דער רוח ווייסט, וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר, אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט!... איך זע שוין, אַז מען האָט מיך פֿאַרמאַרינירט אין דעם דאָרף, און איך וועל שוין פֿון דאַנען קיין מאָל נישט אַרויסקריכן!

קסעניאַ האָט אים געוואָלט טרייסטן און נישט געוווּסט ווי אַזוי, האָט זי אים אַרומגענומען און אים אָנגעהויבן קושן.

— טײַערער מיכאַ׳לטשיק! — אַזוי האָט זי אים שטענדיק גערופֿן אין אירע ליבע־לײַדנשאַפֿטן, נישט מיכאַ׳ל, נאָר מיכאַ׳לטשיק, — זאָרג נישט,

איך בעט דיך. ווערסט זען, עס וועט זיין גוט. איך בין אַ מזלדיקע!... לאָך נישט, איך גלייב, עס וועט אונדז זיין גוט!...

ער האָט זי צוריק שטאַרק און ליידנשאַפטלעך געקושט. אין דעם מאָמענט איז זי פֿאַר אים געווען דאָס שענסטע און דאָס וואַרעמסטע מיידל אין דער וועלט... און דאָ איז אים ווידער אויפֿן געדאַנק אויפֿגעשווומען זיין שיינינקע, בלאָנדלעכע, פֿרי־פֿאַרשטאָרבענע מוטער און מאַריאַ די פּאַרטיזאַנקע, וועלכע מען האָט אין דער אָדעסער „טשע־קאַ" געשאָסן.

אויפֿדערנאַכט, נאָך דער וועטשערע, ווען די גאַנצע משפּחה האָט צוזאַמען פֿאַרבראַכט ביים טיש, איז מיכל באַלד נאָכן עסן אַוועק צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש. ער האָט גענומען דעם פּלאַן פֿון זיין נייעם פֿאַרטראַכטן ראָמאַן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פֿאַרן קאָפּ און מיט די עלנבויגנס זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש. ער האָט אָנגעהויבן לייענען. ער האָט איין מאָל און אַ צווייט מאָל איבערגעלייענט דעם פּלאַן און ער איז געבליבן זיצן ווי אַ פֿאַרשטיינערטער און זיך פֿון אָרט נישט גערירט. פּלוצלינג איז ער אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די אַלע פֿאַרשריבענע פּאַפּירן און זיי צעריסן אויף שטיקלעך, זיי אַ וואָרף געטאָן אויפֿן פּאָל און זיי אָנגעהויבן צו טרעטן מיט די פֿיס.

קסעניאַ איז באַלד אַריינגעלאָפֿן אַ דערשראָקענע.

— וואָס איז, מיכאַיִל?!

ער האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט צום שרייבטיש, אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף זיינע הענט.

— וואָס איז געשען? — האָט קסעניאַ איבערגעפֿרעגט.

— גאָר נישט!... — האָט מיכל אויסגעשריגן און דעם קאָפּ פֿון זיינע הענט נישט אַרויסגעלאָזט.

זי האָט זיך צוגערירט מיט אַ האַנט צו זיין קאָפּ און אים צאַרט געגלעט די האָר.

— טייערער, וואָס איז געשען?... דו ווייסט דאָך, איך האָב דיך ליב. פֿילייכט קען איך דיר מיט עפּעס העלפֿן?...

ער האָט זיך באַרויִקט און אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. ער האָט אַ קוק געטאָן צו קסעניאַן.

— איך ווייס אַליין נישט וואָס מיט מיר איז געשען. איך האָב איבערגעלייענט דעם פּלאַן, די פֿאַבול פֿון אַ גרויסן ראָמאַן, וועלכן איך האָב פֿאַרטראַכט. און לייענענדיק די פֿאַרשריבענע זייטן, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז

אזא־אַ ראָמאַן, אַזוי ווי איך האָב אים פּאָרטראַכט, טאָר איך נישט שרייבן! עס וואָלט זיך באַקומען אַ מין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער פּאַמפלעט אויף דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. קיין שום פאַרלאַג וואָלט אַזאַ־אַ ראָמאַן סיי־ווי־סיי נישט געדרוקט, און מיך וואָלט מען פאַר אַזאַ־אַ שאַפונג ווי אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן הונט צעשאָסן!... נו, האָב איך פון כעס אויף זיך אַליין, וואָס איך האָב אַפילו נאָר געקענט וואָגן צו טראַכטן אַזאַ־אַ ראָמאַן אָנצושרייבן, די שוין פאַרשריבענע זייטלעך פּאַפּיר, דעם פּלאַן פון דעם ראָמאַן, צעריסן אויף פּיצלעך, און פון פאַרדראָס האָב איך צוזאַמענגעבראָכן!... — ער האָט זי אַרומגענומען, — קענסטו מיך פאַרשטיין, קסעניאַ?...

— אָ, מיכאַילטשיק! איך פאַרשטיי דיך גוט, מיין טייערער! טראַכט מער נישט וועגן דעם. באַרויִק זיך. דו ביסט אַ גוטער מענטש און אַ גוטער קאָמוניסט. דו האָסט נישט וואָס צו זאָרגן. נישט איצט, אַן אַנדערס מאָל, דו וועסט דיין גרויסן ראָמאַן אָנשרייבן! איך האָב אין דיר פיל גלויבן, זייער פיל גלויבן!...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— זיי אַזוי פיל גוט, קסעניאַ, נעם צונויף דאָס צעריסענע פּאַפּיר פון פּאָל און וואַרף עס אַריין אין אויוון און פאַרברען עס!

קסעניאַ האָט צונויפגעקליבן די צעריסענע שטיקער פּאַפּיר פון פּאָל און איז מיט זיי אַוועק אין קיך, דאָרט האָט זי זיי אַריינגעוואָרפן אין אויוון און זיי אונטערגעצונדן. ווען פון דעם פּאַפּיר איז געוואָרן בלויז אַביסל אַש, דאַן האָט זי די קיך פאַרלאָזט און זיך צוריק אומגעקערט צו מיכלען. ער איז איצט געווען אינגאַנצן אַ באַרויִקטער, גלייך ווי עס וואָלט מיט אים אָקאָרשט גאָרנישט פּאַסירט.

אויפן אַנדערן טאָג, נאָך גאַנץ פרי, ווען אַלע זענען נאָך געזעסן אין עס־צימער און געגעסן פרישטיק, איז אָנגעקומען דער קוריער פון דעם דאָרפישן סאָוועט, אַן איין־האַנטיקער קאָמסאָמאָליעץ מיט אַ גרויסער טשופּרינע האָר, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעקט פון אונטער זיין אָפּגעריבן סאָלדאַטיש היטל. ער האָט בראָווירט מיט דעם, וואָס ער האָט איין האַנט. אין דער מלחמה מיט די ווייסגוואַרדייער, פאַרלוירן, און ער האָט זיך געהאַלטן דערפאַר ווי ער איז אויך אַ באַלעבאָס, אַ מין קאָמיסאַר אין דעם דאָרף, כאָטש ער איז נאָר אַ קוריער געווען און זיין אַמט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געפּאָלגט אַ גאַנג, ווי אַ שיק־יִינגל ביי די אמתע קאָמיסאַרן.

דער קוריער האָט אין זיין אייניציקער האַנט אַ טעלעגראַמע געהאַלטן. ער איז געווען אויפגערעגט, צעהיצט און איבערראַשט. ער האָט קוים אַרויסגעפּויקט:

— טאָוואַרישטש קרוגער, אַ טעלעגראַמע צו דיר, פון קרעמל אַ טעלעגראַמע, יאָ־יאָ, אַזש פון סאַמע קרעמל!...

מיכל האָט אַ כאַפּ געטאָן די טעלעגראַמע און איז אַוועק צו זיך אין צימער. אַלע זענען געבליבן זיצן פאַרגאַפטע און דאָך מיט צעשראָקענע בליקן. דער ערשטער האָט זיך געכאַפּט קסעניאַס שטיף־פאָטער ניקאָליי וואַסיליעוויטש. ער האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— אויב אַ טעלעגראַמע, אַזש פון דעם סאַמע קרעמל, איז דאָך דאָס געוויס אַ סעקרעטנע זאַך!... איך גיי צו דער אַרבעט, עס ווערט שפּעט! — ער האָט אַ ווונק געטאָן צום ווייב, — און דו, פּראָסיאַ, פרעג ביי מיכאַילן גאָרנישט!... און דו אויך, קסעניאַ, — ער האָט זי פּאָטערלעך אַ פּאַטש געטאָן איבערן הינטן, — כאָטש מיכאַיל איז דיין מאַן, דאָך פאַרשטיי, אַז ער איז אַ גאָר וואַזשנער קאָמיסאַר, אויב פון קרעמל שיקט מען צו אים פּערזענלעך טעלעגראַמעס. דו דאַרפסט אויך ביי אים גאָרנישט פרעגן. אויב עס איז נישט קיין סעקרעט, וועט ער דיר שוין אַליין זאָגן צוליב וואָס מען האָט אים די טעלעגראַמע געשיקט! — דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דעם קוריער און צו אים שטרענג אַ זאָג געטאָן, — און דו, וואָס שטייסטו און וואַרטסט נאָך?... דו האָסט אָפּגעגעבן די טעלעגראַמע און דיין אַרבעט איז פאַרענדיקט. גיי דיר געזונטערהייט!

צו מיטאָג־צייט האָט שוין אָבער דאָס גאַנצע דאָרף געוווּסט, אַז דער קרעמל האָט צו זיך אַרויסגערופן מיכלען און קסעניאַן, כדי זיי צו באַלוינען מיט אָרדנס און מעדאַלן פאַר זייער אָרגאַניזירן איינעם פון די בעסטע קאָלכאָזן אין דעם לאַנד.

.28

אַ יאָר צייט איז מיכל נישט געווען אין מאָסקווע און איצט ווען ער איז מיט קסעניאַן אַרויסגעשטיגן פון צוג און דערזען די שטאָט, איז ער גלייכגילטיק צו איר געווען. די בענקשאַפט פון די לעצטע חדשים נאָך צוריק צו קומען קיין מאָסקווע איז געווען נישט מער ווי אַ מין אילוזיע. דער רויש פון דער הויפּטשטאָט, די אַלע איילנדיקע מענטשן, די יאָגנדיקע אויטאָמאָבילן, די ענגע, צונויפגעפּרעסטע גרויסע מויערן, און די באַרימערי־

שע לאָזונגען וועגן דער סאָציאַליסטישער בויונג, מיט די פּאָזירטע פאָרטרעטן פון סטאַלינען, — דאָס אַלץ האָט אויף אים אַן אומעט אָנגעוואָרפן. אָבער זי, קסעניאַ, פאַר איר איז אַלץ נײַ, לעבהאַפטיק און נײַגעריק געווען. מאָסקווע מיט די שײנע ברײטע גאַסן און מיט די גרויסאַרטיקע נײַגעבויטע מויערן, ווי אויך מאָסקווע מיט די קלײנע זײַטיקע געסלעך, מיט די אַלטמאָדישע סלאַוויש־אָריענטאַלישע מויערן, פעסטונגען, קלויסטערס און פּאַלאַצן, — די־אָ מאָסקווע איז פאַר דעם דאָרפיש־געוואַקסענעם מײדל נאָך שענער און מיסטעריעזער געווען ווי זי האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן.

מיכל האָט דעם קלײנעם באַגאַזש, דאָס ביסל „האָב און גוטס" וואָס ער און קסעניאַ האָבן פאַרמאָגט, איבערגעשיקט צום האָטעל אין וועלכן עס איז פאַר זײ רעזערווירט געווען אַ צימער. ער האָט באַשטימט גײן צופוס, פון וואָקזאַל ביז צו דעם האָטעל, און אַזוי אַרום באַווײַזן פאַר קסעניאַן דעם פּראַכט און די גלאָריע פון מאָסקווע, די הײליקע, די רויטע, די קרעמל־ און די וועלט־שטאָט. אָ, זאָל זי זיך פרײען, זײַן יונגע באַגלײטערין, וועלכע טרעט ערשט איצט אַרײַן מיט אים צוזאַמען אין דעם אמתן, אין דעם נײַעם לעבן.

און זי האָט זיך געפרײט. זי איז געווען פאַרכאַפּט און איבעראַשט.
ער איז געבליבן גלײַכגילטיק, כמעט אַנטוישט.

דער האָטעל איז געווען אַן אַלטער, אָבער אַ גרויסאַרטיקער, נאָך פון די אַמאָליקע צאַרישע יאָרן, אַ האָטעל פאַר דער בורזשואַזער אַריסטאָקראַטיע. די סאָוועטן־מאַכט האָט דעם האָטעל פאַרוואַנדלט אין אַ גאַסט־הויז פאַר איר נײַער „פּראָלעטאַרישער" אַריסטאָקראַטיע. עס זענען אין דעם האָטעל אײַנגעשטאַנען רעגירונגס־ און פּאַרטײ־קאָמיסאַרן, ציווילע און מיליטערישע, וועלכע זענען קיין מאָסקווע אַראָפּגעקומען נישט אַלײן מיט זײער אײגענעם ווילן, נאָר אַלס געשיקטע אָדער גערופענע. צום מערסטנס זענען דאָס געווען מענטשן מיט אינטעליגענטע אויסזענס, מיט גראַציעזע מאַנערן און מיט וואַזשנער, יחוסדיקער האַלטונג. די־אָ אַלע מענטשן, קאָמיסאַרן, מענער און פרויען, זענען אין דעם־אָ האָטעל אײַנגעשטאַנען נאָר צײַטווײַליק, ווער אויף אַ לענגערן און ווער אויף אַ קורצערן טערמין.

דער צימער אין וועלכן מיכל מיט קסעניאַן האָבן זיך באַזעצט איז געווען אַ גרויסער און אַ ליכטיקער. דאָס מעבל איז דעם צימער איז געווען אַלטמאָדיש, פון אַ רויט־לאַקירטן שווערן האָלץ מיט קינסטלערישע גע־

שניצטע פיגורן. דאָס פענצטער פון צימער האָט אַרויסגעקוקט צו די גע־גילדעטע קופּאָלן פון די קלויסטערס, וועלכע האָבן זיך פון די קרעמל־ווענט אַרויסגעריסן.

קסעניאַ האָט אירע אויגן פון דעם פענצטער נישט געקענט אָפּרייסן. אונטן האָט זיך דער רויטער פּלאַץ צעשפּרייט און פּונקט אַקעגן איז דער לענין־מאַוזאָליי אין אַ טרויער־גלאַנץ פון שווארצן גראַניט געשטאַנען און האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטיק געביי מיט דער גרויער אָריענטאַ־ליש־צאַצקעדיקער געביי פון דעם הייליקן וואַסיליס קלויסטער, כאָטש צווישן די צוויי איז אַ גאָר גרויסע שטרעקע געווען. געוויס האָט קסעניאַ, ווי אַ קינד פון רוסיש־אוקראַיִנישע טאַטע־מאַמע, איינגעזאַפּט אין איר בלוט אַ כלאָוויש־אָריענטאַלישן עגאָ... און געוויס האָבן זיך בלעטלעך פון רוסישער געשיכטע, וואָס זי האָט אין דער שול געלערנט, זיך אויפגעמישט אין איר נשמה... זי איז ווי אַ פאַרכישופטע געשטאַנען שעהענווייז ביי דעם פענצ־טער און אַרויסגעקוקט...

דער טערמין פון קומען צו דעם פּרעזידענט, דעם סטאַראָסטע פון דעם פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע רעפּובליקן, טאָוואַרישטש קאַלינין, כדי צו באַקומען די באַלוינונגען איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ גאַנצער וואָך צייט, צוליב געהיימע אומשטענדן. מיכל האָט אויסגענוצט די צייט כדי אַרומצו־פירן קסעניאַן איבער די באַרימטע מאָסקווער קינסטלערישע טעאַטערס און איבער די ביבליאָטעקן, גאַלעריעס און מוזייען. צו דער צייט זענען שוין אין מאָסקווע געעפנט געוואָרן חוץ די רעגירונגס־קראָמען, ווו מען האָט פאַרקויפט אַלץ אויף אַ געוויסן קופּאָן פאַר ביליקע פּרייזן, — אָבער דער אַרטיקל וואָס איז אויף דעם קופּאָן אָנגעוויזן געוואָרן, האָט אין דער קראָם כמעט שטענדיק אויסגעפעלט, — אויך קאָמערציעלע קראָמען, ווו מען האָט געקענט קריגן אַלץ וואָס אַ מענטש געברויכט, נאָר די פּרייזן פון די אַר־טיקלען זענען געווען אַזוי הויך, אַז קיין שום אַרבעטער האָט אַזאַ קראָם נישט באַזוכט. די פּריווילעגיע צו געניסן פון דעם אַלדאָס גוטס, וואָס די קאָמערציעלע קראָמען האָבן פאַרמאָגט, איז דערין פאַרבליבן נאָר פאַר די הויך־באַצאָלטע סאָוועטישע, פּאַרטייִישע און מיליטערישע לייט. ווענען דאָס פּראָסטע פאָלק האָט גערופן מיט אַ פאַראַלגעמיינערטן נאָמען: די קאָ־מיסאַרן!... מיכל האָט אָוועקגעפירט קסעניאַן אין אַזאַ קאָמערציעלער קראָם, און זי האָט זיך דאָרט אויסגעפּוצט אין שיינע, גרויסשטאָטישע קליידער, אַזוי ווי אַלע פרויען פון דער העכערער סאָוועטישער געזעלשאַפט.

דאָס פּעקל דאָרפס־מיידל האָט פאַר איין וואָך צייט אויפגעכאַפּט די מאַנערן און די פירעכצן פון די עלעגאַנטע גרויסשטאָטישע פרויען. נאָך מער, זי האָט פאַרריסן די נאָז און זיך אָנגעהויבן צו האַלטן וואַזשנע, מיוחס־דיק אַזוי ווי אַלע קאָמיסאַרסקע ווייבער... די גוטהאַרציקע, אידעאַליסטישע דאָרפישע קאָמסאָמאָלקע האָט גאָר שנעל, איינס און צוויי, דעם קאָמוניס־טישן אַלף־בית פאַרגעסן. זי איז מיט אַמאָל געוואָרן אַן אינדיווידואַליסט־קע. זי האָט געוואָלט אַלץ אַריינכאַפּן פאַר זיך, און נאָר פאַר זיך...

ווען מיכל האָט די־אָ ענדערונג אין איר דערזען, איז ער אינגאַנצן צעמישט געוואָרן. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן און אָנגענעם זיך אַרומצו־פירן מיט אַזאַ־אָ שיינער און יונגער עלעגאַנטער פרוי, וועלכע איז דאָך נאָר זיבעצן יאָר אַלט געווען. עס האָט אָבער שוין איצט אויסגעפעלט די דאָר־פישע נאַאיוויטעט אין איר, און דער נאַטירלעכער חן אירער, וואָס פלעגט אים אַזוי זיס און ליידנשאַפטלעך פאַרכישופן... דאָך איז אין איר נישט גע־ווען קיין קאַלטע, גרויסשטאָטישע שיינקייט. עפּעס פון דער דאָרפישער וואַרעמקייט האָט זיך אין איר איינגעהאַלטן. ער איז געווען די גאַנצע צייט מיט איר צוזאַמען. ער האָט זי געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. ער האָט זי ליב געהאַט אומבאַגרענעצט.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט ער אָפּגערופן באַריסן. ער האָט שוין גע־האַט באַקומען די מעלדונג, אַז ער און קסעניאַ זאָלן מאָרגן, צוויי אַזייגער בייטאָג, זיין ביי קאַלינינען אין אויפנעם־זאַל כדי דאָרט דעקאָרירט צו ווערן מיט אָרדנס און מעדאַלן. ער איז אַביסל געווען צעשראָקן און צע־טומלט. פון דעסטוועגן איז דאָך דאָס טאַקע אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך צו באַקומען אויסצייכענונגען פון אַ רעגירונג. עס איז אַ גרויסער כבוד. ער ווייס אַפילו נישט ריכטיק פאַרוואָס עס קומט אים דער־אָ כבוד. ער, דער־אָ יונגער מענטש, וואָס האָט שוין פיל דורכגעמאַכט אין זיין לעבן, האָט פיל זעונגען געזען, און דאַכט זיך גאָרנישט אויף דער וועלט קען אים שוין אי־בעררעשן, אַפילו ער, האָט אָנגעהויבן צו פילן אויף זיך די פייערלעכע אַט־מאָספער אַרום זיך. דערפאַר, קען זיין, האָט ער גראָד איצט באַשטימט זיך זען מיט זיין חבר פון זיין קינדהייט, מיט באָריס גאַרבער, וועלכער אַרבעט אין קרעמל, אונטער איין דאַך מיט סטאַלינען, און וואָס פאַר אים זענען די פייערלעכקייטן פון בייצוזיין אין דעם פּרעזידענטס פּאַלאַץ, בעת מען דע־קאָרירט פאַרשידענערליי קאָמיסאַרן מיט אָרדנס און מעדאַלן שוין געוואָרן אַ וואָכעדיקע דערשיינונג.

ביי באַריסן איז אַלץ געווען אין דער זעלבער אָרדענונג ווי מיט אַ יאָר צוריק, ווען מיכל האָט מאָסקווע פאַרלאָזט. אין זיין שטוב איז געווען די זעלבע אָנגעצויגענע אַטמאָספער פון אַ ביז גאָר הויכן באַאַמטן, אַ פּאַרטיי־מאַן, אַ קאָמיסאַר... מען האָט ווייניק גערעדט און אַ סך געגעסן. באַריס איז ווי פריִער געזעסן פאַרטיפט מיט זיין קאָפּ אין דער צייטונג אַריינגעשטעקט. ער האָט ווי פריִער מיט פּאַליאַן גאָר ווייניק גערעדט. דאָס נייע וואָס עס האָט זיך מיכלען געוואָרפן אין די אויגן איז געווען דאָס וואָס דער ביכער־שראַנק איז געוואָרן פולער מיט נייע אויסגאַבעס פון ענציקלאָפּעדיעס און מיט רוסיש־דייטשישע און רוסיש־ענגלישע ווערטער־ביכער. עס האָבן אָבער געפעלט אין דער־אָ היימישער ביבליאָטעק פיל ביכער אויפן געביט פון געשיכטע, ליטעראַטור און פּאַרטיי־פּאָליטיק, ביכער וועלכע מיכל האָט דאָ פריִער געזען. יענע ביכער זענען פון דעם „גלאַוו־ליט”, דער הויפּט־צענזור, געפּסלט געוואָרן אַלס קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. באַריס האָט זיי פאַרברענט און זיי פאַרביטן מיט אַנדערע, אויסגעבעסערטע און געענדערטע אויסגאַבעס.

וועגן די נייע ביכער וואָס זענען דאָ געשטאַנען, אָנשטאָט די אַלטע, האָט מיכל זיך נישט וויסנדיק געמאַכט. אָבער וועגן די רוסיש־דייטשישע און רוסיש־ענגלישע ווערטער־ביכער האָט ער זיך אָנגעפרעגט:

— באַריס, דו אינטערעסירטסט זיך מיט אויסלענדישע שפּראַכן?...

באַריס האָט דעם קאָפּ פון דער צייטונג אַביסל אויפגעהויבן און נאָר זיינע אויגן באַוויזן. ער האָט גיך אָפּגעענטפערט:

— יאָ, מיר אינטערעסירט דייטש און ענגליש. עס וועט צונוץ קומען!...

ער האָט צוריק דעם קאָפּ אין דער צייטונג נישט אַריינגעטאָן. ער האָט אויף אַ ווייל׳ע פאַרהאַלטן זיינע אויגן אויף קסעניאַן, זי גוט באַטראַכט און פּלוצים די צייטונג אַוועקגעלייגט אין אַ זייט און געפרעגט ביי איר:

— מאָסקווע איז אַ שיינע שטאָט, האַ? ווי געפעלט דיר, טאָוואַרישטש קסעניאַ, אונדזער הויפּטשטאָט?...

קסעניאַ האָט ליבלעך אַ שמייכל געטאָן צו אים.

— אָ, טאָוואַרישטש גאַרבער, ס׳אַ גרויסאַרטיקע שטאָט! איך פיל זיך דאָ אַזוי גוט, גלייך ווי איך וואָלט דאָ שוין הונדערט יאָר געלעבט.

באַריס האָט זיך צעלאַכט. עס איז נישט געווען אין זיין נאַטור, זינט ער אַרבעט דירעקט אונטער סטאַלינס פּערזענלעכע געהיים־אינטימע אָנ־ווייזונגען, פאַראָרדענונגען און פירערשאַפט, אַז ער זאָל אַמאָל אויסזעצן אַ

געלעכטער. ער האָט שטענדיק געמוזט זיין ערנסט און אויף דער וואַך. און איצט האָט ער זיך ווי אַליין דערשראָקן פאַר זיין געלעכטער. ער איז באַלד אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער זיין ווייב, פּאָליאַ, מיכל און קסעניאַ האָבן פאַר־געזעצט לאַכן.

פּאָליאַ האָט זיך יאָ אַביסל געענדערט. זי איז געוואָרן שענער אָבער אויך וואָגיקער און פעטער. זי האָט קיין שום אַרבעט נישט געטאָן. די דינסט, אַ מיטל־יאָריקע דאָרפס־פרוי, אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד מיט אַ ווייסן פינקלדיקן פאַרטוך איבערן קלייד, האָט אַלעמען באַדינט און די גאַנצע שטוב־אַרבעט געטאָן. פּאָליאַ האָט אויך קיין שום רעגירונגס־שטע־לע איצט נישט געהאַט. איר איינציקע טעטיקייט איז געווען, אַלס קאָמו־ניסטקע, צו באַזוכן די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און צו גיין מיטן מאַן אויף אַן אָפיציעלער אויפנאַמע אָדער באַל, אין קרעמל, נאָר דאַן ווען עס איז געווען אַ באַפעל, אַז די קאָמיסאַרן זאָלן זייערע ווייבער מיט זיך מיטברענגען. אָבער אַזעלכע אויפנאַמעס און באַלן ווו די קרעמל־קאָמיסאַרן האָבן גע־מוזט זייערע ווייבער (און דערוואַקסענע טעכטער) מיטנעמען מיט זיך זע־נען געווען גאָר ווייניק, ווייל מערסטנס זענען אין דעם קרעמל אַפילו די פאַרוויילונגען געווען שטרענג פּאָליטיש און פון אַ געשעפטלעכן כאַראַק־טער, עס זענען געווען פאַרוויילונגען פון בלויז מענער, פּאָליטיקער, קאָמי־סאַרן פון די העכסטע ראַנגען...

פּאָליאַ האָט אַנגענומען קסעניאַן פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— קום, קסעניאַ, איך וועל דיר ווייזן אונדזער וווינונג!

פּאָליאַ מיט קסעניאַן זענען אַרויס פון דעם צימער און מיכל מיט באַ־ריסן זענען געבליבן אַליין.

— אַ שיין ווייבל האָסטו זיך געפונען! — האָט באָריס געזאָגט. אין דעם מאָמענט איז ער צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם גוטהאַרציקן חבר, אין דעם „באָריס דער שטאַרקער", אַזוי ווי אַמאָל, אין אָדעס אויף דער מאָלדאַוואַנקע, ווען זייביידע זענען נאָך גאָר יונגע געווען, ווען הונ־גער און נויט האָט זיי געטריבן צו מאַכן „נאַליאָטן" אויף בעקערייען און „ראַבעווען" ברויט כדי צו שטילן דעם הונגער. אָבער באַלד איז ער צוריק געוואָרן דער וואָס ער איז איצט: אַ קאָמיסאַר, און נאָך אַ וואָסערער, אַזאַ וואָס אַרבעט אין קרעמל! דאָך איז עפּעס אַ מין אַנדערשקייט אין אים גע־ווען. מיכל האָט אין אים באַמערקט סימנים פון אַ נערוועזער קרענקלעכ־קייט. דאָס בייסן די ליפּן, דער ציטער פון דער האַנט, דער גלאַנץ פון דעם

פאַרשטיינערטן בליק, דאָס אַלץ, האָט דעם סוד אַנטפּלעקט. עס איז פּילייכט געווען דער רעזולטאַט פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט, פון אַ סך טראַכטן, פון פיל פאַרזיכטיקייטן און פון ווייניק שלאָפן.

— זי געפעלט דיר? — האָט מיכל געפרעגט.

— יאָ, אַ שיין ווייבל! — האָט באַריס ווידער געזאָגט, — גוט אַזוי!... לעבסט מיט איר פריי, צי איר האָט חתונה געהאַט, זיך רעגיסטירט אין „זאַגס"?... כאָטש עס איז אַלצאיינס, קיין שום אונטערשייד! די הויפט זאַך איז: האָב מיט איר קינדער, אַ סך קינדער, זאָל זי קיין צייט נישט האָבן צו... וויל... נו, גאָרנישט!... מען דאַרף וועגן דעם נישט רעדן, פאַרשטייסט שוין אַליין וואָס איך מיין!... וואָס רעכנסטו איצט צו טאָן? דו ווילסט בלייבן אין מאָסקווע צי דו ווילסט צוריקפאָרן אין דאָרף?

— איך ווייס נישט, באַריס! מען האָט אונדז אַהער נאָר אַרויסגערופן צו באַקומען די באַלוינונגען, און ווייטער ווייס איך גאָרנישט. עס איז געווענדט אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט. זיי, די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן און די קאָמיסאַרן פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט, וועלן שוין באַשטימען מיין גורל. ביי מיר פרעגט מען דאָך נישט, מיט מיר רעכנט מען זיך נישט. ווער בין איך דען? אַ פּראָסטער פּאַרטיי־מיטגליד וואָס טאָר קיין פּערזענלעכע מיינונג נישט האָבן.

— אָ־אָ, עס הייבט זיך שוין אָן. פּראַווע נישט קיין שטיק, מיכאַיל! דו ווייסט דאָך, אַז עס איז נישט אַזוי געפערלעך ווי דו מאַכסט דאָס. זאָג מיר, וואָס איז דיין ווונטש?... איך וועל זען, פּילייכט קען איך פאַר דיר עפּעס טאָן!

— מיין ווונטש?... לעצטנס איז מיר נימאס געוואָרן דאָס דאָרף. איך האָב געבענקט נאָך מאָסקווע. איך האָב שוין געטראַכט שיקן צו דיר קסע־ביאַן, אַז זי זאָל דיך בעטן מיך אַרויסראַטעווען פון דאָרף און מיך צוריק־ברענגען קיין מאָסקווע. אָבער איצט, דעם אמת געזאָגט, איך בין אינגאַנצן צעטומלט. די באַלוינונג מאַרגן!... עס איז עפּעס מאָדנע, מאַן און ווייב, כאָטש מיר זענען נישט אָפיציעל, דאָך סיי איך און סיי זי, ביידע וועלן מיר באַלוינט ווערן... נו, און דערנאָך? עס פּאַסט אפשר נישט נאָך אַזאַ־אַ כבוד וואָס מען וועט אונדז אָפּגעבן פאַר אונדזער טעטיקייט אין דאָרף, זיך בעטן אַז מען וויל גאָר אַוועק פון דאָרף און בלייבן אין מאָסקווע!...

באַריס האָט קוים אַ שמייכל געטאָן. ער איז געוואָרן גוט אויפגעלייגט און ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיכלען אין פּלייצע.

— נישט געזאָרגט, מיכאַיל!... איך זע דאָך, אַז דו ווילסט בלייבן אין מאָסקווע. נו, און איך וויל דיך דאָ האָבן לעבן זיך. — ער האָט אַ טראַכט געטאָן, — דו ווייסט דאָך, אַז דו ביסט דער איינציקער מענטש, אין דער־אָ פאַרשאָלטענער וועלט, מיט וועמען איך קען פריי אַ וואָרט אויסרעדן און נישט מורא האָבן, אַז גאַנץ מאָסקווע וועט שוין וויסן וועגן וואָס איך האָב גערעדט... יאָ, אַזוי איז דאָס איצט. יעדער איינער דאַרף זיך היטן, און מער פון אַלעמען היט זיך סטאַלין. אָ, מען דאַרף זיך לערנען פון אים ווי אַזוי צו שווייגן, נישט רעדן, נאָר טאָן!... ער איז אַ גרויסער מענטש!... נו, גוט. דו, מיכאַיל, וואַרט איבער אַ פּאָר טעג. באַקום די באַלוינונג און איך וועל שוין זען עפּעס טאָן פאַר דיר. דו וועסט בלייבן אין מאָסקווע, נישט געזאָרגט!

עס האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען. פּאָליאַ און קסעניאַ זענען צו־ריקגעקומען. פּאָליאַ האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, געפרעגט: „ווער איז?" און באַלד אַן אויפגעלעבטע אויסגעשריגן: „אָך, יעקאַטערינאַ פּעט־ראָוונאַ, קאַטיאַ, טייערע, מיר וואַרטן אויף דיר!... פאַרוואָס אַזוי שפּעט?... וואָס?... יאָ־יאָ, מיכאַיל איז שוין דאָ ביי אונדז פון אַ שעה צייט, יאָ זיין ווייב אויך!... אָ, קאַטיאַ, דו וועסט זי ליב האָבן! ס'אַ טייער מיידל!... וואָס? דו וועסט זיך נאָך פאַרשפּעטיקן אויף אַ האַלבער שעה?... אַ, דער פּאָלקאָוו־ניק וויל מיט באָריסן רעדן, באַלד, איין מינוט!"...

באָריס האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון צימער. ער איז אַריין צו זיך, אין זיין פּריוואַטן צימער און איז דאָרטן צום טעלעפאָן צוגעגאַנגען און אויפגעהויבן דאָס טרייבל.

עס איז געווען איינגעפירט ביי באָריסן, אַז נאָר פּאָליאַ זאָל ענטפערן ווען דער טעלעפאָן קלינגט. ער פלעגט צוקומען צום טעלעפאָן נאָר דאַן ווען פּאָליאַ האָט אים געזאָגט ווער עס רופט. אַלץ איז אין אָט דער־אָ שטוב געווען באַוואָרנט און אויסגערעכנט, אַלץ אַ געהיימניש און אַ פאָרזיכטי־קייט. מיכלען איז דאָס נישט געפעלן געווען. קסעניאַן האָט עס אַמוזירט.

באַלד איז באָריס צוריק אַריינגעקומען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. דערנאָך האָט ער זיך צוריק געזעצט אויף זיין אָרט און געזאָגט:

— איוואַנאָוו פּאָרט אָפּ קיין טערקיי. קאַטיאַ וועט אַליין אַהער קומען! מיכאַיל, גיי הייב אויף דאָס טרייבל. דער פּאָלקאָווניק וויל מיט דיר רעדן!

מיכל איז צו צום טעלעפאָן. עס האָט זיך דערהערט איוואַנאָווס קול: „זדראַוווסטוווי, מיכאַיל!... צופרידן וואָס דו ביסט צוריק אין מאָסקווע. אַ שאָד, וואָס איך קען נישט קומען און זיך זען מיט דיר. געהערט, האָסט

געבראַכט מיט זיך אַ שיין ווייבל!... גוט־גוט!... איך גראַטולירן!... אַ שאָד וואָס איך מוז דרינגנד אָפּפאָרן, יאָ, ווידער קיין טערקיי!... ווי זאָגט מען דאָס ווערטל: „סלוזשבאַ ניע דרוזשבאַ". זיי געזונטו!"...

דערנאָך האָט קאַטיאַ גערעדט צו מיכלען:

„גאָלובטשיק מיכאַיל, איך פאַרשפּעטיק זיך. אָבער איך קום באַלד. איך בין נייגעריק דיך צו זען, אויך דיין פרוי בין איך נייגעריק צו זען. זאָג איר דאָס!"

פאַר דער צייט וואָס מיכל האָט גערעדט אויפן טעלעפאָן האָט זיך באָריס פון זיין אָרט אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו קסעניאַן און לעבן איר, אויפן דיוואַן, זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינער.

— געפעלט דיר מאָסקווע, זאָגסטו, אַ?...

— זייער, טאָוואַרישטש גאַרבער!

— רוף מיך באָריס! דו ביסט נישט קיין פרעמדע דאָ, דו ביסט מיכאַילס ווייב, און ער איז מיין... נו, ווי זאָל איך דיר זאָגן, ער איז מיין ברודער!...

— איך ווייס דאָס, באָריס! — האָט קסעניאַ דרייסטער געזאָגט, — קענסטו עפּעס טאָן, אַז מען זאָל מיכלען פון דאָרף צוריקרופן? איך וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך איינאָרדענען אין מאָסקווע!...

— איך וועל פּרווון!... אָבער זאָג מיר, קסעניאַ, וואָס וויל מיכל טאָן אין מאָסקווע, וואָס איז זיין פאַרלאַנג, ער האָט מיט דיר וועגן דעם גערעדט?

— יאָ, באָריס! ער וואָלט געוואָלט פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט.

— און דו, קסעניאַ, וואָס איז דיין פאַרלאַנג?

— איך וואָלט אויך געוואָלט זיך לערנען. מיר געפעלט צו זיין אַ דאָקטאָר!...

באָריס האָט זיך צעלאַכט. ער האָט שוין לאַנג נישט געפילט זיך אַזוי גוט און פריי ווי אין דעם אויפדערנאַכט. מיכל איז צוגעקומען און האָט זיך אויך געזעצט אויפן דיוואַן, לעבן קסעניאַן און באָריסן. פאָליאַ איז אַרויסגעגאַנגען אין קיך, העלפן דער דינסט צוגרייטן צום טיש. זי האָט אויך אַ קוק געטאָן אין דעם קינדער־צימער זען צי דאָס קינד שלאָפט. דערנאָך איז זי צוריק אַריינגעקומען און האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט אויפן דיוואַן. באָריס האָט פאַרגעזעצט לאַכן און געזאָגט:

— געהערט אַזעלכעס?... יעדער איינער וויל זיך לערנען! געוואָרן אַ מאָדע, אַז נאָר מען שטודירט אין אוניווערסיטעטן און אין די הויכשולן. און

ווער זאָל אַרבעטן? אָט האָב איך נישט פאַרענדיקט קיין שום אוניווערסי־טעטן, און דאָך... איך לעב, איך פאַרנעם אַ הויכן פּאָסטן אין קרעמל!... סטאַ־לין האָט אויך קיין שום אוניווערסיטעטן נישט פאַרענדיקט!... נו, און דאָך וויסט ער מער פון די אַלע וואָס האָבן הונדערטער אוניווערסיטעטן און הויכשולן אַדורכגעמאַכט!...

פּאַליאַ האָט דעם מאַן אַרומגענומען.

— באָריס, האָסט געטרונקען? דו רעדסט דאָך שוין היינט פאַר אַלע טעג!...

עס איז געוואָרן שטיל.

באָריס האָט קיינמאָל ביי קיין שום פאַל און אין קיין שום אָרט נישט געטרונקען. ער האָט ווי אַ חיה אינסטינקטיוו זיך געהיט, אַז עס זאָל אים גאָרנישט אין לעבן שאַטן און שטערן. ער האָט ליב געהאַט דעם טרונק און ער האָט געקענט זיך באַהערשן נישט צו טרינקען אַפילו ווען יעדער איי־נער אין דער געזעלשאַפט, ווו ער האָט זיך געפונען, האָט יאָ געטרונקען. ער האָט זיך זעלבסט אַזוי דיסציפּלינירט, אַז קיין זאַך האָט זיין ווילן ברעכן נישט געקענט. אַפילו ביי זיך אין דער היים האָט ער זיך געהיט פאַר אַ טרונק בראָנפן, ווייל ער האָט שטענדיק געוואָלט זיין זויבער, שטענדיק אויף דער וואַך, שטענדיק גרייט צום דינסט און גרייט צום באַפעל, אויב נאָר אַ טעלעפאָן־רוף פון קרעמל וועט אים אויפפאָדערן. די איינציקע פאַר מאָל וואָס ער האָט יאָ גענומען אַ טרונק בראָנפן, איז דאָס געווען ווען זיין וויב האָט אים אַ זון געבוירן, ווען ער האָט די ערשטע אויסצייכענונג, — אַ לע־נין־אָרדן, — גלייך פון סטאַלינס האַנט באַקומען, און איצט ווען ער האָט זיך מיט זיין חבר מיכל צוריקגעטראָפן און ער האָט זיך אין זיינע קינדער־שע און יוגנט־יאָרן דערמאָנט. ער האָט איצט אויסגעטרונקען אַ גרויסע גלאָז בראָנפן. עס האָט זיך אים נאָר אויף אַ ווײַלע אַ דריי געטאָן דער קאָפּ און עס האָט זיך צעוויקלט די צונג, אָבער עס איז באַלד אַריבער.

באָריס איז צוריק ערנסט געוואָרן. זיין כאַקי רעקל, וועלכעס איז אויף אים געווען אָנגעטאָן און איז נישט געווען פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך, האָט ער איצט צוגעשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך ביזן האַלדז. ער איז גע־בליבן זיצן מיט זיינע גרויסע צעשפּרייטע הענט אויף די קני פון זיינע פיס און ער האָט אין דער־אַ פּאַזע באַקומען עפּעס אַ מין ענלעכקייט צו סטאַלי־נען. עס האָבן אים געפעלט נאָר די שוואַרצע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס און ער וואָלט ווירקלעך צו סטאַלינען ענלעך געווען. ער האָט געזאָגט טרוקן:

— פאַרשטייט זיך, אַז מיר דאַרפן האָבן אונדזער אייגענע אויסגעשול־טע אינטעליגענץ! גוט אַזוי, קסעניאַ! גיי זיך לערנען... אַ געוועזענע פויער־טע זאָל ווערן אַ דאָקטאָר, איז אַ גוטע אידייע! — און פּלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן, — זאָג מיר דעם אמת, קסעניאַ, ווי אַזוי איז עס אין דאָרף? ווי האַלט עס מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע? זענען טאַקע ביי אייך אַלע הונ־דערט פּראָצענט פויערים פריייוויליק אַריינגעטראָטן אין קאָלכאָז?...

קסעניאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף מיכלען. באַריס האָט דאָס באַמערקט. מיכל האָט צו איר אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. קסעניאַ האָט געענטפערט:

— יאָ, אַלע הונדערט פּראָצענט פויערים פון אונדזער דאָרף זענען פריייוויליק אַריינגעטראָטן אין קאָלכאָז!

— אַ־אַ!... — האָט באַריס זיך אָפּגערופן, — גוטע אַרבעט!... דערפאַר האָט מען דאָך אייערע נעמען אַריינגעשטעלט אין דעם צעטל פון די העלדן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג און אייך באַשטימט צו באַלוינען מיט אָרדנס און מעדאַלן. — ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ קלאַפּ געטאָן מיכלען אין פּלייצע און אים שטיל, אויפן אויער איינגערוימט, — הונדערט פּראָ־צענט, אַ?... מיר ווייסן דאָ אַלץ ווי אַזוי עס איז אין די דערפער צוגעגאַנגען. איך האָב זיך אויף דיר נישט געריכט, מיכל!... גוט, זייער גוט!... ביסט דאָך ווײַבאַלד אַזוי גאָרנישט קיין לעמעשקע. דו ביסט אַ ריכטיקער העלד. דיין פעיִקייט איז אין קרעמל גוט באַקאַנט. אָך, אַן אויפשטאַנד דערשטיקט. אַ כיטרער מענטש ביסטו!... מאָרגן אין דער צייט וועסטו שוין זיצן, דאָ ביי מיר, מיט אַן אָרדן אויף דיין ברוסט, אַן אָרדן פון דער „רויטער פאָן". און איר, דער קליינער דיינער, קסעניאָן, וועט מען דעקאָרירן מיט אַ מעדאַל פאַר העלדישער אַרבעט.

מיכל האָט אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט.

— דו ווייסט אַלץ אויף פריִער, און דו האָסט ביז איצט געשוויגן!...

עס האָט געקלונגען אין דעם גלאָק פון דער טיר. די דינסט האָט גע־עפנט די טיר נאָר אויף אַ שפּאַרונע. אַ שווערע קייט האָט די טיר פאַרהאַלטן. זי האָט באַלד די קייט אַראָפּגעכאַפּט און די טיר צעעפנט.

עס איז אַריינגעקומען יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ.

זי האָט זיך אויף קיין האָר נישט געענדערט. זי איז געווען פריש, עלע־גאַנט און גראַציעז, אַזוי ווי צוריק מיט יאָרן, אין דעם ווייטן סאַראַפּול, ווו איר מאַן איז דער שעף פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע געווען און ווו

מיכל האָט זיך געהאַט געלערנט. זי האָט אויך גאָרנישט פאַרלוירן פון איר אַמאָליקן נאָבעלן אָפּשטאַם. די „פּראָלעטאַרישע" אַטמאָספער פון די קאָמוניסטישע גענעראַלן, דיפּלאָמאַטן און קאָמיסאַרן האָט די טאָכטער פון די געוועזענע צאַרישע הויפלייט גאָרנישט פּראָלעטאַריזירט... זי איז געבליבן די זעלבע איידעלע יעקאַטערינאַ פּעטראָווונאַ, כאָטש זי האָט איצט באַלאַנגט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און זי האָט זיך געהייסן רופן: טאָוואַרישטש קאַטיאַ. זי האָט זיך מיט מיכלען צעקושט, און דערנאָך, ווען מען האָט פאַר איר פאָרגעשטעלט קסעניאַן, האָט זי איר אַרומגענומען און געזאָגט:

— האָב אים ליב, קסעניאַ! זיי אים געטריי!... מיכאַיל איז דאָך אַזוי עלנט און אַזוי צאַרט!... דערצו איז ער אַ טאַלאַנט, אַ גוטער שרייבער. ליבע פון אַ געוווּנטשענער פרוי קען אים ווי אַ מלאך אויף די פליגל דערהייבן, גליקזעליקייט, אָדער פאַראַט קען זיין ווי אַ שטריק אויף זיין האַלדז.

קסעניאַן איז נישט געפעלן געוואָרן די נאָטאַציע. זי האָט זיך דאָך באַמיט זיין פריינדלעך מיט קאַטיאַן. זי האָט געזאָגט:

— אָ, איך האָב מיכאַילן ליב!...

דער טיש איז שוין געווען געגרייט. קאַטיאַ און פּאַליאַ זענען געזעסן צוזאַמען. אַנטקעגן זיי זענען געזעסן מיכל און קסעניאַ. באָריס איז געזעסן איינער אַליין, אויבן־אָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ באַלעבאָס. דאָס עסן, וואָס די דינסט האָט דערלאַנגט, איז געווען געשמאַק און באַטעמט. די געטראַנקען, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן ווייס־געדעקטן טיש, זענען געווען שטאַרקע און טייערע. באָריס האָט ווייניק געגעסן און גאָרנישט געטרונקען. מיכל האָט געגעסן אַ סך און מיט גרויס אַפּעטיט. ער האָט אַ פּאָר מאָל פאַרטרונקען מיט גלעזלעך אַלטן אויסגעשטאַנענעם ליקער. די פרויען האָבן געגעסן צו ביסלעך און גערעדט אַ סך.

אין דער פרויען־וועלט פון דעם סאָוועטישן רוסלאַנד האָט מען זיך שוין אויפגעהערט איבערצונעמען מיטן פּראָלעטאַרישן צושטאַנד און מיט די פּראָלעטאַרישע מאַנערן, מען האָט ווייניקער גערעדט וועגן „פרייער ליבע" און וועגן זיך קליידן פּראָסט און נישט נוצן קיין שמינקע. די פרויען האָבן געווענדט זייערע פּנימער צוריק צום מערב, צו לאָנדאָן און פּאַריז, פון וואַנען פאַרשפּעטיקטע מאָדע־מאַגאַזינען האָבן ווידעראַמאָל אין רוסלאַנד אַריינגעדרונגען.

— אָך, קאַטיאַ! — האָט פּאַליאַ אויסגעשריגן, — דאָס קלייד פּאַסט

דיר אַזוי!... אָבער די דעקאָלטע... איך ווייס נישט צי עס פּאַסט... שוין עפּעס צו בורזשואַז.

קאַטיאַ האָט עפּעס ענלעכס ווי אַ שמייכל געטאָן און צאַרט געענט־פערט:

— פּאָליאַ, דאָס איז דאָך די לעצטע מאָדע פון פּאַריז!... די פרוי פון דעם פראַנצויזישן קאָנסול האָט מיר דעם לעצטן פּאַריזער מאָדע־מאַגאַזין געשענקט. וואָלסט געמעגט זען ווי אויפן באַנקעט פון דעם טערקישן אַמ־באַסאַדאָר זענען די פרויען געווען אָנגעטאָן! נישט נאָר די אויסלענדישע פרויען, נאָר אויך אונדזערע... און אַפילו גאָלדענע בראַסלעטן און אָזשערע־לען מיט דימענטן באַזעצט האָבן אונדזערע פרויען געטראָגן.

— איך פאַרשטיי, אַז אויף אַ באַנקעט אין קרעמל מוז מען זיך פּוצן, — האָט פּאָליאַ ווידער געזאָגט, — זאָלן די בורזשויקעס נישט מיינען, אַז מיר זענען אָרעם און אַז מיר האָבן נישט קיין געשמאַק! אָבער דאָ, צווישן זיך, צוליב וואָס דאַרפן מיר אין די־אָ בורזשואַזע שמאָכטעס זיך קליידן?...

— נו, גיי און שער זיך אָפּ די האָר, טו אָן אַ קעפּקע אויפן קאָפּ און שפּאַן ווי אַ מאַן איבער די גאַסן! — האָט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ סאַר־קאַסטיש געזאָגט, — דו ווילסט נישט?... זע, דו האָסט זיך אָנגעשמירט די ליפּן מיט שמינקע! פּע... וויש אויס!... דו ווילסט נישט?... אַהאַ, נישט שיין פאַר אַ פרוי זיך צו באַווייזן מיט בלאַסע ליפּן. בעסער זיי צופּוצן מיט רוי־טער אָדער בלויער פּאָמאַדע!... און דער אָדעקאָלאָן?... אַה, עס שמעקט גוט! איז דאָס אונדזער אָדעקאָלאָן? אָ, ניין!.. איך דערקען דעם אַראָמאַט. עס איז אַ פראַנצויזישער אָדעקאָלאָן. אַך, פּאָליאַ, פּאָליאַ, ווו קומט גאָר צו דיר דער־אָ פראַנצויזישער אָדעקאָלאָן?...

פּאָליאַ האָט זיך צעלאַכט.

— מיט דיר, קאַטיאַ, קען מען זיך קיינמאָל נישט אַמפּערן. דו בלייבסט שטענדיק די גערעכטע. איך זאָג דאָך נישט, אַז מיר געפעלט די פרויען־מאָדע פון דעם מיליטערישן קאָמוניזם. עס איז געווען אַ פּעריאָד אַזאַ. מען האָט געזוכט... דאַן איז דער אידעאַל פון אַ פרוי געווען צו טראָגן מענערי־שע הויזן, אַ קעפּקע אויפן קאָפּ און אַ פּאַפּיראָס אין מויל! דערנאָך האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז עס טויג נישט. איז וואָס?... אָבער שוין אינגאַנצן אָננעמען די בורזשואַזע מאָדעס אַזוי ווי זיי זענען טויג אויך נישט!.. עס מוז פאָרט זיין אַ דיסטאַנץ צווישן אונדז און זיי!...

דאָ האָט קסעניאַ, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסן און זיך נישט

אַרײַנגעמישט אין דעם געשפּרעך פון די צווײ פרויען, זיך פּלוצים אַרײַנגע־ריסן אין זײער „דיסקוסיע" און דרײסט אויסגעשריגן:

— די דיסטאַנץ צווישן אונדז און זײ באַשטײט אין אונדזער אידעאָ־לאָגיע, אין אונדזער וועלט־באַנעם און נישט אין דער קלײדונג! מיר זענען די צוקונפטיקע הערשער פון דער גאַנצער וועלט. צו אונדז וועלן געהערן אַלע רײַכטימער. יאָ, מיר מעגן זיך פּוצן אין סאַמעט און אין זײַד און מיר מעגן טראָגן גאָלדענע רינגען און אויערינגלעך באַזעצטע מיט פּערל און דיאַמאַנטן. מיר דאַרפן זײַן שטאָלץ מיט דעם, וואָס מיר, געוועזענע אַרבע־טאָרינס און פּויערטעס, קענען זיך פּוצן און קלײדן נישט ערגער פון די בורזשואַזע דאַמען!

— בראַוואָ!... — האָט קאַטיאַ אויסגערופן, — בראַוואָ קסעניאַ!... אָ, דער־אָ יונגער דור קאָמוניסטן האָט אַ חוש פאַר שײנקײט און עלעגאַנץ!...

מיכל און באָריס האָבן אין דער דיסקוסיע פון די פרויען קײן אָנטײל נישט גענומען, אָבער זײ האָבן נישט פאַרפעלט זיך צוצוהערן צו יעדער אויסגערעדט וואָרט. די פרויען האָבן נישט באַמערקט, אַז זײ האָבן שוין איבערגעכאַפּט די מאָס אין רעדן און אין טרינקען. באָריס האָט זײער גע־שפּרעך אין אַן אַנדער ריכטונג פאַרקערעוועט:

— קאַטיאַ, מען וועט דיך שוין אינגיכן מעגן גראַטולירן!...

— מיט וואָס?... — האָט זי איבערראַשט געפרעגט.

— ווען דײַן מאַן וועט צוריק פון טערקײ קומען, און איך גלײב, אַז ער וועט זײַן מיסיע דורכפירן, דאַן וועסטו ווערן אַ גענעראַלשע!...

— אַך, מײַן גאָט! — האָט זי, ווי איר שטײגער איז געווען אין פאַלן פון צופרידענער איבערראַשונג, אויסגעשריגן, — מײַן מאַן וועט קריגן דעם ראַנג פון אַ גענעראַל?...

— באַשטימט! אָבער דאָס איז דערווײל נאָר צווישן אונדז גערעדט.

— פאַרשטײט זיך, פאַרשטײט זיך! — האָט יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ מיט אַ דערשטיקטן קול אָפּגעענטפערט און טרערן האָבן זיך אין אירע אויגן באַוויזן, — ווי זאָגט מען דאָס אין דעם רוסישן פאָלקס־ווערטל: „ניע סקאַ־זשי „אָ" פּאָקאַ ניע פּערעסקאָטשיש" — (זאָג נישט „אָ" ביז דו וועסט נישט אַריבערשפּרינגען).

ערשט איצט האָט קסעניאַ דערפילט, אַז צווישן איר און דער־אָ „גע־נעראַלשע" איז פאַראַן פּונקט אַזאַ דיסטאַנץ ווי צווישן אַ פּראָלעטאַריערין און אַ בורזשויקע. זי האָט צו איר נישט געהאַט אַזאַ נאָענטן געפיל ווי צו

פּאַליאַן. דאָך האָט זי זיך געזעגנט פריינדלעך מיט איר. זי האָט געזאָגט:

— יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, איך האָף אַז מיר וועלן ווערן גרויסע פריינד!

— יאָ!... אָבער רוף מיך פּראָסט, ווי אַלע מײַנע פריינד, רוף מיך קאַטיאַ!...

— איך בין זייער צופרידן, קאַטיאַ!...

— איך ווינטש דיר גליק, קסעניאַ!...

.29

אויפן אַנדערן טאָג, פּינקטלעך צוויי אַזייגער בײַטאָג, איז אין דעם אויפנאַם־זאַל פון דעם אַל־סאָוועטישן סטאַראָסטאַ, דעם פּרעזידענט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, טאָוואַרישטש קאַלינין, פאָרגעקומען אַ צערעמאָניע פון באַלוינען עטלעכע און פופציק יונגע קאָמוניסטן מיט אָרדנס און מעדאַלן. יונגעלייט פון אַלע סאָוועטישע פעלקערשאַפטן, בחורים און מיידלעך, זענען געווען יום־טובדיק געקליידט און האָבן אויסגעזען זייער שטיף אין זייער געמיש פון גליק און איבערגעשראָקנקייט.

אַ פייערלעכע אויפנאַמע אין דעם קרעמל ביי סטאַלינען, אין דעם פּאַלאַץ ביי קאַלינינען און אַפילו אין די היימען פון די גרויסע און מאַכטפולע קאָמיסאַרן איז נישט נאָר פאַר יונגע און נישט־דערפאַרענע קאָמוניסטן, נאָר אויך פאַר אַלטע און דערפאַרענע קאָמוניסטן געווען אַ זאַך פון גוואַלדיקער גלאָריע און אויסדערוויילטקייט, ווייל נישט יעדער איינער פון די דריי מיליאָן מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט געהאַט דעם זכות צו בייזיין ביי אַזעלכע פייערלעכע אויפנאַמעס. די איבעריקע הונדערט און זיבן און ניינציק מיליאָן מענטשן, די נישט־מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, פון דעם גרויסן סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן גאָר אַפילו טרוימען נישט געוואַגט, אַז עמיצער פון זיי זאָל גאָר קענען זיין צווישן דער אויסדערוויילטער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט פון די לאַנד־פירנדיקע קאָמיסאַרן.

אויף דער טריבונע זענען געזעסן דער אַלטער קאַלינין, וועלכער האָט קורצזיכטיק זיך איינגעקוקט אין דעם עולם, און זיין ווייס, אויסגעצויגן, ציגן־בערדל האָט זיך פון אַלטקייט געטרייסלט און געציטערט. לעבן קאַלינינען איז געזעסן דער גרויסער שרייבער מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט זיך

צוריק אומגעקערט צו זײַן פֿאָטערלאַנד. מען האָט אים אײַנגעלאַדן צו דער אויפֿנאַמע אַלס גאַסט. יעדער אײנער אין זאַל האָט גוט געוווּסט, אַז גאָרקי איז אַנטלאָפֿן פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע קײן אויסלאַנד. ער האָט זיך געהאַט צעקריגט מיט זײַן אַלטן פֿרײַנד וולאַדימיר לענין. ער האָט אים אַ שלײדער געטאָן אין פּנים אַרײַן דעם קאָמוניסטישן פּאַרטײ־בילעט. ער האָט אים אָפּגעזידלט און אָנגערופֿן „בײזער דיקטאַטאָר" און „פֿאַרעטער פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס". און איצט איז ער צוריקגעקומען מיט אַן אַראָפּ־געבויגענעם קאָפּ, אַן אומפּאַרטײיִשער, אָבער ווי אַ פֿרײַנד און נאָכפֿאָלגער פֿון סטאַלינען. עפּעס איז געווען אומפֿאַרשטענדלעכס אין דער אויפֿפֿירונג פֿון דעם אַלטן, וועלט־באַרימטן רוסישן שרײַבער און מענטשן־ליבהאָבער...

עס זענען אויף דער טריבונע אויך געזעסן דער פֿאַרזאָרגטער און שטענדיק פֿילאָסאָפֿיש־פֿאַרטראַכטער בוכאַרין; דער לאַנג־נאַזיקער און שאַרף־זיניקער קאַרל ראַדעק; און עטלעכע אַנדערע חשובֿע לײַט. מען האָט זיך גע־ריכט אויף סטאַלינען. אָבער נישט סטאַלין, און נישט דער געהײמנישפֿו־לער באַריס גאַרבער, וועלכער פֿלעגט זײער אָפֿט סטאַלינען באַגלײטן. און ווען נישט יעדער האָט גאָר געקענט, האָבן זיך צום אָנהײב פֿון דער פֿײַע־רונג באַוויזן.

פּלוצים איז געוואָרן זײער ליכטיק. פּראָזשעקטאָרן האָבן באַשײַנט די טריבונע. דער פּאָרטרעט פֿון סטאַלינען אין זײַן גאַנצן וווּקס האָט פֿון זיך אַ „הײליק" פֿײַער אַרויסגעשטראַלט. די רויטע פֿאָנען אַרום פּאָרטרעט האָבן מיט פּורפּור און גאָלד באַצירט דעם סערפּ און האַמער. באַלד האָט די מוזיק אַ שפּיל געטאָן דעם הימן פֿון דער קאָמוניסטישער וועלט־באַוועגונג, דעם „אינטערנאַציאָנאַל", און אַלע אין זאַל האָבן זיך אויפֿגעשטעלט און אין אײַנקלאַנג מיט די פֿײַפֿן פֿון די טרומייטן, מיטן קלאַפּ אין די טאַצן און מיטן האַקן אין די פּויקן האָט מען זיך צעזונגען. דער געזאַנג איז געווען הילכיק און רוישיק און ער האָט זיך געטראָגן ווי אַן אויסבראָך פֿון אַ ווולקאַן אָדער ווי אַ כוואַליע וואָס וויל זיך פֿון דעם ים אַרויסרײַסן.

קאַלינין איז געשטאַנען בײַ אַ סטענדער. ער האָט אונטערגעהאַלטן זײַ־נע פּענסנע, וואָס האָבן זיך אויף זײַן נאָז געשאָקלט, מיט אײן האַנט און מיט דער אַנדערער האָט ער געפּאָכעט אין דער לופֿטן. ער האָט גערעדט שטיל. אָבער אין זאַל איז ווי אין אַ קבֿר אַלץ טויט און פֿאַרגליווערט געוואָרן, אַזוי אַז זײַן שטיל קול איז צו די אויערן פֿון יעדן אײנעם דערגאַנגען.

ער האָט זיך געווענדט צו די עטלעכע און פֿופֿציק יונגע קאָמוניסטן

וועלכע זענען געשטאַנען אין אַ זייט, אויף דער טריבונע, אויסגעצויגענע און פאַרשטיינערטע ווי מושטרירטע סאָלדאַטן.

— איר, יונגע העלדן פון דעם סאָוועטישן פאָטערלאַנד, האָט מוטיק אויסגעפילט דעם באַפעל פון דעם פאָטער סטאַלין. איר האָט העלדיש אָנ־געפירט מיט דער קאָלכאָזנער באַוועגונג. איר האָט געקעמפט קעגן די אָפּ־געשטאַנענע און קעגן די פאַרויסלויפנדיקע. אַדאַנק אייער קלוגער און וואַכ־זאַמער טעטיקייט האָבן מיר איצט הונדערט פּראָצענטיקע קאָלכאָז. איך באַ־גריס אייך און איך גראַטוליר אייך מיטן זיג!

עס האָט ווידער אַ דונער געטאָן מיט בראַוואָ־פּלעסקערייען און אַפּלאָ־דיסמענטן. ווען עס איז געוואָרן שטיל האָט קאַלינין פון אַ פּאַפּיר אַרויס־געלייענט די נעמען פון די באַלוינטע, געזאָגט מיט אַוועלכע אויסצייכענונ־גען זיי ווערן באַשאָנקען, און נאָך יעדער נאָמען וואָס ער האָט אויסגערופן, איז מען צו אים צוגעקומען און ער האָט דעם העלד דעקאָרירט מיט דעם אַנטשפּרעכנדיקן אָרדן אָדער מעדאַל.

ווען די גאַנצע פּראָצעדור מיטן אָנהענגען אָרדנס און מעדאַלן אויף די ברוסטן פון די באַלוינטע האָט זיך געענדיקט, זענען די יונגע העלדן און העלדינס אַראָפּ פון דער טריבונע און האָבן זיך געזעצט אין דער ערשטער רייע שטולן, וועלכע זענען פאַר זיי ספּעציעל רעזערווירט געוואָרן. אין דעם מאָמענט האָט זיך באַוויזן סטאַלין. אונטער אים זענען ווי שאָטנס נאָכגע־גאַנגען די מיטגלידער פון דער „פּאָליטישער ביוראָ“. דערנאָך זענען נאָך עטלעכע מענטשן, וועלכע זענען נישט אַלעמען באַקאַנט געווען, אַריינגעקו־מען. צווישן דער גרופּע האָט זיך אויך באַריס גאַרבער געפונען. דער ענ־טוזיאַזם פון די פאַרזאַמלטע, ביי סטאַלינס באַווייזן זיך, איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען איז אַריין אין אַ משוגע־געוואָרענעם עקסטאַז. מען האָט אויסגערופן:

„זאָל לעבן דער פירער, דער וועגווייזער און דער רעטער!“...

„לעבן זאָל דער קלוגער סטאַלין, דער אַלץ־ווייסער און אַלץ־זעער!“...

„לעבן זאָל דער פאָטער פון אַלע פעלקער, אונדזער ליבער סטאַלין!“...

„סטאַלין איז העכער פון דעם העכסטן באַרג, סטאַלין שיינט און וואַ־רעמט ווי די זון!... לעבן זאָל אונדזער סטאַלין!“...

און סטאַלין איז געשטאַנען אַ קאַלטער, אַ שוואַרצער, אַ געשטופּלטער און אַ בייזער. ער האָט געקוקט אויף דעם ווילד־משוגע־געוואָרענעם עולם באַכפּאַלגער און זיין בייזקייט איז פון זיין פּנים פאַרשוואונדן. עס איז אים

געוואָרן אַזוי לייכט און גרינג און דערנאָך פריילעך אויפן האַרצן. אָ, כבוד, כבוד!... ער האָט זיך געבאָדן אין דער גלאָריע און אין דעם כבוד. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט ווי עס קלינגען גלעקער, אַזוי ווי אין הייליקן קלויסטער, נאָך דאַן ווען ער איז אַ יינגל געווען און ער האָט זיך אין דעם גלחים־סעמינאַר געלערנט. האַלעלויאַ, האַלעלויאַ!... — האָט מען געזונגען, און די קלויסטער־גלעקער האָבן נאָכגעקלינגען: גלין, גלאָן, גלין, גלאָן!... און איצט זינגט מען און מען קלינגט פאַר אים אין דער ווירקלעכקייט. ער האָט קוים באַוויליקט אַ שמייכל צו טאָן. ער איז צו צום סטענדער ביי וועלכן קאַלינין איז פריִער געשטאַנען און ער האָט אויפגעהויבן זיין גרויסע אומגעלומפּערטע האַנט. עס איז באַלד אין זאַל שטיל געוואָרן. דאַן האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין קאַווקאַזיש־כריפּעדיקן אַקצענט צו רעדן:

— די שונאים פון דער פּאַרטיי האָבן מיט אַלע מיטלען זיך באַמיט אַראָפּצורייסן דעם קורס פון דער פּאַרטיי אויף דער קאָלעקטיוויזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט! — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט פאַרלייגט איין האַנט אונטער זיך, אויפן רוקן, די צווייטע האַנט האָט ער אַריינגעשטעקט צווישן די קנעפּ פון זיין כאַקי־רעקל, אויף דער ברוסט. ער האָט פאַרגעזעצט, — אויב דאָס קאָנפיסקירן די ערד פון די פּאָמעשטשיקעס איז געווען דער ערשטער שריט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין דאָרף, און דאָס איז פאַרשריבן אין די באַשלוסן פון דעם זעכצנטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, איז דער איבערגאַנג צו קאָלכאָזן דער צווייטער און דער ענדגילטיקער שריט!...

עס האָט ווידער אַ דונער געטאָן מיט אַפּלאָדיסמענטן און מיט ענטוזיאַסטישע „הוראַ״־אויסגעשרייען. די מוזיק האָט געשפּילט אַ מאַרש.

נאָך סטאַלינס רעדע האָט מען געמאָלדן, אַז עס וועט זיין אַ קאָנצערט. עס וועלן אַרויסטרעטן די באַרימטסטע אַרטיסטן פון דעם באָלשאָי־טעאַטער פון אָפּעראַ און באַלעט.

דער קאָנצערט איז ווירקלעך געווען אַן אויסגעצייכנטער.

אויפן אַנדערן טאָג איז מיכל מיט קסעניאַן אַוועק צו דער קאַדרען־אָפּטיילונג פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, זיך נאָכפרעגן וועגן דער באַשטימונג, צי ער און קסעניאַ דאַרפן צוריקפאָרן אין דאָרף, אָדער עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז זיי זאָלן שוין פאַרבלייבן אין מאָסקווע.

דער פאַרוואַלטער פון די פּאַרטיי־קאַדרען, אַ זייער פעטער יונגערמאַן מיט אַ צעגאָסן ברייט און שמייכלדיק פּנים, אָנגעטאָן אין אַן אויסלענדיש־

געבראַכטן ציווילן אנצוג, האָט נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. כמעט אַלע „פינף און צוואַנציק טויזנט" יונגע קאָמוניסטן, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן אין די דערפער האָט מען שוין פון לאַנג אָן צוריקגערופן און זיי פאַרנעמען צו־ריק זייערע פריִערדיקע פּאָזיציעס ווי איידער מען האָט זיי מאָביליזירט. פון די עטלעכע און פופציק יונגע קאָמוניסטן וועלכע מען האָט באַלוינט מיט אָרדנס און מעדאַלן, זענען נאָר עטלעכע צוריקגערופן געוואָרן און די אי־בעריקע האָט מען באַפוילן צוריקצופאָרן אין די דערפער און דאָרט פאַר־פעסטיקן די דערגרייכונגען. אָבער אין דעם פאַל מיט מיכלען און קסעניאַן איז עפּעס נישט געווען גאָר קלאָר... און וויבאַלד עס איז עפּעס נישט קלאָר, אַזוי האָט זיך דער ברייטער שמייכל אויף דעם צעגאָסענעם פּנים פון דעם מעטן פאַרוואַלטער פון די פאַרטייִשע קאַדרען געענדערט, געמינערט און צום סוף אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. ער האָט מיט אַ מינע פון אַ גרויסן קאָמי־סאַר אַ קוק געטאָן אויף מיכלען און קסעניאַן פון אויבן אַראָפּ, זיי אָפּגעמאָסטן מיט אַן אומאָנגענעמען בליק און זיי געהייסן צוּוואַרטן. אַליין איז ער באַלד פאַרשוווּנדן. ער איז אָבער זייער שנעל צוריקגעקומען און זיין צעגאָסן געזיכט האָט שוין ווידער דעם ברייטן שמייכל אויף זיך געהאַט.

— יאָ, טאָוואַרישטש קרוגער, איר בלייבט דאָ, אין מאָסקווע. מען דער־לויבט אייך צו פאַרענדיקן אייער שטודיום אין אוניווערסיטעט. קומט אַריין מאָרגן אָדער איבערמאָרגן נאָך אייערע דאָקומענטן. איר קענט נאָך שטיין אַ וואָך צייט אין דעם האָטעל. רוט זיך אויס. נאָך אַ יאָר אַרבעט אין דאָרף האָט איר זיך פאַרדינט אַביסל אַ הוליע צו טאָן אין מאָסקווע!...

— גוט! — האָט מיכל אויסגעשריגן, — איך בין צופרידן, זייער צו־פרידן!

דער פעטער מענטש האָט וואַרעם געדריקט מיכלס האַנט.

— דאָסווידאַניע, טאָוואַרישטש קרוגער, אַמוזירט זיך גוט!

מיכל האָט פאַרהאַלטן זיין האַנט. ער האָט געפרעגט:

— און זי, טאָוואַרישטש קסעניאַ דימאָוואַ? וואָס איז די באַשטימונג וועגן איר?...

— אַך, דימאָוואַ? קסעניאַ דימאָוואַ!... זי איז דאָך נישט קיין מיטגליד פון דער פאַרטיי, זי איז נאָר אַ מיטגליד פון קאָמסאָמאָל. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל האַלט, אַז זי דאַרף צוריקפאָרן. איר אַרבעט אין דאָרף איז זייער וויכטיק!...

— ניין! — האָט מיכל אויסגעשריגן, — זי וועט צוריק אין דאָרף

נישט פאַרן. זי איז מיין ווייב! אויב אַזוי וועל איך שוין אויך צוריקפאָרן אין דאָרף.

דער פעטער מענטש האָט אויסגעזעצט אַ געלעכטער, וועלכעס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קוויטשעקל.

— טאָוואַרישטש קרוגער, ווי שעמסטו זיך נישט!... זע, דו ביסט אַ העלד, אַן אָרדן־טרעגער, און דו האָסט זיך צעשריגן, ווייל דאָס ווייבל דיינס וועט נישט זיין מיט דיר, — און ער האָט באַלד ערנסט געזאָגט, — ווען די פאַרטיי פאָדערט גיט מען אָפּ דאָס אייגענע לעבן! און דו ווילסט גאָרנישט דאָס ווייב אָפּגעבן... — ער האָט זיך ווידער צעלאַכט: — עס זענען פאַראַן גענוג מיידלעך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד!...

— יאָ, און אַ סך בחורים זענען אויך פאַראַן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד!

— האָט קסעניאַ אויסגערופן, — איך וועל רעדן מיט סטאַלינען, איך וועל אים פרעגן צי דאָס איז פאַרשריבן אין די סטאַטוטן פון דער פאַרטיי און קאָמסאָמאָל, אַז מען דאַרף מאַן און ווייב צעטיילן. וואָס פאַר אַן ענטפער איז דאָס „עס זענען פאַראַן גענוג מיידלעך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד" — האָט זיך קסעניאַ צעשריגן, — וואָס זענען מיר, מענטשן צי הינט?!...

— באַרויִק זיך, טאָוואַרישטש דימאָוואַ! — האָט דער פאַרוואַלטער פון די פאַרטייִשע קאַדרען זייער שטרענג אָפּגעענטפערט, — דו ביסט טאַקע אַ העלדין און מען האָט דיך באַלוינט מיט אַן ערן־מעדאַל, אָבער פאַרגעס נישט, אַז די פאַרטיי קען באַלוינען און די פאַרטיי קען באַשטראָפן. שרייען דאָ האָסטו נישט וואָס. גיי אין דעם קאַדרען־אָפּטייל פון קאָמסאָמאָל און דאָרטן שריי!...

— גוט! — האָט קסעניאַ געזאָגט, — איך וועל גיין אין צ. ק. פון קאָמ־סאָמאָל! — זי האָט אָבער די ווערטער שוין געזאָגט אָן שום כעס. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז נישט זי און נישט מיכל האָבן גאָר נישט באַדאַרפט מאַכן דעם טאַראַראַם, ווייל אַ וואָך צייט האָבן זיי דאָך נאָך רעכט איינצושטיין אין דעם האָטעל, און פאַר דער וואָך, מיט מיכלס פאַרבינדונגען, וועט זיך אַלץ אויספּרעסן.

מיכל האָט זיך אויך געכאַפּט פאַר דעם זעלבן געדאַנק. ער האָט זיך אינגאַנצן באַרויִקט און ער האָט אַפילו זיך צעלאַכט.

— אַנטשולדיקט אונדז, טאָוואַרישטש. עס זענען דאָך אַלץ קלייני־קייטן... עס איז געוויס נאָר אַ מיספאַרשטענדעניש. קלאָר, עס איז מיין

שולד. איך האָב ביז איצט נאָך נישט געמאָלדן צו די פּאַרטיי־אינסטאַנצן, אַז איך בין פאַרהייראַט!

דער פּעטער מענטש האָט פון דער קאַרטאָטעק אַרויסגענומען אַ פּאַפּ־קע אין וועלכער עס זענען געווען קאָפּיעס פון אַלע דאָקומענטן וואָס האָבן צו טאָן מיט מיכלס פּאַרטייִשקייט. ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פון דער פּאַפּקע, אַ קוק געטאָן אין אים און געזאָגט:

— עס שרייבט זיך „כאָלאָסטאָי״, נישט קיין באַווייבטער. נו, מיר וועלן עס שוין איצט פאַרריכטן! — ער האָט דאָ אויפן אָרט, אַריינגעשריבן: „זשע־נאַט״, אַ באַווייבטער! — ער האָט צו מיכלען גוטמוטיק געשמייכלט, — דאַרפסט שוין מער נישט מעלדן צו די פּאַרטיי־אינסטאַנצן. איך וועל שוין מעלדן. נו, איצט ווייסן מיר שוין, אַז דו ביסט מער נישט קיין פרייער בחור!...

מיכל האָט אויך גוטמוטיק צוגעשמייכלט און דערנאָך געזאָגט:

— ביטע, טאָוואַרישטש, טוט מיר אַ טובה! עס ווילט זיך נישט פּטרן קיין צייט און גיין אין דעם קאַדרען־אָפּטייל פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי באַשטעטיקט דאָך אָדער וואַרפט אָפּ אַלע באַשלוסן פון קאָמסאָמאָל, וויל...

— געוויס! — האָט דער פּעטער מענטש אויסגערופן, — ווער הייסט אייך דען גיין אין קאָמסאָמאָל?...

— אַ גרויסן דאַנק אייך, טאָוואַרישטש! — האָט קסעניאַ געזאָגט און געקוקט אים קאָקעטיש־ליבלעך אין פּנים אַריין.

— אָ, זאָרגט נישט! איר וועט בלייבן צוזאַמען מיט אייער מאַן אין מאָסקווע, — האָט דער פאַרוואַלטער פון די פּאַרטייִשע קאַדרען געזאָגט, און איז אויך אַ ווילע פאַרשוווּנדן. ווען ער איז צוריק געקומען האָט ער פייערלעך געמאָלדן, — איך האָב אָפּגערופן דעם קאַדרען־אָפּטייל פון קאָמ־סאָמאָל און באַפוילן, אַז מען זאָל דיר, טאָוואַרישטש קסעניאַ נישט צווינגען צוריק פאָרן אין דאָרף. לאָזט זיך אויס, אַז מען האָט שוין נאָך אָן מיין באַ־פעל באַשטעטיקט, אַז דו זאָלסט אין מאָסקווע בלייבן און אַז מען זאָל דיך שיקן לערנען אויף מעדיצינישע קורסן. נו, איך גראַטולירט דיר קסעניאַ, און דיר אויך, מיכאַיל קרוגער!... — און פּלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן, — וועמענס פאַרוואַנדטער איז טאָוואַרישטש באַריס גאַרבער, דייַנער קסע־ניאַ, צי דייַנער, מיכאַיל?... באַריס גאַרבער, ווייזט אַרויס אַן אינטערעס אין אייךביידן!...

מיכל האָט זיך באַלד דערפילט גאָר היימיש מיט דעם פעטן מענטשן. ער האָט געזאָגט מיט גרויס קוראַזש:

— אָ, באָריס גאָרבער!... ער איז מיינס אַ חבר און נישט מער!...

מען איז אַוועק פון דעם קאַדרען־אָפּטייל אין אַ געהויבענער און פריי־לעכער שטימונג. מען האָט זיך דערוואָרבן נאָך אַ פריינד אין מאָסקווע, נאָך אַ מאַכטפולן קאָמיסאַר, דעם פאַרוואַלטער פון די פּאַרטיייִשע קאַדרען ביים צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אַ מענטש וואָס קען שטענדיק צו־נוץ קומען.

עס האָט געמוזט דויערן פיל צייט ביז מיכל האָט געקענט קריגן פאַר זיך און קסעניאַן אַ דירה. יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט זיי איינגעלאַדן צו זיך צייטווייליק, ביז זיי וועלן קריגן אַ דירה, צו וווינען מיט איר. פאָלקאָוו־ניק איוואַנאָוו איז נאָך אַלץ געווען אין טערקיי. ער איז געהאַט איינמאָל אַראָפּגעקומען קיין מאָסקווע און אַפילו נישט איבערגענעכטיקט אין דער היים. קאַטיאַ איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן אויף אַ גאַנצן טאָג און אויפדער־נאַכט איז זי געקומען אַהיים מיט אַ זייער געהויבענער שטימונג. זי האָט זיך געזען נאָר עטלעכע מינוט מיט איר מאַן. ער איז שוין געווען אַנגעטאָן אין דער אוניפאָרם פון אַ גענעראַל. זי ווייסט נישט פאַרוואָס מען האָט אין די צייטונגען וועגן זיין דערהויבונג אין ראַנג נישט געשריבן. געוויס מוז עס זיין אַן טומל צוליב אַ געוויסער טאַקטיק... זי האָט דערציילט, אַז דער מאַן האָט איר געזאָגט:

„דאָס וואָס מיכאַיל און קסעניאַ לעבן צייטווייליק ביי אונדז איז מיר געפעלן. עס וועט דיר מער נישט זיין אומעטיק. און זאָל זיך מיכאַיל נישט איילן מיט זוכן אַ דירה, ווייל גאָר גיך וועל איך דיר, קאַטיאַ, מיט אונדזער זון, אַרויסנעמען צו זיך ווידער אַמאָל, אַזוי ווי פריִער, קיין טערקיי! און קען זיין, אַז פון טערקיי וועלן מיר אָפּפאָרן קיין דייטשלאַנד. עס וועט אונדז גע־וויס זיך אויסקומען צו זאַמען אין אויסלאַנד עטלעכע יאָר. די סיטואַציע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן געביט איז אַזאַ, אַז איך וועל מוזן פאַרבלייבן לענ־גער ווי איך האָב געמיינט אין אויסלאַנד. סטאַלין אַליין האָט דאָס מיר גע־זאָגט, און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אויב עס וועט טאַקע זיין אַזוי, דאַן וועט ער דערלויבן, אַז איך זאָל אויך איצט, אַזוי ווי פריִער, אַראָפּברענגען צו זיך קיין אויסלאַנד מיין גאַנצע פאַמיליע!"

און זי האָט צוגעגעבן:

— פאַרשטייט זיך, אַז עס איז ווינטשנסווערט, אַז עמיצער זאָל בלייבן

אין דער דירה. עס ווילט זיך מיר די דירה נישט אָפּגעבן, ווייל ווען מיר וועלן זיך צוריקקערן קיין מאָסקווע וועט זיין גוט צו פאַרפאָרן צוריק אין אונדזער אייגענער וווינונג, צו זיך אַהיים און נישט פאַרפאָרן אין אַ האָטעל און דערנאָך ווידער אויפסניי זיך אָנהויבן איינאָרדענען.

מיכל איז פון דער נייעס, וואָס קאַטיאַ האָט איבערגעגעבן, געווען דעכסט צופרידן. עס איז אים אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ. ער דאַרף נישט מער פטרן קיין צייט אין דעם וווינונגס־דעפּאַרטאַמענט פון דער רעגירונג, צו באַדערן, אַז מען זאָל אים איינאָרדענען אין אַ דירה, און צו וואַרטן ביז עס וועט זיך אַמאָל אויסבויען אַ ניי הויז און ביז ער וועט אין דעם הויז באַקו־מען אַ דירה, פאַר וועלכער עס וועלן זיך אַרומשלאָגן הונדערטער פּאַרטיי־שע און רעגירונגס־קאָמיסאַרן, און איינער וועט דערווייזן אַז ער איז מער מיוחס פון דעם צווייטן, און דערפאַר קומט אים די דירה...

.30

מיכל האָט שוין צוריק געלערנט אין דעם אוניווערסיטעט און ער האָט זייער געוואָלט אָניאָגן דאָס פאַרלוירענע יאָר. ער האָט געוווּסט, אַז נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט וועט ער אַליין נישט וועלן בלייבן אין מאָסקווע, ווייל ער האָט גאָר אַנדערע טרוימען; ער וועט פילייכט דאָך אָנ־שרייבן אַ בוך, וואָס וועט זיין אַ דערפאָלג, און פילייכט וועט ער גאָר אַ קאָ־רעספּאָנדענט פון אַ צייטונג ווערן און אַרומפאָרן איבער דעם גאַנצן סאָ־יועטן־פאַרבאַנד, און אפשר וועט מען אים אויך שיקן קיין אויסלאַנד? יע־דנפאַלס איז ער אין אַ שטימונג אַזאַ, אַז ער וואָלט געוואָלט אַרומרייזן די גאַנצע וועלט. אָבער ווייל ער ווייסט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, רעכנט ער, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז גענוג גרויס און עס דאַרף נעמען יאָרן ביז מען זאָל דאָס גאַנצע לאַנד קענען אַרומרייזן... מיט דער הילף פון באַריסן וועט ער דעם טרוים קענען פאַרווירקלעכן.

קסעניאַ, וועלכע איז אָנגעקומען אויף דעם צוגרייטונגס־קורס ביים מעדיצינישן אינסטיטוט, און האָט געהאָפט, אַז זי וועט אין מאָסקווע פאַר־ענדיקן איר שטודירן און זי וועט מיט דער צייט ווערן אַ דאָקטער, זי האָט אין די סטודענטישע קרייזן גאָר גיך אונטערגעכאַפּט אַלע נייע ווערטלעך, אָנעקדאָטן און חכמות. ווען זי האָט דערהערט, אַז קאַטיאַ האָט שוין אַ דער־לויבעניש אַרויסצופאָרן קיין טערקיי און די דירה מיטן רייכן מעבל לאָזט

מען פֿאַר זײ איבער אויף צוויי יאָר צייט, האָט זי זיך אַזוי דערפֿרייט, אַז זי האָט אַזש אויסגעשטרעקט איר רעכטע האַנט און מיטן גראָבן פֿינגער אַ הייב געטאָן, אויסשרייענדיק:

— וואָ, נאַ טאָלסטעי פּאַליעץ!... (אָ, אויפֿן גראָבן פֿינגער) עס וועט זיין גוט!...

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט זיך צעלאַכט.

— קסעניאַ, באַנוץ נישט דעם אויסדרוק. עס איז וווּלגאַר!...

— ווולגאַר?... — האָט זיך קסעניאַ געחידושט, — דו, קאַטיאַ, ביסט אַלטמאָדיש. ביי דיר איז אַלץ נאָר צירלעך־מאַנירלעך... יעדער וואָרט איז ביי דיר ווי אַ פּערל... ביי אונדז אויף די קורסן און אין דעם אינסטיטוט רעדן אַלע סטודענטן אַזוי, און אַפֿילו די פּראָפֿעסאָרן היטן זיך נישט אַזוי מיט קיין וואָרט ווי דו!

— און דאָך זאָג איך דיר, אַז דער זשעסט און דער אויסדרוק זענען גראָבע און ווולגאַרע. קולטורעלע מאַנערן און קולטורעלע אויסדרוקן שאַדטן נישט אַפֿילו ווען מען איז אַ גוטער קאָמוניסט, בפֿרט נאָך ווען מען לערנט זיך און מען שטרעבט אין דער צוקונפֿט צו זיין אַ דאָקטער. לייען, קסעניאַ, די אַרטיקלען אין דער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" וועגן דער ראָל פֿון דער סאָוועטישער אינטעליגענץ. מען ציטירט לעניגס אַ פּראָזע, אַז מיר דאַרפֿן זיך אַ סך לערנען ביי דער בורזשואַזיע. מען דאַרף אָפּוואַרפֿן דאָס שלעכטע און איבערנעמען דאָס גוטע, וואָס די בורזשואַזיע פֿאַרמאָגט. און פֿאַרמאָגן פֿאַרמאָגט די בורזשואַזיע קולטור און שיינע זיטן. אַ פּראָלעטאַ־ריער דאַרף זיך פֿון דעם נישט אָפּזאָגן.

— אַזוי גאָר?! — האָט קסעניאַ סאַרקאַסטיש אויסגעשריגן, — נו, איך וועל שוין פֿון איצט אָן זיך היטן פֿאַר דיר מיט אַ וואָרט. אָבער עס וועט מיר אָנקומען אַביסל שווער, וויל איך בין פֿאָרט אַ טאָכטער פֿון פּראָסטע פּויערים און נישט פֿון דעם צאַרישן אַדל!...

קאַטיאַ איז אַוועק צו זיך אין צווייטן צימער און זי האָט מער מיט קסעניאַן זיך פֿאַרפֿירן נישט געוואָלט.

מיכל האָט די גאַנצע צייט פֿון דעם געשפּרעך, מיט די אַריינגעוואָר־פֿענע שטעכווערטלעך, זיי נאָכגעשפּירט, אָבער קיין שום אָנטייל נישט גע־נומען. ער האָט געוווּסט, אַז קסעניאַ און קאַטיאַ האָבן זיך פֿיינט. ער וואָלט זייער געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיין גוטע פֿריינד. פֿאַרוואָס איז דאָס אוממעגלעך? איין גאָט פֿאַרשטייט זיי, די־אָ פֿרויען!...

אים דאַכט זיך, אַז איצט זעט ער קסעניאַן מיט אַנדערע אויגן. ער איז נישט אַנטוישט אין איר. און דאָך?... זי איז די זעלבע האַרציקע און גוטע. אין איר ווילן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך וואָס שנעלער דאָס דאָרפישקייט און אויסזען גרויסשטאָטיש, שפּיגלט זיך אָפּ דער טראַדיציאָנעלער פּראָצעס פון רוסישן און אוקראַינישן דאָרפס־מענטש. מען פאַרלאָזט דאָס דאָרף און מען באַזעצט זיך אין שטאָט. דער שטאָטישער מענטש איז דערפאַר פול מיט פויערישע זיטן. אָבער אין קסעניאַס טראַנספאָרמאַציע באַמערקן זיך אויך סימנים פון גרויסהאַלטונג און חוצפּהדיקייט. ווי אַזוי זי זאָל דאָס נישט ווען אויסבאַהאַלטן קען זי דאָס נישט. דער־אָ נייער שטריך אין איר געפעלט אים נישט.

זאָל דאָס מיינען, אַז אויך יעקאַטערינאַ פּעטראָווּנאַ, קאַטיאַ, האָט אויך אין דער־אָ „פויערטע" אַ חוצפּה באַמערקט און דער טל־ענדיקער פונק פון איר אַדל־אָפּשטאַם פּראָטעסטירט קעגן דעם?... און דאָך האָט ער אין די באַציִונגען פון קאַטיאַן און קסעניאַן אין מיטן דערינען באַמערקט אַן ענדערונג צום גוטן. זיי האָבן זיך פּלוצים שטאַרק באַפריינדעט... דאָ האָט ער שוין איינגעזען, אַז ער פאַרשטייט גאָר נישט די פּסיכיק פון אַ פרוי.

עס איז געקומען די צייט, ווען קאַטיאַ האָט באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופאָרן מיט איר זון קיין טערקיי, צו איר מאַן, דעם מיליטערישן אַטאַשע, גענעראַל איוואַנאָוו. ביים געזעגענען זיך האָבן ביידע פרויען זיך צעקושט, און דאָס קושן זיך האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען העסלעך און געמיין. ער האָט געפילט, אַז זיי וואָלטן בעסער זיך צעביסן ווי צעקושט. ער האָט זיך געשעמט זיי צו קוקן אין די אויגן. ער האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אין זיינע בליקן באַמערקן, אַז ער זעט זיי אַדורך און דורך...

ביים געזעגענען זיך מיט אים, האָט קאַטיאַ געזאָגט:

— מיכאַיל, ווער ווייסט וואָס עס קען פּאַסירן?... טאָמער מוזטו פאַר־לאָזן מאָסקווע, זע לאָז איבער די שליסל פון דער דירה ביי פּאָליאַן. זי איז דער איינציקער מענטש אויף וועמען איך קען זיך פאַרלאָזן. איך ווייס נישט וויפל צייט מיר וועלן זיך זאַמען אין אויסלאַנד. קען זיין, אַז אין אַ וואָך אַרום זאָל מען אונדז צוריק רופן, און קען זיין, אַז מיר וועלן שוין מוזן בלייבן אויף פיל יאָרן אין אויסלאַנד. ווער ווייסט?... אַלץ איז אָפּהענגיק פון דער פּאָליטישער סיטואַציע דאָ און אין דער גאַנצער וועלט!...

זי האָט מיכלען אַרומגענומען און אים שטאַרק געקושט. זי האָט עט־לעכע מאָל איבערגעחזרט: „ווער ווייסט צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען,

ווער ווייסט?!״ דערנאָך האָט זי עפּעס געמאַכט אַ מין זשעסט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצלמען. זי האָט אָבער באַלד אַראָפּגעלאָזט די האַנט. זי האָט אַ לעצטן קוק געטאָן אויף איר דירה, צעעפנט די טיר און איז אַרויס.

אויף דער גאַס איז שוין געשטאַנען דער שוואַרץ־לאַקירטער אויטאָ־מאָביל פון דעם קאָמיסאַריאַט פאַר אויסלענדישע אַנגעלעגנהייטן. לעבן דעם מיליטעריש־געקליידטן שאָפער איז געזעסן קאַטיאַס זון, פּעטיאַ. דאָס יינגעלע האָט אומגעדולדיק געמאַנט ביים שאָפער:

— ווו איז די מאַמע? לאָמיר פאָרן גיכער, איך וויל זען דעם פּאַפּאַ!...

יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט זיך באַוויזן אויף דער גאַס און דער שאָ־פער האָט מיט רעספּעקט אויף איר אַ קוק געטאָן און צום יינגל געזאָגט:

— אָט גייט דיין מאַמאַ!...

דער מאָטאָר פון דעם אויטאָמאָביל האָט אַ ברום געטאָן. קאַטיאַ האָט אַ לעצטן קוק געטאָן אַרויף צו די פענצטער פון איר וווינונג, באַמערקט מיכלען, ווי ער שטייט און קוקט אַרויס און מאַכט צו איר מיט דער האַנט. האָט זי אויך צו אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און טרערן האָבן זיך איר אַ גאָס געטאָן פון אירע אויגן.

דער אויטאָמאָביל איז פאַרשוווּנדן און אַוועקגעטראָגן מיט זיך מיכלס אַ בליק, וועלכער איז אויך פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן... פייכט געווען.

31.

מיכל איז געווען פאַרטאָן איבערן קאָפּ מיט דער שעפערישער אַרבעט, וועלכע ער האָט ווידער באַנייט. די זעלבע טעמע וואָס האָט אים מיט צוויי יאָר צוריק אין דעם דאָרף קראַסנעי־באָר געמאַטערט, די טעמע וועגן אַ דאָרפישן מענטשן, האָט אים איצט ווידער באַהערשט. זיצנדיק גאַנצע נעכט איינער אַליין אין אַן אָפּגעזונדערטן צימער ביי אַ שרייבטיש, האָט ער אין זיין פאַנטאַזיע אויפסניי אויסגעוועבט די קאַנווע פון דעם ראָמאַן. אים האָט איצט נישט באַנג געטאָן וואָס ער האָט געהאַט דעם פּלאַן פון דעם ראָמאַן צוריסן און פאַרברענט. ער האָט איצט קיין פּלאַן מער נישט באַדאַרפט. נאָך צוויי יאָר דערווייטערונג, האָט זיך דאָס גרויסע דאָרף קראַסנעי־באָר, ווי אַ באַרג פאַר זיינע אויגן אַוועקגעשטעלט און ער האָט עס געזען אין דעם גע־שטאַלט ווי סטאַלין אַליין וואָלט דאָס דאָרף געוואָלט זען...

פון איין אמת און צוויי ליגנס איז דער אידעאַל פון דעם ראָמאַן באַ־

שטאַנען. אַזוי וויל מען דאָס אין קרעמל און אַזוי גיט דאָס דער אויטאָר. מיכל האָט געשריבן נאָר דאָס וואָס עס האָט זיך געלוינט פון דעם פּאַר־טייִשן שטאַנדפּונקט, און ער האָט פאַרשוויגן דאָס וואָס עס איז געווען אומ־זיכער צו דערמאָנען... אַלע ביטערקייטן זענען פאַרזיסט געוואָרן אונטער זיין פען. די העלדן האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף שטאָלצן. אין זייערע נשמות האָט ער אַריינגעבלאָזן די דושנע לופט וועלכע עס האָט פון דעם קרעמל געבלאָזן.

מיכל האָט געאַרבעט שווער אויף דעם ראָמאַן. ער האָט געמוזט האָ־רעווען כדי עס זאָל זיך באַקומען אַ ראָמאַן מיט אַ קאָמוניסטישער אידעאָ־לאָגיע און דאָך זאָל עס עפּעס פאַרמאָגן אַ שטיקל קינסטלערישן טעם... נישט איין מאָל איז ער אַ מידער איינגעשלאָפן געוואָרן ביי זיך אין דעם אָפּגעזונדערטן צימער. ער האָט זיך צוגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע נאָר אויף אַ ווײַלע, כדי צונויפצונעמען זיינע געדאַנקען און דערנאָך צוריק גיין צום שרייבטיש, און פּרווון די געדאַנקען אַריינצופּאַסן אין אַ לאָגישער און קינסט־לערישער פאָרעם, אָבער ער האָט קיין כוח נישט געהאַט זיך אויפצוהייבן פון דער קאַנאַפּע. ער איז איינגעשלאָפן מיטן אָנטאָן.

קסעניאַ האָט זיך שוין צוגעוווינט צו מיכלס חולאתן...

יעדנפאַלס איז זי אויך געווען צופיל פאַרנומען מיט איר שטודירן. זי האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט דעם צוגרייטונגס־קורס און איז איצט גע־וואָרן אַ פולשטענדיקע סטודענטקע פון דעם מעדיצינישן אינסטיטוט. זי האָט זיך פלייסיק און ליידנשאַפטלעך געלערנט. זי האָט אויך נישט דורכ־געלאָזט די געלעגנהייט צו בייזיין ביי יעדן קאָנצערט און באַנקעט פון די סטודענטן. דערצו נאָך האָט פאַליאַ, וועלכע האָט זיך שטאַרק מיט איר באַ־פריינדעט, זי געשלעפּט מיט זיך אַלע מאָל אויף אַן אַנדער באַנקעט אָדער אויפנאַמע פון די גרויסע קאָמיסאַרן, צו וועלכע זי האָט געהאַט אַ צוטריט אַדאַנק איר מאַנס הויכער שטעלע אין דעם קרעמל.

אַזוי אַרום האָבן מיכל און קסעניאַ אָנגעהויבן צו פירן אַ פּאַראַלעל, אָפּגעזונדערט לעבן. עס האָבן זיך געמאַכט טעג ווען מען האָט זיך נישט געזען אינגאַנצן. מען איז געוואָרן אָפּגעפרעמדט. און ווען מען האָט זיך באַ־געגנט, און מען האָט געהאַט אַביסל פרייע צייט און אַ גוטע שטימונג, האָט מען זיך אַריינגעוואָרפן איינס דאָס אַנדערע אין די אָרעמס און מען האָט זיך אין ליבע־עקסטאַז פאַרגעסן.

עס איז געווען פרילינג־צייט. די טרוקענע און זויבערע לופט און די

מיט זון שײַנענדיקע גאַסן האָבן אָנגעפּילט דעם מענטשן מיט פרייד. מאָס־קווע איז געוואַקסן אין איר שײַנקייט פאַר אַלעמען אין די אויגן. יעדער אײַנוווינער האָט ליב געהאַט די שטאָט, האָט זיך געגרויסט מיט איר. און נישט נאָר די שײַנקייט פון דער־אָ אַלץ בויענדיקער און איבערבויענדיקער מאָסקווע, און נישט נאָר די געזונטקייט פון מאָסקוועס זויבערער און טרו־קענער לופט, אין אַלע צײַטן פון יאָר, האָט דעם מענטשן שטאַלץ געמאַכט, נאָר אויך דאָס וואָס אין מאָסקווע האָט זיך געלעבט גרינגער, מען האָט נישט געהונגערט אַזוי ווי אין פיל אַנדערע שטעט און דערפער.

אין אוניווערסיטעט זענען שוין די עקזאַמענעס געווען אין פולן גאַנג. סטודענטן האָבן זיך פלײַסיק צו די עקזאַמענעס געגרייט. פיל האָבן זיך גע־זאָרגט פאַר דורכפאַלן. אייניקע האָבן געטראַכט פון אַ ציקונפט, ווער ווייסט צו וואָס פאַר אַ פאַרוואָרפן ווינקל, פון דעם גרויסן לאַנד, מען קען נאָך פאַרשיקט ווערן?... אַ סטודענט איז פונקט ווי אַן אַרבעטער, אַ פויער און אַ סאָלדאַט פאַרפליכטעט אויסצופילן אַלע באַפעלן און ווילנס פון דער פאַר־טיי און רעגירונג. ווען מען ענדיקט דעם אוניווערסיטעט קלײַבט מען זיך אַליין נישט אויס קיין שטעלע, נאָר מען גייט אַהין וווּהין די פאַרטיי און רעגירונג באַפעלט.

צו דער צײַט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אוניווערסיטעטאַרישע עק־זאַמענעס איז אויך דערשינען מיכלס ערשטער בוך, זײַן גרויסער ראָמאַן: „דער מענטש פון אַ דאָרף". די צײַטונגען האָבן דעם ראָמאַן געלויבט. מען האָט אַפילו אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר פעלערן אין דעם בוי פון זאַץ. אָבער די הויפּטזאַך איז דאָך נישט די סטרוקטור פון אַ זאַץ אין דער שפּראַך, נאָר די סטרוקטור פון אַ מענטשן אין דעם לאַנד. און דער מענטש פון דעם ראָמאַן איז אַ סאָוועטישער דאָרפס־מענטש, אַ נײַער פויער, אַ קאָלכאָזניק, וועלכער איז פון דעם אויטאָר מייסטערהאַפט געמאָלט געוואָרן. עס איז אַ מענטש, אַ קאָמוניסט, וועלכער איז גײַסטיק און פּסיכאָלאָגיש אַנדערש פון דעם אַלטן, דעם פריִערדיקן פויער. ער איז גרייט אומצוברענגען אַ וועלט אַבי די פאָן פון קאָמוניזם זאָל פלאַקערן.

און לויבנדיק דאָס ווערק, האָבן די קריטיקער נישט פאַרגעסן צו דער־מאָנען אַ פראַזע, וואָס סטאַלין האָט אַמאָל צופעליק אַרויסגעזאָגט וועגן שרײַ־בער, אַז „אַ שרײַבער איז אַן אינזשעניער פון מענטשלעכע נשמות". מיכל קרוגערס ראָמאַן, מיט דעם פיל־זאָגנדיקן און כמעט קלאַסישן נאָמען „דער מענטש פון אַ דאָרף" איז דאָס בעסטע ווערק וועגן דער קאָלעקטיוויזאַציע,

און דער פּראָפעסער פון דעם ווערק האָט זיך פאַרדינט, אַז מען זאָל אים באַצייכענען מיטן טיטל „אינזשיניער פון מענטשלעכע נשמות”. דער ראָמאַן איז אַ מוסטער פון אַ סאָציאַלער באַשטעלונג!...

אין אוניווערסיטעט האָבן די פּראָפעסאָרן און סטודענטן באַגריסט מיכלען מיטן דערפאָלג פון זיין בוך. מען האָט אים גוטברודעריש געקלאַפּט אין דער פּלייצע, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און אים געדריקט די הענט. ער איז געווען צעטראָגן, פאַרטראַכט און נישט געענטפערט צו דער זאַך אויף די פיל ווינטשעוואַניעס, באַגריסונגען און געשטעלטע פראַגן. די אויסדרוקן פון די קריטיקער: „אינזשיניער פון מענטשלעכע נשמות” און „סאָציאַלע באַשטעלונג” זענען מיט רויט־פעטע און בלוט־רינענדיקע בוכשטאַבן פאַר זיינע אויגן געשטאַנען. זיי האָבן אין זיינע אויערן מיט קללות און חרמות געשריגן און זיין קאָפּ צורו נישט געלאָזט. זיי האָבן זיין האַרץ און נשמה מיט טרויער אָנגעפילט. זיי האָבן צו אים געשריגן:

„דו ביסט אַ פּחדן און אַ ליגנער! דו האָסט פאַרטיליקט דעם אמת און אים פאַרביטן מיט שקר!... דו ביסט אַן אינזשיניער אָבער נישט קיין קינסטלער! אָ, דער־אָ כיטרער סטאַלין האָט, מיט זיין צופעליקער פראַזע, וועגן אינזשיניערן פון מענטשלעכע נשמות, געצוווּנגען דעם שרייבער צו ווערן אויס קינסטלער און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ בעל־מלאכה, אַן אַרבעטער וואָס שטעלט צונויף, קלאַפּט צונויף אַ מענטשן, לויט אַ סאָציאַלער באַשטעלונג, לויט אַ פאַראָרדענונג, אַ באַפעל פון דער פּאַרטיי!”...

אַן אינזשיניער און נישט קיין קינסטלער!

דער־אָ געדאַנק האָט אים רוען נישט געלאָזט.

אויף די עקזאַמענעס האָט אים פּראָפעסאָר מאַסלאָוו קיין שום פראַגן, וועגן רוסישער געשיכטע און מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק, נישט געפרעגט. ער האָט מיט אים גערעדט וועגן זיין בוך, וועגן אַבסטראַקטער פּאָרעם און קאָנקרעטן אינהאַלט, און וועגן ענלעכע ליטעראַרישע טאָג־פּראָבלעמען, מיט וועלכע סאָוועטישע שרייבער, קינסטלער, מוזיקער און פּראָפעסאָרן האָבן זיך פאַרנומען. אין מיכלס עקזאַמען־ביכל האָט מאַסלאָוו אַריינגעשריבן די בעסטע אָפּשאַצונג, און ביים געזעגענען זיך, האָט ער צו אים געזאָגט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט שוין פון פריִער געוווּסט מיכלס באַשטימונג, וואָס ער וועט מיט זיך טאָן, נאָך דעם ווי ער וועט פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט:

— טאָוואַרישטש קרוגער, דו בלייבסט דאָך אין מאָסקווע!... נו, זיי נישט

פרעמד. פון איצט אָן בין איך שוין נישט מער דײַן פּראָפעסאָר, נאָר דײַן פרײַנד. כאַפּ זיך אַרײַן צו מיר אַהיים, ווען נאָר דו וועסט זײַן פרײַ. וועסט זײַן ווילקאָם אין מײַן הויז!

מיכל האָט עפּעס צעטומלט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, יאָ, געוויס, פּראָפעסאָר מאַסלאָוו!...

און ער איז צופרידן געווען ווען ער איז שוין געווען פון יענער זײַט טיר און האָט מער דעם פּראָפעסאָר פאַר זײַנע אויגן נישט געזען.

אין קאָרידאָר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף מנחם פּאָליאַקאָוו, דעם פּראָפעסאָר פון ייִדישער ליטעראַטור אין דעם אוניווערסיטעט און רעדאַקטאָר פון דער מאָסקווער ייִדישער קאָמוניסטישער צײַטונג. ער האָט אויף מיכלען געקוקט כמורנע און פאַרזאָרגט. ער האָט צו אים אויסגעשטרעקט זײַן אויסגעדאַרטע האַנט און אים פאַרבעטן צו זיך אַהיים.

— איך וויל מיט אײַך רעדן, עס איז זייער וויכטיק, כאַפּט זיך אַרײַן צו מיר, איך בעט אײַך!...

מיכל איז געווען נײַגעריק צו וויסן צוליב וואָס פּאָליאַקאָוו פאַרבעט אים צו זיך, איז ער צו אים געקומען אין דער באַשטימטער צײַט.

דער אַלטער געלערנטער האָט געלעבט אין אַ צוויי־צימערדיקער דירה אָנגעפּילט מיט ביכער. מען האָט כמעט קיין מעבל נישט געזען, נאָר ביכער. פּאָליאַקאָוו איז געזעסן אין אַ גרויסער אומגעלומפּערטער שטול און איז מיט זײַן קליין קערפּערל אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען אין דער שטול. ער האָט געזאָגט צו מיכלען:

— איך האָב געלייענט אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" אַז איר קלײַבט זיך צו מאַכן אַ רײַזע איבערן לאַנד, און אַז איר וועט באַזוכן סיביר און דעם ווײַטן מזרח. האָב איך צו אײַך אַ ביטע. איר זײַנט איצט אַ פּאָפּולערער שרײַבער אין לאַנד. אײַער בוך האָט געמאַכט אַ רושם. צו אײַערס אַ וואָרט וועט מען זיך איצט צוהערן, וואָלט איך געוואָלט, אַז אין דעם פּלאַן פון אײַער רײַזע איבער סיביר זאָלט איר אויך צושטעלן ביראָבידזשאַן מיט דער גאַנצער פּראָקלאַמירטער ייִדישער געגנט. ביטע, שטעלט זיך דאָרטן אָפּ אויף אַ לענגערער צײַט!

— צוליב וואָס? — האָט מיכל פאַרשעריש געפרעגט.

פּאָליאַקאָוו האָט אויף אים אַ שטרענגן קוק געטאָן.

— איך ווייס, אַז איר זײַנט אַ רוסישער שרײַבער, איך וויל אַפילו צוגעבן, אַז איר זײַנט איינער פון די טאַלאַנטירטסטע סאָוועטיש־רוסישע

שרייבער. אָבער איר זײַנט דאָך אַ ייִד! איך קען אײַך גוט. ווען איך האָב זיך מיט אײַך געטראָפֿן דאָס ערשטע מאָל, אין אָדעס, האָב איך אין אײַך דערפֿילט אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ און אַ שיינער נשמה. און דערפֿאַר טאָקע ווענד איך זיך מיט מײַן בקשה צו אײַך און נישט צו קיין אַנדערן. הערט מיך אויס, איך בעט אײַך: ערגעץ אין דער ווילדעניש פֿון סיביר, אויפֿן ווײַטן מזרח, פֿאַרוואָרפֿן אַזש בײַ די גרענעצן פֿון כינע, מאָנגאָליע און אינדיע האָט די רעגירונג געשאַפֿן אַ ייִדישע „מדינה", וואָס מען רופֿט „ביראָבידזשאַן". צוליב וואָס און פֿאַרוואָס?... מען שיקט אַהינצו ייִדן! וואָס טוען זיי דאָרט און ווי אַזוי לעבן זיי דאָרט?... איך גלייב, אַז גראָד איר, אַן אַסימילירטער, אײַנגעאַנצן אַ רוסיפֿיצירטער ייִד, וועט זײַן מער אָביעקטיוו בײַם באַשרײַבן די אמתע לאַגע און צושטאַנד פֿון בּיראָבידזשאַן ווי די פֿאַרכלייטע און פֿאַרגלויבטע פּראָפֿעסיאָנעלע ייִדישיסטן אונדזערע, וועלכע צוליב „אידעאַל" אָדער צוליב נאַרישער עקשנות און אײַנרעדענישן שיטן זיי זאַמד אין די אויגן, שטעלן אויף קוימענס, דערציילן באָבע־מעשׂהס און מאָלן ביראָבידזשאַן ווי אַן אמתן גן־עדן פֿאַר ייִדן... איך בעט אײַך, שטעלט זיך אָפּ אין ביראָבידזשאַן אויף אַ לענגערער צײַט און פֿאָרשט אויס אויפֿן אָרט די ווירקלעכע לאַגע. שרײַבט פֿאַר מײַן צײַטונג אַ סעריע אַרטיקלען. שרײַבט אָביעקטיוו, שרײַבט בלויז דעם אמת. איך וועל אײַך גוט צאָלן. מיר צאָלן פּונקט אַזאַ גרויסן האָנאָראַר ווי עס צאָלט די „פּראַוודאַ" און די „איזוועסטיאַ". איך וויל אַז איר זאָלט פֿאַרשטיין, אַז עס האַנדלט זיך איצט נישט בלויז וועגן דער עקסיסטענץ פֿון ייִדישער שפּראַך און קולטור, נאָר וועגן דער עקסיסטענץ פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק. אָ, טאָוואַרישטש קרוגער, גלאָצט נישט אויף מיר אַזוי מיט די אויגן. גלייבט מיר, אַז איך ווייס וואָס איך רעד!

מיכל האָט זיך פֿאַרטראַכט. ער האָט געקוקט פּאָליאַקאָוון אין פּנים אַרײַן.

— טאָוואַרישטש פּאָליאַקאָוו, איך בין אַמאָל בײַגעווען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דעם פֿאַראײן פֿון די סאָוועטישע שרײַבער, וווּ עס האָט זיך באַהאַנדלט די פּראָבלעם פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהייט־ליטעראַטורן, און דאָן זײַנט איר, און אויך דער שרײַבער דניאל שטערנפֿעלד, אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע. איר האָט דאַן פּראָקלאַמירט, אַז ייִדישע שפּראַך איז נאָר אַ מיטל און נישט קיין ציל, אַז מען דאַרף שטיצן דאָס ייִדיש לשון נאָר אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿל עס זענען נאָך פֿאַראַן ייִדן וואָס רעדן און לייענען אין

דער שפּראַך, און אַז דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע איז אַ היסטאָרישער און אַ געזונטער!... און איצט זאָרגט איר זיך גאָר נישט נאָר פאַר דער עק־סיסטענץ פון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור, נאָר פאַר דער עקסיסטענץ פון דעם ייִדישן פאָלק! ניין, טאָוואַרישטש פּאַליאַקאָוו, עפּעס איז מיט אײַך נישט אין אָרדענונג!

אין די קליינע, גרינע אייגעלעך פון דעם אַלטן און קלוגן ייִד זענען טרערן געשטאַנען און ווי פינקלדיקע פּערל־שטיינער פאַרגליווערט צו מיכלען געקוקט. ער האָט מיט אַ צעבראָכן קול געזאָגט:

— איך בין אַמאָל געווען אַ ציוניסט־סאָציאַליסט, איך בין אויך געווען אַ טעריטאָריאַליסט. איך באַהאַלט דאָס נישט אויס. עס איז נישט קיין סוד. יעדער איינער ווייסט, אַז איך האָב זיך שוין לאַנג־לאַנג אָפּגעזאָגט פון יענע חלומות. איך בין איצט מיט מיין גאַנצער נשמה אַ קאָמוניסט. איך בין אָבער פאָרט אַ ייִד!... איך פאַרשטיי... אַז שפּראַך אַליין סטימולירט נישט, אַז אַ פאָלק זאָל בלייבן אַ פאָלק אין פולן נאַציאָנאַלן זינען, מוז זיין אַ טע־ריטאָריע, אַ לאַנד, אַ באָדן אויף וועלכן די שפּראַך זאָל זיך קענען האַלטן!...

מיכל האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איך מיין, אַז שפּראַך איז ווי אַ גוטער וויין פון וועלכן מען ווערט פאַרשיכורט. אָבער פאַר יעדן וויין, צי ער איז גוט צי ער איז שלעכט, מוז מען האָבן אַ כלי אין וועלכער מען זאָל אים האַלטן, אַ פאַס אָדער אַ פלאַש!...

פּאַליאַקאָוו האָט זיך דערפרייט מיט מיכלס געדאַנק. ער איז אַראָפּ פון זיין שטול און איז צו צו מיכלען.

— גוט געזאָגט! דאָס קען הייסן, אַז די סאָוועטן־מאַכט האָט אונדז אַ כלי פאַר דעם וויין אונדזערן געשאָנקען, דאָס איז ביראָבידזשאַן!... נו, נעמט איר אָן מיין פאָרשלאַג, טאָוואַרישטש קרוגער?...

— איך וועל אַ טראַכט טאָן!

אין דעם אויפדערנאַכט איז באָריס מיט פּאַליאַן געקומען צו מיכלען צו גאַסט. באָריס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ פלאַש בראָנפן און אַוועק־געשטעלט אויפן טיש. ער האָט אויסגערופן:

— מיכאַיִל, דו ביסט אַ מאָלאָדיעץ! דיין בוך האָט געמאַכט אַ פוראָר אין דעם צ. ק. פון דער פּאַרטיי. אַלע רעדן, אַלע לויבן. נו, דאַרף מען באַ־נעצן דיין דערפאָלג! איך בין שטאַרק צופרידן מיט דיר, מיכאַיִל! שטאַרק צופרידן!... איך האָב שטענדיק געגלייבט, אַז דו ביסט אַ טאַלאַנט!... פון דיינע משוגעתן, פון דיין אינטעליגענטישער נשמה, נאָך פון קינדוויז אָן,

האָב איך דאָס געפילט. טרינק אויס, מיכאַיל, און דו קסעניאַ!... זעסט וואָס פאַר אַ מאַן דו האָסט?... גיב אים אַ קוש, לאָמיך זען!... און דו, פּאַליאַ, דו טרינק אויך, און קוש אים. מעגסט אים קושן, פּאַליאַ, איך דערלויב!... אַ שאָד וואָס איך טאָר נישט טרינקען. איך דאַרף נאָך היינט זיין אין קרעמל און איך מוז שטענדיק זיין אויף דער וואַך, און דערפאַר מוז איך ניכטער זיין!...

באָריס איז ווירקלעך געווען צופרידן פון זיין חברס דערפאָלג. מיכל איז געווען דער איינציקער מענטש אין זיין לעבן פאַר וועמען ער האָט זיך נישט געשראָקן, זינט ער פאַרנעמט די הויכע און געהיימע קאָמיסאַרסקע שטעלע אין דעם קרעמל אונטער דער דירעקטער לייטונג פון סטאַלינען. באָריס, וועלכער איז געווען אַ פאַרביסענער שווייגער, איז אַלע מאָל פיל־ריידעוודיק געוואָרן ווען ער האָט זיך מיט מיכלען געטראָפן, אין אַ היימי־שער סביבה, ווייט פון דעם קרעמל, פון דער פאַרטיי און פון אַנדערע קאָ־מיסאַרן. ער האָט איצט פאָרויסגעזען אַ גרויסע פערספעקטיוו פאַר מיכלען.

קסעניאַ איז דאָס מאָל געווען אויסגעפּוצט אַזוי גרויסאַרטיק, אַז מיכל האָט זי שיר נישט דערקענט. זי האָט אים אַ קוש געטאָן און לײדנשאַפטלעך אים צוגעדריקט צו איר פולבוזעמדיקער ברוסט און געשעפּטשעט:

— מיכאַיל, מיכאַיל טייערער, איך בין אַזוי גליקלעך!... אַלע סטודענטן און אַלע פּראָפעסאָרן האָבן מיך היינט באַגריסט. זיי האָבן די צייטונגען גע־לייענט מיט די פיל לויב־רעצענזיעס פאַר דיין בוך. איך בין געווען שטאָלץ וואָס דו ביסט מיין מאַן!...

ער האָט זי לייכט אָפּגעשטויסן פון זיך און זי באַטראַכט.

— און צוליב וואָס האָסטו זיך דאָס אַזוי היינט אויסגעפּוצט?

— צוליב דיר, מיכאַיל! און נאָך צוליב עפּעס... — האָט קסעניאַ שטאָלץ און צופרידן געענטפערט, — באָריס איז אויף אַזוי פיל גוט געווען און גע־קראָגן פאַר מיר אַ דערלויבעניש מיטצוגיין מיט אים און פּאַליאַן אויף אַ היימישן באַנקעט אין קרעמל!...

— יאָ, מיכאַיל! — האָט זיך באָריס אָפּגערופן, — עפּעס פייערט מען היינט אַ שטיקל שמחהלע, עס איז נישט אָפיציעל... ווייסט דאָך, ווען אַלץ איז גלאַט און שטיל ווילט זיך אַ הוליע טאָן... די וואָס מוזן וווינען אין קרעמל זענען דאָך אויך מענטשן. עס ווילט זיך אַמאָל אַ לעב טאָן!... נו, מאַכט מען פון צייט צו צייט אַ היימישן באַנקעט און אַמאָל אַפילו אַ חתונה...

שאַ, ווייסטו גאָר וואָס, מיכל, קום אויך מיט אונדז. איך וועל שוין זען, אַז דו זאָלסט באַקומען אַן אײַנלאַדונג!...

— אָ, ניין! — האָט מיכל אויסגעשריגן, — נישט איצט, אַן אַנדערש מאָל!...

— מיכאַל, קום מיט אונדז! — האָט אויך פּאָליאַ געבעטן. זי איז צו אים צוגעקומען און האָט אים אַ קוש געטאָן, — פּיליכט וועט סטאַלין אויך דאָרט זײַן! וועסט אים געבן דײַן בוך. באָריס וועט דיך פאַר סטאַלינען פאָרשטעלן!

— אויסגעצייכנט, מיכאַל, גייסט מיט אונדז! — האָט קסעניאַ צוגע־געבן צופרידן.

באָריס איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם צימער און איז אַריין אין אַ צווייטן צימער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ טיפער, נידעריקער און ווייכער שטול און געבליבן אַזוי זיצן איינער אַליין.

פּאָליאַ האָט שוין געוווסט זיין נאַטור. אויב באָריס גייט אַוועק אין אַ צווייטן צימער, הייסט עס, אַז די כאַנדראַ איז אים שוין באַפאַלן. ער וועט שוין אָפּזיצן די גאַנצע צייט און שווייגן. דאָ, ביי מיכלען, האָט זיך באָריס אויפגעפירט פונקט ווי ביי זיך אין דער היים. פּאָליאַ האָט אַ זאָג געטאָן צו מיכלען:

— גיי, זע וואָס ער טוט. ער איז עפּעס פּלוצים אומצופרידן געוואָרן... פּיליכט האָבן מיר זיך צופיל צערעדט וועגן דעם באַנקעט אין קרעמל? ער איז אַ מורמילאָ, מיין מאַן. מיט אים ווייסט מען דאָך קיין מאָל נישט ווען און וויפל מען מעג רעדן... יעדע זאַך איז ביי אים אַ געהיימניש. יעדער איינער איז אין זיינע אויגן אַ פיינד פון דער פּאַרטיי און רעגירונג. מען דאַרף זיך נאָר היטן. ער האַלט זיך גאָר וואַזשע גרויס, גלייך ווי ער איז דאָס דער גרעסטער קאָמיסאַר אין לאַנד. מען מוז נאָר ריידן ווען ער וויל און שווייגן ווען ער הייסט. וואָס אַ טאָג ווערט שווערער און שווערער מיט אים... עס ווערט נימאס אַזאַ לעבן!

מיכל האָט צוגעלייגט זיין פינגער צום מויל.

— פאַרקלאָג זיך נישט, פּאָליאַ, אויף מיין חבר!...

מיכל איז אַריין אין צווייטן צימער און זיך אַוועקגעזעצט לעבן באָריסן.

— וואָס איז, באָריס? ביסט געווען אין אַזאַ גוטער שטימונג, האָסט אַפילו מיך אָנגעשטעקט. מיר האָבן געוואָלט אויסטרינקען, און פּלוצים ביסטו אַוועק.

באָריס האָט זיך צעשריגן:

— איך האָב פײַנט װען װײַבער פּלאַפּלען!...

— װאָס איז דען? מעגסט מיר זאָגן!

— עט! — האָט באָריס אין כּעס געזאָגט, — איך אַלײן האָב אױך אַ פּוסט מױל. װאָס מײנסטו, אַז אַלע צײַטונגען לױבן דײַן בוך איז דאָס דען אַ סימן, אַז סטאַלינען װעט דײַן בוך אױך געפעלן? און צװײטנס: ער איז צופיל פאַרנומען מיט מער װיכטיקערע זאַכן װי לײענען ביכער. מען לײ־ענט פאַר אים און מען דערצײלט אים װאָס מען האָט אַרױסגעלײענט. אַמאָל גיט ער אַלײן אױך אַ קוק אַרײַן אין דעם בוך װעלכן מען לױבט שטאַרק אָדער װעלכן מען רײַסט אַרונטער. עס מאַכט זיך, אַז ער האָט גאָר אַן אַנ־דער מײנונג!... צוליב װאָס טויג עס מיר?...

— יאָ, און װאָס װאָלט טאַקע געװען אויב סטאַלינען זאָל מײַן בוך נישט געפעלן? — האָט מיכל שטיל איבערגעפרעגט און זיך געמאַכט צום נאַר, גלײַך װי ער װײסט נישט װאָס דאַן קען געשען, — יעדער לײענער קען זיך האָבן זײַן מײנונג װעגן אַ װערק!

— רעד נישט, מיכל!... שװײַג בעסער!... דו װײסט, — האָט באָריס גאָר שטיל צוגעגעבן, — װען עס מאַכט זיך אַמאָל בײַנאַכט, װען מען רופט מיך פּלוצים אַרױס פון קרעמל און מען מעלדעט, אַז מען האָט אַרױסגע־שיקט נאָך מיר אַן אױטאָמאָביל, װײס איך נישט צי מען װעט מיך פירן צו סטאַלינען אָדער צום טײַװל... און דו װײסט, אַז װען אַ מענטש גײט אַרױס פון סטאַלינען, נאָך אַן אױפנאַמע, טאָר ער זיך נישט אָפּשטעלן מיט קײנעם רעדן. ער מוז גלײַך גײן צום אױטאָמאָביל, װאָס װאַרט אױף אים, און זיך לאָזן אַרױספירן פון קרעמל. און קײנער איז דאַן נישט זיכער צי מען פירט אים אַפּ אַהײם אָדער מען פירט אים אָפּ אין טורמע!... עס איז גלײַכער זיך נישט שטופן מיט געװאַלד צו סטאַלינען. סײַדן ער װעט דיך אַלײן צו זיך רופן!...

אַ קאַלטער שװײס איז מיכלען באַפאַלן װען ער האָט אױסגעהערט די רײד, װאָס זײַן חבר האָט אים אָנפאַרטרױט. ער האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן צו באָריסן:

— איך בלײַב נישט אין מאָסקװע. איך װיל מאַכן אַ רײַזע איבערן לאַנד און איך װעל זיך פּילײַכט באַזעצן אין בירָאָבידזשאַן אױף אַ צײַט... מנחם פאַליאַקאָװ שלאָגט מיר פאָר אַ פּאָסטן, אַלס קאָרעספּאָנדענט פון זײַן צײַטונג!

באָריס האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיכלס פּלייצע און שטרענג אַ קוק געטאָן אין זיינע אויגן.

— נאַר איינער, וווהין קריכסטו?... וואָס פאַר אַ ביראָבידזשאַן?... וואָס קריכסטו מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט?...

— וואָס מיינסטו דאָס צו זאָגן „מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט"? — האָט מיכל אַן אויפגערעגטער איבערגעפרעגט.

— אַן אַנדערס מאָל!... — האָט באָריס אויף אים זיך צעשריגן, — שוין שפּעט, איך האָב קיין צייט נישט מיט דיר צו באַלאַקען!... — ער איז אַריין צוריק אין דעם צימער ווו פּאָליאַ און קסעניאַ האָבן געוואַרט אויף אים און ער האָט פאַרגעזעצט שרייען, — קומט, וואָס זיצט איר?! עס איז שפּעט!...

— ער האָט אַ כאַפּ געטאָןביידע, פּאָליאַן און קסעניאַן, פאַר די הענט, און פאַרגעזעצט שרייען, — אַן אידיאָט איז ער, מיין חבר מיכל, אַ געניאַלער געבוירענער אידיאָט!... זאָל ער זיך איבערשלאָפן און איבערדענקען וואָס ער גייט טאָן, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך מיט אים רעדן!...

ביידע, פּאָליאַ און קסעניאַ, האָבן אויסגעזעצט אין אַ געלעכטער. זיי האָט זיך איצט געדאַכט, אַז באָריס איז שוין ווידער אין אַ גוטער שטימונג און דאָס שפּאַסט ער אַזוי פון זיין חבר מיכל.

אַלע זענען אַוועק און מיכל איז געבליבן איינער אַליין.

ער איז צוגעגאַנגען צו דעם גרויסן פענצטער פון דעם גאַסט־צימער אין וועלכן ער איז געבליבן, נאָך דעם ווי אַלע האָבן אים פאַרלאָזט. דאָס פענצטער איז געווען צעפּראַלט. ער האָט אַרויסגעקוקט אַראָפּצו צו דער גאַס. דער אויפדערנאַכט איז געווען אַ ליכטיקער. די פיל ברענענדיקע לאַמ־טערנעס אויף די גאַסן און אין דעם פּאַרק, וואָס אַקעגן איבער, האָבן דעם אויפדערנאַכט נאָך ליכטיקער געמאַכט. פון דער הויך, פון דעם פינפטן שטאָק, זענען די מענטשן אויף די גאַסן און אין דעם פּאַרק פאַר מיכלס אויגן אויסגעקומען ווי קליינע באַשעפענישן, וואָס שמייען אַרום, זוכן עפּעס און געפינען גאָרנישט. ער איז אַוועק פון פענצטער און איז צו צום טיש, זיך אַוועקגעזעצט, זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און זיך אָנ־געשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אין טיש. די פלאַש בראַנפן, וואָס באָריס האָט אים געבראַכט אַלס מתנה, איז געשטאַנען אויפן טיש אַזאַ בייכיקע און מיט אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם האַלדז און האָט זיך ווי געגרייצט און געחוזקט פון אים. די טעלעכע גלעזלעך אויפן טיש, האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום דער פלאַש און האָבן אַ חוזקדיקן געלעכטער אויסגעקלאַפּט. ער האָט זיך האַס־

טיק אַ הייב געטאָן פון אָרט און איז צוגעלאָפן צוריק צום פענצטער. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַראָפּגעקוקט צום פּאַרק. צווישן די ביימער, אויף אַ באַנק, איז געזעסן אַ פּאָרל און זיך אומפאַרשעמט, פאַר אַלעמען אין די אויגן, געקושט. עפּעס אַן אָפּגעריסענער שיכור איז אַרומגעגאַנגען איבער דער אַלייע און געבעוועט אויף אַ קול: „יעשטשאָ ראַז דאַ יעשטשאָ ראַז״. חברהלייט, יונגע מיידלעך און יינגלעך זענען אים נאָכגעגאַנגען און האָבן פון אים געלאַכט מיט הויכע און רוישיקע געלעכטערס. אין אַ צווייטער אַלייע זענען יונגוואַרג געשטאַנען און געזונגען און געטאַנצט.

מיכל איז אַוועק פון פענצטער און איז צוריק צו צום טיש. ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטער און געטראַכט. עס האָט זיך אים אָבער נאָר אויסגעדאַכט, אַז ער טראַכט. אין קאָפּ איז אַלץ געווען פּוסט. פּלוצים האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די פלאַש בראָנפן און אָנגעגאָסן אַ פולע גלאָז. ער האָט געכאַפּט די גלאָז מיט בראָנפן און איז צוריק צוגעקומען צום פענצטער. ער האָט ווידער אַראָפּגעקוקט. די גאַסן זענען שוין געווען פּוסטלעך. איינצלנע מענטשן זענען אין איילעניש איבער די גאַסן געגאַנגען. אין פּאַרק איז געווען שטיל. די געזאַנגען, טענץ און די ווילדע געלעכטערס, צוזאַמען מיט די לוסטיקע אַמוזירנדיקע יינגלעך און מיידלעך, זענען פון דעם פּאַרק פאַרשוונדן געוואָרן. געבליבן זענען נאָר אויף איין באַנק דאָס פאַרליבטע פּאָרל וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געקושט, און דער אָפּגעריסענער שיכור וועלכער האָט זיך צעלייגט אויף אַ באַנק אַקעגן זיי.

מיכל האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט דער גלאָז בראָנפן דורכן צעעפנטן פענצטער און ער האָט אויסגעשריגן:

— לחיים וועלט!...

ער האָט מיט איין שלונג אויסגעטרונקען די ביטערע פליסיקייט און אַ וואָרף געטאָן די גלאָז דורכן פענצטער צו דער גאַס אַראָפּ. עס האָט זיך דערהערט אַ טראַסק. ער איז באַלד ווידער צו צום טיש און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די פלאַש. ער האָט זי צוגעטראָגן צום מויל און האָט אָנגעהויבן זופּן. ער האָט געטרונקען און געשלונגען דעם בראָנפן לאַנגזאַם... אין די שלייפן האָט אים אָנגעהויבן צו האַקן ווי מיט האַמערס און שטעכן ווי מיט מעסערס. די פיס זענען אים אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ הייסן זודיקן בליי. עס איז אים געוואָרן ביטער און טרויעריק. דאָס האַרץ האָט געברענט. די נשמה האָט געוויינט. ער האָט דאָס לעצטע ביסל בראָנפן פון דער פלאַש אויסגעזויפט און ער האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אויפן פּאָל. ער האָט זיך אויסגעצויגן

און זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פֿאַרן קאָפּ. ער האָט זיך צעוויינט מיט אַ שטילן, כליפּעדיקן געוויין. ער האָט זיך פֿאַרכלינעט אין זיין געוויין מיט אַ יסורימדיקן געשריי:

— אוי, ס'אַ שלעכטע וועלט, אַ נימאוסע וועלט!...

ער האָט זיך געוואַלגערט אויפֿן פּאָל און ער האָט זיך געקלאַפּט מיט אַ פֿויסט אין האַרצן, שרייענדיק:

— וואָס איז דען אַ מענטש? אַ מענטש איז אַ פֿערד! וווהין מען טרייבט אים אַהין גייט ער!...

ער האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געוואַלגערט אויפֿן פּאָל, איינגעשלאָפֿן און ווידער זיך אויפֿגעכאַפּט, געוויינט און געלאַכט. ענדלעך איז ער אַ מידער, כמעט אַ פֿאַרחלשטער פֿאַרטאָג־צו איינגעשלאָפֿן. ער האָט גאָרנישט גע־הערט און ער האָט גאָרנישט געפֿילט. עס איז געווען אַ שווערער און אַ טי־פֿער שלאָף.

.32

אין דעם קרעמל איז אָנגעגאַנגען דער באַנקעט.

עס איז נישט געווען קיין געוויינלעכער היימישער באַנקעט, אַ הו־ליאַנקע, וואָס פֿון צייט צו צייט האָט איינער פֿון די קרעמל־קאָמיסאַרן ביי זיך אין הויז געפּראַוועט. דאָס איז געווען אַ חתונה. דער שעף פֿון דעם קרעמלס וואַך, גענעראַל סמירנאָוו, האָט באַקומען פּערזענלעך פֿון סטאַלי־נען אַ דערלויבעניש צו פּראַווען אַ חתונה פֿון זיין אַכצן־יאָריקער טאָכטער מיט זיין אַדיוטאַנט, דעם שיינעם און יונגן קאַפּיטאַן מאַקאַראָוו. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלץ איז צוגעגאַנגען שטרענג געהיים. די איינלאַדונגען זענען געווען אויסשליסלעך פֿאַר אינעווייניקסטע קרעמל־מענטשן. מען האָט זיי אָבער דערלויבט מיטצוברענגען אַלס געסט זייערע ווייבער און קינדער, נישט געקוקט אויף דעם וואָס מען האָט דערוואַרט, אַז סטאַלין מיט זיין פּרוי וועלן געוויס אויך אויף אַ קורצער צייט זיך אַריינכאַפּן און זיך באַטייליקן אין דער שמחה.

דער שעף פֿון דער קרעמלס וואַך האָט פֿאַרנומען אַ הויז, וועלכעס איז געשטאַנען נישט ווייט פֿון דער הויכער קרעמל־וואַנט, אין דער זייט פֿון דעם מאָסקווער טייך. צוויי באַוואָפֿנטע וועכטער זענען טאָג ווי נאַכט גע־שטאַנען און באַוואַכט דאָס הויז. נישט ווייט פֿון דאַנען זענען געשטאַנען צוויי נייע אויסגעבויטע הייזער, אין אַ סטיל פֿון אַ שטרענגער פּירקאַנטיקייט.

זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי תפיסות. איינס פון די־אָ צוויי הייזער איז געוועזן אויסשליסלעך און נאָר פאַר סטאַלינען זעלבסט. דאָס צווייטע הויז — פאַר זיין ווייב אַלעלויעוואַ און פאַר די קינדער וועלכע ער האָט געהאַט מיט איר ווי אויך די קינדער פון זיין ערשטער ווייב און פון זיינס אַן אומגעקומענעם פריינד, וואָס ער האָט זיי אַדאָפּטירט.

אַלעלויעוואַ איז געוועזן אַ סך יינגער פון סטאַלינען. זי איז געוועזן אַ מוסטער פון אַן עכט־רוסישער שיינהייט. אָבער סטאַלין האָט זיך קיין מאָל מיט איר אין דער עפנטלעכקייט נישט באַוויזן. לויט סטאַלינס באַפעל האָבן די פרויען און קינדער פון די קאָמיסאַרן, גענעראַלן, דיפּלאָמאַטן און אַנדערע וויכטיקע פּאַרטיי־מענטשן, סיי אַזעלכע וואָס לעבן אין קרעמל און סיי אַזעלכע וואָס אַרבעטן נאָר אין קרעמל און לעבן אין שטאָט, — נישט געטאָרט בייזיין אויף די באַנקעטן און הוליאַנקעס, וועלכע זענען אין קרעמל געפּראַוועט געוואָרן. לעצטנס האָט ער דעם באַפעל אַנולירט, און פאַרקערט, ער האָט גאָר געצוואונגען זיינע אונטערטעניקע אַרויסהעלפער, אַז זיי זאָלן ברענגען מיט זיך זייערע ווייבער און קינדער, און ער האָט דערביי באַפוילן אַראָפּצוברענגען אין דעם קרעמל וואָס מערער שיינע און יונגע באַלעטטענצערינס און אָפּערע־זינגערס. איינצייטיק מיט דעם האָט ער באַפוילן דעם שעף פון דעם קרעמלס וואַך צו פאַרטאָפּלען די צאָל פון די וואַךסאָלדאַטן און פון די ציוויל־געקליידטע געהיימע אַגענטן פון דעם קרעמלס ספּעציעלער פּאָליציי.

סטאַלין איז געוועזן פריי פון אַ סך טעטיקייטן. ער איז געוועזן נאָר דער קאָפּ און דאָס אויג פון אַלץ וואָס אין קרעמל און אין לאַנד האָט זיך אָפּגעטאָן. הענט און פיס, וואָס האָבן פאַר אים געטאָן די אַרבעט, האָט ער געהאַט אין די טויזנטער. דאָס זענען געוועזן געטרייע, פאַרטשאַדעטע שקלאַפן באַפּוצטע מיט שיינענדיקע, צאַצקעדיקע אָרדנס און מעדאַלן, און געקרוינטע מיט פאַרשיידענערליי קאָמיסאַרסקע ראַנגען און טיטלען.

אין לאַנד איז געוועזן שטיל און רויק. אויף יענער זייט פון די קרעמלער ווענט האָט דאָס פאָלק גאָרנישט געוווסט וועגן סטאַלינס פּערזענלעך און פּריוואַטן פאַמיליען־לעבן. מען האָט נישט געוווסט געווי ווער זיין ווייב איז און וויפל קינדער ער האָט. קיינער האָט וועגן דעם נישט גערעדט, כאָטש עס האָט אַלעמען אינטערעסירט, אָבער מען האָט מורא געהאַט אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם... מען האָט נאָר געוווסט:

סטאַלין שטעלט מיט זיך פֿאַר אַלץ וואָס עס איז גוט, גרויס און מעכ־טיק!...

סטאַלין איז ווי אַ גאָט. פֿרעגט דען אַ מענטש צי גאָט האָט אַ ווײַב און קינדער?...

די חתונה־צערעמאָניע איז באַשטאַנען אין דעם וואָס דער סעקרעטאַר פֿון דעם פּאַרטיייִשן קאָמערל פֿון דעם קרעמלס וואָך האָט געהאַלטן אַ פֿיי־ערלעכע רעדע. דערבײַ האָט ער דערמאָנט, אַז די דערפֿער זענען שוין אײַנ־גאַנצן קאָלעקטיוויזירט, אַז אין די שטעט וואַקסט די אינדוסטריאַליזאַציע, און אַז מען וועט נאָך דעריאָגן און אַריבעריאָגן די קאַפּיטאַליסטישע אַמע־ריקע, און אַז די רויטע פֿאָן פֿון קאָמוניזם וועט נאָך פֿלאַטערן איבער דער גאָרער וועלט. ער האָט קונציק אַרײַנגעפֿלאָכטן די נעמען פֿון חתן־כּלה, זיי געלויבט ווי געטרײַע יונגע קאָמוניסטן און ער האָט געענדיקט זײַן רעדע מיט אַ טאָסט פֿאַר זייער געזונט, פֿאַרן געזונט פֿון די געסט, און פֿאַרן גע־זונט פֿון דעם פֿאָטער און פֿירער, דעם קלוגן און גוטן חבר סטאַלין.

מען האָט געשריגן „הוראַ". מען האָט געטרונקען „לחיים". מען האָט געגעסן און מען איז געווען פֿייערלעך און פֿרײַלעך אויפֿגעלייגט.

אויבן־אָן, לעבן חתן־כּלה, איז געזעסן סטאַלין. ער האָט ווייניק גע־געסן. ער האָט אויך קיין סך נישט געטרונקען. ער האָט ליב געהאַט טענץ, געזאַנג און מוזיק. ער האָט זיך צוגעהערט צו די זינגערקעס און זיך צוגע־קוקט צו די טענצערקעס, און פֿון צײַט צו צײַט האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף די מענטשן בײַ די טישן. ער האָט אָפּט מאָל פֿאַרהאַלטן זײַן בליק אויף אַ יונגער פֿרוי אָדער אַ מיידל. דערנאָך האָט ער די אויגן אַראָפּגעלאָזט און גענומען פֿון טיש אַ גלאָז ווײַן און אַ קאַרגן זופּ געטאָן.

הינטער סטאַלינען זענען געזעסן צוויי מענטשן, ביידע שוואַרצע, מיט לענגלעכע און אַביסל אויסגעקרימטע נעזער. זייערע האָר, אויף די קעפּ, זע־נען געווען ווי סמאָלע, אַזוי שוואַרץ און דיק. די וואָנסעס אַראָפּגעהאַנגענע און האָבן אַזש פֿאַרשטעלט זייערע מײַלער. זיי זענען געווען טיפּיש קאַווקאַ־זישע מענטשן, גרוזינער אָדער אַרמענער, און זיי זענען זייער ענלעך גע־ווען צו סטאַלינען. דאָס זענען געווען סטאַלינס פּערזענלעכע וואַך־לייט. פֿון ווײַטן, און פֿאַר אַ מענטשן וואָס האָט פּערזענלעך סטאַלינען קיין מאָל נישט געזען, וואָלט מען גאָר איינעם פֿון די צוויי „וואַך־לייט" געקענט אָננעמען פֿאַר סטאַלינען.

סטאַלינס ווייב, די פּעטלעכע און שיינע אַלעלויעוואַ, איז געזעסן באַ־זונדער, ביי אַ טישל, צוזאַמען מיט עפּעס אַ הויכן אָנגעשטעלטן פון קרעמל. זי האָט פּיל געגעסן, געטרונקען און לעבהאַפטיק געשמועסט. דער מענטש אַקעגן איר האָט דעם שמועס אירן אונטערגעהאַלטן און פון צייט צו צייט איר אין די אויגן אַריינגעקוקט און שטיל געלאַכט. אַלעלויעוואַ האָט קיין איינציק מאָל צו סטאַלינען קיין קוק נישט געטאָן.

באָריס מיט פּאָליאַן און קסעניאַן זענען געזעסן ערגעץ פאַררוקט, ביי אַ טיש, צוזאַמען מיט אַנדערע צווילע און מיליטערישע מענטשן. כמעט אַלע זענען זיי געווען באַהאָנגען מיט פולע ברוסטן שיינענדיקע אָרדנס און מע־דאַלן.

באָריס האָט פאַר די מענטשן פאָרגעשטעלט קסעניאַן. פּאָליאַ האָט זיי שוין אַלעמען גוט געקענט. קסעניאַ האָט זיך מיט די מענטשן באַלד דער־פילט זייער היימיש. זי, מיט איר שיין בלוי־זיידן קלייד פון וועלכן אירע פולבלעכע נאַקעטע בריסטן און נאַקעטע הענט האָבן ווי אויסגעטאָקטער און איידעלער ווייסער מאַרמאָר זיך באַוויזן, און מיט דעם רויט־בלוטיקן באַנד, אויף וועלכן אַ גילדענער מעדאַל איז אַראָפּגעהאַנגען, אויף דער לינקער זייט פון איר רייצנדיקן בוזעם, — זי האָט דאָ זיך באַלד דערפילט היימיש. דאָך האָט דער שיינער שמייכל פון אירע ליפּן דעם סוד פון איר דאָרפישער נאַיוויטעט אויסבאַהאַלטן נישט געקענט. עס איז דאָך אַ שרעק אין איר האַרצן געווען... אַ קליינינקייט, זי איז אין קרעמל, אין דעם זעלבן צימער, צווישן די גרויסע קאָמיסאַרן, און מיט סטאַלינען פון אויבן־אָן!...

באָריס, אין זיין שוואַרצער טאָקסידאָ, האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ יונ־גער אַמעריקאַנער מיליאָנער, וואָס האָט צופעליק אין דעם קרעמל פאַר־בלאָנדזשעט. זיין גרויסער קאָפּ איז געווען פאַרריסן. ער האָט דעם קאָפּ גע־האַלטן הויך און שטאָלץ. דער צוגעטשעפּעטער לענין־אָרדן, אויף דעם לאַץ פון דער טאָקסידאָ, האָט די גאַנצע אילוזיע, אַז ער זעט אויס ווי אַ יונגער אַמעריקאַנער מיליאָנער, צעשטערט. זיין גרויסע ברוסט און זיינע גרויסע געזונטע הענט האָבן עדות געזאָגט, אַז דער־אַ מיליאָנערסקי־געקליידטער יונג קען געבן פּעטש. ער האָט כמעט גאָרנישט גערעדט. זיין בליק איז די גאַנצע צייט געווענדט געווען צום אויבן־אָן, ווו חתן־כלה, און ווו סטאַלין זענען געזעסן.

פּאָליאַ איז געווען סימפּאַטיש, שיין און רייך געקליידט. זי האָט אָבער נישט מיט איר שיינקייט און נישט מיט איר קליידונג קיינעם נישט איבער־

ראַשט. עס האָבן זיך דאָ געפונען פיל פרויען און מיידלעך, וועלכע האָבן אין די אויגן פון אַ מאַן געהאַט דעם זעלבן חן און דעם זעלבן ווערט וואָס זי... אָבער קסעניאַ, זי האָט זיך ווירקלעך אויסגעטיילט פון צווישן אַלע געסט.

פלוצים האָט זיך סטאַלין אויפגעהויבן פון זיין אָרט. אַלע מענטשן וואָס זענען געזעסן ביי די טישן און געגעסן האָבן זיך אויך אויפגעהויבן. אָבער סטאַלין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן און זי באַלד אַראָפּגעלאָזט. אַלע האָבן זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זייערע ערטער. סטאַלין איז פּאַמעלעך, מיט די הענט אויף הינטן אַרומגעגאַנגען איבער דעם גרויסן צימער. די צוויי באַוואַכער וועלכע זענען די גאַנצע צייט געזעסן הינטער אים, זענען אים ווי שאָטנס נאָכגעגאַנגען. קסעניאַ האָט געקוקט אויף די דריי שפּאַצירנדיקע מענטשן און נישט געוווסט אויף קלאָר ווער פון זיי איז סטאַלין און ווער פון זיי איז סטאַלינס היטער... אַלע מאָל האָבן זיך אַלע דריי אָפּגעשטעלט ביי עפּעס אַ טישל, אַ קוק געטאָן אויף די מענטשן, קוים עפּעס ענלעכס צו אַ שמייכל פון זייערע שוואַרצע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס באַוויליקט און זיי זענען געגאַנגען ווייטער. ביים טיש, ווו באָריס מיט פּאָליאַן און קסעניאַן זענען געזעסן, האָבן זיך די דריי אַביסל לענגער פּאַרהאַלטן. די גילדענע שיין פון דעם מעדאַל אויף קסעניאַס קלייד האָט זיך באַהעפט מיט דער ווייסקייט פון איר חוצפּהדיק־נאַקעטער ברוסט און טייוולאָניש געריצט די דריי מענער, וועלכע זענען געשטאַנען אַקעגן איר. אַ ציטער איז אויף איר לייב אָנגעפאַלן. זי האָט זיך קוים באַהערשט. זי האָט מיט אַ הייליקן פייער אין אירע אויגן אַרויפגעקוקט צו איינעם פון די דריי, וועלכער איז געווען אָנגעטאָן אין פּראָסטע כאַקי־קליידער און מיט גלאַנצי־קע פויערישע שטיוול אויף די פיס. זי איז זיכער, אַז דאָס איז סטאַלין. אַזאַ־אָ האָט זי אים אויף פיל פּאָרטרעטן געזען. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר קינדהייט, ווען איר מוטער פלעגט נאָך מיט איר אין קלויסטער גיין. אַזאַ געפיל ווי איצט האָט זי דעמאָלט געהאַט, ווען זי האָט צו דעם נאַקעטן מענטשן אויף דעם צלם אַרויפגעקוקט. די מוטער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס איז גאָט.

דער מענטש, וועלכן קסעניאַ האָט אָנגענומען פאַר סטאַלינען, האָט איר געפרעגט:

— וואָס איז דיין נאָמען?

— קסעניאַ! — האָט זי מיט אַ קול פון אַ תפילה געענטפערט.

— קסעניאַ?... אַ שיינער נאָמען!... איז פּאַרוואָס, קסעניאַ, טראָגסטו אַ מעדאַל אויף דיין ברוסט? וואָס האָסטו אַזוינס אויפגעטאָן, וואָס מען האָט דיר מיט אַ מעדאַל באַלוינט?

— איך האָב געהאָלפן איינשטעלן אָרדענונג אין אונדזער דאָרף און אָרגאַניזירן אַ גוטן קאָלכאָז! — האָט זי זיך דרייסטער און היימישער דער־פילט, — פאַר גוטער און אויסגעצייכנטער אַרבעט האָט מען מיר דעם־אָ מעדאַל באַלוינט!

דער מענטש אין די פּראָסטע כאַקי־קליידער האָט זיך צעלאַכט.

— אינטערעסאַנט!... דו, קסעניאַ, ביסט מיר שולדיק אַן ערשט־האַנ־טיקע אינפאָרמאַציע וועגן דעם קאָלכאָז!...

סטאַלין איז אַוועק פון דעם טיש. ער האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אַ ווײַלע מיט זיינע פאַרלייגטע הענט אויף הינטן און האָט זיך פּלוצים געלאָזט גיין צו דער טיר. די צוויי מענטשן הינטער אים זענען אים נאָכגעגאַנגען. אַלע דריי האָבן פאַרלאָזט די חתונה.

ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע הוליאַנקע, די אמתע חתונה.

מען האָט די טישן און די בענקלעך אַרויסגעטראָגן. מען האָט נאָר אי־בערגעלאָזט די טישן און בענקלעך וועלכע זענען ביי די ווענט געשטאַנען. אַ קאַפּעליע מוזיקאַנטן, אויסגעפּוצטע אין פראַקן, זענען מיט זייערע פיד־לען, טרומייטן און סאַקסאָפאָנען אָנגעקומען, און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויבן־אָן, דאָרט ווו חתן־כלה און סטאַלין זענען פריִער געזעסן, און האָבן אַ קנאַק געטאָן מיט אַ פריילעכער רוסישער טאַנץ־מעלאָדיע, אַ קאָמאַרינסקע. באַלד זענען אַלע געסט אַוועק אין אַ טאַנץ. מען האָט זיך געדרייט אין אַ קאַראַהאָד. מען האָט צוגעטופּעט מיט די פיס. מען האָט נישט געדענקט ווער מיט וועמען עס טאַנצט און אויף וואָסערער וועלט מען געפינט זיך, ווייל אַזוי רוישיק, לעבעדיק און פריילעך איז געווען.

באָריס האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז קסעניאַ איז נישטאָ. ער איז געווען פאַרזאָרגט. פאָליאַ האָט געוואָלט זיך נאָכפרעגן, אָבער באָריס האָט איר פאַר־באָטן דאָס צו טאָן. אומדערוואַרט איז דער באַלעבאָס פון דעם הויז, דער שעף פון דער ספּעציעלער קרעמלס וואַך, צוגעקומען צו באָריסן און אים געמאָלדן:

— טאָוואַרישטש גאַרבער, דאָס מיידל, וועלכע דו האָסט מיט זיך מיט־געבראַכט, וועט זיך אַביסל פאַרזאַמען. דאַרפסט נישט זאָרגן. מען וועט זי אָפּפירן אַהיים!...

אין דעם טאָן פון דעם גענעראַלס ווערטער, האָט שוין באָריס פאַר־שטאַנען, אַז אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג און אַז עס איז זיך נישטאָ וואָס צו ערגערן. ער האָט דאָס דערקלערט פּאַליאַן און זי האָט זיך אויך באַרויִקט.

עמיצער האָט געהאַט מיט קסעניאַן געטאַנצט. ער איז געווען אַ יונגער, אַ דאַרער מיט אַ ווייבלעכן טרויעריקן פּנים פון אַ יעוונוך. אין מיטן טאַנץ האָט ער צו קסעניאַן געזאָגט: „קום אַרויס אין דרויסן. איך וועל דיר באַ־ווייזן דעם גאַנצן קרעמל!"... זי האָט נישט באַוויזן עפּעס צו ענטפערן. זי איז געווען צעטומלט און איבערראַשט. זי האָט נאָר געפילט ווי אַ דאַרע און אייזערנע האַנט האַלט זי פעסט און פירט זי אַרויס פון דעם טאַנצנדיקן קאַ־ראַהאָד. זי האָט נישט געדענקט ווי אַזוי זי איז איבער די פוסטע געסלעך פון דעם קרעמל אומגעגאַנגען. דער מענטש וואָס האָט זי באַגלייט, האָט זי צוגעפירט צו עפּעס אַ הויז, זי אַרויפגעפירט אויף טרעפּ, און אין אַ קאָרי־דאָר, לעבן אַ טיר זי איבערגעלאָזט, און אַליין איז ער פאַרשוווּנדן. באַלד האָט זיך די טיר געעפנט און עס האָט זיך דערהערט אַ קול:

— קום אַריין!...

זי האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל. זי איז געבליבן שטיין אין מיטן פון אַ צימער. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. עס איז געווען טונקל. עס האָט פון אַ באַהעלטעניש געשיינט אַ מוטנע גרינע ליכט. עס איז געווען שווער עפּעס צו זען און עפּעס צו דערקענען. זי האָט זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו דער גרינער טונקעלער שיין. זי האָט באַמערקט. עס איז געווען אַ געוויינלעכער צימער. צווישן צוויי פענצטער, פאַרהאַנגענע מיט שווערע רויט־פּליושענע גאַרדינען איז געשטאַנען אַ שרייבטיש. פון יענער זייט שרייבטיש איז גע־שטאַנען אַ לעדערנער שטול. איין וואַנט איז געווען פון דעם פּאָל ביז צו דער סטעליע פול מיט ביכער, אויף פּאָליצעס איינגעבויטע אין דער וואַנט. ביי אַ צווייטער וואַנט איז געשטאַנען אַ לעדערנער דיוואַן. אויף דעם דיוואַן, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן זיידענעם כאַלאַט, איז געזעסן אַ מענטש. זי איז נישט געווען זיכער צי זי האָט אים דערקענט ווער ער איז...

— קום אַהער! זעץ זיך אַוועק לעבן מיר און דערצייל מיר וועגן דעם קאַלכאָז! — האָט דער מענטש באַפוילן.

זי האָט געוווּסט, אַז דאָס איז איינער פון די דריי, וועלכער האָט מיט איר גערעדט. זאָל דאָס זיין סטאַלין?...

זי איז צוגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן דיוואַן און אַ קוק געטאָן אויף אים און געטראַכט: „גייט אים טאַקע אַזוי אין לעבן אין מיטן

דער נאַכט צו רעדן מיט מיר וועגן אַ קאַלכאָז פון וועלכן איך בין נאָך מיט צוויי יאָר צוריק אַוועק?"

זי האָט געזאָגט:

— איך בין שוין צוויי יאָר פון דאָרף. מיין אינפאָרמאַציע איז שוין היינט נישט וויכטיק!

— אַזוי, אַזוי... צוויי יאָר, זאָגסטו?... נו, פאַרפאַלן!... וועלן מיר נישט רעדן וועגן קאַלכאָז.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער. זי האָט אים נאָכגעקוקט און געטראַכט: „ניין, דאָס איז נישט סטאַלין!... און אפשר יאָ?"... ער איז צוריק אַריינגעקומען. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ טעצל מיט צוויי גלעזער און אַ פלאַש מיט ווייַן. ער האָט דאָס טעצל אַוועקגע־שטעלט אויפן דיוואַן צווישן זיך און קסעניאַן. ער האָט געזאָגט:

— טרינק פאַר מיין געזונט!

קסעניאַ האָט גענומען די גלאָז ווייַן, וואָס ער האָט איר דערלאַנגט.

— פאַר אייער געזונט!... — זי האָט געוואָלט צוגעבן: „טאָוואַרישטש סטאַלין", — אָבער זי האָט מורא געהאַט, ווייל זי איז נישט געווען אינגאַנצן זיכער צי דאָס איז טאַקע ער.

ער האָט זיך אויך אָנגעגאָסן אַ גלאָז ווייַן און געזאָגט:

— פאַר דיין געזונט!...

ביידע האָבן אויסגעטרונקען. ער האָט באַלד צוגענומען דאָס טעצל מיט דער פלאַש ווייַן און מיט די צוויי גלעזער, און דאָס אַלץ געשטעלט אויפן שרייבטיש. ער האָט זיך צוריק געזעצט אויף דעם דיוואַן און גענומען קסע־ניאַס האַנט אין זיינער. זי האָט זיך נישט געחידושט. זי האָט איצט שוין געוווּסט וואָס ער וויל... „נו, מילא, — האָט זי געטראַכט, — עס איז נישט געפערלעך. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַ מענטש, גלייך מיט אַלעמען!"...

דער ווייַן איז געווען זיס און שטאַרק. אַן אַלטער, אויסגעשטאַנענער ליקער. זי האָט זיך געפילט אַביסל שיכורלעך. זי האָט אָבער אַלץ מיט פו־לער קלאָרקייט באַגריפן. זי האָט אָבער נישט געטראַכט זיך ווידערצושטעלן אויב עפּעס וועט געשען...

— וואָס טוסטו איצט, — האָט ער איר געפרעגט, — דו אַרבעטסט ווו?

— איך אַרבעט נישט, איך לערן. איך שטודיר אויף דאָקטער. איך בין אויף דעם ערשטן קורס פון דעם מעדיצינישן אינסטיטוט!

— אַזוי?... עס קומען דאָך איצט פאַר עקזאַמענעס!

— יאָ! — האָט זי געענטפערט. זי האָט באַשטימט, אַז פון איצט אָן זאָל זי זיין מער פּאַרזיכטיק מיט אירע רייד. זי וועט אים גאָרנישט זאָגן, גאָרנישט דערציילן נישט וועגן זיך און נישט וועגן מיכאַ׳לן. זי וועט נאָר ענטפערן קורץ אויף זיינע געשטעלטע פראַגן, און ווי מעגלעך נאָר מיט אַ „יאָ״ אָדער „ניין״. זי האָט איצט קלאָר באַגריפן וואָס פאַר אַ געפערלעכע שפּיל עס קען אַרויסקומען פון דעם פאַרברענגען אין מיטן דער נאַכט מיט אַ מענטשן אין דעם קרעמל, אַ מענטשן וועלכן זי קען נישט און ווייסט נישט... און פיליכט איז ער טאַקע סטאַלין?... זאָל זי אים פרעגן צי ער איז סטאַלין?... אָ, ניין!... זי טאָר זיך נישט פאַרלירן!... זי מוז זיך קענען האַלטן אַזוי „דיפּלאָמאַטיש״ אַז זי זאָל קענען אַ לעבעדיקע צוריק אַהיים קומען!

— און דו האָסט שוין אָפּגעגעבן אַלע עקזאַמענעס? — האָט ער אַלץ געפרעגט.

— ניין!...

— נו, און אויסער די עקזאַמענעס, וואָס טוסטו?

— גאָרנישט!...

— גאָרנישט? דו ביסט באַשיידן, און דאָס פּאַסט גאָר אַבסאָלוט נישט פאַר אַ באָלשעוויק און דערצו נאָך אַ פּויערטע וואָס האָט אַ דרייסטקייט צו שטודירן און וועלן ווערן אַ דאָקטער! אָ, זייער גוט טוסטו! מיר נייטיקן זיך אין אַ נייער, אין אַ קאָמוניסטישער אינטעליגענץ. מיר דאַרפן טאַקע האָבן אונדזערע אייגענע דאָקטוירים!

— איך ווייס דאָס.

דער מענטש האָט גענומען איר האַנט אין זיינער און זי שטאַרק אַ דריק געטאָן.

— דו געפעלסט מיר!...

איצט האָט ער אויף איר געקוקט מיט אַ בליק פון אַ מאַן וואָס איז ניי־געריק נאָך ליבע. זי האָט פאַרשטאַנען דעם בליק. זי האָט געטראַכט: „דער־אַ מענטש, ווער ער זאָל נישט זיין, איז ער אַ גרויסע מאַכט. זי וועט זיך זיין ווילן נישט קעגן שטעלן״. ער האָט זי אַ ציִ געטאָן צו זיך. זי איז געפאַלן צו זיין ברוסט און ווי אַ קינד צו אַ פאָטער זיך צוגעטוליעט. זי האָט דער־פילט, אַז זיין האַרץ קלאַפּט שטאַרק. זיינע הענט זענען איבער איר לייב אַרומגעגאַנגען, זיך געגליטשט איבער דעם זייד פון איר קלייד, פון די אַקסלען אַראָפּ ביז צו אירע פיס, און פון דער רעכטער זייט פון איר טאַליע, אויף לינקס, ביז צו איר בויך.

זי האָט זיך דערמאָנט אין אַ מעשה, וואָס זי האָט אַמאָל געלייענט, וועגן אַן אַראַבישן שייך, אַן אַזיאַטישן קעניג, וועלכער האָט געהאַט אַ טבע יעדע נאַכט צו פאַרברענגען מיט אַן אַנדער שיין מיידל, און אויף אין דער פרי האָט ער זי געהייסן טויטן. אַ פחד איז איר באַפאַלן.

אָבער מער טראַכטן האָט זי נישט געקענט. ער האָט זי צערטלעך גע־גלעט און געקושט. זי האָט זיך באַרויִקט. זי האָט שוין מער קיין מורא נישט געהאַט. זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט זיכער און באַשיצט אין זיינע אָרעמס. זי האָט אָנגעהויבן איינדרימלען. זי האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגע־וועקט. זי איז געלעגן אין אַ בעט. לעבן איר איז געלעגן עפּעס אַ מענטש. פון אָנהייב־אָן האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס איז מיכאַיִל, דערנאָך האָט זי זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ פרעמדער. זי האָט זיך באַדענקט און זיך דער־מאָנט אין אַלץ וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. דער פרעמדער מענטש האָט זי געקושט מיט ווילדקייט און זיך אָנגעלענט אויף איר... זי איז דערנאָך צו־ריק אַנטשלאָפן געוואָרן.

דאָס מאָל האָט איר שלאָף צעשטערט נישט די אָרגיע פון דער ווילדער ליבע, אַן אָרגיע וועלכע האָט זיך עטלעכע מאָל ווידערהאָלט, נאָר אַן אַליאַ־רעם פון אַ זייגער. זי האָט זיך אויפגעוועקט און דערזען ווי אַ בלויע ווייס־קייט פון אַ באַגינען קוקט אַריין דורך די פענצטער. „עס טאָגט שוין" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן און זיך אַרומגעקוקט. זי איז געווען איינע אַליין. ווי אַ קאַשמאַר איז דאָס אַלץ פּאַסירטע צו איר צוריק געקומען. זי האָט גע־ציטערט פון שרעק. אויף אַ בענקל, לעבן בעט איז געלעגן איר קלייד און אירע אונטערוועש. די שיך און די זאָקן אירע זענען געלעגן אונטערן בענקל. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער ערנסטישער געדולדיקייט פון דעם מיסטע־ריעזן מענטשן, וועלכער האָט מיט אַ טייוולאָנישער פּאַמעלעכקייט פון איר אַראָפּגעשלעפּט איר אָנטאָן. זי איז פלינק אַראָפּ פון בעט און האָט זיך גיך געגומען צוריק אָנטאָן.

זי איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם שלאָף־צימער. זי איז געבליבן שטיין אין דעם צימער מיט דעם ביכער־שראַנק פון פּאָל ביז צו דער סטעליע, מיט דעם לעדערנעם דיוואַן ביי אַ וואַנט און מיט דעם גרויסן שרייבטיש צווישן צוויי פענצטער. זי האָט געעפנט די טיר, וואָס פירט צום קאָרידאָר. זי האָט דערקענט די טרעפּ. זי האָט דערזען אַן אויסגעדאַרטן מענטש מיט אַ ווייב־לעך פּנים. זי האָט אים דערקענט. ער האָט מיט איר געטאַנצט, דערנאָך איז ער מיט איר איבער די פּוסטע קרעמלס גאַסן אַרומגעגאַנגען און צום סוף

האָט ער איר אָהער געבראַכט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף אים גאָר נישט פרעגן. ער איז צוגעקומען צו איר און זי גענומען פאַר דער האַנט.

— קום, איך וועל דיך אָפּפירן אַהיים!...

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ פאַרמאַכטער, שוואַרצער אויטאָמאָביל. זי איז אַריין און זיך שנעל אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט פון דעם געזעס. דער מענטש מיטן ווייבלעכן פנים האָט איר געפרעגט ווו זי וווינט. זי האָט אים געזאָגט איר אַדרעס און זי האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, ווען דער אויטאָמאָביל איז אַרויסגעפאָרן פון קרעמל און האָט זיך געלאָזט יאָגן איבער באַקאַנטע גאַסן, וואָס פירן צו דעם פּלאַץ ווו זי וווינט.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם גרויסאַרטיקן נייעם מויער פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטייִשע און רעגירונגס־טוער. זי איז אַרויס פון דעם אויטאָמאָביל און זיך געלאָזט לויפן איבער די טרעפּ פון דער פאַראַדנער טיר צום פינפטן שטאָק אַרויף. ווען זי איז אַריין אין שטוב האָט זי דערזען ווי מיכל וואַלגערט זיך אויפן פּאָל מיטן אָנטאָן און לעבן אים וואַלגערט זיך די אויסגעליידיקטע פלאַש פון בראָנפן. ער איז געלעגן מיטן בויך צום פּאָל, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער רעכטער האַנט און די פיס צעשפּרייט. ער האָט שווער געכראָפּעט. קסעניאַ איז געבליבן שטיין איבער אים און אים באַטראַכט. זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל אין אַזאַ־אָ צושטאַנד געזען. זי איז אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער, זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט און זיך שטאַרק צעוויינט.

.33

אין אַ צייט אַרום איז מיכל און קסעניאַ געווען ביי באָריסן צו גאַסט. פּאָליאַ האָט, ווי איר שטייגער פאַר די לעצטע פאַר יאָר, זיך פאַרנומען מיט שטוב־זאַכן, מיטן קינד און מיט דער קיך. זי האָט קסעניאַן צו זיך אין קיך פאַרבעטן און ביידע חברטעס האָבן אָנגעהויבן צו טרייבן פּליאָטקעס און רעדן רכילות אויף אַ שיינעם, הויך־געזעלשאַפטלעכן שטייגער, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר דער נייער, סאָוועטישער אַריסטאָקראַטיע וואָס שטייט נאָענט צום קרעמל. קיין פּאָליטיק איז אין קיך נישט גערעדט געוואָרן. די־אָ צוויי פרויען, קאָמוניסטקעס, האָבן זיך מיט קיין פּאָליטיק שוין מער נישט אינ־טערעסירט. זייער פאַרגעניגן איז איצט באַשטאַנען אין רעדן און באַרעדן,

אויף אַ לייכטן און שיינעם אופן, די מענער און ווייבער פון אַנדערע קאָ־מוניסטן.

„געהערט? אַסטינאַוו און כאַכלאָוו האָבן זיך אויף אַ וואָך מיט זייערע ווייבער געביטן!"...

„מיר דאַכט, אַז דאָס איז שוין צו ווילד. עס מאַכט זיך, אַז מען פאַר־ברענגט אַמאָל אַן אויפדערנאַכט!... אָבער זיך בייטן אויף אַ גאַנצע וואָך?"...

מען האָט אויך גערעדט וועגן באַקאַנטע מיידלעך וואָס האָבן געבוירן קינדער און ווייסן אַפילו נישט ווער די פאָטערס זענען, ווייל זיי האָבן נישט געפירט קיין חשבון פון די מענער מיט וועלכע זיי האָבן זיך אין פאַר־שיידענע צייטן באַגעגנט.

אויף אַ ווײַלע איז קסעניאַ טרויעריק געוואָרן. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי פילט עפּעס אין איר בויך, אונטער איר האַרצן... וואָלט זי זיכער גע־ווען, אַז דאָס איז פון מיכלען, וואָלט זי געווען צופרידן, אָבער זינט יענער נאַכט, אין קרעמל, צווייפלט זי... עס איז דאָך מעגלעך, אַז עס איז פון יע־נעם!...

פון פּאָליאַן האָט זי איר צושטאַנד אויסבאַהאַלטן נישט געקענט. זי האָט שוין געוווסט, אַז פּאָליאַ איז פריי אין איר אויפפירונג און אַז זי קוקט לייכט אויף אַזעלכע פּאַסירונגען... זי האָט זייער אָפט געגעבן אַנדייטונגען, אַז ווען עס טרעפט זיך אַ מאַן אין וועלכן זי איז פאַראינטערעסירט האַלט איר גאָר נישט אָפּ זיך אים איבערצוגעבן... זי שרעקט זיך נאָר פאַר באַ־ריסן, אַז ער זאָל זיך נישט דערוויסן, ווייל ער איז צו קאָנסערוואַטיוו אין אַזעלכע אָנגעלעגנהייטן... זי האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס מיט קסעניאַן איז פאָרגעקומען אין יענעם אויפדערנאַכט, ווען זי האָט אין מיטן טאַנצן פלוצים נישט געסטאַיעט... זי האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— איך בין דיר מקנא, קסעניאַ!... איך בין שוין ווי עס ווייזט אויס אַלט און מיאוס. אַמאָל ווען איך פלעג זיך באַווייזן אויף אַ הוליאַנקע, פלעגן זיך פיל יונגע לייט אַרום מיר דרייען. עס פלעגט טרעפן, אַז מען האָט מיך אויך „צוגעגנבעט" אַזוי ווי דיך... אָבער איצט באַמערקט מען מיך שוין נישט!

— וואָס ווילסטו מיט דעם זאָגן, פּאָליאַ?...

— איך מיין אין קרעמל, אויף דער חתונה... האָסט פלוצים נישט גע־סטאַיעט...

— הייסט עס, אַז דו ביסט מיך מקנא?... איך זע נישט אין פאַרוואָס!...

— אָ, קסעניאַ, טײַערע, דו קענסט דאָס נישט פֿאַרשטײן!... ווײסטו, אַז באָריס דאַרף מיך שױן מער נישט?... אים אינטערעסירן נישט קײן פֿרויען. אים אינטערעסירט נאָר זײַן אַרבעט! ער רירט זיך צו מיר מער נישט צו. ווײסטו, אַז איך גײ פֿון זינען אַראָפּ?... דו לערנסט דאָך צו זײַן אַ דאָקטער, דו מוזט מיך פֿאַרשטײן!...

קסעניאַ האָט זי אָנגעקוקט. זי האָט נישט ווילנדיק געזאָגט:

— מיר דאַכט זיך, אַז קײן שום הײלונג איז צו אַזאַ קרענק נישטאָ. טײַדן... געפֿינען זיך עמיצן, שטילערהײט, אַז באָריס זאָל נישט וויסן!

— אָ, קסעניאַ, דו קענסט נישט באָריסן! איך האָב פֿאַר אים מורא. איך האָב קײן מאָל נישט געגלייבט, אַז אַ קאָמוניסט זאָל גאָר זײַן אַזוי אַלטמאָדיש אין געשלעכט־פֿראַגן!...

— נו, ער איז אײפֿערזיכטיק! אַ פֿרוי דאַרף זײַן גליקלעך, ווען דער־מאַן איז אײפֿערזיכטיק. עס איז אַ סימן, אַז ער האָט זי ליב!

— אָ, דו נאַרישע קסעניאַ!... און נאָך אַ דאָקטער ווילסטו זײַן!... אײַ־פֿערזוכט איז דאָך נישט מער ווי אַ משוגעת, אַזאַ קרענק!...

— פֿאַרוואָס האָסטו מיט מיכאַילן נישט חתונה געהאַט. האָסט דאָך אים געקענט נאָך פֿאַר באָריסן?...

— עס האָט זיך נישט באַקומען... צוליב וואָס פֿרעגסטו דאָס מיר, קסעניאַ? דו ביסט שוין אפֿשר אויך אײפֿערזיכטיק?...

— אָ, נײן, אויף אַזוי פֿיל משוגע בין איך נאָך נישט. איך האָב אָבער מיכלען זײער ליב! מיר דאַכט, אַז איך וואָלט געוווען אײפֿערזיכטיק נישט דערפֿאַר וואָס מיכאַיל וואָלט מיט אַן אַנדער פֿרוי פֿאַרבראַכט, נאָר דערפֿאַר־ווײַל איך וואָלט מורא געהאַט, אַז די אַנדערע פֿרוי זאָל אים נישט אָפּרעדן פֿון מיר!...

— הײסט עס, אַז אונטערבאַוווסטזיניק איז נאָר דאָ די מורא פֿאַר אָפּ־רעדן. דער טאַט אַלײן פֿון אַ צופֿעליקער ליבע־אינטריגע, איז פֿיזיש, און פֿילײַכט אויך מאָראַליש, באַרעכטיקט. נו, ווי באַלד אַזוי, קסעניאַ, האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן, איך וועל בײַ דיר דײַן מיכאַילן קײן מאָל נישט אָפּרעדן!

— איך גלײב דיר, טײַערע!...

אָבער פּלוצים האָט פֿאַליאַ זי אַרומגענומען און געפֿרעגט:

— זאָג מיר דעם אמת, וואָס איז מיט דיר?... איך זע, אַז זינט יענעם

אויפדערנאַכט ווען דו ביסט מיט אונדז אין קרעמל געווען, ביסטו גאָר אַן אַנדערע!...

— איך וויל, אַז איך און מיכל זאָלן אַוועקפאָרן פון מאָסקווע! — האָט קסעניאַ געגעבן אַן אומדירעקטן ענטפער.

— נאַרעלע, ווער אַנטלויפט דאָס דען פון מאָסקווע! — האָט פּאָליאַ אויסגעשריגן, — האָט דאָס דען עפּעס צו טאָן מיט יענער געשעעניש אין קרעמל?...

— יאָ און ניין! פאַרשטיי ווי דו ווילסט! איך ווייס נאָר איין זאַך: מיר איז נימאס געוואָרן מאָסקווע און איך קען נישט קוקן אויפן קרעמל!...

— שאַ!... רעד נישט אַזוי, קסעניאַ!...

— פריִער, ווען מיכל האָט מיר דערקלערט, אַז ער וויל, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ רייזע איבערן לאַנד און פּילייכט זיך נאָך אויך באַזעצן אין בירא־בידזשאַן אויף אַ לענגערע צייט, בין איך נישט געווען צופרידן, אָבער איצט וויל איך שוין אַליין, אַז מיר זאָלן וואָס גיכער פאַרלאָזן מאָסקווע. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס מיכאַיל האָט נאָך זייער פיל זאַכן צו פאַרזאָרגן און פריִער ווי אין אַ צוויי חדשים אַרום וועלן מיר נישט קענען אַוועקפאָרן!

פּאָליאַ האָט זיך צעלאַכט.

— משוגעים זיינט איר, צוויי משוגעים!...

אין זיין פּריוואַטן און אָפּגעזונדערטן צימער האָט אין דער זעלבער צייט באָריס מיט מיכלען איינגעטענהט:

— משוגעים, וווהין לויפט איר?... פון וואָס אַנטלויפסטו?... איך הייב דיך נישט אָן צו פאַרשטיין, מיכאַיל!... גראָד איצט, ווען עס שאַפט זיך פאַר דיר אַ מעגלעכקייט צו וואַקסן, ווילסטו פון מאָסקווע אַנטלויפן. רייזעס האָט זיך דיר פאַרגלוסט צו מאַכן אין מיצקען דעריבען!...

מיכל האָט געשוויגן. ער האָט אויף די קלאָרע און ניכטערע אַרגומענטן פון זיין חבר, וועלכער איז געווען אַ קוואַל פון אַלע געהיימנישן אין דעם קרעמל, נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער האָט אָבער פּלוצים געפרעגט:

— זאָג מיר, באָריס, וואָס איז סטאַלינס שטעלונג וועגן ביראָבידזשאַן?...

— וואָס אינטערעסירט דיר אַזוי ביראָבידזשאַן? — האָט באָריס אי־בערגעפרעגט אין אַ נערוועזן טאָן, — דו ביסט אַ רוסישער שרייבער, דיין ערשטער בוך האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. אַלע דיינע דערציילונגען, וואָס דו האָסט ביז איצט געדרוקט אין די זשורנאַלן האָט די קריטיק גע־לויבט, דו האָסט איצט אַלע שאַנסן צו וואַקסן גרויס!... דו קענסט לעבן

פריי, דו קענסט איצט פֿאַרדינען גענוג נאָר פֿון שרייבן, דו דאַרפֿסט מער נישט אַרבעטן, דו דאַרפֿסט נישט אָנהאַלטן קיין שום שטעלעס, קיין שים פּאָסטנס! דו קענסט איצט זיין באַלעבאָס איבער זיך אַליין אָן קיין שום נאַ־טשאַלניקעס און קאָמיסאַרן איבער זיך! טאָ וואָס ווילסטו? וווהין קריכסטו? אָן אַנדער אויף דיין אָרט וואָלט איצט געווען גליקלעך, און דו? דו קריכסט מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט!...

— זעסטו, באָריס, — האָט מיכל געזאָגט און דערביי אַ טייטל געטאָן צו אים מיטן ווייז־פֿינגער פֿון זיין רעכטער האַנט, — גראָד דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז איך קריך מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט, ווען איך פֿרעג דיר וועגן ביראָבידזשאַן, גראָד דאָס מאַכט מיר נייגעריק צו פֿאָרן אַהין!... סוף־כל־סוף זענען מיר דאָך אויך ייִדן און עס דאַרף אונדז אינטע־רעסירן, וואָס אין ביראָבידזשאַן גייט אָן!...

— נעם מיך אַרויס פֿון דער קאַטעגאָריע „ייִדן", — האָט באָריס שטרענג געזאָגט.

— נו, גוט! — איז מיכל מיט אים איינשטימיק געווען, — איך נעם דיך אַרויס פֿון דער קאַטעגאָריע. פֿאַר מיר איז רעכט, אַז דו ביסט נישט קיין ייִד. אָבער אין די פּאַספּאָרטן, אין מיינעם אַזוי אויך אין דיינעם, וואָס שרייבט זיך דאָרטן? נאַציאָנאַליטעט: ייִד! איצט זעסטו, באָריס, אַז דו האָסט נישט רעכט. אַפֿילו ווען מיר ווילן נישט זיין קיין ייִדן, דערמאָנט מען אונדז, אַז מיר זענען יאָ ייִדן. נו, ווי באַלד אַזוי מוזן מיר זיך אַ קאָפּעטש־קעלע פֿאַראינטערעסירן מיט ייִדישע פּראָבלעמען.

— איך זע שוין, אַז דו ביסט אַ פֿאַרפֿאַלענער! — האָט באָריס אויסגע־שריגן. ער האָט געכאַפּט די צייטונג און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין איר. ער האָט אָנגענומען די פּאָזע פֿון דעם שטרענגן, געהיימנישפֿולן קאָמיסאַר פֿון קרעמל, דעם איינעם פֿון די פֿאַר צענדליק פּערזאָנען, וועלכע טוען עפּעס אין קרעמל און קיינער ווייסט נישט וואָס זיי טוען. אָבער ווען טאָג־איין און טאָג־אויס ווערט פֿאַר אַ פּערזאָן אַרויסגעשיקט אַן אויטאָמאָביל פֿון קרעמל, וואָס פֿירט אים צו דער אַרבעט אין קרעמל און ברענגט אים פֿון דער אַרבעט צוריק אַהיים, איז דער פּערזאָן געוויס אַ וויכטיקער. ער איז געוויס אַזאַ קאָמיסאַר וואָס ווייסט אַלע סודות פֿון קרעמל... ער האָט געוויס אַ האַנט אין אַלע אינטריגעס און פּאָליטישע אַוואַנטורעס. אָבער פֿאַר מיכ־לען איז ער דאָך נאָך אַלץ דער אַמאָליקער גוטער „באָריס דער שטאַרקער".

מיכל קען זיך אַפּילו דערלויבן אַרויסצוכאַפּן די צייטונג פון זיינע הענט און אים צווינגען צו רעדן.

— באַריס, דו ביסט דאָך נישט ערגעץ איינער אַליין אויף אַן אינדזל! וואָס האָסטו געכאַפּט די צייטונג און שוין אַריינגעשטעקט דיין גרויסן קאָפּ אין איר? סיידן דו ווילסט, אַז איך זאָל אַוועקפּאָרן אַן אַ „זיי געזונט"?...

— שוין, דו פּאָרסט שוין? — האָט באַריס אַ שמייכל געטאָן, — מען קען גאָר אויף דיר אַפּילו אין כעס נישט זיין! נו, גוט. וואָס ווילסטו?

— זאָג מיר, וואָס איז סטאַלינס איינשטעלונג, זיין טעאָריע, וועגן ביראָבידזשאַן? — האָט מיכל ווידער אַמאָל געפרעגט.

— איך ווייס נישט!

— דו ווייסט נישט? פאַרוואָס זשע ביסטו קעגן, אַז איך זאָל אַהינצו פּאָרן?

— אַך, די־אַ שרייבער, מיט זייערע חולאתן!... נאָר עס ווילט זיך זיי אַרומפּאָרן, זען, וויסן... איך זע שוין, אַז מיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפענע, פּאָר, זע אַ וועלט!... איך בין אָבער קעגן דעם, אַז דו זאָלסט פאַרבינדן דיין לעבן, דיין קאַריערע און דיין צוקונפט מיט דעם אָרט, וואָס מען רופט איצט ביראָבידזשאַן. פאָלג מיך, נעם נישט אָן קיין שום אָפּיציעלע שטעלעס וואָס האָבן צו טאָן דירעקט מיט דער פּראָבלעם. אַלץ אין דער ריכטונג איז נעפּל־דיק און וואַקלדיק...

— וואָס מיינסטו? — האָט מיכל אויסגעשריגן, — מען שיקט דאָך אַהין יעדן טאָג הונדערטער ייִדן. צוליב וואָס?...

— איך קען דיר גאָרנישט ענטפערן אויף דער פראַגע.

— דו קענסט, נאָר דו ווילסט נישט!

— זאָל זיין אַזוי.

— איך האָב ידיעות, אַז אין ביראָבידזשאַן וווינען שוין איצט אַרום פערציק טויזנט ייִדן!

— נו, איז וואָס? — האָט באַריס סאַרקאַסטיש זיך צעלאַכט, — צו די פערציק טויזנט ייִדן וואָס וווינען דאָרט, דאַרף מען נאָך צורעכענען הונ־דערט טויזנט רוסן, אַרום צוויי הונדערט טויזנט אוקראַינער, זעכציק טויזנט קאָרייער, עטלעכע טויזנט גאָלדן, טונגוסן און קאַמטשאַדקער, דאָס זענען אַלץ מענטשן וואָס זענען דאָרט געבוירן אָדער איינגעוואַנדערט מיט זייער פיל יאָרן צוריק, און דו רעדסט גאָר פון אַ פערציק טויזנט ייִדן, וועלכע מען האָט ערשט איצט אַריבערגעוואָרפן אַהין. ביראָבידזשאַן איז אַ פּאָר־

פֿאַסטן אויף די ברעגעס פֿון אַמור! און וואָס איז אויף יענער זייט טייך אַמור? דאָרט איז מאַנדזשוריע! און ווער איז דער באַלעבאָס איבער מאַנדזשוריע? פֿריִער איז דאָס געווען טשאַן־קיי־שעקס כינע, און איצט איז דאָס די אימפּעריאַליסטישע יאַפּאַן! אַז מען האָט אַזאַ שכן, טאָרן די גרענעצן נישט זיין פּוסט. מען דאַרף זיי באַוווינען מיט מענטשן וואָס זאָלן זיין דער פֿאַרפֿאַסטן, די פֿאַרטיידיקער פֿון די גרענעצן. אָט דאָס איז אַלץ!...

— פֿאַררעד מיר נישט די ציין, באָריס! — האָט מיכל געזאָגט, — צוליב דעם וועט מען נישט פּראָקלאַמירן אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט. און קאַלינין האָט דאָך רעדעס געהאַלטן, פֿאַרזיכערט...

— טאָ גלויב קאַלינינען און פֿרעג ביי מיר נישט! — האָט באָריס געזאָגט, — און טשעפּע זיך פֿון מיר אָפּ.

ערשט איצט האָט מיכל פֿאַרשטאַנען, אַז באָריס באַהאַלט עפּעס פֿון אים אויס. ער איז צו אים צוגעשטאַנען.

— ניין, באָריס, דו וועסט זיך ביי מיר אַזוי־אַ גלאַט נישט אויסדרייען! זאָג מיר דעם אמת, איך בעט דיך, וואָס פֿאַר אַ פּאָליטיק איז דאָס מיט דעם־אָ בירָאָבידזשאַן?...

— פֿון ווען אָן בין איך דאָס ביי דיר געוואָרן אַזאַ מין אויטאָריטעט, מיכל? מיר דאַכט זיך, אַז ערשט נעכטן איז דאָס געווען, ווען מיר ביידע זענען געווען אָפּגעריסענע, הונגעריקע ייִנגלעך פֿון דער אָדעסער מאָלדאַוואַנקע! דו געדענקסט אונדזערע נאַליאָטן אויף די בעקערייען?... און איצט...

געוויס געדענקט דאָס מיכל. ער האָט דאָך איבער די־אָ „נאַליאָטן" שיר זיין לעבן פֿאַרלוירן.

באָריס איז איצט ווייכער און מילדער געוואָרן. די דערמאָנונג פֿון זיין אָרעמער קינדהייט און יוגנט, האָט אים צוריק צו מענטשלעכע געפֿילן און מענטשלעכע נויטן דערנענטערט. ער איז אין דעם מאָמענט שוין נישט געווען אַזוי שטייף, פֿאַרהאַרטעוועט און אָן־נשמהדיק. זיין גרויס־קאָמיסאַרסקע טעטיקייט אין דעם קרעמל האָט פֿון אים געמאַכט דאָס וואָס ער איז איצט. זאָל ער ווערן אויס קאָמיסאַר און זאָל ער פֿאַרלאָזן דעם קרעמל, און ער וועט צוריק ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

— יאָ, באָריס, — האָט מיכל געזאָגט, — איצט, נאָך מער ווי אין אונדזערע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, דאַרפֿן מיר זיך האַלטן פֿאַר די הענט און איינער דעם אַנדערן אַרויסהעלפֿן. מיר דאַכט, באָריס, אַז ערשט איצט גייען מיר איבער אַ בריק, וועלכע הענגט אין דער לופֿטן און שאָקלט זיך,

און אונטן, אונטער דער בריק, איז אַ טיפער תהום, אַ גרוב... מיר דאַרפֿן זיך פֿעסט־פֿעסט האַלטן ביי די הענט, כדי מיר זאָלן קענען בשלום אַריבער־גיין די בריק!...

באָריס האָט אים אָנגעקוקט פֿאַרוואונדערט און צום סוף געזאָגט:

— פּאָעזיע, טשאָרט וואָזמי!... נו, גוט. רעד מיט מיר קאָנקרעט. וואָס ווילסטו?...

— איך וויל וויסן וואָס עס איז סטאַלינס שטעלונג וועגן ביראָבידזשאַן?

— דו פֿרעגסט צו פֿיל, מיכאַיִל. היט זיך!

— עס קען דאָך נישט זיין, אַז די רעגירונג זאָל אָננעמען אַזאַ וויכטיקן באַשלוס ווי צו שאַפֿן אַ יידישע געגנט אויפֿן ווייטן מזרח, און דאָס זאָל גע־טאָן ווערן אָן סטאַלינס גוטהייסונג! איך ווייס, אַשטייגער, אַז סטאַלין האָט גערופֿן זיך צו באַזעצן אין דער ניי־געבויטער שטאָט קאָמסאָמאָלסק, וועל־בע געפֿינט זיך נישט ווייט פֿון דער ביראָבידזשאַנער געגנט. אָבער סטאַלין האָט נאָך קיין איין מאָל קיינעם נישט גערופֿן און נישט באַפֿוילן, אַז מען זאָל פֿאָרן זיך באַזעצן אין ביראָבידזשאַן!...

— ווי באַלד אַזוי, מיכאַיִל, זעסטו דאָך שוין אַליין ווו דער הונט ליגט באַגראָבן, — האָט באָריס סודותתפֿול געזאָגט. — איז וווהין קריכסטו? דער־פֿאַר טאַקע וואָרן איך דיר, אַז דו זאָלסט זיך מיט דער ביראָבידזשאַנער אי־דייע נישט פֿאַרפּלאָנטערן.

— אָבער...

— נישטאָ קיין אָבער!...

— הייסט עס, אַז דו געטרויסט מיר נישט?

— היינטיקע צייטן געטרויט מען אַפֿילו נישט דער אייגענער מאַמען. דו ווייסט דאָס גוט, מיכאַיִל. אויב דער קרעמל וועט מיך נישט דאַרפֿן און עס וועט באַפֿוילן ווערן מיך צו שטעלן צו דער וואַנט, קען איך נאָך פֿאַרן טויט אַ טראַכט טאָן, אַז איבער דיר האָב איך זיך דאָס פֿאַרדינט, ווייל דו ביסט דער איינציקער מענטש מיט וועלכן איך רעד אַזעלכע רייד וואָס באַלאַנגען נאָר צו די געהיימע פּראָטאָקאָלן וועלכע זענען אין די געהיימע סייפֿן פֿון קרעמל באַהאַלטן. טו מיר צוליב, מיכאַיִל, באַפֿריי מיך פֿון אַ שלעכטער מיינונג. וועגן דיר, פֿאַר מיין טויט. ווייל באמת ביסטו דאָך מיר אַ גוטער חבֿר, דו ביסט אַ טייערער, אַ נאַיִווער און אַ גוטער מענטש. דו ביסט אַנדערש, און איך האָב דיך ליב פֿאַר דיין אַנדערשקייט, טאָ וואָס ווילסטו נאָך פֿון מיר?...

מיכלען האָבן די ווערטער געריירט. ער האָט קוים אויסגערעדט:

— איך וויל פון דיר גאָרנישט, באָריס, מער גאָרנישט!...

— האָסט רחמנות אויף מיר?...

— יאָ, איך האָב אויף דיר רחמנות, באָריס. איך בין דיך נישט מקנא מיט דיין פּאַרנעם, מיט דיין טעטיקייט און מיט דיינע געהיימנישן. דו ביסט אַ שקלאַף אין דעם קרעמל, כאָטש מען מיינט, אַז דו ביסט אַ גרויסער קאָמיסאַר. יאָ, באָריס, עס איז אַ רחמנות אויף דיר!

באָריס איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט אָנגעהויבן צו לויפן איבערן צימער. און באַלד האָט ער זיך צוריק געזעצט. ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט אַ פויסט אין האַרצן.

— איך וויל נישט קיין רחמנות, מיכאַל! הער, איך וועל דיר איצט זאָגן אַלץ וואָס איך ווייס און וואָס מיר דאַכט, אַז איך ווייס. מיט דעם וועלן מיר פאַרענדיקן!... אָבער איך וואָרן דיר, אַז דו זאָלסט מער ביי מיר גאָרנישט און קיין מאָל נישט פרעגן. ווען איך וועל עפּעס האָבן נויטיקס און איך וועל פאַרשטיין, אַז עס איז וויכטיק פאַר דיר צו וויסן, וועל איך דיר שוין אַליין וועגן דעם אינפאָרמירן. און טאָן וועל איך עס נישט איבער דעם, ווייל איך וויל נאָכגעבן דיין שרייבערישער נייגעריקייט, נאָר ווייל איך וויל נישט האָבן אויף מיין געוויסן דעם טויט פון מיין נאָזוון און ערלעכן חבר. טויזנטער מענטשן האָבן שוין זייערע לעבנס פאַרשפּילט אומזיסט און אומנישט. סטאַלין איז פּסיכיש קראַנק אָדער דורכגעטריבן קלוג אין זיינע פּלענער. ער איז משוגע. ערליידט פון אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע. און דאָך איז ער אַ געניאַלער פירער! יאָ, איך גלייב אין אים ווי אין אַ געניאַלן פירער, כאָטש מען מוז זיך פאַר אים היטן. נאָך מער, איך האָב אים ליב, פאַר מיר איז ער אַ גאָט. אָבער דיר מוז איך וואָרענען: עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די רייניקונגען אין דער פּאַרטיי און טויזנטער געטרייע און ערלעכע קאָמוניסטן וועלן דורך די רייניקונגס־קאָמיסיעס דערקלערט ווערן פאַר שונאים פון פאָלק. עס גייט אָן אַ קורס אויף אָפּצוראַמען פון וועג די גאַנצע אַלטע גוואַרדיע פון דער פּאַרטיי, די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון לענינען און טראָצקין. סטאַלין שאַנעוועט נאָר די יונגע וואָס ווייסן גאָרנישט און געדענקען גאָרנישט. ער ווייסט, אַז די אַלטע קאָמוניסטן לאַכן פון אים. זיי לאַכן נישט עפנטלעך נאָר אין דער שטיל, אַז קיינער זאָל נישט זען און נישט הערן. זיי באַהאַלטן טיף אין זייערע ריינע נשמות זייערע געלעכטערס. זיי לאַכן, וואָס סטאַלין האָט זיך דערקלערט פאַר אַ גאָט! זיי ווייסן דעם סוד, אַז סטאַלין איז אַ פאַלשער יורש, נישט דער וועמען לענין האָט באַשטימט אין זיין

צוואה. זיי ווילן דאָס נישט פאַרגעסן, און סטאַלין קען זיי דאָס נישט מוחל זיין. ער טאָר זיי דאָס נישט מוחל זיין!... אָבער, מיר, די יונגע, צי מיר ווייסן יאָ דעם אמת צי מיר ווייסן נישט, מיר גלויבן אין סטאַלינען, מיר נעמען אים ערנסט. סטאַלין ווייסט דאָס און דערפאַר געטרויט ער אונדז. טאָ, זע זשע, מיכאַיל, האַלט זיך גוט, חבר זיך נישט מיט די אַלטע... היט זיך אָפּ... איך וויל דיך נישט פאַרלירן!...

— איך וועל דיך פאָלגן! — האָט מיכל זייער אומעטיק געזאָגט, און אים האָט זיך אין דער רגע געדאַכט, אַז באָריס אַליין האָט עפּעס אין זיך פון סטאַלינס אייגנשאַפטן דערוואָרבן. עס איז געווען פיינלעך פאָרצוזעצן דעם געשפּרעך.

אָבער באָריס האָט זיך שוין איצט אָפּשטעלן נישט געוואָלט. ער האָט געפילט, אַז ער מוז אַראָפּוואַרפן פון זיין האַרץ אַ שטיין און דאַן וועט אים ווערן לייכטער ווייטער צו לעבן און ווייטער אָנצוגיין מיט זיין געהיימער טעטיקייט אין די פאַרכישופטע מויערן פון דעם קרעמל. ער האָט געזאָגט:

— דו האָסט דאָך געלייענט און שטודירט סטאַלינס ווערק!

— יאָ, באָריס.

— אַלע מאָל גייען אַרויס נייע אויסגאַבעס פון דעם אַלץ וואָס סטאַלין האָט אַמאָל געשריבן אָדער גערעדט. יעדע נייע אויסגאַבע איז פאַרבעסערט און געענדערט. סטאַלין זעלבסט טראָגט אַריין אַלע אויסבעסערונגען און ענדערונגען אין זיינע ווערק וועלכע דערשיינען אין נייע אויסגאַבעס. איין מענטש, אַ פּראָפעסאָר — זיין נאָמען קען איך דיר נישט זאָגן — וועלכער האָט געהאָלפן סטאַלינען צונויפזאַמלען אַלע זיינע אַרטיקלען, בריוו און רע־דעס, און פון דעם מאַטעריאַל צוזאַמענשטעלן אַ בוך, האָט סטאַלינען אויפ־מערקזאַם געמאַכט, אַז אין איין אָרט איז עפּעס פאַראַן אַזאַ זאַץ, וועגן אַזאַ טאַט, וואָס נישט ער, סטאַלין האָט דאָס געטאָן, נאָר אַן אַנדערער, אַ וויכ־טיקער אַלטער קאָמוניסט... דער טאַט איז אָבער געווען זייער אַ נאָבעלער, און סטאַלין האָט נישט געוואָלט האָבן קיין עדות, וואָס זאָל וויסן דאָס וואָס אַ חכם מוז פאַרגעסן... נו, איז דער פּראָפעסאָר פאַרפאַלן געוואָרן... קיינער ווייסט נישט ביזן היינטיקן טאָג צי מען האָט זיין געביין ערגעץ באַגראָבן, אָדער פאַר די הינט אַרויסגעוואָרפן. נו, איצט פאַרשטייסטו שוין, מיכאַיל, וואָס עס קומט פאָר?... זיי פאָרזיכטיק, פרעג זיך וויניקער נאָך אויף דער־שיינונגען, וואָס זענען דיר נישט קלאָר, און זוך נישט קיין שום אמתן!...

— עס איז מיר קלאָר, אַלץ קלאָר! — האָט מיכל טרויעריק געזאָגט.

— דאָס אַרטיקל, סטאַלינס, „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״ האָסטו דאָך געלייענט און שטודירט!

— יאָ, איך האָב אַפילו שוין אַמאָל געהאַט גערעדט מיט דיר וועגן דעם.

— זעסטו, — האָט באָריס פאַרגעזעצט, — קיין איין וואָרט האָט סטאַלין אין דעם־אָ אַרטיקל ביז איצט נישט געענדערט און ער קלייבט זיך גאָר אין דעם אַרטיקל אויך אויף ווייטער קיין שום ענדערונגען נישט אַריינטראָגן. דאָס איז אַ טעאָריע ביי וועלכער ער האַלט זיך פעסט און ער וועט קיין מאָל נישט נאָכגעבן. אַ ייִד מיט אַ צאַנקענדיקן, אַ פאַרטושטן, כמעט אַן אָפּגעטויטן נאַציאָנאַלן געפיל, וועט לייענענדיק דאָס אַרטיקל באַלד אָפּשיילן די מאַרקסיסטישע שאָלעכץ פון דעם אַנטיסעמיטישן איי... אַפילו איך, מיכאַיל, איך וואָס וויל זיך גאַרנישט אָנקערן מיט קיין ייִדן און מיט קיין שום ייִדישע פּראָבלעמען, האָב דאָס אויך דערפילט! סטאַלין זאָגט דאָך קלאָר אין דעם אַרטיקל, אַז ייִדן זענען נישט קיין נאַציע, ייִדן העלפן זיך נישט איינס דאָס אַנדערע נישט אין פרידן־צייט און נישט אין מלחמה־צייט, און אַז פאַר דער־אָ פּאַפּירענער נאַציע, פאַר די ייִדן, דאַרף מען קיין שום נאַציאָנאַלע קולטור־טעטיקייטן נישט פירן. הייַנט, וואָס ווילן די באַרישע ייִדישע קאָמוניסטן?... פאַרשטייען זיי דען נישט קיין רוסיש? מען זאָגט זיי „ניעט״ און זיי קריכן פון דער הויט, זיי ווילן צווינגען סטאַלינען צו זאָגן „דאַ״. אָ, פאַר אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט וועלן פליִען ייִדישע קעפּ!

— איז צוליב וואָס אַ פּאָליטיק מיט אַ בירָאָבידזשאַן? — האָט מיכל פאַרצווייפלט אויסגעשריגן.

— דאָס וועט טאַקע העלפן סטאַלינען צו פאַרניכטן אין דער ערשטער ריי דאָס אַלץ וואָס עס האָט צו טאָן מיט ייִדישער קולטור דאָ, אויף די ערטער, און געטאָן וועט דאָס ווערן טאַקע מיט די הענט פון ייִדן!...

— איך האָב טאַקע געהערט, — האָט מיכל זיך אַ כאַפּ געטאָן, — אַז מען הייסט אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס פון קיִעוו, אָדעס, מינסק און מאָסקווע אַריבערפירן קיין בירָאָבידזשאַן!

— ריכטיק, מיכאַיל. דערנאָך וועט זיין גרינגער, אין בירָאָבידזשאַן, מיט איין קלאַפּ אַלץ פאַרניכטן און פאַרענדיקן...

— אָבער, צוליב וואָס, באָריס?

— לייען ווידער אַמאָל סטאַלינס אַרטיקל „מאַרקסיזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״. טראַכט זיך אין דעם גוט אַריין. באַגרייף דעם זין פון יעדן וואָרט. אָט דאַן וועסטו שוין פאַרשטיין צוליב וואָס!... אָבער איך וויל, אַז דו

זאָלסט נישט מיינען, אַז סטאַלין איז אַ פּאָגראָמשטשיק. ער האַלט זיך פאַר אַ מאַרקסיסטישן טעאָרעטיקער און קאָמענטאַטאָר. זיין „וויסנשאַפטלעכער" שטאַנדפּונקט איז, אַז עס עקסיסטירט נישט אַזאַ זאַך ווי אַ ייִדישע נאַציע אָדער אַ ייִדיש פאָלק מיט אַ ייִדישער קולטור און מיט ייִדישע טראַדיציעס. און אויב ער איז קעגן דעם, איז גלייב מיר, עס וועט זיין ווי צו די וואָס ווילן מיט אים נישט זיין איינשטימיק.

— יאָ, אַ שיינע לאַגע!...

— וואָרט־וואָרט!... — האָט פלוצים באָריס זיך אָנגערופן, — פאַרליר נישט דעם מוט. פיליכט איז טאַקע נויטיק, אַז דו זאָלסט פאָרן קיין בירא־בידזשאַן. זעסטו, איך קען סטאַלינען אַזוי ווי זיך אַליין. איך האָב אים ליב און איך בין איינשטימיק מיט אים אין אַלץ, אַפילו אין דעם, אַז אייניקע שרעקלעכע זאַכן וואָס ער טוט אָפּ זענען נויטווענדיק און פאַרפאָלגן אַ גע־וויסן ציל. אָבער אין דער „ייִדישער פראַגע" בין איך נישט זיכער... פאָר, מיכאַ‬יִל, פאָר און גיב אַ קוק אויפן אָרט, וואָס דאָרט קומט פאָר. אָבער פאַר־בינד זיך נישט מיט קיין שום אָפיציעלע פאָסטנס. פאַרפלאָנטער זיך נישט אין קיין שום פאָליטישע אָדער אוואַנטוריסטישע מאַכינאַציעס!...

מיכל האָט אויפגעלעבט.

— גוט, באָריס. איך וועל טאָן אַזוי ווי דו זאָגסט. דו שטיי נאָר היג־טער מיר!...

— אָ, זאָרג נישט, מיכאַ‬יִל. עס איז מיר געווען שווער צו נעמען אַ שטעלונג. אָבער איצט, אַז איך האָב ביי זיך געפּועלט, וועל איך שטיין היג־טער דיר ווי שטאָל און אייזן!... יאָ, איצט הייס איך דיר, אַז דו זאָלסט פאָרן!...

— איך וועל דיר שטעלן נאָך איין פראַגע. עס קער זיך אַפילו גאָר נישט אָן מיט מיין וועלן פאָרן קיין בירָאָבידזשאַן. איך האָב געלייענט, אַז גענעראַל יאָכים שולץ איז געשיקט געוואָרן אויפן וויטן מזרח, אין דער בייקאַל־אַמור־רער זאָנע, און דאָרטן געפינט זיך דאָך בירָאָבידזשאַן, אַלס דער הויפּט פון אַ באַזונדערער ווייט־מזרחדיקער רויטער אַרמיי. איז דאָס נישט דער זעלבער יאָכים שולץ וואָס איז אַמאָל געווען דער געהילף־שעף פון דער אָדעסער „טשע־קאַ"?

— יאָ, מיכאַ‬יִל, עס איז דער זעלבער! און נאָך עפּעס וועל איך דיר זאָגן, און דאָס וועט דיר אינגאַנצן איבערראַשן. ביז דו וועסט קיין בירָאָבידזשאַן קומען וועט שוין דיין פּנחס לעוויט דאָרט נישט זיין קיין סעקרעטאַר פון דער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער וועט איבערגעשיקט ווערן אויף אַרבעט אַלס דער אָנפירער מיטן שיף־פּאַרקער צווישן וולאַדיוואָסטאָק און די יאַפּאַנישע האַפנס.

— וואָס?! — האָט מיכל אויסגעשריגן און כמעט אַ היסטערישן געלעכ־טער אויסגעצעצט, — פּנחס לעוויט, אָט דער־אָ פּאַרקאָכטער יידישיסט, וועט גאָר אָנפירן מיטן טראַנספּאָרט צווישן רוסלאַנד און יאַפּאַן? וואָס ווייסט ער און וואָס פאַרשטייט ער אין דעם? זיין זאַך איז יידישע ביכער, יידישע צייטונגען, יידישע קלובן, יידישע שולן, יידישע פאַרלאַגן, יידיש טעאַטער און יידישע אַדמיניסטראַציע!... אָבער שיפן־פּאַרקער, וולאַדיוואָסטאָק, יאַ־פּאַן, גאָט אין הימל, עס איז נישט זיין געביט, ער וועט דורכפאַלן... נו־נו!... ס'אַ געלעכטער!...

— אַז די פּאַרטיי, דער צענטראַל־קאָמיטעט הייסט, גייט מען, און מען לאַכט נישט!

— ווער זשע וועט אויף זיין אָרט זיין דער סעקרעטאַר פון דער בירא־בידזשאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי? מעג איך דאָס וויסן?

— ווידער, נאַטאַן ווידער!...

— דער געוועזענער שעף פון דער אָדעסער טשע־קאַ!... צום טייוול, וואָס קומט דאָ פאָר?...

— שוין דאָס וויפלסטע מאָל, אַז דו רעדסט מיט: „גאָט אין הימל״ און מיט: „צום טייוול״. וואָס איז דאָס מיט דיר, מיכאַל?...

— גאָרנישט, גאָרנישט, באָריס. שרעק זיך נישט, איך בין נישט פון די וואָס ווערן פּלוצים רעליגיעז! איך בין אָבער אויך נישט פון די וואָס שרייען איבער די גאַסן מיט אַ זיכערקייט: „נישטאָ קיין גאָט!״ און „נישטאָ קיין טייוול״!...

עס איז אַריינגעקומען פּאָליאַ. זי האָט איבערגעשלאָגן זייער געשפּרעך.

— פּיליכט וועט מען גיין עסן? דער טיש איז שוין געגרייט!

באָריס און מיכל האָבן זיך אויפגעהויבן און זענען אַריין אין עס־צי־מער.

34.

אויפן אַנדערן טאָג איז מיכל אַוועק אין רעדאַקציע פון דער מאָסקווער יידישער צייטונג, זיך זען מיט פּאָליאַקאָוון.

פּאָליאַקאָוו איז געזעסן אין זיין קאַבינעט אַן איינגעשרומפּענער און ער האָט אין דעם גרויסן לעדערנעם שטול, ביי זיין שרייבטיש, אויסגעזען נאָך

קלענער, אויסגעדאַרטער און מיאוסער ווי ער איז אין דער אמתן געווען. ער האָט דערשמעקט, אַז עפּעס גרייט זיך קעגן אים און ער איז דערפֿאַר געווען שטאַרק באַזאָרגט.

ווען מיכל איז אַריינגעקומען, האָט פּאָליאַקאָוו געפּרוווט זיך שטאַרקן און נישט געבן צו פֿילן, אַז ער איז באַזאָרגט. ער האָט זיך געניויטיקט אין אַ פֿריינד. ער האָט געוווסט, אַז מיט זיין שטרענגער אויפֿפֿירונג, מיט זיין מוטיקן און אויפֿריכטיקן אַריינזאָגן יעגעם, אַלץ דאָס וואָס ער טראַכט, האָט ער זיך פֿיל שונאים דערוואָרבן, דערפֿאַר האָט ער איצט זיך באַמיט צו רעדן ווייך און אַפֿילו זיך צווינגען אונטערצושמייכלען און אַזוי אַרום גע־ווינען מיכלען אויף זיין זייט.

ווען מיכל האָט זיך אַוועקגעזעצט, אין אַ באַקוועמער שטול, אַקעגן אים, האָט פּאָליאַקאָוו מאַלפּיש זיך אַ דריי געטאָן אויף זיין געזעס און זיין איינגעשרומפּן פּנים האָט זיך פּלוצים צעשיינט. ער האָט פֿריילעך אַרויס־גערעדט די פּאָר ווערטער:

— הייסט עס, אַז איר נעמט יאָ אָן מיין פֿאָרשלאַג! אָ, איך בין העכסט צופֿרידן!

מיכל האָט אַ שמייכל געטאָן.

— אויפֿריכטיק גערעדט, טאָוואַרישטש פּאָליאַקאָוו, האָט זיך מיר אַליין געדאַכט, אַז אייער פֿאָרשלאַג איז נישט אָננעמבאַר פֿאַר מיר, ווייל עס אינ־טערעסירן מיר נישט קיין שום יידישע פּראָבלעמען. אָבער ווי איר זעט, בין איך צו אייך געקומען.

— אויסגעצייכנט, טאָוואַרישטש קרוגער. איך האָב ליב אָפֿנהאַרציקייט. נו, און איצט צו דער זאַך: איך וויל, אַז איר זאָלט ווערן אונדזער ספּעציע־לער קאָרעספּאָנדענט אין בירעבידזשאַן. איך וועל אָפּרופֿן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי און בעטן, אַז מען זאָל אייך באַשטימען אויף דעם אַמט.

— דאָס הייסט, אַז איך וועל פֿאַררעכנט ווערן ווי אַ שטאַטנער מיט־אַרבעטער פֿון אייער צייטונג?

— אַזוי איז דאָס, טאָוואַרישטש קרוגער. אַנדערש קען דאָס נישט זיין!

— ניין, טאָוואַרישטש פּאָליאַקאָוו, קיין שטאַטנער מיטאַרבעטער פֿון אייער צייטונג וויל איך נישט ווערן. איך בין דאָך אַ רוסישער שרייבער. איך קען נישט אַרבעטן סטאַביל פֿאַר אַ יידישער צייטונג.

— קיינער הייסט אייך נישט שרייבן אין יידיש, אויב איר קענט נישט.

איר וועט פֿאָרזעצן שרייבן אין רוסיש. איך קלייב זיך נישט צוצונעמען פֿון אייך די רעכט צו זיין אַ רוסישער שרייבער. איר זיינט אַ רוסישער שריי־בער, און איך וועל אַפּילו צוגעבן, אַז איר זיינט אַן אויסגעצייכנטער רוסי־שער שרייבער. איר האָט אַ גלענצנדן סטיל. איך אַליין וועל איבערזעצן אייערע מאַטעריאַלן פֿון רוסיש אין יידיש. איך בעט אייך, נעמט אָן מיין פֿאָרשלאָג, מיר גוייטיקן זיך אין אַ יונגן און אַ דרייסטן קאָמוניסט, אַזאַ ווי איר.

— איך זאָג זיך נישט אָפּ צו אַרבעטן פֿאַר אייך, טאָוואַרישטש פּאָליאַקאָוו, איך וויל אָבער אויף זיך נישט נעמען קיין שום אָבליגאַציעס, קיין שום פֿאַר־אַנטוואָרטלעכקייט און קיין שום באַדינגונגען. איך וויל זיך אָפּיציעל מיט קיין שום אַמט נישט פֿאַרבינדן. איך וויל אויסנוצן מיין פּריווילעגיע פֿון אַ פֿרייען קינסטלער און שרייבן נאָר ווען איך וויל און וויפֿל איך וויל.

— אויף דעם, מיין טייערער, האָב איך זיך נישט געריכט! — האָט פּאָ־ליאַקאָוו זיך אָנגעכמורעט, — מיר ווילן דאָך זיין זיכער, אַז מיר וועלן פֿון אייך באַקומען מאַטעריאַל!

— איך וועל צושיקן קאָרעספּאָנדענצן פֿאַר אייער צייטונג, איך זאָג דאָס אייך צו, טאָוואַרישטש פּאָליאַקאָוו, אויף מיין ערן־וואָרט.

— ווי לאַנג רעכנט איר זיך זאַמען אין ביראָבידזשאַן?

— קען זיין אַ חודש און קען זיין אַ יאָר. עס וועט זיין אָפּהענגיק אין די באַדינגונגען און אין דעם אינטערעס, וואָס ביראָבידזשאַן וועט ביי מיר אַרויסרופֿן.

— גוט, אָבער זעט, טאָוואַרישטש קרוגער, טוט מיר נאָר נישט אָפּ דאָס זעלבע וואָס דניאל שטערנפֿעלד האָט מיר אָפּגעטאָן, — האָט פּאָליאַקאָוו גע־זאָגט און אויסגעזעצט אַ מין דריבנעם געלעכטערל, דערביי האָט ער פֿון שופֿ־לאָד פֿון זיין שרייבטיש אַרויסגענומען אַ פֿאָטאָגראַפֿישע בילד און זי מיכ־לען באַוויזן, — איר זעט מיט וואָס אַ גרויסער שרייבער פֿאַרנעמט זיך? ער האָט זיך געלאָזט פֿאָטאָגראַפֿירן מיט אַ ביקס אין דער האַנט און מיט אַ פֿעל פֿון אַ בער ביי זיינע פֿיס. דערביי איז די פֿאָטאָגראַפֿיע גענומען געוואָרן ביי דער טיר פֿון דעם האָטעל ווו ער איז איינגעשטאַנען. דערביי האָט ער נאָך צוגעלייגט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער באַשרייבט ווי אַזוי ער האָט אַליין דעם בער געשאָסן, און אַז דער האָטעל איז גאָר נישט קיין האָטעל, נאָר אַ הויז וואָס די רעגירונג האָט פֿאַר אים פֿערזענלעך אויסגעבויט.

ביידע האָבן זיך געקאָטשעט פֿון געלעכטער. מיכל האָט אויסגעשריגן:

— אָ, איך האָב נישט געוווסט, אַז אייער גרויסער ייִדישער שריי־בער איז גאָר אויך אַ קאָמעדיאַנט! דאָס איז שוין איין מאָל אַ וויץ!...

פּאָליאַקאָוו האָט מיט באַדויער אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אויף „ניין״ און געזאָגט:

— די צרה באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס ער האָט מיר די פּאָטאָגראַפיע מיט דעם בייגעלייגטן אַרטיקל צוגעשיקט נישט ווי קיין וויץ. ער וויל, אַז מען זאָל גלויבן, אַז דאָס איז אמת און ערנסט!

— וואָס, איז ער פון זינען אַראָפּ?

— אַך, טאָוואַרישטש קרוגער, עס איז זייער שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין אַ מענטשנס נשמה. זינט ער איז צוריק פון אויסלאַנד, ווי אַן איבערגע־בעטענער, געקומען, וואַרפט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. ער וויל זייער געפעלן ווערן די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן און יעדן איינעם וואָס זעט אויס אין זיינע אויגן ווי אַ גרויסער קאָמיסאַר. ער האָט שוין אַפילו באַקומען די העזה צו וועלן ווערן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי. דערביי וויל ער באַווייזן, אַז ער איז מער קאָמוניסט ווי מיר אַלע... ער שפּאַרט אַן אומעטום, אין צענטראַלן קאָמיטעט און אין סאָוונאַרקאָם. ער קריגט אַרויס קאָמאַנדיראָווו־קעס און ער זשומעט אויף וואָס די וועלט שטייט. אָט איז ער שוין געווען אין בירעבידזשאַן און אָט איז ער שוין צוריק דאָ, אין מאָסקווע. ער טראַכט אַפילו נישט פון באַזעצן זיך אין בירעבידזשאַן, אָבער מיך צווינגט ער, אַז איך זאָל דרוקן דעם־אָ נאַרישן בילד מיט זיין בייגעלייגטן אַרטיקל, ווו ער וויל איינרעדן די וועלט, אַז ער, דער גרויסער דניאל שטערנפעלד, איז גע־וואָרן אַ שטענדיקער איינוווינער פון בירעבידזשאַן, און ער רופט אַלע ייִדן פון גאַנץ רוסלאַנד און פון דער גאָרער וועלט, אַז מען זאָל נאָכטאָן זיין ביי־שפּיל און מען זאָל זיך אויך באַזעצן אין בירעבידזשאַן. דעם אמת געזאָגט, טאָוואַרישטש קרוגער, שרעק איך זיך פאַר אים. איך הייב נישט אָן צו וויסן צי ער איז פון זינען אַראָפּ צי עמיצער פון דער מאַכט אינספּירירט אים זיך אַזוי אויפצופירן.

מיכל האָט זיך פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער איראָניש געזאָגט:

— מאַקסים גאָרקי איז איינער פון די גרעסטע שרייבער אין אונדזער צייט. ער האָט זיך אויך צוריקגעקערט פון אויסלאַנד ווי אַן איבערגעבע־טענער, פון דעסט וועגן האָב איך נישט געהערט, אַז גאָרקי זאָל פּראַווען אַזעלכע פוילע שטיק ווי שטערנפעלד.

— איך האָב דאָס אים אויך געזאָגט, — האָט פּאָליאַקאָוו אויפגעכאַפּט

מיט צופרידנקייט מיכלס ווערטער, — און ווייסט איר וואָס ער האָט מיר אויף דעם געענטפערט? ער האָט געזאָגט: „מאַקסים גאָרקי האָט געהאַט פאַר זיין לערער לענינען, און איך האָב געהאַט פאַר מיין לערער אייך, מנחם פּאָליאַקאָוון!”.

— איך זע דאָ קיין שום לאָגיק נישט! — האָט מיכל געזאָגט.

— אָ, — האָט פּאָליאַקאָוו ביטער געענטפערט, — דאָ איז שוין גראָד פאַראַן אַ לאָגיק פון אַ הונט, וואָס וויל אַ ביס טאָן... ער האָט מיר געגעבן אָן אָנצוהערעניש, אַז לענין איז פון שטענדיק אָן געווען אַ קאָמוניסט, און אַז איך בין שטענדיק געווען אַ ציוניסט און שפּעטער זיך אַריבערגעקייקלט צו די קאָמוניסטן.

— אָבער ער אַליין, ווי מיר איז באַקאַנט, איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ ציוניסט! דערצו נאָך איז ער אַנטלאָפן פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע קיין אויסלאַנד! — אַזוי גייט דאָס, מיין יונגער פריינד, — האָט פּאָליאַקאָוו אַ שווערן זיפץ געטאָן, — איינער שפּייט דעם אַנדערן אין פּנים אַריין!... נו, לאָמיר דאָס פאַרגעסן. זאָגט מיר בעסער, טאָוואַרישטש קרוגער, ווען רעכנט איר צו פאַרלאָזן מאָסקווע און אָנפאַנגען אייער רייזע?...

— נישט פריִער ווי אין אַ צוויי חדשים אַרום. איך מוז נאָך דאָ איינִיקע זאַכן דערליידיקן. מען גרייט אַ צווייטע אויפלאַגע פון מיין בוך. און, איך האַלט ביים פאַרענדיקן אַ גרעסערע דערציילונג, וועלכע איך וויל אָפּדרוקן נאָך איידער איך פאָר.

— זייער גוט! — האָט פּאָליאַקאָוו לייכטער אָפּגעאָטעמט, — איך בין צופרידן וואָס איר בלייבט נאָך דאָ... איך וואָלט זייער געוואָלט אייך איינלאַדן אויף אונדזער באַראַטונג. עס איז אייגנטלעך נישט קיין אָפיציעלע באַראַטונג. עטלעכע שרייבער און אָנפירנדיקע קולטור־טוער זענען איינגעלאַדן צום דיכטער לייזער פייגין, קיין מינסק אויף אַ באַנקעט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נייער דירה, וואָס די רעגירונג האָט אים געגעבן. איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז איר זאָלט דאָרטן אויך זיין. ביי דער געלעגנהייט, ווען איך וועל זיך טרעפן מיט די אָנפירנדיקע יִדישע שרייבער און קולטור־טוער ביי פייגינען אין דער היים, וועל איך שוין אויך האָבן מיט זיי אַ פּריוואַטן שמועס וועגן די ברענענדיקע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַרן סאָוועטישן יִדנטום!

— ניין, טאָוואַרישטש פּאָליאַקאָוו, איך קען זיך נישט באַטייליקן דאָרט ווו איך בין נישט אָפיציעל איינגעלאַדן.

— עס מאַכט נישט טאָוואַרישטש קרוגער. איך לאַד אייך איין!...

— מען דאַרף אַ טראַכט טאָן!

— יאָ, גיט אַ טראַכט. דער באַנקעט איז סיי־ווי אָפּגעלייגט געוואָרן ביז... ביז נאָך דער רייניקונג.

— די רייניקונג? אַך, יאָ, איך האָב שוין געהערט, עס הייבן זיך אָן פּאַרטיי־ישע רייניקונגען!...

— איך האָב שוין היינט אין דער פרי באַקומען אַ מיטטיילונג, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט אַ קאָמיסיע פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַר־טיי אַראָפּקומען אַהער, אין רעדאַקציע און צונויפרופן אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג פון אַלע שרייבער און עס וועט זיך אָנהויבן מיין פאַרהער!

— אין וואָס באַשולדיקט מען אייך דען?...

— אין ציוניזם! און ווייסט איר ווער מיין שטאַרקסטער קעגנער וועט זיין? איינער, אַ געוועזענער אַנאַרכיסט מיטן נאָמען אָגולסקי! יאָ, שיקע אָגולסקי!...

— איך פאַרשטיי דאָס נישט. איר האָט דאָך קיין מאָל פאַר קיינעם נישט אויסבאַהאַלטן, אַז איר זיינט אַמאָל געווען אַ ציוניסט! איז וואָס וויל ער פון אייך, אָט דער־אָ שיקע אָגולסקי?...

— ער וויל, אַז מען זאָל מיך אויסשליסן פון דער פּאַרטיי!

— צוליב וואָס וויל ער דאָס?...

— כדי ער זאָל ווערן דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג אויף מיין אָרט.

— אַזוי נידעריק זענען דאָס מענטשן געפאַלן!...

— ווער רעדט דען פון מענטשן, מיין יונגער פריינד, עס וועלן נישט פעלן קיין בעלנים מיך צו באַגראָבן אויסער אָגולסקין אויך. איך האָב מורא, אַז דניאל שטערנפעלד האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט...

— וואָס וויל ער פון אייך?

— איך האָב זיין לעצטן ראָמאַן נישט מאַרקסיסטיש אָפּגעשאַצט! אַזוי זאָגט ער איצט... ער, דניאל שטערנפעלד, דאָס באַלעבאַטישע קעסט־קינד, רעדט גאָר איצט נישט אַנדערש ווי נאָר מיט קאַרל מאַרקסעס, מיט לענינס און מיט סטאַלינס ציטאַטן!... אַנטלאָפן פון דער רעוואָלוציע קיין אויסלאַנד איז ער מיט אַ תהילימל אונטערן אָרעם און צוריקגעקערט זיך פון אויס־לאַנד האָט ער זיך מיט אַ באַנד מאַרקסיזם אין דער האַנט!...

— אַי, זאָרגט נישט, טאָוואַרישטש פּאַליאַקאָוו. מען וועט אייך פון דער

פּאַרטיי נישט אויסרייניקן. איר וועט זען, גלייבט מיר!... איך האַלט, אַז איר זיינט אַן ערלעכער און אַן אויסגעהאַלטענער קאָמוניסט.

מיכל איז אַוועק פון פּאָליאַקאָוון אַ צעטראָגענער. עס איז געווען שמערצלעך צו טראַכטן, אַז אַזאַ געבילדעטער און ערלעכער אַלטער מאַן זאָל פּלוצים, צוליב לעכערלעכע אינטריגעס אַראָפּגעזעצט ווערן פון זיין אַמט און אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי. וועגן די געפערלעכע פאָלגן, וואָס קענען קומען נאָך דעם וואָס מען ווערט פון דער פּאַרטיי אויסגערייניקט, האָט זיך נאָך מיכל אין דעם מאָמענט פאָרשטעלן נישט געקענט.

35.

דאָס מאָל איז מיכל געקומען צו באָריסן איינער אַליין, אָן קסעניאַן. ער האָט באָריסן נישט געטראָפן. פּאָליאַ איז געווען איינע אַליין. דאָס קינד איז שוין געהאַט געשלאָפן. די דינסט איז אַוועק אין אַ קינאָ־טעאַטער. באָריס האָט געהאַט אָפּגערופן, אַז מען זאָל אויף אים נישט וואַרטן מיט נאַכטמאָל, ווייל ער איז זייער פאַרנומען און ער וועט קומען זייער שפּעט אַהיים, פיליכט אין מיטן דער נאַכט. מיכל איז געווען באַזאָרגט. ער האָט געוואָלט רעדן מיט באָריסן וועגן פּאָליאַקאָוון. ער האָט אים זייער געוואָלט העלפן. אָפּשאַפן די גאַנצע רייניקונג איבער פּאָליאַקאָוון איז געווען אוממעגלעך, אָבער העלפן, אַז אַלץ זאָל זיין גוט, וואָלט באָריס געקענט.

פּאָליאַ האָט באַמערקט זיין באַזאָרגטקייט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אויפן דיוואַן און אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. עס איז געווען אָנגענעם צו פילן די ווייכקייט פון זיינע ברוינלעך־בלאָנדע האָר. עס איז געווען ליב צו קוקן אין זיין ליכטיק־צאַרטן פּנים מיט די חן־גריבעלעך אין די באַקן.

— מיכאַיל, וואָס איז, פילסט זיך עפּעס נישט גוט?...

— אָ, איך פיל זיך אויסגעצייכנט! — האָט ער געענטפערט, — איך דאַרף אָבער נויטיק צו באָריסן. איך מוז אים דרינגנד זען. עס איז זייער וויכטיק!

— קען איך וויסן, אָדער עס איז אַ סוד?

— איך ווייס נישט ווי דיר דאָס צו דערקלערן, פּאָליאַ!

זי האָט אים אַרומגענומען.

— מיכאַיל, זיי נישט ווי באָריס מיט די סודות. לאָמיך כאָטש האָבן

איין חבר מיט וועלכן איך זאָל קענען רעדן גלאַט אין דער וועלט אַריין און נישט מורא האָבן פאַר קיין געהיימנישן!

— גלייב מיר, פאַליאַ, אַז איך האָב אויך פיינט סודות. איך וויל זען באַריסן נישט ווייל איך דאַרף עפּעס פון אים, נאָר ווייל מיינער אַ פריינד, אַן עלטערער מענטש, איז אין אַ נויט, און איך ווייס, אַז באַריס וועט אים קענען העלפן... נו, זעסטו, איך בין דיר אַ גוטער חבר!... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר. זי איז געווען פול מיט תאווה. אירע אויגן האָבן געברענט. איר פּנים האָט געפלאַקערט. אַלץ איז אין איר געווען אַרויסרופעריש און רייצנדיק. ער האָט געפרעגט, — וואָס מאַכסטו?... עפּעס שטעל איך זיך נישט פאָר, אַז דו, פאַליאַ, זאָלסט ווערן אַ שטוב־פרוי... דו לאַנגווייליקסט זיך!... פילייכט וואָלסטו געגאַנגען צוריק אַרבעטן, צי אפשר זאָלסטו אָפּזאָגן דיין דינסט!... עס איז נישט גוט, ווען מען האָט צופיל צייט און מען טוט גאָרנישט!...

— האָסט אפשר רעכט, מיכאַיל. איך בין שוין טאַקע געוואָרן זייער פויל און דערצו נאָך אַביסל פאַרבורזשואַזעוועט! — האָט פאַליאַ געזאָגט און האָט מילד זיך צעלאַכט, — איך זע אָבער נישט צוליב וואָס איך זאָל צוריק גיין אַרבעטן און פאַרוואָס איך זאָל נישט האַלטן קיין דינסט!... און באַריס וואָלט אויך נישט געוואָלט, אַז איך זאָל אַרבעטן, זיין אויסגעהאָרעוועט און שטענדיק פאַרנומען. ער האָט ליב, אַז ווען ער קומט זאָל ער מיך טרעפן אין דער היים!... און נאָך אַלעמען, אונדז טראָגט דען נישט צו פירן אַזאַ־אָ ראָסקאָשנע לעבן?... אַלע אונדזערע פריינד לעבן איצט אַזוי! שלעכט איז נאָר וואָס עס נודיעט מיך אַביסל... איך לייען זייער פיל און איך לאַנגווייליק זיך. נאָך אַלעמען זענען דאָך די נייע ביכער נודנע ביז צום חלשן. האָסט שוין געהערט, אַז אַ בחור זאָל גאָר זיין פאַרליבט אין אַ טראַקטאָר און אַ מיידל זאָל גאָר האַלטן אין איין טרוימען ווי אַזוי צו זיין אַ גוטע אַרבעטערין אָדער אַ פּויערטע!... אָט, דאָס איז די נייע סאָוועטישע ליטעראַטור! ניין, מיכאַיל, עס איז נישט אמת! אין דעםווירקלעכן לעבן איז אַ בחור פאַרליבט נישט אין אַ טראַקטאָר נאָר אין אַ שיין און רייצנדיק מיידל. און אַ מיידל טרוימט נישט וועגן אַרבעט, נאָר וועגן אַ גוטן און אַ פיינעם בחור.

— דו האָסט אין אַ געוויסער מאָס רעכט, פאַליאַ! אָבער די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט דאָך חוץ איר קינסטלערישקייט אויך אַ מיסיע אין לעבן. אונדזער אויפגאַבע איז צו דערציִען דעם לייענער ווי אַ בויער פון סאָציאַליזם!...

— איך האָב מורא, מיכאַל, אַז דו אַליין גלייבסט נישט אין דיינע רייד. אָט נעם מיך. גלייב מיר, אַז איך בין אַ גוטע קאָמוניסטקע און אַזוי ווי אַנ־דערע וויל איך אויך זען ווי די פאָן פון קאָמוניזם וועט פלאַטערן איבער דער גאַנצער וועלט. איך בין אָבער אויסער אַ קאָמוניסטקע נאָך אויך אַ מענטש און דערצו נאָך אַ פרוי!... אָט איז גאָר באָריס פאַרליבט און פאַרטאָן אַזוי אין זיין אַרבעט, אַז ער זעט מיך נישט, ער פאַרגעסט, אַז איך בין אַ פרוי, און מיר הייבט זיך אָן דאַכטן, אַז ער איז שוין מער נישט קיין מאַן!... דאָס איז אַ פּראָבלעם, מיכאַל!... אָט אַזאַ ראָמאַן, וועגן אַזאַ־אָ ליידנדיקער פרוי וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו לייענען און עפּעס פון דעם לערנען. דו ווייסט, מיכאַל, אַז עס זענען פאַראַן מאָמענטן, ווען איך טראַכט אַרויס־צולויפן אויף דער גאַס און אַ כאַפּ טאָן דעם ערשטן באַגעגנטן מאַן און צו אים אַ געשריי טאָן: „קום מיט מיר! איך וויל דיך!”... איך לאַנגווייליק זיך נישט ווייל איך אַרבעט נישט און ווייל איך האָלט אַ דינסט, וועלכע טוט אַלץ פאַר מיר. איך לאַנגווייליק זיך ווייל עס איז פוסט אין מיין נשמה, און אַ רעטונג פאַר מיר איז נאָר, אויב איך זאָל זיך לאָזן פון עמיצן ליבן, מען זאָל מיך אַזוי ליב האָבן, אַז עס זאָל אָנפילן מיין אויסגעליידיקטע נשמה מיט אַ קוואַל פון לעבן!...

מיכל האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— וואָס באַקלאָגסטו זיך?... וואָס ווילסטו?...

ער האָט זיך באַלד צוריק לעבן איר אַוועקגעזעצט און זי אַרומגענו־מען און זי אַ קוש געטאָן. זי האָט זיך איינגעביסן אין זיינע ליפּן און זי האָט אָנגעהויבן ליידנשאַפטלעך צו מורמלען:

— מיכאַל, ליב מיך, ליב מיך, איך וויל אַז דו זאָלסט מיך ליבן!...

ער איז געווען יונג און ליידנשאַפטלעך. פון אַ לענגערע צייט האָט ער מיט קסעניאַן קיין נאָענטקייט נישט געהאַט. ער האָט זיך געוווּנדערט ווי אַזוי עס איז אַריבער אומבאַמערקט אַזאַ לענגערע צייט אָן ליבע צו קסעניאַן. און איצט, ווען ער האָט געהאַלטן אין זיינע אָרעמס פּאָליאַן, האָט ער דעם ליבע־דראַנג דערפילט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין קסעניאַן מער נישט ליב, ווייל ער האָט שוין לאַנג נישט געפילט צו איר דאָס וואָס ער פילט איצט צו פּאָליאַן. ער האָט זי אַרויסגעלאָזט פון זיינע אָרעמס און גע־פרעגט:

— וואָס ווילסטו, פּאָליאַ? באָריס איז מיין חבר, און...

— האָסט מיך נישט ליב, מיכאַל?!...

— ליב? — האָט ער אין מיטן צונישט געמאַכט איר פּראַגע, — ליבע איז נישט אַזוי וויכטיק ווי דו שטעלסט עס זיך פאָר, כאָטש ליב האָבן און געליבט זיין רופט אַרויס געפילן פון גליק. עס זענען אָבער פאַראַן געווגג זאַכן, אויסער פיזישער ליבע, וואָס רופן אַרויס געפילן פון גליק. גיב אַ טראַכט וועגן דעם, פאָליאַ!

— דו, מיכאַ׳ל, האָסט פאַנטאַזיע, דו קענסט האָבן געפילן פון גליק נאָר פון טרוימען, פון וויזיע!... איך בין אַן ערדישע פרוי, איך קען נישט טרוימען, איך דאַרף האָבן דאָס וואָס מיר פעלט.

— נו, האָסטו דאָך! — האָט ער זיך געפּרווט וויצלען, — דו האָסט באָריסן און איך האָב קסעניאַן!

— אָ, דו הייבסט זיך שוין אָן צו חכמהנען! — האָט פאָליאַ אויסגעשריגן.

זי האָט זיך אָנגעלענט מיט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט. ער האָט זי אַרומגענומען און געטראַכט: „די פרוי איז איצט אומאָפּהענגיק און דאָס גיט איר דעם מוט זיך נישט צו שעמען מער און פאָדערן פון אַ מאַן דאָס וואָס איר קומט, פונקט אַזוי ווי אַ מאַן פאָדערט פון איר, אומפאַרשעמט, דאָס וואָס אים קומט”. פלוצים האָט ער געזאָגט:

— איך האָב ליב קסעניאַן, און דיך האָב איך אויך ליב!

פאָליאַ האָט אים אָנגעהויבן ווידער צו קושן.

— איך ווייס, מיכאַ׳ל, אַז דו האָסט מיך ליב! קסעניאַ ווייסט דאָס אויך. זי האָט גאָרנישט קעגן. זי ווייסט, אַז איך וועל דיך נישט אָפּרעדן פון איר!...

ער האָט זי צוריק געקושט און געמורמלט:

— דו נאַריש מיידל, רעד מער נישט מיט קסעניאַן וועגן דעם!... וואָס וואָלסטו געזאָגט ווען איך זאָל רעדן מיט באָריסן, אים אויפקלערן, אַז איך מיין דיך נישט אָפּצורעדן פון אים, נאָר...

פאָליאַ איז אָפּגעשפּרונגען פון אים און מיט אַ ציטער אין קול זיך געבעטן:

— ניין, מיכאַ׳ל! זאָלסט נישט וואַגן, איך בעט דיך!

— וואָס איז? — האָט מיכל געשעפּט נחת פון זיין רייצן זיך מיט איר.

— זי איז איצט, אין איר דערשראָקנקייט געווען זייער שיין און געפּערלעך צוצ׳ענדיק. ער איז איצט געווען גרייט זי אַ הייב טאָן אויף די הענט, אַזוי ווי אַמאָל... אָבער ער האָט זיך געשטאַרקט און באַהערשט. — וואָס איז? — האָט ער ווידער געזאָגט, — דו האַלטסט דאָך, אַז מען מעג!...

— יאָ, מיכאַל, איך האַלט אַז מען מעג... איך האַלט, אַז יעדער אײנער, אַ מאַן צי אַ פֿרוי, האָט די רעכט אויף געפֿילן פֿון ליבע און גליק. עס איז נישט וויכטיק פֿון וועמען מען ווערט אָנגעשטעקט מיט די־אָ געפֿילן, וויכ־טיק איז, אַז מען זאָל פֿון זיי געניסן!... איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, אָבער אינ־טויטיוו פֿיל איך, אַז מיט דיר און מיט קסעניאַן קען איך און איך מעג זײַן אָפֿנהאַרציק, אָבער נישט מיט באָריסן, אָ ניין, נישט מיט באָריסן! ער איז אַ קראַנקער מענטש... איך האָב פֿאַר אים מורא!...

מיכל האָט איצט אויף איר געקוקט מיט אַנדערע אויגן. זי האָט אויס־געזען מיד. ער איז איצט געווען זיכער, אַז זי האָט באָריסן ליב ווי אַ מאַמע האָט ליב אַ קינד, און פֿון דעם נעמט זיך איר דראַנג נאָך אַ פֿאַרבײַגייענ־דיקער ליבע צו אַנדערע מענער, כּדי, ווי אַ פֿרוי, צו געניסן אין פֿולן פֿון ליבע־גליק, נאָך וועלכער יעדע נאַטירלעכע באַשעפֿעניש גאַרט.

ער האָט זי אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און זי צוגעפֿירט צום דיוואַן און זיך לעבן איר אַוועקגעזעצט. דער באַגער וואָס אײנער צום אַנדערן האָט פֿריִער געהאַט איז מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט געהאַלטן איר האַנט אין זײַנער און געפֿילט, אַז ער האַלט די האַנט פֿון אַן אייגענער שוועס־טער וועלכע נייטיקט זיך אין זײַן הילף מיט אַ גוט וואָרט און אַ פֿרײַנדלעכן ראָט.

— דערצייל מיר, פֿאַליאַ, וואָס קומט פֿאָר צווישן דיר און באָריסן?

— איך ווייס נישט פֿון וואָס אָנצוהייבן, מיכאַיל...

— הייב אָן פֿון וואָס דו ווילסט. צו עפּעס וועט דאָס דאָך דערפֿירן!

— איך וועל זיך באַמיִען! — זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דער־נאָך געזאָגט, — באָריס איז עפּעס אַזוי ווי היפּנאָטיזירט, פֿאַרכישופֿט צי פֿאַרטשאַדעט!... ער האָט קיין שום אינטערעס נישט מער אין לעבן, אויסער זײַן אַרבעט אין קרעמל. זינט איך קען אים איז ער געווען פֿאַרליבט מער אין קרעמל, אין סטאַלינען ווי אין מיר און אין אונדזער קינד. דאָך איז ער געווען אַ נאָרמאַלער מענטש, אַ מאַן!... לעצטנס, שוין איבער אַ יאָר, אַז ער דאַרף מיך נישט מער... ער דאַרף נישט קיין ווײַב, ער דאַרף אַ מאַמע, אַ הויזווירטין, אַ שטוב־הונט!... אויף די אויפֿנאַמעס און באַנקעטן אין קרעמל און אין די רעגירונגס־קאָמיסאַריאַטן, האָב איך געזען פֿיל הויכע אָנגע־שטעלטע, גענעראַלן, קאָמיסאַרן און דיפּלאָמאַטן, יעדער אײנער פֿון זיי איז פֿול מיט לעבן און מענערישן רייץ. זיי קומען מיט זייערע פֿרויען און מען זעט באַלד, אַז זיי ווײַזן אַרויס רעספּעקט און ליבע צו זייערע פֿרויען, נישט

געקוקט אויף דעם וואָס מען ווייסט גאַנץ גוט וועגן זייערע אינטריגעס און ליבעס מיט אַנדערע... יעדנפאַלס דאָס זענען לעבעדיקע מענטשן. אָבער קוק זיך נאָר גוט צו, מאַכאַיל, צו באַריסן און דו וועסט זען, אַז ער איז טויט. ער איז דוכט זיך געזונט און שיין, און דאָך עפּעס זעט ער אויס ווי אַן אַס־קעטישע געשטאַלט מיט גלעזערנע בליקן, אַ מעכאַניש־אײַנגעדרייטער מענטש, ווי אַ מאַשין...

מיכל האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט. עס האָט אים ווי געטאָן אויסצוהערן אירע לעצטע ווערטער. ער האָט צו איר פיל מיטלייד געהאַט.

— פאַליאַ, — האָט ער געפרעגט, — ווען האָסטו באַמערקט די ענדע־רונג אין באַריסן?

— עס איז שרעקלעך צו דערציילן!...

— געטרוי מיר, איך בעט דיך!

— מען האָט געהאַט אָפּגעראַמט עטלעכע מענטשן פון דער אָנפירונג...

— איז וואָס?...

— איין מאָל, קען זיין אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, איז ער שפּעט בײַנאַכט אַהיימגעקומען און האָט נישט געוואָלט זיך לייגן שלאָפן. איך בין אַרײַנגעקומען אין זיין אַרבעטס־צימער. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צעטראָגן און ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך דערשראָקן. און פלוצים האָט ער זיך צעוויינט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב אים געזען וויינען. איך האָב אים אַרײַנגעפירט אין שלאָף־צימער, אים געהאָלפן זיך אויסטאָן און אים געטרייסט. ער האָט זיך אין מיר אײַנגעטוליעט ווי אַ קליין אומבאַהאָלפן קינד, און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט מיר דעם גרעסטן סוד פון דעם קרעמלס נעץ אַנטפּלעקט...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער מיכלס נייגעריקייט איז געווען אומ־באַגרייפלעך. ער איז צו איר צוגעשטאַנען.

— וואָס איז פאָרגעקומען?...

— דאָס וואָס עס קומט דאָרט די גאַנצע צייט פאָר: מען ראַמט אָפּ יעדן איינעם, וואָס מען מיינט, אַז ער קען אויף אַ וועלכן עס איז אופן שטיין סטאַ־לינען אין וועג!

— איך ווייס דאָס. עס איז שוין נישט קיין נייעס! אַלע ווייסן דאָס. מען האָט זיך אײַנגעלעבט מיט דעם און קיינער מאַכט שוין מער פון דעם נישט קיין שום טראַגעדיע... דאָס פאָלק איז געוואָרן גלייכגילטיק צו דעם וויל־

קיר. אַ טראַגעדיע איז דאָס נאָר פאַר דער פּערזאָן און פאַר זיין משפחה און פריינד, וועמען דער אומגליק האָט געטראָפן. איך זע נישט פאַרוואָס באַריסן זאָל דאָס מער ווײ טאָן ווי אַנדערע?... סיידן, סיידן... — האָט זיך מיכל געכאַפּט און געשטוינט פון דעם געדאַנק, — סיידן באָריס איז אַליין איינער פון די וואָס ראַמען!...

— יאָ! — האָט פּאָליאַ טרויעריק געענטפערט, — ער איז דאָס!... און איצט איז שוין דאָס ראַמען און אָפּראַמען פון וועג ביי אים געוואָרן אַ נאַטירלעכער בייטייל פון זיין לעבן און טעטיקייט. אים קרענקט שוין מער נישט צו טאָן זאַכן וואָס זענען אים דערווידער. ער איז צוריק רויק, ער איז געזונט, און דאָך שרעק איך זיך פאַר אים. טיף אין זיין נשמה איז פאַרוואַלגערט אַ בענקשאַפט נאָך ליבע און גוטסקייט, און פאַר דער סתירה, פאַר דעם ווידערשפּרוך האָב איך מורא.

מיכל האָט איצט לייכט אָפּגעאָטעמט. ער האָט שטענדיק געגלייבט אין דעם גראַדן, ניכטערן און מענטשלעכן שכל, וואָס באָריס האָט פאַרמאָגט, אַ שכל וואָס איז געווען באַהעפט מיט אַ טיף־באַהאַלטענער בענקשאַפט ליב צו האָבן זיין שוואַכערן חבר און גוטס צו טאָן אַ נויטבאַדערפטיקן. און אויב זיין גורל און די באַדינגונגען האָבן אים דערפירט און דערהויבן צו דעם, אַז ער מוז זיין איינער פון די געהיימע קרעמל־קאָמיסאַרן, הייסט עס נאָך נישט, אַז ער האָט שוין אינגאַנצן זיין זינען פאַרלוירן און זיין מענטשלעכע ווירדע מיט די פיס צעטראָטן. גראָד דאָס וואָס ער האָט צוזאַמענגעבראָכן הייליקט אים און גיט אים מוט זיך צו האַלטן אויף די פיס.

עס איז שוין געווען שפּעטלעך. די דינסט איז שוין פון דעם קינאָ־טעאַטער צוריקגעקומען. זי האָט צוגעגרייט אין קיך טיי. זי האָט די טיי אין אַ זילבערנעם אַנטיק־טשײַניק און אַ זילבערן טעצל מיט צוויי גלעזער, מיט טעלערלעך אָנגעשניטענע לימענע און שטיקער טאָרט, אויף דעם נידעריקן ווייס־מאַרמאָרענעם טישל אַוועקגעשטעלט. זי האָט עפּעס אַ גליקלעכע געשמייכלט.

— וואָס איז, מאַרוסיאַ? — האָט פּאָליאַ ביי דער דינסט געפרעגט.

— עס שטייט מיר נאָך אַלץ פאַר די אויגן דאָס בילד וואָס איך האָב אין דעם קינאָ געזען, — האָט די דינסט געזאָגט, — דאָרט איז אויך אַזאַ־אָ פּאָרל, אַזוי ווי איר, געזעסן געמיטלעך און געטרונקען טיי... זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געהאַט. ער איז געווען אַ טראַקטאָריסט און זי אַ פּאַסטוך. זי איז צו אים געקומען צו גאַסט און ער האָט פאַר איר אויפגעזאָגט אַ גאַנצן

טשײַניק קיפּיאַטאָק. דערנאָך האָט ער אַרײַנגעבראַכט אַ גאַנץ פּעקל מיט טיי און אַ גרויסע לימענע. ער האָט די טיי אַרײַנגעשאָטן אין טשײַניק און די לימענע צעשניטן אויף שטיקלעך. ער האָט זיך באַרימט פֿאַרן מיידל, אַז ער באַקומט אַ סטאַכאַנאָווסקע פּאַיאָק, און אַז אויב זי וועט פֿאַר אים חתונה האָבן, וועט זי לעבן אַ גוטן טאָג!...

פֿאַליאַ און מיכל האָבן אויסגעזעצט אַ געלעכטער. די מיטליאָריקע, פּולבלעכע דינסט האָט מיטגעלאַכט, כאָטש זי האָט נישט געוווּסט פֿאַרוואָס די באַלעבאָסטע מיט איר גאַסט לאַכן...

דאָס געלעכטער און די קוויקנדיקע הייסע טיי מיט לימענע און דער געשמאַקער טאָרט, מיט וועלכן מען האָט צוגעביסן, האָט פֿאַליאַן און מיכלען צוריק אַרײַנגעבראַכט אין אַ גוטער שטימונג.

מיכל האָט זיך געזעגנט מיט פֿאַליאַן און צוגעזאָגט, אַז ער וועט מאָרגן אויף דער נאַכט ווידער אַרויפֿקומען, פֿילײַכט וועט ער מאָרגן האָבן מזל און ער וועט זיך קענען זען מיט באָריסן.

ווען מיכל איז אַראָפּ פֿון די טרעפּ האָט ער געהערט ווי צום פּראָנט פֿון דעם הויז איז צוגעפֿאָרן אַן אויטאָמאָביל און האָט זיך אָפּגעשטעלט. דערנאָך איז דער אויטאָמאָביל אַוועק. אין דעם וועסטיבול פֿון דעם פּאַראַדנעם אַרײַנגאַנג האָט ער זיך אויף באָריסן אָנגעשטויסן.

— און איך קום איצט פֿון דיר! — האָט מיכל אויסגעשריגן, — געוואָרט, און געוואָרט, און זיך דערוואַרטן נישט געקענט.

— פֿאַרפֿאַלן, איך קען זיך גאָרנישט העלפֿן. איך בין פֿאַרנומען. אַרבעט, אַרבעט און אַרבעט איבערן קאָפּ! — האָט באָריס געזאָגט באַגריסנדיק זיך מיט מיכלען, — ווייסטו גאָר וואָס, איך וועל דיך אַביסל אונטערפֿירן. עס שאַדט נישט אַביסל זיך דורכצוגיין נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. עס שאַדט נישט צו כאַפּן אַביסל פֿרישע לופֿט!...

— איך מיין אויך אַזוי, באָריס. דו אַרבעטסט צופֿיל, דו אַרבעטסט ביז שפּעט אין דער נאַכט. מען דאַרף דיר צאָלן פֿאַר „סווערך אוראָטשנע" אַ צווייענדיקן געהאַלט!...

— אָ, ווער טראַכט דען וועגן געצאָלטס? די אַרבעט איז נייטיק, מען קען נישט אָפּלייגן. מיינס אַן אַרבעטס־טאָג קען אַמאָל דויערן גאַנצע פֿיר און צוואַנציק שעה!...

מען איז אַרויס איז דרויסן. עס איז געווען איינע פֿון די שיינע מאָסקווער זומער־נעכט. די גאַס ווו באָריס האָט געוווינט איז געווען אַ שטילע,

דאָס איז געווען איינע פון די נײַע איבערגעבויטע גאַסן מיט נײַע הײַזער פאַר טעכנישע ספּעציאַליסטן און פאַר פּאָליטישע קאָמיסאַרן. די טראָטואַרן זענען געווען ברייטע און באַזעצט מיט יונגע ביימלעך, וועלכע האָבן זייערע ערשטע ווייס־גרינע שפּראָצן אַרויסגעוויזן. איבער דער ברייטקייט פון דער גאַס איז געהאַנגען אַ בלויער ליכטיקער הימל מיט גאָלדענע פונקען פון בלאַנדזשענדיקע שטערן. מען איז אַוועק פון דער גאַס און מען איז געקומען צו אַ צווייטער. אויף אַ פּוסטן פּלאַץ האָט מען אַ נײַעם שטאָט־גאָרטן פאַר־פלאַנצט. דער גאָרטן האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ פינף־עקיקן שטערן. אין מיטן גאָרטן איז אַ פאָנטאַן געווען מיט אַן אָנוואַלגער פון שטיינער און פון די שטיינער און איבער די שטיינער איז וואַסער גערונען. מען האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ליידיקער באַנק, נישט ווייט פון דעם פאָנטאַן.

— ווייסט, — האָט באָריס געזאָגט, — אָפּטמאָל, ווען דער אויטאָמאָביל ברענגט מיך אַהיים, גיי איך נישט אַרויף צו זיך אין שטוב, נאָר איך גיי אַוועק אַהער און זיץ אויף אַ באַנק אַ לאַנגע צײַט און ערשט דערנאָך גיי איך אַהיים. איך קוק אויף דעם רויִקן וואַסער וואָס פליסט פון די שטיינער אַראָפּ און איך פיל זיך אַזוי גוט, אַזוי אָפּגעפרישט...

— יאָ, וואַסער באַרויִקט און רייניקט!...

— רייניקט? — האָט באָריס איבערגעפרעגט.

— און היילט! — האָט מיכל צוגעגעבן.

— קען זײַן! איך האָב זיך קיינמאָל אין דעם נישט אַרײַנגעטראַכט. איך האָב קיין צײַט נישט געהאַט צו שטודירן רעליגיע, און אין מאַרקסיזם זאָגט זיך גאָרנישט, אַז וואַסער היילט!

— נו, עס איז איצט נישט וויכטיק, — האָט מיכל זיך צעלאַכט, — צי וואַסער היילט יאָ אָדער נישט איז גאָר אַ קלייניקייט. וויכטיק איז אָבער, אַז צום וואַסער זאָל מען האָבן אַ גוט שטיקל זייף, דאַן קען מען זיך גוט אָרומוואַשן!

באָריס האָט אויך זיך צעלאַכט. ער האָט איצט אויסגעזען צו זײַן זייער רויִק און אין אַ גוטער שטימונג. מיכל האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט.

— באָריס, איך האָב צו דיר אַ ביטע.

— וואָס איז? זאָג!

— איך וויל פון דיר אַ טובה. עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן מיר, נאָר וועגן פּאָליאַקאָוון!...

— דעם רעדאַקטאָר פון דער ייִדישער צײַטונג?

— יאָ, אים מיין איך!

— וואָס איז דען?...

— די טעג וועט מען אים רייניקן...

— איך ווייס נישט וועגן דעם. נישט אַלץ ווייס איך. עס איז נישט אין מיין קאָמפּעטענץ!

— דאָך, טו עפּעס פאַר אים. איך האַלט, אַז ער איז אַן ערלעכער מענטש און אַ גוטער קאָמוניסט!

— די רייניקונג־קאָמיסיע האָט אַ גרויסע מאַכט. איך קען גאָרנישט טאָן. אַזוי הויך פּלי איך נאָך נישט!

— און איך האָב געמיינט...

— וואָס קוועטשט אים דען, דיין פּאָליאַקאָוון?...

— ער איז אַ מענטש און אַ רעדאַקטאָר דערצו. נו, האָט ער שונאים!

— ס'אַ קלייניקייט. ס'אַן אָפענע פּאַרטיי־רייניקונג. מען וועט זיך צו קיין פּוסטע רייד נישט צוהערן. סיידן מען וועט קעגן אים אַרויס מיט פּאַקטן... עפּעס אַ זינד קער ער האָבן!...

— ער איז געווען אַמאָל אַ ציוניסט־סאָציאַליסט. אָבער ער האָט דאָך דאָס פון קיינעם נישט אויסבאַהאַלטן. ער איז שוין פון לאַנג אַוועק פון יענעם לאַגער. ער איז אַן איבערצייגטער און אַ אידעאָלאָגיש אויסגעהאַלטענער קאָמוניסט!

— נישט גוט, מיכאַ'לי!... איך קען גאָרנישט טאָן!

— גיב אַ טראַכט, באָריס! פּיליכט קענסטו אומדירעקט...

— דו קענסט פאַר אים גאַראַנטירן?

— יאָ, באָריס, איך קען!

— און איך גאַראַנטיר פאַר קיינעם נישט!

— און פאַר מיר אויך נישט?

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, מיכאַיל.

— איז וואָס טוט מען?... ער איז אַ וויכטיקער מענטש, אַ נוצלעכער!...

— מיין באַלעבאָס געטרויט נישט קיין געוועזענע. מען וועט זיי אַלעמען ביסלעכווייז אויסרייניקן!

— איז דאָס אַ באַשלוס?

— דערווייל נאָך נישט.

— קענסטו דאָך עפּעס טאָן!...

— איך וועל אַ טראַכט טאָן, איך וועל זען, וואָס עס וועט זיך לאָזן טאָן...

— אַ דאַנק, באָריס! איך האָב שטענדיק געגלייבט אין דיין גוטסקייט.
באָריס האָט אויף אים אַ קוק געטאָן אומעטיק.

— און דו, מיכאֵיל, ביסט נאָך אַלץ אַזאַ ווי געווען. האָסט גאָרנישט געלערנט, כאָטש דו האָסט זיך פאַרדינט אַן אָרדן פאַר העלדישקייט אין דאָרף ביים איינפירן די קאָלעקטיוויזאַציע. אָפט טראַכט איך וועגן דיר: פון וואָס פאַר אַ טייג ביסטו געקנאָטן? נו, גוט, מיכאֵיל, לאָמיר זיך געזעגע־נען. עס איז שוין שפּעט. מיין פאָליאַ קען נאָך מיינען, אַז איך פאַרברענג ערגעץ מיט עפּעס אַ זונה!...

מיכל האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און פאַרזיכטיק געזאָגט:

— פאַרוואָס נישט?... עס שאַדט נישט, עס איז אַ נאַטירלעכע זאַך!...

— אָהאָ! — האָט באָריס אויסגעשריגן און זיך אויך אויפגעהויבן פון דער באַנק, — וואָס בין איך דען אַ שרייבער?... זיי, אַז זיי דערזעען אַ קליידל, ווערן זיי פאַרציטערט!... איך האָב אָבער גאָרנישט קעגן זיי. איך פאַרשטיי זיי. דאָס זענען מענטשן מיט שוואַכע נאַטורן. כאָטש, — האָט ער זיך באַלד געכאַפּט, — עס זענען אויך צווישן אונדזערע וויכטיקע און ערנסטע פאַר־טיי־טוער און רעגירונגס־פירער פאַראַן גענוג באַבניקעס!... — ער האָט מיכ־לען דערלאַנגט די האַנט צום געזעגענען זיך. ער האָט אַ זאָג געטאָן: „דאָ־סווידאַניע!" און איז אַוועק.

מיכל האָט אים נאָכגעקוקט. ער האָט איצט געטראַכט, אַז די האַנט, וואָס באָריס האָט אים אויסגעשטרעקט ביים געזעגענען זיך, איז געווען אַ קאַלטע, אַ שווערע און אַ שטיינערנע. ניין, מיט אַזאַ האַנט קען מען קיין פרוי נישט צערטלען...

.36

גאַנץ פרי איז שוין מיכל געווען אין דער רעדאַקציע פון דער מאָס־קווער יידישער צייטונג. פאָליאַקאָוו איז שוין אין זיין קאַבינעט געזעסן. עס איז די בעסטע צייט פאַר אַ גוטן רעדאַקטאָר צו שרייבן זיינע לייטאַרטיק־לען אָדער רעדאַגירן פרעמדע מאַטעריאַלן, ווייל אין דער צייט באַזוכט אים נאָך קיינער נישט, און ער קען רויק, נישט־געשטערט טאָן זיין אַרבעט.

פאָליאַקאָוו האָט זיך געוווּנדערט, ווען ער האָט פאַר זיך דערזען מיכ־לען אין אַזאַ פריִער שעה. מיכל האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געזען, אַז אויסער פאָליאַקאָוון איז אין דעם צימער קיינער נישטאָ. ער האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אין אַ שטול און זיך צוגערוקט צום שרייבטיש.

— איר זאָלט זיך נישט זאָרגן וועגן דער פּאַרטיי־רייניקונג, טאָוואַ־רישטש פּאָליאַקאָוו. עס וועט אַלץ אַדורך גוט, איך זאָג דאָס אייך צו!...

— איך ווייס נישט וואָס איר מיינט, טאָוואַרישטש קרוגער, — האָט פּאָליאַקאָוו זיך געוווּנדערט, — עס קען מיינען, אַז איר זענט באַשטימט אַלס אַ מיטגליד אין דער רייניקונגס־קאָמיסיע!...

— ניין, טאָוואַרישטש פּאָליאַקאָוו, איך בין נישט קיין מיטגליד פון קיין שום רייניקונגס־קאָמיסיע, און איך בעט אייך, פרעגט ביי מיר גאָרנישט. איך בין אייך נאָר געקומען זאָגן, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט פאַר אייך, און אַז איר זאָלט זיך נישט זאָרגן!

פּאָליאַקאָוו האָט געקוקט אויף אים מיט דאַנקבאַרקייט. ער האָט גע־וווּסט, אַז פרעגן און איבערפרעגן, עפּעס וועלן דערגיין, איז איבעריק. אויב אַ מענטש קומט צו אים מיט טרייסט, ווייסט ער געוויס וואָס ער רעדט... עס איז אַ צייט ווען מען זעט זיך מיט מענטשן, עס דוכט זיך, אַז מען קען זיי, אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז מען קען זיי גאָרנישט. ווער ווייסט דען היינטיקע צייטן וואָס פאַר אַ האַרץ און וואָס פאַר אַ נשמה אין דעם אָדער יענעם מענטשן שטעקט?... ער טראָגט דאַכט זיך אַ מונדיר, צי ער איז ציוויל געקליידט. ער איז דעקאָרירט מיט אַן אָרדן, צי מיט אַ מעדאַל. ער איז אַ גרויסער קאָמיסאַר, צי אַ געוויינלעכער מענטש. און אָט איז באַהאַלטן אין אים אַן אוצר פון ליבע און רחמים צו זיינע מיט־מענטשן, צו אַ פרעמדן בן־אָדם.

פּאָליאַקאָוו האָט אויסגעצויגן זיין אַלטע, אויסגעדאַרטע האַנט צו מיכ־לען, און זיינע בייזע אויגן זענען פייכט און גלאַנציק געוואָרן. דער־אַ בייזער און טרוקענער פּאָליאַקאָוו האָט אויך צאַרטע און סענטימענטאַלע געפילן געהאַט. די קליינלעכע קריגערייען פון די נישט־פאַרגינערס און כבוד־זו־כער האָבן אים דערפירט צו דעם, אַז ער זאָל מיט גאַליקן חוזק זיי באַקעמפן. דאָס האָט דעם געבילדעטן און קלוגן ליטעראַטור־קריטיקער געשאַפן אַ שם אַלס שלעכטער און בייזער מענטש. עס איז אים זעלטן געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט אַ שפּיל צו טאָן מיט זיינע צאַרטע סטרונעס, וועלכע האָבן זייער אָפט באַצויבערט און איבערראַשט זיינע נאָכפאָלגער.

אַ צופרידענער איז מיכל אַהיים געגאַנגען.

אין דער היים איז קיינער נישט געווען. אין דעם בריוו־קעסטל, אויף דער טיר, האָט ער געפונען עטלעכע בריוו. איינער איז געווען אַן אויסלענ־דישער, פון טערקיי. ער האָט אויפן קאָנווערט דערקענט קאַטיאַס האַנטשריפט.

ער איז שנעל אַרײַן אין שטוב, איז צו צום שרײַבטיש און ער האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויפגעריסן דעם קאָנווערט. אויף אַ שײַן, שמעקנדיק, ראָזעווע פּאַפּיר האָבן שוואַרצע, פּאַרקײַלעכדיקע בוכשטאַבן צו אים געקוקט און אים האָט געדוכט, אַז פון יעדער בוכשטאַב קוקט צו אים די גראַציעזע און אַריסטאָקראַטישע יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ און זי זאָגט צו אים ווידער און ווידער: „מיכאַיל, רוף מיך פּראָסט, ווי אַן אײגענער, רוף מיך קאַטיאַ!"

ער האָט געלייענט:

„איך און וואַניאַ און אונדזער זון פּעטיאַ, זענען גליקלעך געווען צו לייענען אין דער „פּראַוודאַ", אַז דײַן בוך, דער ראָמאַן „דער מענטש פון אַ דאָרף", איז שוין דערשינען און האָט באַקומען גוטע אָפּרופן פון דער קריטיק. טײַערער מיכאַיל, איך האָב באַלד געוואָלט שיקן צו דיר אַ באַגריטונגס־טעלעגראַמע, אָבער מײַן מאַן האָט נישט דערלאָזט. (וואַניאַ פאַרשטייט בעסער פון מיר...) דאַן האָבן מיר באַשטימט, אַז די ביבליאָטעק פון דעם רוסישן קלוב, וואָס געפינט זיך דאָ, אין אַנגאָראַ, זאָל דײַן בוך אויסשרײַבן. דײַן בוך איז נעכטן צו אונדז אָנגעקומען. איך האָב אים זאַלפּאָם אויסגעזויפּט... דאָס מיינט, אַז איך האָב דעם בוך געלייענט טאָג און נאַכט און אים פון מײַנע הענט נישט אַרויסגעלאָזט ביז איך האָב דאָס לעצטע זײַטל נישט פאַרענדיקט.

„איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טײַערער?

„געוויס האָסטו פאַרדינט די אנערקענונג און דעם כבוד וואָס מען גיט דיר איצט אָפּ. וואָלט איך איצט געווען אין מאָסקווע, וואָלט איך מײַן אנערקענונג צו דיר אַרויסגעוויזן מיט אַ שוועסטערלעכן קוש. זאָג דײַן טײַערער קסעניאַן, אַז זי זאָל דיר פאַר מיר דעם קוש געבן. אָבער אויסער דעם קוש וואָלט איך מיט דיר פיל גערעדט... עס איז דאָ וואָס צו רעדן, פיל־פיל צו רעדן וועגן דײַן בוך...

„ביי אונדז איז אַלץ ווי געוויינלעך, אַלץ אין אָרדענונג. טערקיי איז אַ לאַנד פון אָריענטאַלישער שיינקייט און קולטור. אין פיל הינזיכטן איז טערקיי ענלעך צו אונדזער לאַנד. מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם שימל פון אַלטערטום און מען דערנענטערט זיך צו דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע. מיר פאַרברענגען דאָ גוט. אַ שאָד נאָר וואָס מען שיקט איוואַנען איבער קיין דײַטשלאַנד. איך ווייס נישט צי איך וועל קענען מיט אים מיטפאָרן. קען זײַן, אַז איך מיטן קינד וועלן מוזן גאָר גיך צוריק פאָרן קיין מאָסקווע. אָבער זאָרג נישט, טײַערער, און אײַל זיך נישט מיט זוכן אַ

דירה. זאָג קסעניאַן, אַז זי זאָל זיך אויך נישט זאָרגן. איך האָב אייך ביידע ליב און איך וועל זיין גליקלעך צו ווינען מיט אייך צוזאַמען.

„עס גריסן דיר און דיין באַגלייטערן מיין מאַן און מיין זון. און פון מיר, אייער פריינד, נעמט ביידע צו מיינע בעסטע ווונטשן. ביז צום ווידערזעען זיך מיט אייך פאַרבלייב איך אויף שטענדיק אייערע: קאַטיאַ".

ער האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו און זיך פאַרטראַכט. יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ האָט אין אים געוועקט שיינע חלומות וועלכע האָבן זיך געטראָגן ווי אויף פליגלען פון מלאכים. זי איז געווען די וועלכע האָט אין אים גע־וועקט דעם מוט צו שרייבן. זי איז געווען די ערשטע פרוי וועלכע האָט געגלייבט אין זיין כוח און אין זיין טאַלאַנט.

אַ סקריפּ פון אַ צעעפנטער טיר און ווייכע טריט וועלכע האָבן גע־שוועבט ווי אין דער לופט האָבן זיינע געדאַנקען ווי מיט אַ שטורעם־ווינט פאַרטריבן. ער האָט דערקענט קסעניאַס טריט. זי איז אָנגעקומען און אַריינ־געבראַכט מיט זיך די זונשיין און די זומער־פּו־ייד פון דער גאַס. ער האָט זי אַרומגענומען און זי שטאַרק געקושט.

— איך האָב דיך ליב, קסעניאַ, טייערע, איך האָב דיך ליב!...

זי איז געווען גליקלעך און מזלדיק. די פּראָפעסאָרן און די סטודענטן האָבן זי ליב. פּאָליאַ און באָריס שעצן זי ווי אַן אייגענע שוועסטער און זיי זענען גרייט פאַר איר צו טאָן אַלץ וואָס נאָר אין זייערע מעגלעכקייטן. פון מיכלען איז דאָך שוין אָפּגערעדט, ער האָט אויף איר ווי אויף אַ מלאך גע־קוקט, אירע טריט געקושט און ווען ער וואָלט נאָר געקענט וואָלט ער איר אַפילו אַ קרוין פון אַ קעניגן אויפן קאָפּ אָנגעטאָן. פאַראַן נאָר איין מענטש אויף דער וועלט וועלכער האָט זי דאַכט זיך נישט ליב, און דאָס איז די אַדל־געבוירענע יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ וועלכע וויל איינרעדן אַ וועלט, אַז זי איז איצט אַ קאָמוניסטקע, און „רוף מיך פּראָסט, איך בין אַן אייגענע, רוף מיך קאַטיאַ" — זאָגט זי צו אַלעמען. אָבער זי איז איצט זייער ווייט, זי איז ערגעץ, אַזש אין טערקיי... און אויב עס וועט זיין באַשערט ווידער מיט איר זיך צו טרעפן, און פיליכט נאָך ווינען צוזאַמען, אָ, דאַן וועט זי שוין וויסן ווי אַזוי זיך מיט איר צו באַגיין. זי האָט זיך שוין דאָ, אין מאָסקווע, אויס־געלערנט צו שמייכלען און זיך צו חנפהנען אַפילו צו אַזעלכע מענטשן אויף וועלכע עס ווילט זיך אַ שפּיי־טאָן. דאָס איז לעבן, דאָס איז דאָס נייע, דאָס גרויסשטאָטישע לעבן...

און וואָס דאַרף זי אין אַלגעמיין זיך זאָרגן פאַרן לעבן, אַז מיט „בלאַט",

מיט פּראָטעקציע הייסט דאָס, קען מען זיך דורכלעבן גרינג און גוט. די־אַ אַלע לערעכצן, וואָס זי שטודירט: אַנאַטאָמיע, פיזיאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע זענען דאָך גאָרנישט מיט גאָרנישט. וואָס איז דאָרט אַזוינס? אַ מענטש לעבט און שטאַרבט! דער פּראָפעסאָר אַבראַמאָוויטש, — אָך, ער זעט אויס מיט זיין באָרד, וועלכע איז שיטער און שפּיציק און מיט די איינציקע פו־נאַנדערגעבלאָזענע האָר אויף זיין קאָפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן אויפן ווינט, נישט ווי אַ פּראָפעסאָר, נאָר ווי אַ ייִד, אַ ספּעקוליאַנט, וואָס האַנדלט אויף דער סוכאַרעווקע מיט געגנבעטע סחורה, — יאָ, דער־אָ פּראָפעסאָר אַבראַמאָוויטש האָט געזאָגט, אַז אין פאַרגלייך מיט דער עקסיסטענץ פון דעם קאָסמאָס, דעם אוניווערס, האָט דאָס לעבן פון אַ מענטשן, וואָס לעבט איין יאָר אָדער הונדערט יאָר, קיין שום ווערט נישט און קיין שום באַטייט נישט, ווייל וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען אַ קורץ אָדער אַ „לאַנג" לעבן פון אַ מענטשן אין פאַרגלייך מיט אַ צענדליק מיליאָניק יאָריקער געשיכטע פון אונדזער ערד? און דער פּראָפעסאָר האָט צוגעגעבן: „נו, כל־זמן מען לעבט דאַרף מען לעבן און נעמען פון דעם לעבן אַלץ וואָס עס לאָזט זיך. עס איז אַ קאַמף, אַן אומאויפהערלעכער, אַ פּערמאַנענטער קאַמף פאַר עקסיסטענץ. דער שטאַרקער באַזיגט דעם שוואַכן. די סאָוועטן־מאַכט מוז זיין שטאַרקער פון די קאַפּיטאַליסטן. פאַר קיין רחמנות איז קיין אָרט אין לעבן נישטאָ. די האַנט פון דער סאָוועטן־מאַכט מוז זיין געשטאַרקט און אַנרחמנותדיק!"...

זי האָט צוריק געקוקט מיכלען מיט פאַרמאַכטע אויגן און געטראַכט וועגן דעם פאַרגאַנגענעם טאָג און וועגן די לעקציעס פון דעם פּראָפעסאָר אַבראַמאָוויטש.

איר „בלאַט", איר פּראָטעקציע, באַשטייט אין דעם כוח פון איר חן, פון איר ליבלעך געמאַכטן שמייכל און פון דעם גאָלדענעם מעדאַל פאַר העלדישער אַרבעט אין דאָרף, וואָס זי טראָגט אויף איר קלייד. ווייל דעו־סטאַראָסטאַ פון לאַנד, דער פּרעזידענט, האָט איר דעקאָרירט מיט אַ מעדאַל האָבן שוין די פּראָפעסאָרן ביי איר גאָרנישט געפרעגט און זי האָט אַלע אירע עקזאַמענעס אויסגעהאַלטן אויף „אויסגעצייכנט", אָן שום מי און אָן שום שוועריקייטן. און איצט איז זי פריי... וואָס זאָל זי באַשטימען? זאָל זי פאָרזעצן ווייטער שטודירן און ווערן סוף־כל־סוף אַ דאָקטער, צי זאָל זי איבערייסן איר שטודיום און בעסער מיטפאָרן מיט מיכלען אויף זיין לעב־גערער רייזע?... פאַרוואָס, אַ שטייגער, זאָל זי נישט טאָן דאָס זעלבע וואָס פאַליאַ: זיצן אין דער היים, גאָרנישט נישט טאָן, לעבן אין אַ שיינער דירה

און דערצו נאָך האַלטן אַ דינסט?... און וואָס איז זי דען ערגער פון קאַטיאַן?...
זי מעג אויך ווי זי אַרומפאָרן מיט איר מאַן, אויף אַלע זיינע רייזעס, און
לעבן אַ גוטן טאָג!...

— קסעניאַ, עס איז דאָ אַ בריוו פון קאַטיאַן!

— פון יעקאַטערינאַ פּעטראָוונאַ, אַזש פון טערקיי?... אָ, וואָס שרייבט
זי?

— נאַ, לייען!...

קסעניאַ האָט שנעל איבערגעלייענט דעם בריוו און אַ צופרידענע גע־
זאָגט:

— עס איז מיין שולד, מיכאַיל. איך זע, אַז זי איז אַ גוטער מענטש.
איך וואָלט שוין איצט אַלץ געטאָן, אַז איך זאָל מיט איר זיין אַזוי נאָענט
און פריינדלעך ווי מיט פּאָליאַן. אַ שאָד וואָס מיר וועלן אַוועקפאָרן און מיר
וועלן זי מער נישט זען.

— איך בין צופרידן, קסעניאַ, וואָס דו פאַרשטייסט דאָס איצט אַלץ...
קען זיין, אַז זי וועט נאָך קומען קיין מאָסקווע, נאָך איידער מיר וועלן
אַוועקפאָרן!

— אָ, עס וואָלט געווען זייער גוט. אָבער דו ווייסט, מיכאַיל, מיר אַרט
איצט נישט וואָס מיר וועלן פאַרלאָזן מאָסקווע. איך האָב אַזאַ חשק צו זען
די וועלט... אַך, ווען דו זאָלסט זיין אַ דיפּלאָמאַט וואָלטן מיר קיין אויסלאַנד
געפאָרן!

מיכל האָט זיך צעלאַכט.

— דו ביסט ביי מיר אַ רייזנדע!... וואַרט־וואַרט, פּילייכט וועלן מיר
נאָך אַמאָל זיין אין אויסלאַנד אויך. מען דאַרף גאָר צוליב דעם נישט זיין
קיין דיפּלאָמאַט. אַ גוטער שרייבער, וועלכער איז אויך אַ גוטער קאָמוניסט
קען געשיקט ווערן קיין אויסלאַנד אויף אַ רייזע!...

— אָ, דאָס איז דאָס! — האָט קסעניאַ אויסגעשריגן, — מיר וועלן
פאָרן קיין אויסלאַנד!

— ביי דיר, קסעניאַ, בין איך שוין דער גרויסער שרייבער און איך
קען שוין געשיקט ווערן קיין אויסלאַנד?... מיך פרייט וואָס דו האַלטסט פון
מיר אַזוי!...

— איך מיין דאָס ערנסט, מיכאַיל. מען קען דאָס מאַכן. דורך באַריסן
קען מען אַלץ דערגרייכן!

מיכל איז בלייך געוואָרן, ער האָט קוים אַרויסגערעדט:

— זאָג דאָס מער נישט, קסעניאַ!

— פאַרוואָס?...

— אַזוי!... זאָג דאָס מער נישט, איך בעט דיך!...

— נו, גוט. געוויס פאַרשטייסטו וואָס דו רעדסט.

— געוויס... — ער האָט זיך באַרויִקט און זי אַרומגענומען, — דו ווייסט, קסעניאַ, רוסלאַנד איז דאָך אַזוי גרויס. עס זענען דאָ פאַראַן אַזויפיל שיינע געגנטן מיט פאַרשידנאַרטיקע קלימאַטן און פאַרשידנאַרטיקע קול־טורן פון פאַרשידנאַרטיקע פעלקערשאַפטן. נעם, אַ שטייגער, קאַווקאַז, קרים צי טורקעסטאַן. און סיביר, וואָס מיינסטו, איז נישט שיין? דו דאַרפסט זיין גליקלעך, קסעניאַ, וואָס מיר האָבן איצט אַ פּריווילעגיע אָן שום שטערונגען אַרומצופאָרן איבערן לאַנד.

— איך בין גליקלעך, מיכאַיִל! — האָט קסעניאַ געזאָגט.

— נו — האָט ער פריילעך אָפּגעענטפערט, — אַבי געזונט, מיר וועלן שוין אַרומפאָרן און דו וועסט ביי מיר זען אַ וועלט!...

מען איז איצט ביידע געווען אין אַ גוטער און אין אַ געהויבענער שטי־מונג קסעניאַ איז אַריין אין קיך צוגרייטן עסן. עס איז נישט געווען אַזאַ רייכער טיש ווי ביי באַריסן. מיכל האָט נישט געקענט באַקומען די טייערע פליישן, וויינען און פרוכט אַזוי ווי באַריס און ווי אַנדערע גרויסע קאָמי־סאַרן. דאָך, אין פאַרגלייך מיט די שפּייזן וואָס דער אַרבעטער האָט באַקו־מען איז דאָס געווען אַ רייכער און אַ זאַטער טיש.

נאָכן עסן האָט קסעניאַ פאַרגעלייגט צו גיין זען דאָס נייע קינאָ־בילד, וואָס מען האָט געשפּילט אין דעם קינאָ־טעאַטער „רויטער שטערן". עס איז געווען איינער פון די ערשטע אַמעריקאַנער פילמס, מיט טשאַרלי טשאַפּלי־נען אין דער שפּיץ, וועלכע מען האָט דערלויבט קיין רוסלאַנד אַריינצופירן.

קסעניאַ האָט אָפּגערופן פּאַליאַן. זי האָט געענטפערט, אַז זי איז גערן מיט זיי מיטצוגיין צו זען דעם אַמעריקאַנער פילם.

דאָס בילד איז געווען אַן איבערראַשנדע נייעס פאַר דעם סאָוועטישן צושויער. מען האָט געלאַכט ביז טרערן אין די אויגן פון דעם שלימזלדיקן טשאַרלי, דעם קאָמישן מענטשן וועלכער איז גאָר אומגליקלעך און טראַגיש.

מיכל איז געזעסן אין מיטן, צווישן פּאַליאַן און קסעניאַן, געהאַלטן זייערע ביידנס הענט אין זיינע און געפילט דעם קלאַפּנדיקן פּולס און דעם פריידיקן ציטער פון זייערע ביידנס היסטערישע געלעכטערס. ער אַליין

האָט געלאַכט ווייניק. ער האָט מער באַדויערט דעם מענטשן, דעם תמימות־דיקן טשאַרלי...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך מיכל דערוווּסט פֿון די צייטונגען, אַז די צענטראַלע רייניקונגס־קאָמיסיע פֿון דער פּאַרטיי וועט אין דעם זאַל פֿון קלוב „קאָמוניסט" אָפּהאַלטן אַ זיצונג וועגן דער לאָיאַליטעט פֿון דעם פּראָפֿעסאָר און רעדאַקטאָר מנחם פּאָליאַקאָוו. ער האָט זייער געוואָלט זיך ווידעראַמאָל זען מיט פּאָליאַקאָוון. ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט ווי אַזוי דער גרויסער מאַרקסיסטישער קריטיקער און ליטעראַטור־קענער זיצט איצט איינער אַליין אין זיין קאַבינעט, אַ פֿאַרלאָזטער און אַן איינזאַמער, און אַפֿילו זיינע נאָענטסטע און בעסטע פֿריינד און נאָכפֿאָלגער האָבן מורא צו אים אַריינצוקומען און אים אַ טרייסט־וואָרט זאָגן... און אויך ער, מיכל, האָט איצט מורא געהאַט פֿאַר פּאָליאַקאָווס אויגן זיך צו באַווייזן. ער האָט מורא געהאַט אי פֿאַר זיך אי פֿאַר אים, ווייל אין אַזאַ צייט ווען די פּאַרטיי האָט שוין געוואָרפֿן אַן אומחן אויף אַ מיטגליד, שפּיאָנירט מען שוין נאָך אים, און אויב עס וועט קענען אים אַרויסגעטראָגן ווערן אַ נישט־געוווּנטשענער אורטייל, דאַן וועלן שוין אַלע זיינע פֿריינד אויך זיין אויפֿן צעטל פֿון די פֿאַרדעכטיקטע... פֿאַרשטייט זיך, אַז עס איז בעסער צוואַרטן און נישט שטעקן דעם קאָפּ אין דער תּליה. און דאָך... ווייסט ער, אַז פּאָליאַקאָוון וועט די קאָמיסיע פֿון דער פּאַרטיי נישט אויסרייניקן. ער איז זיכער, אַז באַריס האָט שוין עפּעס געטאָן... כאָטש צוליב וואָס זאָל זיך דאָס באַריס איינשטעלן פֿאַר פּאָליאַקאָוון, אַ מענטשן וואָס ער קען נישט און ווייסט נישט, אַ מענטשן וואָס, ווען נישט ער, מיכל, זאָל געוועזן פֿאַר אים בעטן, וואָלט באַריס גאָר מיט יענעמס גורל זיך קיינמאָל נישט פֿאַראינטערעסירט?... טוט דאָס באַריס נאָר צוליב דער טובֿה פֿאַר מיכלען, צי אפֿשר איז נאָך פֿאַראַן אַ פּונק מענטשלעכער רחמנות אין זיין האַרצן פֿאַראַן?...

דער קלוב „קאָמוניסט" איז געווען פֿול געפּאַקט מיט שרייבער, צייטונגס־טוער, אַרטיסטן, מוזיקער, פּראָפֿעסאָרן, דאָקטוירים און אויך פּראָסטע אַרבעטער. די ידיעה, אַז דער באַרימטער ליטעראַטור־קריטיקער, רעדאַקטאָר און פּראָפֿעסאָר מנחם פּאָליאַקאָוו איז אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿאַר דער צענטראַלער רייניקונגס־קאָמיסיע האָט אויפֿגעשטורעמט טויזנטער מענטשן, פֿריינד און שונאים, לייענער פֿון זיין צייטונג און סטודענטן פֿון זיין קורס אין דעם אוניווערסיטעט. טויזנטער מענטשן האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט אין דעם קלוב און געוואָלט הערן און זען ווי אַזוי מען וועט ריי־

ניקן, און פֿילײַכט אויסרײַניקן פֿון דער פּאַרטײ, דעם גרעסטן ייִדישן מאַרק־סיסט װאָס די קאָמוניסטישע פּאַרטײ פֿאַרמאָגט אין אירע רײען.

די פֿינף מיטגלידער פֿון דער צענטראַלער רײניקונגס־קאָמיסיע, זענען געװען אויסדערװײלטע פֿון דער פּאָליטביוראָ, און אײדער מען האָט זײ באַשטימט אַלס ריכטער צו רײניקן און משפּטן זענען זײ אַלײן אויך פֿריִער געריײניקט און געמשפּט געװאָרן פֿון דער פּאָליטביוראָ און פֿון סטאַלינען זעלבסט. עס איז קײן װוּנדער נישט װאָס זײער אויטאָריטעט איז געװען אַזױ גרױס און װאָס טױזנטער מענטשן האָבן געװאָלט צוזען די רײניקונגס־פּראָצעדור, פּונקט אַזױ װי מען איז נײַגעריק צו זען אַ טראַגישע פֿאָרשטע־לונג מיטן אָנטײל פֿון באַרימטע אַקטיאָרן, אָדער אַ קאָמישע שפּיל פֿון צירק־פּאַיאַצן.

אַרום דעם רױט־געדעקטן טיש, אויף דער בינע, זענען געזעסן די „ריכטער", גדלותדיקע און שטרענגע אין זײער קאָמוניסטישער באַװוּסט־זיניקײט, אויסגעפּוצטע אין זײערע כאַקי־טוזשורקעס און באַהאָנגענע מיט די װײס־זילבערנע און געל־גאָלדענע גלאַנציקע צאַצקעס, — אָרדנס און מעדאַלן, — אויף די ברוסטן. איבער זײ, אויף די דעקאָראַטיװע װענט, זע־נען געהאָנגען, װי אַ דרײ־הײליקײט, די פּאָרטרעטן פֿון מאַרקסן, לענינען און סטאַלינען. אַקעגן דער קאָמיסיע איז געשטאַנען אַ קלײן, אויסגעדאַרט און הכנעהדיק ייִדל, — מנחם פּאָליאַקאָװ.

דער פּאָרזיצער פֿון דער רײניקונגס־קאָמיסיע האָט הױך און שטרענג געפֿרעגט:

— אײער נאָמען, פֿאָטערס נאָמען, פֿאַמיליע־נאָמען?!

און דערנאָך:

— װאָס פֿאַר אַ קאָנטער־רעװאָלוציאָנערע פּאַרטײ האָט איר געדינט, אײדער איר זענט אַרײנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ?

דער קלײן־װוּקסיקער, אויסגעדאַרטער מענטש האָט זײַן קאָפּ אויפֿגע־הױבן און בײז און שטעכיק אַדורכגענומען מיט זײַנע בליקן דעם גדלות־דיקן פּאָרזיצער.

— די קאָנטער־רעװאָלוציאָנערע פּאַרטײ, צו װעלכער איך האָב באַלאַנגט און פֿון װעלכער איך בין אײנער פֿון אירע פֿירער געװען, איז ביז דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע געװען אַ מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישע און האָט געקעמפֿט קעגן דער פֿאַרקנעכטשאַפֿט און אומרעכטפֿאַרטיקײט פֿון דעם צאַ־

רישן רעזשים, צוגלייך מיט אַלע איבעריקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, צוגלייך מיט די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס!...

— זאָגט איר, אַז די פּאַרטיי, צו וועלכער איר האָט אַמאָל באַלאַנגט, איז נישט געווען קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע?

— ביז די באָלשעוויקעס זענען צו דער מאַכט געקומען, — ניין!

— און נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן דעראָבערט די מאַכט?

— נאָך דעם האָבן מיר אונדזער אַלטע פּאַרטיי ליקווידירט, ווייל מיר האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט די באָלשעוויקעס־קאָמוניסטן.

— צוליב וואָס האָט איר דאָס געטאָן? כדי איר זאָלט אַריינדרינגען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?...

— נישט אַריינדרינגען! — האָט פּאָליאַקאָוו אַ געשריי־געטאָן און גע־מאַכט אַ טראָט נעענטער צום פּאָרזיצער, — דאָס וואָרט זאָלט איר אָנווענדן צו נישט ערלעכע מענטשן! איך בין אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, — און נישט אַריינגעדרונגען, — נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אידעאָלאָגיש אי־דענטיפיצירט מיטן אידעאַל פון קאָמוניזם. איך בין געקומען צום אויס־פיר, נאָך אַן אָפּשאַצונג און איבערשאַצונג פון מיין געוועזענער פּאַרטייס טעטיקייטן, אַז זי, אַזוי אויך ווי אַנדערע פּאַרטייען, האָט אין איר צייט איר נוצלעכע ראָל אָפּגעשפּילט, און איר אָרט, ווי דאָס אָרט פון אַלע אַנדערע פּאַרטייען, דאַרף איצט פאַרנעמען נאָר איין פּאַרטיי, און דאָס איז די קאָ־מוניסטישע פּאַרטיי.

— אַזוי, האַלט איר, אַז יעדע פּאַרטיי האָט געשפּילט אַ נוצלעכע ראָל אין איר צייט?

— יאָ, יעדע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי!

— איז דער בונד אויך געווען אַ סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי?

— יאָ, אין איר צייט!

דער פּאָרזיצער האָט זיך אויפגעשטעלט און אַ קלאַפּ־געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש.

— וואָס מיינט איר, אין איר צייט?... האַלט איר דען נישט, אַז דער „בונד" איז געווען אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי? איר אַליין האָט דאָך אויך געקעמפט קעגן דעם „בונד", איר און אייער געוועזענע פּאַרטיי!...

אַ חוזק־שמייכעלע האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם ייִדנס דינע ליפּן. דער־נאָך האָט ער געמאַכט אַ טריט צוריק און זיך איינגעקוקט אין דעם טויזנט־

קעפּיקן עולם, גלײַך װי נישט פֿאַר אַ משפּט פֿון דער רייניקונגס־קאָמיסיע איז ער געשטאַנען, נאָר פֿאַר אַ משפּט פֿון פֿאָלק. ער האָט רויִק און דרייסט זײַן דערקלערונג געגעבן:

— אין יענער צײַט איז דער „בונד" געווען סאָציאַליסטיש און רעוואָ־לוציאָנער. מיר, די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, האָבן קעגן „בונד" נישט גע־קעמפט, מיר האָבן נאָר געהאַט מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן. אונדזערע וועגן זענען געווען פֿאַרשידענע, אָבער אונדזער ציל איז געווען דער זעלבער: די באַפֿרייונג פֿון די ייִדישע אַרבעטס־מאַסן צוזאַמען מיט די אַרבעטנדיקע פֿון אַלע פֿעלקער, און דאָס דערגרייכן דעם אידעאַל פֿון סאָציאַליזם!

— סאָציאַליזם, וווּ, אין פּאַלעסטינע?

— יאָ, אויך אין פּאַלעסטינע. מיט דעם האָבן מיר זיך אונטערשיידט פֿון „בונד".

מיכל איז געזעסן צווישן עולם און צוגעזען די קאָמעדיע, זיך צוגע־הערט צו די טראַפֿאַרעטע און באַנאַלע פֿראַגן און נישט פֿאַרשטאַנען צו וואָס דאָס אַלץ קען פֿירן. קיין שום זינד האָט נאָך דער פֿאָרזיצער פֿון דער רייניקונגס־קאָמיסיע אין פּאַליאַקאָוון נישט געפֿונען. זײַן אַמאָליקע אָנגע־העריקייט צו אַן אַנדערער פּאַרטיי איז געווען אַ באַקאַנטע זאַך. ער האָט דאָס נישט געלייקנט און נישט אויסבאַהאַלטן. פֿאַר די יאָרן, זינט דער צענטראַלער קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט אים אָנגע־פֿאַרטרויט צו זײַן דער רעדאַקטאָר פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־צײַ־טונג אין דער ייִדישער שפּראַך האָט ער געבאַלעבאַטעוועט אין דער צײַטונג מיט אַן אײַזערנער שטרענגקייט פֿון אַ געטרייען קאָמוניסט. הײַנט, וואָס זוכט מען זיך צו אים, און וואָס וויל מען פֿון אים האָבן?...

נאָר אָט איז אַרויסגעטראָטן אַלס עדות שיקע אָגולסקי. אין זאַל האָט זיך דער עולם אַ וויג־געטאָן. מען האָט געוווּסט, אַז דער־אָ שיקע אָגולסקי האָט דאָס דער ערשטער איבערגעריסן מיט זײַן געוועזענער גרופּע „ייִדן אַנאַרכיסטן" און איז געוואָרן אַ קאָמוניסט. ער איז געווען דער ערשטער ייִד, פֿון אַלע געוועזענע ייִדישע פּאָליטישע פּאַרטייען און געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען, וואָס איז געוואָרן אַ קאָמוניסט. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זײַן אַמאָליקן אידעאַל מיט די פֿיס צעטראָטן און פֿאַר די הײַנט צום פֿרעסן אַ וואָרף־געטאָן. ער איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט גערופֿן די פֿירער פֿון אַלע ייִדישע פּאָליטישע און געזעלשאַפֿטלעכע גרופּי־רונגען נאָכצוטאָן זײַן בײַשפּיל און אַרײַנטרעטן אין דער קאָמוניסטישער

פּאַרטיי. און דערפֿאַר האָט ער געהאַלטן, אַז אים קומט מער כבוד און מער פּריווילעגיעס ווי אַלע אַנדערע ייִדן קאָמוניסטן, ווייל ער האָט זיך דאָס ביי דער פּאַרטיי כשר פֿאַרדינט...

אויף דער פּען איז אָגולסקי געווען שטומפּיק. אָבער אַ מויל האָט ער געהאַט אַ גרויס... עס איז געווען אַ רחמנות זיך צוצוקוקן צו אַ מענטש וואָס איז אין זיין מויל אַריינגעפֿאַלן. ער האָט פֿאַר דער קאָמיסיע געטענהט:

— פּאַליאַקאָוו איז דורכגעוועבט, דורכגעזויפּט, דורכגעפּרעסט און דורכגעפּוילט פֿון ייִדישן שאָוויניזם און נאַציאָנאַליזם! ער איז נאָך אַלץ, אין זיין נשמה, אַ ציוניסט. פּאַליאַקאָוו איז אַריין אין דער פּאַרטיי צוליב קאַריערישער פֿאַרביסנקייט. ער איז אַן אָפּאָרטוניסט, אַ פֿאַלשער מאַרקסיסט, אַ זעלבסט־געקרוינטער „צאַר" פֿון דער „ייִדישער סעקציע", וועלכע די פּאַרטיי האָט שוין איצט מיט רעכט ליקווידירט, ווי אַן אומנוצלעכן רודי־מענט, אַ געשווילעכץ אויפֿן לייב פֿון די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן!...

נאָך אָגולסקין האָט עדות געזאָגט דער גרויסער שרייבער דניאל שטערנפֿעלד. ער איז געשטאַנען פֿאַר די טויזנט־קעפּיקע פֿאַרזאַמלטע און „עדות" געזאָגט קעגן אַ מענטשן וועלכער איז געווען זיין ליטעראַרישער קריטיקער און האָט אַמאָל זיינע ווערק פֿאַרגליכן צו דער מייסטערשאַפֿט פֿון די וועלט־קלאַסיקער. פּאַליאַקאָוו האָט אים דערהויבן, און ער האָט פּאַ־ליאַקאָוון דערנידעריקט. פֿאַר דעם ברויט, וואָס פּאַליאַקאָוו האָט אים גע־געבן האָט ער אים אָפּגעצאָלט מיט שטיינער. ער האָט מיט זיינע גראָבע ליפּן געפּאַטשט און פֿון זיין האַלדז צו די ליפּן כריפּעדיקע ווערטער פֿון אַ צעפּאַרענעם וואָגן אַרויסגעשטויסן:

— אַז מען רעדאַגירט אַ קאָמוניסטישע צייטונג איז נאָך נישט קיין באַ־וויז, אַז מען איז טאַקע אויך אַן אמתער קאָמוניסט! מען דאַרף דאָס באַווייזן מיט טאַט! פֿאַר מיר שטייט פּאַליאַקאָוו אַזאַ, ווי ער איז געווען מיט צוואַנ־ציק יאָר און מיט דרייסיק יאָר צוריק. ווייל איך גלייב איך אים, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, ווייל איך נישט, גלייב איך נישט!...

דער־אָ „ווייל איך יאָ, ווייל איך נישט" פֿון דעם שרייבער שטערנפֿעלד איז דער ריניקונגס־קאָמיסיע נישט געפֿעלן געווען. דער עולם אין זאַל איז אויך געווען אַנטוישט אין דניאל שטערנפֿעלדס עדות־זאָגן. אַלע פֿינף מיט־גלידער פֿון דער קאָמיסיע האָבן זיך אָנגעהויבן צו שושקען צווישן זיך, און צום סוף האָט דער פֿאָרזיצער געמאָלדן:

— די קאָמיסיע וועט דעם באַשלוס וועגן מנחם פּאַליאַקאָווס ווייטער־

דיקער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט אַרויסטראָגן אין צווײ טעג אַרום. דער באַ־שלוס וועט זײַן געמאָלדן אין אַלע סאָוועטישע צײַטונגען!

די רייניקונגס־קאָמיסיע איז אַוועק. דער עולם האָט זיך אָנגעהייבן אַרויסצורוקן פון זאַל. דער איינציקער, אין דעם קלוב, איז געבליבן מנחם פּאָליאַקאָוו. ער איז לאַנג געשטאַנען איינער אַליין און איבערגעוואַרט ביז אַלע וועלן זיך צעגיין און דער קלוב וועט ווערן אינגאַנצן מענטשן־ריין. דערנאָך איז ער איינער אַליין אַראָפּגעגאַנגען פון דער בינע, זיך געלאָזט איבער דעם ליידיק־געוואָרענעם גרויסן זאַל. ער איז אַרויס אויף דער גאַס און זיך געלאָזט גיין אַהיים.

מיכל איז פון קלוב נישט געגאַנגען צו זיך אַהיים. ער איז אַוועק צו באָריסן. עס איז שוין געווען שפּעט. פּאָליאַ און דאָס קינד זענען שוין גע־שלאָפן. באָריס איז געזעסן אין זײַן צימער און האָט געלייענט אַ בוך. ווען ער האָט דערזען מיכלען האָט ער באַלד דעם בוך צוגעמאַכט און ער איז אים אַנטקעגן געגאַנגען.

— פון דער רייניקונג גייסטו?

— פון וואַנען ווייסטו דאָס, באָריס?

— איך האָב פאַרשטאַנען, ווען נישט וואָלסטו אַזוי שפּעט צו מיר נישט געקומען!

— יאָ, איך בין אַפילו מיד... אָבער...

— עס מאַכט נישט, מיכאַיל. צו מיר אין שטוב מעגסטו קומען ווען נאָר דו ווילסט!

— איך ווייס דאָס.

— דו האָסט גענומען אַ וואָרט, בעת דער רייניקונג?

— ניין, באָריס.

— האָסט גוט געטאָן. אַזוי איז בעסער.

— און וואָס איצט, באָריס? עס איז אַ שאָד צו באַגראָבן אַ מענטשן אָן שום באַוויַיזן קעגן אים!...

— אַהאַ, נישט געווען קיין באַווייזן, זאָגסטו?

— ניין, באָריס!

— נו, גוט. — האָט באָריס געענטפערט אָן שום באַגייסטערטן אינ־טערעס, גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט נישט וועגן אַ לעבעדיקן מענ־טשן, נאָר וועגן עפּעס אַ קליינלעכע זאַך. — יעדער באַשלוס פון דער ריי־ניקונגס־קאָמיסיע, צי ער איז אַ פּאָזיטיווער אָדער אַ נעגאַטיווער, מוז נאָך

האָבן די גוטהייסונג פון אונדזער „ספּעציעלן אָפּטייל". אין דעם אָפּטייל בין איך דער באַלעבאָס.

מיכל איז געבליבן שטיין און געקוקט אויף באָריסן פאַרוווּנדערט. ער האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט אַריינגעטראַכט וואָס פאַר אַ וויכטיקן אַמט זיין חבר פאַרנעמט אין דעם קרעמל. ערשט איצט הייבט ער אָן צו צעקייען: דער „ספּעץ־אָפּטייל", דאָס איז דאָך דער געהיימער אָפּטייל און סטראַטע־גישער געהיים־צענטער, וועלכער איז אונטערגעוואָרפן נאָר סטאַלינען פּער־זענלעך און ווייטער קיינעם נישט. מען האָט באַדאַרפט זיין אַ ווירקלעכער געניע צו שאַפן אַן אַפּאַראַט מיט אַ פּאָר צענדליק מענטשן, וואָס אָפיציעל פאַרנעמען זיי נישט קיין שום אָנפירנדיקע פּאָזיציעס, האָבן נישט קיין טיט־לען און ראַנגן, אָבער פּאַקטיש זענען זיי די באַלעבאַטים פון דער לאַגע, די העכסטע פון די העכסטע קאָמיסאַרן און נאָר איין סטאַלין איז נאָך הע־כער פון זיי. איז אָט ווער זיין חבר באָריס איז?... ער האָט דאָס געוווּסט און נישט געשעצט, נישט פאַרשטאַנען. ערשט איצט הייבט ער אָן רעכט צו פאַרשטיין!...

— וואָס קוקסטו אויף מיר צעטומלט, — האָט באָריס געפרעגט, — דערקענסט מיך נישט?...

— אַך, גאָרנישט, באָריס!

— דאַן, גיי אַהיים צו דיין קסעניאַן! שלאָף זיך גוט אויס און טראַכט מער וועגן גאָרנישט! — ער האָט אים צוגעפירט צו דער טיר און ביים געזעגענען זיך האָט ער צוגעגעבן, — אין אַלגעמיין, מיכאַיל, וואָס פאַר אַ טייוול בעט דיך זיך אָנצונעמען אין יענעמס קריוודעס? זיץ און שווייג, ווייל מען טשעפּעט דיך נישט!...

מיכל האָט געדריקט זיין האַנט און געזאָגט:

— און דו, באָריס, וואָס פאַר אַ טייוול שטויסט דיך צו טאָן יענעמס טובות?... דו מיינסט, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן אונדזערע קינדער־ און יוגנט־יאָרן?... דו ביסט שטענדיק געווען „באָריס דער שטאַרקער", און דו האָסט שטענדיק געהאַט אַ טבע צו פאַרטיידיקן אַ שוואַכן!...

— איך?... — האָט באָריס איבערגעפרעגט און זיך צעלאַכט, — דאָס איז עפּעס אַנדערש!...

אין עטלעכע טעג אַרום איז געמאָלדן געוואָרן אין אַלע צייטונגען דער באַשלוס פון דער צענטראַלער רייניקונגס־קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי וועגן מנחם פּאָליאַקאָוון, אַז ער איז אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסט און אַז ער

איז ווערט אָנצוהאַלטן זײַנע הויכע אַמטן אַלס פּראָפעסאָר פון וועלט־ליטע־ראַטור אין דעם מאָסקווער לעניַן־אוניווערסיטעט און אַלס רעדאַקטאָר פון דער מאָסקווער ייִדישער קאָמוניסטישער צײַטונג, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט פאַרשפּרייטן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּרינציפּ פון דעם קאָמוניסטישן אידעאַל צווישן ייִדיש־רעדנדיקע מאַסן, אויף אַזויפיל אויף וויפל אַזעלכע זענען נאָך פאַראַן.

.37

אין מינסק, ביי דעם דיכטער לייזער פּייגין אין דער נייער וווינונג איז פאָרגעקומען די נישט־אָפיציעלע באַראַטונג פון געציילטע און זייער פאַר־לעסלעכע שרייבער און קולטור־טוער. אָפיציעל האָט דאָס געהייסן, אַז פּייגין פאַרבעט זײַנע פריינד צו קומען צו אים אויף אַ באַנקעט אין צו־זאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס די רעגירונג האָט אים געגעבן אַ נייע דירה.

די זיבן־צימערדיקע נייע וווינונג, וואָס דער דיכטער לייזער פּייגין האָט באַקומען איז ווירקלעך געווען דאָס לעצטע וואָרט פון מאָדערנער טעכ־ניק וואָס איז אין דער הייזער־בויונג פון רוסלאַנד אָנגעווענדט געוואָרן. די געסט האָבן באַוווּנדערט די שיינע אַרכיטעקטור פון דעם צוויי־הונדערט־דירהדיקן ווייסן מויער, אין מיטן פון אַ וואַלד, אונטער דער שטאָט, מיט די פּילצאַליקע ווינדעס, וואָס פאָרן אַרויף און אַראָפּ, און מיט די טואַלעטן אין די דירות, און די קאַלטע און הייסע וואַסער אין דער קיך און אין דעם באָד־צימער. אויסער דעם גרויסן עס־צימער, דעם וווּנדער־שיינעם גאַסט־זאַל און די שלאָף־צימערן, האָט נאָך פּייגין געהאַט פאַר זיך אַליין אַן אַר־בעטס־צימער, אַ זאַך, וואָס איז געווען דער ווונטש פון יעדן שרייבער אין רוסלאַנד, ווייל די מערהייט פון זיי האָבן מער ווי איין צימער פאַר זיך צו־זאַמען מיט דער פאַמיליע נישט געהאַט.

פּייגין האָט זיך לאַנג געגרייט צו דעם באַנקעט. ער האָט געשפּאָרט און געזאַמלט שפּייז כדי זײַנע געסט זאָלן זיין צופרידן. און די געסט, דאָס זע־נען געווען נאָר צוועלף איינגעלאַדענע מענטשן.

מנחם פאַליאַקאָוו איז נאָך דער פאַרטיי־רייניקונג אַרויס אַ געשטאַרק־טער, און ווי אַ זיגער האָט ער זיך ערשט איצט אַריינגעטאָן אין דער קאָמו־ניסטיש־ייִדישער קולטור־טעטיקייט, מיט זיין גאַנצן ברען און קוראַזש. ער האָט אויף דעם היימישן און חברישן באַנקעט אַ סך געגעסן, פיל געטרונקען און נאָך מערער גערעדט.

— אין זיין דעפיניציע, וועגן דעם וואָס עס איז אַזוינס אַ נאַציע, לערנט אונדז דער חבר סטאַלין, אַז כדי צו זיין אַ נאַציע מוז מען האָבן אין זיך די פיר אַטריבוטן: שפּראַך, קולטור, טראַדיציע און טעריטאָריע! און אויב, זאָגט דער חבר סטאַלין, עס פעלט איינער פון די פיר אַטריבוטן, דאַן איז דאָס נישט קיין נאַציע!... און דאָ האָט זיך פּאָליאַקאָוו אַ רייב־געטאָן דעם שטערן און אַ ביסטרען קוק געטאָן אויף די איבעריקע געסט, — מיר האָבן נאָר דריי אַטריבוטן: שפּראַך, קולטור און טראַדיציע! מיר האָבן נישט דעם פערטן אַטריבוט, טעריטאָריע!... האָט טאַקע דער קלוגער סטאַלין רעכט, ווען ער באַהויפּטעט, אַז ייִדן זענען נישט קיין נאַציע! אָבער דאָ מיינע פריינד, דאַרפן מיר באַהויפּטן, אַז די היסטאָרישע קריוודע ווערט פאַרריכט. מען האָט אונדז צוגעטיילט אַ טעריטאָריע, ביראָבידזשאַן, און מיט דעם ווערט באַשטעטיקט, אַז מיר זענען יאָ אַ נאַציע!... מיר דאַרפן אָבער זען, אַז ביראָבידזשאַן זאָל נישט בלייבן בלויז אויפן פּאַפּיר אַ ייִדישע טעריטאָריע! אין וועמען־זשע איז דאָס געווענדט, אין אונדז ייִדן־קאָמוניסטן, צי אין כוחות וואָס שטייען איבער אונדז?...

דער דיכטער ישׂראל ברענער, פון קיִעוו, האָט זיך אַזש פאַרהיקעט פון אויפרעגונג. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן די גאָפּל־מעסער אין זיינע הענט און ער האָט כמעט גאָרנישט נישט געגעסן. צום סוף האָט ער געזאָגט:

— די סאָוועטישע רעגירונג העלפט אַלע פעלקער און זי מוז אונדז אויך העלפן!

— גיט אַ קאָנקרעטן פאָרשלאַג! — האָט לייזער פּייגין זיך ביי אַלע־מען געבעטן.

אָבער קאָנקרעט וואָס צו טאָן און ווי אַזוי זיך צו באַגעגענען מיט פּאַרטייִשע און רעגירונגס־אויטאָריטעטן, און וואָס מיט זיי צו רעדן, דאָס אַלץ האָט קיינער נישט באַטאָנט. מען איז נאָר געקומען צו אַ טרויעריקן אויספיר, אַז ביז וואַנען סטאַלין וועט זיך נישט אָפּזאָגן עפנטלעך פון זיין נעגאַטיווער טעאָריע, וועגן ייִדן אַלס אַ פאָלק אָדער אַ נאַציע, האָט דאָס שאַפן פון אַ „ביראָבידזשאַן" קיין שום ווערט נישט.

מיכל איז דאָ געווען אַ צופעליקער גאַסט, וועלכן מען האָט טאָלערירט און צו אים צוטרוי געהאַט נאָר אַ דאַנק דער רעקאָמענדאַציע פון פּאָליאַ־קאָוון. ער איז דאָ געווען דער דרייצנטער גאַסט. די איבעריקע צוועלף,

האָבן אים באַטראַכט ווי אַן אַסימילירטן ייִדן, וואָס האָט זיך נאָך נישט אינ־גאַנצן אָפּגעקערט פון ייִדנטום און ער וועט זיך לאָזן אויסנוצן...

ווען מיכל איז צוריקגעקומען פון מינסק קיין מאָסקווע, האָט אים קסעניאַ געזאָגט, אַז באָריס וויל אים דרינגגנד זען.

— פּאָליאַ איז ספּעציעל דאָ נעכטן געווען און געזאָגט, אַז ווי נאָר דו וועסט קומען פון מינסק, זאָלסטו אין דעם זעלבן טאָג גלייך צו זיי קומען און דאָרט וואַרטן ביז באָריס וועט פון זיין אַרבעט אַהיים קומען. עס איז דרינגנד!

מיכל איז נאָך אין דעם זעלבן אָוונט אַוועק צו באָריסן.

באָריס האָט אים אויפגענומען מיט צעשפּרייטע הענט. ער האָט אים אַריינגעפירט צו זיך, אין זיין באַזונדערן צימער, און זיך אַוועקגעזעצט אַקעגן אים און, נישט פאַרלירנדיק קיין צייט אויף זייטיקע רייד, האָט ער זיך צעשריגן:

— ביסט געפאָרן קיין מינסק און מיר אַפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט!

מיכל האָט אים אָנגעקוקט און תמעוואַטע געשמייכלט.

— פון ווען אָן דאַרף איך דיר זאָגן וווּהין איך פאָר?

— אויב דו דאַרפסט נישט, איז וואָס־זשע דולסטו מיר אַ קאָפּ און קומסט זיך צו מיר אַלע מאָל באַראַטן וואָס צו טאָן?...

— ווען איך פיל, אַז איך דאַרף זיך באַראַטן, איך בין אין אַ פאַרלע־גנהייט, קום איך צו דיר. אָבער ווען אַ מענטש, אַ וויכטיקער דיכטער, קריגט אַ נייע דירה פון דער רעגירונג, און פראַווועט צוליב דעם אַ הור־ליאַנקע, ער פאַררופט צו זיך זיינע פריינד, פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס איך האָב באַדאַרפט קומען און דיר זאָגן, אַז איך בין פאַרבעטן צו קומען צו דער הוליאַנקע!...

— אַזוי, אַ הוליאַנקע איז דאָס געווען? — האָט באָריס אים איבער־געקרימט, — ווי־זשע קומט דאָס, וואָס מען האָט אויף אַזאַ הוליאַנקע נישט איינגעלאַדן דעם שרייבער דניאל שטערנפעלד? ער איז דאָך דער גרעסטער שרייבער ביי ייִדן? איז ער דען נישט פייגינס אַ פריינד?...

— צי ער איז יאָ פייגינס אַ פריינד צי נישט, — דאָס ווייס איך נישט באַשטימט. שרייבער רייסן זיך אַרום. מען פאַרגינט גאָר נישט איינס דעם צווייטן!... נו, און איך בין זייער ווייט פון אַזעלכע שרייבער!... אָבער פון וואַנען ווייסטו, אַז מען האָט דעם אַ דניאל שטערנפעלד נישט איינגעלאַדן אויף דער הוליאַנקע?

— טאַקע פון דעם־אַ דניאל שטערנפעלד אַליין. און נאָך מער, מיר ווייסן אַפילו ווער עס איז יאָ איינגעלאַדן געוואָרן. כמעט אַלע נעמען ווייסן מיר. שטערנפעלד האָט אונדז צוגעשטעלט אַ צעטל פון ניין מענטשן, וואָס ער איז זיכער, אַז זיי האָט דער דיכטער פייגין צו זיך איינגעלאַדן. צום גליק איז דיין נאָמען אין דעם צעטל נישט פאַראַן. ער האָט אַ חשד, אַז דאָס איז נישט געווען גלאַט אַ שמחהלע צוליב דעם וואָס מען האָט פייגינען אַ נייע דירה געגעבן, נאָר, אַז דאָס איז געווען אַ מין קאָנספּיראַציע פון עטלעכע ייִדישע שאָוויניסטישע שרייבערס. דעם חשד האָט ער אויפן גרונט פון דעם, וואָס אויב אַלץ וואָלט געווען כשר, וואָלט מען אים אויך אַ באַנקעט, צי אַ הוליאַנקע פון אַ וויכטיקן דיכטער געמוזט איינלאַדן, ווייל ער איז דער גרעסטער שרייבער ביי די ייִדן און אין אַזעלכע פאַלן גיט מען אים שטענדיק אָפּ דעם געהעריקן כבוד. מען פאַרפעלט אים קיינמאָל נישט איינצולאַדן אויף שמחות פון שרייבער! און אויב מען האָט אים נישט איינגעלאַדן, איז דאָס אַ סימן אַז מען געטרויט אים נישט, מען באַהאַלט עפּעס אויס פון אים, מען וויל נישט, אַז ער זאָל הערן זייערע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ריידן!... אָט דאָס אַלץ האָט דניאל שטערנפעלד געמאָלדן אין דער צ״ק. מען האָט די זאַך איבערגעגעבן צום „ספּעץ־אָפּטייל". פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געמאַכט צו נישט די גאַנצע געשיכטע...

מיכל איז געזעסן און געקוקט אויף זיין חבר מיט אַ פּאָר אויסגעסטאַרטשעטע אויגן. זיין פּנים איז געווען ווייס. די בלוטן אין זיין גוף האָבן געזאָטן. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט. ער האָט קוים אויסגערעדט:

— איך גלייב נישט, אַז שטערנפעלד זאָל זיין פעיִק אויף אַזאַ טאַט!...

— מעגסט נישט גלייבן. דאָס איז דיין זאַך, מיכאַיִל. אָבער היטן דאַרפסטו זיך!... גרעסערע מענטשן ווי שטערנפעלד פאַרנעמען זיך מיט אינפאָרמירן, מסרן און באַרעדן זייערע קאָלעגן. דאָס טוען פּראָפעסאָרן, אינזשעניערן, אַרטיסטן, לערער, דאָקטוירים און אַפילו די גרויסע קאָמיסאַרן. אייניקע טוען דאָס פון צופיל ליבשאַפט צו דער פּאַרטיי און רעגירונג; אייניקע טוען דאָס ווייל זיי אַליין טראָגן זיך אום מיט אַ שולד־געפיל און זיי דוכט זיך, אַז די גאַנצע וועלט, יעדער מענטש איז קעגן זיי; אָבער עס זענען אויך דאָ אַזעלכע וואָס אַנטדעקן טאַקע אין דער אמתן, פּאַר אונדז, די שעדלעכע עלעמענטן, וועלכע זענען ווערט פאַרניכטעט צו ווערן. יעדנפאַלס איז דאָס איצט אַ צייטווייליקע פּלאָג אַזאַ. יעדער איינער איז איצט באַהערשט פון דעם חולאת צו אינפאָרמירן און צו אויפדעקן. פאַרשטייט זיך, אַז עס ליידן

פון דעם זייער פיל אומשולדיקע מענטשן, אָבער צווישן די אומשולדיקע פּאַקן זיך אויך אַריין אַ גרויסע צאָל שולדיקע. אָט דערפאַר טאַקע דערמוטיקן מיר יעדער איינעם, אַז ער זאָל ווערן אַן אינפאָרמער, אַ מוסר!...

— אָ, דאָס איז נידערטרעכטיק!...

— נישט געזאָרגט, מיכאַיל! — האָט זיך באָריס אָנגערופן, — עס זענען פאַראַן אין דעם „ספּעץ־אָפּטייל" ביים קרעמל, צוויי ליסטעס פון מענטשן אין וועלכע מיר זענען פאַראינטערעסירט. אַ רויטע ליסטע און אַ שוואַרצע ליסטע. דיין נאָמען איז נאָך אַלץ פאַרשריבן מיט גאָלדענע גלאָריע־בוכשטאַבן אויף דער רויטער ליסטע. און זאָל גאָט דיך אָפּהיטן, אַז דיין נאָמען זאָל ווערן פאַרשריבן מיט רויט־בלוטיקע בוכשטאַבן אויף דער שוואַרצער ליסטע. אָבער איך וואָרן דיך נאָך אַמאָל: קוק אויף אַלץ מיט אָפענע אויגן און מיט אַ ניכטערן געדאַנק. געטרוי קיינעם נישט, אַפילו דיין קסעניאַן דאַרפסטו נישט אַלץ אָנפאַרטרויען. ווען דו קומסט ערגעץ צו־גאַסט זאָלסטו זיך אויפפירן מיט ווירדע. זאָלסט עסן, טרינקען און רעדן נאַרישקייטן. און אויב מען וועט פאַרפירן אַן ערנסטן שמועס וועגן פּאָליטיק, דאַן געפין אַן אויסרייד און פאַרלאָז די געזעלשאַפט. געדענק, מיכאַיל, דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס איך וואָרן דיך, ווייל דו דרייסט זיך איצט אין אַזעלכע קרייזן, וואָס אַן אַנדערער אויף דיין אָרט וואָלט זיי אויסגעמיטן!... געדענק מיינע רייד, מיכאַיל!

— עס איז שרעקלעך, שרעקלעך אַזוי צו לעבן! — האָט מיכל אויסגעשריגן.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן! — האָט באָריס געזאָגט און אים דערלאַנגט די האַנט, — גיי אַהיים, מיכאַיל! דיין ווייבל וואַרט דאָרט אויף דיר. אָ, זי געפעלט מיר זייער. זי איז דיר געטריי!... די פּאָר טעג וואָס דו ביסט אין מינסק געווען איז זי דאָ איבערגעלעגן. זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך דיר. לאָז זי מער נישט איבער אַליין, ווען דו פאָרסט ערגעץ. נעם זי מיט זיך!...

אין דער היים האָט אויף מיכלען געוואַרט אַן איבעראַשנדיקער סורפּריז. ער האָט באַקומען אַ בריוו פון פאַרלאַג, אַז די ערשטע אויפלאַגע פון זיין בוך איז שוין כמעט אינגאַנצן אויספאַרקויפט און מען וויל צוגרייטן אַ צווייטע אויפלאַגע. דעריבער בעט מען מיכלען, אַז ער זאָל זיך אַריינכאַפּן אין פאַרלאַג אונטערצושרייבן אַ נייעם קאָנטראַקט.

דער נייער קאָנטראַקט, וועלכן מיכל האָט אונטערגעשריבן מיטן פאַר־

לאַג, האָט אים אַריינגעבראַכט אַ היפּשע אַפּותיקי געלט. די פרייד איז אָבער אַביסל צעשטערט געוואָרן, ווייל דער דירעקטאָר פון דעם פאַרלאַג האָט אים ממש געצוווּנגען אַריינצוטראָגן אייניקע אויסבעסערונגען און ענדערונגען אין דער צווייטער אויפלאַגע. דאָס איז מיכלען נישט געווען צום האַרצן. דאָס איז אים דיקטירט געווען פון די העכערע פּאָליטישע אויטאָריטעטן און ער האָט דאָס געמוזט טאָן.

ווען ער האָט זיך באַפרייט פון קאָרעגירן די צווייטע אויפלאַגע פון זיין בוך, און ער איז שוין געווען גרייט צו זיין פּלאַנירטער רייזע האָט זיך אונטערגערוקט אַן אַנדער פריידיקער סורפּריז פאַר אים. קסעניאַ האָט אים אַנפּאַרטרויט, אַז זי איז שוואַנגער. אַ צופרידענער און אַ גליקלעכער האָט ער זי אַרומגעכאַפּט קושן און באַשטימט אָפּצולייגן דאָס פאָרן ביז אַ באַ־שטימטער צייט.

— מיר בלייבן אין מאָסקווע. איך האָב גענוג געלט. איך וועל באַקומען אַ דירה אין איינעם פון די נייע אויסגעבויטע הייזער. מיר וועלן אָנהייבן אַ ניי, אַ רייך לעבן!...

ער האָט זיך שוין געזען אין דער ראָלע פון אַ פּאָטער. קסעניאַ וועט אים שענקען אַ זון. ער וועט דעם זון געבן אַ שיינע דערציִונג. זיין זון וועט זיין גליקלעך. זיין זון וועט שוין נישט האָבן אַזאַ אָרעמע און וויסטע קינד־הייט ווי ער האָט געהאַט!...

זיין גליק איז אָבער באַלד צערונען געוואָרן.

קסעניאַ איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַראומערטע. זי האָט כמעט גאָרנישט געגעסן. זי איז די נעכט נישט געשלאָפן. זי איז געווען פאַרביטערט. זי האָט פון דעם ערשטן טאָג אָן וואָס זי האָט דערפילט, אַז עס קומט אויף אַ לעבן אין איר אינגעווייד, דאָס באַשעפעניש פיינט באַקומען. זי איז געווען דער איינציקער מענטש אין דער וועלט, וואָס האָט געוווּסט דעם שרעק־לעכן סוד.

— וואָס איז מיט דיר, קסעניאַ, פילייכט זאָל איך רופן אַ דאָקטער?!

זי האָט אים אָנגעקוקט טרויעריק און שטיל געענטפערט:

— איך וויל נישט קיין קינד!

— פאַרוואָס, נאַרעלע? מיר וועלן זיך איינאָרדענען, מיר וועלן אָנהייבן לעבן ווי מענטשן... ווייסטו גאָר וואָס, איך וועל קריגן אַ הויז הינטער דער שטאָט, אַ הויז מיט אַ גאָרטן. אַ סך שרייבער האָבן זיך אונטער מאָסקווע

באַזעצט. איך קען דאָס אויך דערגרייכן. דו ווייסט, צו וואָס איך אין דער פאַרשטאָט איז איצט די מאָדע פון אַלע וויכטיקע מענטשן!...

— ניין, מיכאַל, איצט וויל איך גאָרנישט! איצט וויל איך זיך נאָר באַפרייען... איך וויל זיך מאַכן אַן אַבאָרט, ווייל עס איז נאָך נישט צו־שפּעט!

— ביסט משוגע? אַן אַבאָרט! עס איז פאַרווערט. עס איז קעגן געזעץ. זוכסט אויף זיך אַן אומגליק!...

— מען קען געפינען אַ דאָקטער, וואָס וועט פאַר געלט...

ער האָט זי אַרומגענומען און איר געקוקט אין די אויגן אַריין.

— זאָג קסעניאַ, וואָס פעלט דיר? פאַרוואָס ווילסטו נישט קיין קינד? זי האָט געמוזט לייקענען. זי האָט איר סוד אים אויסזאָגן נישט געקענט.

— נישט איצט, מיכאַל, שפּעטער, אַן אַנדערש מאָל. מיר האָבן נאָך צייט זיך צו פאַרבינדן מיט אַ קינד. איך וויל איצט נישט!...

מיכל האָט געדענקט, אַז דאָס איז דערפאַר ווייל ער לעבט מיט איר פריי, און דאָס גיט נישט קיין גאַראַנטיע אין לעבן, דאָס פאַרפליכטעט נישט און בינדט נישט. אָט האָט דאָך אַפילו פאַליאַ, — מיט וועמען קסעניאַ איז איצט אין גרויס פריינדשאַפט, — זיך רעגיסטרירט מיט באָריסן אין דעם „זאַגס" פון דעם מאָסקווער שטאָט־סאָוועט, ווי מאַן און ווייב. און אויך יעקאַטערינאַ פעטראָוונאַ מיט איר מאַן האָבן אָפיציעל חתונה געהאַט. פיליכט פילט זיך קסעניאַ מינדערווערטיק אין זיינע אויגן, ווייל זי לעבט מיט מיכלען צוזאַמען אַ נישט־חתונה געהאַטע?...

— קסעניאַ, לאָמיר גיין אין שטאָט־סאָוועט און זיך פאַרשרייבן אָפיציעל ווי מאַן און ווייב!

— נאַר דו איינער! — האָט קסעניאַ אויסגערופן, — איז דען דאָס רעגיסטרירן זיך אין „זאַגס" אַ לייזונג פאַר שאַפן אַ סטאַביל פאַמיליען־לעבן? פונקט אַזוי ווי מען רעגיסטרירט זיך, אַז מען ווערט מאַן און ווייב, פונקט אַזוי קען מען צו יעדער צייט זיך רעגיסטרירן, אַז מען ווערט אויס מאַן און ווייב! דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס די רעגיסטראַציע פאַר „חתונה האָבן" קאָסט דריי רובל, און די רעגיסטראַציע פאַר „גטן זיך" קאָסט פופציק רובל. ניין, מיכאַיל, נישט אין דעם גייט דאָס... אויב מען האָט זיך מער נישט ליב, העלפט נישט דאָס אָפיציעלע פאַרשרייבן זיך!... איך בין אין דיר מער זיכער, כאָטש מיר זענען נישט רעגיסטרירט ווי פיל אַנדערע וואָס זענען

יאָ רעגיסטרירט; איך בין אין דיר זיכער, ווייל איך האָב דיך ליב און איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליב!

— וויבאַלד אַזוי, טאָ וואָס פעלט דיר? פאַרוואָס ווילסטו נישט קיין קינד?

— איך זאָג נישט, אַז איך וויל נישט קיין קינד... איך האָב ליב קינ־דער! אָבער איך בעט דיך, מיכאַיל, נישט איצט!...

טרערן זענען איר געשטאַנען אין די אויגן. זי האָט זיך אויסגעקערע־וועט פון אים און זי איז צו צום פענצטער. זי האָט אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. ער איז צוגעגאַנגען צו איר און זי אַרומגענומען.

— קסעניא, דו ביסט אַ דערוואַקסענער מענטש, און דערצו נאָך האָב איך קיין שום רעכט נישט איבער דיר. קענסט טאָן וואָס דו ווילסט!...

— אָ, מיכאַיל, איך דאַנק דיר זייער! עס וועט נעמען אַ וואָך, נישט מער, ביז איך וועל קומען צו זיך נאָכן אַבאָרט. עס וועט דאַרפן הייסן, אויב עמיצער וועט אויף מיר פרעגן, אַז איך בין אָפּגעפאָרן אויף אַ וואָך צייט צו מיין מוטער צו גאַסט.

— גוט, קסעניאַ, טו ווי דו פאַרשטייסט!

— פּאָליאַ האָט אַ באַקאַנטן דאָקטער... זי וועט שוין אַלץ איינאָרדענען. איך וועל ביי דעם דאָקטער בלייבן ביז אַלץ וועט אַריבער!...

— אַזוי גאָר, האָסט שוין מיט פּאָליאַן אַלץ אַרומגערעדט!... זי וועט דיך באַזאָרגן!...

— זי איז דאָך נישט קיין פרעמדע, זי איז אונדזער פריינד!...

— אָ, יאָ! געוויס, געוויס איז פּאָליאַ אונדזער פריינד! — האָט מיכל זיך אָפּגערופן און באַשטימט, אַז „זאָל זיין דאָס וואָס עס דאַרף זיין". ער האָט נישט די מאַכט צו ענדערן דאָס וואָס אים איז אין לעבן באַשערט.

38.

ווען מיכל איז אויפן דריטן טאָג, נאָך דעם נישט אָנגענעמען געשפּרעך מיט קסעניאַן, געקומען אַהיים פון אַ באַזוך אין דעם קלוב פון דעם שריי־בער־פאַראיין, האָט ער אויף זיין שרייבטיש געטראָפן אַ צעטעלע געשריבן מיט קסעניאַס האַנטשריפט:

„טייערער מיכאַיל, רוף אָפּ פּאָליאַן. זי וועט דיר אַלץ דערקלערן! זיי

מיר מוחל פֿאַר מײַן טאַט. איך ליב דיך און איך וועל דיך שטענדיק ליבן.
קסעניאַ!".

ער האָט געהאַלטן דאָס צעטעלע אין האַנט און אויף דעם געקוקט. די האַנט האָט געציטערט. ער האָט געפֿילט ווי אויסצוזעצן אַ געוויין. ער איז צוגעלאָפֿן צום טעלעפֿאָן און אָפּגערופֿן פֿאַליאַן. זי האָט באַלד געענטפֿערט:

— אַלץ איז שוין אַריבער! זאָרג נישט, אַלץ איז גוט!... פֿילייכט ווילסטו קומען? אויב דו ווילסט, וועל איך קומען צו דיר! יאָ, איך האָב צײַט, איך קען שוין קומען!

— יאָ, קום צו מיר! — האָט מיכל אַרײַנגעשריגן אין טעלעפֿאָן.

— באַרויִק זיך, נעם זיך אין די הענט, איך קום שוין! — האָט פֿאַליאַ געענטפֿערט.

זי איז געקומען מיט איר געוויינלעכן גוטמוטיקן און זאָרגלאָזן שמייכל. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אַקעגן דעם פֿאַרחושכטן מיכל, און זיך באַלד צוגערוקט נענטער צו אים.

— זאָרג נישט, מיכאַיל, אין עטלעכע טעג אַרום וועט קסעניאַ זײַן צוריק אין דער היים. אַלץ איז אַדורך אין בעסטער אָרדענונג. עס וועט זײַן גוט!...

— ווער איז דער דאָקטער? — האָט מיכל געוואָלט וויסן.

— מײַנס אַ פֿרײַנד!

— אַ פֿאַרלעסלעכער מענטש?

— באָריס קען אים אויך. אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג, אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. פֿאַרלאָז זיך אויף מיר, מיכאַיל.

— באָריס ווייסט וועגן דעם?

— ניין, ער דאַרף וועגן אַזעלכע זאַכן נישט וויסן.

— פֿאַרוואָס האָט זי דאָס געטאָן?...

— איך ווייס נישט!

— דו ווייסט און ווילסט נישט זאָגן. פֿרויען האָבן אַ טבע זיך אָנצופֿאַרטרויען איינס דאָס צווייטע. זאָג, פֿאַליאַ, פֿאַרוואָס האָט זי דאָס געטאָן?

זי האָט אים אַרומגענומען און געקוקט אויף אים פֿאַרליבט. איר בליק האָט גערעדט: זי ווייסט, נאָר זי וועט נישט זאָגן. אָבער זי האָט געגעבן אָנצוהערן:

— ס'איז אַ „געוויינלעכע געשיכטע", וואָס קען מיט יעדן איינעם טרעפֿן, יעדן טאָג!...

מיכל האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך און פאַרשעריש געפרעגט:

— וואָס מיינסטו צו זאָגן? רעד קלאָר!...

אָבער זי האָט קלאָר צו אים רעדן נישט געוואָלט. ווייל ער האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך האָט זי געפילט, אַז זי דאַרף אים און אַז זי וויל אים. זי האָט זיך נישט געשעמט מיט איר תאוה. לעצטנס, זינט באָריס איז די־פערענט און אַנדערש צו איר, האָט זי ביי יעדער געשעפענער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן איר דראַנג צו מיכלען. זי האָט זיך צו אים צוגערוקט און אים ווידער אַרומגענומען. זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז מיט קסעניאַן איז אַלץ אין אָרדענונג, און אַז דער זאָג אירער: „ס'איז אַ געוויינלעכע געשיכטע" איז נישט מער ווי אַן אַלגעמיינער אויסדרוק... און דאָס מיינט, אַז עס דאַרף נישט זיין קיין טראַגעדיע אַפילו ווען עס געשעט עפּעס... אָט, אַשטייגער, — האָט זי אים אָנגעהויבן „איינרעדן" — איז זי פאַרליבט אין איר מאַן און אין איר קינד, וואָס זי האָט פון אים געבוירן. אָבער איינציייטיק איז זי אויך פאַרליבט אין אים, אין מיכלען. מיט אירע רייד האָט זי אים באַווירקט נישט צו טראַכטן מער וועגן קסעניאַן און מיט איר אויפפירונג האָט זי אים גערייצט. ווערטער זענען ווי האָניק גערונען פון אירע ליפּן, בעת זי האָט אים געקושט. אויך ער האָט פרייגעלאָזט אין זיך אַלע זיינע סענטימענטאַלע רייד, וועלכע האָבן פאַר אים געהאַט אַ זינען און אַ ווערט נאָר אין דעם מאָ־מענט און אין דער פאַרכישופטער רגע.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. ער האָט פאַליאַן אַרויסגעלאָזט פון זיינע אָרעמס און ער איז לאַנגזאַם אַריין אין דעם צווייטן צימער ענטפערן. עס איז נישט געווען קיין וויכטיקער ענין. עפּעס אַ פריינד, אַ שרייבער, האָט אים פאַרבעטן אויף דעם זונטיק צו קומען צו אים צו גאַסט. ער האָט צו־געזאָגט צו קומען, אויב ער וועט נאָר זיין פריי דעם זונטיק. ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען, האָט ער באַמערקט ווי פאַליאַ קוקט אַריין אין אַ שפּי־געלע וואָס זי האַלט אין איין האַנט. אין דער אַנדערער האַנט האַלט זי אַ רויטן גריפל און פירט מיט אים איבער די ליפּן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז זיינע ליפּן, און פיליכט אויך זיין פּנים, זענען צעשמירט מיט דער רויטער פּאָמאַדע פון אירע ליפּן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין טיכל פון דער קעשע־נע און זיך אָנגעהויבן ווישן. ער האָט אָבער די שמינקע נאָך מער צעשמירט איבער זיין גאַנצן געזיכט. פאַליאַ האָט דאָס באַמערקט און זיך צעלאַכט.

— קום אַהער, איך וועל אָפּווישן!

ער איז צוגעקומען צו איר. זי איז געשטאַנען באָענט צו אים. ער האָט

געפילט דעם וואַרעמען ציטער פון איר קערפּער. פּלוצים איז אים ווי אַ בליץ, אַזוי שנעל, דורך אַ געדאַנק: „איז דאָס מעגלעך, אַז קסעניאַ זאָל זיך אויך אַזוי אויפפירן?״.

— וואָס טראַכסטו, מיכאַיל, — האָט פּאַליאַ אויסגערופן, — ווידער וועגן קסעניאַן?

— יאָ, ווידער וועגן איר!...

— איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג!

— ניין, פּאַליאַ, נישט וועגן דעם האָב איך איצט געטראַכט. איך האָב געטראַכט, אַז פיליכט איז קסעניאַ אויך אַזוי נאָענט מיט עמיצן אַזוי ווי דו מיט מיר.

— און אויב אַפילו יאָ, איז וואָס?

— איך ווייס נישט!... — ער האָט איצט געקוקט אויף פּאַליאַן מיט חשד. איר גאַנצער וועזן, איר אויסזען האָט עדות געזאָגט, אַז זי ווייסט עפּעס, נאָר זי פאַרשווייגט, זי באַהאַלט דאָס אויס פון אים. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט זיך צעשריגן, — פאַרוואָס באַהאַלטסטו פון מיר דעם אמת?... — ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר די הענט און זיי ביז ווייטיק גע־דריקט שרייענדיק, — זאָג וואָס דו ווייסט!...

זי האָט זיך אויסגעריסן פון אים און צוריק אָנגעהויבן צו שרייען אויף אים:

— דו ביסט אַ ווילדער און אַן אייפערזיכטיקער קליינבירגער!... מיר האָט געדוכט, אַז דו שטייסט העכער מיט צען קעפּ פון אַנדערע מענטשן, איצט זע איך אָבער, אַז דו ביסט אַ קליין און נישטיק מענטשעלע און איך וויל מיט דיר מער קיין שום געשעפטן נישט האָבן!...

ער איז איר נאָכגעלאָפן צו דער טיר.

— גיי נישט אַוועק, פּאַליאַ! אַנטשולדיק מיר! איך ווייס, איך האָב דיך באַליידיקט. דו האָסט רעכט!... איך פאַרשטיי דיך!

— ניין, דו פאַרשטייסט נישט, דו קענסט דאָס נישט פאַרשטיין! אין דיינע אויגן זע איך אויס ווי אַן אויסגעלאַסענע!... נו, און וואָס ווען סטו זאָגן אויף דעם, אַז אין קרעמל לויערט מען אויף יעדער פרוי, וועלכע קומט אויף אַ באַנקעט אַפילו מיט איר מאַן, בפרט נאָך ווען אַ יונגע און אַ שיינע פרוי איז אָן איר מאַן!... — פּלוצים איז זי אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ, — וואָס רעד איך! ס'אַ ליגן!...

מיכל האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסלען און זי אָנגעהויבן טרייסלען און שרייען:

— עס איז אמת, אמת, איך ווייס!... דאַרפסט נישט מורא האָבן פאַר מיר, פּאַליאַ, איך בין נישט אַזאַ נאַר און נישט אַזאַ שלעכטער ווי דו מיינסט!

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט צוריק אויפן דיוואַן. מיכל האָט זיך לעבן איר געזעצט. ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינער. זי איז איצט אינ־גאַנצן זיכער געווען, אַז מען קען אים אַלץ דערציילן. זי האָט אַנטשלאָסן געזאָגט:

— עס איז געווען אונדזער שולד. מיר האָבן זי נישט באַדאַרפט מיט־נעמען מיט אונדז אויפן באַנקעט אין קרעמל. זי האָט דאָרטן אַזוי ווי אַלע געטאַנצט מיט פיל וויכטיקע קאָמיסאַרן. ווער קען דאָס דען געדענקען וויפל און מיט וועמען מען האָט געטאַנצט. מען איז אויפגעלייגט, זאַט און פאַר־שיכורט!... גלייב מיר, אַז זי געדענקט אַפילו נישט ווער דער מענטש איז געווען, וואָס האָט איר פון מיטן טאַנץ אַרויסגעפירט. זי געדענקט נישט ווו זי איז געווען, מיט וועמען זי האָט גערעדט און מיט וועמען זי איז געשלאָפן... אַלץ איז עפּעס אַזוי משוגע, אומקלאָר און באַצויבערט געווען!... — אָט דאָס איז דער סוד, פאַרוואָס זי האָט נישט געוואָלט דאָס קינד. זי איז נישט זיכער געווען צי דאָס איז פון דיר! קענסטו דאָס פאַרשטיין? הער מיך אויס, מיכאַיל. מאַך זיך נישט וויסנדיק פון דער גאַנצער זאַך. נאָך אַלעמען איז דאָך קסעניאַ אַזאַ גוטע, אַזאַ נאַיווע און זי האָט דיך אַזוי ליב!...

ער איז געווען מיד און צעבראָכן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פּאַליאַ האָט רעכט. ער האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז זי זאָל איצט ווייטער בלייבן מיט אים.

— גיי אַהיים, פּאַליאַ, איך בעט דיך!

פּאַליאַ איז אַוועק.

ער איז געבליבן איינער אַליין מיט זיינע געדאַנקען, מיט זיינע צווייפ־לען און מיט זיינע איינזאַמע חלומות, וועלכע זענען פון אים אַלעמאָל אַנט־רונען געוואָרן און האָבן זיך צו אים אַלע מאָל צוריקגעקערט.

צען טעג האָט געדויערט ביז קסעניאַ איז צוריק אַהיימגעקומען.

פאַר דער צייט האָבן זיך פּאַליאַ און מיכל אַלע טאָג באַגעגנט. זיי האָבן זיך, ווי אַלעמען, און זיך אַליין, אויך צעפּיקעניש, דערנענט. זייער „ליבע״ איז געווען ווי אַ מין פּראָטעסט, אָדער אַ פּאַטש אין פּנים, דער צעפּוילטער

מענטשלעכער מאָראַל, וועלכע האָט געצוווּנגען געזונטע און לעבעדיקע באַשעפענישן זיך צו שעמען מיט זייערע נאַטירלעכע אינסטינקטן.

מיכל איז געוואָרן אַ ציניקער. ער האָט באַשטימט צו נעמען פון לעבן אַלץ וואָס לאָזט זיך און געניסן פון אַלע פאַרגעניגנס, ווילטאָגן און גליקן...

פּאָליאַ איז פון אַ זאָרגלאָזע און לייכטזיניקע חברטע, מיכלס, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיף־ליידנדיקער פרוי, וואָס האָט אין זיך אַנטפּלעקט אַן אומבאַגרענעצטע ליידנשאַפט צו אים.

ער האָט נישט געשריבן, נישט געלייענט, און ער איז אַפילו נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. זי האָט זיך אים איבערגעגעבן, געשעפּט פולע הויפנס מיט צערטלעכקייט, געטרונקען דעם פאַרשיכורטן זאַפט פון ליבע, און זי האָט געוואָלט פאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ וועלט מיט מענטשן אויסער איר און מיכלען.

ווען די צייט איז געקומען אַהיימצוגיין צו איר רייכער און עלעגאַנטער שטוב, צו איר ליב קינד און צו איר מאַן, וועלכן זי האָט נישט פיינט געהאַט, איז אויף איר אַ טרויער אַנגעפאַלן.

מיכל האָט מיט אַ בייזן פאַרגעניגן זיך מיט איר געררייצט:

— גיי נישט אַהיים, פּאָליאַ, בלייב דאָ נעכטיקן!

און ווייל ער האָט זיך מיט איר געררייצט און איר גערעדט אין דער גאַל אַריין, האָט זי אים געקושט און געזאָגט:

— איך מוז, איך מוז אַהיים גיין!

ביי זיך אין דער היים האָט זי געגעסן נאַכטמאָל מיט באָריסן. נאָכן נאַכטמאָל האָט באָריס געלייענט די „פּראַוודאַ" און ער האָט, ווי געוויינלעך, דאָס ווייב כמעט נישט געזען און נישט באַמערקט. זיין גרויסער קאָפּ איז געווען אַריינגעטאָן אין דער צייטונג און זיינע אויגן האָבן פאַר זיך גאָר אותיות געזען. זי איז אַ ווײַלע געזעסן אַקעגן אים און געוואַרט ביז די דינסט וועט צונעמען פון טיש. דערנאָך איז זי אַריינגעקומען אין דעם קינדער־צימער, זיך געשפּילט מיט איר יינגעלע, געלייענט פאַר אים אַ קינדער־מעשהלע און פאַרבראַכט מיט אים ביז ער איז אַוועק שלאָפן. ווען זי איז אַרויסגעקומען פון קינדער־צימער איז באָריס שוין נישט געווען. ער איז אַוועק צו זיך, אין זיין אָפּגעזונדערטן אַרבעטס־צימער, און זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין שרייבטיש איבערקוקן וויכטיקע פּאַפּירן. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר און אים געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט, באָריס!". ער האָט פון יענער זייט טיר אָפּגעענטפערט: „איך האָב זייער פיל וויכטיקע פּאַפּירן דורכצו־

קוקן. איך וועל דיך זען מאָרגן, טייערע!" זי איז אַוועק צו זיך אין שלאָף־צימער און אין איר געלעגער מיט זיך מיטגענומען דאָס געשטאַלט פון מיכלען און די וויזיע פון דער ליבע־אָרגיע פון דעם טאָג, אַ ליבע־אָרגיע וואָס וועט זיך מאָרגן ווידערהאָלן.

צו מאָרגנס, ווען זי איז צו מיכלען געקומען, האָט ער איר געזאָגט, אַז קסעניאַ האָט צו אים גערעדט אויפן טעלעפאָן. זי וועט נאָך היינט, נאָך מי־טאָג־צייט, אַהיים קומען.

פּאָליאַ איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטע. זי האָט פון אָנהייב אָן נישט באַגריפן וואָס דאָס מיינט. דערנאָך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס זי קען אַזוי פריי מיט מיכלען פאַרברענגען. זי האָט מיט אַ צעבראָכן קול געזאָגט:

— וואָס וועל איך טאָן אָן דיר, מיכאַ'ל?...

ער האָט טרוקן אָפּגעענטפערט:

— האָסט דאָך געוווּסט, אַז עס וועט מוזן קומען צו אַ סוף!

— פאַרוואָס אַ סוף? מיר קענען זיך דאָך טרעפן פון צייט צו צייט!

— ניין, פּאָליאַ, מיר וועלן זיך מער נישט טרעפן. איך האָב איצט פעסט באַשטימט אַוועקצופאָרן. קען זיין אַפילו מאָרגן, איבערמאָרגן. עס איז גע־וועגדט אין קסעניאַן, אין איר געזונט!

זי האָט זיך היסטעריש אַ וואָרף געטאָן צו אים, אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און זיך געבעטן:

— פאָר נישט, מיכאַ'ל, פאַרלאָז מיך נישט! בלייב דאָ!...

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און באַלד זי לייכט אַ שטויס געטאָן. ער האָט געענטפערט:

— עס וועט איבערגיין! אין אַ חודש אַרום וועסטו אַלץ פאַרגעסן!

זי האָט זיך דערפילט איבעריק און נישט געוווּנטשן. מיכל דאַרף זי מער נישט. די ווירקלעכקייט איז געשטאַנען אַ נאַקעטע פאַר איר: באַריס דאַרף זי, דאָס קינד דאַרף זי, די שפּיל איז אַריבער, זי מוז אַהיים גיין. זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ. זי האָט אַ שמייכל געטאָן צו מיכלען. זי האָט זיין פריינדשאַפט פאַרלירן נישט געוואָלט. זי איז צוריק געוואָרן זאָרגלאָז, לייכטזיניק און גוטמוטיק געשטימט.

— איך ווינטש דיר גליק, מיכאַ'ל!

— אַ דאַנק דיר, פּאָליאַ! — ער איז ווייכער געוואָרן. עס האָט זיך אין

אים דערוועקט אַ רחמנות צו איר. ער האָט זי אַרומגענומען און זי אַ קוש געטאָן, — ביסט אַ גוטע, פאַליאַ. איך וועל דיך קיין מאָל נישט פאַרגעסן!
זי איז אַוועק.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט באַמערקט טרערן אין אירע אויגן.

אין מיטן טאָג איז קסעניאַ אַהיים געקומען. מיכל האָט זי דערזען אַזאַ ווי אין די ערשטע טעג, ווען ער האָט זי דערקענט. זי איז יונג און שיין און זי האָט ווידער באַקומען איר אַנגענעם־נאַיוון שמייכל. די ליכטיקייט פון דעם העלן טאָג איז געפאַלן אויף איר געשטאַלט. די שטראַלן פון דער זון האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף איר לויטערן פּנים. ער האָט געזען ווי די פרישקייט שפּראָצט אַרויס פון איר שלאַנקן גוף, וואָס שמעקט מיט דעם זאַפט פון בלומען. ער האָט דערשפּירט דעם כּישוף פון אירע אויגן אויף זיך. ער האָט דערפילט דעם ציטער פון איר לייב, וואָס איז געווען באַנייט און פול מיט באַגער און תּאווה. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זי און נאָר זי ערנסט און אמת ליב.

זי האָט אויסגעשפּרייט אירע ווייסע און שיינע הענט צו אים און ער האָט זיי ווי אַ הייליקייט אין זיינע הענט גענומען, און זיי געקושט אַזוי צאַרט און איידל, יעדן פינגער באַזונדער געקושט. ער האָט אויף איר געקוקט פאַרליבט און נייגעריק. זי איז פאַר אים געשטאַנען אַ יונגע און אַ רייפע, מיט אירע צעלאָזענע בלאָנדע האָר, ווי זיי וואָלטן זיך פון איר קאָפּ איבער אירע אַקסלען אַראָפּגעלאָזט פון אַ זון־אויפגאַנג.

ער איז איר איצט אויך נאָך ליבער און טייערער געוואָרן ווי פריִער. זי האָט באַגריפן, אַז ער איז איר אמתער פריינד אין לעבן, און מיט אים וועט זי גיין ווו נאָר ער וועט זי פירן. זי האָט אים איצט בעסער פאַרשטאַנען ווי פריִער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן איבעראַנייס דאָס גליק פון אַ באַנייט, שטיל און פליסיק פאַמיליען־לעבן. מען האָט זיך געגרייט צום אָפּפאָרן פון מאָסקווע, ערגעץ ווייט־ווייט, צום מזרח, אויף די ראַנדן פון די ווייטסטע גרענעצן. מען האָט געטרוימט ווי קינדער צו זען נייע האָריזאָנטן, נייע מענטשן און נייע פירונגען.

39.

דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, ער האָט זיך געצויגן אויף פיל טויזנטער מיילן, איבער אַן איין־און־איינציקער מאַגיסטראַל, פון מאָסקווע ביז

וולאַדיוואָסטאָק. דער צוג איז געלאָפן שנעל ביז צו דעם אוראַל, און דאַן, פון די אוראַלער בערג און אַריבער די סיבירער וועלדער און סטעפּעס האָט דער צוג אָנגעהויבן אונטערצוקרעכצן און סאָפּען, און האָט פאַרלאַנגזאַמערט זיין געלאַף.

באַלד נאָך מאָסקווע האָבן זיך אָנגעהויבן די שוואַרץ־ערדיקע שטרע־קעס פון די קאָלכאָזנע פעלדער. פויערים, מיט די אַלטמאָדישע הילצערנע סאָכעס, ווי פאַרצייטנס, האָבן זיך געשלעפּט איבער די פעלדער און אונ־טערגעטריבן די מאָגערע פערדלעך וועלכע האָבן די סאָכעס געשלעפּט. אויף אַ צווייט פעלד איז שוין אַ טראַקטאָר געלאָפן.

ערגעץ ווייט האָט זיך אַ בערגל באַוויזן. עס האָבן זיך געפּאַשעט טשע־רעדעס מיט רויטע, ווייסלעך געפלעקטע און בורע בהמות. און אָט איז מען צוגעקומען צו דער קייט פון די אוראַלער בערג, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט זייער בלויען שיין פון גראַניט־שטיין און די גרינע פאַרבי־קייט פון די נאָדל־וועלדער. רייך און אומבאַרירלעך איז דער אוראַל. ווען דער צוג האָט זיך אַדורכגעטראָגן איבער די בערג, איז מיכלען געקומען אויפן געדאַנק, אַז די גאַנצע וועלט וואָלט געקענט, מיט אַלע מענטשן אין איר, לעבן גליקלעך און זאַט פאַר טויזנטער יאָרן, ווען מען זאָל נאָר וויסן ווי אַזוי די־אָ בערג אויסצונוצן און וואָס מיט דעם קאָלאָסאַלן רייכטום צו טאָן. ער האָט דאָס געזאָגט קסעניאַן. זי איז געשטאַנען די גאַנצע צייט ביים פענצטער און נישט אָפּגעריסן אירע אויגן פון די געשלענגלטע באַרג־קייטן מיט די דרימלענדיקע וועלדער אויף זיי.

— די בערג אַנטהאַלטן אין זיך אַזוי פיל רייכטום, אַז אַ וועלט מיט מענטשן וואָלטן געקענט לעבן גליקלעך פון זיי.

— וואָס פאַר אַ רייכטום איז אין די בערג?

— מעטאַלן און מינעראַלן: אייזן, קופּער, גאָלד, פּלאַטין, גראַניט, טאָ־פּאַזן, אַמאַטיסטן, מאַלאַכיט, בלוי־שטיין און שטיינקוילן!

— איז וואָס קומט אַרויס, — האָט קסעניאַ געזאָגט, — אַז דאָס אַלץ איז באַגראָבן טיף אין די בערג?

— וועסט זען, קסעניאַ, — האָט מיכל שטאָלץ געזאָגט, גלייך ווי דאָס־אָ גאַנצע רייכטום אין די בערג וואָלט באַלאַנגט צו אים, — גיך, גאָר גיך וועט מען זיך אַ נעם טאָן צו די אוצרות און זיי אויסגראָבן!...

— יאָ, איך פאַרשטיי, אונדזער לאַנד וועט ווערן רייך!

— און נאָך ווי אַזוי רייך!...

— וועט יעדער מענטש באַזונדער אויך רייך ווערן?

— איך מיין אַזוי, קסעניאַ! אויב דאָס לאַנד וועט זיין רייך, וועלן די בירגער פון לאַנד אָנהייבן צו געניסן פון דעם רייכטום!

— און וואָס איז מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג? איך מיין, אַז אויב מיר וועלן די אַלע מעטאַלן און מינעראַלן, וואָס געפינען זיך אין די בערג, אויסגראָבן, וועלן מיר דאָס גאַנצע רייכטום, דערווייל, נאָך מוזן נוצן נישט אויף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון יעדן מענטש באַזונדער, נאָר אויף אויפצובויען אַ גרויסע מיליטערישע אינדוסטריע, כדי מיר זאָלן קענען זיך פאַרטיידיקן קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג!

מיכל האָט מיט באַדויער געמוזט זיין איינשטימיק מיט אירע אויספירן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס זענען ניט אירע אייגענע רייד. דאָס האָבן די פּראָפעסאָרן פון די פּאָליטישע לעקציעס פאַר די סטודענטן אַזאַ דערקלע־רונג געגעבן. קסעניאַ חזרט נאָר איבער דאָס וואָס מען האָט מיט איר גע־לערנט, כאָטש פון צייט צו צייט כאַפּט זי זיך אויך אַרויס מיט אַן אייגן־באַגרינדעטער מיינונג. ער איז אָבער מער צופרידן ווען זי חזרט איבער אויטאָמאַטיש נאָר דאָס וואָס זי לייענט און וואָס מען האָט איר געלערנט. עס איז בעסער און זיכערער...

דער צוג איז אַריבער די אוראַלער בערג און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו די סיבירער סטעפּעס. טעג און נעכט האָט זיך דער צוג געצויגן איבער דער ברייטקייט און לענגקייט פון דעם וויטן סיביר. די געזאַנגען און דער־ציילונגען וועגן אַ קאַלטן סיביר וואָס איז באַדעקט מיט אייביקן ווייסן שניי, אַ סיביר מיט יאָגנדיקע ווייסע ווינטן, מיט שנייִיקע וויוגעס און דרייענדיקע זאַווערוכעס, האָבן איצט אין דעם זומער־חודש אויסגעזען ווי אויסגעטראַכ־טע לעגענדעס פון בייזע ברואים, ווייל עס האָט געשיינט העל און בליִענדיק אַ זומערדיקע זון און פון די סיבירער פעלדער האָט זיך געטראָגן אַ הייס־שמעקנדיקער גערוך פון די הויכע, גרינע ווייצן, וואָס פּויערים האָבן אין די פעלדער מיט קאָסעס געשניטן.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט דער צוג פאַרלאַנגזאַמט זיין געלאַף. דער צוג איז צוגעקומען צו דער בייקאַלער אָזערע. די נאַכט איז קיינער פון די פּאַסאַזשירן נישט געשלאָפן. מען איז געשטאַנען ביי די פענצטער און מען האָט זיך נישט געקענט אָנזעטיקן מיט דער נאַטור־שיינקייט פון דעם בייקאַל. אַ גאַנצע נאַכט איז דער צוג אַרומגעפאָרן אַרום דער פיר טויזנט מייליקער לענג פון דער אָזערע און דאָס שטילע גלאַנציקע וואַסער האָט אין איר

קרישטאָלענער לויטערקייט אין זיך אָפּגעשפּיגלט דעם צוג מיט די מענטשן, וואָס האָבן דורך די פֿענצטער פֿון דעם צוג אין דער אָזערע אַריינגעקוקט. עס איז געווען אַ לויטערע בלויע נאַכט מיט אַ הימל פֿול מיט גאָלדענע, פֿינקלענדיקע שטערן. דער הימל האָט זיך צו דער אָזערע אַראָפּגעלאָזט און אין איר זיך געבאָדן. אַזאַ וווּנדערלעכע שיינע פּאַנאָראַמע איז דאָס געווען, אַז מענטשן זענען אַזש פֿאַרציטערט פֿון איר געוואָרן. ווען עס האָט אָנגע־הויבן צו טאָגן און די גילדענע שטערן־פֿונקען זענען בלאַסער און בלאַסער געוואָרן, האָט זיך אין דער אָזערע באַוויזן אַ פֿייערדיקער שטראַל און אַרום אים רויטע און גרין־בלויע פֿייערדיקע שטויבן. און מיט אַמאָל האָט די זון זיך אַ הייב געטאָן פֿון דער אָזערע און באַשיינט מיט העלער ליכטיקייט די גאַנצע אָזערע. עס איז געוואָרן טאָג.

מען האָט פֿאַרלאָזט דעם בייקאַל און מען איז אַריינגעפֿאָרן אין דעם ווייטן מזרח. מען האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צום טייך אַמור און צו די ווייטסטע גרענעצן פֿון רוסלאַנד, צו כינע, יאַפּאַן, קאָרעאַ, מאָנגאָליע, אינדיע און טיבעט. דער שטח, צווישן דער אָזערע בייקאַל און דעם טייך אַמור, האָט זיך געטראָגן פֿאַרביי דעם לויפֿנדיקן צוג און האָט איבערראַשט די פּאַסאַזשירן מיט דעם בייז־ווּנדער פֿון די צעשפּרייטע צענדליקער און הונדערטער שקלאַפֿן־לאַגערן און קאַטאָרזשנע טורמעס. איבער די וואַגאָ־נען פֿון דעם צוג זענען איצט אַרומגעלאָפֿן די קאָנדוקטאָרן אין דער באַגלייַ־טונג פֿון באַוואָפֿנטע ג.פּ.או.־סאָלדאַטן. מען האָט פֿאַרמאַכט טיר און פֿענצ־טער און מען האָט דערביי בייז געשריגן:

— אַרויסקוקן איז פֿאַרבאָטן!

דאָך, ווען די קאָנדוקטאָרן און די סאָלדאַטן זענען פֿון די וואַגאָנען אַרויס, זענען די פּאַסאַזשירן די טיר און פֿענצטער באַפֿאַלן און אַרויסגע־קוקט.

שטיקער טעריטאָריעס אַרומגעצוימטע מיט שטעכיקע דראָטן, און אין מיטן שטייען טויזנטער אָפּגעריסענע און באַוואַקסענע מענטשן און גראָבן די ערד, האַקן שטיינער און שלעפּן, איינגעשפּאַנטע ווי פֿערד, וועגעלעך מיט משא. סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן שטייען אַרום די שקלאַפֿן. — אַרעסטאַנטן און קאַטאָרזשניקעס, — און צווינגען די אומגליקלעכע צו אַר־בעטן פֿלייסיק און גיך. אַ שווידער איז אַריבער איבער די לייבער פֿון די פּאַסאַזשירן צוזעענדיק די בילדער.

— וואָס איז דאָס, מיכאַל?! — האָט קסעניאַ אַ דערשראָקענע אויסגעשריגן.

— איך ווייס נישט! — האָט מיכל אַ צעטומלטער געענטפערט.

— מיר דערנענטערן זיך דאָך צו בירָאָבידזשאַן, און אַרום און אַרום זענען דאָ לאַגערן און טורמעס מיט טויזנטער פאַרשיקטע און אַרעסטירטע!... איז דאָס דאָס פלאַץ וווּהין מיר פאָרן? דאָס איז בירָאָבידזשאַן?...

— איך ווייס גאָרנישט, קסעניאַ, איך בעט דיך, פרעג ביי מיר נישט!

— האָט מיכל ווידער אַמאָל געזאָגט און איז אַוועק פון פענצטער.

אַן עלטערער מענטש, מיט אַ רויט־גרויער באָרד, צעשפּרייט און צעקעמט אַקוראַט אין צוויי טיילן, אויף רעכטס און אויף לינקס, און אָנגעטאָן אין אַ פוטערן טולעפּל, כאָטש עס איז נאָך זומער געווען, האָט זיך אָנגערופן:

— איר פאָרט דאָס ערשטע מאָל אויף דעם וועג?

— יאָ, דאָס ערשטע מאָל! — האָט מיכל געענטפערט.

— און איך פאָר אַלע וואָך אויף דעם וועג, איך און ער! — האָט דער פרעמדער אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אויף אַ יונגן מענטשן מיט אַ טשוב בלאָנדע האָר, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיין הויכן שטערן און באַשיינט זיין אומעטיק־בייז פנים.

ביז איצט האָט נישט קסעניאַ און נישט מיכל געלייגט קיין שום אַכט אויף די צוויי נייע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן מיט אַ טאָג צוריק אַריינגעשטיגן אין צוג און געטיילט מיט זיי די קופּע. ערשט איצט, ווען דער עלטערער פּאַסאַזשיר האָט פאַרפירט מיט מיכלען אַ געשפּרעך, האָט זיך מיכל צו זיי צוגעקוקט און באַמערקט, אַז די־אָ צוויי מענטשן טיילן זיך אויס, מיט זייער אויסזען און אויפפירונג, פון אַלע אַנדערע וואָס פאָרן אין דעם צוג.

— עס ווערט נישט נמאס צו פאָרן אַלע וואָך? — האָט מיכל גלאַט אַזוי, צוליב העפלעכקייט געפרעגט.

— נימאס? כאַ־כי! — האָט דער עלטערער מענטש זיך צעלאַכט און זיין יונגער באַגלייטער האָט מיטגעשמייכלט, באַווייזנדיק דערביי אַ גרויס מויל מיט פאַרגעלטע ציין, — עס טאָר נישט נימאס ווערן ווען מען פילט אויס רעגירונגס־פליכטן!

— אַ־האַ! איך פאַרשטיי! — האָט מיכל צוגעשטימט, כאָטש ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט וואָס פאַר אַ רעגירונגס־פליכטן דער מענטש פילט אויס.

קסעניאַ איז אויך אַוועק פון פענצטער און זי איז צוריק געגאַנגען צו איר אָרט.

— מען זעט נאָר לאַגערן און טורמעס! — האָט זי געזאָגט.

— דאָס איז דאָס, — האָט דער באַרעדעוודיקער פּאַסאַזשיר אונטער־געכאַפּט אירע ווערטער, — לאַגערן און טורמעס, ווייל דאָס איז די זאַנגע פון „באַם״, דאָס הייסט פון די בייקאַל־אַמורער פאַרשיקונגען. — ער האָט אַ צופרידענער זיך אַ גלעט געטאָן די באָרד און געזאָגט ווייטער, — איך און מיין באַגלייטער זענען „סנאַבזשענצעס״, באַזאָרגער. מיר באַזאָרגן די לאַגערן און די טורמעס מיט שפייז. דאָס איז אונדזער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט. עס גייט מיט אונדז אַ גאַנצער פּראַכט־וואַגאָן מיט עסנוואַרג פאַר די אויסוואורפן! — ער האָט מיט אַמאָל אין כעס זיך צעשריגן, — וואָלט איך געהאַט די מאַכט, וואָלט איך די־אָ קאָנטרעס אַלע ביז איינעם צעשאָסן אַנ־שטאָט צו פירן פאַר זיי שפייז צום פרעסן.

מיכל האָט באַטראַכט דעם אַלטן צעווילדעוועטן פּאַסאַזשיר און גאָר־נישט נישט געענטפערט. ער האָט אָנגענומען קסעניאַס האַנט און זי גע־דריקט, גלייך ווי אין דעם האָט ער געוואָלט געפינען אַ באַשיצונג פון דעם מענטשן וואָס ער האָט מיט אַמאָל פיינט באַקומען. דער פּאַסאַזשיר האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן חשק צו רעדן און זיך אויסטענהן מיט עמיצן. ער האָט פאַרגעזעצט:

—איר פאָרט דאָס ערשטע מאָל אויף דעם וועג און איר וואונדערט זיך. נישטאָ זיך וואָס צו וואונדערן, און קיין רחמנות האָבן אויף די אַרעס־טאַנטן דאַרפט איר אויך נישט. דאָס זענען דאָך אַלץ פאַרשיקטע אַהער קאָנ־טער־רעוואָלוציאָנערן. טראָצקיסטן, מענשעוויקעס, נאַציאָנאַליסטן און סאַ־באָטאַזשניקעס. דאָס זענען שונאים פון אונדזער סאָוועטישן פאָטערלאַנד!

— געוויס, געוויס! — האָט מיכל זיך געצוווּנגען אונטערצושטיצן דעם פרעמדנס רייד.

דער ייִנגערער „באַזאָרגער״, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן האָט זיך פּלוצים אַ הייב געטאָן פון זיין אָרט און אַ קוק געטאָן אויף מיכלען און קסעניאַן און דערנאָך אַ שטשירע געטאָן מיט זיינע פאַרגעלטע ציין.

— און איר, וווהין פאָרט איר, קיין כאַבאַראָווסק צי קיין וולאַדיוואָס־טאָק?

— מיר האָבן געמאַכט אַ רייזע איבער סיביר און דעם ווייטן מזרח. איצט פאָרן מיר קיין בּיראָבּידזשאַן! — האָט קסעניאַ זיך אָפּגערופן.

— וואָט קאַק! און מיר פאָרן דאָס מאָל אויך קיין ביראָבידזשאַן. אַ גרויסער לאַגער געפינט זיך הינטער דער שטאָט. די אַרעסטאַנטן, די „באַ־מאָווצעס״, ווי מען רופט זיי דאָ, האָבן אויסגעבויט דעם ביראָבידזשאַנער וואָקזאַל און איצט בויען זיי אין שטאָט אַ טעאַטער. עס ווערט דאָ אַ יידישע רעפובליק, זאָגט מען. מען שיקט אַהער יידן. — און פּלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן, — און איר זיינט דען אויך יידן?

מיכל האָט נישט געענטפערט דירעקט. ער האָט באַשטימט אויסצונוצן דעם פאַרשווין און קריגן פון אים אינפאָרמאַציע. אין דעם מאָמענט איז דאָס ביי מיכלען געווען אַ מין קאָמבינירטקייט פון פאַראַכטונג צו דעם פאַרשווין אַלס מענטש, נייגעריקייט צו וויסן און דערקענען אַלס שרייבער, און אויס־נוצערישער איינפאַל אַלס קאָרעספּאָנדענט. ער האָט געזאָגט:

— ניין, מיר זענען נישט קיין יידן, מיר זענען קאָמוניסטן! מיר פאָרן אַהער אין דער שליחות פון דעם צ. ק. פון דער פאַרטיי!

— וואָט קאַק! — האָט דער יינגערער באַזאָרגער זיך אָנגערופן און זיך צוריק געזעצט אויף זיין אָרט, — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש!...

— ווען וועלן מיר זיין אין ביראָבידזשאַן? — האָט זיך מיכל נאָכגע־פרעגט אַן אַנטוישטער, פאַרשטייענדיק, אַז פון איצט אָן וועלן זיך שוין די צוויי פאַרשווינען היטן פאַר אים מיט אַ וואָרט.

— מאָרגן אין דער פרי, אויב דער צוג וועט נישט פאַרשפעטיקן, וועלן מיר זיין אין ביראָבידזשאַן! — האָט דער עלטערער פאַסאַזשיר געזאָגט. דער יינגערער האָט זיך אויסגעצויגן און האָט אָנגעהויבן דרימלען. דער עלטע־רער האָט אים באַלד נאָכגעטאָן. ער האָט זיך אויך געלייגט שלאָפן.

מער האָבן די צוויי פאַסאַזשירן צו מיכלען און צו קסעניאַן נישט גע־רעדט. עס איז קענטיק געווען, אַז זיי היטן זיך איצט.

און דערווייל האָט זיך דער צוג געטראָגן פאָרויס און פאָרויס איבער שטרעקעס פון טויזנטער מיילן מיט זומפּיקע בלאָטיקע וועלדער, באַוואַק־סענע מיט אַ געדיכטן פלאָנטער פון פאַרשיידנאַרטיקע דיקע און דינע ביי־מער פון טויזנט־יאָריקן עלטער און פון ערשט־יאָריקן געבורט. נאָדל־ביי־מער, דעמב, סאָסנע און כוואָויע האָבן מיט זייער גרינער, פאַרגעלטער, רויטער און וויסלעכער קאָליר־שיין, זיך פאַרדרייט אין אַ פלאָנטער פון אַ ווייכער גרויקייט, אַזאַ געוועב פון פּאַוטינע, שפינוועבס, אין וועלכן עס האָבן אַרומגעטאַנצט מיליאָנען ווערעם, פליגן און פאַרשיידענערלייקע אַנ־דערע באַפליגלטע און בייסנדיקע אינסעקטן. און אָט האָט פון וואַלד אַרויס־

געסטאַרטשעט אַ שפּיץ פון אַ באַרג און ווייטער אַ רײ פון קלענערע פאַר־קײלעכדיקטע און קופּאָלאַרטיקע בערג, וואָס הייסן „סאָפּקעס‟. און הינטער די־אָ סאָפּקעס איז געפּלאָסן אַ שטורעמדיק, גיך־לויפנדיק טייכל, ביי וועלכן אַ דערפל מיט הילצערנע הייזקעס האָט זיך צעשפּרייט. און ווייטער איז גע־ווען אַ פּוסטער סטעפּ אויף הונדערטער מײלן. און דערנאָך ווידער אַ פלאַנ־טער פון וועלדער מיט בערג. — אָט דאָס איז די סיבירער, די וויט־מזרח־דיקע טייגע, דער רוסישער דזשונגל.

פּאַרטאָג־צו איז דער צוג געבליבן שטיין ביי אַ ווייסן מויער אין דער מיט פון דער כמורנער ווילדעניש. די געביידע איז געווען ניי און גרויס, מיט אַ מין אַרכיטעקטור־סטיל, וואָס איז געווען אַ געמיש פון אייראָפּעישן מאָדערניזם מיט דעם אָריענטאַלישן אַלטערטום. אויבן־אָן, איבער דעם אַריינטריט פון דער געביידע האָבן רויטע בוכשטאַבן, אין רוסיש און אין יידיש, אויפגעקלערט די מיסטעריע: ביראָבידזשאַן, — דאָס איז דער ניי־אויסגעבויטער וואָקזאַל, דער „גאָלדענער‟ אַריינטריט, צו דער וויסטער ווילדעניש, וואָס וועט דאַרפן פאַרוואַנדלט ווערן אין שטעט און אין דער־פער פון אַ צוקונפטיקער יידישער רעפּובליק פון דעם סאָוועטן־לאַנד.

מיכל און קסעניאַ האָבן זיך געלאָזט גיין איבער דער איינציקער גרוי־סער און לאַנגער גאַס פון דער נייער שטאָט, אַ גאַס מיט צוויי־שטאָקיקע הילצערנע הייזער, מיט אַ נישט־ברוקירטן פאָר־וועג, און מיט ברעטערנע טראָטואַרן פאַר פוסגייער. ביי די זייטן פון דער לאַנגער גאַס, אויף לינקס און אויף רעכטס, האָבן זיך פיל קלײנינקע, שמאָלע און שמוציקע געסלעך באַוויזן, מיט גרויסע איינשטאָקיקע הילצערנע באַראַקן אין וועלכע עס האָבן געוווינט טויזנטער „פרייוויליקע‟ און געצוווּנגענע נייע איינוואַנדערער. קינדער, אָפּגעריסענע און אויסגעשמירטע, האָבן זיך אין די שמוציקע געס־לעך געשפּילט. ווייבער זענען געשטאַנען אין אַ רײ ביי אַ פּאָמפּ און גע־צאַפּט וואַסער אין זייערע עמערס. מענער זענען געשטאַנען ביי די צעעפנטע טירן פון די באַראַקן און האָבן זיך געקראַצט די לײבער און געלויזט די העמדער. פון די אָפּטרעטן, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון די באַ־ראַקן, האָט זיך געטראָגן אַן עיפּוש מיט אַ שאַרפן געשטאַנק.

דער איינציקער האָטעל, ביי דער ענד פון דער לאַנגער גאַס, דאָרט ווו עס האָט זיך דורכגעשלענגלט דער ביראָ־טייך, איז אויך געווען אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע, און האָט זיך אויסגעטײלט פון די איבעריקע מרה־שחורהדיקע הייזער מיט דעם וואָס דער האָטעל איז געפאַרבט געווען מיט

אַ ווייס־מוטנער פֿאַרב און האָט אויף זיך געהאַט אַ שילד מיט אַ רויט־בוכ־שטאַביקן אויפֿשריפֿט: האָטעל.

אין האָטעל האָט מיכלען און קסעניאַן באַגעגנט אַ חנעוודיקער ייִדישער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר אַלטמאָדישע פּענסנע אויף דער נאָז. ער האָט קורצ־זיכטיק דורכגעקוקט מיכלס און קסעניאַס פּאַספּאָרטן און דערנאָך געמאָלדן:

— נישטאָ קיין פֿרייער צימער. דער האָטעל איז איבערגעפֿולט מיט װיכטיקע קאָמאַנדיראָווּעטשנע פּערזאָנען, גרויסע קאָמיסאַרן, פֿון מאָסקווע, כאַבאַראָווסק און וולאַדיוואָסטאָק. איך קען גאָרנישט נישט טאָן!...

קסעניאַ איז געווען אויסגעמאַטערט און אומצופֿרידן. זי איז געווען ברוגז אויף מיכלען פֿאַר דעם וואָס ער האָט קיין טעלעגראַמע נישט געגעבן צום פּאַרטיי־קאָמיטעט פֿון ביראָבידזשאַן, אַז ער איז אין וועג. ער האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אים באַזאָרגן אויף פֿריִער מיט אַ רעזערוויר־טער דירה אין האָטעל אָדער אין אַ פּריוואַט הויז. זי איז נאָך מער געווען ברוגז אויף זיך זעלבסט, וואָס זי האָט זיך געלאָזט מיט מיכלען פֿאָרן אַזוי ווייט צו עפּעס אַ ווײסטער און אַן עיפּושדיקער טייגע־שטאָט. מיכל האָט לעצטנס אין זיך אַנטוויקלט עפּעס אַזעלכע משונה־מאָדנע, שרייבערישע מאַנערן און געניג, וועלכע זענען איר דערווידער און אומדערטרעגלעך. ער וויל נאָר הינטן־אַרום אויסגעפֿינען וואָס עס טוט זיך... מיט אַזעלכע שטיק קען מען נאָך שלעכט אָפּשניידן. פֿאַרוואָס ווייזט ער נישט דעם פֿאַרוואַלטער פֿון האָטעל די פּאַרטייִשע דאָקומענטן און די קאָמאַנדיראָווקעס? דער באַ־ברילטער יונגערמאַן וואָלט דאָך באַלד רעספּעקט באַקומען פֿאַר מיכלען און וואָלט שוין געפֿונען אַ פֿרײַען צימער. אָבער ניין, מיכל טוט זיך זיינס. ער שטופּט אונטער דעם קורצזיכטיקן פֿאַרוואַלטער אַ „טשערוואָנעץ", אַ צען־רובלדיק פּאַפּירל.

דער פֿאַרוואַלטער פֿון דעם האָטעל האָט די צען רובל וואָס מיכל האָט אים געגעבן שנעל אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— וואַרט דאָ צו. איך וועל באַלד צוריק קומען. איך וועל זען, פֿילייכט פֿאַרלאָזט עמיצער אַ צימער, וועל איך אים אייך געבן.

ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די פּענסנע פֿון דער נאָז און זיך געלאָזט מיט גיכע טריט איבער דעם לאַנגן קאָרידאָר און נישט געסטאַיעט.

קסעניאַ האָט זיך אַ בייזער געטאָן:

— וואָס מאַטערסטו מיך?

ער האָט זי אָנגענומען פֿאַר דער האַנט, און כאָטש ער אַליין איז אויך פֿאַרביטערט און אַנטוישט געווען, האָט ער זיך באַמיט זי צו טרייסטן:

— מיר וועלן באַלד האָבן אַ צימער, האָב אַביסל געדולד!

— צוליב וואָס האָסטו אַראָפּגענומען דעם אָרדן פֿון דיין רעקל, און מיר געצווונגען אַראָפּצונעמען דעם מעדאַל?... וואָס זוכסטו זיך? וואָס ווילסטו דאָ הינטן־אַרומער אויסגעפֿינען? געדענק, מיכאַל, ווערסט זיך נאָך אָנטרעפֿן אויף אַזאַ איינעם, וואָס וועט דיינע שטיק פֿאַר אומגוט אויסטייטשן און דאַן וועסטו וויינען!... איך וויל מער נישט די שפּיל! איך בעט דיך, הער דאָס אויף, אויב נישט, פֿאָר איך באַלד צוריק!...

ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר איר. ער האָט זי אַרומגענומען און געפּרוווט דערקלערן:

— ווען מען וויל אויסגעפֿינען דעם אמת, זענען גילטיק אַלע מעטאָדן! אַ שרייבער איז ווי אַ דעטעקטיוו, ער מעג זיך פֿאַרשטעלן אַפֿילו פֿאַר אַ לץ אויב דאָס קען אים נאָר העלפֿן אויסצוגעפֿינען דאָס וואָס ער וויל. מיר איז געגעבן געוואָרן די פּריווילעגיע און איך וועל זי אויסנוצן. סיידן, קסעניאַ, דו ווילסט, אַז מיר זאָלן פֿאַרזעצן צו גלייבן בלינד אין אַלץ וואָס ווערט אין פּראָפּאַגאַנדע־רעדעס און אין פּראָפּאַגאַנדע־אַרטיקלען אונטערגעטראָגן!

— איך בעט דיך, מיכאַל, רעד נישט מער! — האָט זי שטיל נאָר מאַכטפֿול אויסגעשריגן, — ווערסט אונדז נאָך ביידן אומגליקלעך מאַכן מיט דיינע רייד! מען האָט דיך דען געשיקט אַהער ווי אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר אויסצופֿאָרשן אַ פֿאַרברעכן? מען האָט דיך געשיקט ווי אַ סאָוועטישן שרייבער, וואָס פֿאָרט אויף אייגענער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי אַ פֿרייער קינסטלער, און דאָס מיינט נישט, אַז דו ביסט טאַקע אַזאַ גרויסער קאָמיסאַר!...

מיכל האָט זיך צעלאַכט.

— נישט געזאָרגט, קסעניאַ, עס וועט זיין גוט, איך פֿאַרזיכער דיר!

און ווי אַ באַשטעטיקונג צו זיינע ווערטער איז אָנגעלאָפֿן צוריק דער האָטעל־פֿאַרוואַלטער. ער האָט אָנגעטאָן זיינע אַלטמאָדישע פּענסנע אויף דער נאָז, אַ קוק געטאָן אויף מיכלען און אויף קסעניאַן און אַ צופֿרידענער געזאָגט:

— איר האָט גרויס מזל, טאָוואַרישטשי! עס האָט זיך ערשט באַפֿרייט אַ צימער, און נאָך וואָס פֿאַר אַ צימער, דער בעסטער אין האָטעל, מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן!

דער „בעסטער" צימער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס עס איז דאָרטן

געווען אַן אומגעלומפּערט גרויס פענצטער צו דער גאַס־צו, צו יענער זייט ווו דער טייך בירזאָ איז פאַרבייגעלאָפן. עס איז אין דעם צימער געשטאַנען אַ גרויסע אייזערנע בעט מיט אַ צעפליקטן מאַטראַץ, די ליילעכער און די ציכן אויף די קישנס זענען דערפאַר געווען ריינע, ווייסע און פריש־גע־פּרעסטע. אָבער די קאָלדרע איז געווען פון עפּעס אַ מין בורן קאָליר און עס האָט פון איר זיך געפילט אַ גערוך פון נאַפטאַלין. עס איז נאָך געשטאַ־נען אין דעם צימער אַ ווייס טישל, צוויי ווייסע, פריש־געפאַרבטע בענקלעך, און אַן אַלטער, גרויסער פּליושענער שטול וואָס, אַז מען האָט זיך אַריינ־געזעצט אין אים איז מען אין אים אַריינגעפאַלן און עס איז שווער געווען זיך פון אים אויפצוהייבן.

דאָס וואַסער און דער טואַלעט זענען געווען ערגעץ ווייט פון דעם צימער, אין דעם לאַנגן קאָרידאָר, און דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסער דערגרייכונג, ווייל ביז נישט לאַנג צוריק, איז אויך דאָ, אין דעם האָטעל, אַזוי ווי אין אַלע הייזער פון דער נייער „בלינעדיקער" שטאָט בי־ראָבידזשאַן, דאָס וואַסער און דער טואַלעט געווען אויף דער גאַס, אין דרויסן, אויסער דער געביידע.

.40

מיכל איז אַוועק צום ביראָבידזשאַנער פּאַרטיי־קאָמיטעט זיך מעלדן. אין דעם פאָדערשטן צימער איז געזעסן דער טעכנישער סעקרעטאַר, טאָ־וואַרישטש דאָבין, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע צו באַדינען דעם הויפּט־סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, טאָוואַרישטש נאַטאַן ווידער. דאָבין איז דאָ געווען דער סעקרעטאַר ביים סעקרעטאַר און ער האָט קיין שום מאַכט און קיין שום אויטאָריטעט נישט געהאַט. לעבן אים איז געשטאַנען דער שרייבער דניאל שטערנפעלד, וועלכער האָט זיך ווידער אַמאָל אומגע־קערט פון מאָסקווע קיין בּיראָבידזשאַן, און ער האָט הכנעהדיק און אונטער־טעניק זיך געבויגן פאַר אים, געקוקט שקלאַפעריש פאַרליבט אין זיינע אויגן און מיט זיינע גראָבע ליפּן האָניק־זיס גערעדט צו אים:

— טאָוואַרישטש דאָבין, איר זעט היינט אויס זייער גוט. וואָס מאַכט אייער ווייב? און אייערע טייערע קינדערלעך? איר האָט נישט געלייענט מיין לעצטן בוך? איך וועל אים אייך אַריינשיקן ווי אַ מתנה! נו, קען איך איצט אפשר זען דעם חשובן טאָוואַרישטש נאַטאַן ווידער? איך מעג צו אים אַריינ־גיין?

אין שטאָט האָט שוין קינד און קייט געוווּסט, אַז דער גרויסער שרייבער דניאל שטערנפעלד קלייבט זיך נישט פונאַנדער אין דער סטרוקטור פון דער פּאַרטיי און ער ווייסט אַפילו נישט דעם אונטערשייד פון אַ טעכנישן סעקרעטאַר וואָס באַדינט דעם אמתן סעקרעטאַר, דעם באַלעבאָס פון דער פּאַרטיי. ער חנפעט זיך און בוקט זיך צו ביידע סעקרעטאַרן. און זיי דערנידעריקן אים דערפאַר, זיי לאַכן פון אים און זיי מאַכן אים צו נישט. און דאָך האָט שטערנפעלד זיינס דערגרייכט. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, געבוקט און געחנפעט זיך האָט ער נאָר צו די סעקרעטאַרן פון דער פּאַרטיי און צו יעדן איינעם, וואָס ער האָט געדענקט, אַז יענער איז אַ מין „גרויסער קאָמיסאַר". אָבער פאַר די איבעריקע לעבעדיקע באַשעפענישן האָט ער מער שוין קיין שום רעספּעקט נישט געהאַט. ער האָט פאַרריסן די נאָז און דערביי ביי יעדער געלעגנהייט ציטירט גאַנצע פּסוקים פון מאַרקסן, לענינען און סטאַלינען.

ווען מיכל איז אַריינגעקומען האָט דניאל שטערנפעלד אים באַמערקן אַפילו נישט געוואָלט. מיכל איז צוגעקומען צו דאָבינען און זיך געמאָלדן:

— מיין נאָמען איז מיכאַיִל קרוגער. איך האָב אַ באַשטעטיקונג פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. איך בין אַהער געשיקט געוואָרן ווי אַ גאַסט!... איך וואָלט זיך געוואָלט זען מיטן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי.

— אַך, מיכאַיִל קרוגער! — האָט דאָבין פריינדלעך אויסגעשריגן, — איך וועל שוין מעלדן דעם טאָוואַרישטש נאַטאַן ווידער, אַז איר זיינט געקומען!

ער איז גלייך אַריין אין צווייטן צימער.

דניאל שטערנפעלד האָט אויף מיכלען אַ קוק געטאָן פון אויבן אַראָפּ און זיך געמאַכט גלייך ווי ער וואָלט אים גאַרנישט געקענט.

באַלד האָט זיך דאָבין אומגעקערט און געמאָלדן:

— טאָוואַרישטש קרוגער, ביטע, דער סעקרעטאַר קען אייך איצט אויפנעמען. גייט אַריין!

דער שרייבער שטערנפעלד איז געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ער האָט איצט שוין איינגעזען, אַז עס איז נאָך ווייניק צו זיין אַ גרויסער שרייבער און דערצו נאָך אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, עס איז וויכטיק צו האָבן נאָך אַנדערע פאַרדינסטן, מען דאַרף באַלוינט ווערן מיט אַן אָרדן, צי אַפילו מיט אַ מעדאַל, ווייל ווי אַנדערש וואָלט מען דען אַזאַ־אַ גאָלעגאָרנישט, ווי דער־אָ מיכל קרוגער, אויפגענומען ביים סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי איינס

און צוויי?... יאָ! — האָט שטערנפעלד ביי זיך באַשטימט, — אַז איך האָב זיך געקענט דערשלאָגן צו ווערן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, וועל איך זיך אויך דערשלאָגן צו באַקומען אַן אָרדן! און פּאַרוואָס נישט? איך בין דאָך עפּעס דניאל שטערנפעלד, דער גרויסער שרייבער דניאל שטערנפעלד!...

ווען מיכל איז אַריין אין דעם סעקרעטאַרס קאַבינעט איז אים נאָטאָן ווידער געקומען אַנטקעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— אַ, טאָוואַרישטש קרוגער, זייער צופרידן, זייער צופרידן, וואָס איר זיינט געקומען! איך האָב זייער פיל גוטס געהערט וועגן אייך. איך האָב אַלץ וואָס איר האָט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן געלייענט. אייער בוך איז ממש אַ וווּנדער־ווערק. אָ, אַזעלכע מענטשן ווי איר דאַרפן מיר דאָ האָבן!

ער האָט גערעדט זייער פיל און פריינדלעך און מיט קיין איין וואָרט, מיט קיין איין באַוועגונג און מיט קיין איין רמז נישט צוגעגעבן, אַז ער געדענקט מיכלען פון אַמאָל, ווען ער, אַן אומגליקלעך אָרעם יינגל, איז געווען אַרעסטירט אין דער אָדעסער „טשע־קאַ“, און ער, נאָטאָן ווידער, דער דע־מאָלטיקער שעף פון דער „טשע־קאַ“ האָט אים באַפרייט און אַזוי אָרום זיין לעבן געראַטעוועט.

מיכל איז געווען צופרידן וואָס ווידער דערקענט אים נישט, אָדער ער מאַכט זיך, אַז ער געדענקט אים נישט. אים האָט זיך אויך נישט געוואָלט אויפמישן אַן אויסטערליש, טראַגיש בלעטל פון זיין אַמאָל...

— הייסט עס, אַז דער צ. ק. האָט אייך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו קומען קיין ביראָבידזשאַן אָן שום פאַרפליכטונגען, דאָס הייסט איר וועט דאָ נאָר זיין ווי אַ גאַסט? — האָט ווידער איבערגעפרעגט, נאָך דעם וואָס ער האָט דורכגעקוקט מיכלס קאָמאַנדיראָווקע, און ער האָט זיך פאַרטראַכט.

מיכל האָט זיך נישט געאיילט מיט אַן ענטפער. ער האָט באַטראַכט דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר. זיין פּנים איז געווען צעקנייטשט און צעקאַרבט פון פיל טראַכטעניש, זאָרגן און אומצופרידנקייט מיט זיין אַמט. ער האָט שוין גע־הערט דערציילן, אַז אים איז נישט צום האַרצן דער נייער אַמט זיינער, אַלס סעקרעטאַר פון דעם ביראָבידזשאַנער פּאַרטיי־קאָמיטעט. ער איז געוווינט צו אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט אין דער געהיים־פּאָליציי. די טעטיקייט פון אַ פּאַרטיי־סעקרעטאַר איז פאַר אים, נאָך פיל יאָרן פּאָליציייִשער דינסט, געווען אַן אָפּקומעניש. ער איז געווען אומצופרידן מיט דעם וואָס דער צ. ק. האָט אים געצוווּנגען צו פאָרן קיין ביראָבידזשאַן און צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן

אַלס סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, אויפן אָרט פון פּנחס לעוויט, וועלכן מען האָט איבערגעשיקט קיין וולאַדיוואָסטאָק כדי דאָרט צו פאַרנעמען דעם אַמט אַלס דער הויפּט־קאָמיסאַר פון דעם ווייט־מזרחדיקן טראַנספּאָרט.

שפּעטער האָט נאָך געטראָפן אַ זאַך, וואָס האָט אים גאָר גרוי און אַלט געמאַכט: זיין געוועזענער געהילף־שעף פון דער אָדעסער „טשע־קאַ״, יאָכים שולץ, איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט פון דער ספּעציעלער, באַזונדערער, ווייט־מזרחדיקער רויטער אַרמיי, מיט דעם ראַנג פון אַ גענעראַל. אויף זיין נייעם פּאָסטן האָט זיך שולץ אויפגעפירט נישט אַזוי ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ רויטן גענעראַל. עטלעכע מאָל האָבן די כינעזער און דערנאָך די יאַפּאַנעזער, אין גרענעץ־אינצידענטן, זיין אַרמיי צעשלאָגן. אין דעם קרעמל האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. מען האָט שולצן באַפוילן צו קומען קיין מאָסקווע און אָפּגעבן אַ רעכענונג פאַר זיינע דורכפאַלן. אָנשטאָט דעם איז גאָר דער „גענעראַל״ יאָכים שולץ נעלם געוואָרן... עס האָט לאַנג נישט גע־דויערט און מען האָט זיך דערוווּסט, אַז שולץ איז אַנטלאָפן קיין מאַנדזשו־ריע און פון דאָרט האָבן אים די יאַפּאַנער געהאָלפן זיך אַריבערפּעקלען קיין דייטשלאַנד. יאָכים שולץ איז געהאַט געווען נישט נאָר נאַטאַן ווידערס אַ געהילף פון דער „טשע־קאַ״, נאָר אויך זיינער אַן אינטימער פריינד. דער פאַרברעכן, וואָס שולץ איז באַגאַנגען, האָט איצט אַ וואָרף געטאָן אַ טונקע־לע שיין אויף נאַטאַן ווידערס פּערזענלעכקייט. מען וועט אים געוויס אָנ־הייבן אינגיכן צו פאַרפאָלגן און אויסטראַכטן אויף אים בילבולים. מען וועט אים, פּונקט אַזוי ווי זייער פיל אַנדערע אַלטע און איבערגעגעבענע קאָ־מוניסטן, אַרעסטירן און ליקווידירן.

ווידער האָט ווייטער געפרעגט:

— טאָוואַרישטש קרוגער, ווי לאַנג רעכנט איר דאָ צו פאַרבלייבן און וואָס טראַכט איר צו טאָן? די פּאַרטיי וועט אייך באַהילפיק זיין מיט וואָס נאָר עס איז מעגלעך!

— איך וויל זיך באַקענען מיט די באַדינגונגען, מיטן וווקס און מיטן נייעם לעבן־שטייגער, — האָט מיכל געזאָגט, — איך וויל אָנשרייבן אַ בוך. אָבער ביז איך וועל דעם בוך אָנשרייבן, וועל איך דערווייל שיקן קאָרעס־פּאָנדענצן און אַרטיקלען צו אייניקע מאָסקווער צייטונגען און זשורנאַלן!

— פיין, פיין! — האָט ווידער צוגעשטימט, — אָבער אויף דער צייט וואָס איר וועט דאָ בלייבן מוזט איר זיך נעמען אויפן דיסקאָנט און אויספּילן די דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי דאָ אויפן אָרט.

— לויט די דאָקומענטן, וואָס איך האָב אייך ערשט באַוויזן, טאָוואַ־רישטש סעקרעטאַר, — האָט מיכל אויסגעשריגן, — האָט איר נישט קיין שום רעכט מיר צו פֿאַרפּליכטן דאָ צו עפּעס... איך בין אַ פֿרייער קינסטלער, אַ שרייבער, און קיין שום שטעלעס וועל איך דאָ נישט אָננעמען. אויך מיין ווייב וועט דאָ קיין שום שטעלע נישט אָננעמען. זי פֿאָרט מיט מיר אַלס מיין פּערזענלעכע סעקרעטאַרשע. אַזוי אַרום איז זי שוין מיט אַרבעט באַ־זאָרגט. זי וועט דאָ מאָרגן זיין און אייך פֿאָרשטעלן אירע פּאַרטיייִשע דאָ־קומענטן!

ווידער האָט זיך אויפגעהויבן פֿון אָרט, צוגעקומען צו מיכלען און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף זיין פּלייצע. זיין פּנים האָט אַ שיין געטאָן און ער איז מיט אַמאָל ייִנגער געוואָרן אויף צען יאָר. ער איז איצט געווען פּונקט אַזאַ ווי דעמאָלט, ווען ער האָט מיכלען פֿון טורמע באַפֿרייט און אים אַ וועג אין לעבן באַוויזן. קען זיין, אַז מיט זיין איצטיקער צופֿרידענער אויפֿפֿירונג און איינגעהאַלטענע באַגייסטערונג פֿאַר מיכלען האָט ער זיך אויסגעגעבן, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט, אַז ער געדענקט מיכלען נאָך פֿון יענע „אָנפֿאַנג" צייטן...

— טאָוואַרישטש קרוגער! — האָט ער געזאָגט, — איך בין דער לעצ־טער אייך צו צווינגען אָנצונעמען אַ פּאָסטן, אויב דאָס קען שטערן אייער שעפֿערישע אַרבעט. איר ווייסט דאָך גוט, אַז די פּאַרטיי זאָרגט שטאַרק פֿאַר דעם וווּלזיין פֿון די סאָוועטישע שרייבער, וועלכע זענען, ווי חבר סטאַלין האָט זיך אויסגעדריקט, „אינזשיניערן פֿון מענטשלעכע נשמות". אָט דאָ איז פֿאַראַן דער שרייבער דניאל שטערנפֿעלד. ער איז איצט אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי געוואָרן. ער פֿאַרנעמט זיך בלויז מיט שרייבעריש־שעפֿערי־שער טעטיקייט. מיר צווינגען אים נישט אָנצונעמען אַ וועלכן עס איז פּאָסטן. איך וואָרן אייך נאָר, אַז לויט דער פּאַרטיי־דיסציפּלין דאַרפֿט איר זיך רעגיסטרירן און אויספֿילן אַלע פֿאַרפּליכטונגען וואָס אַ פּאַרטיי־מענטש נעמט אויף זיך, אַלצאיינס צי ער איז ביי זיך אין דער היים, ווו עס איז זיין שטענדיק וווינאָרט, אָדער ער איז אונטערוועגס, אויף אַ צייטווייליקן וווינ־אָרט.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש! — האָט מיכל צוגעשטימט.

— נו, און וואָס איז מיט אַ דירה? — האָט ווידער געפֿרעגט און זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט, — מיר בויען דאָ אַ הויז פֿאַר די שריי־בער. עס איז שוין כמעט פֿאַרטיק. עס געפֿינען זיך דאָ איצט עטלעכע טאָ־

לאַנטירטע יונגע שרייבער. אויך דניאל שטערנפעלד וועט דאָ געוויס פאַר־בלייבן. און מיר האָבן דאָ אויך דעם באַוווסטן רוסישן שרייבער און דראַ־מאַטורג סערגעי קופּעץ. אין עטלעכע טעג אַרום וועט דאָס הויז פּאַרטיק ווערן און איר קענט דאָרטן באַקומען אַ דירה, כאָטש איר זענט דאָ צייט־ווײַליק, ווי אַ גאַסט. אָבער איר ווייסט, טאָוואַרישטש קרוגער, זייער פיל מענטשן קומען אַהער צייטווײַליק און דאַן פאַרליבן זיי זיך דאָ אין דער געגנט און בלײַבן שוין דאָ אויף שטענדיק!

— נו, און וויפל קומען דאָ מענטשן אויף שטענדיק און אַנטוישן זיך און פאָרן צוריק? — האָט מיכל געפרעגט.

— וועגן דעם וועלן מיר איצט נישט רעדן, טאָוואַרישטש קרוגער! איר זענט אַ שרייבער און איר וועט שוין אַליין אויסגעפינען די אורזאַכן!...

— איך וועל פּרובירן!

— זייער ווויל, טאָוואַרישטש קרוגער! — ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, — אַ גוטן טאָג, טאָוואַרישטש קרוגער! אויב איר דאַרפט עפּעס, קומט אַריין. איך בין שטענדיק גרייט אײַך אויפצונעמען. דערווײַל גייט אַריין צום פּאַרזיצער פון דעם אויספיר־קאָמיטעט, פּראָפעסאָר גאָטליב. ער וועט אײַך גערן אויפנעמען.

אין דער זעלבער געבײַדע, נאָר אין אַן אַנדערן פליגל, האָט זיך געפונען דער ביראָבידזשאַנער שטאָטישער סאָוועט און דער אויספיר־קאָמיטעט, די אַדמיניסטראַציע פון דער געגנט, די צוקונפטיקע רעגירונג פון דער צו־קונפטיקער רעפּובליק.

דער פּאַרזיצער פון דעם אויספיר־קאָמיטעט, פּראָפעסאָר גאָטליב, אַ מענטש אין די פערציקער, אַ הויכער, מיט אַ קודלע שוואַרצע האָר און מיט גוטע שוואַרצע אויגן, האָט מיט זײַן האַרציק און קלינגעוודיק קול באַ־געגנט מיכלען.

— גוט, טאָוואַרישטש קרוגער, וואָס איר זענט דאָ! דער פּאַרטיי־סעק־רעטאַר האָט מיך ערשט־אָ אָפּגערופן און מיר געזאָגט, אַז איר וועט באַלד אַרײַנקומען צו מיר. איך האָב שוין באַקומען אַ בריוו וועגן אײַך, פון מנחם פּאָליאַקאָוון. ער שרײַבט, אַז איר האָט אים צוגעזאָגט צו שרײַבן פאַר זײַן צײַטונג וועגן דער לאַגע דאָ. ביטע, זיצט! זאָגט מיר, דערציילט, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק האָט אויף אײַך ביראָבידזשאַן געמאַכט?

— דערווײַל קען איך נאָך גאָרנישט זאָגן. איך בין ערשט נעכטן גע־קומען און איך האָב נאָך נישט באַוויזן עפּעס צו זען. — מיכל האָט זיך

אָוועקגעזעצט. ער האָט באַטראַכט דעם קאַבינעט, אַרויסגעקוקט דורכן פענצ־טער צו דער סאָפּקע, דעם קיילעכדיקן באַרג, וועלכער איז אין מיטן פון אַ פּוסט פעלד, אויפן ראַנד פון דעם טייגע־וואַלד געשטאַנען. — איך האָף, אַז איך וועל האָבן צו שרייבן זייער פיל גוטע און שיינע זאַכן וועגן ביראָבידזשאַן!

— אָ, טאָוואַרישטש קרוגער! עס קומט אונדז דאָ פאַר בייצושטיין גרויסע שוועריקייטן. גאַר גרויסע שוועריקייטן, און דאָך האָבן מיר דאָ זייער גרויסע דערגרייכונגען! איר וועט זען אונדזערע שולן, דעם טעאַטער, וואָס מען בויט איצט, די שניידער־פאַבריק, די וועגענער־פאַבריק, און היינט אונדזערע קאָלכאָזן!...

— טאָוואַרישטש גאָטליב, — האָט מיכל זיין באַגייסטערונג מיט אַ באַמערקונג צעשטערט, — מען זאָגט דאָך, אַז די־אָ געביידע אין וועלכער איר זיצט איצט, דעם נייעם וואָקזאַל, און אויך אַנדערע געביידעס האָבן נישט די יידן, וועלכע מען האָט געשיקט אַהער, געבויט, נאָר די אַרעסטאַנטן פון די בײַקאַל־אַמורער טורמעס און לאַגערן!

דעם פּראָפעסאָרס פּנים איז פינצטער געוואָרן. ער האָט מיט דער האַנט אַ פיר געטאָן איבערן פּנים, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס אַ מין שפּינוועבס אָפּווישן. ער האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש געענטפערט:

— ווען פּנחס לעוויט איז דאָ דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר געווען, האָט אַזוינס נישט פּאַסירט. נאָר זינט נאַטאַן ווידער איז דאָ אויף זיין אָרט, האָט עס זיך אָנגעפאַנגען. אַלע ווייסן דאָך ווידערס פאַרגאַנגענהייט. ער איז געוווינט זיך צו שאַפן מיט אַרעסטאַנטן. ער איז אַ פּאָליציי־מענטש. פאַר אים איז ביראָבידזשאַן אַן אַנדער אָרט, אַן אַנדער פּאָסטן, ווו די פּאַרטיי און די רעגירונג האָבן אים באַפוילן צו באַלעבאַטעווען מיט אַ שטאַרקער האַנט. פאַר מיר אָבער, איז ביראָבידזשאַן אַ יידישע פּראָבלעם, אַן אידעאַל פון מיין לעבן!

מיכל האָט געהאַט מיטלייד צו דעם געלערנטן, דעם פּראָפעסאָר גאָטליב, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין וויסנשאַפטלעכער קאַריערע צוליב דער ביראָבידזשאַנער אידייע, צוליב דער אידייע פון בויען אַ רעפּובליק פאַר יידן אין באַשטאַנד פון סאָוועטן־רוסלאַנד. מיכל האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז קאַליע געוואָרן אין די באַציִונגען צווישן דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר, נאַטאַן ווידער, און דעם פאָרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט, פּראָפעסאָר גאָטליב. אָבער מיכל האָט באַלד אויך פאַרשטאַנען, אַז ביי זיין גאַנצער אָנשטענדיקייט און געלערנטקייט, איז דער פּראָפעסאָר נאַיִוו, זייער נאַיִוו...

ווייל... דער פּראָפעסאָר האָט אין מיטן דערינען זיך פאַרגעסן און ער האָט ווידער מיט גרויס באַגייסטערונג אָנגעהויבן צו רעדן:

— איר זעט, טאָוואַרישטש קרוגער! אונדזער פּראָבלעם איז בויען, בויען און בויען!... שטעלט אייך פאָר, אַז דאָ ווו מיר געפינען זיך איצט, איז נאָך מיט פינף יאָר צוריק געווען אַ ווילדעניש, אַ טייגע. וועלף און בערן זענען דאָ אַרומגעלאָפן. זומפּן און בלאָטעס זענען דאָ געווען. טויזנטיאָריקע ביימער זענען פון די בלאָטעס אַרויסגעוואַקסן און האָבן געפוילט. ווערים און שלענג זענען אויף די ביימער געקראָכן, און דאָס אַלץ האָט מען באַדאַרפט פאַרוואַנדלען אין אַ שטאָט, אַז מענטשן זאָלן קענען דאָ לעבן. פאָרט נאָר אַרויס אַ פּאָר מייל פון דער שטאָט און איר וועט זיך ווידער אָנשטויסן אויף טייגע, אויף בערג און אויף ווילד־וואַלד. און דאָס איז דאָס לאַנד, פאַר וועלכן מיר דאַרפן דאַנקבאַר זיין דער פּאַרטיי און רעגירונג, וואָס זיי האָבן דאָס פאַרן יידישן פאָלק געשענקט. מיר וועלן דאָ האָבן אַ היים און מיר וועלן דאָ ווערן אַ פאָלק צו גלייך מיט אַלע פעלקער. דער טרוים פון פאַרזאַמלען די יידן אין איין לאַנד, אַ ציוניסטישער טרוים וואָס קען גאָר אין אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט נישט פאַרווירקלעכט ווערן, דער טרוים ווערט איצט פאַרווירקלעכט דורך דער מאַכט פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט! אָבער מען קען דאָך נישט ברענגען קיין איבערוואַנדערער אין אַ ווילדעניש. מענטשן קענען נישט לעבן אין דרויסן. דער קלימאַט איז דאָ אַ קאָנטינענטאַלער. ווינטער זענען דאָ פּאָליאַרע פרעסט. זומער זענען דאָ אַפריקאַנער היצן. נאָר אין פרילינג און אין די האַרבסט־חדשים איז דאָ דער קלימאַט מילד און גוט. אַזוי אַרום מוז דאָך עמיצער, פאַר די מענטשן וואָס מיר ברענגען אַהער, בויען הייזער, פאַרגרייטן וווינונגען, כאָטש אַפילו נאָר צייטווייליקע באַראַקן. נו, און שולן פאַר קינדער, שפּיטאָלן פאַר קראַנקע, און פאַבריקן און קאָלכאָזן, אַז עס זאָל זיין אַ באַשעפטיקונג פאַר די ביי־געקומענע! און ווער האָט דאָס געזאָלט טאָן? אין דער גאַנצער געגנט האָט מען דאָ קוים געטראָפן אַרום צוואַנציק טויזנט איינגעזעסענע „טייעזשניקעס”, רוסישע מענטשן און אוקראַינער. די אייבעריקע, די טאָטערן, די גאָלדן, די טונגוסן, די כינעזער, די מאָנגאָלן און די קאָרייער, — זיי האָבן מיר אויף קיין שום אַרבעט אויסנוצן נישט געקענט. זיי זענען צעשפּרייט און צעזייט איבער דער טייגע אויף טויזנטער מיילן. און דאָ אויפן אָרט געפינען זיך די „בייקאַל־אַמורער פאַרשיקונגען” מיט טויזנטער און טויזנטער אַרעסטאַנטן, וועלכע זיצן און עסן און טרינ־

קען און טוען גאָרנישט. די רעגירונג האָט באַשטימט אויסצונוצן די אַרעסטאַנטן אויף נוצלעכער אַרבעט. און איך זע אין דעם קיין שום בייז נישט. אָבער לעצטנס, זינט נאַטאַן ווידער איז אַהער געקומען, האָט ער באַפוילן די אַרעסטאַנטן אויסצובויען אין דער גיך עטלעכע גרויסע באַראַקן פאַר די ניי־געקומענע. און ווען די באַראַקן זענען פאַרטיק געוואָרן האָט ער די אַרעסטאַנטן באַפוילן צו בויען פּאַלאַצן, טעאַטערס, אַ מוזעום, אַ ביבליאָטעק און אַ הויז פאַר זיך זעלבסט. מענטשן וואַלגערן זיך אין די גאַסן, מענטשן צעלויפן זיך דערפאַר, און ער בויט גאָר איצט פּאַלאַצן פאַר פאַרטייאישע און סאָוועטישע קאָמיסאַרן. איר פאַרשטייט, טאָוואַרישטש קרוגער, פּאַלאַצן פאַר פּריווּעליגירטע טשינאָווניקעס, פאַר גרויסע קאָמיסאַרן און נישט קיין הייזער פאַרן פאָלק, פאַר די טויזנטער ניי־געקומענע ייִדן, וואָס מיר ברענגען אַהער. אָפיציעל בין איך דאָ באַלעבאָס, ווייל איך בין דער פאָרזיצער פון אויספיר־קאָם, דער אַזוי־גערופענער פּרעזידענט פון דער טעריטאָריע, אָבער פּאַקטיש איז ער גאָר דער באַלעבאָס, ווייל ער איז דער פאַרטיי־סעקרעטאַר און איך מוז זיך אים אונטערוואַרפן!...

די שרייבערישע און קאָרעספּאָנדענטישע נייגעריקייט, וואָס האָט זיך אין מיכלען צעשפּילט, האָט אים געצווונגען נישט צו שטילן דעם אויפברויז פון דעם פאַרצאָרנטן און אויפריכטיקן פּראָפעסאָר, נאָר פאַרקערט, ביי אים נאָך מער אַרויסרופן אַ שלל מיט רייד און ענטפערס אויף געשטעלטע פראַגעס. מיכל האָט געזאָגט:

„טאָוואַרישטש גאָטליב, איך האָב אינפאָרמאַציעס, אַז לעצטנס שיקט מען אַהער מערער רוסן און אוקראַינער ווי ייִדן. איך בעט אייך, מאַכט פאַר מיר קלאָר, וואָס באַטייט דאָס?”

דער פּראָפעסאָר האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו עפּעס אַ פּאַפּיר וואָס איז געלעגן אויף זיין שרייבטיש. ער האָט געקוקט אויף דעם פּאַפּיר טרויעריק און פאַרשעמט. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף מיכלען. ער האָט געטראַכט צי מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. באַלד האָט ער ביי זיך באַשטימט, אַז אים איז שוין אַלצאיינס מיט וועמען ער רעדט. פאַר זיינע גערעכטע פאָדערונגען און טענות, אַז מען זאָל שאַפן מענטשלעכע באַדינגונגען פאַר די ניי־געקומענע ייִדן, און אַז מען זאָל אויספילן די באַשטימונג פון דער רעגירונג וועגן שאַפן אַ „ייִדישע אויטאָנאָמע איינס” איז ער שוין נישט איין מאָל באַצייכנט געוואָרן אַלס ייִדישער נאַציאָנאַליסט און שאָוויניסט. נישט היינט איז מאָרגן, וועט דאָך דער קרעמל

באַפעלן אים צו באַזייטיקן און פיליכט אַפילו צו ליקווידירן. איז וואָס קען ער שוין דאָ אָנווערן? זאָל ער כאָטש רעדן, זיך אויסרעדן דאָס האַרץ, אויסשפייען די גאַל!

— טאָוואַרישטש קרוגער, איך וויל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך בין איינער פון די געציילטע ייִדן־קאָמוניסטן, וואָס האָט קיינמאָל נישט באַלאַנגט צו קיין אַנדער פּאַרטיי. איך בין אַ קאָמוניסט. איך בין אָבער אויך אַ ייִד. איך וויל פאַר דעם ייִדישן פאָלק דאָס זעלבע וואָס עס האָבן אַנדערע פעלקער: אַ מדינה! און אַז די סאָוועטן־רעגירונג האָט די מדינה פאַר אונדז באַשטימט, וויל איך אַז דאָס זאָל נישט בלייבן בלויז אויפן פּאַפּיר. אָבער ווי אַזוי קען דאָ געשאַפן ווערן אַ ייִדישע סאָוועטישע מדינה, אַז אויף יעדע צען ייִדן וואָס מען דערלויבט אַהער קומען, שיקט מען אַהער צו טויזנטער רוסן און אוקראַינער, און אויף יעדער הויז וואָס מען דערלויבט צו בויען פאַר איין ייִדישער משפחה, בויט מען הונדערטער הייזער פאַר הונדערטער נישט־ייִדישע משפחות. דערצו נאָך האָט מען לעצטנס אָנגעהויבן צו שיקן אַהער גאַנצע עשאַלאָנען מיט אויסגעדינטע, דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי. מען באַזעצט די אַלע סאָלדאַטן, פאַרשטייט זיך נישט־ייִדן, אויף דער טעריטאָריע וועלכע מען האָט באַשטימט פאַר אַ ייִדיש לאַנד. נו, און איצט קום איך צו צו אייער פראַגע. איר ווילט וויסן וואָס דאָס באַטייט? דאָס באַטייט, אַז קיין ייִדישע רעפּובליק, אַזוי ווי מען האָט פריִער געפּלאַנט, וויל מען נישט מער. פיליכט האָט עמיצער אין קרעמל פון אָנפאַנג געמיינט ערנסט צו שאַפן אַ ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט דאָ, אויפן ווייטן מזרח, אָבער אַן אַנדערער אין דעם קרעמל, מיט מער מאַכט און אויטאָריטעט וויל דאָס נישט.

— ווער קען דאָס זיין דער אַנדערער?

— איך בעט איך, טאָוואַרישטש קרוגער, פרעגט ביי מיר נישט! געפינט דאָס אויס אַליין, אָן מיין הילף!

מיכל האָט זיך אויפגעהויבן און איז צו צום פענצטער און אַרויסגעקוקט צו דער גאַס. עס איז שוין געווען האַלבער טאָג. ער האָט צוריקגעקערט זיין פּנים פון פענצטער און זיך געווענדט צום פּראָפעסאָר:

— אייער לעקציע געפעלט מיר זייער, טאָוואַרישטש גאָטליב. זי איז אינטערעסאַנט און באַלערנדיק! מיר דוכט, אַז איך פאַרשטיי איצט אַלץ. אַ דאַנק איך, פּראָפעסאָר!

ער האָט זיך צוריקגעקערעוועט צום אָפענעם פענצטער. מיט משונה־

דיקע קאָלירן האָט זיך די טייגע אַרויסגעהויבן איבער דער שטאָט און גע־קוקט מיט אירע געל־ברוינע בערג און סאָפּקעס און מיט די קרוינען פֿון די שוואַרצע, ווייסע און רויטלעכע ביימער צום הייס־זוניקן גלאַנציק־ווייסן הימל. עס האָט זיך געטראָגן פֿון דער טייגע אַ שאַרפֿער אַראָמאַט פֿון צימ־רינג און ווילדע גראָזן.

(סוף פֿון בוך איינס)

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאָס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)
64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע״ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאנד
75) **זיגמונט טורקאוו** — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, ווארשע, 1937
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשארני** — ווילנע
79) **ז. סעגאלאוויטש** — דער לעצטער לאדזשער ראמאן (אויספארקויפט)
80) **יזכור־בוך** — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף א פולער וואך
82—83) **יצחק פערלאוו** — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)
84) **יוסף אקרוטני** — דאס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות (אויספארקויפט)
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאליציע — מיין אלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פארטאג (זכרונות)
89) **משה דוד גיסער** — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אנדערע כתבים
91—92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאפיטלען געשיכטע
93) **שמעון האראנטשיק** — אין געריש פון מאשינען (ראמאן)
94) **גרשם באדער** — מיינע זכרונות (קראקע)
95—96) **יאנאס טורקאוו** — פארלאשענע שטערן (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אלטער קאציזנע** — שטארקע און שוואכע (ראמאן)
99) **פועה ראקאווסקי** — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין
100) **מארק טורקאוו** — די לעצטע פון א גרויסן דור (אויספארקויפט)
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע צייטונג״, בוענאס־איירעס, 1955).
102) **משה זאנשיין** — יידיש ווארשע
103) **פ. מינץ** (אלעקסאנדער) — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)
105־106־107) **מיכאל בארוויטש** — ארישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאר־פאנד, פאריז, 1958).
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געארעמט מיטן ווינט (ראמאן)
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956).
112) **ברוך האגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956).
113) **ב. שעפנער** — נאוואליפיע 7 (אויספארקויפט)

114) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען

115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)

116) מאַקס ווײַנרייך — פון בײַדע זייטן פּלויט

117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן

118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)

119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום

120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל

121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט

122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן

123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן

124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען

126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פּרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)

128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן

129—130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)

131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
(פּרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)

132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן בײַדע וועלט־מלחמות

133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן

134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ

135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

136) פּנחס וועלנער — אין יענע טעג

137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער

138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)

139) ב. טערקעל — צווישן שאַקאַלן

140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)

141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)

143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)

145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג

146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספאַרקויפט)

147) פּנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען

148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כּלעם (אויספאַרקויפט)

149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...

150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס

151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער

152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פּאַרהאַנג (אויספאַרקויפט)

153) שיינע־מרים בראָדעזאָן — מיין ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אַפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה ברייגסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157־158) אינזש׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פוילן
159) א. אַלמי — זאַמלבוך
160) ד״ר יצחק לעווין — ייִדן אין אַלטן פוילן
161) מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
162) ישראל עמיאָט — פאַרדעקטע שפּיגלען
163־164) הערשל ה. ווײַנרויך — קאָמיסאַרן (ראָמאַן)

עס גרייט זיך צום דרוק:

ישעיהו טרונק — געשטאַלטן און געשעענישן
אברהם זאַק — אין אָנהייב פון אַ פרילינג
נינאַ טענענבוים — מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף
ג. קאַנטאָראָוויטש — פאַרשוווּנדענע ישובים
ד״ר ל. וואָלמאַן — ייִדישע דאָקטוירים אין פוילן
יעקב צינעמאַן — די שטאָט ביים טייך סאַן
ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אמור

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פוילישע ייִדנטום

יעקב גלאַטשטיין שרייבט וועגן די 150 בענד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום“ („ייִדישער קעמפער“, ניו־יאָרק, 29סטן יולי 1960):

ס'איז פאַר מיר אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו באַגריסן די רעדאַקציע און לייטונג פוז דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום“, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורכן „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע“, צו דער דערשיינונג פון 150סטן בוך אין דער מאָנומענטאַלער סעריע. כ'בין זיכער אַז נישט דער רעדאַקטאָר, מאַרק טורקאָוו, און נישט דער געשעפט־פירער פון פאַרלאַג, אברהם מיטלבערג, וועלן אויף מיר פאַראיבל האָבן פאַר אויסזאָגן דעם סוד, אַז ווען איך בין פאַראַיאָרן געווען אין בוענאָס־איירעס, זענען די פירערס פון פאַרלאַג געווען אין צושטאַנד פון אַראָפגעלאָזטע הענט און ס'האָט געהייסן, אַז דער פאַרלאַג האַלט גאָר שמאָל און אַז ער וועט זיך בקרוב אויפלייזן. די סיבות זענען געווען פאַרשידענע, אָבער דער עיקר וואָס די דאָזיקע סיבות האָבן פאַרמאַטערט די פאַרלאַג־אָנפירערס און זיי האָבן געשפירט, אַז ס'איז אפשר מער נישט כדאי זיך צו ראַנגלען.

אין משך פון דעם פאַרלאָפענעם יאָר האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן נייע צען־עלף ביכער, נישט פון גלייכן ווערט, אָבער אַלע האָבן זיכער אַ שייכות מיט דער אָנגעצייכנטער ביכער־סעריע. איצטער האַלטן מיר שוין ביי דעם 150סטן בוך און ס'ווערן אַנאָנסירט נייע זיבן ביכער און צוויי פון זיי זענען אין דרוק. אַזוי־אָ, מידערהייט, האָבן מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג נישט באַוויזן זיך צו באַפרייען פון דער גרויסער איינגעשפאַנטער אַרבעט. אָבער פון דער נייער ביכער־רשימה איז צו זען, אַז דאָס נישט אויפגעבן איז בשום אופן נישט קיין סימן פון פאַסיוון ווידערשטאַנד, נאָר אַז די אַריינגעצויגענע טועוודיקייט גייט זיך מיט איר אייגענעם וועג און אַן אייגענער לאָגיק און זי גייט מוטיק אַנטקעגן אַלערליי ניכטערע אָפשרעקערס און אויפגעבערס. מ'קאָן, ווייזט אויס, פון טיפן ייִדישן פעסימיזם אויך שעפן גענוג געשטאַרקטן גלויבן, אַז מען טאָר ניט אויפגעבן, ווייל אויפגעבן מיינט אויך נאָכגעבן די אַלע פאָראויסזאָגערס. אויב דער פעסימיזם איז נאָך אַלץ אין די ראַמען פון אַ ראַנגלענדיק ייִדיש לעבן, מוז מען טראָגן דעם עול אַזוי־לאַנג, ווי ס'זענען דאָ גייסטיקע כוחות. ס'איז ווילן, גייסט און ייִדישע עקשנות, אַנטקעגן טרוקענע חשבונות און ציפערן. ס'איז דערפאַר אַ נחת צו זען, אַז די ביכער־סעריע „דאָס פוילישע ייִדנטום“ גייט ווייטער איר וועג. ס'איז אַ גרויסע אחריות אָנצופירן מיט אַזאַ פאַרלאַג, אָבער נאָך גרעסער איז די אחריות נישט צו דערפרייען די אונטערגאַנג־אונטעריאָגערס, מיט דער ליקווידאַציע פון אַזאַ גרויסן ענין, ווי ס'איז דער פאַרלאַג פון „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע“.

דאָס 150סטע בוך איז „פנימער און מאַסקעס“ פון יצחק טורקאָוו־גרודבערג, אַ זאַמלונג פון פערצן קלענערע און גרעסערע דערציילונגען, וואָס ווייזן אונדז ווי אונדזער טראַגישע צייט האָט אונדז צוגעשטעלט אַ שפּאָגל־נייע טעמאַטיק. אין די דריי אָפטיילונגען — „טעאַטראַלן“, „וואַנדערוועגן“ און

„אָפּטריניקע" קריגן מיר פרישע גרוסן פון נייע ייִדישע ווונדן. די צוויי לענגערע דערציילונגען — „קנוילן רויך" און „אייזיקע צוואַנגען" זענען די אינטערעסאַנטסטע אין בוך. די קירצערע דערציילונגען וואָס דער מחבר רופט — די סקיצן, זענען אַ ביסל צו גיך אָפּגעכאַפּט, אָבער דערפאַר ווען דער מחבר האָט זיך גענומען צייט, אָדער ווען ער האָט געהאַלטן אַז אַ דערציילונג פאָדערט מער אויפמערקזאַמקייט, האָט ער אונדז געוויזן, אַז ער פאַרמאָגט אויך קינסטלערישע געדולד.

„קנוילן רויך" איז אַ טעאַטער־מעשה פון דער געטאָ, וואָס איז געווידמעט דעם אָנדענק פון באַקאַנטן אַקטיאָר אייזיק סאַמבערג און דעם טעאַטראַל ד"ר יצחק שיפּער. אין דער דערציילונג קריגן ביידע חברים פאַרשטעלטע נעמען, משמעות ווייל דער דערציילער און חבר פון די אומגעקומענע האָט נישט געוואָלט פאַרשווערכן די אמתע נעמען מיט דער דערצייל־קונסט, וואָס מיט איר האָט ער אַרומגעשפּונען אַן עפּיזאָד פון זייער געטאָ־לעבן. ס'איז אַ טעמע וואָס נאָר דאָס גרויסע אומגליק אונדזערס האָט געקאָנט „אויסטראַכטן". דער טעאַטראַל, דאָקטאָר בער פּישער, דערמונטערט דעם אַקטיאָר בראָמבערג צו שפּילן אַ מין אַנטאָלאָגיע פון געדענקטע ראָלן, פון זיין רייכן רעפּערטואַר. דער עולם באַשטייט פון ערב גאַז־אויוון־קרבנות. דער אַקטיאָר איבערראַשט אַלעמען מיט אַן אימפּראָוויזאַציע, וואָס מיט איר איז ער זיך נוקם אין דעם קאַפּאָ פון בלאָק. אָבער דער קאַפּאָ דערמאָרדעט אים. די אומגלייבלעכקייט פון דער טעמע ווערט אויפגעוויקלט פאַר אונדז מיט דער נאַטירלעכקייט פון קאָשמאַר, וואָס האָט דאָס אַלץ גורם געווען.

די צווייטע לאַנגע דערציילונג — „אייזיקע צוואַנגען", שילדערט דעם אינטעליגענט, דעם לערער גרינבערג, אַ „געראַטעוועטן" פון פּוילן, אין סיביר, אין אַן אַרבעט־באַראַק.

דער פאַרגליווערטער מענטש גייט ביסלעכווייז אויף און ער ווערט אַפילו אַ גאַנצער סטאַכאַנאָוועץ. סטאַלינס פּאָרטרעט באַוואַכט די גאַנצע ציניש־פאַרשווענדערישע אַרבעט, וואָס גייט צום סוף אַוועק מיטן פייער, כדי נאַטשאַלסטוואָ זאָל נישט געוווויר ווערן, וויפל מ'האָט נישט דערטאָן און וואָס מ'האָט צעגנבעט. דער פּאָליטישער קאָמיסאַר, דער אויפזעער, די פאַרוואָגלטע ייִדן, אַלע ווערן אַרומגענומען מיט די „אייזיקע צוואַנגען" פון דער אוראַלער פּראָסטיקייט, אָבער אויך דאָרטן פלעמלען וואַרעמע חברישע געפילן און מ'זוכט צו העלפן דעם אומבאַהאָלפענעם אין אים באַשיצן.

די אַנדערע קירצערע דערציילונגען זענען, ווי געזאָגט, פון אונדזער נייער צוגעשאַנצטער טעמאַטיק. אַן אַקטיאָר און אַ פּאָעט ווילן זיך ראַטעווען פון די נאַציס, קריכנדיק דורך דעם אָפּפלוס פון קאַנאַליזאַציע. אַן אַקטיאָר אַנטלויפט מיט זיין ווייב פון ביראָבידזשאַן און גייט־אויס ערגעץ אין רוסלאַנד. מיר באַקענען זיך מיט אַ „שוואַרצן זונטיק" אין לעבן פון ייִדן, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין בערלין און זיי ווערן געכאַפּט אין קלעם פון אַ מאַרקן־מלחמה, צווישן מערב־ און מזרח־דייטשלאַנד. מיר לייענען וועגן עטלעכע אָפּטריניקע וואָס זענען שוין אַזוי ווייט אַוועק פון אונדז, אַז זיי קאָנען זיך מער נישט דערנענטערן; און אַנדערע וואָס חלומען צוריק צו געפינען דעם פאָדעם פון גאָענטשאַפט — אין מדינת־ישראל.

יצחק טורקאָוו־גרודבערג, אַ ברודער פון די שרייבנדיקע און קינסטלערישע טורקאָווס, וואָס האָט זיך אַליין נישט לאַנג צוריק געראַטעוועט פון פּוילן, אָנהייבנדיק אַ נייע דערפאָלגרייכע, קינסטלערישע טעאַטער־קאַריערע אין מדינת־ישראל, האָט מיט זיין בוך „פּנימער און מאַסקעס" געעפנט אַ טירל

צו דער אומגעריכטער טעמאַטיק פון אונדזער אומגליקלעכער צייט, און דער „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע״ האָט דערמיט באַרייכערט די ביכער־סעריע, וואָס דינט ווי אַ געדענק־טורעם, אויפן חורבן פון אונדזערע שטאָמען.

ב. פּיק שרייבט וועגן דעם בוך פון יאָנאַס טורקאָוו „נאָך דער באַפרייונג״ („אונדזער געדאַנק״, בוענאָס־איירעס, יאַנואַר 1960):

צווישן דעם ריזיקן שלל פון פראַגן, וואָס האָבן באַשעפטיקט די רעשטלעך פון די ייִדן וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין די געטאָס, וואָס האָבן נאָך עקסיסטירט איז פאַראייינצלטע שטעט אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1944, האָט זיך נעבן דער וויכטיקסטער פראַגע: צי וועלן זיי איבערהאַלטן און איבערלעבן די נאַציסטישע מפּלה, אויך אַוועקגעשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי וועט אויסזען דאָס נייע פוילן, וואָס וועט אויפשטיין פון אונטער די חורבות.

לויט די ידיעות פון די געהיימע ראַדיאָס, וואָס זענען געווען אין געטאָ, האָט זיך שוין בולט געצייכנט אויפן פאָן פון די קריגס־געשעענישן, אַז די מפּלה פון די היטלעריסטישע אַרמייען דערנענטערט זיך מיט ריזןשריט.

דער ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע איז געווען אומקלאָר. די דייטשן זענען, צוליב די פראָנט־ידיעות, נאָך געוואָרן ווילדער און זייער גאַנצן צאָרן האָבן זיי אויסגעלאָזט צו די געטאָ־איינוווינער. עס האָבן זיך געמערט די שיקאַנעס; הונגער און אומקום איז געווען דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט.

אין אונדזערע שמועסן זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז דאָס נייע אויפשטייענדיקע פוילן וועט זיין אַ דעמאָקראַטישע מדינה און, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג וועט נאָך שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דעם אויפבוי פון דער נייער מלוכה.

אָבער וועגן צוויי זייער וויכטיקע מאָמענטן זענען מיר זיך נישט געווען באַוווסט: ראשית, אַז צוליב דער הערמעטישער איזאָלירטקייט און פאַרשלאָסנקייט פון לאָדזשער געטאָ, זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען קיין שום ידיעות וועגן די זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטישע מעשים פון דעם רוב פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, והשנית, האָבן מיר זיך איינגערעדט, אַז עס וועלן דאָך בלייבן אין פּוילן גרעסערע מאַסן ייִדן, וואָס וועלן זיין די באַזע פאַר אַ באַנייט ייִדיש לעבן. עס איז דאָך נישט מעגלעך, האָבן מיר געטענהט צו זיך, אַזאַ אַפילו אַזאַ שונא־ישראל ווי היטלער זאָל אומברענגען דאָס גאַנצע פּוילישע ייִדנטום.

און אָט איז געקומען דער גרויסער טאָג. עטלעכע הונדערט ייִדן וואָס זענען געווען אין לאָדזשער געטאָ האָבן מיט ניסים דערלעבט דעם אַריינמאַרש פון די רוסישע אַרמייען קיין לאָדזש. אָבער שוין עטלעכע שעה שפּעטער זענען מיר געשטאַנען פאַרן צוזאַמענבראָך פון די אַלע שיינע חלומות וואָס מיר האָבן געוועבט.

אומגעדולדיק, וואָס שנעלער צו זען דאָס באַפרייטע לאָדזש, זענען מיר, אַ גרופּע פון עטלעכע ייִדן, אַרויס אין דער שטאָט נישט אַראָפּנעמענדיק פון אונדזערע מלבושים דעם געלן מגן־דוד. אָבער ווי גרויס איז געווען אונדזער ווייטיק און חרפּה ווען די פּאָליאַקן האָבן אונדז „באַגריסט״ מיט דער פראַגע: איר לעבט נאָך?

אַזוי האָט אויסגעזען די ערשטע באַגעגעניש מיט אונדזערע שכנים, די פּאָליאַקן.

ווי הונגעריקע וועלף האָבן מחנות פּאָליאַקן באַפאַלן דאָס פון מענטש אויסגעליידיקטע געטאָ, אויסגערויבט דאָס ביסל לעבנסמיטל וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין די סקלאַדן, געשלעפּט דאָס מעבל פון די פאַרלאָזטע וווינונגען און צעטראָגן עטלעכע צענדליק וואַגאָנעס ייִדיש בעטגעוואַנט, וואָס די דייטשן האָבן נישט באַוויזן אַרויסצושיקן קיין דייטשלאַנד. עס זענען אויך פאַרשוווּנדן די טירן און פענצטער פון די ייִדישע שטיבער.

דאָס אַלץ איז אונדז געקומען אויפן זכרון לייענענדיק דאָס בוך פון יאָנאַס טורקאָוו „נאָך דער באַפרייונג״ וואָס איז נישט לאַנג דערשינען אין פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום״.

***

יאָנאַס טורקאָוו איז נישט קיין פנים חדשות אין דער חורבן־ליטעראַטור. זיינע צוויי ביכער: „אַזוי איז עס געווען״ און „אין קאַמף פאַרן לעבן״ וואָס זענען דערשינען אין דעם זעלבן פאַרלאַג האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט און זענען ברייט קאָמענטירט געוואָרן. אָבער אויך דאָס לעצטע בוך זיינס „נאָך דער באַפרייונג״ וואָס געהערט אייגנטלעך נישט צו דער אַזוי־גערופענער חורבן־ליטעראַטור, דערציילט אָבער דער מחבר וועגן דעם חורבן פון די חלומות וועגן אַ באַנייט ייִדיש לעבן אין פוילן, אַ חלום וואָס אַ סך פוילישע ייִדן אין דער וועלט האָבן געוועבט.

טורקאָווס בוך, איז גענוי ווי די ערשטע צוויי ביכער זיינע, זכרונות וועגן זיינע און זיין פרויס, די באַוווּסטע טעאַטער־קינסטלערין דיאַנאַ בלומענפעלד, איבערלעבענישן שוין נאָך דעם ווי זיי זענען באַפרייט געוואָרן אין וואַרשע און האָבן זיך אַריבערגעטראָגן קיין לובלין, וואָס איז שוין געווען באַפרייט עטלעכע חדשים פון דער נאַצישער אָקופּאַציע.

אין לובלין איז שוין טעטיק געווען אַ פּראָוויזאָרישע פוילישע רעגירונג.

דאָ אין לובלין טאַקע, האָט זיך דאָס פּאָרפאָלק טורקאָוו באַגעגנט מיט דער נייער פוילישער ווירקלעכקייט, מיט אַ פאַרשטאַרקטן אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט זיי געצוווּנגען צו בלייבן ביי זייערע פיקטיווע „אַרישע״ פאַמיליע־נעמען. אַגב האָט זיי טאַקע אַ הויכער פוילישער באַאַמטער צו דעם צוגערעדט. און ווען טורקאָוו האָט, אַ דערשטוינטער, געפרעגט צו וואָס זיי דאַרפן איצט, נאָך דער באַפרייונג אויסבאַהאַלטן זייער ייִדישקייט, האָט ער באַקומען דעם פאָלגנדיקן ענטפער:

„ליידער איז דער סם פון אַנטיסעמיטיזם ביי די פאָליאַקן נאָך נישט אויסגעוועפּט. אַפּנים, אַז די קליינע צאָל געראַטעוועטע ייִדן שטעכן זיי נאָך אַלץ ווי אַ דאָרן אין די אויגן. מוז מען דערווייל זיין פאָרזיכטיק. כוליגאַנעס גייען איבער די הייזער, פאָרשטעלנדיק זיך פאַר פּאָליציי־אַגענטן, און קוקן דורך די מעלדונג־ביכער אין די הייזער. זיי זוכן ייִדן. ווען זיי געפינען אַ ייִדישן נאָמען, פאַרצייכענען זיי אים און ביינאַכט ווערט דער ייִד דערשאָסן דורך דער באַנדע, צו וועלכער דער מכלומרשטער אַגענט געהערט אויך״.

דער דאָזיקער „דערווייל״ האָט גענוג לאַנג אָנגעהאַלטן און פון דעם „דערווייל״ איז שפּעטער אַרויס דער שרעקלעכער קיעלצער פּאָגראָם ביי וועלכן עס זענען אומגעקומען עטלעכע צענדליק ייִדן און הונדערטער זענען אומגעקומען פון די פאַרשיידענע פוילישע כוליגאַנישע באַנדעס, וועלכע האָבן גראַסירט אונטער פּאַטריאָטישע נעמען.

טורקאָוו דערציילט וועגן זיינעם אַ שמועס מיטן „זעלטן איידעלן און פיינפילנדיקן מענטשן״, וויצענטי זשימאָווסקי, דעם דעמאָלטדיקן מיניסטער פאַר קולטור און קונסט פון דעם באַפרייטן פוילן, וועלכער האָט אַזוי כאַ־

ראַקטעריזירט די לאַגע פון די ייִדן אין נייעם פוילן:

„איר מוזט זיך רעכענען מיטן געשעענעם פאַקט: נישטאָ מער קיין ייִדן אין פוילן. דאָס ביסל ייִדן, וואָס איז על פּי נס אַרויס פון חורבן, וועט זיך מוזן צונויפגיסן מיט אונדז. איך גלייב נישט אַז עס זאָל שוין אַמאָל זיין אַ ייִדיש לעבן אין פוילן. אַ ייִדיש קולטור־לעבן — זיכער נישט...".

אַזוי האָט אָפּגעשאַצט די ייִדישע סיטואַציע אַ פּוילישער מיניסטער, וועלכן דער מחבר שטעלט פאָר ווי אַן איידעלן מענטשן.

צו אונדזער גרויסן צער האָט מיניסטער זשימאָווסקי ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם צושטאַנד. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט אינעם אויספיר זיינעם. די ייִדישע באַפעלקערונג וואָס האָט אין גרעסערע גרופּעס זיך צוריקגעקערט פון דער סאָוועטישער פאַרשיקונג און וואָס האָט זיך צוביסלעך אויך געראַטעוועט אין די נאַציִשע פאַרניכטונג־לאַגערן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ נישט־דערשיטערטן ווילן איינצוהאַלטן זייער אייגנאַרט און נישט מסכים געווען זיך צונויפצוגיסן מיטן „איידעלן" פּוילישן פאָלק, אַ פאָלק וואָס האָט אין דער טרויעריקסטער צייט פון זיין טויזנט־יאָריקן שכן, אים נישט דערלאַנגט אַ העלפנדיקע האַנט, נאָר, פאַרקערט, מיטגעהאָלפן דעם געמיינזאַמען שונא דעם שכן אומצוברענגען פאַרן פּרייז פון אַ קילאָ צוקער פער קאָפּ.

אויך דער „רוסישער באַפרייער" האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ היפּשע פּאָרציע פון אַנטיסעמיטיזם.

ווער עס איז געווען אין די געטאָס און לאַגערן געדענקט געוויס, וויפל האָפענונגען מיר האָבן פאַרבונדן מיט די רוסן. זייער פּאָרויס־מאַרש האָט אונדז צוגעגעבן מוט איבערצוהאַלטן און דער גלויבן, אַז די רוסישע אַרמייען וועלן אונדז באַפרייען פון נאַציִשער קנעכטשאַפט איז געווען דער אַני מאמין פון אַלע איינגעשלאָסענע און פאַרחושכדיקע ייִדן אין די געטאָס.

עס דערציילט טורקאָוו אין נאָמען פון לייב ראָכמאַן (מחבר פון דעם בוך „אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן"), אַז אַ רוסישער סאָלדאַט וואָס האָט אים, ראָכמאַנען, אָנגענומען פאַר אַ פּאָליאַק, האָט אים צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז די גערמאַנצעס האָבן גוט געטאָן וואָס זיי האָבן אויסגעהרגעט די זשידעס.

מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף בלויז אַ קליינעם טייל פון דעם זייער טרויעריק־אינטערעסאַנטן בוך. עס איז אַ בוך וואָס דאַרף געלייענט ווערן פון די אַלע, וועלכע האָבן זיך געמאַכט אילוזיעס וועגן דער מעגלעכקייט ווידער אויפצושטעלן אַ ייִדיש לעבן אין פוילן. אפשר וועלן זיי קומען צו אַנדערע מסקנות.

אין די פינף און צוואַנציק קאַפּיטלען פון דעם בוך גייען פאַר אונדזערע אויגן פאַרביי אַלע ליידן און יסורים וואָס עס האָבן געהאַט אויסצושטיין די שארית הפליטה, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט אין פּוילישן לאַנד. די איבערלעבענישן פונעם פאַרפאָלק טורקאָוו, זענען גלייכצייטיק די איבערלעבענישן פון כמעט אַלע צוריקקערער. עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס די ווייט־גרעסטע מערהייט האָט געטאָן אַלץ כדי זיך אַרויסצובאַקומען פון דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער ערד וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט ייִדיש בלוט.

עס איז אַ בוך פון וועלכן דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט שעפּן אַ סך אויטענטישע ידיעות, אויף צו דערגענצן די געשיכטע פונעם אומקום פון די ייִדן אין פּוילן, ווייל אויך נאָך דעם ווי זיי זענען שוין געווען באַפרייט פון דער היטלעריסטישער סכנה זענען נאָך אַ סך הונדערטער אומגעקומען פון די מערדערישע הענט פון פּוילישע כוליגאַנעס.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 163

Copyright by
HERSHEL H. WEINRAUCH, New York.

Hecho el depósito que marca la Ley

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir en agosto de 1962, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L., Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires.

H. H. WEINRAUCH

COMISARIOS

(N O V E L A)

I

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1962